This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

5-1-161

סאָוועטיש

5

1973

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסס״ר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

מײַ

1973

אינהאַלט

זײַט

ליובע בערשאַדסקאַיאַ. אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד 3
אַרן ווערגעליס. טרײַב אַוועק די פאַלשע קרויווים. — מײַן ברודער מיט די צוויי פּראָטעזן אָנשטאָט פיס און אַנד. לידער 35
מישע לעוו. קורסאַנטן (דערציילונג. סאָף). צייכענונגען פון א. סלעפּישעוו 40
ריווע באַליאַסנע. באַם יאַם. — אַך, ווי די וועלט איז שיין! און אַנד. לידער 84
פּיניע קיריטשאַנסקי. קאָראָסטישעוו. — דער שינדלער און אַנד. לידער 86
ליובע וואַסערמאַן. צוויי דערציילונגען 87
איזי כאַריק (צום 75־טן געבורטסטאָג). מײַן יוגנט. — עס בליט שוין דער קאָרן און אַנד. לידער 95
יאַשע רוביאַן. הומאָרעסקעס 99
בלעטלעך פון דער ליטעראַטור־געשיכטע. מאַרק ראַזומני. שרײַבער, וואָס האָבן „אָפּגעגאַרט די וועלט” 106
זיכרוינעס וועגן איסאַק באַבעלן 110
ו. לעוויק. א קינסטלער פון פאַרשיידענע זשאַנרען 129
מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. יוסעף בורג. א זעלטענער מענטש; יאַקאָוו בריק. מעטשניקאָווס א מיטצײַטלער 130
פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. ישׂראָעל סערעבריאַני. וויזיט־קאַרטלעך (עפּיזאָדן) 142

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק. שאָלעם־אַלייכעם און די רוסישע ליטעראַטור 151
קורצע רעצענזיעס. שמועל גאָרדאָן. א ווערק פון גרויסער מײַסטערשאַפט; נ. נילאָוו. באַבעמײַסעס און די לעבעדיקע ווירקלעכקײַט; מ. קובלאַנאָוו. א בוך וועגן די קומראַנער קסאָווים 161
מוישע שאַפּיראָ. אייניקע נאָרמאַטיווע פראַגן פון ייִדיש 168
פּרעסע־איבערזיכט. כאַיִם מעלאַמוד. אונדזער אַלגעמיינע היים (א נומער פונעם בירָאָבידזשאַנער שטערן) 177
אונדזערע מיטיילונגען. ז. קאַהאַן. ווילנער גאָלדמײַסטערס; ר. שאַמעלאַשווילי. די ליטעראַטור בא די גרוזינישע ייִדן 180
כראָניק 109, 167, 183
פאַרשיידנס 184
דאָס איז טשיקאַווע. י. גינעווסקי. פאָרויסגעזען — און פאַרווירקלעכט 186
נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר 188
לאָמיר זינגען נײַע לידער. א טאָג פון אָפענע הערצער. ווערטער פון אַרן ווערגעליס, מוזיק פון ריווע באָיאַרסקאַיאַ 189
מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן,
ט. גען, נאָטע לוריע,
מ. לעוו, כ. מאַלטינסקי,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּריי.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. טשיטשעלניצקי

אַן אויסגעטראַכטע היימלאַנד

נאָטיצן, געשריבן אין פּעריאָד פון דער עמיגראַציע אין ייִסראָעל

די פאַרשטייערשאַפט פון פססר באַ דער אייראָפּעיִשער אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס האָט איבערגעגעבן דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" דעם מאַנוסקריפּט, וועלכן ס'האָט צוגעשיקט ל. בערשאַדסקאַיא, א געוועזענע סאָוועטישע בירגערן. דער מאַנוסקריפּט אַנטהאַלט א באַגלייטונגס־בריוו, אַדרעסירט דער פאָרשטייערשאַפט פון פססר, א בריוו צו דער צײַטונג „ניו־יאָרק־טײַמס" און נאָטיצן.

די רעדאַקציע האָט אָנגענומען א באַשלוס צו פאַרעפנטלעכן די מאַטעריאַלן. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער אוטאָר — ליובאָוו לעאָנטיעוונא בערשאַדסקאַיא — איז געבוירן געוואָרן אין 1916 אין דער שטאָט טשערקאַסי, אַף אוקראַיִנע. אין 1930 האָט זי אין קיִעוו געענדיקט זיבן קלאַסן פון א מיטלשול און איז אין 1932 אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווו זי האָט צוויי יאָר שטודירט ענגליש אַף קורסן.

אין 1945 איז ל. בערשאַדסקאַיא אַרעסטירט געוואָרן פאַר אַנטיסאָוועטישער טעטיקײַט. נאָך דעם, ווי זי איז אין 1948 אַרויס אַף דער פרײַ, האָט זי פאָרגעזעצט ווידער צו טאָן שאָדן דער סאָוועטן־מעלוכע און איז פאַר דעם נאָכאַמאָל רעפּרעסירט געוואָרן. אין 1956, אין הסכּם מיטן באַשלוס פונעם פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון פססר, האָט מען זי באַפרײַט פון אַרעסט, און זי האָט ביזן 1970 געוווינט אין קעמעראָוואָ, קיִעוו, אירקוטסק, סאָטשי, פאָדאָלסק.

זײַענדיק אין דער לעצטער צײַט באַווירקט פון דער ציִיאָניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָט בערשאַדסקאַיא זיך אַרײַנגעצויגן אין דער רעכילעס־קאַמפּאַניע קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד. זי האָט אונטערגעכאַסמעט פאַרשיידנערליי שעקער־בריוו וועגן דער לאַגע פון די סאָוועטישע יידן און לעסאָף אויסגעדריקט דעם ווילן אַרויסצופאָרן פונעם לאַנד. אין 1970 האָט זי צוזאַמען מיט איר מאַן עמיגרירט קיין ייִסראָעל. צוויי זין אירע און א טאָכטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצופאָרן מיט איר און זײַנען פאַרבליבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

ווי ס'איז צו זען פונעם טעקסט פון די נאָטיצן, פּרוּווט בערשאַדסקאַיא פאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז זי איז קלוימערשט געווען א „קאָרבן פונעם פּערזאָנען־קולט". אינדערעמעסן אָבער שטימט עס ניט מיט דער ווירקלעכקײַט, ווײַל די שטראָף־מיטלען, וועלכע זײַנען קעגן איר אָנגענומען געוואָרן, דרינגען אַרויס פון די געזעצן פון מעלוכע־זיכערהײַט אין פססר.

די רעדאַקציע איז ניט מאַסקים אויך מיט א ריי אַנדערע באַהויפּטונגען און אָפּשאַצונגען, וועלכע טרעפן זיך אין די נאָטיצן פון ל. בערשאַדסקאַיא. און דאָך איז קיין ספק ניט, אַז פאַר די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" שטעלן די נאָטיצן פאָר א היפּשן אינטערעס טאַקע דערפאַר, ווײַל זייער אוטאָר איז אַזאַ פּערזאָן, ווי ל. ל. בערשאַדסקאַיא.

א בריוו אין דער סאָוועטישער פאָרשטייערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס. זשענעווע.

כאַשעווע הערן!

איך שיק אײַך מײַן מאַנוסקריפּט, וועגן וועלכן איך האָב אײַך שוין געשריבן.

אויב ס'וועט גיין דערצו, אַז מע זאָל אים פאַרעפנטלעכן, וועל איך זײַן זייער צופרידן און דאַנקבאַר.

אויב מע וועט האַלטן פאַר נייטיק אויסבעסערן עפּעס, גיב איך מײַן הסכּמה[1].

איך בעט אַנטשולדיקונג, וואָס דער מאַנוסקריפּט איז אין קסאָויאַד. אין בעלגיע, ווו איך וווין איצט, איז קריגן א מאַשינקע מיט רוסישן שריפט — א פּראָבלעם.

מיט אַכטונג — ל. ל. בערשאַדסקאַיא

---

[1] מיר דרוקן די איבערזעצונג פונעם מאַנוסקריפּט אָן וועזנטלעכע ענדערונגען (רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד").

א בריוו אין רעדאקציע פון דער צײַטונג „ניו־יאָרק־טײַמס"

כאַשעווע רעדאקציע! דעם 14 מאַרט 1971 איז אינעם זונטיק־נומער פון אײַער צײַטונג געווען אָפּ־געדרוקט א גרויס אַרטיקל אונטערן נאָמען „24 יאָר פונעם לעבן פון ליובע בערשאַדסקאַיאַ".

ליובע בערשאַדסקאַיאַ — דאָס בין איך!

אינעם אַרטיקל איז באַשריבן מײַן „שווערע", מײַן „טראַגישע" ביאָגראַפיע, מײַן געפינען זיך צען יאָר אין די לאַגערן, אין סיביר, דערנאָך ווערט באַשריבן, ווי איך בין באַפרײַט געוואָרן פון די לאַגערן, מײַנע האַווענישן און זאָרגן וועגן א דערלויבעניש אַרויס־צופאָרן קיין יִשׂראל.



Любовь Леонтьевна
Бершадская
Придуманная Родина



3.V.

В редакцию газеты
„Нью-Йорк Таймс —
-США - 547 - Бродвэй, Нью-Йорк

Уважаемая редакция!
14 марта 1971 года в воскресном журнале Вашей газеты была напечатана огромная статья, которая называлась:
„24 года из жизни Люба Бершадской".
Люба Бершадская - это я!
В статье была описана моя „тяжелая" „трагическая" биография, мое десятилетнее пребывание в лагерях, в Сибири затем описано моё освобождение из лагерей и приезд моих хлопот за выезд в Израиль.
14 марта 1971 года я была, - что называется, - „Lady. of the day" (героиня дня)
Конгрессмены в Вашингтоне спешили сфотографироваться со мной у капитолия, меня приглашали на обеды и ужины, устроенные в честь меня, чужие люди бросались на меня на улице (узнавая меня по фотографии в статье) и плакали

פאַקסימיליע פונעם ערשטן זײַטל פון ל. ל. בער־שאַדסקאַיאַס קסאָוויאַד און פון איר בריוו אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „ניו־יאָרק־טײַמס".

דעם 14 מאַרט 1971 בין איך געווען, קאָן מען זאָגן, „דער העלד פון טאָג". וואַשינגטאָנער קאָנגרעס־מענער האָבן זיך געײַלט צו פאָטאָגראַפירן זיך מיט מיר באַם קאַפּיטאָליום, מע האָט מיך אײַנגעלאַדן אָף מיטיקן און אָוונטברויטן, אַרגאַניזירטע לעקאָוועד מיר, פרעמדע מענטשן האָבן אין גאַס געוואָרפן זיך צו מיר קושן (מע האָט מיך דערקענט לויט דער פאָטאָ אין צײַטונג) און געוויינט איבער מײַן „ביטערן גורל".

יעדער איינער, וואָס איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיר געשטעלט איינע און די זעלבע פראַגע: „וויאַזוי זײַט איר לעבן געבליבן?" און דאָ אָפּן אָרט אויס־געדריקט זײַן שטורמישע פרייד, וואָס איך בין שוין, ענדלעך, בא זיך אין דער היים, אין יִשׂראל...

„לעבן געבליבן בין איך דערפאַר, וואָס איך בין, מיסטאַמע, שטאַרקער פון אַנדערע, — האָב איך געענטפערט די מענטשן. — צוזאַמען מיט מיר זײַנען געבליבן לעבן א סאַך אַזעלכע, וועלכע זײַנען געווען קאָרבאָנעס פונעם פערזאָד פון יאָכיד־קולט"...

ווען איך האָב זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע, א פולשטענדיק רעאַבילירטע (אין 1956), האָב איך געפילט א צופלוס פון פרישע קויכעס, ס'האָט זיך מיר געוואָלט אַרבעטן און זײַן א נוצלעכער מענטש.

שפּעטער, אונטערן אײַנפלוס פון דער פאַלשער פּראָפּאַגאַנדע פון דער ראַדיאָסטאַנציע „קול־ישראל", האָב איך באַשלאָסן, אַז דער בעסטער אויסוועג פאַר מיר איז אַרויספאָרן קיין יִשׂראל.

שוין קימאַט צוויי יאָר, ווי איך וווין אין יִשׂראל, און איך דאַרף זאָגן, אַז דאָס, וואָס דער לאַגער און סיביר האָבן ניט געקאָנט מאַכן פון מיר פאַר צען יאָר, האָט יִשׂראל פון מיר געמאַכט פאַר קאַרגע צוויי יאָר. פון סיביר האָב איך זיך אומגעקערט מיט שטאַרקערע נערוון און מיט א בעסערן געזונט־צושטאַנד, איידער איצט, ווען איך פאַרלאָז יִשׂראל.

אַרויסטרעטנדיק פאַר צענדליקער טויזנטער אַמע־ריקאַנער ייִדן, רופנדיק זיי צו אונטערהאַלטן די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס „הילף די סאָוועטישע ייִדן", וועלכע עקזיסטירן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָב איך צווישן אַנדערס שטענדיק געהערט די פראַגע: „צי וועט יִשׂראל קאָנען אַרײַננעמען א גרויסע צאָל אָולים?" איך פלעג ענטפערן: „יִשׂראל איז אונדזער מאַמע, און א מאַמע געפינט שטענדיק אַן אָרט פאַר אירע קינדער".

ווי ביטער עס איז מיר איצט צו דערמאָנען די דאָזיקע ווערטער, סאַרא ווייטעק עס איז מיר פאַר מײַנע אָפּגענאַרטע האָפענונגען און געפילן, מיט וועלכע איך בין געקומען קיין יִשׂראל.

פאַר די קאַרגע צוויי יאָר פון מײַן געפינען זיך אין יִשׂראל האָב איך געזען די בוילעטסטע בײַ־שפּילן פון אומענטשלעכקײַט, אַכזאָריעס, גײַוועס, ניט פאַרגינערײַ און קינע פון די סאַבּרעס צו די אָולים. איך האָב געזען אין יִשׂראל פיל געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וועלכע זײַנען געווען אַמאָל שטאָלצע מענטשן און אין יִשׂראל זײַנען זיי געוואָרן מענטשן דערנידעריקטע, וועלכע לויפן אום אין שרעק און זוכן אַרבעט. ניט קענענדיק די שפּראַך איוורית, זײַ־נען זיי ווי טויב־שטומע און קאָנען מיט קיינעם ניט צונויפריידן זיך, צו גאָרנישט ניט דערשלאָגן זיך. די טשינאָווניקעס פון די רעגירונגס־אָרגאַניזאַציעס ריידן מיט זיי נערוועז, גראָב, אָן א ברעקל אַכטונג אָדער נאַרן זיי פּאַשעט אָפּ.

איך האָב ניט געזען קיין איין מענטשן, וואָס איז אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר געקומען קיין יִשׂראל פון פּסר, ער זאָל זײַן מער־ווייניקער באַפרידיקט, ווער רעדט שוין פילן זיך גליקלעך.

גאַדלעסדיקע, גײַציקע ייִסרעיילים לייגן פאַר מענטשן מיט הויכבילדונג, מענטשן, וועלכע זײַנען דערצויגן געוואָרן אַף דער העכסטער רוסישער קולטור, זיי זאָלן גיין צו זיי אַלס דינער אין זייערע ווילעס, אַלס דוואָרניקעס, אַלס אַרבעטער אין זייערע סעדער.

א סאַך מײַנע לאַנדסלײַט, וועלכע האָבן אין פּסר זיך אָפּגעגעבן די ציִעניסטישע שטימונגען און זיך אַליין איבערגעגעבן אין רעשוס פון ייִסראָעל, וווינען איצט אין פּוסטע דירעס (אויך אַזוי פּוסט זײַנען איצט זייערע נעשאָמעס), ווו אויסער די פיר ווענט איז גאָרנישט ניטאָ, ווײַל זיי האָבן ניט קיין געלט אַף צו קויפן מעבל, זיי גייען אַרום אָן אַרבעט, מיט טיף פאַרבאָרגענער אין האַרצן באַליידיקונג און פאַרדראָס, פאַרוואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן אַזאַ ווילדע נאַרישקײַט, וועלכע מע קאָן שוין ניט פאַריכטן.

איך קאָן ניט פאַרשטיין די סיבע פון דער אָפענער אַנטיפּאַטיע פון די ייִסרעיילים צו אַלע אוילים, באַ וועמען זיי פרעגן אָפן: „פאַרוואָס ביסטו אַהער געקומען?״ זיי שעמען זיך ניט צו זאָגן, אַז מיר, די אוילים פון רוסלאַנד, זײַנען הונגעריקע בעטלער. זיי ווייסן ניט, אַז די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע זײַנען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פאַנאַטישער אידיי צו פאָרן קיין ייִסראָעל, האָבן געלאָזט אַף העפקער זייערע שיינע צוויי־ און דרײַצימערדיקע דירעס, געמאַכט אַ טעל פון זייער געזיכערט און באַזאָרגט לעבן, און האָבן הענדום־פּענדום זיך געלאָזט לויפן אין זייער „היסטאָרישער היים״, ווו מע נעמט זיי אויף מיט אַזויפיל אומאַכטונג.

די ייִסרעיילים האָבן אָבער אַ טאָעס. מיר, ייִדן, וועלכע זײַנען דערצויגן געוואָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זײַנען געבילדעטע, אינטעליגענטע מענטשן. מיר זײַנען ניט געפאָרן קיין ייִסראָעל, קעדיי ייִדן זאָלן דאָרט זײַן מער איידער אַראַבער, וואָס דערצו שטרעבט די ייִסראָעל־רעגירונג. פיל פון אונדז זײַנען געפאָרן קיין ייִסראָעל מיט אַ ווילן צו אַנטוויקלען „אונדזער״ לאַנד. נאָר ווען מיר זײַנען געקומען קיין ייִסראָעל, האָבן מיר דערזען, אַז פון די אַלע „אידעאַלן״, וועלכע האָבן אונדז אַהער געצויגן, איז קיין זייכער ניטאָ! מיר האָבן דערזען אונדזער ביטערן און נאַרישן טאָעס! מיר האָבן דאָך ניט געטראַכט וועגן פאָרן קיין ייִסראָעל, קעדיי באַדינען די געלט־זעק, וועלכע ווייסן בלויז איינס: פײַניקן און אָן ראַכמאָנעס עקספּלואַטירן די מענטשן, וואָס זײַנען פון דיר אָפּהענגיק. מיר זײַנען געפאָרן קיין ייִסראָעל ניט קעדיי פאַרגיסן ביטערע טרערן, ניט קעדיי אויסצושטיין קאָלערליי דערנידעריקונגען, ניט קעדיי צו פאַרלירן די אַרבעט און די רעכט.

ניין, ניט דערצו האָבן מיר געשטרעבט, ווען מיר זײַנען געקומען אין די אָפיציִעלע סאָוועטישע אָרגאַנען און געפאָדערט אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין ייִסראָעל.

אַלע אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן ייִסראָעל זײַנען צעקלאַפּט געוואָרן, פון אַלע אונדזערע האָפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך.

צוליב וואָס, פרעגט זיך, מיט וואָס פאַר אַ רעכט און מיט וואָס פאַר אַ ציל רופט די ייִסראָעל־רעגירונג נײַע און נײַע מענטשן אין דער מעדינע, אויב זי קאָן ניט באַזאָרגן זיי מיטן סאַמע נייטיקסטן — מיט לעבן און אַרבעט?

עס נאַרט אונדז מײַעס אָפּ די ראַדיאָ „קול ישראל״, מע רײַסט אונדז אָפּ פון די אײַנגעזעסענע ערטער, פון דער אַרבעט, פון דער לער, און מיר קומען צו פאָרן קיין ייִסראָעל, קעדיי לעבן אין דאַכקעס, אין דערנידעריקונג און באַליידיקונג.

ווער איז דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך? טויזנטער לאַנדסלײַט מײַנע וויינען און קלאָגן, נאָר זיי קאָנען צו גאָרנישט ניט דערשלאָגן זיך, זיי קאָנען ניט דורכהאַקן די וואַנט פון אומפאַרשעמטער אומענטשלעכקײַט.

ווער וועט איצט העלפן די סאָוועטישע ייִדן, זיי זאָלן קומען צום סייכל, זיי זאָלן זיך מער ניט צוהערן צו דער ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע פון „קול ישראל״? ווער וועט איצט אָפּשטעלן דאָס אומזיניקע רײַסן זיך פון סאָוועטישע ייִדן קיין ייִסראָעל?

די עפנטלעכקײַט פון גאָר דער וועלט מוז טייקעף פאַרינטערעסירן זיך מיט אַזאַ אומדערלאָזבאַרן פאַקט, די וועלט מוז טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך, קעדיי דערקלערן די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע ווילן פאָרן קיין ייִסראָעל, וועגן דער עמעסער לאַגע אין דעם דאָזיקן לאַנד. מע דאַרף וואָרענען די ייִדן פון גאָר דער וועלט, אַז יעדע מוטער, וואָס ברענגט אירע קינדער קיין ייִסראָעל, שלײַדערט זיי מיט די אייגענע הענט אַרײַן אין פינצטערן טהאָם, ווו ס׳איז ניטאָ קיין קולטור, ווו עס ווילדעוועט אויסגעלאַסנקײַט, ווו עס איז ניטאָ קיין צוקונפט.

אַ סאַך אַמעריקאַנער קענען מיך און געדענקען מײַן „פּאַטריאָטיזם״, מיט וועלכן איך בין געפאָרן קיין ייִסראָעל. איך רוף זיי אַלעמען, זיי זאָלן אויפהערן שטיצן די אָרגאַניזאַציעס פון „הילף די סאָוועטישע ייִדן״, זיי זאָלן בעסער טאָן אַלץ, קעדיי ניט לאָזן אונטערגיין מײַנע לאַנדסלײַט פון פּסר, וועלכע קאָנען ניט לייזן אין ייִסראָעל אָן זײַטיקער הילף זייערע גרויסע און קליינע פּראָבלעמען, מײַנע לאַנדסלײַט אין ייִסראָעל, וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט צעקלאַפּטע אילוזיעס, מיט געפילן פון אַנטוישונג און כאַראָטע דערפאַר, וואָס זיי זײַנען אַהין געקומען.

ל. בערשאַדסקאַיאַ

דעם דאָזיקן בריוו האָב איך אָנגעשריבן ערעוו דעם סאָף פון מײַן פײַנפּולער אַליִע קיין ייִסראָעל, ערעוו מײַן פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע לאַנד.

פאָרגעקומען איז דאָס אַזוי.

אין 1967, נאָך דעם, ווי איך מיט מײַן מאַן האָבן אָפּגעאַרבעט דרײַ יאָר אַפּן צאָפן און אומגעקערט זיך קיין מאָסקווע, זײַנען מיר אַוועק אין „אָוויר״ (איך האָב דעמלט צום ערשטן מאָל זיך דערוווּסט וועגן אַזאַ אָרגאַניזאַציע), אין קאָלפּאַטשני געסל, וואָס איז נאָענט לעם דער טשערנישעווסקי־גאַס. פאַרשיידענע מענטשן פורעמען דאָ אויס זייערע דאָקומענטן אַף אַרויסצופאָרן אין אַנדערע לענדער. איך פאַרנעם אַ ריי, בעערעך אין אַ האַלב שאָ אַרום שטיי איך שוין באַם טיש פון איינעם פון די

אינספעקטאָרן פון „אָוויר" און פרעג בא אים, וואָס דאַרף איך טאָן, קעדיי קאָנען ארויספאָרן קיין ייִסראָעל.

דער אינספעקטאָר גיט מיר א רעשימע פון די דאָקומענטן, וועלכע איך דאַרף צושטעלן אין „אָוויר". „דערנאָך, — זאָגט מען מיר, — אין דרײַ כאָדאָשים ארום וועל איך באקומען אן ענטפער, צי מע דערלויבט מיר פאָרן אָדער ניט".

ייִסראָעל. אויסער דעם, אז ייִסראָעל געפינט זיך אפן נאָענטן מיזרעך און דאָרט לעבן ייִדן, האָב איך וועגן דעם לאַנד מער גאָרנישט ניט געוווּסט. אין „אָוויר" האָב איך זיך באקאַנט מיט א יונגנמאַן, וואָס הייסט מארק עלבוים. ער וויל אויך פאָרן קיין ייִסראָעל און האָט שוין דערלאַנגט זײַנע דאָקומענטן.

— לאָמיר צופאָרן צו מײַנעם א פרײַנט, — האָט ער מיר פאָרגעלייגט, — איך וועל אײַך באקאַנען מיט אונדזערע כאַווײרים. דאָס איז אין סטרעמיאַני געסל.

מיר גייען ארײַן. א צימער אין אן אלגעמײַנער דירע.

דער באַלעבאָס הייסט דאָוויד כאַווקין, זײַן פרוי — עסטער, דער זון — מישע.

מיר זעצן זיך אוועק און הייבן אָן שמועסן. כאַווקינס געזינד האָט אויך דערלאַנגט די פאַפּירן אין „אָוויר" און וואַרט אפן ענטפער. עס קומען ארײַן נאָך מענטשן, וועלכע דערציילן, וואָס זיי האָבן זיך דערוווּסט אין „אָוויר" וועגן זייערע דאָקומענטן. מע רעדט, מע טומלט. אלע זײַנען צעהיצט, און עס איז שווער צו דערוויסן זיך, וועגן וואָס מע רעדט.

דערנאָך שטעלט זיך ארײַן א מאַנצבל, הויך ווי אויג־מעלעך־האַבאַשאָן, זײַן קליין קעפל סטאַרטשעט ערגעץ בא דער סטעליע. א לאַכנדיק פאַרקריפּלט פּאָנעם.

דאָס איז דער אינזשעניער דאָוויד דראַפּקין. ער קוקט אָף מיר און אָף מײַן מאַן, באמערקט, אז מיר פילן זיך ניט איבעריק היימיש, זאָגט ער:

— הא, נײַע ציִעניסטן? זייער אָנגענעם צו באקאַנען זיך. אין „אָוויר" זײַט איר שוין געווען? די דאָקומענטן דערלאַנגט?

ציִעניסטן? איך שעם זיך מודע זײַן, אז איך ווייס גאָר ניט פּינקטלעך, וואָס איז אזוינס א ציִעניסט (ביז איצט ווייס איך נאָך ניט דעם עמעסן טײַטש פון אָט דעם וואָרט).

דער באַלעבאָס פון צימער זאָגט דראַפּקינען, אז מיר זײַנען סאַכאַקל איין מאָל געווען אין „אָוויר", מיר זײַנען נאָך „נײַינקע".

דראַפּקין זעצט זיך לעבן אונדז און הייבט אָן לערנען מיט אונדז זײַן טוירע.

פון דעמאָלט אָן זײַנען מיר געוואָרן אייגענע מענטשן בא דער גרופּע ייִדן, וועלכע האָט זיך געקליבן פאָרן קיין ייִסראָעל. פינף מאָל אין טאָג הערן מיר די ראַדיאָ „קול ישראל" (די טראַנסליאַציעס אין רוסיש). פון דער ראַדיאָ דערוויסן מיר זיך, אז ייִסראָעל נעמט אָן אלעמען — געבילדעטע און אנאַלפאַבעטן, יונגע און אלטע, כאַכאָמים און שויטים.

ספּעציעל פאַר אונדז טראַנסלירט מען אן אינטערוויו מיט נײַע אוילים:

— וויפל מענטשן זײַנען אין אײַער געזינד?

— צוויי. איך און דער מאַן.

— וואָס פאַר א דירע האָט איר באקומען?

— א דירע פון פיר צימערן.

— זײַט איר צופרידן מיט דער ארבעט און מיטן לעבן אין ייִסראָעל?

— מיר זײַנען גליקלעך. מיר לעבן אין אונדזער אייגענעם לאַנד, וואָס איז רײַך, פרײַ און גליקלעך; צווישן אונדזער אייגענעם פאָלק. די קינדער גייען אין ייִדישע שולן און ריידן אָף זייער מאַמע־לאָשן.

מיר הערן זיך צו אלץ אופמערקזאַמער צו אָט דער פּראָפּאַגאַנדע, מיר גלייבן יעדעס וואָרט. און אלע טאָג טרעפן מיר זיך מיט די ייִדן־„ענטוזיאַסטן". מיט אומגעדולד וואַרטן מיר אפן ענטפער פון „אָוויר".

אין דרײַ כאָדאָשים ארום באקומען מיר אן ענטפער: אין א וויזע אָפּזאָגן.

אונדזערע פרײַנט באגײַסטערן אונדז צו „נײַע העלדנטאַטן", מיר שרײַבן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל בריוו צו דער סאָוועטן־רעגירונג און פאָדערן א וויזע אָף ארויספאָרן קיין ייִסראָעל.

אָף יעדן בריוו קומט אָן אן ענטפער: ניין.

דראַפּקין, זײַן געהיימע געליבטע רייזל פּלאָטקינאַ און זייער טרײַע געהילפן — טינע בראָדעצקאַיאַ (אירע ליפּן — דינע און געשלאָסענע, די אויגן — בייזע) האַלטן טעמפּעראַמענטפולע רעדעס. ווען מיר קומען זיך אלע צונויף (און מיר טרעפן זיך קימאַט יעדן טאָג), טײַנען זיי, אז מע מוז אומבאַדינגט דערשלאָגן זיך א דערלויבעניש אָף ארויספאָרן קיין ייִסראָעל.

אלע טאָג גייען מיר באַזונדער און אלע צוזאַמען ארום איבער די פאַרשיידענע אָפיציעלע קאַבינעטן פון „אָוויר".

עס באגעגענען אונדז פרויען און מאַנצבלען. יעדערער פון זיי סטאַרעט זיך געבן אונדז צו פאַרשטיין, אז מיר ווייסן פּאָשעט ניט, וווּהין מיר ווילן פאָרן, אז מיר אידעאַליזירן די מעלוכע ייִסראָעל, ווען אונדזער היימלאַנד איז גאָר דאָ, אין פּססר, ווו מיר זײַנען געבוירן געוואָרן און האָבן אָפּגעלעבט א גאַנץ לעבן.

יעדער איינער, וואָס פּרוווט ריידן מיט אונדז אַזעלכע רייד, ווערט טייקעף אונדזער פּערזענלעכער סוינע. מיר הערן ניט אויף צו מאָנען אַ וויזע קיין ייִסראָעל.

מיר שרײַבן שוין קאָלעקטיווע פּעטיציעס צו דער סאָוועטן־רעגירונג, אונטער יעדער פּעטיציע שרײַבן זיך אונטער 25 — 30 מענטשן, מיר ווערן ניט מיד צו מאָנען: לאָזט אונדז פאָרן אין אונדזער „היסטאָרישן היימלאַנד״.

דעם 5 מאַרט 1970 איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פון אַ גרופּע פון 52 סאָוועטישע ייִדן. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זײַנען אופגעבראַכט דערפון, וואָס די רעגירונג פון ייִסראָעל וויל אָפּרײַסן די ייִדן פון זייערע אײַנגעזעסענע ערטער און מיט דער הילף פון ראַדיאָ־פּראָפּאַגאַנדע רופט זי זיי צו זיך, קיין ייִסראָעל, צוזאָגנדיק „גאָלדענע בערג״.

פאַר אונדזער גרופּע, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דראַפּקינען און כאַוקינען, איז די פּרעסע־קאָנפערענץ געווען אַ שפּײַ אין פּאָנעם. אין דרײַ טעג אַרום, דעם 8 מאַרט, זײַנען מיר זיך צונויפגעקומען אין דראַפּקינס פאַר־מיסטיקטער דירע אויף פּאַדייעוו־גאַס און אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז מיר פאָדערן ווידער אַ דערלויבעניש אויף אַרויספאָרן קיין ייִסראָעל. 39 ייִדן האָבן זיך אונטערגעשריבן אונטער דעם דאָזיקן בריוו און אָפּגעשיקט אים צו דער סאָוועטן־רעגירונג.

מיר האָבן געשריבן, אַז מיר זײַנען גרייט צו וואַרפן אַלץ און אַוועקגיין צופוס צו דער היים פון אונדזערע אָוועס.

איך קאָן ניט זאָגן, אַז דער דאָזיקער בריוו איז געווען איבערצײַגנדיקער איידער אַלע פּריִערדיקע בריוו, אָבער גראָד אָט דער בריוו איז פאַר דער מערהייט פון די 39 געוואָרן דער לעצטער: די, וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן אונטער אים, האָבן אָנגעהויבן באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן.

קיינער פון אונדז האָט ניט געטראַכט וועגן דעם, סאַראַ טראַגיש און טרויעריק בלעטל עס עפנט זיך אין אונדזער ביִאָגראַפיע, אין אונדזער לעבן...

דאָס איז געשען דעם 15 יול 1970. איך בין דעמלט צום לעצטן מאָל געפאָרן איבער מאָסקווע, איבערן לענינגראַדער שאָסיי, צום שערעמעטיעוואָער אַעראָדראָם.

אין אָט דעם זוניקן יול־טאָג האָב איך פאַרלאָזן מײַן היימלאַנד, ווו איך האָב אָפּגעלעבט 54 יאָר, ווו איך האָב געוויינט און געפרייט זיך, ווו מײַן פערזענלעך לעבן האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעריסן און איז ווידער אופגעשטעלט געוואָרן, ווו יעדעס געסל אין מאָסקווע האָט מיר עפּעס דערמאָנט, עפּעס דערציילט, ווו עס איז פאַרלאָפן מײַן שטורמיש געפלאָנטערט לעבן מיט אַלע זײַנע פריידן און ליידן.

איך האָב געמיינט, אַז איך פאַרלאָז דאָס היימלאַנד אויף שטענדיק, און איך האָב זיך באַמיט ניט צוהערן זיך צום אומרו פון מײַן האַרצן, צו די טיף פאַרבאָרגענע געפילן, אַז עס איז געשען עפּעס אַ גרויסע זאַך, וועלכע מע קאָן שוין ניט פאַריכטן. אַלץ איז געווען פאַרענדיקט. איך האָב שוין אַ וויזע, אַ בילעט, איך פאָר — איך פאָר אַהין, ווו עס דערוואַרט מיך מײַן נײַ „גליק״, וואָס איך אַליין האָב אויסגעטראַכט, מײַן נײַ לעבן, וואָס איך אַליין האָב זיך אויסגעמאָלט.

מיך האָבן אָבער ניט געלאָזט רוען די געדאַנקען וועגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין מײַן היימלאַנד, עפּעס האָט מיך גערעגט, באַאומרויִקט. איך סטאַרע זיך מער ניט טראַכטן וועגן דעם, איך באַמי זיך צו זען פאַר די אויגן דאָס נײַע לעבן, וואָס איך האָב געשאַפן אין מײַן פאַנטאַזיע...

מיר געזעגענען זיך, קושן זיך. איך זעץ זיך אין אווטאָבוס און פאָר אפן אַעראָדראָם, צום עראָפּלאַן.

איך גיי אַרײַן אינעם אַעראָפּלאַן ווי אַ פאַרגליווערטע, איך גיי אַרײַן, קעדיי מער קיינמאָל, קיינמאָל ניט אומקערן זיך צוריק.

מיר איז שווער צו באַשרײַבן מײַן דעמלטיקן צושטאַנד, ווײַל ער איז מיר געווען לאַכלוטן אומפאַרשטענדלעך. איך האָב ניט געקאָנט זאָגן פעסט — צי בין איך גליקלעך אָדער אומגליקלעך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די זאָרגן וועגן דער וויזע האָבן זיך געענדיקט, איך האָב אָבער ניט געקאָנט האָבן קיין אָנונג וועגן דער וועלט, וווהין איך בין געפאָרן, ווײַל איך האָב די דאָזיקע וועלט קיינמאָל ניט געזען, אַלץ איז געווען עפּעס ווי פאַרהוילן אונטער אַ געדיכטן שלייער. איך האָב ניט געפילט ניט קיין פרייד, ניט קיין טרויער. ערשט דעמלט, ווען איך האָב דערפילט, אַז דער לײַנער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער מאָסקווער ערד (15 דעם זייגער מיט 55 מינוט לויט דער מאָסקווער צײַט דעם 15 יול 1970) און האָט גענומען אַ קורס אויף ווין, — דעמלט האָב איך אויף אַן אויגנבליק דערפילט עפּעס אַ שרעק, אַ געפיל, וואָס איז ענלעך צו דעם, וועלכן אַנאַ קאַרענינאַ האָט איבערגעלעבט, ווען זי האָט זיך געוואָרפן אונטערן צוג. מיר האָט זיך געוואָלט אַ געשריי טאָן: „מײַנע הערן, וואָס טו איך?״ נאָר אָנשטאָט דעם האָב איך אַ קוק געטאָן אויף מײַן מאַן. ער איז געזעסן אַ בלאַסער, ווי קאַלך, און געשוויגן. עפּעס מאָדנע געשוויגן. עפּעס אַ גרויסע, גאָר אַ וויכטיקע געשעעניש איז פאָרגעקומען אין מײַן

לעבן, איך האָב דאָס געפּילט מיט אַלע מײַנע כושים, נאָר איך האָב קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען.

„פאַרשפּיליעט די רימענס" — איך האָב מעכאַניש פאַרשפּיליעט די רימענס, עס האָט מיר געקאָסט ניט ווייניק מי, ביז איך האָב זיך גענומען אין די הענט אַרײַן און ביסלעכווײַז באַרויִקט זיך.

פּלוצעם זײַנען מיר געקומען אַפן זינען יענע אַלע, וואָס האָבן מיך ווען־עס־איז באַליידיקט, באַגאַנגען זיך מיט מיר גראָב און ניט־יוישערדיק. מײַן אונטערבאַוווּסטזײַן האָט מיר אונטערגעזאָגט אַ באַרעכטיקונג פאַר מײַן האַנדלונג, איך האָב געוואָלט אײַנשמועסן זיך, אַז איך האַנדל ריכטיק, אַז אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן, איז אַ טראָט צו אַ נײַ, בעסער לעבן, איך האָב זיך פאַרטיפט אין אַזעלכע ראַיוינעס און מײַן פאַנטאַזיע האָט פאַר מיר געמאָלט אַזעלכע וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס אַ מענטש קאָן נאָר צוטראַכטן פאַר זיך...

האַגאַם איך האָב קיין פולע רו ניט געפונען, זײַנען דאָך די שאַרפע ווינקלען געוואָרן גלאַטער און אַלץ איז אַרײַן אין דער געוויינלעכער נאָרמע.

אין דרײַ שאָ אַרום האָט אונדזער לײַנער געלאַנדעט אין ווין.

איך מיט מײַן מאַן זײַנען אַרויס פון אַעראָפּלאַן די לעצטע. באַשיצט זיך מיט אַ זומערמאַנטל פון דער וואַרעמער ווינער זון, האָבן מיר ציטעריק און פּאַמעלעכן געטראָטן איבער דער נײַער ערד, איבער דעם ווינער אַעראָדראָם. ניט אויסריידנדיק קיין איין וואָרט, זײַנען מיר געגאַנגען צום אַעראָוואָקזאַל. ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין כעזשבן, וווהין, צוליב וואָס און נאָך וואָס מיר גייען...

באַגעגנט אונדז האָט דער סעקרעטאַר פון דער ייִסראָעל־געזאַנדשאַפט.

אין די אויערן האָט נאָך גערודערט דער רויש פון די מאָטאָרן. פאַר די אויגן האָבן זיך נאָך געטראָגן די מאָסקווער גאַסן. דאָס פּאָנעם האָט נאָך געפילט די געזעגענונגס־קושן אין מאָסקווע. און מיר פאָרן שוין איבער דעם בייך־האַשמאָשעסדיקן ווין, וואָס באָדט זיך אין די נעאָן־פײַערן.

פײַערן, רעקלאַמעס, מאַשינעס, מענטשן, הײַזער, גאַסן — אַלץ איז נײַ, לאַכלוטן ניט ענלעך אַף דעם, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט ערשט מיט דרײַ שאָ צוריק.

אַ באַקוועמער אויטאָ פירט אונדז איבער די ווינער גאַסן. איך זיץ אין לינקן ווינקל פונעם הינטערשטן דיוואַן, מײַן מאַן רעדט וועגן עפּעס מיט דעם מענטשן, וואָס האָט אונדז באַגעגנט, נאָר איך הער גאָרנישט ניט. איך קוק אין פענצטערל און קאָן ניט פאַרשטיין דעם געפּלאָנטערטן גאַנג פון מײַנע געדאַנקען...

מיר זײַנען געקומען אין דער ייִדישער אַגענץ, וואָס דינט אַלס טראַנספּאָרט־פּונקט פאַר יענע אַלע, ווער עס פאָרט פון רוסלאַנד קיין ייִסראָעל.

די ייִדישע אַגענץ אין ווין געפינט זיך אין אַן אַלטן פּאַלעץ, וואָס שטייט אין אַ געדיכטן וואַלד. אין דעם דאָזיקן פּאַלעץ פלעגט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק פאַרפאָרן דער אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָזעף מיט זײַנע הינט, וועלכע פלעגן אים באַגלייטן אַף יאַגד.

געווען זײַנען מיר 24 מענטשן פון פאַרשיידענע רוסישע שטעט, אַלע זײַנען מיר געפאָרן קיין ייִסראָעל. אַף די פּנעמער פון אַלע 24 מענטשן איז ניט געווען צו זען ניט קיין פרייד, ניט קיין טרויער, נאָר — אַ פראַגע.

אין די אָוונטן זײַנען מיר געזעסן אין גאַסטצימער און שטיל געשמועסט. די טעמע פון די שמועסן איז געווען עפּעס אַ פולשטענדיק אַבסטראַקטע. מיר האָבן גערעדט, וואָס אַף דער צונג איז געקומען, נאָר ניט וועגן ייִסראָעל, ווי מיר אַלע וואָלטן מוירע געהאַט צוצורירן זיך צו אַן אומבאַוווּסטער זאַך, צום געהיימניספולן ייִסראָעל. ערעוו אונדזער אָפּפאָרן פון ווין האָט מען אונדז געבראַכט אַ רוסיש ביכל, ווו עס זײַנען געווען געגעבן באַשריבן די רעכט און די פליכטן פון אַ נײַעם אוילע.

אַ סאַך אָנגענעמע רעכט האָט אונדז דאָס ביכל צוגעזאָגט: מאַקסימאַלן אַרבעטסלוין, די ערשטע דרײַ יאָר אָן קיינע אַראָפּרעכענונגען, דאָס רעכט צו אײַנשאַפן זיך אַלע סכוירעס אָן קיינע העכערונגען פון די פּרײַזן, די ערשטע זעקס כאָדאָשים לעבן מיר אַפן אויסהאַלט פון דער מעלוכע, וואָס באַזאָרגט אונדז אין די אולפּאַנים. אולפּאַן — דאָס איז אַ ריזיקער קאַמפּאַרטאַבעלער האָטעל, ווו מענטשן לעבן אַף אַלעם גרייטן און לערנען די שפּראַך איווריט. אין משך פון די זעקס כאָדאָשים זוכט צו די מעלוכע אַרבעט פאַר יעדן פון אונדז און גרייט צו אַ דירע ניט ווײַט פון דער אַרבעט. אַרבעט ווערט, פאַרשטייט זיך, צוגעקליבן לויטן פאַך.

די ערשטע זעקס כאָדאָשים, ווען דער מענטש געפינט זיך אין די אולפּאַנים, — שרײַבט דער אויטאָר פונעם ביכל, — ווייסט ער ניט פון קיינע זאָרגן, ער פילט זיך ווי אַ סטודענט, ווערט ייִנגער (אינעם ביכל ווערן באַשריבן קאָנקרעטע בײַשפּילן). פאַרענדיקנדיק די אולפּאַנים, טרעט דער אוילע אַרײַן אין זײַן זעלבשטענדיקן לעבן. אַלץ גייט גלאַט ווי אַ מײַזמער...

מיר האָבן דאָס ביכל איבערגעלייענט אַפן קאָל, און די מענטשן זײַנען געוואָרן אַ ביסל

פריילעכער. דעם 21 יול 1970, ווען מיר האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אינעם לײַנער פון ייִסראָעל, איז די שטימונג געווען שוין א בעסערע, מיר האָבן דאָך שוין געוווּסט, וואָס אונדז דערוואַרט. זאָל זײַן, כאָטש בלויז אין די ערשטע זעקס כאַדאָשים.

קיין טעל־אוויוו זײַנען מיר געקומען צו פליִען דרײַ אזייגער באַנאַכט.

מײַן ערשטן געדאַנק אָף דער ערד פון ייִסראָעל וועל איך געדענקען ביזן לעצטן טאָג פון מײַן לעבן. ווען איך האָב דערזען די זאַלן פורנעם אעראָפּאָרט „לוד", פאַרמיסטיקטע, פאַרשמוציקטע, פול מיט טומל און גוואַלד, האָב איך זיך דערפילט, ווי איך וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין א טיפן טהאָם. איך האָב א טראַכט געטאָן: ווי גליקלעך בין איך געווען מיט פינף מינוט צוריק, ווען איך האָב געוואַרט אָף די ריינע, בלאַנקענדיקע זאַלן פונעם לודער אעראָפּאָרט, וועגן וועלכע איך האָב אזויפיל אָנגעהערט זיך אין מאָסקווע, דורך דער ראַדיאָ „קול ישראל".

דאָס איז געווען דער ערשטער שאָק אין דער נײַער וועלט, אָבער דערווײַל נאָך אָן אונטערבאַוווּסטזיניקער.

בא דריטהאַלבן שאָ האָבן געדויערט די פאַרמאַליטעטן מיט אונדזערע דאָקומענטן, און שוין פאַרטאָג זײַנען מיר אין א מאַשין אָף זעקס מענטשן געפאָרן איבער די וועגן פון ייִסראָעל — אונדזער „היסטאָרישער היים" — אין די אולפּאַנים, וועגן וועלכע מיר האָבן נאַרוואָס געלייענט אינעם ביכל.

די זון איז נאָך געווען גאַנץ ווײַט, נאָר א היץ א שרעקלעכע (יול און אויגוסט זײַנען אין ייִסראָעל די סאַמע הייסע כאַדאָשים). געפאָרן זײַנען מיר בא 2 שאָ, און פאַר די גאַנצע 2 שאָ האָט קיינער פון אונדז קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

קאַיאָר זײַנען מיר געקומען אין דער שטאָט כײַפע, אין די אולפּאַנים, וווהין מיר זײַנען אַרײַן מיט די ליכטיקסטע, שענסטע האָפענונגען, געדאַנקען און געפילן.

די אולפּאַנים זײַנען באַשטימט פאַר מענטשן מיט הויכבילדונג. ווען מיר האָבן זיך דאָרט געפונען, האָבן אין זיי געוווינט אַרום 500 מישפּאָכעס פון פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט, קימאַט אזויפיל קינדער און אַרום 60 הינט, וועלכע די אמעריקאַנער און ענגלישע ייִדן האָבן געבראַכט מיט זיך.

איך מיטן מאַן האָבן באַקומען א צימער מיט א גרויס פענצטער אָפן דריטן שטאָק.

8 אזייגער זײַנען מיר אַראָפּ אונטן, אין גאָרקיך, עסן פרישטיק. איך האָב ניט דערקענט דעם וועסטיבול, וווהין איך בין אַרײַן מיט דרײַ שאָ צוריק. ער איז איצט פול מיט מענטשן. אַלע 500 מישפּאָכעס זײַנען דאָ געווען, — אפילע די הינט.

אינעם גרויסן עסצימער, ווו די פענצטער זײַנען פאַרהאַנגען, קעדיי די זון זאָל ניט סאַרפּען, איז געשטאַנען אזא טומל און געפילדער, אַז עס האָט זיך מיר געדוכט: די מענטשן שלאָגן זיך פאַר א ביסן. זיי עסן זיצנדיק און שטייענדיק, זיי עסן און ריידן. דאָ איז אײַנגעשטעלט די סיסטעם פון זעלבסטבאַדינונג (בלויז דעם מיטיק טראָגן פאַנאַנדער אָפיציאַנטן).

מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז קעדיי דערשלאָגן זיך צו א פרישטיק אָדער צו א מיטיק, וועט מיר פּאַשעט קיין קויעך ניט קלעקן.

א פּאָר ווערטער וועגן דעם מעניו אין דער גאָרקיך פון די אולפּאַנים. זעקס כאַדאָשים נאָכאַנאַנד עסט מען איינס און דאָס זעלבע. עס קערט שוין ברעכן פונעם רייעך פון אָט די מײַכאָלים. אָבער די מענטשן האָבן ניט קיין אַנדער ברײַרע, ווײַל קיין געלט האָבן זיי ניט, מוזן זיי עסן דאָס, וואָס מע גיט. כויץ דעם, קוקן אַלע אָף די אולפּאַנים, ווי אָף א צײַטווײַליקער דערשײַנונג: מע וועט ענדיקן דאָס לערנען, וועט מען גיין אַרבעטן און מע וועט האָבן א היים.

אינעם קלאַס, ווו מע לערנט איוורית, זײַנען מיר געקומען אָפן דריטן טאָג. די יונגע לערערן, א סאַבראַ, וועלכע קען ניט, פאַרשטייט זיך, די אַלע שפּראַכן, אָף וועלכע עס ריידן אירע שילער פון אַנדערע לענדער פון דער וועלט, האָט געפונען א מיטל, ווי אַזוי אופריידן זיך מיט זיי: זי מאַכט נאָך די מימיק פון אירע מיטשפּרעכער, טאַנצט, לויפט, זעצט זיך פלינק אָפן שטול, און אָף אַזא אויפן באַווײַזט זי, וואָס זי וויל זאָגן. דערין באַשטייט די גרונט־סיסטעם פון די איוורית־לימודים אין די אולפּאַנים. אָבער מיט אזא לערן־מעטאָד קאָן מען פאַר זעקס כאַדאָשים די שפּראַך ניט באַהערשן.

אינגיכן האָבן די שפּראַך־פּראָבלעמען שוין אויסגעזען פאַר מיר ווי א קלייניקײַט, ווען סאַכאַקל אין א וואָכן צוויי אַרום נאָך אונדזער קומען קיין ייִסראָעל האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז קיינעם ליגט גאָר אין דער לינקער פּייע ניט די פראַגע וועגן צוגרייטן פאַר אונדז אַרבעט און א דירע. אין ייִסראָעל הערשט דער דעוויז — פולע „פרײַהײַט"! קריג פאַר זיך אַרבעט, געפין פאַר זיך א דירע, וועסטו לעבן אָן שטערונגען. איניציאַטיוו, איניציאַטיוו.

מיר האָבן דערזען פאַר זיך די וועלט, וואָס איז געווען פון אונדז פאַרשטעלט דורך פאַרשיידענע ביכלעך און אַנדערע פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן.

מענטשן, אַנטוישטע, בלאָנדזשען אַרום איבער א פרעמד, אומבאַקאַנט לאַנד און, ניט וויסנדיק די שפּראַך, קענען זיי ניט אופריידן זיך מיט

די היגע אײַנוווינער סײַ וועגן פּראַגן, וואָס האָבן א שײַכעס צו זייער פאַך, סײַ וועגן שטײַגער. וואָס ווײַטער, ווערט אַלץ קלאָרער, אין וואָס פאַר א פאַסטקע זיי זײַנען אַרײַנגעפאַלן.

אין פיר מיט א האַלבן כוידעש אַרום זײַנען מיר אַוועק פון די אולפּאַנים און האָבן זיך באַזעצט אין א דירע. אָבער די שפּראַך איוורית האָבן מיר ניט געקענט. דאָ מוז מען באַמערקן, אַז יעדער איינער, וואָס גייט אַרויס פון די אולפּאַנים, פאַלט אַרײַן אין דער נעץ פון אָפּגעקומענע גווירים, און נאָכעס דערפון האָט מען ווייניק. וועגן דעם וועל איך דערציילן א ביסל ווײַטער. נאָכן אַרויסגיין פון די אולפּאַנים בין איך אײַנגיכן אַוועקגעפאָרן אָף צוויי כאַדאָשים קיין פשא און קיין קאַנאַדע.

קיין אַמעריקע בין איך געפאָרן לויט דער אײַנלאַדונג פון צוויי ייִדישע אָרגאַניזאַציעס — א סאַן־פראַנציסקער און א קליוולענדער. אין סאַן־פראַנציסקאָ זײַנען די אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע א יונגער דאָקטער — דזשערי וועסטין און דער פאַבריקאַנט האַראָלד לייט. אין קליוולענד איז דער אָנפירער דער דאָקטער ל. ראָזענבלום.

די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס טוען אַלץ, אַז די אַמעריקאַנער ייִדן זאָלן „העלפן די סאָוועטישע ייִדן" — שיקן זיי פּאַטשט־פּעקלעך, באַגריסן זיי מיט א ייִדישן יאָמטעוו אאַוו. זיי אָרגאַניזירן אויך דעמאָנסטראַציעס מיט לאָזונגען, וועלכע רופן די אַמעריקאַנער ייִדן אַרײַנצוטרעטן אין זייערע אָרגאַניזאַציעס.

די ביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיך באַזאָרגט מיטן געהעריקן קאָמפּאָרט און מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן, איך זאָל קאָנען באַזוכן 24 שטעט פון פשא און קאַנאַדע.

אין ניו־יאָרקער אַעראָפּאָרט אָף קענעדיס נאָמען האָט מיך באַגעגנט מיסיס ראָבינסאָן, וועלכע איז צוליב דעם ספּעציעל געקומען צו פליִען פון קליוולענד. זי האָט מיר געבראַכט א דיק ביכל מיט אַוויאַ־בילעטן. אָף דעם וואָלט מיר געמעגט מעקאַנע זײַן יעדער באַרימטער רײַזנדער. מײַן אויפגאַבע איז געווען — אַרויסטרעטן צו 3 — 4 מאָל אין טאָג פאַר קאָלערליי אַודיטאָריעס, כוץ דעם אַרויסטרעטן אָף פּרעס־קאָנפערענצן, אין ראַדיאָ, טעלעוויזיע. קורץ, די אַמעריקאַנער ציִוניסטן האָבן זייער געלט ניט געוואָרפן אין בלאָטע. אין מײַן רײַזע־פּראָגראַם, וועלכע זיי האָבן מיר צוגעשטעלט, איז געווען אויסגערעכנט יעדע שאָ, יעדע רעגע אין מעשעך פון גאַנצע צוויי כאַדאָשים, ניט רעכענענדיק זיך אַפילע מיט מײַנע פיזישע מעגלעכקײַטן. געשלאָפן בין איך דעריקער אין די אַעראָפּלאַנען און אויטאָמאָבילן. געוואַשן זיך 2 — 3 אַזייגער באַנאַכט. איך האָב געגרעדט, געענטפערט אָף פּראַגן, געשריִען ביז הייזעריק ווערן, ניט אַרײַנטראַכטנדיק זיך אין דעם, וואָס איך רייד.

דאָס געפּילדער האָט זיך געצויגן קימאַט א העלפט צײַט פון מײַן רײַזע — בא א כוידעש, ביז עס האָט זיך אַרײַנגעמישט... גלאָריע.

גלאָריע איז א יונגע פרוי פון א יאָר 35 — 36. זי וווינט אין דער קאַנאַדער שטאָט טאָראָנטאָ. ווען נאָך מײַנער אַן אַרויסטרעטונג האָט מיך אַרומגערינגלט דער האַמוין און געשטעלט מיר פּראַגן, האָט זיך צו מיר דערנענטערט גלאָריע. זי איז געווען זייער א בלאַסע און א דאַרע, מיט גרויסע טרויעריקע אויגן.

זי האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט, ווי אַן אַלטע באַקאַנטע, אָפּגעפירט מיך אין א זײַט און געזאָגט: „ליובע, איר רעדט זייער שיין, איר האָט גרויס דערפאָלג בא די אַמעריקאַנער מיט אײַער הומאָר. איך הער אײַך שוין דאָס דריטע מאָל, און איך האָב באַשלאָסן צו זאָגן אײַך: מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך אין דער רוסישער שטאָט אָריאָל כאַסענע געהאַט פאַר א ייִדן פון ייִסראָעל און בין מיט אים אַוועקגעפאָרן אין דער מעדינע. דאָרט איז מײַן מאַן געשטאָרבן, און איך בין טייקעף אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריזש, פון פּאַריזש — קיין זשענעווע, פון זשענעווע קיין ווענעציע, פון דאָרט קיין אַמעריקע. איצט וווין איך אין קאַנאַדע. אינערגעץ געפין איך זיך קיין אָרט ניט, אומעטום פעלט מיר אויס לופט צו עטעמען, איך האָב ניט קיין איין פרײַנט אָדער פרײַנדן, איך בין עלנט און געפין זיך די גאַנצע צײַט אין א צושטאַנד פון דעפּרעסיע. איך דערצייל דאָס אײַך דערפאַר, ווײַל איך וויל אײַך זאָגן, אַז איר טוט א שלעכטע טויווע די ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אין עמיגראַציע לעבט זיך זייער שווער. אויב עמעצער וויל אַוועקפאָרן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, זאָל ער אַליין זאָרגן וועגן זיך, נעמט ניט אָף זיך די דאָזיקע זינד, קעדיי שפּעטער זאָל אײַך ניט מאַטערן דאָס געוויסן. איך וויל אײַך ניט אײַנשמועסן, איך רייד נאָר דאָס, וואָס איך פיל".

גלאָריע איז אַנשוויגן געוואָרן. זי האָט אַרויסגענומען פון רידיקיול א קליין געהאַפטן נאָזטיכל, אָפּגעווישט די טרערן און געזאָגט: „איר האָט געוווינט אין דער הויפּטשטאָט, אין מאָסקווע, איך — אין דער קליינער שטאָט אָריאָל. איצט בין איך גרייט קושן די אָריאָלער ערד. דער מאַן האָט מיר איבערגעלאָזט א סאַך געלט, איך האָב א הויז און אַלץ, וואָס מע קאָן דאָ האָבן, נאָר איך פיל א שרעקלעכע פּוסטקײַט אין דער עמיגראַציע, און איך ווינטש דאָס

קיינעם ניט, — אנטשולדיקט, וואָס איך האָב אײַך געפּאַטערט די שטימונג".

גלאָריאַ איז אוועק. מײַנע באַגלייטער זײַנען שוין לאַנג געזעסן אינעם אויטאָ, זיי האָבן געשריִען, גערופן מיך, נאָר איך האָב, ווי א פאַרשטיינערטע, עפּעס געזוכט, באַמיט זיך צע־ציִען די צײַט און קומען צו־זיך. איך בין געווען אין א צושטאַנד פון א מענטש, וואָס שטייט אונטער א דוש, ווישט זיך מיט א האַנטעך, נאָר דאָס וואַסער גיסט אָף אים און גיסט.

ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אז דאָ, אין קאַנאַדע, וועל איך טרעפן א פרוי פון רוסלאַנד, וואָס וועט מיר זאָגן אַזעלכע ווערטער.

די באַגעגעניש מיט גלאָריען האָט געלאָזט זייער א שווערן זייכער אין באַוווסטזײַן און אין די געפילן.

מײַן רײַזע איבער די שטעט פון פשא איז פאָרגעזעצט געוואָרן. איך קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט אויסדערציילן וועגן אלע באַגעגענישן, וועלכע איך האָב געהאַט אין פאַרשיידענע שטעט, וועגן אלע פראַגן, וועלכע מע האָט מיר געשטעלט, און וועגן די ענטפערס, וועלכע איך האָב געגעבן, נאָר וועגן איין צופאַל וויל איך דאָ דערציילן.

אין סאַן־פראַנציסקאָ האָט מיר דזשערי וועס־טין געזאָגט, אז איך בין אײַנגעלאַדן אָף א פרישטיק אינעם פערזענלעכן קלוב פונעם הער קאַשלער.

דער הער קאַשלער איז א מולטי־מיליאָנער. ער איז אלט 75 יאָר. זײַן זון איז א פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט. אָנגעטאָן איז דער הער קאַשלער ווי עס פּאַסט פאַר א מענטש מיט זײַן קאַפּיטאַל. די פרוי זײַנע, וועלכע דערמאָנט לויט איר אויסזען א דאַמע פּיק, איז פון קאָפּ ביז די פיס באַהאַנגען מיט טײַער צירונג. אויסער מיר, זײַנען צו אים אײַנגעלאַדן גע־וואָרן כאַשעוועו דזשענטלמענער מיט זייערע פרויען, זייערע נעמען געדענק איך ניט.

דזשערי האָט מיר געזאָגט, אז דער ציל פון דער באַגעגעניש איז — באַקומען פונעם מולטי־מיליאָנער קאַשלער א סאָלידן טשעק פאַר דער יידישער אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער דזשערי פירט אָן צוזאַמען מיט האַראַלד לייטן.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט דער הער קאַשלער געגרעדט מיט א מענטשן פון סאָ־וועטנפאַרבאַנד צום ערשטן מאָל. צו מײַן אומ־גליק, איז ער נאָך געווען טויב, ווי די וואַנט. אָנדערהאַלבן שאָ נאָכאַנאַנד האָב איך געמוזט ענטפערן אָף זײַנע נאַרישעוואַטע פראַגן. איך האָב געפילט, אז מײַנע קויכעס זײַנען אויסגע־שעפּט, נאָר דעם הער קאַשלערס פּאָנעם האָט גאָרנישט ניט אויסגעדריקט. צום סאָף האָט ער אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע פון זײַן טײַערן פּידזשאַק.

דזשערי איז פאַרגליווערט געוואָרן וואַרטנ־דיק. ער האָט שוין געזען א טשעק אָף א סומע פון, לעכאָלהאַפּאָכעס, פיר ציפערן, נאָר קאַש־לער האָט לאַנגזאַם אַרויסגענומען זײַן האַנט פון דער קעשענע מיט... צוויי קאָנפעקטן. ער האָט די קאָנפעקטן אוועקגעלייגט אָפן טיש און געזאָגט צו מיר: „דאָס איז פאַר אײַך, וואָס איר זאָרגט זיך אזוי וועגן אײַער פאָלק", — דערנאָך גיך זיך אופגעהויבן פון אָרט, באַווײַזנדיק דער־מיט, אז דער שמועס איז געענדיקט.

איך בין געקומען צו־זיך, ווען דער אָפּי־ציִאַנט, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר און האָט אלץ געזען, האָט מיך גענומען באַרויִקן: קאַש־לער איז שוין אלט, ער האָט מיך ניט געוואָלט באַליידיקן, ער האָט געשפּאַסט, און איך דאַרף ניט לייגן קיין אכט דערויף. אלע זײַנען שוין געשטאַנען אין די מאַנטלען און שליאַפּעס, גע־האָלפן די דאַמען אָנטאָן זיך, פריילעך געפּלוי־דערט, און קיינער, אויסער דעם אָפּיציִאַנט, האָט ניט באַמערקט מײַן צושטאַנד, וועלכן איך קאָן מיט קיינע ווערטער ניט איבערגעבן. טיילן זיך מיט עמעצן האָט אָבער קיין זין ניט גע־האַט, ווײַל לויט דער פּסיכאָלאָגיע פון די אַמע־ריקאַנער מעג א מיליאָנער אָפּטאָן יעטווידעס שפּיצל. די „לעקציע" מיט קאַשלערן האָט ענדגילטיק אופגעדעקט פאַר מיר דעם גאַנצן אומזין און די דערנידעריקנדיקע באַדײַטונג פון מײַן נעסיע.

אין לאָס־אַנדזשעלעס איז בעראָש פון דער ייִדישער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע געשטאַנען דער סטודענט זעייוו יאַראָסלאַווסקי און דער יונגער ביזנעסמען שײַע פּרומקין.

פּרומקין, כאָטש ער איז נאָך געווען יונג, האָט ער שוין פאַרמאָגט א גרויסע פאַבריק פון פענצטער־שטאָרן. דער אָנטייל אין דער ייִדי־שער אָרגאַניזאַציע איז געווען זײַן כאָבי.

איך האָב אינעם גאַסט־צימער פון פּרומקינס שטוב געשמועסט מיט יאַראָסלאַווסקין און פּרומקינען.

איך האָב בא זיי געפרעגט: פאַרוואָס זאָלן זיך אלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס ניט פאַרייניקן, פאַרוואָס אַרבעט יעדע פון זיי באַזונדער. דער ענטפער, וואָס איך האָב באַקומען, איז געווען א טיפּיש אַמעריקאַנישער. פּרומקין האָט אָנ־געכמורעט די ברעמען און געזאָגט: „מיר האָבן דאָס געפּרוווט טאָן, נאָר עס באַקומט זיך ניט. מיר קאָנען ניט צעטיילן צווישן זיך דאָס געלט. יעדערן ווילט זיך קריגן א גרעסערע סומע". באַלד אָפן אָרט האָט מען מיר דערקלערט, אז יעדער גוויר, וואָס שטיצט די אָרגאַניזאַציעס, גיט זיי געלט, און טאַקע דאָס דאָזיקע געלט קאָנען זיי ניט צעטיילן צווישן זיך. פאַר מיר

איז דאָס געווען אַ נײַס, ווײַל איך האָב געמיינט, אַז זיי פאַרנעמען זיך דערמיט נאָר פון מיצווע־וועגן. מײַנע נאַיִווע האשאַרעס זײַנען אָבער ניט צונויפגעפאַלן מיטן אַמעריקאַנער שטאַנד־פּונקט אָף געלט.

די לעצטע צוויי וואָכן פון מײַן נעסיִע זײַנען פאַרלאָפן אָן טעמפּעראַמענט. איך האָב שטאַרק געפילט מײַן אַנטוישונג און פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ ווערט געטאָן אָן קיין שום נוצן פאַר די פּאַשעטע מענטשן. אַנדערע יידן, וועלכע זײַנען געקומען פון פּסר קיין יִסראָעל, זײַנען אויך אַרויסגעטראָטן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, נאָר די לאַגע האָט זיך ניט געענדערט, אַלץ איז געבליבן ווי פריִער, בלויז די געשעפטלײַט, וועלכע רופן זיך „אַקטיווע קעמפּער", האָבן געציילט די אויסגעלייזטע דאָלאַרן און פּלאַנירט דעם ווײַטערדיקן גאַנג פון די געשעפטן.

מײַן רײַזע האָט זיך געענדיקט, ווי אַלץ אָף דער וועלט ענדיקט זיך.

דעם 27 מאַרט 1971, פּונקט אין צוויי כאָדאָשים אַרום, בין איך אַוועקגעפלויגן פון ניו־יאָרק צוריק קיין יִסראָעל. אָפן קענעדי־אַעראָדראָם האָבן מיך באַגלייט מײַנע באַלעבאַטים. דאָס פּאַרטרויערטע פּאָנעם מײַנס, די פּעסי־מיסטישע גערזשעניש האָבן זיי אויסגעטײַטשט ווי אַ סימען פון מײַן מידקײַט.

זיצנדיק אין לײַנער און דרעמלענדיק, האָב איך זיך באַמיט צו פאַרשטיין מײַן צושטאַנד, אַנאַליזירן די מאָמענטן, וועלכע האָבן מיר די גאַנצע צײַט געשטערט, פאַרוואָס איך בין אַזוי אָפּט מיד געוואָרן און נערווירט זיך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין מיד געוואָרן צוריידן די גאַנצע צײַט אָף אַ פרעמדער שפּראַך.

קיין יִסראָעל האָב איך זיך אומגעקערט מיד און מיט שווערע אײַנדרוקן.

שוין אין צוויי טעג אַרום איז מײַן דירע גע־וואָרן פול מיט מאָסקווער פרײַנט, וועלכע זײַנען פאַר אָט די צוויי כאָדאָשים געקומען קיין יִסראָעל. זיי זײַנען נאָך אַלע געווען אין די אולפּאַנים, בלויז איך האָב געוווינט אין אַ באַ־זונדער דירע, דעריבער פלעגן זיי אַלע קומען צו מיר און זיצן קימאַט גאַנצע נעכט, ווער אָף די שטולן, ווער אָף די פענצטער, ווער אָפן דיל. קומען פלעגן אַ מענטשן 50 — 60, און דער שמועס פלעגט זיך אָנהייבן אַזוי: „ליובע, פּאַר־קאָך רוסישע טיי און ניט יִסראָעל־קאַווע"...

מיר פלעגן ריידן און ריידן און ניט קאָנען אָנריידן זיך. די הויפּט־טעמע איז געווען מײַן נעסיִע איבער פּשאַ, און אַלע מײַנע דערציילונ־גען וועגן די אַמעריקאַנער יידן פלעגן דער־גאַנצט ווערן מיט די אײַנדרוקן פון מײַנע פרײַנט וועגן די יידן פון יִסראָעל, מיט וועל־כע זיי האָבן שוין באַוויזן צו באַקאַנען זיך.

צוביסלעכווײַז האָבן אונדזערע באַגעגענישן אָנגעהויבן אָננעמען אַן אַנדער כאַראַקטער: דאָס ערשטע אָרט האָבן פאַרנומען די אָנגעווייטיקטע פראַגן — אַרבעט און דירע. יעדער נײַער צוזאַמענשטויס מיט דער קאַפּיטאַליסטי־שער סיסטעם איז פאַר אונדז געווען אַ נײַס, און צומאָל פּאַשעט אַ קלאַפּ.

אשטייגער. אַ קינד האָט זיך אָפּגעבריט מיט געקאָכטן וואַסער. לויט די אַלטע מאָסקווער רעגילעסן האָט מען זיך געוואָרפן אַרויסצורופן די גיכע הילף, נאָר מע האָט אונדז געענטפערט, אַז מיר דאַרפן ברענגען דאָס קינד אין שפּיטאָל, אַרויסרופן אַ דאָקטער אַהיים קאָסט צו טײַער. אַ שאָ צײַט האָט דאָס קינד געשריִען, די מאַמע האָט געכאַלעשט, נאָר ערשט אין אַ שאָ אַרום האָט עמעצער ראַכמאָנעס געהאַט און אָפּגעפירט אָף אַ מאַשין די עלטערן מיטן שרײַענדיקן קינד אין שפּיטאָל אַרײַן. דעם דאָקטערס ער־שטע פראַגע איז געווען: „ווער וועט באַצאָלן?" דער דאָזיקער פאַל האָט אַרויסגערופן אַ גוואַל־דיקע רעאַקציע בײַ אונדז און בײַ אַלעמען.

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז קרענקען אין יִסראָעל און ניט האָבן קיין געלט איז די שרעקלעכסטע זאַך. פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט ניט קיין געלט, זײַנען אָפן צוויי וועגן: אָדער אָף יענער־וועלט, אָדער דער ביטאָכן אָף גאָט.

יעדעס געזינד אין יִסראָעל לייגט אָפּ אַ באַשטימטע סומע געלט אָפן פאַל פון אַ קרענק.

עס איז לײַכט צו פאַרשטיין, ווי מיר אַלע זײַנען טראַוומירט געווען פון אַזאַ „מעדיציני־שער באַדינונג", — מיר, וואָס זײַנען געווען צוגעוווינט צו דער סיסטעם פון אומזיסטער היילונג אין פּסר.

יעדע ענדערונג אינעם לעבן פון אַ מענטשן רופט אַרויס אומבאַקוועמלעכקײַטן, וועלכע פאַ־דערן געדולד. דערפון איז צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ראָליע עס שפּילט פאַר מענטשן דער פאַקט פון אָפּרײַסן זיך פון דער היים־ערד, פון אַלע געוווינהײַטן און רעגילעסן און דערזען זיך אין אַ נײַער וועלט, צווישן פרעמדע מענטשן, מיט אַ פרעמדער שפּראַך, מיט אַ פרעמדער סאָציאַלער סיסטעם און פרעמדער מעלוכע־אָרדענונג.

מיר, די אימיגראַנטן, האָבן געמוזט ענדערן אונדזער געדאַנקענגאַנג, אָפּזאָגן זיך פון דעם אַלעם, צו וואָס מיר זײַנען געוווינט געווען אין מעשעך פון אונדזער גאַנץ לעבן.

איצט שטעלט זיך די פראַגע: צי קאָן ביכלאַל אַ מענטש אַזוי גיך ענדערן דאָס, מיט וואָס עס איז געווען פאַרבונדן זײַן לעבן, פאַרשטיין אַלץ, וואָס עס איז נאָך בוכשטעבלעך מיט עט־

לעכע וואָכן צוריק געווען פאר אים פרעמד און נײַ?

לויט מײַן מיינונג, איז עס אומעגלעך. דערצו פאָדערן זיך צענדליקער יאָרן. דאָס וועלן, מעגלעך, קאָנען דערגרייכן אונדזערע קינדער, און ניט מיר, וואָס האָבן שוין אָפּגעלעבט דעם גרעסטן טייל פון אונדזער לעבן.

די ציין־דאָקטוירים אין ייִסראָעל גייען דורך זייער פראקטיק בא זיך אין דער היים, ווו זיי שעמען זיך ניט, פארשטייט זיך, צו זאָגן אָפּן די פרײַז. עס איז אן עמעסער אומגליק, ווען בא א בירגער פון ייִסראָעל, וואָס האָט ניט קיין געלט, הייבט אָן וויי טאָן א צאָן.

אין ייִסראָעל זײַנען פאראן גוטע שפּיטאָלן, ווו עס ארבעטן די בעסטע דאָקטוירים פון לאנד, זיי האָבן אין זייער רעשוס מעדיקאמענטן, וועלכע קאָנען, ווי מע זאָגט עס, מאכן פון טויט לעבעדיק. נאָר אן אָרעמער מענטש קאָן אפילע ניט טרוימען וועגן ארײַנפאלן אין אזא שפּיטאָל, באקומען אזא רעפוע. דאָס געלט, וואָס ער האָט פארדינט אין מעשעך פון זײַן גאנצן לעבן, וועט אים דערוף ניט קלעקן. בא אזא סיטואציע הייבט יעדערער אָן אומגערן „צוהערן זיך", צי טוט אים עפּעס ניט וויי. דאָס ווערט בוכשטעבלעך אן אלגעמיינער פסיכאָז, יעדערער שרעקט זיך, ער זאָל ניט קראנק ווערן און בלײַבן אָן הילף.

צווישן אונדז האָט זיך פארשפּרייט אן עמעסע פּאניק, ווען די מוטער פון אינא סלעפּיאן, וואָס איז געקומען פון מאָסקווע קיין ייִסראָעל, איז קראנק געוואָרן. אינע האָט אָפּגעפירט די מוטער אין שפּיטאָל. מע האָט זי באטראכט און גלײַך אָפּגעשיקט צוריק אהיים. אין עטלעכע טעג ארום האָט אינע באקומען א בריוו, אז אין ייִסראָעל היילט מען ניט די קרענק, וועלכע מע ברענגט פון אנדערע לענדער. פונקט אזא פאל איז געווען מיט טינע בראָדעצקיס מומע, אויך א געקומענע פון מאָסקווע. ב. דראָבאָווסקאיא האָט אויך באקומען אן אָפּזאָג, ווען זי האָט געבעטן, מע זאָל געבן מעדיצינישע הילף איר מומען. אין א וואָך ארום איז די מומע געשטאָרבן.

די לאגע מיט מעדיצינישער הילף איז טאקע דאָס ערשטע, מיט וואָס עס האָט צו טאָן יעדער אוילע.

ניט ווייניקער טרויעריק איז די לאגע אין די מישפּאָכעס, ווו עס זײַנען פאראן שול־קינדער. בילדונג קאָסט דאָ זייער טײַער. בלויז איין לערן־יאָר קאָן דער אימיגראנט שיקן זײַן קינד אין שול אָן געצאָלט. דערנאָך הייבט זיך אָן א שווערער מאצעוו, ווען מענטשן זוכן געלט אף צו צאָלן סכאר־לימעד.

דער נײַער אימיגראנט קאָן אזויפיל געלט ניט קריגן. זײַנע פארדינסטן זײַנען מינימאלע. כאָטש לויט די געזעצן האָט ער רעכט צו באקומען א מאקסימאלן ארבעטסלוין אָן קיינע ארא‌פּרעכענונגען אין די ערשטע דרײַ יאָר, נאָר קיינער האָט נאָך ניט געהאט דאָס גליק צו באנוצן זיך מיט אזעלכע „להאָטעס", ווײַל גראָד אין די ערשטע דרײַ יאָר לויפט דער נײַער אימיגראנט ארום אָן אָטעם, זוכנדיק ארבעט, און דאָס בעסטע, וואָס אים גיט זיך אײַן, איז באקומען א צײַטווײַליקע ארבעט מיט א מינימאלן כוידעש־לוין, פון וועלכן מע קאָן אפילע קיין צוויי וואָכן ניט דורכלעבן זיך.

אן עמעסע קאטאסטראָפע פאר די נײַע אימיגראנטן איז די סיסטעם פון פּריוואטער אונטערנעמערישקײַט:

מע נעמט א מענטשן אף ארבעט און מע זאָגט אים קיינמאָל ניט, אף ווי לאנג מע נעמט אים. קאָלזמאן דער באלעבאָס נייטיקט זיך אין אים, האלט ער אים, דערנאָך טרײַבט ער דעם מענטשן ארויס אָן קיין שום וואָרענונג, און קיינער וועט דעם ארבעטער ניט פארטיידיקן, ווײַל דער אונטערנעמער איז בא זיך פולער באלעבאָס, קיינער קאָן אים קיין דייע ניט זאָגן. די קאפּיטאליסטישע סיסטעם איז א סיסטעם פון פּריוואטער איניציִאטיוו, און אויב א מענטש פארמאָגט ניט אזא „טאלאנט", אָדער ער פארמאָגט יאָ, נאָר ער האָט קיין געלט ניט, מעג ער אפילע אויסגיין, וועט אים קיינער ניט העלפן: ברעך דעם קאָפּ אליין און זוך אן אויסוועג פון דײַן לאגע! איז ווי קאָן א נײַער אימיגראנט זיך אן אייצע געבן מיט אויסקומעניש, אויב די שפּראך קען ער ניט, קיין געלט האָט ער ניט און קיין פארבינדונגען אויך ניט. אזא מענטש שעמט זיך מיט זײַן אומבאהאָלפנקײַט, ער הייבט אָן פילן זיך פרעמד, ווי אן איבעריקער מענטש אין אָט דער וועלט פון געלט און דאלעס. ליידער ווערן די ווערטער „היסטאָריש היימלאנד", „דאָס אייגענע פאָלק" אאוו. אלץ אָפטער ארויסגערעדט מיט א ביטערער איראָניע און מיט א באהאלטענעם ווייטעק.

דער מענטש אנטלויפט פון דער געזעלשאפט, ער פארבלײַבט אליין מיט זײַנע געדאנקען און געפילן און הייבט אָן פארשטיין, אז די גאנצע כאסענע מיטן ארויספאָרן פון סאָוועטנפארבאנד קיין ייִסראָעל איז געווען א פאטאלער טאָעס. אפילע א געוויקס, וואָס ווערט איבערגעזעצט אין א פרעמדן באָדן, הייבט אָן קרענקען און מע קאָן ניט פאָרויסזאָגן, צי עס וועט זיך אקלימאטיזירן אָדער ניט. הײַנט א מענטש, וואָס דענקט, פילט און זעט, — ווי ווירקט אף אים דער פאקט, וואָס פון אלע זײַנע ליכטיקע טרוימען האָט זיך אויסגעלאָזט א טײַך! אין ייִסראָעל זעט ער ניט קיין אייגן פאָלק, ער זעט דאָ ניט

קיין „ברידער און שוועסטער", ער זעט דאָ גאָרנישט.

די רעגירער פון ייִשׂראל זײַנען צופרידן, ווען עס קומען נײַע אוילים פונעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד, זיי ווילן אָבער בלויז אַזעלכע מענטשן, וועלכע זאָלן זיי ברענגען נוצן דאָ־גלײַך, אָן רעזערוון, דעריקער זוכן זיי ספּעציאַ־ליסטן, הויכגעבילדעטע, — מענטשן מיט וויסן און מיט גרייטקײַט אָפּצוגעבן די קויכעס. דה. מיט אייגנשאַפטן, וואָס זיי האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָבער גראָד אָט די שיינע אייגנשאַפטן פון די געוועזענע סאָ־וועטישע בירגער רופן ארויס קינעא און סינעא בא די סאַברעס פון ייִשׂראל.

וואָס איז אַזוינס ייִשׂראל? ייִשׂראל איז א מעלוכע, וווהין מיט א סאַך יאָרן צוריק זײַנען געקומען יונגע באָכערים און מיידלעך אָן קיין שום פאַך, אָן געלט, אָן פאַמיליעס, נאָר מיט אַן אידיי — ציִעניזם.

מע דאַרף זאָגן, אַז אָט די יוגנט האָט אין יענע יאָרן, אין אָט דעם שרעקלעכן קלימאַט, אָן וואַסער, מיט אידעאַליזם געבויט א לאַנד אַף שטיינער און שטויב.

זיי האָבן כאַסענע געהאַט, געהאָדעוועט קינ־דער, די קינדער געשיקט לערנען קיין אַמערי־קע, קיין לאָנדאָן, פּאַריזש, אַליין זײַנען זיי געבליבן אַפּן אַלטן ניוואָ. אייניקע פון זיי זײַנען געוואָרן רײַך.

איצט האָבן זייערע קינדער זיך אומגעקערט, זיי זײַנען איצט די וויסנשאַפטלעכע און ווירט־שאַפטלעכע פּניי פון ייִשׂראל, און זייערע אַלטע עלטערן ווילן ניט דולדן, אַז טאַלאַנט־פולע אוילים זאָלן צונעמען בא זיי זייערע פּאָ־זיציעס. די קינדער זײַנען שוין דירעקטאָרן, פּראָפעסאָרן, זיי וועלן שטאַרבן אין זייערע קאַבינעטן, נאָר קיין נײַע מענטשן וועלן זיי אַהין ניט אַרײַנלאָזן. זיי, און נאָר זיי, זײַנען די „באַלעבאַטים פונעם לאַנד".

דער הײַנטיקער ייִשׂראל — דאָס איז פּאַקטיש א שטעטל פון שאָלעם־אַלייכעמס צײַטן, אָבער א שטעטל מיט מאָדערנע מאַסשטאַבן. דער כאַ־לעק באַשטייט דערין, וואָס אין שאָלעם־אַליי־כעמס שטעטל איז געווען איין נאָגיד, אין ייִשׂראל זײַנען דאָ פיל נעגידים, נאָר לויט דער אַכזאָריעס, לויט דער קולטורלאָזיקײַט, לויט דער האַרצלאָזיקײַט זײַנען די נעגידים פון ייִשׂראל אוועק א סאַך ווײַטער פון די נעגידים פון שאָלעם־אַלייכעמס צײַטן.

ייִשׂראל איז א מאָדערנע מעלוכע און שטייט העכער פון די שאָלעם־אַלייכעמס קליינשטעט־לעך: דאָרט זײַנען ניט געווען קיין פּראָסטי־טוטקעס, נאַרקאָמאַנען, רויבער פון בענק, שאַנד־הײַזלעך. אין די אַמאָליקע קליינשטעט־לעך האָט מען אַף יעדן ראָג ניט פאַרקויפט

קיין פּאָרנאָגראַפישע זשורנאַלן, וועלכע דע־מאָנסטרירן ליבע־פּאָזעס (עס קויפן זיי קינדער פון אַלע עלטערס). דאָ איז צום אָרט צו ברענ־גען די ווערטער פון אַן אַמעריקאַנער מיליאָ־נער, וואָס איז 20 יאָר ניט געווען אין ייִשׂראל. ער האָט געזאָגט: „איך כידעש זיך אַף דער געניטקײַט, מיט וועלכער ייִשׂראל האָט פאַר די 20 יאָר אַנטוויקלט בא זיך אַזאַ גרויסע צאָל קאַפּיטאַליסטן און בעטלער, פּראָסטיטוטקעס און אַפּיִום־רייכערער". דאָס איז א פולשטענדיקער עמעס. אַף די בעטלער אין ייִשׂראל איז א שרעק צו קוקן. אין די גאַסן שטייען מענטשן מיט טאָוועלעך אַף דער ברוסט: „שוין דרײַ טעג ניט געגעסן", „צוויי וואָכן אָן מיטיק". פאַר־בײַ זיי גייען דורך רײַכע מענטשן מיט זאַטע פּענעמער און קוקן גלײַכגילטיק אַף די אומ־גליקלעכע. פון אַזאַ גלײַכגילט גייט דורך א פראָסט איבערן לײַב. קורץ, עס איז קלאָר ניט קיין מוז צו מאָלן אַלע כעסרוינעס פון ייִשׂראל, קעדיי צו קאָנען זאָגן דאָס, וואָס איך האָב דאָ געוואָלט זאָגן.

טיף און אַלזײַטיק דורכגעטראַכט מײַן לעבן אין ייִשׂראל, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין דאָ א פרעמדע, אַז איך וועל זיך דאָ ניט קאָנען אײַנלעבן, איך בין באַגאַנגען א שרעק־לעכן פעלער, עס איז ניט מער ווי א מיספאַר־שטייעניש, וואָס איך געפין זיך אין ייִשׂראל. וואָס זשע דאַרף איך טאָן? וואָס פאַרנעמען?

פאַר מיר איז געווען אָפן א גאַנצע וועלט, איך האָב געקאָנט פאָרן אין וועלכן לאַנד איך וויל, איך האָב געזען, ווי צענדליקער מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען פונעם סאָוועטנפאַר־באַנד, זײַנען זיך צעפאָרן איבער פאַרשיידענע לענדער. מיר איז אָבער געווען קלאָר, אַז אין וועלכן לאַנד איך זאָל ניט פאָרן, וועל איך ווידער מוזן ריידן אַף א פרעמדער שפּראַך, דערנידעריקן זיך און צופּאַסן זיך צו א פרעמדן לעבנס־סיידער, ווידער פאַרבלײַבן א פרעמדע צווישן פרעמדע.

דער באַשלוס איז געקומען פלוצלינג, אָן קיין שום אייצעס פון דער זײַט, אָן קיין שום דרוק פון וועמען־ניט־איז, ער איז געווען א רעזול־טאַט פון די אייגענע געדאַנקען און געפילן, — איך האָב באַשלאָסן אויסצוקלײַבן איין וועג: פאָרן אַהיים, קיין מאָסקווע.

היימלאַנד. אָט דאָס וואָרט האָט פאַר מיר איצט געקלונגען גאָר מיט אַן אַנדער קלאַנג, עס האָט באַקומען בא מיר גאָר אַן אַנדער זין, אַן אַנדער באַטײַט. דײַן היימלאַנד איז דאָרט, ווו אַלץ איז אייגן, היימיש, געוויינלעך — די שטעט, די גאַסן, די פאַסאַדן פון די הײַזער, דער קלימאַט, דער לעבנסשטייגער, — ווו מע קאָן ריידן און לייענען אַף דער שפּראַך, צו וועלכער דו ביסט געוווינט פון דער וויג אָן,

אַף דער דאַזיקער שפּראַך זען פילמען און ספּעקטאַקלען.

קימאַט צוויי יאָר צײַט האָב איך זיך געפילט, ווי איך וואָלט טראָגן אַ שטײַף פאַרצויגענעם קאָרסעט. איך בין געווען טויט־מיד. איך האָב געכאַלעשט אָנטאָן מײַן באַקוועם, זאָל זײַן אַלט היימיש כאַלאַטל, אַף די פיס — שטוביקע סאַנ־דאַליעס, אוועקזעצן זיך אין מײַן געווינטן ווייכן שטול, ווו איך פיל זיך אַזוי רויִק, טראַכטן, לייענען און שמועסן, — קורץ, פילן זיך אין דער היים. מע זאָגט דאָך: „ער פילט זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער”, ווײַל דאָס וואַסער איז פאַרן פיש די היים. דער מענטש, וועלכער פאַרלאָזט זײַן היים, איז געגליכן צו אַ פיש, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַף דער יאַבאָשע, ער ווערט דערשטיקט, האָט ניט מיט וואָס צו עטעמען. איך געדענק, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, פלעגט מיך מײַן מאַמע לערנען: געפעלן ווערן אַלעמען קאָן מען ניט, דעריקער איז — זײַן שטענדיק ריין און אופ־ריכטיק פאַר דעם אייגענעם געוויסן.

שרײַבנדיק די דאָזיקע נאָטיצן, קאָנטראָליר איך זיך זעלבסט און מײַן געוויסן, און איך קאָן זאָגן, אַז איך בין איצט אַבסאָליוט ריין און אופריכטיק, איך פיל אויס מײַן כּיוו בע־געגייע צו זיך זעלבסט, איך דערצייל דעם עמעס.

נײַן, איך וויל וווינען נאָר אין סאָוועטנפאַר־באַנד, ניט ערגעץ אַנדערש. איך וויל, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד זאָל אַלעמען זײַן גוט, עס זאָלן ניט זײַן קיין מילכאָמעס, עס זאָלן ניט זײַן קיין טשינאָווניקעס און ביוראָקראַטן, אַלע מענטשן זאָלן זײַן ליב און פרײַנטלעך איינער צום צווייטן, זיי זאָלן טײַער האַלטן זייער היימלאַנד און שטענדיק געדענקען, אַז אַ פיש אַף דער יאַבאָשע ווערט דערשטיקט.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם פּע־ריִאָד, ווען איך האָב זיך געשטיקט, ניט געהאַט מיט וואָס צו עטעמען. איך געדענק מײַן באַ־גײַסטערונג, ווען איך בין אַרויסגעפאָרן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, ווען איך האָב פאַרהאַסט יענע אַלע, וואָס האָבן מיר געפּרווּט שטערן, ניט לאָזן אַרויספאָרן. איך געדענק מײַנע מע־ליצעדיקע פראַזעס: „איך פאָר קעדיי צו טיילן דעם גוירל פון מײַן פאָלק”, און אַנדערע, און מיר הייבט אָן פון זיי צו עקלען, ווײַל איך קאָן ניט האַלטן אַלס מײַן פאָלק אַ פאָלק, וואָס איז דערצויגן געוואָרן גאָר אַף אַן אַנדער אופן, אין אַן אַנדער וועלט, פונקט ווי איך קאָן ניט האַלטן אַלס מײַן היימלאַנד אַ פרעמד לאַנד, וואָס איך האָב עס קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען, — זאָל זײַן אַפילע, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד איז געווען דאָס היימלאַנד פון מײַנע אָוועס.

איך האָב שטענדיק געהאַלטן, אַז מײַן פאָלק טיילט זיך אויס מיט זײַן גוטהאַרציקײַט, מיט קענען פאַרשטיין אַ צווייטן, ווי איך האָב דאָס געזען צווישן די ייִדן אין רוסלאַנד.

אין ייִסראָעל זײַנען פיל מענטשן מאַמעש מיט פאַרשטיינערטע הערצער, זיי זײַנען גלײַכ־גילטיק צו אַלץ און צו אַלעמען. ניט גלײַכגיל־טיק זײַנען זיי צו געלט. איך האָב אָפט געהערט אין ייִסראָעל, ווי מע זאָגט: „ער איז אַ גאָלדע־נער מענטש, ער פאַרמאָגט עטלעכע מיליאָן”. איך האָב אָבער זעלטן געהערט, מע זאָל זאָגן אַף עמעצן, אַז ער איז אַ גאָלדענער צוליב זײַן האַרץ, צוליב זײַנע מענטשלעכע אייגנשאַפטן. נײַן, די שיינע אייגנשאַפטן מאַכן אין ייִסראָעל קיין אײַנדרוק ניט, ווײַל אַ מענטש ווערט דאָרט געשאַצט לויט זײַן טײַסטער — וויפל געלט ער פאַרמאָגט. ווי זשע קאָן אַן אוילע אויסרעכענען אַף אַ גוטער באַציִונג צו זיך, אויב זײַן פאַרדינסט, ווען ער קריגט שוין אַר־בעט, באַטרעפט סאַכאַקל 400 — 500 פונט, דה. אַ סומע, וואָס קאָן קלעקן בלויז אַף וואַסער צו דער קאַשע.

דער אוילע וועט שטענדיק שטיין אַף אַ ניי־דעריקערן שטאַפּל איידער דער סאַברע, ער וועט געהערן צו די מענטשן פון צווייטן סאָרט. (די דאָזיקע ווערטער האָט מיר געזאָגט איינער אַ מיטאַרבעטער פונעם מאָסקווער „אָוויר”, נאָר איך האָב דאַן געמאַכט זיך ניט הערנדיק). דער אוילע וועט קיינמאָל ניט קאָנען לעבן אין ייִס־ראָעל אַזוי, אַז מע זאָל אים האַלטן פאַר אַ בעקאָוועדיקן מענטש, און דאָס איז ניט דער־פאַר, וואָס ער פאַרשטייט ניט, ווי־אַזוי צו לעבן, נאָר ווײַל אים פעלט געלט אַף צו לעבן.

לאָמיר, אַשטייגער, נעמען אַזאַ זאַך, ווי אַ טעלעפאָן אין שטוב. אַן אַרבעטנדיקער מענטש קאָן זיך דאָס בעשום־אויפן ניט פאַרגינען. פאַר אײַנשטעלן אַ טעלעפאָן דאַרף מען באַצאָלן 450 פונט, דה. קימאַט אַ פולן כוידעשדיקן אַר־בעטסלוין. און ווען מע האָט שוין אין שטוב אַ טעלעפאָן, דאַרף מען צאָלן פאַר אים ניט בלויז אַ באַשטימטע סומע יעדן כוידעש, נאָר אויך אַ באַשטימטע סומע פאַר יעדן געשפּרעך, ווי מע וואָלט גערעדט דורך אַ טעלעפאָן־אווטאָמאַט.

באַזאָרגן זיך אין ייִסראָעל מיט אַן אייגענעם אווטאָ קאָן אויך נאָר אַ מענטש מיט גרויסע געלטער — בענזין קאָסט זייער טײַער, די באַ־דינונג פון דער מאַשין, אַפילע אויב איר נוצט זיך מיט איר ניט, קאָסט 250 פונט אַ כוידעש, פאַרן קלענסטן רעמאָנט דאַרף מען באַצאָלן 300 פונט און טײַערער. איז ווי־אַזוי לעבן טאַקע די מענטשן, וועלכע האָבן אַ טעלעפאָן אין שטוב און אַן אווטאָ אין גאַראַזש? דער ענט־פער איז אַ פּאַשעטער: זיי לעבן גוט, ווײַל זיי זײַנען רײַך און לייגן אַרײַן זייער געלט, טאַקע

גרויסע סומעס, אין די בענק פון דער שווייץ, פון ייִסראָעל, פון ענגלאנד. פאר אזעלכע מענטשן זייַנען די הויצאָעס אף א טעלעפאָן און אף אן אווטאָ ווערט א שפּיַי. אָבער ניט זיי ליגן מיר אין זינען, איך טראכט וועגן די סאָוועטישע ייִדן, וואָס פארלאָזן דעם סאָוועטנפארבאנד און קומען צו פאָרן קיין ייִסראָעל, וועגן די ייִדן, וועלכע פארלירן אלץ, וואָס זיי האָבן אָנגעזאמלט אין זייער לעבן.

אז אן אוילע קומט קיין ייִסראָעל, מוז ער אָנהייבן זייַן לעבן פונדאָסנייַ. אזעלכע מענטשן זעען דאָרט אויס נעבעכדיק און אומבאהאָלפן, און די סאברעס קוקן אף זיי און קוויקן זיך.

ווען די אייַנוווינער פון ייִסראָעל אָדער פון אמעריקע פלעגן מיך פרעגן: וויִאזוי לעבט איר אין רוסלאנד, אז מע שטייט אין די רייען אף צו קויפן א דעפיציטע זאך? — פלעג איך זיי ענטפערן: „אָט אזוי לעבן מיר, מיר שטייען אין די רייען, צומאָל קריגן מיר זיך אפילע, נאָר קיינער איז נאָך דערפון ניט געשטאָרבן. דערפאר אָבער ווען א מענטשן כאפּט אָן אין גאס א קרענק־אטאק, דערהערט איר גלייַך די סיגנאלן פון דער מאשין פון גיכער הילף, פרעמדע מענטשן הייבן אוף דעם כוילע, טראָגן אים פאָרזיכטיק אריַין אף א טראָגבעטל אין דער מאשין. איר וועט אף די גאסן פון די סאָוועטישע שטעט קיינמאָל ניט זען קיין מענטשן מיט צוגעקלעפּטע טאָוועלעך „דרייַ טעג ניט געגעסן”.

ניטאָ אף דער וועלט קיין לאנד, וואָס זאָל ניט האָבן זייַנע פּראָבלעמען, זייַנע שווערייקייטן. ווען איך זע בא זיך אין לאנד כעסרוינעס, ווייס איך, ווּהין צו גיין, וואָס ריידן, ווּ צו זוכן הילף. איך ווייס, אז איך האָב ווער עס זאָל מיך פארטיידיקן. אין א פרעמד לאנד אָבער קאָן איך ניט געפינען אפילע דאָס אָרט, ווּהין איך קאָן אָנגעבן מייַן גערעכטע פאָדערונג. ווען בא זיך אין לאנד דריקט א מענטש אויס זייַן אומצופרידנקייַט מיט עפּעס אָדער מיט עמעצן, איז דאָס נאטירלעך. א זון קלאָגט זיך פאר דער מאמען, א מאמע שרייַט אמאָל אָן אף איר קינד, ווייַל זי וויל, אז עס זאָל טאָן נאָר גוטס. אין א פרעמד לאנד אָבער קאָן דער עמיגראנט אפילע ניט באקלאָגן זיך, אויסריידן דאָס הארץ, ווייַל אויב ער וועט זיך נעמען קלאָגן, וועט מען בא אים גלייַך פרעגן: „פארוואָס ביסטו געקומען אהער? ווער האָט דיך אהער גערופן?” און טאקע — צוליב וואָס איז ער געפאָרן? ווער האָט אים גערופן?

איך קלייַב זיך ניט שרייַבן קיין מוסער, קיין פּאטעטישע רופן צו יענע, וועלכע ווילן פאָרן קיין ייִסראָעל. איך דארף דאָס ניט. גענוג צו ברענגען מייַן דערפארונג פון צוויי יאָר געפינען זיך אין אויסלאנד.

אלעקסאנדער ווערטינסקי האָט נאָכן אומקערן זיך פון דער עמיגראציע צוריק אהיים, ערעוו זייַן טויט, אָנגעשריבן א ליד „טעכטערלעך מייַנע”. אין אָט דער ליד איז פאראן אזא פראזע: „דער איקער איז, וואָס די טעכטער וועלן האָבן א היים”. אין רוסלאנד האָט די דאָזיקע ליד קיינמאָל ניט געקלונגען פאר מיר מיט אזא קראפט, ווי זי קלינגט דאָ, אין דער פרעמד. אין מייַן שטוב אין ייִסראָעל האָט שוין ניט איין צענדליק מענטשן פארגאָסן ביטערע טרערן איבער דעם פינצטערן גוירל פון אן עמיגראנט, איבער זייערע אָפּגענארטע האָפענונגען.

אין דער ערשטער צייַט פון מייַן געפינען זיך אין ייִסראָעל האָט זיך מיר געוואָלט אָנשרייַבן צו מייַנע באקאנטע ייִדן אין מאָסקווע וועגן דעם אלעם, וואָס איך האָב דאָ געזען. נאָר איך האָב געוווּסט, אז די מענטשן, וועלכע זייַנען פאנאטיש אריַינגעטאָן אין זייער אידיי ארויסצופאָרן קיין ייִסראָעל, וועלן מיר ניט גלייבן. איצט איז מיר לייַכטער צו ריידן וועגן דעם, ווייַל אין ייִסראָעל גופע זייַנען שוין פאראן פיל ייִדן, וועלכע זייַנען געקומען פון פּסר, און זיי האָבן דערזען, ווּהין זיי זייַנען אריַינגעפאלן.

איך האָב פריִער געזאָגט, אז פיל פון די אוילים זייַנען זיך צעפאָרן אין אנדערע לענדער. אָבער, ניט געפינענדיק דאָרט קיין ארבעט, קיין מיטלען צום לעבן, האָבן זיי, מידע, הונגעריקע, היימלאָזע, זיך געמוזט אומקערן קיין ייִסראָעל. איך בין איבערצייַגט, אז א סאך פון זיי וועלן ניט קארגן קיין קויכעס, קעדיי אומקערן זיך אין זייער עמעסער היים, אין סאָוועטנפארבאנד. און דער פאקט פון אומקערן זיך איז אָן א שיר וויכטיקער איידער דער פאקט פון ארויספאָרן, ווייַל, אז א מענטש באשליסט צו אומקערן זיך, טוט ער עס ניט אונטער דער ווירקונג פון אגיטאציע, אומפאראנטוואָרטלעכע קלאנגען, ראדיִאָ־רעפּאָרטאזשן, נאָר ער טוט דאָס אופריכטיק, מיטן גאנצן הארצן, פארשטייענדיק דעם אבסורד און אומזין פון זייַן אוועקפאָרן.

איך בין א מענטש, וואָס האָט ניט קיין באזונדערן אינטערעס צו פּאָליטיק, מיך ציט ניט דערצו. מע דארף אָבער ניט זייַן קיין גרויסער קענער צו פארשטיין, אז די סיסטעם פון פילפארטייִשקייַט באזירט זיך דערויף, אז יעדער מיטגליד פון וועלכער־ניט־איז פּארטיי האלט זיך מינימום בא די פּרינציפּן פון דער דאָזיקער פּארטיי. און וואָס האָב איך געזען אין ייִסראָעל, ווּ עס עקזיסטירט די סיסטעם פון פילפּארטייִשקייַט? בוכשטעבלעך אין די ערשטע טעג פון מייַן קומען אין לאנד האָט מען מיך פאר־

1—164

שאָטן מיט פּראָפּאַגאַנדע־בלעטלעך פון פאַרשיידענע פּאַרטייען, און יעדע פון די דאָזיקע פּאַרטייען האָט מיך גערופן צו זיך (אַזוי טוט מען מיט יעדן אוילע).

ווען איך האָב געבעטן גאַנץ ערנסט, מע זאָל מיר דערציילן וועגן די פּראָגראַמען און צילן פון די פּאַרטייען, האָבן מענטשן געלאַכט אין די הויפנס. דער ציל פון יעדער ציוניסטישער פּאַרטיי איז — האָבן אין איר באַשטאַנד וואָס מער מיטגלידער, די איבערצײַגונגען אירע אינטערעסירן קיינעם ניט, אויסער די לידערס.

יעדע פּאַרטיי קויפט (אין פולן זין פון וואָרט) מענטשן, פאַרלייגנדיק געלט, אַרבעט אאַו. ווען קיין ייִסראָעל קומט אַ מענטש פון פשאַ אָדער פון אַן אַנדער לאַנד, ווו עס הערשט אויך די סיסטעם פון פילפּאַרטייִשקײַט, איז דאָס פאַר אים ניט קיין נײַס, אָבער פאַר געוועזענע סאָוועטישע מענטשן קלינגט עס ווילד און מעשונע. דעריבער באַמיִען זיך די לידערס פון אַלע פּאַרטייען, ווען זיי באַגעגענען זיך מיט געוועזענע סאָוועטישע מענטשן, אויסנוצן זייער נאַיוּוקײַט און אומבאַקאַנטשאַפט אין די דאָזיקע פראַגן.

עס פלאַמט מיר דאָס פּאָנעם פאַר כאַרפּע, ווען איך דערמאָן זיך די ערשטע דעמאָנסטראַציע אין טעל־אַוויוו, וועלכע איך האָב געזען גלײַך נאָך מײַן קומען אַהין. ביז דעמלט האָב איך געמיינט, אַז אין דער „פרײַער" וועלט באַציט מען זיך צו אַ דעמאָנסטראַציע ערנסט. אין דער פּראַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן עפּעס אַנדערש. אַף איינעם פון די פּלעצער אין טעל־אַוויוו האָט מען אויפגעשטעלט אַ קליינינקע טריבונע, און פון איר האָט גערעדט אַ „טוער", וואָס איז געקומען פון ריגע, — יוסף יאַנקעלעוויטש. אין רוסלאַנד איז ער געווען אַן איינפאַכער ספּעקולאַנט, וועמען מע האָט ניט באַוויזן צוציִען צו קרימינעלער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, און אין ייִסראָעל איז ער געוואָרן אַ „פּאָליטישער טוער".

אַרום דער טריבונע זײַנען געשטאַנען עטלעכע צענדליק מענטשן, און יאַנקעלעוויטש האָט עפּעס געשריִען (ליידער האָב איך ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, ווײַל איך פאַרשטיי ניט קיין איוריט). מענטשן זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען און פאַרבײַגעפאָרן אָט דאָס אָרט און מיט עקל געקוקט אַף דעם אַלעם, קיינער האָט קיין שום אינטערעס צו דער דעמאָנסטראַציע ניט אַרויסגעוויזן. מיט וואָס די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געענדיקט, ווייס איך ניט. עס זעט אויס, אַז יאַנקעלעוויטש און אַזעלכע ווי ער האָבן געפונען פאַר זיך אַ נײַע אַרבעט, ווײַל אין ייִסראָעל לוינט זיי ניט צו ספּעקולירן פון אונטער דער פּאָלע.

איידער איך בין אַרויסגעפאָרן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, ווען איך פלעג לייענען אין די צײַטונגען וועגן אַרבעטער־שטרײַקן אין אויסלאַנד, פלעג איך זאָגן, אַז דאָס קומט פאַר דערפאַר, ווײַל דאָרט האָט יעדער מענטש די פרײַהייט צו שטרײַקן און פאָדערן, וואָס ער האַלט פאַר נייטיק.

אין אויסלאַנד האָב איך געזען שטרײַקן אין ייִסראָעל און אין אַמעריקע.

אין ייִסראָעל האָבן אַנומלטן געשטרײַקט מעדיצינישע שוועסטער. אין טעלעוויזאָר האָט מען געקאָנט זען, ווי די קראַנקן־פּאַלאַטעס אין די שפּיטאָלן זײַנען פוסט, די קרויווים פון די כאַלאָיִם האָט מען געבעטן צונעמען די קראַנקע. איינציקע געפערלעך־קראַנקע האָט מען געמוזט אוועקפירן צוזאַמען מיט די בעטן. דאָס איז געווען אַ ברוטאַל בילד, דאָס האַרץ האָט מאַמעש געגנאַגט פון ווייטעק. און דאָס אַלץ איבער דעם, וואָס די אַדמיניסטראַציע זאָגט זיך אָפּ צו העכערן אַף אַ 50 פונט אַ כוידעש (אַרום 12 רובל) דאָס געהאַלט פאַר די נידעריק באַצאָלטע מעדיצינישע שוועסטער.

ווען מע זאָל ריידן באַטראַכט און רויִק, קאָן מען זאָגן, אַז אויב אָפּן נאָענטן מיזרעך וועט אײַנגעשטעלט ווערן אַ שאָלעם, וועט ייִסראָעל אין אַ יאָר 40 — 50 אַרום זײַן אַן אַנטוויקלט און קולטורעל לאַנד. הײַנט אָבער איז אין ייִסראָעל ניטאָ קיין קולטור, און עס ווערט געשאַפן אַן אײַנדרוק, אַז זי איז קלוימערשט ניט נייטיק.

ייִסראָעל דאַרף הײַנט האָבן סאָלדאַטן און קאָמערסאַנטן, וואָס פאַרשטייען די ספּעציפיק פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אינזשעניערן און דאָקטוירים איז אין דער קליינער מעלוכע פאַראַן אַזויפיל, אַז עס איז ניטאָ ווו אַהינטאָן זיך מיט זיי (איך רעד דאָ וועגן די אינזשעניערן און דאָקטוירים צווישן די אוילים). די מענטשן קאָנען ניט געפינען קיין אַרבעט לויט זייער פאַך דעריקער דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען געקומען פון רוסלאַנד. דאָס קלינגט פּאַראַדאָקסאַל, אָבער אַזוי איז עס. אוילים, געקומענע פון סאָוועטנפאַרבאַנד, קאָנען זיך ניט אײַנלעבן מיט די פּריוואַטע אונטערנעמער, ווײַל אַ מענטש, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דער סיסטעם פון סאָציאַליזם, וועט קיינמאָל ניט קאָנען אויפריידן זיך מיט אַ פּריוואַטן באַלעבאָס. דאָס איז טרויעריק, נאָר אַ פאַקט.

ניט צוליב שיינע ווערטער, ניט קעדיי געפינען כיין אין די אויגן פון דער סאָוועטנמאַכט, נאָר צוליב דעם עמעס מוז מען אָנערקענען, אַז בלויז די סאָוועטנמאַכט האָט געגעבן די ייִדן די מעגלעכקײַט צו זײַן גלײַכבאַרעכטיקט מיט אַלעמען. ייִסראָעל איז ניט קיין לאַנד פאַר אַלע ייִדן. איך קאָן ניט זאָגן, פאַרוואָס דאָס

איז אזוי, נאָר די ייִסרעיילים האַלטן זיך פאַר מיטגלידער פון עפעס א קאַסטע, וועלכע שטייט העכער פון די ייִדן. אונדז, די ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, רופן זיי יעהודים (יהודים) און זייער אייגענע נאַציאָנאַליטעט רופן זיי ייִסרעיילים (ישראלים).

איך בין זיכער, אז יעדער ייִד, וואָס פאַרלאָזט זײַן היימלאַנד און פאָרט קיין ייִסראַעל, וועט זייער גיך כאַראָטע האָבן, ער וועט פאַרשילטן דעם טאָג, ווען ער האָט דאָס געטאָן.

ווי געזאָגט, בין איך געווען אין אַמעריקע, אין קאַנאַדע, אין פאַריזש, אין בעלגיע, און אומעטום האָב איך מעקאַנע געווען די מענטשן, וואָס לעבן אַף זייער ערד, אין זייער לאַנד, ריידן אַף זייער שפראַך. איך האָב זיך געפילט צווישן זיי ווי א פרעמדע, ווי אן אָרעמע קרויווע, א וואַנדער־פויגל, וואָס קיינער דאַרף מיך ניט. זײַענדיק ווײַט פון מײַן היימלאַנד, האָב איך עס דערזען אין גאָר אן אַנדער שײַן.

איך געדענק, ווי געדולדיק מע האָט מיט מיר גערעדט אין מאָסקווע, אין „אָוויר". אייניקע מיטאַרבעטער פונעם „אָוויר" האָבן מיר אָפן געזאָגט, אז כאָטש זיי טרעטן איבער די גרענעצן פון אָפיציעלע אונטערהאַנדלונגען, האַלטן זיי פאַר נייטיק צו געבן מיר א מענטשלעכע אייצע, איך זאָל זיך ניט אָוועקלאָזן אין דער פרעמד. איך בין אָבער געווען אָפגעסאַמט, צו קיינעמס רייד האָב איך זיך ניט צוגעהערט און געהאַנדלט אזוי, פונקט ווי כ'וואָלט אליין זיך אומדערבאַרעמדיק באַשטראָפט.

די לעצטע צײַט זײַנען געקומען קיין ייִסראַעל פיל ייִדן פון גרוזיע. אין זייערע קײַלעכדיקע היטלען מיט גרויסע ברילעקעס, אין וועלכע זיי האָבן אזוי שטאָלץ געשפאַנט איבער די מאָסקווער גאַסן און אין די אָוונטן געפראַוועט ליאַמעס אין רעסטאָראַן „אַראַגוואַ" אָפן סאָוועטן־פלאַץ, דרייען זיי זיך איצט אַרום אין די קאָרידאָרן פון סאָכנוט. ניט קענענדיק די שפראַך פון דער מדינה, פרוּוון זיי מיט דער הילף פון פינגער־מימיק דערציילן די ייִסרעיילישע טשינאָווניקעס וועגן זייערע פראָבלעמען, וועלכע זיי האָבן אזוי לײַכט און פּאַשעט געלייזט אין זייער זוניקער גרוזיע. קיינער פאַרשטייט זיי ניט, מע רעדט מיט זיי גראָב, נערוועז. דאָס האַרץ ווערט צעריסן קוקנדיק אַף אָט די מענטשן, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייער פרײַערדיקע זיכערקײַט, רויִנירט געוואָרן, אוועקשלעפנדיק זיך מיט זייערע גרויסע מישפּאָכעס אינעם אויסגעטראַכטן „היימלאַנד". זיי גייען אַרום אין דער געבײַדע פונעם „סאָכנוט", שטאַמלען, בעטן זיך בײַ די האַרצלאָזע טשינאָווניקעס, קריכן פון דער הויט, קעדיי עפעס דערקלערן, דערציילן, נאָר אַלץ אומזיסט — מע פאַרשטייט זיי ניט. צי דען האָבן זיי זיך גערעכט, אז פון אַלע זייערע אילוזיעס וועגן דער „הייליקער ערד" וועט זיך אויסלאָזן א טײַך? זיי זײַנען אויך קאָרבאָנעס פון דער אַזאַרטשפיל, אין וועלכער עס האָט זיך אײַנגעשלאָסן א צאָל ייִדן. בלויז יענע, וואָס זײַנען שוין אין ייִסראַעל, ווייסן, צו וואָס פאַר א סאָף די שפיל ברענגט, ווי טײַער זי קאָסט אָפ. א גרויסע שולד טראָגט דאָ די פראָפאַגאַנדע פון דער ראַדיאָסטאַנציע „קול ישראל", די פאַלשע, פרעכע פראָפאַגאַנדע. ביז איצט קלינגט אין מײַנע אויערן די ראַדיאָ־שטים פון גאָלדע מעיִר: „עס איז געקומען די צײַט, ווען מיר וועלן ניט לאָזן באַוואוּלען די ייִדן". פון וועמען, אייגנטלעך, האָט זי אונדז פאַרטיידיקט? מיר האָבן געלעבט אין לאַנד פון אונדזער געבוירן, געווען גוט אײַנגעאָרדנט, זיכער מיט אונדזער מאָרגעדיקן טאָג... פאַרוואָס הערט מען איצט ניט איר שטים אין ייִסראַעל, פאַרוואָס פאַרטיידיקט זי ניט די געוועזענע סאָוועטישע בירגער קעגן דעם ווילקיר פון די קאַפיטאַליסטן, באַנקירן און אַנדערע שראַצים, פון וועלכע עס לײַדן אזוי די מענטשן?

זי האָט איר זאַך שוין אָפגעטאָן, פאַרשלעפט מענטשן אין קאַפקאַל, און מער אינטערעסירן זיי זי ניט. סאַראַ כאַרפע! סאַראַ שאַנדע! באַקן אַזעלכע ליגנס! אַרויסשטעלן זיך פאַר א וווילער באַבעניו! ניט די ייִדן וועלן איר מויכל זײַן, ניט די געשיכטע וועט פאַרגעסן צו באַצאָלן איר און די אַנדערע ייִסראַעל־רעגירער דאָס, וואָס זיי קומט, פאַר רויִנירן מענטשלעכע לעבנס, פאַר אומזיסטע טרערן און לײַדן!

א צײַטונג אַף איוורית קאָסט אין ייִסראַעל פיר מאָל טײַערער איידער א צײַטונג אַף רוסיש. די ייִסרעיילים זאָגן: „דאָס איז דאָך פאַר די אָנגעפאָרענע פון רוסלאַנד, זיי זײַנען קאַפצאָנים, ווי קומט צו זיי געלט?" עס איז לײַכט צו פאַרשטיין, וויפל ביטל עס ליגט אין אָט די רייד. די ייִסרעיילים האָבן קיין ברעקל אנונג ניט וועגן דעם לעבן אין הײַנטיקן רוסלאַנד, זיי ווייסן אפילע ניט קיין עלעמענטאַרע זאַכן און קוקן אָפן ריזיקן, קולטורעלן, שטאַרקן סאָוועטנפאַרבאַנד, ווי מע האָט אַף אים געקוקט אין די 20־ער יאָרן. זיי פרעגן, לעמאָשל, בײַ די געקומענע, צי קאָנען די ייִדן אין רוסלאַנד פרײַ פאָרן אין די גרויסע שטעט? צי זײַנען אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאַראַן רעסטאָראַנען, ווו מע באַדינט ייִדן? צי אַרעסטירט מען ניט א ייִדן, ווען ער רעדט אַף ייִדיש? די ערשטע צײַט פלעג איך פון אַזעלכע אידיאָטישע קאַשעס ווערן אופגעבראַכט, איך פלעג שיר ניט וויינען. דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אז דאָס זײַנען בלינדע מענטשן. וואָס ווייסן זיי וועגן אונדזער לעבן?

שווער איז צו קוקן אין ייִסראָעל אַף מענטשן, וועלכע זײַנען עלטער פון 40 יאָר. מע האלט זיי פאר זקיינים, און קיינער פון די פאבריקאנטן וועט זיי אַף ארבעט ניט נעמען, מעגן זיי זײַן כאָטש די גרעסטע ספּעציִאליסטן. דער מוטער פונעם פיזיקער וו. זאנד, וואָס איז געקומען פון מאָסקווע, האָט מען פאָרגעלייגט ווערן א דינסט אין דער שטוב פון אן אמעריקאנער פאבריקאנט. ווען זי האָט זיך באליידיקט און זיך אָפּגעזאָגט, האָט מען זיך געכידעשט: „סטײַטש, עס איז דאָך א קאָוועד צו ארבעטן בא א מיליִאָנער”. א צווייטע פרוי, אויך פון מאָסקווע, א מעדיצינישע שוועסטער, האָט אײַנגענומען סאם, ווען מע האָט איר געזאָגט, אז זי איז שוין אלט. איך געדענק, ווי אין די ערשטע טעג נאָך אונדזער קומען קיין ייִסראָעל בין איך מיטן מאן געגאנגען איינמאָל אפּן מארק און געזען, ווי א מענטש פון א יאָר 50 הערט זיך צו, ווער עס רעדט רוסיש, און גייט צו בעטן א נעדאָווע. ער איז צוגעגאנגען אויך צו מיר מיטן מאן און דערציילט, אז ער איז א ריגער, צוליב זײַן עלטער נעמט מען אים ניט אַף ארבעט.

פונעם ייִסראָעלדיקן לעבנסשטייגער דרינגט ניט ארויס, אז מענטשן, וואָס טרעפן זיך, זאָלן ווערן נאָענטע פרײַנט. אין די ערשטע טעג פון מײַן קומען אהין האָב איך זיך באקאנט מיט מענטשן און פלעג זיך באגעגענען מיט זיי ביזן לעצטן טאָג פון מײַן געפינען זיך אין דער מעדינע, אָבער קיין פרײַנט זײַנען מיר ניט געוואָרן, קיין גײַסטיקע דערנעענטערונג האָט צווישן אונדז ניט געקאָנט זײַן: מיר זײַנען געבליבן מענטשן פון פארשיידענע פּסיכאָלאָגיעס, פון פארשיידענע באגריפן, גוסטן.

איך ווינטש דעם דורכשניטלעכן בירגער פון ייִסראָעל וואָס גיכער צו פארשטיין, אז געלט איז טאקע ניט שלעכט צו האָבן, נאָר דאָס איז ניט דער איקער אין לעבן. אויסער געלט איז פאראן דער מענטש מיט אלע זײַנע אייגנשאפטן.

איך האָב זיך אליין באשטראָפט דערמיט, וואָס איך האָב אויסגעקליבן אזא וועג און בין אוועקגעפאָרן פון דער היים. איך האָב שטארק כאראָטע פאר דער נארישקײַט. אלע ייִדן, וועלכע האָבן פארלאָרן דעם קאָפּ און ווילן נאָך פאָרן קיין ייִסראָעל, רוף איך, זיי זאָלן ניט איבערכאזערן מײַנע פעלערן, ניט ארײַנפאלן אין דער נעץ, ווי טעמפּע נעגידים קוקן אַף אונדז, ווי אַף הונגעריקע בעטלער, פאר וועמען אויך א קליינער ארבעטסלוין איז גאנץ גענוג. זיי טראכטן גאָרניט וועגן דעם, וואָס פאר א לעבן מיר האָבן געהאט אין דער היים און אז פארנארט האָט מען אונדז אינעם „היסטאָרישן היימלאנד”! זיי מיינען, אז מיר זײַנען הונגעריקע פּליטים, דעריבער איז אן אלט קליידל אָדער צעריסענע מײַטקעס פאר אונדז די בעסטע מאטאָנע.

איבער דעם גרויסן צופלוס פון אוילים איז איצט אין ייִסראָעל זייער שווער זיך אײַנצואָרדענען אַף ארבעט. אינזשעניערן לייגט מען פאָר אָנקומען פאר פּאבריקמאכערס, דאָקטוירים שיקט מען אלס סאניטארן. מע אָרגאניזירט אָן א שיר אומזיניקע קורסן, וועלכע קיינער וויל ניט באזוכן. די אוילים קענען ניט קיין איווריט. די פּעדאגאָגן זײַנען אמעראצים. די קורסן זײַנען אויסגערעכנט פאר יוגנט, מענטשן עלטער פון 40 יאָר נעמט מען ניט אָן. כאָטש 40 יאָר איז נאָך ניט קיין פּענסיע־עלטער, אָבער מע האלט, אז ארבעטן קאָנען שוין אזעלכע מענטשן ניט. די לאגע פון די דאָזיקע „זקיינים” איז זייער א שווערע.

צווישן מײַנע באקאנטע אין כײַפע איז געווען די מישפּאָכע פונעם וועלט־בארימטן ארכיטעקטאָר אלפרעד מאנספעלד. ער וווינט מיט זײַן פרוי און צוויי זין אין א צווייסטאָקיקער ווילע און האלט פינף דינער: א שטוב־מיידל, א קעכנע, א וועשערן, א גערטנער און א מענטשן, וואָס קוקט נאָכן אווטאָמאָביל.

דעם ארכיטעקטאָרס פרוי בעלא מאנספעלד איז א געבוירענע פון לענינגראד. קיין פּאלעסטינע איז זי געקומען נאָך אלס קינד (איצט איז זי אלט ארום 60 יאָר). די גרויסע קאפּיטאלן, וועלכע די מישפּאָכע האלט אין די בענק פון דער שווייץ און ייִסראָעל, דער נאָמען פון איר מאן גיט איר דאָס פולע רעכט צו פארעכנט ווערן אלס אָנגעזעענסטע דאמע פון דער געזעלשאפט. אין אירע שמועסן רעדט זי נאָר וועגן נײַע מאָדעס און ווער פון די בארימטע דאמעס האָט זיך צעקריגט מיט איר מאן, ווער פון זיי עס פירט א ליבע אאוו. זי רעדט רוסיש און לאדט אײַן גערן צו זיך די אוילים פון סאָוועטנפארבאנד, קעדיי באווײַזן זיי איר רײַכקײַט. ווען צו איר קומען פינף געסט, שטעלט זי אוועק אפן טיש א טעלער מיט פינף פלוימען. זי האלט פאר איר בירגערלעכן כויוו צו פירן די אוילים מיט א ריכטיקן וועג. די מאדאם מאנספעלד האָט זייער א סאך באקאנטע, וועלכע נייטיקן זיך אין שטוב־מיידלעך, קעכנעס אאוו. זי האלט, אז די אוילים פון רוסלאנד זײַנען צו איידל געפּאצקעט. זיי האָבן אין סאָוועטנפארבאנד געארבעט אלס דאָקטוירים, קינסטלער? איז וואָס? דאָ, „אין זייער היימלאנד”, מעגן זיי זיך ניט שעמען צו ארבעטן אלס דוואָרניקעס און באדינער. אין דער היים שעמט מען זיך ניט מיט קיין שום ארבעט. מא־

דאַם בעלאַ אַליין, אַגעוו, שעמט זיך גראָד יאָ צו אויסוואַשן באַ זיך אין שטוב אַ טעלער.

איך האָב זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דער מאַדאַם בעלאַ מאַנספעלד דערפֿאַר, ווײַל זי איז אַ טיפּישע פֿאַרשטייערן פֿון די רײַכע ייִסראַעל־דאַמעס, וועלכע האָבן די זעלבע האַסאַגאַס אויף אַזעלכע פּראַגן, ווי זי. אַפֿילע די מיטלבירגער פֿון ייִסראָעל, וואָס האָבן ניט קיין קאַפּיטאַלן אין די בענק, האַלטן אויך, אַז די ייִדן, וועלכע זײַנען געקומען פֿון רוסלאַנד, מעג אָנשטיין צו גיין אויף שוואַרצער אַרבעט — זיי זײַנען דאָך געקומען „אהיים".

גאָט איז מײַן איידעס, ווי איך האָב זיך גע־סטאַרעט צו פֿילן זיך כאָטש אין דער מינדסטער מאָס, אַז איך ווױן אין מײַן לאַנד, איך האָב דאָך ביז הייזעריק ווערן געטײַנעט אין מאָס־קווער „אָוויר", אַז „איך פֿאָר צו מײַן פֿאָלק". איצט איז מיר אַ כאַרפּע צו דערמאָנען וועגן דעם. מיט יעדער מינוט פֿיל איך אַלץ מער און מער מײַן עלנטקײַט, מײַן איינזאַמקײַט, מײַן גוואַלדיקן פֿאַרלאַנג וואָס גיכער אומקערן זיך קיין מאָסקווע. דאָרט, און נאָר דאָרט, איז מײַן לאַנד, בלויז אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד איז מײַן היים, און ניט דאָ, צווישן די שטיינערנע הער־צער, וועלכע איך פֿאַרשטיי לאַכלוטן ניט.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז אַ מענטשן, וואָס איז עלטער פֿון 40 יאָר, האַלט מען אין ייִס־ראָעל פֿאַר אַ זאָקן, אָבער אין אַלע רעגירונגס־אָרגאַנען אַרבעטן זקיינים און זקיינעס ביז 75 יאָר און מע קאָן זיי בעשום־אויפֿן ניט אַרויס־טרײַבן אויף פּענסיע, כאָטש נעם און טראָג זיי אַרויס אויף טראָגבעטלעך.

איך געדענק, אַז נאָך איידער איך בין אַרויס־געפֿאָרן פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, האָב איך גע־הערט דאָס וואָרט „סאַברע", וואָס באַטײַט אַ געבוירענער אין ייִסראָעל. דעמלט האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַ סאַברע — דאָס איז שיִר ניט אָן אויבערמענטש. איך פֿלעג אידעאַליזירן אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכעס צו ייִסראָעל.

קימאַט צוויי יאָר האָב איך געלעבט צווישן סאַברעס. איך האָב זיך געסטאַרעט געפֿינען אין זיי עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיך אַסאָצײַירן מיט מײַנע באַגריפֿן וועגן דעם ייִדישן פֿאָלק. נאָר אומזיסט! דאָס זײַנען גאָר אַנדערע מענטשן, פֿון אַן אַנדער כאַראַקטער, פֿון אַן אַנדער שפּראַך. ווען די יונגע סאַברעס זײַנען פֿרײַ פֿון דער אַרבעט און פֿון דער לער, שליאַנדערן זיי אַרום איבער די גאַסן האַלב־נאַקעטע, איגנאָ־רירנדיק די אײַנגעשטעלטע געזעלשאַפֿטלעכע נאָרמעס. מיט זייערע בונטע בעגאַדים און שוואַרצע פּענעמער פֿערזאָניפֿיצירן זיי דעם מיזרעך־מענטש. אין די אויגן פֿון אַ געקומענעם

פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד זעען זיי אויס ווילד און מאָדנע.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, פֿאַרקויפֿט מען אין אַלע ביכער־קראָמען און קיאָסקן פֿון ייִס־ראָעל פּאָרנאָגראַפֿישע זשורנאַלן. די 13—14־יאָריקע סאַברעס קוויקן זיך מיט פּאָרנאָגראַ־פֿישע בילדער, זיי שעמען זיך פֿאַר קיינעם ניט. די עלטערן און די לערער קאָנען מיט גאָרנישט ניט העלפֿן. און דעם עמעס געזאָגט, טראַכטן זיי אַפֿילע ניט וועגן מאַכן צו דעם אַ סאָף. די פֿאַרקויפֿער זײַנען צופֿרידן — זיי לעבן דאָך דערפֿון.

די ייִדן, וועלכע קומען פֿונעם סאָוועטנפֿאַר־באַנד, וועלן פּסיכאָלאָגיש קיינמאָל ניט קאָנען זיך אַסימילירן אין ייִסראָעל, ווײַל די געזעל־שאַפֿט פֿון דער מעדינע איז געבויט אויף פּרינ־ציפּן, וועלכע רעכענען זיך אין סאָוועטנפֿאַר־באַנד פֿאַר מינדערווערטיקע. די ייִדן פֿון פּססר קאָנען פֿריִער־שפּעטער בײַקומען די שפּראַך־שוועריקײַטן, צופּאַסן זיך עקאָנאָמיש, כאָטש דאָס איז ניט לײַכט, אָבער אַסימילירן זיך וועלן זיי קיינמאָל ניט קאָנען, פּסיכאָלאָגיש וועלן זיי פֿאַרבלײַבן פֿרעמדע צווישן די סאַברעס.

באַזונדערס ווילט זיך מיר אַ שמועס טאָן מיט די ייִדישע מוטערס, וועלכע קלײַבן זיך פֿאָרן קיין ייִסראָעל און זיי שרײַבן אין זייערע בריוו צו דער סאָוועטן־רעגירונג, אַז זיי ווילן דערציִען זייערע קינדער אַלס ייִדן, דה. באַ־העפֿטן זיי צו דער ייִדישער קולטור, צו דער ייִדישער שפּראַך. די ווערטער „ייִדישע קול־טור" קלינגען קאָמיש, ווען מע קומט צו פֿאָרן קיין ייִסראָעל און מע זעט, אַז פֿון עכטער ייִדי־שער קולטור איז דאָרט קיין סימען ניטאָ. פֿאַ־ראַן רעליגיע, פֿאַראַן אַן איבערגעשטאַלטונג פֿון פֿאַנאַטיקער אין ערזאַץ־העברייער, פֿאַראַן אַ פּרווו צו אַרכאַיזירן דעם שטייגער. אָבער ייִדיש לעבן, ווי מיר פֿאַרשטייען עס, איז דאָ ניטאָ, די שפּראַך **ייִדיש** איז פֿאַרטריבן. וועגן קיין שום הײַנטיקער ייִדישער קולטור, צו וועלכער עס זאָלן זיך קאָנען באַהעפֿטן ייִדן, וואָס זײַנען דערצויגן געוואָרן אין סאָוועטנ־פֿאַרבאַנד, קאָן גאָר קיין רייד ניט זײַן. אַ מענטש מיט גײַסטיקע פֿאָדערונגען וועט זיך ניט אײַנלעבן אין ייִסראָעל, ווײַל אין געביט פֿון קולטור קאָן ייִסראָעל פּראַקטיש גאָרנישט ניט פֿאָרלייגן, אויסער דער אידעאַליזאַציע פֿון דער געשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק (אַגעוו, קאָן יעדער איינער זיך באַקאָנען מיט דער דאָ־זיקער געשיכטע אינעם לאַנד, ווו ער וווינט, און ער דאַרף צוליב דעם ניט פֿאָרן קיין ייִס־ראָעל).

אין ייִדיש איז פֿאַראַן אַן אויסדרוק „ייִדישע מאַמע". סאָוועטישע ייִדן האָבן שטענדיק אַסאָ־

ציִרט דעם דאָזיקן אויסדרוק מיט צערטלעכער זאָרג פאר עלטערע מענטשן, מיט ליבע און אכטונג צו דער, ווער עס האָט דיך געבוירן. ניט לאנג צוריק האָט מען אין איינעם פון די קיבוצים לעם כײַפע אײַנגעאָרדנט 50 עלנטע פרויען, געקומענע פון פססר. זייער עלטער — פון 50 ביז 60 יאָר, לויט די געזעצן פון ייִסראָעל טויגן זיי שוין ניט צו ארבעט.

די דאָזיקע פרויען האָט מען געזאָגט: „אזויווי איר זײַט איינזאמע, קיין פאמיליעס האָט איר ניט, וועט מען אײַך קיין דירעס ניט געבן, דעריבער וועט איר צײַטווײַליק וווינען אין קלוב, און איר דארפט אליין צוזוכן זיך א דירע". דאָס באטײַט, אז זיי דארפן גיין איבער די הײַזער און בעטן זיך, מע זאָל זיי נעמען פאר דינסטן, פאר קעכנס. קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ.

מע דארף ניט פארגעסן, אז דאָס זײַנען ניט פאָשעט באיאָרטע פרויען, נאָר געוועזענע סאָוועטישע פעדאגאָגן, פיִאניסטקעס אאוו. טרערן האָבן זיך מיר געגאָסן פון די אויגן, ווען איך האָב געקוקט אף זיי, געהערט, ווי זיי ריידן א פרעכטיקן ליטערארישן רוסיש, געזען זייערע אויסגעצויגענע פענעמער, געהערט זייערע אומבאהאָלפענע פראגן: „פארוואָס האָט מען אונדז אזוי מיִעס אָפגענארט?"

אין ייִסראָעל ווייסט מען ניט פון סענטימענטן. דאָרט זײַנען מענטשן — „סכוירע", וועלכע מע קאָן פארקויפן מיט רעווועך אָדער אָן רעווועך. דאָס גאנצע לעבן ווייסט מען בלויז פון ציילן געלט.

שאבעס אינדערפרי גייט א פרומער ייִד אין שול ארײַן דאוונען. א ניט רעליגיִעזער ייִד גייט אין קאפע, טרינקט אויס א גלאָז טיי און פירט באם טישל א שמועס. די טעמע איז שטענדיק איינע און די זעלבע: געלט, רעוואָכים, שטײַערן.

איך האָב פריִער ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי ווײַט עס דערגייט זייער זשעדנעקײַט נאָך געלט. איינער אן אייגנטימער פון א גרויסן מאגאזין האָט געשלאָגן ביז טויט זײַן זון (מע האָט אים געמוזט אָפפירן אין שפיטאָל) דערפאר, וואָס ער האָט פארקויפט א סוויטער פאר 35 פונט און דאָס געלט אראָפגעלאָזט צו זיך אין קעשענע.

קאָן אזוינס פאָרשטעלן זיך א סאָוועטישער ייִד?

דעם 23 יול 1971 איז פאָרגעקומען א געשעעניש, וועלכע האָט דערשיטערט אונדז, אוילים, נאָר האָט קיין שום רעאקציע ניט ארויסגערופן בא די היגע טוישווים.

אן אייגנטימער פון א גרויסער קאָנדיטערײַ האָט זיך צעקריגט מיט זײַן פרוי דערפאר, וואָס זי האָט פארקויפט סכוירע פאר קלענערע פרײַזן. בייס דער קריגערײַ האָט ער איר א זעץ געטאָן אין קאָפ מיט א שווערער זאך. ווען מע האָט אים דערפאר ארעסטירט, האָבן די זין גלײַך געמאכט פאר זיך דעם געהעריקן אויספיר: זיי האָבן פארקויפט די קאָנדיטערײַ און דאָס געלט פארשפילט אין קאָרטן.

אָט וועלכע שיינע בילדלעך עס באפוצן די „היסטאָרישע היים", וווּהין מיר זײַנען מיט אזא טעמפעראמענט ארויסגעפאָרן.

מיט ווייטעקפולער בענקשאפט דערמאָן איך זיך, ווי פעסט און שטארק עס זײַנען די טראדיציעס פון דער רעאליסטישער קונסט אין פססר, מיט וויפל ליבשאפט און אכטונג עס ווערן אין די סאָוועטישע טעאטערס געשטעלט קלאסישע און הײַנטצײַטיקע פיעסעס, וויפל אופמערקזאמקײַט און ליבע עס ווערט געשענקט דער פראָדוקציע פון קינאָ־פילמען. אין דער עמיגראציע בענקסטו נאָך דער סאָוועטישער קונסט מיט עמעסן ווייטעק. וויפל פילמען ווערן ארויסגעלאָזט אין פססר ספעציִעל פאר קינדער! וועגן דעם טראכסטו באזונדערס איינדערפרעמד. אין ייִסראָעל זעען די קינדער, אָנהייבנדיק פון די סאמע ערשטע טריט, פאָרנאָגראפישע פילמען. די באלעבאטים פון די קינאָטעאטערס טראכטן אפילע ניט וועגן פעדאגאָגישע אספעקטן. אבי די בילעטן פארקויפן זיך און די קאסע לייזט געלט.

פאר די צוויי יאָר בין איך בלויז צוויי מאָל געוועזן אין קינאָ און ביידע מאָל אוועק א קראנקע, געאײַלט זיך נעמען א דוש און אויסוואשן זיך. די פילמען זײַנען אימפאָרטירטע און פון סאמע ערגסטן מין. די קינאָ־אינדוסטריע פון ייִסראָעל איז זייער שוואך אנטוויקלט. עס איז נאָך פאראן אן אזויגערופענע קאָנצערט־פראָגראם, וועלכע מע דעמאָנסטרירט אין די נאכט־קלובן. אלס ארטיסטן קלײַבט מען דאָ אָפ אזעלכע, וועלכע זײַנען מײַסטערס ארויסצורופן סעקסועלע עמאָציעס. אשטייגער, א „זינגערן" מיט א שטים פון א שיקערן פורמאן זינגט א באנאל לידעלע, פון וועלכן עס קערט ברעכן, דערפאר קען זי אויסגעצייכנט גיך און קונציק אָפדעקן איר קערפער („סטריפטיז") און ארויסרופן בא די צושויער אומווירדיקע געפילן. קורץ, א זינגערן אין ייִסראָעל איז ניט מעכוייעוו צו האָבן א גוטע שטים. קענען זינגען — דאָס איז איר לעצטע דײַגע, זי דארף אָבער האָבן א צוציִעוודיקן קערפער און קענען פלינק אנטבלויזן אים.

וועגן אלץ, וואָס איך שרײַב דאָ, האָב איך געהערט, ווען איך בין נאָך געוועזן אין סאָוועטנפארבאנד, נאָר דאָרט האָב איך עס אופגענומען ווי פראָפאגאנדע, אויסטראכטענישן.

ווי שווער און ביטער דאָס איז ניט, מוז איך זיך מוידע זײַן, אַז איך האָב ניט צוגעלאָזט צו זיך דעם עמעס.

אין דער יוגנט האָב איך געהאַט דאָס גליק צו זײַן אַ שילערן פונעם פּראָפעסאָר זאַכאַראָוו, בײַ וועמען איך האָב שטודירט די באַלעט־קונסט. קינסטלערישע דעקלאַמאַציע האָב איך געלערנט בײַ וולאַדימיר יאַכאָנטאָוו, מײַסטערשאַפט פון אַ קינאָ־אַקטיאָר — בײַ גריגאָרי ראָשאַלן, איך האָב זיך געגרייט ווערן אַ קונסט־טוערן. איך געדענק, ווי מײַנע פּעדאַגאָגן (צווישן זיי דער פאַרשטאָרבענער פאָלקס־אַרטיסט פון פּססר טאַרכאַנאָוו) האָבן זיך באַמיט צו פלאַנצן אין זייערע שילער ליבע און אַכטונג צו דער סצענע, צו די צושויער, דאָס געפיל פון גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר יעדן וואָרט, פאַר יעדער באַוועגונג אויף דער בינע. קונסט איז פאַר מיר שטענדיק געווען הייליק. דערפאַר האָט מיר פאַרשאַפט אַזאַ ווייטעק, ווען איך האָב אין ייִסראָעל געזען אַ פּאָשעטן באַלאַגאַן — צעלאָזנקײַט און העפקייר־עס, וואָס מע רופט אָן „קונסט", האַגאַם דאָס איז באַרופן דעריקער צו אָנשטאָפּן דעם טײַסטער פון דעם אָדער יענעם באַלעבאָס פון אַ נאַכט־קלוב אָדער פון אַ קינאָ־טעאַטער. דעם באַלעבאָס אינטערעסירט לאַכלוטן ניט דער אינהאַלט פונעם פילם, וועלכער ווערט דעמאָנסטרירט אויף זײַן עקראַן, ער לייענט ניט די פּיעסע, וועלכע מע שפּילט אויף דער בינע פון זײַן טעאַטער. פון אַזאַ „קונסט" ווערן דערשטיקט יונגע נעשאָמעס, יונגע מויכעס. באָכערים און מיידלעך טרעטן אַרײַן אין לעבן מיט אַ פולן באַגאַזש פון סעקסועלער אויפירונג, שוין צו 16 יאָר רופט בײַ זיי קיין זאַך ניט אַרויס קיין כידעש, אין אַזאַ עלטער זײַנען זיי מענטשן, בײַ וועמען אַלץ איז פאַרגאַנגענהײַט, זיי האָבן ניט קיין באַגריף וועגן שיינקײַט, באַשיידנקײַט, זיי האָבן ניט די פייִקײַט צו קענען רויט ווערן, קורץ — זיי זײַנען אויסגעליידיקט פון אַלץ, וואָס איז די צירונג פון יונגקײַט. אַ יוגנט מיט אויסגעלאָשענע אויגן, אָן וויסנגירייקײַט, אָן עסטעטישע פאַרלאַנגען — און אָט דער יוגנט געהערט דאָך די צוקונפט פון ייִסראָעל!

אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָב איך אויך געזען אייניקע יונגע מענטשן, וועלכע זײַנען ענלעך צו די אויבן באַשריבענע, נאָר אַרום אַזעלכע ווערט געפירט אַ קאַמף, מע טוט אַלץ, קעדיי איבערדערציִען זיי — עס שענקען אַ סאַך קויכעס סײַ די געזעלשאַפטלעכקײַט, סײַ דער קאָמיוג, סײַ די עלטערן. צי דאָס גיט זיך שטענדיק אײַן — דאָס איז אַ צווייטע פראַגע, אָבער אין ייִסראָעל פאַרנעמט זיך דערמיט קיינער ניט, לאַכלוטן קיינער. דאָרט הערשט „דעמאָקראַטיע", „פרײַהײַט פון דער פּערזענלעכקײַט".

אין ייִסראָעל איז אַ מאַמע, וואָס אַרבעט, אַן אומגליקלעכער מענטש. קיין יאַסליעס פאַר אויפּעלעך זײַנען ניטאָ, עס זײַנען פאַראַן פּריוואַטע קינדער־גערטנער, ווו מע נעמט אָן קינדער ניט ייִנגער פון צוויי יאָר.

וואָס זשע זאָל טאָן אַ מאַמע, ווען בײַ איר ווערט געבוירן אַ קינד? וועגן אָוועקגיין פון דער אַרבעט קאָן קיין רייד ניט זײַן. דינגט זי אַ ניאַנקע און צאָלט איר אָפט מער, איידער זי פאַרדינט אויף דער אַרבעט. נאָר אויב די ניאַנקע קאָסט איר אָפּ מער, וויפל עס באַטרעפט איר אַרבעטסלוין, צוליב וואָס זשע דאַרף זי דאָס? צוליב דעם, קעדיי ניט פאַרלירן די שטעלע. צוויי יאָר לעבט דאָס געזינד פונעם מאַנס אַרבעטסלוין. און אַז דאָס קינד ווערט אַלט צוויי יאָר, גיט מען עס אָפּ אין „קינדער־גאָרטן".

אַ קינדער־גאָרטן אין ייִסראָעל דערמאָנט מיט קיין זאַך ניט דעם קינדער־גאָרטן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. געווינלעך איז דאָס אַ פרוי פון פּענסיע־עלטער, וועלכע האָט אַ דירע מיט אַ הויף. די מאַמעס ברענגען אַהין זייערע קינדער אויף דער צײַט, ווען זיי זײַנען פאַרנומען אויף דער אַרבעט. די באַלעבאָסטע פון אַזאַ „קינדער־גאָרטן" שינדט די הויט פון די מאַמעס. די מאַמע דאַרף געבן דעם קינד אַ קאָשעקל מיט שפּײַז אויפן גאַנצן טאָג. די קינדער בלײַבן אָן אויפזיכט. ווען עס פאַרווילט זיך זיי עסן, עפענען זיי אַליין די קאָשעקלעך און עסן, די באַלעבאָסטע באַווײַזט אפילו איר נאָז ניט אַ גאַנצן טאָג. צי קאָן מען עס פאַרגלײַכן מיט די קינדער־גערטנער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווו עס בלאַנקען די ווײַסינקע רייניקע בעטעלעך, ווו אויף די קינדער גיבן אַכטונג קוואַליפיצירטע דערציִערנס; מוזיקאַלע פּעדאַגאָגן לערנען זיי זינגען, טאַנצן, שפּילן; נאָכן מיטיק לייגט מען די קינדער שלאָפן. אַ סאָוועטישע מאַמע קאָן רופן צו אָרדענונג אַ דערציִערן, וועלכע האָט פאַרנאַכלעסיקט איר קינד. אַ מאַמע אין ייִסראָעל וועט זיך ניט דערוועגן אַ וואָרט צו זאָגן דער פּריוואַטער באַלעבאָסטע.

ווי מיר האָבן שוין געזען, איז די „פרײַהײַט פון פּרעסע און וואָרט" אין ייִסראָעל אַ רייִנער אומזין, ווײַל עס איז נאָך ניט געווען דער פאַל, אַז אַ פרײַע אַרויסזאָגונג אין דער פּרעסע אָדער מינדלעך זאָל ברענגען די געהעריקע רעזולטאַטן, פאַרקערט, מע לעבט נאָך אָן סאָנים, רעד וויפל דו ווילסט, שרײַב וויפל דו ווילסט, נאָר סײַווי פירט זיך דאָס רעדל אַזוי, ווי עס פאָדערט די רעגירונג.

ווי געזאָגט, איז קיין ייִדישע קולטור אין ייִסראָעל ניטאָ. די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן פילן באַזונדערס שטאַרק דעם מאַנגל אין ייִדי־

שער קולטור. וואָס שײַעך איווריט, וועל איך זאָגן מיט פולער אכריַיעס, אַז איך האָב ניט געזען קיין איין אוילע פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס זאָל זאָגן, אַז עס איז אים באַקוועם צו ריידן אַף דעם לאָשן. אַף איווריט ריידן פריַי נאָר די סאַברעס. דער עלטערער דאָר, וואָס איז געקומען קיין פּאַלעסטינע פון רוסלאַנד, נוצט בא זיך אין דער היים רוסיש, ייִדיש; אַף איווריט רעדט מען בלויז דעמלט, ווען מע מוז, דערביַי זייער ניט גראַמאַטנע.

נאָך איין פּאַראַדאָקס דאַרף מען אָפּמערקן. כאָטש עס איז פּאָשעט ניט שיין, אָבער דאָס איז א פאַקט. מע קאָן ניט זאָגן, אַז אין ייִסראָעל איז ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם. עס איז דאָרט יאָ פאַראַן אַזאַ פּלאָג. איך נעם זיך ניט אונטער צו דערקלערן, פאַרוואָס די ייִסרעיילים האַלטן זיך פאַר א קאַסטע — פאַר א באַזונדערער קאַטעגאָריע מענטשן, וועלכע שטייען העכער פון ייִדן און האָבן די ייִדן ניט ליב.

דעם 15 מאַרט 1972 איז אין דער ייִסראָעל־ציַיטונג «Трибуна» פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל מיט דער אונטערשריפט „אי. ק.“ דאָס איז געווען א קאָמענטאַר אַפן אינטערוויו, וועלכן דריַי סאָוועטישע זשורנאַליסטן פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ האָבן גענומען בא דריַיסיק ייִדישע מישפּאָכעס, וועלכע זײַנען אַנטלאָפן פון ייִסראָעל און זיצן אין ווין, וואַרטנדיק אַף א דערלויבעניש אומצוקערן זיך אַהיים, קיין סאָוועטנפאַרבאַנד.

צום ערשטן מאָל האָב איך איבערגעלייענט אַזעלכע ווערטער: „די עמיגראַציע פאָדערט מענטשן מיט א שטאַרקן ווילן, וועלכע זײַנען פייִיק אַריבערצוטראָגן די שוועריקייַטן און די קרענק פון אַקלימאַטיזירן זיך אַף א ניַי אָרט, אין א ניַי לאַנד“. די דאָזיקע שורעס זײַנען גענומען פון דעם טייל פונעם אַרטיקל, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם, פאַרוואָס די ייִדן, וועלכע זײַנען געקומען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, שטרעבן ווידער אַוועקצופאָרן אין זייער פריִערדיקער היים. עס ווילט זיך פרעגן דעם אַוטאָר: פאַרוואָס הערט מען קיינמאָל ניט אַזעלכע ווערטער אין די טראַנסליאַציעס פון „קול ישראל“? די ייִסראָעלדיקע ראַדיִאָ פאַר אויסלאַנד טרומייטערט, פאַרקערט, אַז די געקומענע ייִדן לעבן אין ייִסראָעל גליקלעך, אָן קיינע שוועריקייַטן.

מיט א קורצער ציַיט צוריק האָט אויך דער פּרעמיער גאָלדע מעיִר זיך אַרויסגעזאָגט אַף א באַגעגעניש מיט אוילים: „מיר דאַרפן האָבן מענטשן, וועלכע קומען אַהער, קעדיי אָפּ־ **געבן אַלץ** דער מעלוכע און ניט פּאָ־ **דערן אַלץ** פון דער מעלוכע“.

לאָמיר דערלאָזן אַף א וויַילע, אַז גאָלדע מעיִר איז גערעכט, ייִסראָעל נייטיקט זיך אין מענטשן, וועלכע גיבן אַלץ אָפּ, און ניט אין אַזעלכע, וועלכע נעמען אַלץ צו. אָבער אַפן פּאָן פון דער איצטיקער לאַגע אין דער מעדינע קלינגט דאָס לעכערלעך. די לאַגע איז דאָך אַזאַ, אַז מענטשן, וועלכע קומען פון סאָוועטנפאַרבאַנד מיט הויכבילדונג — געניטע ספּעציִאַליסטן, — ווערן ניט אָנגענומען אַף אַרבעט פּאָשעט איבער דער מוירע פאַר קאָנקורענץ. און דאָס באַטיַיט דאָך, אַז אפילע יענע, וועלכע „גיבן אָפּ אַלץ“, קאָנען דאָס ניט טאָן, וויַיל מע לאָזט זיי ניט צו אַף אַן אַרבעט לויט זייער פאַך. דאָס באַוויַיזט ווידעראַמאָל, אַז ייִסראָעל איז ניט גרייט אופצונעמען אימיגראַנטן.

ווען פאַר מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז איך מוז אַוועקפאָרן פון ייִסראָעל — איך וועל זיך קיינמאָל ניט איַינלעבן מיטן היגן שטייגער, מיט דער היגער קולטור אאוו., האָב איך אָנגעהויבן דורכמאַכן אין געדאַנק „שפּאַצירן איבער מאָסקווע“.

איך שטעל זיך פאָר, ווי איך גיי איבערן סווערדלאָוו־פּלאַץ צום גרויסן טעאַטער, אין וועלכן כ׳האָב צו 16 יאָר געטאַנצט. איך זע, פאַרשטייט זיך, ביז איצט פאַר זיך די גרויסע טעאַטער־בינע, איך פיל דעם אַראָמאַט פון דער סצענע, איך געדענק, ווי מיר פלעגן נאָך די לעקציעס קוקן פאַרקישעפטע, ווי די אַרבעטער גרייטן די דעקאָראַציעס צום אָוונט, איבערוקנדיק ריזיקע ווענט און אַוועקשטעלנדיק זיי אַף די געהעריקע ערטער.

איך בין אַף גערצען־גאַס, איך גיי פאַרביַי דעם יורידישן אינסטיטוט, מיט וועלכן עס איז פאַרבונדן ניט קיין גרויסער, אָבער זייער א שיינער טייל פון מיַין לעבן, דערנאָך גיי איך פאַרביַי די קאָנסערוואַטאָריע. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט שפּילן דעם דאַרינקן, העל־בלאָנדן סטודענט פונעם לעצטן קאָנסערוואַטאָריע־קורס סוויאַטאָסלאַוו ריכטער, דאָ האָב איך זיך צום ערשטן מאָל געקוויקט מיט די צויבער־קלאַנגען פונעם פידל פון דעם נאָך יונגן ייִדישן ייִנגל דאָוויד אויסטראַך. אינדערפרי בין איך דאָ געלאָפן מיט אַלע קויכעס, האַלטנדיק פאַר דער האַנט א קרעפּטיק געל ייִנגל, אין בופעט נאָך הייסע וווּרשטלעך, מוירע האָבנדיק, אַז אָט־אָט וועלן די סטודענטן אַלץ צעכאַפּן. דאָס דאָזיקע ייִנגל האָט געהייסן עמיל הילעלס. דאָ, אין קאָנסערוואַטאָריע, האָב איך געהערט זינגען די גרויסע רוסישע זינגערן נאַדעזשדאַ אַנדרייעוונאַ אָבוכאָוואַ, דאָס איז געווען אַף איר יובילייִ־אָוונט...

און אָט איז דער מאָסקווער קינסטלערישער טעאַטער — מכאַט, — וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר מיַין צווייטער היים, דעם גאַנצן רעפּער־

טואר זײַנעם האָב איך געוווּסט אף אויסוווייניק, יעדן ספּעקטאַקל פלעג איך באַזוכן 5—6 מאָל. איך געדענק כמעליאָוון און קאַטשאַלאָוון, טאַרכאַנאָוון און מאָסקווינען, דאָבראָנראַוואָוון און אפילע סטאַניסלאַווסקין. איך געדענק די יונגע טאַראַסאָווא, מאַסאַלסקין, ליוואַנאָוון און יערשאָוון — די באַליבטע אַרטיסטן, פאַר וועלכע עס האָט זיך געוואָלט פאַלן קורים. דאָ, קוקנדיק וועלט־באַרימטע ספּעקטאַקלען, האָב איך אויסגעפורעמט מײַנע עסטעטישע גוסטן, דאָ האָב איך געהערט די רוסישע שפּראַך פונעם סאַמע ראַפינירטן סטיל.

אָט ברענגט מיך מײַן פאַנטאַזיע אינעם קלוב אף זויעווס נאָמען, וואָס געפינט זיך אף זובאָווסקי בולוואַר, ווו איך, אַן 18־יאָריק מיידעלע, האָב געוואָלט אָנקומען אפן אַקטיאָרישן פאַקולטעט פונעם אַלפאַרבאַנדישן מעלוכישן קינאָ־אינסטיטוט. מע האָט דאָרט געמאָלדן א קאָנקורס, איך האָב אים אויסגעהאַלטן און אַרײַנגעפאַלן אין דער צאָל 13 פון די 1140 מענטשן, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען דורך דער קאָנקורס־קאָמיסיע. פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע איז געווען גריגאָרי ראָשאַל — ווי מיר דוכט, דער פריילעכסטער און שאַרפזיניקסטער מענטש אין דער וועלט, און איך בין שטאָלץ ביז הײַנט דערמיט, וואָס ער האָט מיך געהאַלטן פאַר א פייִקער שילערן. איך זע אויך דעם אַלטן ביניען פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט אף דער געוועזענער מאָכאָוואַיאַ, ווו וולאַדימיר ניקאָלײַעוויטש יאַכאָנטאָוו האָט געלייענט פּושקינס ראָמאַן „יעווגעני אָניעגין”, מאַיאַקאָווסקיס, גאָרקיס, דאָסטאָיעווסקיס ווערק. איך געדענק, ווי איך האָב געאַרבעט מיט אָט דעם גרויסן מײַסטער פונעם קינסטלערישן וואָרט, מיר האָבן געגרייט סצענעס פון לערמאָנטאָווס „מאַסקאַראַד”. יאָ, איך האָב אין מאָסקווע אויך ניט ווייניק געליטן, דאָ איז מײַן פּערזענלעך לעבן צעבראָכן געוואָרן און האָט ווידער אופגעלעבט. מײַן ביִאָגראַפיע איז א שווערע, א פאַרפּלאָנטערטע, איך בין אפילע געזעסן 10 יאָר אין לאַגער (אינעם פּעריִאָד פונעם יאָכידקולט), אָבער דאָס אַלץ איז דאָך געווען מײַנס — אי די ליידן, אי די פריידן.

נאָענטע פרײַנט, ווער רעדט קרויווים, זײַנען בא מיר אין מאָסקווע פאַרבליבן ווייניק. עס איז מיר אָבער גענוג צו באַגעגענען זיך כאָטש מיט איינעם פון זיי, און עס שוועבט דורך פאַר מײַנע אויגן מײַן גאַנץ לעבן, וואָס איז (ווי אַלע לעבנס) פאַרלאָפן ווי איין טאָג. בלויז די לעצטע צוויי יאָר, וואָס איך געפין זיך אין דער פרעמד, ציִען זיך און ציִען, אָן א סאָף, יעדער טאָג ברענגט מיר נײַע ליידן, געבנדיק צו פילן, אַז איך בין ניט אין דער היים, אַז קיינער וועט ניט פאַרשטיין מײַנע געפילן, מײַנע פאַרלאַנגען. אפילע מיטן מאַן שווײַגן מיר מער, איידער מיר ריידן, ווײַל מיר ווייסן, אַז יעדערער פון אונדז האָט זײַנע מאַכשאָוועסן, יעדערער פון אונדז טראַכט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל וועגן זײַן אומפאָרזיכטיקן טראָט אין לעבן, וואָס ער האָט געמאַכט, וועגן דער אומגעהערטער לײַכטזיניקײַט, וואָס האָט אונדז פאַרפירט צו א צושטאַנד פון ייִעש, פוסטקײַט. ערשט דעמלט, ווען עס הייבט אָן אופלעבן אין זיכּאָרן דאָס, וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזער היימלאַנד, און מיר מאָלן זיך אויס די בילדער, וועלכע מיר וועלן זען, אויב ס'וועט זיך אונדז אײַנגעבן זיך אומקערן אַהיים און מיר וועלן ווידער זײַן אין מאָסקווע, — ערשט דעמלט קומען מיר צו זיך און דערפילן זיך ווי לעבעדיקע מענטשן.

דאָס דאָזיקע געפיל קאָן פאַרשטיין און טיילן מיט אונדז בלויז יענער, ווער עס פאַרלאָזט זײַן היימלאַנד, לעבט אָפּ א צײַט אין דער פרעמד, דערפילט דעם גאַנצן טראַגיזם פון אַן עמיגראַנט.

איך בין דען די איינציקע, וואָס קאָן אופלעבן אין זיכּאָרן אַזויפיל שיינע און רעגנדיקע געשעענישן פונעם לעבן אין דער היים, אינעם לאַנד פון געבוירן?

יעדער איינער, וואָס וועט זיך דערלויבן צו מאַכן אַזאַ פאַרברעכערישן טראָט אין זײַן לעבן, ווי איך, — פאַרלאָזן דאָס היימלאַנד, — זאָל ער זיך דערמאָנען זײַן פאַרגאַנגען לעבן און אַלץ, וואָס וועט זיך שוין מער ניט אומקערן און ניט איבערכאַזערן, זאָל ער גוט געדענקען, אַז אין דער פרעמד זײַנען אַזעלכע דערמאָנונגען א סאַך שווערער, ווי געוויינלעך. אַזוי קומט פאָר מיט אַלע עמיגראַנטן. קיינמאָל וועט קיינער מיט קיינע ווערטער ניט קאָנען באַשרײַבן דאָס געפיל פון טיפער בענקעניש נאָך די היימערטער, נאָך די פאַרגאַנגענע לעבנס־געשעענישן.

ס'איז ניט מעגלעך, אַז א דענקענדיקער מענטש זאָל קאָנען זיך צופּאַסן צו לעבן אין א פרעמדער נאַטור, צווישן פרעמדע מענטשן. דער מענטש איז געגליכן צו א געוויקס, ער מוז זיך געפינען אף זײַן ערד, אין זײַן היים, ווו ער טרינקט דאָס וואַסער, צו וועלכן ער איז געוווינט, און זויגט זיך אײַן מיט די וואָרצלען אין דער ערד, צו וועלכער ער איז געוווינט. פּרוּווט אָפּשנײַדן א בלימל און אַרײַנשטעלן עס אפילע אין דער שענסטער קרישטאָלענער וואַזע, אָדער אַרומלייגן עס מיט פרעמדער ערד, וועט דאָס בלימל פאַרוועלקט ווערן און אומקומען.

די ייִסרעיילים שטאָלצירן מיט זייערע סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־הײַזער. דאָס זײַנען, אַלס

קלאַל, דרײַשטאָקיקע הײַזער, וועלכע שטייען באַם ברעג יאַם, זיי האָבן געוויינלעכע צימערן, מעבלירט גאַנץ פּרימיטיוו, דאָס שטערט אָבער ניט דעם באַלעבאָס צו נעמען 140 פונט (אַרום 40 רובל) אַ מעסלעס בלויז פאַרן צימער. פאַרוואָס די ייִסרעיילים זײַנען שטאָלץ מיט אַזעלכע סאַנאַטאָריעס, איז מיר פאַרשטענדלעך, — זיי האָבן די סאַנאַטאָריעס געבויט, דאָס איז זייער האָרעוואַניע (עמעס, געהאָרעוועט האָבן זיי ניט פאַר זיך, ניט פאַרן פאָלק — פאַר די געלט־זעק).

לאָמיר זיך אַ דערמאָנען טאָן די באַרימטע סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־הײַזער אין קרים, קאַווקאַז, הינטער מאָסקווע! קאָן מען צו זיי צוגלײַכן די ייִסראָעלדיקע? און כּוץ דעם, צי קאָן גאָר געמאָלט זײַן, אַז אַן עמיגראַנט זאָל זיך דערלויבן אַזאַ לוקסוס, ווי אָפּרוען אין סאַנאַטאָריע?

אינעם מענטשנס לעבן שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע דער קלימאַט. אין ייִסראָעל טרעפן די אַזויגערופענע „האַמסינען". אַנדערש קאָן מען זיי רופן „הייסע ווינטן". אין אַזעלכע טעג קרענקט די גאַנצע באַפעלקערונג, עס איז שווער איבערצוטראָגן די ווייטעקן, וועלכע כאַפּן אַרום אַלע גלידער. דער „האַמסין" טראָגט מיט זיך הייסע זעמדעלעך, וועלכע שמײַסן אין פּאָנעם.

איך קוק אויף דער היגער באַפעלקערונג, אויף די סאַבראַס, וועלכע זײַנען שוין געוווינט דערצו, און טראַכט: זיי זײַנען דאָך אין דער היים, זיי איז גוט, אָבער וואָס טו איך דאָ? ווי קום איך אַהער? איך בין דאָ אין אַ פרעמדער נאַטור, לײַד שווערע ווייטעקן. פאַרוואָס, פאַרוואָן? אויף דער דאָזיקער פראַגע קומט אויס צו ענטפערן „תיקו"[1], דה. בלײַבט אַ קאַשע. איך בין פּאָשעט אַ קאָרבן פון דער ציִעניסטישער ראַדיאָ־פּראָפּאַגאַנדע.

איך מיין, אַז יעדערער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס ווערט קראַנק מיטן געדאַנק וועגן אַרויספאָרן קיין ייִסראָעל, ווען ער וועט איבערלייענען מײַנע נאָטיצן, וועט זיך מוזן פאַרטראַכטן. עס איז דאָך זייער וויכטיק צו דערוויסן זיך וועגן דעם אַלעם, וואָס איך שרײַב דאָ. מײַנע נאָטיצן זײַנען אַבסאָליוטער עמעס, איך באַשרײַב פּינקטלעך מײַן דורכגעמאַכטן וועג. קיין איין וואָרט איז דאָ ניט אויסגעטראַכט. דער ציל פון די נאָטיצן — וואָרענען אַלעמען קעגן מאַכן אַזאַ טראָט, ווי איך.

איצט, ווען איך האָב שוין אומזיסט פאַרלאָרן צוויי יאָר, פאַרשטיי איך, ווי דאַנקבאַר איך וואָלט געווען דעם מענטשן, וואָס וואָלט מיך אַנטשיידן אָפּגעשטעלט, איידער איך בין אַוועקגעפאָרן.

אין „אָוויר" האָט מען מיך געוואָרנט. נאָר די וואָרענונג איז געווען געמאַכט אין אַן אָפיציִעלן אַנשטאַלט, איר טאָן איז געווען אַן אָפּגעהיטער, און ס'האָט מיך דעמלט ניט איבערצײַגט. עפּשער דערפאַר, ווײַל דער מענטש, וואָס זיצט אין „אָוויר", האַלט ניט פאַר זײַן פליכט צו לערנען סייכל אַ דערוואַקסענעם מענטשן, דערקלערן אים אײַנגעשפּאַרט און מיט היץ די גאַנצע נאַרישקײַט פון זײַן האַנדלונג.

ווען איך וואָלט פאַר מײַן אָפּפאָרן געהאַט אַ מעגלעכקײַט צו הערן פון עמעצן אָדער איבערלייענען אַזעלכע פאַלן און אַזאַ באַשרײַבונג וועגן ייִסראָעל, ווי אין דעם איידעס זאָגן פון אַ געליטענעם, וואָלט איך, מיסטאַמע, די נאַרישקײַט ניט געטאָן. איך האָב דאָך אָבער געהאַט איין־איינציקן קוואַל פון אינפאָרמאַציע — „קול ישראל", וואָס באַקט ליגנס און שקאָרים אָן קיין שום קאָנטראָל.

פונוואַנען האָב איך געקאָנט וויסן, וואָס עס איז אַזוינס עמיגראַציע? איך האָב דאָס אָנגעהויבן פאַרשטיין ערשט דעמלט, ווען איך בין אַליין אַרײַנגעפאַלן אין דער שרעקלעכער לאַגע פון אַן עמיגראַנט. ערשט איצט פאַרשטיי איך, ווי שווער עס איז צו ריידן קעסיידער אויף אַ פרעמדער שפּראַך, אָנשטרענגען זיך צו ריידן אַזוי, מע זאָל מיך פאַרשטיין אָדער איך זאָל פאַרשטיין יענעם, מיט וועמען איך רייד. ווי אומדערטרעגלעך עס איז צו פילן דעם אייגענעם דאַלעס, די אייגענע שוואַכקײַט, ווען דו זעסט, אַז דער מענטש, וואָס שטייט באַנאַנד מיט דיר, האַלט זיך פעסט אויף די פיס, ווײַל ער שטייט אויף דער ערד פון זײַן היים. ווי פּײַנלעך עס איז צו הערן אויף דײַן טײַנע, אַז דו פילסט זיך דאָ שלעכט, אַן ענטפער: „ווער האָט דיך אַהער גערופן, צוליב וואָס ביסטו אַהער געקומען?"

וואָס פאַר אַ זין האָט צו ברעכן דאָס אייגענע לעבן, פאָרן אין דער פרעמד און אָנהייבן אַלץ פונדאָסנײַ, ווי אַ קינד, וואָס לערנט זיך גיין? צוליב וועלכע „הויכע אידעאַלן"? די איליוזיעס וועגן ייִסראָעל פאַר די ייִדן פון אַלע לענדער זײַנען דאָך ניט מער ווי נאָכווייעניש פון אַ לעגענדע און זיי צעווייען זיך אין פינף מינוט אַרום, ווי נאָר דער מענטש טרעט אַרויף אויף דער ערד פון ייִסראָעל און פאַלט אַרײַן אין אַזאַ אומגעריכטן ווירוואַר, אַז ער הייבט אָן קומען צו־זיך פונעם פּסיכאָז, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט פון דער פּראָפּאַגאַנדע. פאַראַן איין קאַטעגאָריע מענטשן, וועלכע איך קלײַב זיך ניט אָפּריידן פון פאָרן קיין ייִסראָעל, — פאַנאַטיש רעליגיִעזע מענטשן, וואָס קאָנען ניט

[1] טײקו — תשבי יתרץ קושיות ואביות — משיח וועט פאַרענטפערן אַלע קאַשעס (אַ טאַלמודיש ווערטל).

לעבן אָן א סידער, אָן א טאַלעסקאָטן, אָן טפילין. פאַראַן אויך סאָוועטישע מענטשן, וועלכע פאָרן קיין ייִסראָעל און ווערן באַלד, ווי זיי קומען אַהין, רעליגיִעז. נאָר דאָס איז ניט אופּריכטיק, דאָס איז בלויז אָן אָנשטעל אָף צו באַפרייַט ווערן פון מיליטער־דינסט און אַנדערע טייַמים. געוויינלעך, ווען אַזעלכע מענטשן קומען אין די יאָרן, ווען אין דער אַרמיי נעמט מען שוין ניט, פאַרלירן זיי די פרומקייַט, גלייבן שוין בלויז אינעם פונט, ניט אין גאָט. אָף אָט די לייַט איז אַן עקל צו קוקן.

פאַר די צוויי יאָר צייַט פון מייַן עמיגראַציע האָב איך אין ייִסראָעל ניט געזען קיין נייַע ייִדישע טראַדיציעס, דאָס לאַנד לעבט אָן טראַ־דיציעס, אויסער אין די פאַלן, ווען מע דאַרף ווייַזן דער וועלט, אַז „וואָס מיר זייַנען זייַנען מיר, אָבער ייִדן זייַנען מיר".

די פרומע ייִדן לעבן אַלס קלאַל אין באַזונ־דערע גאַסן אין ירושאָלאיִם. דאָס זייַנען אָבסקוראַנטן, קיין ברעקל מענטשלעך געפיל וועט איר בא זיי ניט געפינען. דעם בעטלער, וואָס זיצט אָפן טראָטואַר, אָן א האַנט אָדער אָן א פוס, וועלן זיי קיין צעבראָכענעם גראָשן ניט געבן, קיין טרוקענע שקאָרינקע ניט אונ־טערטראָגן. און אָרעמעלייַט אָף די גאַסן פון ייִסראָעל דרייען זיך אַרום אָן א שיר. ווי זאָל מען זיך ניט דערמאָנען די מאָסקווער ייִדן: ווען זיי גייען אָפן בעסוילעם (און דער בע־סוילעם אין מאָסקווע איז דאָס אייציקע אָרט, וווּ מע קאָן טרעפן א בעטלער) אָפּגעבן קאָ־וועד א פאַרשטאָרבענעם, פאַרגרייט מען זיך מיט קליינגעלט, קעדיי צעטיילן צווישן די אָרעמעלייַט. א מאָסקווער וועט ניט דורכלאָזן קיין איין אָרעמאַן אָן א נעדאָווע. אין ייִסראָעל האָט מען פייַנט געבן נעדאָוועס.

קיינער פון די געוועזענע סאָוועטישע בירגער אין ייִסראָעל צווייפלט שוין ניט, אַז דער „גאַניידן" אין דער מעדינע איז ניט מער ווי פּראָפּאַגאַנדע.

אָף א באַגעגעניש פון אָפיציעלע פערזאָנען מיט סטודענטן, וועלכע זייַנען געקומען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט איינער פון די סטודענטן געזאָגט: „מיט מייַן קומען קיין ייִסראָעל האָב איך זיך אוועקגעשטעלט אָף א שטאַפּל נידע־ריקער פונעם געזעלשאַפטלעכן לייטער. די מענטשן פון ייִסראָעל קוקן אָף אונדז, ווי אָף פּליטים, זיי זאָגן, אַז מיר זייַנען אַהער געקו־מען, ווייַל מיר האָבן קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט. אָבער אַלע ווייסן, אַז דער לעבנס־ניוואָ אין פּססר איז א סאַך א העכערע, איי־דער דער לעבנס־ניוואָ פון אָן עמיגראַנט אין ייִסראָעל. מיר זייַנען ניט קיין ציִעניסטן, מיר האָבן ניט געוואָלט פאָרן אַהער, אונדז האָבן געבראַכט אַהער די עלטערן, נאָר ווײַבאַלד מיר זייַנען שוין דאָ, איז רעדט מיט אונדז כאָטש העפלעכער".

די יוגנטלעכע, וואָס זייַנען געוואַקסן אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד, זייַנען ניט דאַנקבאַר זייערע עלטערן, וועלכע האָבן זיי אַהער געבראַכט. זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען אַזאַ געזעלשאַפט, וווּ פּריוואַטע הענדלער קאָנקורירן צווישן זיך, וווּ דער פּריוואַטער באַלעבאָס איז דער אייציקער דייע־זאָגער, קיינער קאָן אים ניט דערווידערן.

דער שפּראַך־באַריער שטערט אויך דעם גע־וועזענעם סאָוועטישן יוגנטלעכן צו אויסקלייַבן פאַר זיך א זיכערע לעבנס־קאַריערע. דאָס ברענגט דערצו, אַז דער סטודענט אָדער די סטודענטקע פילן זיך אָף א וואַקלדיקן באָדן, צווישן פרעמדע, גלייַכגילטיקע, צומאָל אַפילע פייַנטלעכע מענטשן.

דעם 17 מאַרט 1972 האָט דער אַליִע־מיניס־טער פעלעד געשריבן אין דער צייַטונג «Наша страна»: „די זשורנאַליסטן דאַרפן וואָרענען די געזעלשאַפטלעכקייַט פון ייִסראָעל, אַז דער וועג פונעם נייַעם עמיגראַנט בא אונדז אין לאַנד איז ניט אויסגעשפּרייט מיט רויזן; פאַר א מענטשן, וואָס האָט 20 — 40 יאָר פון זייַן לעבן אָפּגעאַרבעט אין אַן אַנדער לאַנד, וועט זייַן ניט לייַכט צו אָנהייבן אַלץ פונדאָסנייַ". דאָס האָט געזאָגט א מיניסטער, און ער וואַרפט ניט קיין ווערטער אָפן ווינט. ווען מע זאָל דאָס געזאָגטע איבערזעצן אָף דער שפּראַך פון א פּאָשעטן כּי־וועקייַעם, וועט עס באַטייַטן אַזוי: פאַרלאָזן דאָס היימלאַנד, דאָס אייַנגעזע־סענע אָרט, דאָס געוווינטע לעבן און פאָרן קיין ייִסראָעל הייסט נעמען אָף זיך ליידן מאָראַ־לישע, פינאַנציעלע און פיזישע, זייַן גרייט צו בוקן זיך פאַר יעדן באַלעבאָס, בעטן זיך בא אים, ער זאָל דיך נעמען אָף אַרבעט, שטיין שטענדיק פאַר דער געפאַר, ער זאָל דיך אָפּזאָגן אָן קיין שום וואָרענונג, און קיינער וועט דיך ניט פאַרטיידיקן, קיינער וועט דיך ניט אונ־טערהאַלטן.

אין א צווייטער אַרויסטרעטונג זייַנער — אין ירושאָלאיִם דעם 18 מאַרט — האָט פעלעד גע־זאָגט: „די פּראָבלעם מיט די אימיגראַנטן וועט געלייזט ווערן ערשט דעמלט, ווען עס וועט איבערגעוואָרפן ווערן א בריק צווישן די צוויי זייַטן, וואָס בילדן דעם גרויסן סאָציאַלן טהאָם אין ייִסראָעל". דאָס באַטייַט: ווען די ייִסרעיי־לים וועלן אופהערן האַסן די ייִדן פון סאָ־וועטנפאַרבאַנד.

מע קאָן זיכער זאָגן, אַז די דאָזיקע פּראָבלעם וועט קיינמאָל ניט געלייזט ווערן. די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן וועלן זייער גאַנץ לעבן אָנ־טרעפן אָף סינע און קינע מיצאַד די סאַברעס.

אנדערש קאָן דאָס גאָר ניט זײַן, ווײַל די סאברעס וועלן קיינמאָל ניט דערלאָזן, אז די אנטוויקלטע און געבילדעטע ייִדן, וועלכע זײַנען געקומען פון פּסר, זאָלן זיי „לערנען דערעכערעץ”, ווײַזן, ווי צו פירן די באַלעבאַטישקײַט, ווי אויפשטעלן די קולטור, אנטוויקלען די וויסנשאפט. דאָס איז א פראגע פון פּרעסטיזש, פון אייגנליבע. וועגן דעם שרײַבט זיך אויך אין דער ייִסראָעל־צײַטונג «Трибуна» פון 23 מארט 1972: „אייניקע יונגע מענטשן אין ייִסראָעל קערן אום זייערע מיליטער־ביכלעך פון רעזערוויסטן, דעמאָנסטרירנדיק דערמיט, אז זיי ווילן ניט ארײַנעמען אין זייער לאנד די ייִדן פון פּסר”. דער פּרעמיער גאָלדע מעיִר איז געצוווּנגען געווען צו ווענדן זיך מיט א דראמאטישן רוף קעגן אזעלכע טענדענצן, וועלכע קאָנען, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, „ברענגען אונדז צו א נאַציאָנאלער קאטאסטראָפע”. אזעלכע ארטיקלען זײַנען געווען א סאך, איך קאָן, פארשטייט זיך, ניט איבערעכענען אלע ארויסטרעטונגען אין דער פּרעסע, ווי אויך אלע פאלן פון אָפענעם האס און אומאכטונג פון די ייִסרעיילים צו די ייִדן פון פּסר.

עס איז קלאָר איינס: די ייִדן פון סאָוועטנפארבאנד, וועלכע האָבן זיך געמאָלט א „גאַניידן” אין ייִסראָעל, וועלן דאָרט קיינמאָל ניט געפינען דאָס, צו וואָס זיי האָבן געשטרעבט. זיי וועלן דאָרט געפינען ייִעש פאר זיך און הארצווייטעק פאר זייערע קינדער. ייִסראָעל איז א לאנד פאר די ייִסרעיילים, ניט פאר די ייִדן פון פארשיידענע לענדער.

איך שטעל פאר זיך ניט קיין ציל צו אויסטראכטן באָבעמײַסעס, מײַן ציל איז — וואָרענען מײַנע לאנדסלײַט, זיי זאָלן ניט באגיין אזא פאטאלן פעלער, ווי איך.

מע קאָן מיר זאָגן: וואָס מישסטו זיך אין זאכן, וועלכע האָבן צו דיר קיין שײַכעס ניט? ווער בעט דיך? פאר אזא טײַנע שרעק איך זיך ניט, ווײַל איך ווייס, אז א סאך מענטשן אין ייִסראָעל קוקן אַף דער פראגע פּונקט אזוי ווי איך. און יענע, וואָס רײַסן זיך קיין ייִסראָעל, וועלן דערנאָך דערמאָנען מײַנע רייד און וועלן כאראָטע האָבן, וואָס זיי האָבן זיך צו זיי ניט צוגעהערט.

איך האָב געהערט זאָגן: „אין ייִסראָעל איז די גאנצע וועלט פאר דיר אָפן”. דאָס זײַנען ניט מער ווי רייד פון היץ.

ווען איך שרײַב אָט די שורעס, איז פאר מיר די גאנצע וועלט אָפן, איך קאָן פאָרן אין וועלכן לאנד איך וויל, מיט א ייִסראָעל־פּאספּאָרט וועט מען מיך אומעטום ארײַנלאָזן אַף די דערנידעריקנדיקע באדינגונגען פון אן עמיגראנט. איך פּערזענלעך קען ענגליש און וועל אין ערגעץ ניט פארבלאָנדזשעט ווערן. איך בין אָבער שוין געווען אין אמעריקע, אין קאנאדע, אין פראנקרײַך, אין עסטרײַך און אין בעלגיע, און אין ערגעץ קאָן איך זיך ניט אײַנוואָרצלען. אין ייִסראָעל האָב איך געטראָפן זיך מיט ייִדן פון אלע לענדער, וועלכע זײַנען שוין אויסגעפאָרן די וועלט מער ווי איך, נאָר זיי וועלן קיינמאָל קיין צווייט היימלאנד ניט קריגן. קיין לאָנדאָן איז אָנגעקומען א געוועזענער סאָוועטישער אינזשעניער, וואָס איז געפאָרן קיין ייִסראָעל און איז פון דאָרט אנטלאָפן, האָט מען אים אין לאָנדאָן געזאָגט: „צוליב וואָס זײַט איר געקומען אהער, ווער דארף אײַך דאָ, אונדז קלעקן אונדזערע אייגענע קאפּצאָנים. פאָרט קיין ייִסראָעל”. דאָס איז זייער א טיפּישער פאל.

אינא סלעפּיאן איז אוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל מיט דער טאָכטער נאטאשע. מיט זיי איז געווען געצוווּנגען צו פאָרן אינעס טאטע — א 82־יאָריקער זאָקן, אן אלטער פארטייער — און די מאמע. דעם זיידן האָט מען אוועקגעפירט קיין ייִסראָעל, ער זאָל „שטארבן אַף דער ערד פון די אָוועס”. דאָ ניט לאנג האָט ער געוויינט פאר מיר, ווי א קינד: „ליובע, — האָט ער געזאָגט, — דו געדענקסט אונדזער גערצען־גאס, די קאָנסערוואטאָריע אנטקעגן אונדזער שטוב?” אינע, א יונגע פרוי, א געבילדעטע, מיט א וווּנדערלעכער שטים, א טענצערן, ארבעט איצט פון 5 פארטאָג ביז 7 אין אָוונט. זי זינגט שוין ניט, זי טאנצט ניט, פרייט זיך ניט, ווי דאָס איז געווען אין מאָסקווע. זי זעט אויס עלטער, איר רוקן איז געבויגן, אין די אויגן א שטענדיקער אומרו. אין סאָוועטנפארבאנד האָט אינע געפאטערט א סאך צײַט און קויכעס, ביז זי האָט ארויסגערופן איר מאן סלעפּיאנען פון נאָוואָסיבירסק און אים אײַנגערעדט, ער זאָל ניט דערווידערן קעגן נאטאשעס פאָרן. דער טאטע איז געווען קעגן. די יונגע שיינע 18־יאָריקע נאטאשע, א טאלאנטפולע סטודענטקע פונעם מאטעמאטישן פאקולטעט אין מאָסקווע, א געוועזענע קאָמיוגיסטקע, האָט אין ייִסראָעל זיך אויסגעצייכנט מיט איר טאלאנט... צו פּאָרנאָגראפיע, וואָס איז אין ייִסראָעל א לויבבארע באשעפטיקונג. עס איז לײַכט צו פארשטיין די טראגעדיע פון אָט דער מישפּאָכע.

טינע בראָדעצקאיא, וואָס האָט ארויסגעוויזן באזונדערע אקטיווקײַט אין די זאָרגן וועגן אן ארויספאָר־וויזע קיין ייִסראָעל, איז אלט 36 יאָר. זי האָט געשריבן, אז זי איז א ציוניסטקע און איר עקלט פון רוסלאנד.

אין ייִסראָעל האָט טינע געקראָגן ארבעט אַף א האלבן געהאלט און זי ווייסט ניט, צי ארבעט זי באשטענדיק, צי צײַטווײַליק (ווי אלע אין ייִסראָעל). אזויווי זי האָט ניט קיין מאן, טינע, און מע גיט איר ניט קיין דירע, ווווינט

זי אין א כאַרעווער צוזאַמענווינונג. איר צימער איז פאַרהאַנגען מיט בילדלעך פון הינטערמאָסקווער פאַרשנייטע בעריאָזע־וועלדלעך, זי קוקט אַף די בילדלעך און קאָן זיך ניט אָנקוקן. זי האָט אָנגעשריבן א בריוו, וווּ זי קלאָגט זיך אַף איר לאַגע, און אָפּגעשיקט דעם בריוו אין... אַמעריקאַנער קאָנגרעס. באַם אַמעריקאַנער קאָנגרעס בעט זי שוץ, ניט באַ דער רעגירונג פונעם „היסטאָרישן היימלאַנד".

אין מאָסקווע איז צווישן אונדז געווען אַן עלטערע פרוי — בערטא גריגאָריעוונא ראָזשקאָווסקאַיאַ. א גאַנץ לעבן האָט זי אָפּגעאַרבעט אין קינדער־אַנשטאַלטן, ביז זי איז אַוועק אַף פּענסיע. א שטאָלצע, א שיינע, שטענדיק אַקוראַט אָנגעטאָן און פאַרקעמט. מיט איר שטײַפן כאַראַקטער האָט זי אַמאָל אַף אונדז געשריִען און אַמאָל אונדז געצערטלט, געלערנט אונדז און געמוסערט. מיר אַלע האָבן זי ליב געהאַט.

ניט לאַנג צוריק בין איך געקומען צוגאַסט צו בערטא גריגאָריעוונא (זי האָט א דירע אין ירושלאַיִם). געקומען אַהער איז זי מיט א קאַרג יאָר צוריק. די טיר האָט מיר געעפנט א געבויגענע זקינע מיט צעשויבערטע האָר און מיט טרערן אין די אויגן. ווען איך האָב געפרעגט, פאַרוואָס זי וויינט, איז געקומען דער ענטפער, אַז פונקט איצט שרײַבט זי א בריוו צו אירע קינדער קיין מאָסקווע. „און איך שרײַב זיי דעם גאַנצן עמעס. זאָלן זיי פריִער זיך גוט באַטראַכטן, איידער זיי וועלן פאָרן אַהער".

דער יונגערמאַן מאַרק עלבוים (מײַן ערשטער באַקאַנטער אין „אָוויר"), א מאָסקווער אײַנוווינער, האָט זיך געהאַלטן ווי א ציִוניסט. ניט געקוקט אַף די טרערן פון זײַן מוטער, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל, איבערלאָזנדיק די עלטערן, א שוועסטערקע און א געליבט מיידל. ניט לאַנג צוריק האָב איך געלייענט א בריוו, וואָס מאַרק האָט אָנגעשריבן צו זײַנעם א פרײַנט אין אַמעריקע. ער שרײַבט, אַז אים מאַטערט זייער די איינזאַמקײַט, דאָס געפיל, אַז קיינער דאַרף אים ניט, און ער ווייסט ניט צוליב וואָס לעבט ער אַף דער וועלט.

דער אינזשעניער דאָוויד דראַפּקין, מיט וועמען איך האָב זיך באַקאַנט באַ דאָוויד כאַווקינען אין שטוב, א מענטש א ביסל א צעדולטער, איז אָן שום ספק א טאַלאַנטפולער ספּעציאַליסט. אין מאָסקווע האָט ער געשריִען צו אונדז, אַז אַלע ייִדן דאַרפן לעבן נאָר אין ייִסראָעל. געקומען קיין ייִסראָעל, האָט ער זיך באַלד פאַנאַנדערגעקליבן, וואָס פאַרא פּאָראַנדקעס עס הערשן דאָרט. ווען ער איז נאָך געווען אין די אולפּאַנים, האָט ער דערקלערט א הונגערשטרײַק אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, אַז ער „דאַרף זיך ניט ריכטן צו באַקומען אַרבעט לויט זײַן פאַך".

ניט ווייניקער אינטערעסאַנט איז די געשיכטע מיט דער מישפּאָכע, וואָס האָט דרײַ פאַמיליעס: די מוטער — קלויזנער, דער שטיפטאַטע — באָרוכאָוויטש, דער זון — שלײַען.

באָרוכאָוויטש האָט ניט געשריִען, אַז ער איז א ציִוניסט, ער האָט נאָר געוואָלט פאָרן קיין ייִסראָעל, צו די ייִדן, און וואָס גיכער. טאַקע וואָס גיכער, ווײַל ער האָט גוט געוווּסט, אַז ער דאַרף אַנטלויפן פונעם „אָבעכעעס" (ОБХСС)[1] — אַלס דירעקטאָר פון א קלייט האָט ער אַזויפיל אָנגעגאַנוועט, אַז יעדער איבעריקער טאָג אין מאָסקווע איז געווען פאַר אים געפערלעך. אין ייִסראָעל אַרבעט באָרוכאָוויטש — א מענטש פון 60 יאָר — אַלס שיק־ייִנגל, און כאָטש קיין אָבעכעעס איז דאָרט ניטאָ, קאָן ער ניט גאַנווענען אַפילע א בולקעלע.

זײַן שטיפזון באָריס שלײַען אַרבעט אין ערגעץ ניט, ער איז אַף קעסט באַם שטיפטאַטן. געקומען אינעם „פרײַען לאַנד", איז ער געוואָרן א פּאָליטישער טוער. ער האָט טייקעף אָנגעשריבן די פּראָגראַם פון זײַן פּאַרטיי, איז אַוועקגעפאָרן אין א יישעוו, צונויפגערופן דאָרט מענטשן און דערקלערט זיי, אַז ער, דער פּיפּיקער באָריס שלײַען, האָט דערקלערט א קאַמף דער סאָוועטנמאַכט, און ער וויל אָרגאַניזירן א פּאַרטיי, נאָר דערווײַל דאַרף מען האָבן געלט. די צוהערער האָבן זיך צונויפגעלייגט און געגעבן אים 85 פונט (אַרום 20 רובל), און ער איז אַוועקגעפאָרן. אַף מאָרגן איז ער אַראָפּגעקומען אין נײַע פּלודערן און גנייוויש אַרומגעקוקט זיך, צי גייט מען ניט פאַרשרײַבן זיך אין זײַן פּאַרטיי. אָט אַזוי האָט באָריס שלײַען זיך אײַנגעלעבט אין ייִסראָעל.

א סאַך מאָסקווער קענען דעם רעזשיסער מיכאַיִל קאַליק, זיי געדענקען זײַן פּרעכטיקע דירע אין מאָסקווע אַף אוסיִעוויטש־גאַס, זיי ווייסן, אַז ער איז מאַטעריעל געווען גוט באַזאָרגט.

קאַליק האָט געלאָזט אַף העפקער זײַן דירע, האָט צוגענומען די פרוי, צוויי קינדער און איז אַוועקגעפאָרן אינעם „היסטאָרישן היימלאַנד". אין ייִסראָעל זיצט קאַליק אָן א שטאָך אַרבעט, כאָטש ער האַלט זיך, עמעס, אַלס ערן־טוער פון דער ווייניק אַנטוויקלטער קינאָ־אינדוסטריע אין ייִסראָעל, און וואַרט מיט א טרויעריק געמיט, עפּשער וועט זיך באַווײַזן פון ערגעץ א מעצענאַט, אַן „אַמעריקאַנער פעטער", וואָס וועט אים געבן געלט אַף מאַכן א פילם.

---

[1] אַן אָפּטייל פון דער מיליציע, וואָס פירט דעם קאַמף קעגן די צערויבער פונעם סאָציאַליסטישן אייגנטום.

א צווייטער רעזשיסער, אויך א מאָסקוווער, מיכאַיל פאָזין, וועלכער פלעגט מיט פאַריסנקײַט ארומגיין איבער מאָסקווע און מאכן דעם אָנשטעל פון א „ליבעראל”, וואָס האָט פאר קיינעם אין דער וועלט קיין מוירע ניט, איז געקומען קיין ייִסראָעל און אָפגעדרוקט א מעלדונג אין דער צײַטונג «Наша страна»: „ווער עס קען רוסיש, זאָל זיך פארשרײַבן אינעם דראמקרײַז, מיט וועלכן ער, פאָזין, וועט אָנפירן”.

די געוועזענע מאָסקוווער ייִדן, ווען זיי האָבן איבערגעלייענט די דאָזיקע מעלדונג, האָבן זיך ווי צונויפגערעדט און רעאגירט אף איר מיט איין און דער זעלבער פראזע: „צו אלע אונדזערע צאָרעס פעלט אונדז מער ניט, ווי א דראמקרײַז”...

ראכעל (אליע) און וויקטאָר פעדאָסייעוו און אליעס מוטער דאָרע קאָליאריצקאיא — דאָס איז בעפיירעש א טאלאנטפולע און אינטעליגענטע מישפאָכע, וועלכע איז, ליידער, אויך פארכאפט געוואָרן פון דעם פסיכאָז — ארויספאָרן קיין ייִסראָעל. אין ייִסראָעל ארבעט דאָרע, א פרוי פון 75 יאָר, אין עפעס א פאבריק פון „שעדלעכן פראָפיל” (זי האלט זיך פאר א גליקלעכער — זי ארבעט כאָטש), און בא איר זײַנען די הענט באדעקט מיט קרעץ פון די כימישע פרעפאראטן.

וויקטאָר און אליע קענען פיל שפראכן, האָבן זיי אף פארשיידענע קאָמפליצירטע ארבעטן אָנגעקליבן געלט און ארויסגעפאָרן קיין אייראָפע „זוכן גליק”. אליע שרײַבט פון מינכען צו איר כאווערטע (א געוועזענע מאָסקוויטשקע): „כאָטש מיר האָבן זיך געריסן ארויספאָרן פון רוסלאנד, פיל איך זיך אָבער, ווי גלײַך מע וואָלט מיר געמאכט אָן אָפעראציע און עפעס אויסגעשניטן אזוינס, וואָס אָן דעם קאָן איך ניט לעבן”.

פארשטייט זיך, אז די פעדאָסייעווס האָבן זיך אין ערגעץ ניט אײַנגעאָרדנט. אומעטיקע און מידע, האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין ייִסראָעל, און וואָס זיי דערווארט דאָרט, איז ניט שווער צו טרעפן, ביפראט, אז וויקטאָר איז א רוס.

כאַיִם ספיוואקאָווסקי שטאמט פון כארקאָוו. ער איז א געבילדעטער מענטש, אלע זײַנע יאָרן האָט ער סימפאטיזירט דעם ציִעניזם. ער האָט מיט רעכט געהאלטן, אז די מעלוכע ייִסראָעל איז אים דערפאר א סאך שולדיק.

ספיוואקאָווסקי האָט באקומען א דירע, וואָס קאָסט אים אָפ אקוראט א העלפט פון זײַן ווײַבס פארדינסט (ער אליין ארבעט ניט). די דירע איז אָבער מיט הוילע ווענט, אָן מעבל, אפילע אָן שטולן. ער לעבט איצט איבער א דעפרעסיע און טרוימט צו פארלאָזן ייִסראָעל. נאָר וויאזוי זאָל ער עס טאָן? ער זאָגט: „פאר די 42 יאָר האָט די סאָוועטנמאכט ניט געקאָנט מיך איבערדערציִען, האגאם זי האָט געוווסט, אז איך בין אָן אויסגעשפראָכענער ציִעניסט; ייִסראָעל אָבער האָט מיך געמאכט פאר אָן אנדערן אין מעשעך פון איין יאָר: איך בין ענדגילטיק אויסגעשעפט, טראוומירט — א מאָראלישער מעס”.

וויקטאָר שווארצבורד, א געוועזענער מאָסקווער אינזשעניער־עלעקטראָניקער, האָט מיר דערציילט, ווי שווער אים איז אָנגעקומען צו קריגן אן ארויספאָר־וויזע קיין ייִסראָעל. די סאָוועטנמאכט, וואָס האָט געגעבן אָט דעם פייִקן יונגן אינזשעניער בילדונג, איז געווען קעגן דעם, ער זאָל ארויספאָרן, איר איז א שאָד געווען ארויסצולאָזן אים אין א וועלט, וווּ ס'וועט פון אים ווערן א טעל. נאָר וויקטאָר איז באשטאנען: א וויזע, א וויזע!

איצט האָט וויקטאָר מיט דער פרוי און צוויי קינדער שוין צום דריטן מאָל אריבערגעקליבן זיך פון איין שטאָט אין אן אנדערער און וווינט אין דעם טייל פון ייִסראָעל, וווּ עס מאטערן באזונדערס שטארק די היצן. ער האָט עס געטאָן דערפאר, ווײַל מער פון א האלב יאָר האָט זיך אים אין ערגעץ ניט אײַנגעגעבן צו אײַנאָרדענען זיך אף ארבעט.

דער געוועזענער אָדעסער אײַנוווינער טשאפליא האָט זיך מיט דערפינדערישקײַט אָריענטירט אין דער ייִסראָעל־ווירקלעכקײַט. ער האָט ניט אָרגאניזירט קיין פארטיי, אזוי ווי שלײַען, ער האָט זיך דערקלערט אלס מאן פון רייזל פאלאטניק, וואָס איז אין סאָוועטנפארבאנד ארעסטירט געוואָרן פאר אנטיסאָוועטישע מײַסים. טשאפליא פאָדערט צו זיך אופמערקזאמקײַט — ער איז דאָך א מאן פון א געליטענער (כאָטש ער קען קוים די „געליטענע”). אין סאָוועטנפארבאנד האָט טשאפליא געלעבט נאָרמאל, ווי אלע מענטשן, אין אָדעס האָט ער ניט געדארפט אָנקומען צו אָסטאָפ בענדערס קונצן, קעדיי צוציִען צו זיך די אופמערקזאמקײַט.

א צווייטער אָדעסער אײַנוווינער — אווראָם שיפרין — איז אָפגעזעסן אין די סאָוועטישע לאגערן א לאנגע צײַט פאר קאָנטראבאנדע און פאר ספעקוליאציע מיט אויסלענדישער וואליוטע. אין ייִסראָעל האָט ער געטײַנעט, אז ער איז געזעסן אין טפיסע פאר ציִעניזם, און געפאָדערט, מע זאָל אים אויסצאָלן קאָמפענסאציע. דאָס איז איינער פון די מעטאָדן פון א געוויסער קאטעגאָריע לײַט, וועלכע קאָנען זיך ניט צופאסן צום קאפיטאליסטישן לעבנשטייגער, און זיי באנוצן די סאמע נידעריקע מעטאָדן.

די לייענער פון מײַנע נאָטיצן קאָנען מיט רעכט שטעלן מיר די פראַגע: שוין זשע האָב איך פאַר די צוויי יאָר, וואָס איך האָב געלעבט אין ייִסראָעל, קיין שום גוטס ניט געזען, אַלץ איז דאָרט אַזוי שלעכט?

פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלץ. פאַראַן דאָרט אויך ניט ווייניק גוטס. פאַר די 22 יאָר, וואָס די מעדינע עקזיסטירט, איז אויסגעבויט געוואָרן מער, איידער מע האָט זיך געקאָנט ריכטן. נאָר... איך האָב שוין ניט איין מאָל געזאָגט, אַז מיט מײַנע נאָטיצן בין איך ניט אויסן צו מאָלן ייִסראָעל, באַווײַזן זײַנע כעסרוינעס אָדער מײַלעס. מײַן טעמע איז — צי קאָנען סאָוועטישע ייִדן זיך אײַנלעבן אין ייִסראָעל, צי האָט אַ זין דאָס רײַסן זיך אַהין?

אין ייִסראָעל זײַנען פאַראַן ניט ווייניק גוטע זאַכן, נאָר אַ צוטריט צו זיי האָבן נאָר רײַכע לײַט. די אימיגראַנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועלן צו די דאָזיקע גוטע זאַכן זיך קיינמאָל ניט דערשלאָגן.

די פראַגע באַשטייט ניט אין דעם, צי איז ייִסראָעל אַ גוט לאַנד, צי אַ שלעכט לאַנד. ייִסראָעל איז אַ לאַנד פאַר די ייִסרעיילים, און מיר האָבן דאָרט ניט וואָס צו טאָן. פון אונדזערע בעסטע און שענסטע פלענער לאָזט זיך דאָרט אויס אַ טײַך, ווײַל קעדיי אַ פרעמדער זאָל לעבן גוט אין ייִסראָעל, דאַרף ער האָבן קאַפיטאַלן, און מיר זײַנען, צום גליק, ניט געבוירן געוואָרן קיין קאַפיטאַליסטן. אין ייִסראָעל איז געלט, קאַפיטאַל — דער איקער פון אַלע איקרים.

אַ צווייטע פראַגע — צי אַלע אָן אויסנאַם אוילים פון סאָוועטנפאַרבאַנד לעבט זיך שלעכט אין ייִסראָעל?

ניין, ניט אַלע. פאַראַן אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך דאָרט גוט אײַנגעאָרדנט, אָבער ניט דערפאַר, ווײַל גוט אײַנאָרדענען זיך אין ייִסראָעל איז אַ לײַכטע זאַך. איך קאָן, לעמאָשל, דערציילן, ווי עס לעבן אין ייִסראָעל צוויי יונגע מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען פון מאָסקווע, — נאָרמאַן סירקין און לעוו פריידין. ביידע זײַנען זיי זייער שיינע יונגעלײַט. נאָרמאַן סירקין איז אַ דאָקטער, לעוו פריידין — אַ געאָלאָג. אין ייִסראָעל האָבן זיי כאַסענע געהאַט. די עלטערן פון זייערע ווײַבער זײַנען רײַכע מענטשן. באַלד נאָך דער כאַסענע האָבן זיי באַקומען ווילעס און אויטאָמאָבילן, גוטע שטעלעס, קורץ — זיי קומט ניט אויס מוירע צו האָבן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

דער געוועזענער מאָסקווער דאָקטער אַריע רוטשטיין האָט אויך קיין איין טאָג נאָך זײַן קומען קיין ייִסראָעל ניט געוווּסט פון שוועריקײַטן, ווײַל אין ייִסראָעל וווינט זײַן אַלטער פרײַנט, דער דאָקטער לעווראַן, מיט וועמען ער האָט ייִנגלווײַז געלערנט אין איין שול. נאָך איידער רוטשטיין מיט זײַן מישפאָכע איז געקומען קיין ייִסראָעל, האָט לעווראַן פאַר אים צוגעגרייט אַלץ, ער זאָל קאָנען רויִק לעבן און אַרבעטן. גוט אײַנגעאָרדנט זיך האָבן אויך געציילטע אוילים, וועלכע האָבן פראָטעקציעס. אָן אויסנאַם קאָן אָבער ניט דינען אַלס אַ קלאַל.

עס קאָן זייער זײַן, אַז צווישן די ייִסרעיילים זײַנען אויך פאַראַן מענטשן פון אַן אַנדער מין, ניט מיט אַזעלכע שטיינערנע הערצער, וועלכע איך האָב געמאָלט. זיי העלפן מיסטאָמע די נויטבאַדערפטיקע אוילים, באַציִען זיך צו זיי מענטשלעך. אָבער זיי זײַנען געוויס אײַנצלנע.

פאַרן אוועקפאָרן פון ייִסראָעל בין איך אַ גאַנצן אָוונט אָפגעזעסן אין דער דירע פונעם געוועזענעם מאָסקווער אַרכיטעקטאָר וויטאַלי סוועטשינסקי. ביכלאַל האָט וויטאַלי ניט ליב געהאַט צו ריידן, ער פלעגט מער הערן, נאָר אין דעם אָוונט איז ער געוואָרן צעהיצט. די טעמע פונעם שמועס איז געווען איינע — ווי גיט מען צו וויסן די מאָסקווער ייִדן, אַז זיי זאָלן צונעמען זייערע מעלדונגען פון „אָוויר"?

אַן אוילע פון רוסלאַנד לויפט אין ייִסראָעל אַרום איבער פאַרשיידענע אַנשטאַלטן אינגאַנצן אומזיסט, ווײַל אים העלפט קיין שום רייד ניט. אונטער דער ווירקונג פון די מיד געוואָרענע ייִסראָעל־טשינאָווניקעס ווערט ער אַזוי אומבאַהאָלפן, אַזוי נעבעכדיק, אַז עס ווילט זיך וויינען, קוקנדיק אַף אים. אַרײַנגעפאַלן אין אַ נעץ פון וואָלאָקיטע, גענאַרערײַ, ווערט דער מענטש אומבאַהאָלפן, ער קען שוין גאָרנישט ניט זאָגן, ער קען שוין ניט קעמפן. די אַטמאָספער איז אַזאַ, אַז דער אוילע פילט זיך איינזאַם און איזאָלירט. די רעגירונג איז פולשטענדיק גלײַכגילטיק דערצו.

איינער אַן אוילע פון סאָוועטנפאַרבאַנד האָט פאָרגעלייגט צו שאַפן אַ קאָאָפעראַטיוון פראָדוציר־אַרטעל, לויטן פרינציפ פון די סאָוועטישע קאָאָפעראַטיווע אַרטעלן. דרײַ כאַדאָשים האָט ער געוואַרט אַף אַן אַוודיִענץ באַם אַליִע־מיניסטער. ווען דער מיניסטער האָט אים אויסגעהערט, האָט ער געזאָגט: „איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, אײַער אידיי איז זייער אַ שיינע און אַ גוטע, זי קאָן ראַטעווען אַ סאַך אימיגראַנטן פון אַרבעטסלאָזיקײַט. נאָר ווי וועט איר דורכפירן די אידיי אין לעבן, אויב אַפילע איך, אַ מיניסטער, קאָן זיך ניט קעגנשטעלן דעם ביוראָקראַטיזם און איבערצײַגן אונדזערע טשינאָווניקעס".

קיין יִשׂראָעל האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אָפּט יִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, אין דער זעלבער צײַט ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ גרעסער די צאָל אַנטוישטע, פאַרביטערטע, וואָס לויפן אַרום אָן אַ קאָפּ זוכן אַרבעט, אַ דירע. טויזנט מאָל איז געווען גערעכט גלאָריע פון קאַנאַדע: אַ שלעכטע טויווע טוט מען די יִדן, וואָס מע רופט זיי אַרויסצופאָרן קיין יִשׂראָעל.

אין מאָסקווע פלעגן מיר מײַנע באַקאַנטע זאָגן: „וואַרט צו אַ ביסל, איך וועל קומען קיין יִשׂראָעל, וועל איך עפענען אַ קאַפע, אַ רעסטאָראַן, אַ קינסטלערישע אַטעליע און נאָך אַזעלכע זאַכן און וויסן פון אַ לעבן”. יאָ, מיטן צונג האָבן זיי אַלץ געעפנט און געעפנט, אָבער די הענט זײַנען געבליבן פוסט, און זיי לויפן אַרום מיט אויסגעשטרעקטע צינגער זוכן אַ פאַרדינסטל.

עמעס, די יִשׂראָעל־רעגירונג גיט אַרויס האַלוואָעס אַף צו עפענען אונטערנעמונגען פון דעם מין, ווי רעסטאָראַנען אאַז״וו. נאָר אַ מענטש, וואָס נעמט אַזאַ האַלוואָע, ווערט אַן עמעסער שקלאַף. פּראָצענטן דאַרף ער צאָלן, אָבער פאַרדינסטן זײַנען אַ גאָט־זאַך. לאָמיר דערבײַ דערמאָנען זיך, ווי פרעמד עס זײַנען אַזעלכע געשעפטן פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט זײַן דערציִונג באַקומען אינעם סאָוועטישן לאַנד.

דער געדאַנק וועגן אַוועקפאָרן פון סאָוועטנפאַרבאַנד קיין יִשׂראָעל איז אַ קאַטאַסטראָפאַלער, און זאָל דער, וואָס קלײַבט זיך דאָס טאָן, רויִק דערמאָנען זיך, ווי אים האָט זיך געלעבט אַלס סאָוועטישער מענטש — זיכער אין זײַן אַרבעט, זיכער אין זײַן מאָרגן, זיכער פאַר דער דערציִונג און בילדונג פון זײַנע קינדער.

איך קען אין מאָסקווע מישפּאָכעס, וועלכע פײַערן בײַ זיך אין שטוב די רעליגיִעזע יִדישע יאָמטויוום, זיי עסן פּייסעך מאַצע, פאַסטן יאָמקיפּער אאַז״וו. און קיינער וואַרפט אין זיי ניט קיין שטיינער, קיינער לאַכט פון זיי ניט. ווי־אַזוי איינער וויל, אַזוי פירט ער זיך.

די פּאָליטיק פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַזאַ, אַז קיין שום נאַציאָנאַליטעט שטייט ניט העכער פון די אַנדערע, באַקומט ניט קיין פּאָרצוגן. אויפן ערשטן אָרט שטייט דער מענטש, אומאָפּהענגיק פון זײַטיקע אַטריבוטן. אַלע זײַנען פאַרן געזעץ גלײַך. אין יִשׂראָעל אָבער, וואָס איז אַ ריין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, איז דער קלאַל אַזאַ: האָסטו געלט, ביסטו אַ מענטש, האָסטו ניט קיין געלט, ביסטו געגליכן צו אַ הונט. קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגן, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווען אַ מענטש וויל אַרויסטרעטן אַף אַ פאַרזאַמלונג, וועט מען בײַ אים פרעגן, צי האָט ער געלט, וויפל פאַרדינט ער אַ כוידעש? דאָס וואָלט גאָר געקלונגען ווילד. אויב ער וויל ריידן צו דער זאַך, האָט לאָגישע פאָרשלאָגן און געדאַנקען, גיט מען אים אַ וואָרט, נעמט מען אים אויף מיט קאָוועד. אין יִשׂראָעל, ווען אַפילע אין טעלעוויזאָר זעט מען אַ מענטשן, וועמען מע קען ניט אַלס גרויסן נאָגיד, זאָגן די יִשׂרעיילים: „פּשש, אויך מיר אַ רעדנער, ער איז דאָך אַ קאַפּצן! וואָס וועלן מיר אים הערן, אַז בײַ אים זײַנען לעכער אין די טאַכטוינים”. אָבער ווען עס רעדט אַ באַוווסטער גוויר, מעג ער האַקן אַ טשײַניק, הערט מען אים אויפמערקזאַם און מיט אַכטונג.

אין יִשׂראָעל זײַנען פאַראַן ניט ווייניק מיידלעך, וועלכע זײַנען געקומען צו פאָרן פון סאָוועטנפאַרבאַנד קעגן דעם ווילן פון זייערע עלטערן. זיי האָבן דאָ געוואָלט כאַסענע האָבן מיט די סאַברעס, נאָר, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, ווילן די „שטאָלצע סאַברעס” ניט נעמען קיין קאַלעס, וואָס זײַנען ניט קיין סאַברעס. די לאַגע פון אַזעלכע מיידלעך איז מאַמעש שווער צו באַשרײַבן, דאָס האַרץ ווערט צעריסן, קוקנדיק אַף זיי, זייער דאַכקעס און עלנט ווייסן ניט פון קיין שיר: עמעסע יעסוימים. אָן דירעס, אָן אויפמערקזאַמקײַט פון קיינעם, יונגערהייט אַלט געוואָרענע. אין דער היים האָבן דאָך די מאַמעס געציטערט איבער זיי, אײַנדערפרי געבראַכט זיי אין בעט אַרײַן אַ גלאָז מילך, און דאָ זײַנען זיי אַרײַנגעפאַלן אין אַן אַטמאָספער פון אַנטבלויזטער אַכזאָריעס.

אַ געוועזענער סאָוועטישער יִד אין יִשׂראָעל, ווען ער דערוויסט זיך, אַז פון ווין איז אָנגעקומען אַ נײַער לײַנער מיט יִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, גיט אים אַ שטאָך אין האַרצן. אים ווילט זיך וויינען, שרײַען, אַז די סאָוועטישע יִדן זאָלן דערהערן: וווּהין פאָרט איר! פאַרוואָס פאַרקירצט איר אײַערע לעבנס, די לעבנס פון אײַערע קינדער?

פריִער פלעגט מען אויפנעמען די אוילים איידל, פײַן, זיי זאָלן כאָטש דעם ערשטן טאָג ניט כאַראָטע האָבן, וואָס זיי זײַנען אַהער געפאָרן. אויפן לודער אעראָדראָם פלעגט קומען באַגעגענען די נײַע אוילים אַפילע אַליין גאָלדע מעיִר. איצט איז שוין דערפון קיין זייכער ניטאָ. מע פירט אָפּ די אוילים פונעם אעראָדראָם אַף אומריינע אויטאָבוסן, אין וועלכע מע קערט אַפילע ניט אויס דאָס מיסט. ווען אַן אוילע באַקומט אויפן נײַעם אָרט אַ דירע, פרייט זי אים ניט, זי איז אַ פּוסטע, די דילן — שטיינערנע, ווי אין אַ באָד, אומעטיק אַרײַנצוגיין אין איר, פון קיינעם ניט צוגעגרייט, כאָטש לעקאָוועדוועגן. דער אוילע גייט אַוועק אין קראָם קויפן אַ מעבל־גאַרניטור. די וויטרינעס פרייען פון ווײַטן דאָס אויג — שיינע גאַרניטורן, נאָר אַז דער אוילע גייט אַרײַן אין קראָם, ווערט אים

פינצטער אין די אויגן — אזעלכע פרײַזן! קערט ער זיך אום אין דער „אייגענער דירע״ מיט ליידיקע הענט. ער עפנט אויף דאָס פּאָטשט־קעסטל, און ס'פאַרדרייט זיך אים ווידער דער קאָפּ: א מוידאָע פון באַנק אַף דירע־געלט — די כעזשבוינעס זײַנען מעשונע גרויסע. דערצו קומען נאָך צו כעזשבוינעס פאר וואסער, גאז, עלעקטרע. אָט אזא איז די ערשטע באַגעגעניש מיט דער מעדינע.

אויב מע האָט מיט זיך בעטגעוואנט, לייגט מען עס אויס אַפן דיל, קעדיי כאַפּן א דרעמל. אינדערפרי גייט מען זוכן ארבעט, קעדיי האָבן אַף צום לעבן. דער, וועמען עס גליקט אָפּ און ער קריגט ארבעט, לעבט שטענדיק אין איינע שרעק, טאָמער טרײַבט מען אים ארויס פון דער ארבעט, ווײַל דער באַלעבאָס זאָגט קיינמאָל ניט, צי ער נעמט א מענטשן אַף שטענדיק, צי צײַטווײַליק.

אין ייִסראָעל זײַנען פאראן גאסן, וווּ עס וווינען אָרעמעלײַט. וויאזוי עס זעען אויס די דאָזיקע גאסן און די דירעס אין די הײַזער, וועט זיך א סאָוועטישער מענטש מיט דער רײַכסטער פאַנטאַזיע ניט קאָנען אויסמאָלן. דאָס זײַנען באַרגיקע גאסן מיט שטיינערנע כורוועס, וואָס מאַכן דעם אײַנדרוק, אז דעם ראַיאָן האָט מען נאָרוואָס באָמבירט. עס גלייבט זיך ניט, אז דאָ זאָלן איצט לעבן מענטשן. אָבער עס וווינען דאָ פּאָרט מענטשן, גאַנצע געזינדן. דער איינציקער סימען זײַנען די שטריק, אַף וועלכע עס טריקענען זיך שמאַטעס.

אין די אָרעמע געזינדן זײַנען פאראן א סאַך קינדער. זומער און ווינטער לויפן זיי ארום באָרוועס.

די אײַנוווינער פון די אָרעמע גאסן פאָדערן שוין צענדליקער יאָרן בא דער רעגירונג, מע זאָל זיי געבן מענטשלעכע דירעס. זיי זײַנען סאַבּרעס, זייערע זין האָבן אָנטיילגענומען אין די מילכאָמעס. אלע טאָג גייען זיי ארויס אַף דעמאָנסטראַציעס און פאָדערן: „דירעס! דירעס! דירעס!״. זיי זײַנען אופגעבראַכט, וואָס די אוילים גיט מען דירעס, און זיי — ניט! אלע טאָג לויפן זיי אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, נאָר קיינער הערט זיי ניט אויס.

קיין גרעסערער קאָנטראַסט, ווי דער קאָנטראַסט צווישן די רײַכע און אָרעמע אין ייִסראָעל, האָב איך אין ערגעץ ניט געזען — ניט אין אמעריקע, ניט אין קאַנאַדע, ניט ערגעץ אַנדערש.

איינמאָל בין איך אין אָרעמען קווארטאל געשטאַנען אַף א בערגל גאַנץ לאַנג און געקוקט, ווי א מישפּאָכע פון א מענטשן 7 — 8 עסט מיטיק. די מענטשן זיצן אַף דער ערד און דאָס עסן שטייט אַף א פלאַטשיקן שטיין. דאָס איז געוועזן אין זייער א הייסן טאָג, אָבער די מענטשן זײַנען געזעסן אַף דער ערד און געגעסן. איך האָב געוויינט פון פאַרדראָס און צאַר. קיינער פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע זײַנען פאַרכאַפּט פון דער מאַגייפע צו פאָרן קיין ייִסראָעל, וועט מיר אזוינס ניט גלייבן. אָבער איך האָב דערוף גענוג באַווײַזן, די געוועזענע סאָוועטישע בירגער זײַנען אלע געלאָפן אהער קוקן.

אז איך האָב דערזען אָט די שווידערלעכע ערטער, אָט דאָס שרעקלעכע לעבן פון אָרעמעלײַט, האָב איך דערפילט נאָך א גרעסערן האס צו די רעגירער פון ייִסראָעל.

אין כײַפע איז צו מיר אין שטוב געקומען א מענטש און געזאָגט: „איך האָב געהערט, אז איר האָט דערלאַנגט א מעלדונג אַף אומצוקערן זיך קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. איך בעט אײַך, דערקלערט מיר געניוי, ווי קאָן מען דאָס טאָן!״. א מידער, אָן אויסגעמאַטערטער, איז ער געזעסן און דערציילט, ווי מיט זעקס יאָר צוריק איז ער געקומען קיין ייִסראָעל פון לוואָוו. אין לוואָוו איז ער געווען א דירעקטאָר פון א פאַבריקמאַכערײַ, זײַן פרוי — א לערערן פון פיזקולטור אין א קינדער־שול. זעקס יאָר מאַטערן זיי זיך אין כײַפע בא „שווארצע ארבעטן״: ער קערט די גאסן, רייניקט די פלעצער ארום די מיסטקאַסטנס, גייט אַפן אעראָדראָם, וווּ ער העלפט די טרעגער. די פרוי ליגט די גאַנצע צײַט צו בעט, זי קאָן דעם היגן קלימאַט ניט אריבערטראָגן. און די אלע צאָרעס שטייען זיי אויס דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען עלטער פון 40 יאָר און קיינער וויל זיי ניט נעמען אַף ארבעט. אָט דער אומגליקלעכער מענטש — ארן בורשטיין הייסט ער — איז איינער פון די פּיל־פּיל קאָרבאָנעס פון דער ייִסראָעל־פּאָליטיק. ער האָט מיט זײַן אומבאַהאָלפענעם אויסזען, מיט זײַן אופריכטיקן טרויער מיך בוכשטעבלעך טראַוומירט. ער האָט געזאָגט: „איך בעט גאָט, איך זאָל כאָטש א שאָ פאַרן טויט קומען אהיים״. כ'האָב לאַנג געטראַכט, וויאזוי האָט עס געקאָנט געשען, אז מיר, דערוואַקסענע מענטשן, זאָלן פרײַוויליק, מיטן אייגענעם ווילן ארויסרופן אַף זיך אזעלכע שווערע ליידן.

איך צווייפל ניט, אז אלץ, וואָס איך שרײַב דאָ, דריקט אויס די איינמוטיקע מיינונג פון 99 פּראָצענט פון די, וועלכע זײַנען געקומען קיין ייִסראָעל פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

די צײַטונג «Трибуна» האָט דעם 9 אפּרעל 1972 געשריבן: „ווײַזט אויס, אז מיר וועלן מיט די אייגענע הענט מאַכן א סאָף צו דער אַלײַע פון פּסר און דערמיט העלפן אונדזערע סאָנים צו דערגרייכן דאָס, וואָס זיי האָט זיך ניט

אײַנגעגעבן אין מעשעך פֿונעם גאַנצן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אויב מיר וועלן ניט אָפּזאָגן זיך פֿון דער שרעקלעכער באַציִונג צו די נײַע אוילים".

„בירגער פֿון ייִסראָעל! — ווענדט זיך אין דער זעלבער צײַטונג מיט אַ רוף דער פּאָרזיצער פֿון דער אומאָפּהענגיקער גענעראַל־קאָמיסיע פֿאַר די פֿראַגן פֿון דער אַליִע ייִצכאַק אַרצי. — מיר דאַרפֿן טאָן אַלץ, וואָס מיר קאָנען, קעדיי ניט דערלאָזן צו דער נאַציִאָנאַלער, מיליטערישער, עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפֿע, וועלכע דראָעט ייִסראָעל, אויב עס וועט זיך אָפּשטעלן די אַליִע".

דאָס סאַמע לעפּישע אין ייִצכאַק אַרציס רוף „צו די בירגער פֿון ייִסראָעל" איז דאָס, וואָס דאָס דרוקט זיך אין דער רוסישער צײַטונג, וועלכע עס לייענען בלויז די אוילים, אָבער די „בירגער פֿון ייִסראָעל", וואָס קענען ניט קיין רוסיש וואָרט, זיי לייענען בלויז איוריט, — ווייסן גאָר אַפֿילע ניט וועגן אַזעלכע פּאַטעטישע רופֿן. דאָס איז ניט מער, ווי נאָך איין שעקער, נאָך איין שווינדל. אַזעלכע רופֿן זײַנען הוילע צוויִעס! דאָס אַלץ ווערט דאָך גערעדט ניט צו די „בירגער פֿון ייִסראָעל", נאָר צו די אומגליקלעכע קאָרבאָנעס, קעדיי צײַטווײַליק באַרויִקן זיי.

שווער צו קוקן אויף די קינדער פֿון די אַזוי־גערופֿענע „אָרטאָדאָקסן", ד.ה. פֿון די פֿאַנאַטישע פֿרומע ייִדן. די דאָזיקע קינדער ווערן דערצויגן אין גײַסט פֿון די סאַמע פֿאַרדאָרבענע קלאָלים פֿון דער רעליגיע. זיי טראָגן קאַפּאָטקעלעך, יאַרמעלקעלעך, וואָלענע טאַלעסקאָטנס (מעג זײַן אין גאַס אַ שרעקלעכע היץ), פּייעס.

פֿון פֿרימאָרגן ביז אין אָוונט געפֿינען זיך די קינדער אין בעסמעדרעש. זיי דאַווענען, זאָגן טהילים, לייענען מוסער־ספֿאָרים, מעדרעש און נאָך אַזעלכע זאַכן. אין די איבעררײַסן עסן זיי אָדער שלאָפֿן, נאָר אָפּטער (קינדער בלײַבן קינדער!) לויפֿן זיי אַרום אין גאַס. זיי ווייסן אָבער ניט, וווּ אַהינטאָן זייער יונגע ענערגיע. אַנדערע קינדער שפּילן מיט זיי ניט, לאַכן פֿון זיי, רופֿן זיי איטשע־מייערס, דערפֿירן זיי ביז טרערן. אויב אַזאַ „פֿרום קינד" הייבט אָן וויינען, שמײַסט אים דער טאַטע אָפּ מיט אַ רימען, און דאָס קינד שרײַט, אַז מע קאָן דאָס ניט אויסהאַלטן.

אין לאַנד איז אײַנגעשטעלט דער אָפֿיציִעלער פּאָסטן פֿון אַ רעבן, ער איז דער רייִנער, שיינער און קלוגער מענטש. אַרום אים דרייען זיך אום כאָפּטעס לײדיקגייער, וואָס פֿאַרשטייען אין די פֿראַגן פֿון רעליגיע, וויפֿל אַ האָן אין בעניי־אָדאָם. אָט די לײדיקגייער זײַנען פֿרײַ פֿון מיליטער־דינסט, זיי לעבן אויפֿן כעזשבן פֿון פֿאַרשיידענע קאָהעלשע אינסטיטוציעס, האַלטן זיך שמוציק, קאַליעטשען זייערע קינדער, און קיינעם אַרט דאָס ניט. „פֿרומע קינדער" זעען אויס ווי אַלטע לײַט מיט צעקנייטשטע פּענעמער.

די פֿרומאַקעס פֿירן זיך מיט גרויס האָזע. ווען זיי זעען, לעמאָשל, שאַבעס אַ ייִדן מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, וועלן זיי אים בעפֿאַרהעסיע אָנשפּײַען אין פּאָנעם — מעג דאָס זײַן אַ מאַנצבל צי אַ פֿרוי. זיי פֿאַרוואַרפֿן מיט שטיינער אַ מאַשין, וואָס פֿאָרט אום שאַבעס. דאָס האָט מען לויט זייער פֿאָדערונג פֿון פֿאַר ליכטבענטשן ביז האַוודאָלע (פֿון פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט פֿאַר זון־אונטערגאַנג ביז שאַבעס אין אָוונט, ווען אין הימל ווײַזן זיך דרײַ שטערן) פֿאַרבאָטן די באַוועגונג פֿונעם טראַנספּאָרט, פֿאַרמאַכט די קינאָ־טעאַטערס, פֿאַרמאַכט אַלע אַנשטאַלטן און וואַרשטאַטן, — אין דער דאָזיקער צײַט, האַלטן זיי, דאַרפֿן אַלע זײַן אין בעסמעדרעש, דאַווענען מינכע, מײַרעוו, שאַכרים. און אָט די פֿאַנאַטישע ברויִם (זיי קאָנען אַ האַלב יאָר ניט וואַשן זיך) האַלטן אין זייערע הענט די גאַנצע באַפֿעלקערונג, מע מוז זיי פֿאָלגן!

שאַבעס — אין ייִסראָעל דער איינציקער רוטאָג — קאָנט איר אין ערגעץ ניט פֿאָרן, אויב איר האָט ניט קיין אייגענע מאַשין (אויף אַן אייגענעם אויטאָמאָביל פֿאָרט איר מיט די יערושאָלאיִמער הינטערגעסלעך, ציטערנדיק, אַז די פֿאַנאַטיקער זאָלן אײַך, כאָלילע, ניט דערזען). די פֿאַנאַטיקער רײַסן זיך אַרײַן אין די שפּיטאָלן, שלאָגן מאַקעס־רעצעך די אַנאַטאָמען־פּאַטאָלאָגן דערפֿאַר, וואָס זיי פּאַלמעסן די באַרמינענס, מע קלינגט די דאָזיקע דאָקטוירים אַהיים, מע דראָעט זיי, אַז מע וועט זיי „אָפּלייגן אויף קאַלט", מע לאָזט זיי ניט אַרבעטן אין מעדיצינישע אַנשטאַלטן, און קיינער קאָן מיט די ווילדע ברויִם גאָרנישט ניט מאַכן, אַלץ ווערט געטאָן, ווי זיי פֿאַרלאַנגען, — אָן עמעסער אומגליק פֿאַרן לאַנד. אויף די ייִדן, וועלכע קומען פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, פֿאַלט אָן אַ שוידער, ווען זיי זעען דאָס אַלץ.

איך פֿאַרענדיק מײַנע נאָטיצן מיט איין פֿאַרלאַנג: וואָס גיכער אומקערן זיך אַהיים, וואָס גיכער דערציילן דעם גאַנצן עמעס מײַנע לאַנדסלײַט, דערציילן זיי אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין ייִסראָעל.

אין דער פֿרעמד זײַנען דער ווייטעק און דיליידן פֿיל מאָל שטאַרקער, ווײַל פֿאַר פֿרעמדע מענטשן קאָן מען זיך ניט קלאָגן. עמיגראַנט! סאַראַ שרעקלעך וואָרט דאָס איז!

איך האָב שוין געוואָלט פֿאַרמאַכן מײַן העפֿט מיט די נאָטיצן, נאָר די לעצטע געשעענישן

האָבן מיך אַזוי אופגערודערט, אַז איך קאָן זיי ניט פאַרשווייַגן.

קיין ייִסראָעל איז געקומען דער דיריזשאָר פונעם סימפאָנישן אָרקעסטער פון דעם מאָסקווער ראַדיאָ־קאָמיטעט יורי אַראַנאָוויטש.

דער דאָזיקער מענטש האָט ניט געשאַנעוועט זייַן אויטאָריטעט, וועלכן ער האָט דעראָבערט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ער האָט ניט געשאַנעוועט זייַן בעקאָוועדיקע שטעלע און איז אַרייַנגעפאַלן אין אָט דעם אומהיימלעכן קליינשטעטל. ער האַלט באַם אַראָפּגיין פון זינען פון אַנטוישונג און ייִעש, פונעם אומגעריכטן בילד, וואָס ער האָט דערזען אין ייִסראָעל.

דער נאָמען יורי אַראַנאָוויטש איז ווייניק פאַר די פּרעכע לייַט, זיי האָבן געפּאָדערט, אַז איידער מע לאָזט אים צו צו דער אַרבעט, זאָל ער אָפּגעבן עקזאַמען, אָט ווי אַ כיידער־ייִנגל. דער דיריזשאָר פונעם טעל־אוויווער אָרקעסטער האָט אים געזאָגט:

— איך דאַרף וועקגיין אַף אַ האַלבער שאָ וועגן מייַנע פּערזענלעכע עיניאָנים. דערלויב איך אייַך צו פאַרנעמען זיך די האַלבע שאָ מיט די אָרקעסטראַנטן, דערנאָך וועלן זיי שוין זאָגן מיר זייער מיינונג...

יורי אַראַנאָוויטש, אַ מענטש מיט אַ באַזילבערטן קאָפּ האָר, איז געקומען צו מיר זיך דורכריידן. ער איז געזעסן מיט אַ בלאָקנאָט אין די הענט, געקוקט מיט טרויעריקע אויגן און געשטאַמלט:

— אין בלאָקנאָט זייַנען פאַרשריבן די אַדרעסן פון מוזיקאַנטן, וועלכע האָבן מיך געבעטן, איך זאָל זיי שרייַבן וועגן ייִסראָעל. ניין, איך בין קיינעם קיין סוינע ניט, איך וועל ניט דערלאָזן, אַז עמעצער פון מייַנע קאָלעגן זאָל אַהער קומען.

אָט אַזוי האָט גערעדט יורי אַראַנאָוויטש, אַ דערשלאָגענער און פאַרשטויסענער, פאַרגעסנדיק אין זייַן געוויינלעכן הומאָר.

דאָס איז נאָך איין קאָרבן פון דער ציוניסטישער שקאָרים־פּראָפּאַגאַנדע.

ייִסראָעל איז פאַר אונדז, ייִדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד!

דעם 25 אַפּרעל 1972 איז געווען מייַן געבורטסטאָג. אין דעם דאָזיקן טאָג האָב איך מיט מייַן מאַן פאַרמאַכט אונדזער דירע אין כייַפע, מיטגענומען נאָר דאָס אָנטאָן, מער גאָרנישט, און אוועקגעפאָרן אַפּן אַעראָדראָם, אוועקגעפלויגן קיין בעלגיע, קיין בריסעל, וווהין מיר זייַנען געקומען 5 אַזייגער אין אָוונט. איבערגענעכטיקט אין אַ האָטעל, זייַנען מיר אינדערפרי אוועק אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט.

10 אַזייגער אינדערפרי האָט מען אונדז אופגענומען. דער ערשטער מענטש, מיט וועמען מיר האָבן אין דער געזאַנדשאַפט זיך באַגעגנט, איז געווען דער וויצע־קאָנסול וואַדים אַנאַטאָליעוויטש גוסיעוו. פאַר די צוויי יאָר האָב איך דאָס ערשטע מאָל גערעדט מיט אַ רוסישן מענטשן. גוסיעוו האָט אונדז אויסגעהערט, ווי ווייַט מעגלעך באַרויִקט, האַגאַם קיין צוזאָג, אַז מירן קריגן אַ דערלויבעניש אומצוקערן זיך אַהיים, האָט ער אונדז ניט געגעבן.

ליובע בערשאַדסקאַיאַ

טרײַב אוועק די פֿאַלשע קרוווים

ס׳גייט צו ענד שוין דער יאָרהונדערט,
דער יאָרטויזנט גייט צו ענד.
דו — פֿון זיי ניט אָפּגעזונדערט,
פֿון דער וועלט ניט אָפּגעווענדט.

אַלע קוואַלן, אַלע שטראָמען
פֿון דער צײַט
זײַנען אַרײַן
אין דײַן גוף, אין דײַן נעשאָמע,
אין דײַן קויעך, אין דײַן פּײַן.

מ׳האָט דיך טויזנט מאָל געפּערטלט,
„אויסגעבעסערט" הונדערט מאָל,
ראַק געזוכט פֿאַר דיר אַן ערטל,
און אַ קיווער אויך צומאָל.

ווען איך קוק אין אויגן דײַנע,
ווען דײַן האַרץ איז מיר פֿאַרטרויט, —
כ׳שפּיר פֿון לעבן דאָרט דעם טײַנעג
און דעם אומרו פֿאַרן טויט.

ניט נאָר אייכמאַן מיט מאַכנאָען
לעבן אויף אין דײַנע פֿײַנט,
אומפֿרײַנט אייגענע — גאָר נאָענט
צו דעם האַלדז דײַנעם, מיר שײַנט.

אָט די פֿעלשער, די פֿאַרדאַרבער,
די דערפֿינדער פֿונעם בלאָף
דיך באַרויִקן: וועסט שטאַרבן
מיט אַ גרינגגן טויט — אין שלאָף.

זיי, וואָס זײַנען ווי די האָזן
זיך צעלאָפֿן אין דער שלאַכט,
זיי, וואָס האָבן דיך פֿאַרלאָזן,
ווען ס׳האָט נוצן זיי געבראַכט,

זיי, וואָס ווילן אויך דײַן מאָרגן
בײַ דיר צוגאַנוווענען פֿרעך, —
איצטער טײַנען זיי, אַז זאָרגן
וועגן דיר — איז זייער רעכט.

זייער זאָרג (שוין נימעס־מאָוועס),
אָט צו וואָס זי פֿירט צולעצט:
פֿאַרגרימירט לויט דײַנע אָוועס,
פֿאַר דער וועלט זאָלסט זײַן אַ לעץ;

אַ געפֿאַר זײַן פֿאַר די שכיינים.
אינעם זכוס פֿונעם אַמאָל
זאָלסט ניט גיין מיט זיי אינייִנעם
מיט איין גוירל, מיט איין אָל;

אין דײַן שטוב (פֿאַרמאַכט די לאָדן)
זאָלסטו טראַכטן בלויז פֿון דעם,
ווי דעם שאָכן אָנטאָן שאָדן
און פֿאַרדינען זיך אַ שעם

פֿון אַזאַ, וואָס, כּלעבן, גלײַכער
פּאָטער ווערן איז פֿון אים,
ווײַל אָן אים וועט ווערן לײַכטער,
און געפֿאַרלאָזער באַשטימט.

יאָ, די פֿעלשער, די פֿאַרדאַרבער,
די דערפֿינדער פֿונעם בלאָף,
ס׳אַרט זיי ניט, אויב דו וועסט שטאַרבן
מיט אַ גרינגגן טויט — אין שלאָף.

נאָר צום גליק עס איז דײַן העמשעך
בלויז געווענדט אין דיר אַליין,
דאָס, מיט וואָס אַ צווייטער שעמט זיך,
דאַרף פֿון דיר אויך זײַן אַנטווײַנט.

זיך אַליין וועסט טאָן אַ טויווע
און באַרעכטיקן דײַן פֿליכט,
אויב אָט יענע פֿאַלשע קרוווים
וועסט אַוועקטרײַבן פֿון זיך.

און ניט לעבן אָפּגעזונדערט,
פֿון דער וועלט ניט אָפּגעווענדט.
ס׳גייט צו ענד שוין דער יאָרהונדערט,
דער יאָרטויזנט גייט צו ענד.

מײַן ברודער מיט די צװײ פּראָטעזן אָנשטאָט פֿיס

אַלע מאָל, װען אַף דער בינע נעמט מען זינגען
„זאָג ניט קײנמאָל, אַז דו גײסט דעם לעצטן װעג"
און עס טוען זיך אײן זאַל א שטעל אוף אַלע צװעלעף הונדערט
מענטשן,
צװישן זײ — מײַן ברודער מיט די צװײ פּראָטעזן אָנשטאָט פֿיס
(שװער צו שטײן, ער שפּאַרט זיך אָן אַף קוליעס)
ס'טוען זיך א שטעל אוף באָבעציס אין ציצענע פאַטשײלעס,
כאָטש זײ װײסן ניט, אַז ס'איז א קלאַל זיך אופשטעלן באַם זינגען
אזא ליד,

און עס שטײען אוף מעלוכע-מענער, גענעראַלן,
מיליציאָנערן אין דער בלאָװער אוניפאָרמע
און אַפילע פּײַערלעשער מיט די רײַכע קאַסקעס:
ס'טוען זיך א הײב אוף אַלע,
אַלע, אַלע, אַלע.
אַף א שװוּע?
אַף צו אױסטײַטשן דעם דין?
ס'הײבט זיך אוף א כװאַליע פון די הערצער,
ניט די מענטשן שטעלן אוף זיך,
נאָר א כװאַליע טוט א הײב זיך פון די הערצער
אַלע מאָל, װען אַף דער בינע נעמט מען זינגען
„זאָג ניט קײנמאָל, אַז דו גײסט דעם לעצטן װעג". —

צו דעם גאָרגל טוט א שפּאַר דעמלט א שװערער קנױל,
און עס גיסן זיך מיר טרערן פון די אױגן,
און די פֿיס זיך נעמען אונטערהאַקן אין די קני,
און עס ציט מיך צושפּאַרן א רעגע זיך צום בענקל...
ס'הײבט אָן טראַפּנװײַז אַראָפּרינען דאָס בלוט,
טראָפּנס
טוען
טריפן
טיף,
װי טיקן כצאָס[1].

און עס נעמען טופּען, טופּען, טופּען
פֿיס
אין טויט אַרײַן
און —
„זאָג ניט קײנמאָל, אַז דו גײסט דעם לעצטן װעג"...
קוק איך אַף מײַן ברודער,
װי ער שטײט אַף צװײ פּראָטעזן,
שפּאַרט זיך אָן אַף קוליעס —
און די טרערן
טוען
טריפן
טיף,
װי טיקן כצאָס.

---

[1] טיקן כצאָס — א קלאָג-טפילע, װעלכע מע ריכט אָפּ צו האַלבער נאַכט.

פון ליבע-ציקל

דו אליין

איך זאָג דיר אויס די סוידעס פונעם פלאַנץ,
און פרוכט איך ברענג,
ווען דו פאַרלאַנגסט,
ווען אין דעם סאָד דו שיקסט מיך מיט א שליכעס
(פאַרגעס ניט, אז דער זומער הייבט זיך אָן מיט ווינטערדיקע וויכערס).

איך ברענג צו טראָגן דיר די צײַטיקײַט פון דיר אליין —
מיט לײַביקײַט,
צעיאָדערט
און פאַרקנאָדערט
(פאַרגעס ניט, אז עס הייבט זיך אָן דאָס לעבן מיט א גרויס געוויין).

איך זאָג דיר אויס די סוידעס פון געבורט,
און דו אליין
ועסט אָפּנעמען די פרוכט.

איך בין זיך מוידע

דײַנע שײַלעס, דײַנע ביטעס
זײַנען דאָס, וואָס מיר הײַנט פעלט.
כ׳האָב געהאַט שוין זיס און
ביטערס,
בין שוין אויסגעוועזן א וועלט;

מיט כעסרוינעס און מיט מײַלעס
בין איך אָנגעשטאָפּט, מיר שײַנט.
דײַנע ביטעס, דײַנע שײַלעס
זײַנען דאָס, וואָס פעלט מיר
הײַנט.

דײַנע רײַעס, דײַנע סוידעס
זײַנען דאָס, וואָס זאָגט מיר פיל.
כ׳האָב דיך ליב — איך בין זיך
מוידע
אין דער הייך און אין דער שטיל;

דאָס געדאַכטס איז אָן אכרײַעס,
ווען דער פאָרגעפיל זיך פלאָגט.
דײַנע סוידעס, דײַנע רײַעס
זײַנען דאָס, וואָס פיל מיר זאָגט.

דײַנע דראָכים, דײַנע טײַנעס
זײַנען דאָס, וואָס איצט איך וויל.
כ׳האָב געהאַט שוין פּײַן און
טײַנעג,
האָב געוווּנען און פאַרשפּילט;

יאָמטעוו-צײַט און אינדערוואָכן
לויפט דאָס הארץ אלציינס
געשווינד.
דײַנע טײַנעס, דײַנע דראָכים
זײַנען דאָס, וואָס כ׳וויל אצינד.

בעשאָלעם

ביסט געקומען מיר צו כאָלעם
אין מינוט פון פולן אומזין.
גיי בעשאָלעם,
קום בעשאָלעם,
קער צוריק מיט פולן אום זיך.

האָסט געשריגן: „יאָ, איך צאָל אים!
כ׳גיי אוועק מיט קאַס,
מיט רוגזע!״

גיי בעשאָלעם,
קום בעשאָלעם,
קער מיט פולן אום צוריק זיך.

דו — געמיינט, כ׳האָב ליב א צווייטע,
איך — געגאַנגען דיך באַגלייטן
און געשטאַמלט מיט געדולע:

גיי בעשאָלעם,
קום בעשאָלעם,
קער זיך אום צוריק מיט פולן.

ווע־ג־ל יד

וועןן איך שטיי בא דײַן נעשאָמע, בא איר שוועל,
דעמלט זוך איך ניט קיין וועג אף דורך־און־דורך,
ווי א צוג, וואָס גייט ארײַן אין א טונעל.

בא דײַן שוועל איך שעפּטשע ציטעריק א שפּרוך:
— העלף מיר, גאָט, אז איך זאָל בלײַבן שטעקן דאָ,
ווי א צוג, וואָס גייט ארײַן אין א דעפּאָ.

פֿונעם ציקל „לידער, אָנגעשריבענע ניט אין דער היים"

צום טעמפּל סאַן־פּיעטראָ אין ווינקאָלי, ווו עס שטייט מיקעלאַנדזשעלאָס „מוישע"

וועןן איך זאָל זאָגן, אז ביסט אלט, כ׳וואָלט זיכער דיך באליידיקט,
און אויך ווען כ׳זאָג, אז אלט און נײַ אין דיר זײַנען געייניקט.
דו, טעמפּל, ביסט שוין לאנג פֿון צײַטן אויסגעליידיקט.
פֿינף הונדערט יאָר די ביבל לייענסט אויסנווייניק.

און האלטסט באם אָנהייב נאָך. בא וועלכן אָרט? איך זוך עס:
דו האלטסט דערווײַל בא מוישען, בא די לוכעס.

רוים

און איך געווען בין אויך דערבײַ

עפּאָכעס ליגן פּלאסט אף פּלאסט
אין רוים אין אלטן.
איך האָב געלעבט דאָ, ווי עס פּאסט —
זיך ניט פֿארהאלטן.
יאָ, רוים איז פֿול מיט היץ, מיט קעלט,
מיט וויי, מיט גוואלדן.
איך האָב זיך אויך דאָ אָפּגעשטעלט,
זיך ניט פֿארהאלטן.
ס׳האָט זיך אף יאָר, אף טאָג, אף שאָ
די צײַט צעשפּאלטן.
אָט ערשט כ׳בין דורכגעגאנגען דאָ,
זיך ניט פֿארהאלטן.
מיט פֿעלקער, שוואָטים עס האָט רוים
זיך פֿילגעשטאלטיקט.
מײַן פֿאָלק האָט דאָ זײַן טראָט געצוימט,
זיך ניט פֿארהאלטן.
די צײַט געקנעלט האָט אלט און נײַ
אין רוים צעשטראלטן.
און איך געווען בין אויך דערבײַ,
זיך ניט פֿארהאלטן.

רוים

צו איינעם א פֿייגעלע

די היימישקייט דײַנע, פֿייגעלע,
איז גאָרנישט אזוי פּאָשעט,
די פֿליגעלעך די אייגענע
מיט פֿרעמדוועלט
פֿארפּאָראָשעט.

געקומען דאָך צוריק אהער,
גענומען אף מיר קוקן
מיט ביטערע, מיט שיקערע —
מיט אויגן צו פֿארצוקן.
און שפּעטער —
פּראָסע היימישע
ווערסט נעמען ווידער פּיקן,
און — אלעמענס, און קיינעמס ניט —
מיט אייגנוועלט זיך קוויקן.

זשענעווע

עלעגיע

א זאָקן —
צוגעלאָשן,
געלאָסן, ווי מיט צוואנג.
אַרײַנגעדרייט דאָס לאָשן,
געפּענטעט דער געדאנק.

שוין ברענט אף זײַנע צווײַגן
דער לעצטער זונען־שטראל,
און מענטשן —
שוין פאַרבײַגײין
זיי סטארען זיך דעם וואלד.

אמאָל זיי פלעגן זוכן
א שאָטן אין זײַן קרוין,
און איצט מיט אייד׳לע
שפּרוכן
זיי מײַדן אויס אים שוין.

כ׳וואָלט אויך אים אויסגעמיטן,
נאָר ס׳קומט צו מיר צו גיין
א זעונג,
און פאַרציטערט
איך טראכט פון זיך אליין.

א דערמאָנונג וועגן ארקע קושניראָוון

(די נאַטור — פאַרכושט א ביסל,
ווען דער דיכטער האָט מיט רעכט
זיך פון איר ארויסגעריסן
און צו איר זיך אומגעקערט).

— — — — — — — — — — — — — —

שוין די דריטע שאָ מיר בלאָנקען,
דער באנאכט איז פײַכט און קאלט,
און קיין עק ניט צו די לאָנקעס,
און קיין סאָף ניט צו דעם וואלד.
און די וועלט איז אויסגעכאָלעמט,
אָט איז ארקע, אָט בין איך,
און ארום איז שא־און־שאָלעם,
און דער וואלד איז פול מיט ליכט.
צו א טײַך מיר קומען ביידע,
כוואליעס כליופּען, ס׳איז שוין שפּעט.
כ׳הער, ווי ארקע הייבט אָן ריידן:
„זעט די ווערבע... זעט נאָר, זעט —
שטייט אָן קאָרע, ווי א קאפּצן,
אָפּגעריסן שטיק נאָך שטיק.
האָט צעטרענצלט זי אף לאַפּטיעס
מיט א צענדליק יאָר צוריק״...
נו, איז זעצט מען זיך אנידער
בא אזא מין ווערבע־הויל,
און מע שלעפּט ארויס די לידער,
און מע נעמט א ליד אין מויל.
און די וועלט איז אויסגעכאָלעמט,
אָט איז ארקע, אָט בין איך,
און ארום איז שא־און־שאָלעם,
און דער וואלד איז פול מיט ליכט.
ס׳איז, א סוואָרע, שוין באגינען,
ארקע שטיל ווערט און פאַרגעלט,
קערט זיך אום אינמיטנדרינען,
ווי מע זאָגט, — אף יענער וועלט.

— — — — — — — — — — — — — —

(די נאַטור — פאַרכושט א ביסל,
ווען דער דיכטער האָט מיט רעכט
זיך פון איר ארויסגעריסן
און צו איר זיך אומגעקערט).

מישע לעוו

קורסאַנטן

אין אַ ווײַטן מאַרש

ענדלעך זײַנען מיר שוין ניט קיין רעקרוטן, נאָר קורסאַנטן. יעדערער פון אונדז טראָגט מיט זיך אין מאַרש אַ ביקס, אַ פּאַטראָנטאַש, אַ גראַנאַטע, אַ קעסעלע, אַ גאַז־מאַסקע, אַ גראָב־אײַזן, אַ פולן רוקזאַק און אַ שינעל צונויפגעלייגט, ווי אַ בייגל. אין סאַרפּעדיק־הייסע טעג, ווען עס באַקט, ווי אין אַ קאַלך־אויוון, און די ערד איז אַזוי איבערגעטריקנט, אַז ווען מע גיסט אויס אַ פאַס מיט וואַסער, וואָלט פאַרבליבן ניט קיין קאַליוזשע, נאָר אַ טונקעלער פלעק, איז גאָר ניט אַזוי פּאַשעט קימאַט אַלע טאָג זיך לאָזן מיט אָט דעם באַגאַזש אין אַ ווײַטן מאַרש. פון גוט אויסגעפּאָרענע שליאַכן האַלטן מיר זיך ווײַט. אונדזערע וועגן זײַנען פול מיט בערג און בערגלעך, גריבער און גריבעלעך, און אַף פאַרבײַסנס וועלן מיר נאָך צוקומען צו קעגנטאַנקען־ריוון, וואָס מיר אַליין האָבן אויסגעגראָבן, און צו אַ בלאָטיק טײַכל, וואָס מע וועט מוזן פאָרסירן אין די קליידער, האַלטנדיק די ביקס איבערן קאָפּ.

איבער דער געלבלעכער שטעכיקער סטערניע, וווּ עס ליגן צונויפגעלייגט פרישע קאָפּיצעס, גייען מיר האַסטיק פוס אין פוס. פון געלאָסענעם גאַנג זײַנען מיר שוין פון לאַנג אָפּגעוווינט, נאָר אַלציינס האַלט מען אונדז אין איין דערמאָנען: „ברייטער דעם טראָט!“, און ווידער: „ברייטער דעם טראָט!“. דאָס איז נאָך דעם, ווי מיר האָבן קימאַט פון האַלבער נאַכט געגראָבן אָן אויפהער אַ לאַנגע טראַנשײ מיט רעזערוו־דורכגענג. פאַרשפּיליעט אַף אַלע קנעפּ, מעסטן מיר אָן אָפּרו דעם צווייטן צענדליק קילאָמעטער. דאָס מויל, די נאָזלעכער זײַנען פאַרקלאַפּט מיט שטויב. מיט פאַרע שלאָגט פון די רויט־געוואָרענע פּנעמער, און די פּיטשנאַסע גימנאַסטיאָרקעס באַדעקן זיך מיט ווײַסלעכע געזאַלצענע פלעקן. אַלע ווײַלע פאַלט

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 4, 1973.

אף מיר אָן א מאָדנע פינצטערניש, עס ווערט מיר מלאָסנע, מאַמעש איך עק זיך, און אָט ערשט דאַן קומט די קאָמאַנדע:

— לויפן! — און בייז: — יורעניעוו, צו אײַך האָט עס אויך א שײַכעס, לויפן!

א שווערלײַביקער מענטש איז מאַליכין. נאָר אַדעראַבע, פּרווו אים דעריאָגן. בא יורע־ניעוון זײַנען די טונקל־קאַרע אויגן ווילד־צעעפנט, דער קין ציטערט. ער רופט ארויס צו זיך ראַכמאָנעס, ווי א פויגל מיט צעבראָכענע פליגל. אים, דאַכט זיך, וואָלטן אפילע קיין כאַלאָשעס־טראָפּנס ניט געהאָלפן. קיין כאַלאָשעס־טראָפּנס ניט, נאָר כ'באַמערק, אז וויקטאָר רוזין, וואָס לויפט זײַט־בא־זײַט מיט אָלעגן, איז אָנגעלאָדן מיט צוויי רוקזאַקן. דאָס איז שוין פּאַר מיר גאָר אומגעריכט. קיינער פון אונדז ווייסט ניט, וואָס פאַרא געדאַנקען באהאַלטן זיך אויס בא וויקטאָרן אין קאָפּ, ווײַל דערווײַל האָט ער זיי נאָך אין אונדזער אָנוועזנהײַט ניט ארויסגעזאָגט. געוויינלעך איז זײַן געשטופּלט פּאָנעם מיט די שטאַרצנדיקע קינבאַקן שטענדיק פאַרגליווערט, און מער, ווי א צוק מיט די אַקסל פון קלוימערשט גאָרניט וויסן, אָדער א טמימעסדיק געלאַסענעם שאָקל מיטן קאָפּ „יאָ — ניין", וועסטו פון אים זיך ניט דער־וואַרטן. אויך פריִער האָט מען זיך געקענט אָנשטויסן, אז זײַן שווײַגן קומט ניט פון גלײַכגילט, נאָר איצט ווערט מיר אינגאַנצן קלאָר, אז אזא כאַווער ווי רוזין מעג מען זיך ווינטשן.

בא מיר וואַכט אוף א פּלעמעלע זיכערקײַט: אויב וויקטאָר ספּראַוועט זיך מיט צוויי סידאָרן, וועל איך מיט איינעם ווי־ניט־איז אויסקומען. ס'גלייבט זיך ניט, אז מאַליכין האָט ניט באַמערקט רוזינס אופטו, און פונדעסטוועגן איז ניט צו זען אין זײַן בליק קיין בײַסיקן כויזעק און ער כאַפּט זיך ניט ארויסלאָזן פון מויל זײַנע צוויי באַליבטע ווערטער „אופהערן" און „באַלאַגאַן".

באַנאַנד מיט אונדז לויפט דער ראָטע־קאָמאַנדיר דער עלטערער לייטענאַנט איוואַשין, נאָר אויך אין זײַנע בלוי־גרויע אויגן איז ניט פאַרבאָרגן קיין פּאַרוואָרף. איוואַשין איז א פעסט־געקנאָטענער, מיט א ברייטלעכער פּלייצע, נאָר דאַך, פרעגט זיך, פונוואַנען נעמט זיך צו אים אזויפיל קויעך, וואָס ער ווערט גאָר קיינמאָל פיזיש ניט אויסגעשעפּט? מיר האָבן אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אפילע א מידן. ער, גראָד, סטאַרעט זיך ווײַניקער קאָמאַנדעווען. ווען מיר זײַנען טויט־מידע, פאַרמאַטערטע צוגעפאַלן צו דער ערד, האָט איוואַשין מיט א שמייכל א זאָג געטאָן:

— גוטע פערד בלאָנדזען ווײַט, נאָר ווײַל הײַנט איז זונטיק, וועלן מיר עס אָפּלייגן אף אַן אנדער מאָל, — און דערנאָך שוין, ווי א לאַנג באַקלערטע זאַך, — פּאַר אײַך, קומענדיקע קאָמאַנדירן, דאַרף זײַן אף שטענדיק א געזעץ: שאָנעווען דעם רויטאַרמייער, בייס מע לערנט אים, באַטײַט אים ניט שאָנעווען. ווער עס קאָן עס ניט פאַרשטיין, דער וועט קיין גוטער קאָמאַנדיר ניט זײַן.

פיל קורסאַנטן פון אונדזער וזוואָד זײַנען געוועזענע לערער. יורעניעוו איז א פילאָלאָג. אין הארבסט האָט ער באַדאַרפט פאַרטיידיקן א קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע. אַלץ ווייסט ער. אויב איר ווילט, וועט ער אײַך געבוי דערציילן וועגן די דאָרעם־אַפריקאַנישע בושמענער, און ווילט איר, וועט ער אײַך לערנען סטענאָגראַפיע. אף אזוינע זאַכן איז ער א כוואַט, נאָר אליין פאַנאַנדערנעמען און צונויפשטעלן דעם שלאָס פון דער ביקס האָט זיך אים נאָך דער־ווײַל ניט אײַנגעגעבן. יעליסייעוו און פימענאָוו האָבן אים שוין וויפל מאָל געוויזן, ווי דאָס צו טאָן, און כאָטש ער האָט שטאַרק ליב צו אַלץ זיך אליין דערגרונטעווען, באַקומט זיך עס בא אים ניט. אָט זעט איר, די הילצערנע פאָלירטע קאָלבע פון דער ביקס גלעט ער מיט דער דלאָניע אזוי צאַרט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן שלאָגן מיט די פאַשיסטן, ניט אָנקוועטשנ־דיק אפן צינגל, נאָר דערלאַנגענדיק זיי מיט דער קאָלבע איבערן קאָפּ.

ווען ער האָט געריייניקט מיטן שאָמפּאָל די רער, האָט ער זיך א קלאַפּ געגעבן, און איצט איז בא אים די ליפּ אופגעלאָפן, ווי א בין וואָלט זי א ביס געטאָן. דעם לינקן פוס האָט ער זיך אָנגעריבן ביז בלוט. אליין דער ראָטע־קאָמאַנדיר זיצט לעבן יורעניעוון און באַווײַזט אים, ווי מע דאַרף פאַרוויקלען די אָנעטשעס. איוואַשין פאַרשטייט, ווײַזט אויס, אז עס רירט אָן דאָס געפיל פון אייגנליבע, און דערפאַר רעדט ער צו אים רויִק, גוטמוטיק:

— איך האָב זיך אויך מיטאָמאָל ניט אויסגעלערנט, נאָר דאָס איז געווען מיט העכער צען יאָר צוריק. אַנו, נאָכאַמאָל. אָט אזוי. נישקאָשע. און איצט מיט פאַרמאַכטע אויגן. מיט דער לינקער האַנט דריקט צו דעם עק פון דער אָנעטשע און מיט דער רעכטער גלײַכט אויס די קנייטשן. פאַרגעסט ניט, אז פריִער אָדער שפּעטער וועט אײַך אויסקומען אנדערע לערנען. א סאָלדאַט הינקט פון דעם סוינעס א קויל, א שפּליטער, נאָר ניט ווײַל א שטיוול קוועטשט אים.

דער עלטערער לייטענאַנט הייבט זיך אוף פון זײַן אָרט, און אויסגלײַכנדיק די גימ־נאַסטיאָרקע אונטערן ברייטן רימען, גיט ער אָפּ א באַפעל זיך אומקערן אין לאַגער.

מיסטאמע האָבן מיר זיך דאָ אַלע שטאַרק געענדערט, נאָר יורעניעוו מער פון אַלעמען. פון זײַן איידל אָפּגעצויגן פּאָנעם איז פאַרשוווּנדן דער אויסדרוק פון אַ צוגעלאָזענעם מענטשן, און ס׳איז צוגעלאָשן געוואָרן דער בליק פון די אויגן, כאָטש אויך איצט בלאָנדזשען זיי נאָך אָפּט אין אַזאַ ווײַטן טרוים, אַז ער פאַרגעסט זיך און פּרוּווט לויט דער געוווינשאַפט פאַר־קעמען אָפּן ריין געגאָלטן קאָפּ די האָר אַף אַ שרונט.

דער וועג אַף צוריק איז שטענדיק לײַכטער. אונדז דערוואַרט אַ מיטיק און עטלעכע שאָ אָפּרו. אין אָט די מינוטן איז אונדזער ערשטער טרוים, ס׳זאָל זײַן וואָס מער הירזשענע קאַשע און דער זופּ זאָל זײַן געדיכטער, אַניט טרעפּט, אַז ער איז שוין צו שיטער. דאַן שטעלט צו אונדזער גוואַר ניקאָלײַ סערגייעוו זײַן גרויסע דלאָניע, ווי אַ דעכעלע, צו די אויגן, און קוקט זיך אײַן אין טעלער:

— כעוורע, איך לאָז זיך שווימען, אויב איך וועל כאַפּן אַ גריף, וועל איך זיך מיט אײַך אָרנטלעך צעטיילן.

ווען ניקאָלײַ האָט צום ערשטן מאָל אַזוי אַ שפּאַס געטאָן, האָט אויך באַ יעליסייעוון דער קנאָפּ פּונעם גאָרגל זיך אַ טרייסל געטאָן פון געלעכטער, נאָר אַ צווייט מאָל האָט דער סערזשאַנט שטרענג געוואָרנט, אַז מער זאָל ער אַזעלכע קאַטאָוועס ניט טרײַבן. שפּעטער, מאָלט אײַך, איז אַ קאָמפּראָמיס געפונען געוואָרן. אויב דער זופּ צי דער באָרשטש איז שוין טאַקע זייער שיטער, שטעלט מען צו די אויגן צו אַ דלאָניע־דעכעלע, נאָר די ליפּן בלײַבן פאַרשלאָסן.

■

דער ברעזענטענער צודעק באַם אַרײַנגאַנג אין פּאַלאַטקע איז אופגעהויבן, און אַלציינס איז דושנע, עס בלאָזט ניט קיין מינדסט ווינטעלע. נאָר אונדז קימערט עס ניט שטאַרק. אַף אונדזערע פּענעמער נידערט שוין אַ ווייכער שלומער. ווען מע זאָל אונדז ניט וועקן, וואָלטן מיר בעשום־אופן ניט פאַרביטן דעם שלאָף אַף דער וועטשערע, נאָר ביז טאָג געלעגן אַזוי מיט די נאַקעטע פאַרברוינטע רוקנס אַף אַרוף. איין יעליסייעוון נעמט ניט די זון. ער איז בלויז אָנגעשפּיקעוועט מיט זומער־שפּרענקלעך.

מיר איז אײַנגאַנצן ניט באַשערט געווען זיך אויסשלאָפן. צו יורעניעוון זײַנען געקומען צוגאַסט זײַנע עלטערן, און דער דעזשורנע איבערן לאַגער האָט זיי דערלויבט ניט נאָר זיך טרעפן מיטן זון, נאָר אויך מיט זײַנע כאַווירים. פאַרוואָס ווייס איך ניט, נאָר אַלעג האָט אײַנגעלאַדן פּימענאָוון, יאַקימאָוויטשן און מיך. לאָזן מיר זיך צו דער לאָנקע אין וואַלד, ניט ווײַט פון די סטאַנדאַרטע פּאַניער־שטיבלעך, ווו עס וווינען עטלעכע פּאַמיליעס פון אונדזערע קאָמאַנדירן. לאַנג פאַרהאַלטן קלײַבן מיר זיך דאָרט ניט, ווײַל מאַלע וועגן וואָס איסגעבענקטע טאַטע־מאַמע ווילן אָן איידעס זיך דורכריידן מיט זייער זון. אַלעגס מאַמע האָט זיך אופגעהויבן אַף די שפּיץ פינגער, אָנגעבויגן צו זיך דעם זונס קאָפּ און האַלט אין איין שעפּטשען: „אַלעשקע, אַלעשינקע”. מיר ווייסן ניט וווּהין אַהינטאָן אונדזערע אויגן.

באַם טאַטן איז די פּלייצע שוין אַ ביסל זקייניש פאַרקײַלעכיקט. ער טראָגט שיינע ברילן מיט פּירעקיקע דיקע גלעזלעך. די געדיכטע לאַנגע וואָנצעס הענגען באַ אים, ווי וואָגשאָלן. ער האַלט אין איין סמאָטשקען אַ ברוינע פּיפּקע מיט אַ הילצערנעם לייבן־קאָפּ, אַף וועלכן ס׳איז אויסגעשניטן אַ געפלעכט פון אייַלבירט־בלעטער. אַלעגס טאַטע פאַרגייט פון איין זײַט, פון אַ צווייטער, נאָר אַרײַנקוקן דעם זון אין פּאָנעם גיט זיך אים ניט אײַן, און דערפאַר בעט ער זיך:

— ראַיסע, געגוג. איך וויל דאָך אויך אַף אים אַ קוק טאָן, — און ווײַל ער האָט זיך זײַנס ניט דערשלאָגן, דערמאָנט ער איר, — ראַיסע, אַלעגס כאַווירים שטייען דאָ, און מיר האָבן זיך נאָך אַפילע ניט באַקאַנט מיט זיי.

אַף אונדז וואַרפט ער בייסמײַסע אַ בליק, וואָס קאָן אויך אויסגעטײַטשט ווערן: „איצט, כעוורע, זעט איר, צוליב וואָס כ׳האָב אײַך באַדאַרפט האָבן”, נאָר באַלד פאַרשטייען מיר, אַז דאָס איז ניט אַזוי. אַלעגס עלטערן גרייטן שוין „צום טיש”. מיר זיצן אין אַן ענגן קרײַז, און לעבן יעדערן פון אונדז איז אָפּן גראָז אויסגעשפּרייט אַ קוואַדראַט טישטעכל מיט דינעם און איידעלן האַנט־געניי. מיר שעמען זיך שוין ניט און קײַען אַף ביידע באַקן ווייצנברויט, וווּרשט, קעז, געמישט מיט גרינע ציבעלעס און אוגערקעס, פאַרטרינקען מיט גוטן ביר.

נאָך דעם, ווי ראַיסע יאַקאָוולעוונע האָט זיך מיט אונדז צעקושט און וויטאַלי סערגייע־וויטש האָט פעסט געדריקט אונדזערע הענט, פילן מיר זיך, ווי גלײַך אויך צו אונדז זײַנען געקומען לײַבלעכע קרויווים. פון זיי ביידע הויכט מיט וואַרעמקײַט און היימישקײַט. מיסטאַם

ווײַזט זיך עס מיר אויס, נאָר ווען ראַיסע יאַקאָװלעוונע האָט אַראָפּגענומען דאָס אַלטמאָדישע זײַדענע קאַפּטיכל פון קאָרנבלום־קאָליר, און כ'האָב דערזען אירע גלאַט־פאַרקעמטע קימאַט גראָווע האָר, האָט זי מיר דערמאָנט מײַן מאַמע, און עפשער האָט זיך עס אויסגעוויזן ניט נאָר מיר, נאָר אויך פעדיען און יורען.

וויטאַלי סערגייעוויטש דערציילט אונדז וועגן די אָנפאַלן פון די פאַשיסטישע אַעראָפּלאַנען אַף מאָסקווע, וועגן טאַלאַליכינס נאַכט־טאַראַן. מיר קוקן זיך איבער. סוידעספּול, ווײַל מיר ווייסן ניט, צי מעגן מיר דערציילן ציווילע מענטשן, אַז אונדזערע קורסאַנטן האָבן אָנטיילגענומען אין אויסזוכן דעם „הײנקעל־111", וואָס דער סאָוועטישער אַס האָט אַ פאַרוווּנדעטער אַראָפּגעקלאַפּט באַם דאָרף קוזנעטשיקי, ניט ווײַט פון פּאָדאָלסק. זיי פרעגן באַ אונדז גאָרניט אַזוינס, אַף וואָס מע זאָל ניט טאָרן ענטפערן. עס דאַכט זיך, אַז די איינציקע זאָרג זייערע איז אונדז אָנהאָדעווען צו זאַט מיט די געשמאַקע מײַכאָלים. אַ פּעקל פּראָדוקטן איז נאָך פאַרוויקלט אין הארטן קראַפּט־פּאַפּיר. דאָס איז פאַר די איבעריקע כעוורע פון אונדזער אָפּטיילונג. פרעגן, פונוואַנען האָט זיך אין מילכאָמע־צײַט גענומען אַזאַ גוטס, פּאַסט ניט. אוודע אַרבעטן זיי ערגעץ, און דאָס איז זייער פּאַיאָק אַף אַ לענגערער צײַט.

צו די שטיבלעך גייען צוויי אָפיצערן. מיסטאָמע וועלן זיי מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי האָבן אונדז ניט באַמערקט, און פאַרבײַגיין. באַדאַרפט געווען זיך טיפער פאַרקלײַבן אין וואַלד, נאָר איצט איז שוין שפּעט. איינער פון די אָפיצערן, — דאָס איז דער זעלבער מאַיאָר, וואָס האָט געהאָלפן יאַקימאָוויטשן פאַרהיטן דעם דעמב, — האָט מיט גיכע טריט זיך געלאָזט צו אונדז. מיר, די פיר קורסאַנטן, זײַנען אופגעשפּרונגען פון די ערטער. אַלעגס עלטערן האָבן זיך עטוואָס פאַרלוירן. דער מאַיאָר הייסט זיך אונדז צוריק אוועקזעצן. ניט צוליב אונדז איז ער אַהער צוגעקומען. ער ווענדט זיך צו אַלעגס טאַטע:

— וויטאַלי סערגייעוויטש, איר געדענקט מיך געוויס ניט, נאָר איך בין זייער צופרידן אײַך זען. מײַן טאָליע האָט אין אַ בריוו זיך נאָכגעפרעגט וועגן אײַך. אַנטשולדיקט, איך רעד וועגן מײַן זון. איר האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן.

— אַזוי טאַקע, געראַטעוועט?

— יאָ, פּראָפעסאָר. איר האָט אים אָפּערירט. ער איז געווען אײַערער אַ סטודענט. טאָליע יאַקאָוולענקאָוו, עפשער געדענקט איר? איר האָט זיך צו אים שטענדיק גוט באַצויגן און אַפילע רעקאָמענדירט אין אַספּיראַנטור.

— ווי רופט מען אײַך, כאַווער מאַיאָר?

— אַלעקסיי מאַקאַראָוויטש.

— יאָ, אַלעקסיי מאַקאַראָוויטש, איך געדענק אײַער זון. אַ פײַיִקער באָכער. זייער אַ פײַיִקער און אַ שיינער, אַ שטאַלטנער. דו הערסט, ראַיסע, אַ זעלטענער מענטשן־עקזעמפּליאַר. אַ פיגור, ווי באַ אַן אַנטישער סטאַטוע. ניט אָפט טרעפן זיך אַזוינע, אַפילע בײַס דער אָפּעראַציע האָב איך וועגן דעם אַ קלער געטאָן. אויב כ'האָב קיין טאָעס ניט, איז ער געוואָרן אַ מיליטערישער דאָקטער?

— יאָ.

— באַקומט איר בריוו פון אים?

— דעם לעצטן — מיט דרײַ וואָכן צוריק.

— אַף דער פּאָטשט, אַלעקסיי מאַקאַראָוויטש, קאָן מען זיך איצט ניט שטאַרק פאַרלאָזן.

— ניין, די פּאָטשט איז ניט שולדיק. זײַן כאַווער האָט אונדז געשריבן, אַז טאָליע איז שווער פאַרוווּנדעט, און ווײַטער ווייסן מיר גאָרניט. ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז אונדזערע קינדער וועלן פריִער, ווי מיר, אוועק אַפּן פראָנט.

— אַלעקסיי מאַקאַראָוויטש, — פּרוווט ראַיסע יאַקאָוולעוונע טרייסטן דעם מאַיאָר, — אונדזערע אַ שכיינע האָט העכער אַ כוידעש ניט געוווּסט, ווו איר מאַן איז אַהינגעקומען, און הײַנט גאַנצפרי האָב איך מיט מײַנע הענט איר איבערגעגעבן פון אים אַ בריוו. איר ווייסט דאָך אַליין, אַז מע טאָר ניט פאַרלירן די האָפענונג.

— אַ דאַנק פאַר די גוטע ווערטער. עפשער קאָן איך אײַך מיט עפּעס באַהילפיק זײַן? דאָ דינט עמעצער פון אײַערע קרויווים? — און ווײַל וויטאַלי סערגייעוויטש האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף „ניין", האָט דער מאַיאָר זיך אויסגעקערט צו אונדז, נאָר געפינען עפּעס ענלעכס צווישן אַלעגן און זײַנע עלטערן איז געווען ניט אַזוי גרינג. יאַקימאָוויטשן האָט ער גלײַך דערקענט. ראַיסע יאַקאָוולעוונע האָט ניט אויסגעהאַלטן און אָנגעוויזן אַף אַלעגן:

— דאָס איז אונדזער זון, אַלעג.

— אַ, לעקאָוועד אַזאַ באַגעגעניש לאַד איך אײַך אײַן צו זיך. מײַן פרוי וועט זײַן צופרידן אײַך אופנעמען. ביטע, קומט מיט מיר. צוליב אײַך וועלן מיר זיך אויך מעכאַבעד זײַן

מיט טיי פון סאמאָוואר. בײַ אונדז קאָנט איר איבערנעכטיקן, און גאַנצפֿרי וועלן מיר אײַך ארויסבאַגלייטן צום וואָקזאַל.

— מיט גרויס פאַרגעניגן וואָלטן מיר אָנגענומען אײַער אײַנלאַדונג, — האָט וויטאַלי סערגייעוויטש זיך אַלטמאָדיש פֿאַרנייגט, — טיי פון אַ סאַמאָוואַר האָבן מיר מיט ראַיִסאַ יאַקאָוולעוונען שוין טאַקע לאַנג ניט געטרונקען, נאָר, צום באַדויערן, וועלן מיר עס מוזן אָפּלייגן אויף אַן אַנדער מאָל.

— איר וואָלט אונדז גאָרניט באַדאַרפט אײַנריידן, — האָט מיט אַ באַהאַרצט קאָל דער קלערט ראַיִסאַ יאַקאָוולעוונע, — נאָר מיר וועלן זיך נאָך הײַנט אומקערן קיין מאָסקווע, ווײַל באַנאַכט דאַרפֿן מיר מיט וויטאַלין זײַן אויפֿן אַעראָדראָם.

— דער אַעראָפּלאַן פֿליט אויפֿן פּראַנט? — האָט דער מאַיאָר געפֿרעגט, נאָר דאָס פּאַרפּאָלק האָט געשוויגן. — דאָס באַגלייט איר הײַנט וויטאַלי סערגייעוויטשן, און איך דול אײַך אַ קאָפּ, — יאַקאָוועַנקאָוו האָט אַ ווײַלע זיך געקווענקלט, נאָר דערנאָך פֿאַרט געזאָגט, — אַנטשולדיקט מיר, פּראָפֿעסאָר, נאָר עס טרעפֿן פֿאַרשיידענע צופֿאַלן. ווער ווייסט, עפּשער אויף אונדזער גליק וועט איר עפּעס הערן וועגן מיליטער־דאָקטער אַנאַטאָלי יאַקאָוועַנקאָוו, איז זײַט שוין אַזוי גוט און שרײַבט וועגן דעם אַן כאָטש עטלעכע ווערטער. אײַער זון, אין וועלכער ראָטע דינט איר, אַלעג?

דאָס מאָל וואָלט אַליין מאַליכין אַנערקענט, אַז אַלעג האָט געענטפֿערט, ווי אַן עמעסער מיליטערמאַן. ער איז אויפֿגעשפּרונגען און דײַטלעך אָפּגעראַפּאָרטירט:

— קורסאַנט יורעניעוו, פֿערצעטע ראָטע, פֿערטער באַטאַליאָן!

— בײַ איוואַשינען?

— טאַק טאַטשנאָ, דער עלטערער לייטענאַנט איוואַשין איז קאָמאַנדיר פון אונדזער ראָטע.

שוין נאָך דעם, ווי דער מאַיאָר איז אוועקגעגאַנגען, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ניט נאָר דער פּראָפֿעסאָר וויטאַלי סערגייעוויטש יורעניעוו, נאָר אויך דער מיליטער־דאָקטער פון צווייטן ראַנג ראַיִסאַ יאַקאָוולעוונע יורעניעווא פֿליט הײַנט באַנאַכט אויפֿן פּראַנט. בײַם געזעגענען זיך האָט זי אונדז געזאָגט: „ייִנגלעך, ווען איר אַלע זאָלט זײַן אויפֿן פּראַנט אין איין טייל, וואָלטן מיר שוין געווען אַ ביסל רויִקער. קינדער! מיר, אײַערע עלטערן, בעטן אײַך ווי ווײַט מעגלעך זיך האַלטן איינינעם און אָפּהיטן איינער דעם צווייטן".

שפּעטער צו זאָגן, אַלץ הייסט זײַן איינינעם. טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אַלע פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעסלעס זײַנען מיר איינינעם און דערווײַל נאָך איינער דעם אַנדערן ניט דערעסן געוואָרן.

דער ברייטביינערדיקער ניקאָלײַ סערגייעוו, אַ פּאַרוואַקסענער מיט האָר, ווי אַ בער, זיצט האַלב נאַקעט און בײַסט געשמאַק דעם שטיק קאָלבאַס, וואָס פֿעדיע פּימענאָוו האָט אים געבראַכט פון דער סודע. פון מאָל צו מאָל וואַרפֿט ער אַ בייזן בליק אויף פֿעדיען. ניט אויף קיין קאַטאָוועס פֿאַרדריסט אים, וואָס פֿעדיע האָט זיך געלאָזט פֿאַרבעטן אַן אים. ניט נאָר אין אונדזער אָפּטיילונג, נאָר עפּשער אין גאַנצן לאַגער איז ניקאָלײַ דער סאַמע געזונטער, און דאָך פֿאָדערט ער צו זיך אויפֿמערקזאַמקייט, ווי אַ קראַנקער, ער דאַרף שטענדיק האָבן אַן אָנשפּאַר, און דאָס איז דאַפֿקע דער קליינינקער שטשטופּלער פֿעדיע, וואָס איז קימאַט מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון קאָליען. ניט אומזיסט זאָגט מען וועגן זיי ביידן: ווּהין די נאָדל, אַהין דער פֿאָדעם. „די נאָדל" ווערט געמיינט פּימענאָוו. זאָל אַן אַנדערער פּרוּוון זאָגן ניקאָ־לײַען, אַז די צונג שפּרינגט בײַ אים פֿאַרן געדאַנק, וואָלט ער געהאַט קלעפּ און וואָרעמס, פֿעדיע אָבער מאַכט אָפּט אויסצודרייען פון זײַן פּריטשנט, און שאַ — קיין אויסגאַב באַקומט ער ניט. קאָליע קאָן אים אַפֿילו גלײַך נאָך דעם באַשענקען מיט עטלעכע רויטע פּילעניצעס, ערשט אַראָפּגעריסן פון קוסט.

■

קימאַט אַלע נאַכט עפֿנט די זעניט־אַרטילעריע, וואָס אַרום סערפּוכאָוו, פֿײַער, עס טרעפֿט, אַז אויך באַטאָג באַווײַזן זיך אינדערלופֿטן דײַטשישע אויסשפּירער און אַפֿילו באָמבאַרדירער. זייער הויפּט־ציל איז, פֿאַרשטייט זיך, מאָסקווע, נאָר ניט זעלטן וואַרפֿן זיי אַראָפּ זייער פּראַכט אויך דאָ. באַזונדערס לאָזן זיי ניט צורו די אײַזנבאַן־בריק, איבער וועלכער עס גייען טאָג און נאַכט שווערגעלאָדענע צוגן. באָמבעס זײַנען שוין אויך געפֿאַלן אין אַ דאָרף ניט ווײַט פון אונדזער לאַגער.

אַ טייל אונדזערע קורסאַנטן פּאַטרולירן אין ראַיאָן פון קאַשירע, דאָמאָדעדאָווא, עלעק־

טראָסטאַל, ווײַל די פּאַשיסטן קאָנען דאָ פּרוּוון אַרויסוואַרפן אַ דעסאַנט אָדער דיווערסאַנטן. אונדז נעמט מען ניט אין דער פּאַטרול־וואַך. מיר דאַרפן פריִער, דערקלערט מען אונדז, באַהערשן דעם עלעמענטאַרן קורס, וואָס אָן אים זײַנען מיר נאָך ביכלל קיין מיליטער־מענטשן ניט. עפּשער איז דאָס אַזוי, אָבער וויפל איז דער שיר אונדז דאָ צו האַלטן? די דײַטשן שפּאַרן פון אַלע זײַטן, און מיר זײַנען סאַכאַקל איין מאָל געווען אַפן פּאַליגאָן און געשאָסן בלויז אין פּאַשיסטן, אָנגעמאָלטע אַף ציל־ברעטלעך. מיר זײַנען מעקאַנע די נײַן הונדערט לייטענאַנטן, וואָס האָבן די טעג פאַרענדיקט אונדזער שול און זײַנען אַוועקגעשיקט געוואָרן אַפן פראָנט.

■

ניט קיין פערד — אַ קליאַטשע מיט סטאַרטשענדיקע קליבעס איז אײַנגעשפּאַנט אין וואָגן, אָט־אָט וועט זי אַרויספאַלן פון דער אויסגעדײַווערטער פעל, און דאַן וועלן די טרוקענע ביינער זיך מיט אַ טראַסק צעשיטן. נאָר דערווײַל פּאָרשקעט זי נאָך, די קליאַטשע, מיט די נאַזלעכער און פּרוּווט מיטן קורצן עק אָפּטרײַבן פון אירע זײַטן, וועלכע הייבן זיך, ווי בלאָזזעק, די זלידנע פליגן, וואָס האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט אין איר.

אַפן וואָגן זיצט אַ ייִנגל פון אַ יאָר פערצן, ער איז פּאַרפּאָראַשעט מיט שטרוי און פּאַ־לאָווע, די העלע צעפּאַטלטע האָר האָבן זיך צוגעקלעפּט צום שטערן, ער האַלט אין איין וויאָקען און פּאַכן מיט דער בײַטש, אים ווילט זיך איבעריאָגן דעם באַטאַליאָן קורסאַנטן, וואָס האָט זיך קימאַט אָף אַ קילאָמעטער צעצויגן באַנאַנד מיטן גוט אײַנגעפּאָרענעם דאָר־פישן וועג. אים דאַכט זיך, אַז הונדערטער אויגן האָבן זיך אין אים אײַנגעגעסן און פרעגן: „צי דען פאַרטרויט מען דיר ניט קיין בעסער פערד?״ גיי דערצייל, אַז נאָך צוריק מיט צוויי־דרײַ כאָדאָשים האָט ער אַרומגעיאָגט אַף אַ בריטשקע מיט רעסאָרן, אין וועלכער ס'איז געווען אײַנגעשפּאַנט אַן אָדלער, ניט קיין פערד. נאָר אַף יענעם אָגער, אויב ער איז ניט אומגעקומען אין אַ הייסער שלאַכט, יאָגט איצט אַרום מיסטאָם אַ דרייסטער קאַוואַלעריסט מיט אַ שווערד.

פּוסט איז דאָס דאָרף, פאַרלאָזט פון מענטשן און פון באַלעבאַטים.

מיר גייען צווישן צוויי שורעס דאָרפישע הײַזער, וואָס זײַנען ווי אויסגעשטאָרבן. ווער ס'האָט געקאָנט נעמען אַ ביקס אין דער האַנט, איז אַוועק אַף דער מילכאָמע. אין קאָלווירטישן הויף, וווּ מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, באַלעבאַטעווען פרויען און ייִנגלעך, עפּשער בלויז אַף אַ פּאָר יאָר עלטער, ווי דער אָנטרײַבער, וועלכן מיר האָבן איבערגעיאָגט. קינדער קומט איצט אויס צו האַרעווען.

נאָך אַ מאַרש פון פערציק קילאָמעטער וועלן מיר צוויי שאָ אָפּרוען אין דאָרף. כ'האָב באַ זיך געפּוילעלט, אַז אַלע הונדערט צוואַנציק מינוט וועל איך ליגן אַף דער ערד, און זאָל אַפילע דונערן און בליצן, וועט באַ מיר קיין איינער זיך ניט אַ ריר טאָן. דאָס פאַרשטייט אויך דאָס שפּערל, וואָס שפּרינגט דאָ אַרום, און דערפאַר האָט עס פּאַר מיר קיין קאַפּ מוירע ניט.

— כאָווער סערזשאַנט, — הער איך יאַקימאָוויטשעס שטים, — דערלויבט מיר אַרײַנגיין אין אַ שטוב זיך אָנטרינקען, און אויב מע מעג, וועל איך אַ ביסל אָן אַרבעט טאָן.

יעליסייעוו האָט נאָך ניט באַוויזן צו ענטפערן, און מיט דער זעלבער ביטע ווענדט זיך שוין פימענאָוו. יאַקימאָוויטשן און פימענאָוון קאָן מען נאָך פאַרשטיין, נאָר יורעניעוון ווער וועט באַרגן קויעך אַפילע אַף אופשטיין פון אָרט, און דאָך איז ער דער דריטער, וואָס וויל אָן אַרבעט טאָן. דער סערזשאַנט ווענדט זיך צו מאַליכינען. מאַליכין צו איוואַשינען. אין אַרמיי, ווי באַוווּסט, פרעגט מען ניט: מאַסקים צי ניט מאַסקים, דעם קאָמאַנדירס וואָרט איז אַ באַפעל, וואָס מוז אויסגעפילט ווערן, און דאָך וויל דער עלטערער לייטענאַנט וויסן, ווער נאָך איז גרייט אַרויסווײַזן הילף די פאַמיליעס פון די פראָנטאָוויקעס. אַלע זײַנען גרייט. און דאַן באַפעלט ער:

— ראַטע! מאַרש!

אונדזער אָפּטיילונג שטעלט ער אָפּ באַ אַ שטיבל מיט אַ געשניצט אויסגעצאַצקעט גאַ־נעקל, אַף וועלכן עס זיצט, אָנגעשפּאַרט אין אַ שטעקן, אַ זאָקן מיט ציטערדיקע ווײַס און קלעפּיק־פאַרקיסנעטע אויגן. אין הויף איז צעוואָרפן היי, וואָס איז שוין ניט נאָר אויסגע־טריקנט, נאָר איבערגעטריקנט.

— זיידעניו, מירן דיר באַלד פאַרסקירדעווען דאָס היי.

דער אַלטער הערט שוין, ווײַזט אויס, גאָרניט. אַף זײַן פּאָנעם וועט איר ניט געפינען

קיין שפור פון צופרידנקייט צי אומצופרידנקייט. ער הייבט אויף די האנט און ווײַזט אַף דער טיר: גייט, הייסט עס, ארײַן.

ווי עפענען א דאָרפישע טיר, געדענקען מיר גוט. קיינער קומט צו אונדז ניט ארויס. אין שטוב איז ריין, נאָר דער אומעט שטעקט אין אלע ווינקעלעך. אַף די ווענט הענגען פאָטאָגראַפיעס. כ׳וואָלט געמעגט שווערן, אז דער בראַווער סאָלדאַט מיט דער שאַשקע בא דער זײַט און מיטן געאָרגי׳ אַף דער ברוסט איז דער זעלבער אלטער, וואָס זיצט איצט מיטן שטעקן, ווי א פאַסטעך, וואָס האָט פארלוירן זײַן סטאַדע. דער, וואָס אין דער בודיאָנאָווקע, איז, מיסטאָמע, זײַן זון, און אין העלם פון א טאַנקיסט איז, מעגלעך, זײַן אייניקל. פון קיך טראָגט זיך א ריח פון געקעכטס, עמעצער וויינט נאָך געוויס אין דער שטוב, כוץ דעם אלטן.

מיר פרוּוון אויסזוכן אין שטאָל א פּאָר ווילעס, הראַבליעס — ניטאָ, ווילן מיר סקירדעווען דאָס היי מיט די הענט. מיר טראָגן עס צונויף, טאַפּטשען עס אײַן מיט די פיס און לייגן עס אויס בעסער, ווי א מוליער א וואַנט. ס׳וואַקסט אויס א סקירדע, ווי א היטל צוקער. מיט אלטן בלעך און ברעטער ווערט דאָס היי ארומגעלייגט אזוי, אז דער ווינט זאָל עס ניט צעטראָגן און דער רעגן זאָל עס ניט נעצן. אין הויף וואַלגערן זיך א סאַך קלעצער, וואָס טויגן נאָר אַף האָלץ, א זעג און א האַק האָבן מיר געפונען. זעגן מיר און האַקן, לייגן צונויף דאָס האָלץ אין שטאַבעלעך. ס׳איז עפּעס גאָר ניט צו פארשטיין. אלפּי־סייכל דאַרפן מיר ווערן נאָך מידער, ווי מיר זײַנען געווען, און בא אונדז גייט די ארבעט גיך און גוט, גלײַך מיר אָטעמען דערבײַ אויס די מידקייט.

ווען די באַלעבאָסטע האָט זיך אומגעקערט פון פעלד, האָבן מיר שוין געקליבן זיך אוועקגיין. זי האָט, ווײַזט אויס, געוווּסט, ווער עס אַרודעוועט בא איר אין הויף, און געקומען פריִער ווי געווײנלעך. מיט א צופרידענעם שמייכל האָט זי זיך מיט אונדז באַגריסט, און נאָך דעם, ווי זי האָט פארטריבן אין שטאָל די בעהיימע און זי אויסגעמאָלקן, איז די באַלעבאָסטע אונדז מעכאַבעד מיט פרישער וואַרעמער מילך און מיט צוגעפּראַזשעטע שוואַרצע קערלעך, פון וועלכע עס שמעקט מיט בוימל. באם געזעגענען זיך איז אַף איר פארברענט פּאָנעם אָנגעלאָפן א שאָטן. דריבלענדיק א רײַפע קאָרן־זאַנג צווישן די ברייטע דלאָניעס, האָט זי שטיל א פרעג געטאָן:

— צי דען וועט איר ניט אָפּשטעלן דעם פאַשיסט?

אומגעריכט פאַר אונדז אלעמען האָט איר געענטפערט דער שטענדיק שווײַגנדיקער רוזין:

— מיר וועלן זיי ניט נאָר אָפּשטעלן, זיי וועלן לויפן אַף צוריק, און די ערד וועט ברענען אונטער זייערע פיס.

געזאָגט, און ווידער זײַנען בא אים די דינע ליפּן שטײַף צונויפגעשלאָסן.

— אזוינע ווערטער האָבן מיר שוין ניט איין מאָל געהערט, און איר ווייסט דאָך בעסער פון מיר, ווי „ער" שפּאַרט שוין אָן. אָט וועט איר קומען אַף דער פּאָזיציע, וועט „ער" פון הונדערט הארמאַטן א שאָט טאָן מיט פײַער, וועט האלב פון אײַך גלײַך אומקומען, און די איבעריקע וועלן אנטלויפן.

שוין זײַענדיק באם טויער, האָט פימענאָוו אויסגעקערט צו איר דעם קאָפּ:

— אומקומען קאָנען מיר, נאָר אנטלויפן וועלן מיר ניט.

„זײַ געזונט, פּעכאָטע!"

ווידער גייען מיר לענגויס דעם לינקן ברעג פון דער אָקאַ, נאָר דאָס מאָל ניט פון, נאָר קיין סערפּוכאָוו. ס׳איז אָנגעקומען א באַפעל, מיר זאָלן זיך אריבערקלײַבן אין קאַזאַרמעס. זײַענדיק די גאַנצע צײַט אין וואַלד, האָבן מיר ניט באַמערקט, ווי ער האָט פאַר די לעצטע טעג געענדערט זײַנע קאָלירן. די ביימער ווערן דאָך ניט אויסגעטאָן מיטאַמאָל, נאָר ביסלעכווײַז, און יעדער בוים באַזונדער. אינווייניק אין וואַלד וואַרפט זיך עס ניט גלײַך אין די אויגן.

באַנאַנד מיט די טונקעלע ווײַן־רויטע און גראָל־געלע בלעטער טרעפן זיך נאָך אויך קיי־מאַט אינגאַנצן גרינע. אין סענטיאַבער זײַנען געווען אזוינע וואַרעמע טעג, אז מע האָט נאָך געקענט הערן די ציקאַדע זינגען. די פּאַלנדיקע בלעטער שעפּטשען, ווי דאָס וואָלטן זיי ארויסגעזאָגט געזעגענונגס־ווערטער באם צעשיידן זיך אַף שטענדיק, נאָר פון ערגעץ האָט זיך אָנגעטראָגן א יונג־הארבסטיקער ווינט, און די בלעטער האָבן זיך צעטאַנצט און צעטומלט. אפילע די אָקאַ האָט מיט א שטילן טויבלעכן געוויש, וואָרטשענדיק, זיך פויל א בויטע געטאָן און פארנעצט אונדזערע פארשטויבטע קירזעווע שטיוול.

אויך מיר א געשעעניש! נאָר ווײַל דער שלים־שלימאַזל אָלעג יורעניעוו איז אָפּגעשפּרונגען פון דער וואַסער אין א זײַט און עמעצער האָט זיך צעלאַכט אף א קאָל, וועט דער שטרענגער מאַליכין באַשטראָפן אונדזער ווזוואָד. אף יעדער קלענסטער געשעעניש, וויבאַלד זי איז באַמערקט געוואָרן פונעם קאָמאַנדיר, וועט אומבאַדינגט קומען אַן אָפּקלאַנג. אין טײַך, פאַרשטייען מיר, וועט ער אונדז ניט טרײַבן, ווײַל ברודיקע אין שטאָט אַרײַן טאָר ער אונדז ניט ברענגען, נאָר דערפאַר וועט ער אונדז באַלד א יאָג טאָן, אַז דער וועג וועט אַזש אַנטלויפן פון אונטער די פיס. אַזוי טאַקע טוט ער.

נאָך אַזאַ שנעל־מאַרש גייט אונדז שוין ווייניק אָן די גאָלדענע פּראַכט פון די ביימער. דאַכט זיך, אָט ערשט האָבן זיי געשפּילט מיט אַלע קאָלירן און כיינען, און איצט זײַנען זיי פּאַשעט האַרבסטיקע ביימער. מיך כידעשט אַפילע, וואָס יורעניעוון פאָלגט נאָך די צונג און ער ענטפערט אף מאַליכינס פראַגע:

— הײַנט, כאַווער לייטענאַנט, איז מיטוואָך, דער ערשטער אָקטיאַבער.

— איז פאַרגעדענקט די דאַטע, און מער זאָלט איר זיך פאַר קיין ביסל וואַסער ניט שרעקן.

— פאַראַן זיך ניט שרעקן.

ס'איז שוין גאָר ניט דער פריִערדיקער יורעניעוו. פון דעם ביסל וואַסער איז ער טאַקע אָפּגעשפּרונגען... אָבער די ביימער האָבן זיך דאָך אויך ניט מיטאַמאָל באַפרײַט פון אַלע אַלטע בלעטער.

■

אונדזער קאַזאַרמע געפינט זיך אין א שול־געבײַדע, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט א הילצערנעם פּאַרקן. דאָ שלאָפן מיר נאָר, און קימאַט דעם גאַנצן טאָג זײַנען מיר אפן לערן־פעלד. ווי עס איז ניט שווער, נאָר ווען איוואַשין לערנט מיט אונדז טאַקטיק, פאַרשטייען מיר, אַז דאָס איז ביז גאָר נייטיק. אָבער א טייל פון די פּילצאָליקע שאָען, וואָס מיר מאַרשירן מיט מאַליכינען, וואָלט מען געמעגט בעסער אויסנוצן אף באַקענען אונדז ווי געהעריק מיט די קוילנוואַרפער און מינענוואַרפער. פאַר אייניקע איז נאָך א סאָד, ווי פאַנאַנדערנעמען דעם שלאָס פון א קוילנוואַרפער. יעליסייעוון האָט מאַליכין דערקלערט, אַז ס'איז קיינעם ניט דערלויבט אָפּטרעטן פון דער באַשטעטיקטער פּראָגראַם. עמעס, ווען אונדזער ווזוואָד איז איינער אליין אין פעלד, דערלויבט זיך אַפילע מאַליכין, מיסטאָם מיט איוואַשינס האַסקאָמע, „איבערפלאַנטערן” די לימודים, און אָנשטאָט ווידער לערנען אונדז מאַרשירן, באַפעלט ער אויסשטעלן טשוטשעלעס, וואָס מיר דאַרפן דורכשטעכן מיט די באַגנעטן איינע נאָך דער צווייטער. ביז מיר האָבן דערהערט פון אים די ווערטער „מיט דעם באַגנעט און דער קאָלבע אַרבעט איר ניט שלעכט”, זײַנען די אויגן פאַרלאָפן מיט געזאַלצענעם שוויס.

■

מיר ליגן אפן שטאָטישן פּלאַץ, ווו מיט הונדערטער יאָר צוריק האָט מען אויסגעבויט א ווײַסשטיינערנעם קרעמל מיט פינף טורעמס. גוט אַזוי צו רוען און קוקן אף די טורעם־שפּיצן. אינדערלופטן ציִען זיך שפּינוועבס־פעדעם, טשאַטעס פייגל פליִען אף דאָרעם, און אונדז וועט מען מיסטאָם באַלד ווידער באַפעלן שטורעמען די פעסטונג. אָבער איוואַשין האָט ווי פאַרגעסן אין אונדז. ער האָט זיך פאַרעדט מיט א פּאָליטרוק, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אף מיליצעס. נאָר אָט האָבן זיי פאַרענדיקט שמועסן.

— ראָטע, אופשטיין! — קלינגט די קאָמאַנדע. — אויסשטעלן זיך!

שטייען מיר ווזוואָד צו ווזוואָד. צוויי אין דער ברייט, צוויי אין דער לענג, און דער פאַרווּנדעטער פּאָליטרוק רעדט מיט אונדז. מיר קענען די אויגן ניט אָפּרײַסן פון דעם אָרדען, וואָס פינקלט אף זײַן ברוסט.

אַזוי האָט נאָך מיט אונדז קיינער ניט גערעדט. אַפילע דער באַטאַליאָן־קאָמיסאַר, וואָס זײַנס א וואָרט דערגייט צום האַרצן.

— קאָמאַנדירן וועט איר ווערן ניט דאַן, ווען מע וועט אײַך איבערלייענען דעם געהעריקן באַפעל און אַרויסגעבן די קוביקעס, נאַגאַנען צי פּיסטאָלעטן, נאָר ווען איר וועט באַקעמפן די מוירע פאַרן דײַטש. איך האָב געזען, ווי ניט מער פון א ווזוואָד רויטאַרמייער האָבן אַרויסגעקלאַפּט פון א דאָרף און געטריבן צוריק א באַטאַליאָן פאַשיסטן, וואָס זײַנען געווען באַוואָפנט ביז איבער די ציין. דאָס הייסט שרעקלאָזיקײַט.

יאָ, די דײַטשן פּאַרמאָגן אַ סאַך אעראָפּלאַנען, טאַנקען, האַרמאַטן און גאָר אַ סאַך מי־נענוואַרפער. דער קאָמאַנדיר דאַרף וויסן, ווי אויסצוהיטן זײַנע סאָלדאַטן פונעם פײַער. ס׳איז טאַקע אַ מילכאָמע פון מאַטאָרן, נאָר דאָס לעצטע וואָרט איז בײַ דער פּעכאָטע. אונדזער אינפאַנטעריע איז שטאַרקער פון זייערע, און מיט ביקסן וועלן מיר זיי גיכער אַוועקלייגן אַף טויט, ווי זיי אונדז מיט די אַווטאָמאַטן. קעדיי באַפרײַען זיך פון שרעק, דאַרף מען אַרײַנזעצן כאָטש איין קויל אין איין פאַשיסט.

עמעס, מיר טרעטן אָפּ, נאָר מיט יעדן טאָג וועט די דײַטשן ווערן אַלץ שווערער. אונדזער פּראָנטאָוויק הערט אוף מוירע צו האָבן פאַרן סוינע, און דער סוינע, פאַרקערט, שטעקט זיך אָן מיט אָט דעם באַציל. פאַר אים איז עס אַ סאַך געפערלעכער, ווײַל זײַנע זעלנער זײַנען געקומען, ווי רויבער, און מיר פאַרטיידיקן אונדזער ערד, די טאַטע־מאַמע, די קינדער. יעדער רויבער איז דרייסט אַזוי לאַנג, ביז ער כאַפּט ניט אין פּיסק אַרײַן. נאָר דאָס ווייסט איר דאָך אָן מיר. אײַער עלטערער לייטענאַנט האָט מיך געבעטן דערציילן אַ פּאָר פראָנט־עפּיזאָדן, און איך האָב אײַך אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס מיר דאַכט, אַז איצט איז עס דאָס סאַמע וויכטיקסטע.

„ווען איר וועט באַקעמפן די מוירע פאַרן דײַטש”. אַלע טאָג הערן מיר און לייענען ניט נאָר וועגן דיסציפּלין און אָרגאַניזירטקייט, נאָר אויך וועגן מוט, געוואַגטקייט, שרעקלאָ־זיקייט. אָט דאָס וואָרט „שרעקלאָזיקייט” האָבן מיר שטענדיק פאַרשטאַנען ווי הערױזם. דער פּאָליטרוק האָט עס עפּעס ווי אַ דריי געטאָן, און ס׳האָט באַקומען זײַן אורטײַטש — ניט מוירע האָבן. יעדערן פון אונדז ווילט זיך וואָס גיכער זײַן אַפן פראָנט. יעדערער פון אונדז טראַכט ניט וועגן זיך, ווי וועגן אַ פאַכדן, און אויב שוין גאָר דעם עמעס זאָגן, טרוימען מיר וועגן העלדנטאַטן. לאָזט זיך אויס, אַז צום אַלעם ערשטן דאַרף אַ קריגסמאַן דערשטיקן אין זיך די שרעק. אַוודע איז עס אַזוי, נאָר צוליב וואָס ספּעציעל אַקצענטירן? צי עפּשער מיינט ער, דער פּאָליטרוק, אַז מיר קאָנען אין דער ערשטער שלאַכט אויסקערן די האָלאַבליעס אַף צוריק און אַנטלויפן? ניין, ער מיינט ניט אַזוי. דאָס האָט ער מיט אונדז אײַנגעקנעלט דעם אַלעפּבייס פון שלאַכט. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר עס זייער גוט פאַרשטאַנען.

■

אינמיטן העלן טאָג — ווידער אַן אַליאַרם. ניט נאָר אין זומער־לאַגער באַם דאָרף לוזשקי, נאָר אויך פאַר די פינף טעג, וואָס מיר געפינען זיך אין סערפּוכאָוו, איז אַ לערן־אַליאַרם שוין פאַר אונדז געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך. אָבער דאָס מאָל, האָבן מיר געמיינט, וועט עס אונדז אויסמײַדן. ס׳איז געווען זונטיק, און פון מאָסקווע, פון אַנדערע נאָענטע שטעט זײַנען צו אַ סאַך קורסאַנטן געקומען קרוווים, באַקאַנטע. פון דער שול־טעריטאָריע לאָזט מען הײַנט קיינעם ניט אַרויס, שטייט מען געדיכט אויסגעשטעלט פון ביידע זײַטן פּאַרקן און מע קאָן זיך צו זאָט ניט אָנרעדן.

די ציווילע בעט מען אַוועקגיין. די מילכאָמע האָט זיי שוין אויך צוגעוווינט צו דיס־ציפּלין. זיי פּאָלגן, מע רוקט זיך לאַנגזאַם אַף צוריק, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון די אייגענע.

צו מיר איז געקומען צוגאַסט אַ כאַווער, אַ ייִנגערער לייטענאַנט, וואָס האָט זיך גע־לערנט אין דער מיליטער־ישער לופט־אַקאַדעמיע. ווי נאָר ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט מען אים קאָמאַנדירט אין סערפּוכאָווער אַוויאַ־שול. איצט שרײַבט ער איין ראַפּאָרט נאָכן צווייטן, אַז מע זאָל אים שיקן אַפן פראָנט, ער איז זיכער, אַז ער וועט אַהין טרעפן פריִער פאַר מיר. איך באַוויַז אים אַ זאָג טאָן:

— דאָס איז, דאַכט זיך, אַף אַן עמעס, ס׳איז ניט קיין לערן־אַליאַרם. אויב מיר וועלן זיך די טעג ניט אומקערן, וועסטו, זײַענדיק אין מאָסקווע, אַרײַנגיין...

ס׳האָבן זיך גרויליק צעיאָמערט די פאַבריק־קוימענס און אַליאַרם־סירענעס. די זעניט־לער האָבן געעפנט אַ פײַער. מײַן כאַווער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געלאָזט לויפן צו זיך אין טייל, און מיר, אַקסל צו אַקסל, שפּאַנען צום וואָקזאַל. אין עטלעכע שאָ אַרום, פאַרנאַכט שוין, זײַנען מיר געווען אין פּאָדאָלסק, ווו ס׳האָבן געוואַרט אַף אונדז פראַכט־וואַגאָנען.

לאַנג האָט דער עשעלאָן דער קורסירט איבער דער אײַזנבאַן־ליניע אַרום מאָסקווע. די שפּאַרונעס אין וואַגאָן זײַנען אַזוינע, אַז מע קאָן דורכשטופּן אַ האַנט. אַנטקעגן טראָגט זיך אַ קאַלטער ווינט, און מיר זײַנען אין זומערדיקן אָנטאָן. נאָר, מיילע, ס׳איז צו דערלײַדן.

מאַליכין באַפֿוילט אונדז שלאָפֿן. און אין א פּאָר מינוט אַרום כראָפּעט ער שוין טאַקע גאַנץ פֿײַן. איך ליג צווישן יורעניעוון און פּימענאָוון. אַלעג שעפּטשעט מיר אין אויער:

— אין פּאָדאָלסק האָב איך אַרײַנגעוואָרפֿן א בריוול. זאָל די מאַמע וויסן, אַז דערווײַל זײַנען מיר אַלע צוזאַמען. כ'האָב געשריבן אין דער פֿינצטער, נאָר זי וועט פֿאַנאַנדערקלײַבן. וועמען האָסטו געשריבן א קאַרטל?

— דעם ברודער.

— ער איז שוין אָפּן פֿראָנט?

— כ'ווייס ניט. ער לערנט זיך אויך אין א מיליטערישער שול ניט ווײַט פֿון מאָסקווע.

— אַזוי, — זאָגט ער מיר, — קאָנט איר דאָך ביידע טרעפֿן אָף איין באַצירק. אפֿילע אָף איין פֿאַרטיידיקונג־ליניע. אָדער, לאָמיר זאָגן, דו אין דער ערשטער, און ער אין דער צווייטער. אָף דער פֿאָדער־פּאָזיציע וועט איר איינער דעם אנדערן בײַטן און ניט וויסן וועגן דעם.

— ביסט א פֿאַנטאַזיאָר, אַלעג.

— און דערפֿאַר געפֿעל איך דיר ניט?

— ביסט דאָך ניט קיין מיידל, וואָס דו דאַרפֿסט מיר געפֿעלן.

— מאַליכינען בין איך צוערשט ניט געפֿעלן געווען. דאָס איז עמעס. און ער איז געווען גערעכט. דיר, פּעדיען, יורען, דעם שטומען וויקטאָר, ווייס איך, בין איך פֿונעם ערשטן טאָג געפֿעלן געוואָרן.

— ביסט אַן אידיאָט.

— ווייסט, פֿונוואַנען עס שטאַמט דאָס וואָרט „אידיאָט”?

— כ'ווייס ניט און וויל ניט וויסן. טשעפּע זיך אָפּ פֿון מיר.

— אָט, אַז מע וועט מיך פֿאַרווונדן, דאַן וועל איך זיך ערשט אין דיר אָנטשעפּען.

— עס ציטערן שוין בא דיר די קני?

— און בא דיר?

— דערווײַל ניט.

— בא מיר אויך ניט. ווילסט א שטיקל ברויט? ס'איז פֿאַרבליבן פֿונעם אָנבײַסן. בײַס אָפּ א שטיקל און גיב איבער פּעדיען.

— אָט פֿון דעם האָסטו באַדאַרפֿט אָנהייבן.

סערגייעוו האָט אופֿגעהויבן דעם קאָפּ:

— אַליין פֿרעסט מען, און אַז כ'האָב אויך קיין וועטשערע ניט געגעסן, אַרט קיינעם ניט.

— כ'האָב געקלערט, אַז דו שלאָפֿסט שוין פֿון לאַנג, — האָט יורעניעוו זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן. — דיר, קאַליע, וואָלט דאָס שטיקל ברויט אָף קיין איין צאָן ניט געקלעקט.

— געקלערט: צופֿיל, פּראָפֿעסאָר, קלערסטו.

מיסטאַם וואָלט נאָך ניקאָלײַ לאַנג געבורטשעט, נאָר פּעדיע האָט אים געהייסן אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אין סידאָר און ליגן מיט פֿאַרמאַכטע ליפּן. אים האָט ער געפֿאָלגט. פּימענאָווס א וואָרט איז פֿאַר סערגייעוון, ווי איוואַשינס א באַפֿעל.

■

אַרום צען אַזייגער אינדערפֿרי האָט זיך דער עשעלאָן אָפּגעשטעלט, און מע האָט אונדז באַפֿוילן אַרויסגיין פֿון די וואַגאָנען. מיר האָבן געמיינט, אַז פּאָר העכער א האַלבן מעסלעס זײַנען מיר פֿאַרפֿאָרן ווער ווייסט וווהין, נאָר אָנגעקומען זײַנען מיר קיין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. די ווײַטע צוטריטן צו מאָסקווע זײַנען, לאָזט זיך אויס, גאָרניט אַזוי ווײַט — סאַכאַקל הונדערט פֿיר און צוואַנציק קילאָמעטער. די שטאָט אָפּן הויכן רעכטן ברעג פֿון א שמאָלן טײַך האָט אויסגעזען פּוסט. ווי אָף שטענדיק פֿאַרקאָנסערווירטע האָבן אויך אויסגעזען די צוויי מאַגיסטראַלן, וואָס גייען זיך דאָ צונויף: מאָסקווער אײַזנבאַן־וועג און דער שאָסיי אָף ברעסט, וואָס האָט נאָך מיט העכער הונדערט יאָר צוריק פֿאַרבונדן וואַרשע מיט מאָסקווע. מע דאַרף ניט זײַן קיין סטראַטעג, קעדיי צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס זײַנען די וויכטיקסטע אַפּאַראַטיווע מאַגיסטראַלן, וואָס פֿאַרייניקן די הויפּטשטאָט מיט די דאַרעם־ און מײַרעוו־קאַנטן פֿון לאַנד. נאָענט פֿון וואָקזאַל סטאַרטשעט אַן ערד־אָנשיט, אין וועלכן ס'איז אײַנגעפּאַסט א טיר, ס'איז מיסטאַמע אַן אײַזקעלער. האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אָפּן בערגל און וואַרטן אָף ווײַטערדיקע פֿאַראָרדענונגען. פֿונעם הימל־רוים טוט זיך א גליטש א פֿריש־געבוירן ווינטעלע און נייט א ציטער טאָן די העל־בלויע ווילדע אַסטרע, וואָס האָט זיך פֿאַרהיט דערנעבן. איך ליג אָנגעשפּאַרט אָפּן עלנבויגן און הער, ווי סערגייעוו טײַנעט צו באַקאָוון:

— ווער וואַרפֿט עס אַרויס קימאַט א האַלבן פּאַפּיראָס? קוק, וויפֿל מאָל כ'וועל זיך נאָך פֿאַרצײַען. אָט ווי מע רייכערט אָפּן פֿראָנט.

עס דערטראָגט זיך אַן אָפּהילך פון אופרײַסן. צי דען זײַנען מיר שוין אָפּן פראָנט? ניט שוין זשע זײַנען טאַקע ערגעץ דאָ ניט ווײַט די פאַשיסטן? קוים שוין אָפּגעבן אַזאַ בערגל, ווי דאָס, אַף וועלכן מיר זיצן, דאַרפן זיי פאַר דעם טײַער באַצאָלן, און פאַרוואָס עפּעס אָפּגעבן? אויב זיך אײַנגראָבן אין דער ערד, קאָן מען לאַנג קײנעם ניט צולאָזן צו זיך. אָפּטרעטן האָט מען אונדז ניט געלערנט. אַלע טאַקטישע איבונגען זײַנען געווען אויסגערעכנט אַף אָפּשלאָגן דעם סוינע און טרײַבן אים. אָבער אַזוי האָט מען דאָך אויך געלערנט די קאָ־מאַנדירן, וואָס די מילכאָמע האָט זיי געטראָפן בײַ דער גרענעץ, און פונדעסטוועגן זײַנען זיי געצוווּנגען געווען אָפּטרעטן אַף הונדערטער קילאָמעטער אין דער טיף פון לאַנד. זיי שלאָגן זיך איצט מיט די אָקופּאַנטן פאַר יעדער בערגל, און דאָס איז נאָך שווערער, ווי אָנגרײַפן.

■

ווער מאַכט זיך דאָרט נאַריש, ווי אַ קינד? צוויי שערשאַווע הענט האָבן מיך פון הינטן אָנגענומען בײַם קאָפּ, און איך קאָן אים ניט קײן קער טאָן. עמעצער האָט מיט די פינגער ווײטעקלעך צוגעדריקט מײַנע אויגן און זיי בלינד געמאַכט. דאָס שפּיצל האָט זיך אײַנגע־געבן, ווײַל איך האָב זיך פאַרטראַכט, און דער קאַטאָוועס־טרײַבער איז, מיסטאַמע, צוגע־גאַנגען מיט שטילע טריט.

קינדווײַז האָבן מיר ליב געהאַט אָט די שפּיל. ביז דער „געפאַנגענער" פלעגט ניט אָנ־רופן דעם נאָמען פון דעם צי פון דער, אין וועמעס הענט ער איז אַרײַנגעפאַלן, האָט ער זיך ניט געקאָנט ריכטן, אַז מע וועט אים באַפרײַען, סײַדן שרײַען אַף אַ קאָל: „איך גיב זיך אונטער". עס פלעגט טרעפן, אַז דו האָסט יאָ דערקענט, ווער ס'האָט דיך אַרומגעכאַפּט, נאָר ס'האָט זיך ניט געוואָלט צעשיידן מיט די צאַרטע מיידלשע הענט, און דאַן פלעגסטו אָנרופן נעמען, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, אַבי פאַרלענגערן דעם פאַרגעניגן. עטלעכע רעגעס פון אַ גוטן כאָלעם אַף דער וואָר...

נאָר ווער איז עס פאָרט? ווען דאָס זאָל זײַן עמעצער פון אונדזערע קורסאַנטן, וואָלט יעליסייעוו אָנגעשריגן אַף אים. קײן קאָמאַנדיר וועט זיך אַזוינס ניט דערלויבן, און מיט קײנעם פון זיי בין איך, פאַרשטייט זיך, אַף אַזויפיל ניט היימיש. מײַנע אויגן זײַנען פאַר־מאַכט, אָבער די הענט האָט דאָך מיר קײנער ניט פאַרבונדן, פאַרבײַג איך זיי אַף הינטן צו דעם מענטשן, וואָס שטייט הינטער מײַן פּלײצע אַף די קני, און הייב אים אָן אַרומטאַפּן. די שינעל איז בײַ אים פונקט אַזאַ, ווי מיר טראָגן. די שטיוול בעסערע, ניט קײן קירזעווע. העכער פונעם רימען, מיט וועלכן ער איז אונטערגעגאַרטלט, קאָנען די הענט ניט דערגרייכן. איז אומזיסט די טירכע, כאָטש אוואַדע ווילט זיך וואָס גיכער וויסן, ווער איז ער, דער מענטש. יורעניעווס זאָג, אַז איך קאָן זיך דאָ טרעפן מיטן ברודער, כאָטש ס'איז ניט מער ווי אַ האַשאָרע, אַ טרוים, איז מיר דאָך אַרײַן אין דער נאָז.

געגוג. דער, וואָס האַלט מײַן קאָפּ, מיינט געוויס, אַז כ'וועל זיך ניט פּרוּוון אַרויסרײַסן פון זײַנע הענט, נאָר „איך גיב זיך אונטער" וועל איך אים אויך ניט זאָגן. מע דאַרף שוין אָבער ניט אָנווענדן קײן קויעך. מײַנע אויגן זײַנען שוין פרײַ. איך קער אויס אַפּגיך דעם קאָפּ און דערזע סעניע יאָפּען. אָט זיצט ער פאַר מיר פּאָנעם־על־פּאָנעם. ווי שטענדיק, אַ גוטמוטיקער, אַ שמייכלענדיקער, אַ שיינער, די גרויסע אויגן שוואַרץ, ווי שוואַקס. ער פרעגט בײַ מיר:

— וואָס כידעשסטו זיך? דו האָסט דאָך געוווּסט, אַז איך בין אין פּאָדאָלסקער אַרטילעריע־שול. מיינסט, נאָר אײַך האָט מען אַהער אַראָפּגעבראַכט? פריִער אָדער שפּעטער האָבן מיר זיך געמוזט טרעפן. אונדזער אַרט־דיוויזיאָן טרעט אַרויס אין דער ריכטונג פון יוכנאָוו, — סעניע האָט וווּליוונגעריש פאַרוקט די פּילאָטקע אַף אַ זײַט, אַ פּאָר שטאַרקע צי געטאָן דעם פּאַפּיראָס און, אָנבייגנדיק זיך קימאַט צו מײַן אויער, פאַרגעזעצט: — אונדזערע צוויי באַטאַ־רייעס און אָטריאַד אײַערע קורסאַנטן פירן שוין דאָרט, זאָגט מען, פון פאַרטאָג אָן אַ שלאַכט. אַף פיר און צוואַנציק לאַסטמאַשינעס זײַנען זיי נאָך נעכטן אַרויסגעפאָרן פון פּאָדאָלסק. הער, ווילסט איבערלייענען אַ בריוו פון מײַן טאַטן? צו דיר איז דאָרט אויך דאָ אַ גרוס. ער איז געווען ניט ווײַט פון קויבישעוו, נאָר איצט קער ער שוין זײַן אָפּן פראָנט. דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן מײַן טאַטן פאַר אַ סאַפּיאָר? אָט אַזוי, פרײַנט מײַנער.

כ'וואָלט ניט געזאָגט, אַז אונדזער פרײַנטשאַפט האָט אויפגעפלאַמט גלײַך פון די ערשטע טעג, ווי מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט סעניען, נאָר איך גלייב, אַז זי וועט שוין ניט פאַרלאָשן ווערן אַ גאַנץ לעבן. זיך פאָרשטעלן מייער איסאַקאָוויטשן פאַר אַ סאַפּיאָר קאָן איך. וועט

מען אים באפוילן אופרײַסן א בריק, וועט ער דאָס שטיקל ארבעט אָפּטאָן מיט דער זעלבער פּינקטלעכקײַט, ווי ער וואָלט צוגעשניטן אַן אָנצוג. א געפערלעכע פּראָפעסיע — א סאַפּיאָר. נאָר פאר די פאָלעס האָט אים דאָך קיינער ניט געשלעפּט. ער איז אליין פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. כ'וואָלט באדארפט דערציילן סעניען וועגן געשפּרעך, וואָס כ'האָב געהאט מיט זײַן טאטן אין עלעקטריטשקע, אים איבערגעבן די ווערטער, וואָס כ'האָב געהערט פון מייערס מויל: „איר מעגט מיר גלייבן, — ביז אלץ וועט ניט זײַן אין דער מאָס, וועל איך זיך צו דער שער ניט צורירן. כ'וועל שיסן...”

פארוואָס טאקע דערצייל איך ניט סעניען וועגן דעם? קאָן זײַן דערפאר, וואָס מירביידע באהאלטן אויס אונדזער געמיט־צושטאנד, די אָנגעשטרענגטקײַט, וואָס האָט אונדז באהערשט פאר דער ערשטער שלאַכט, וואָס שטייט אונדז פאָר עפּשער הײַנט נאָך. מיר אלע מיינען, דאכט זיך, אז מע דארף זיך שעמען פאר דעם, און ווײַל אָט דער אינערלעכער ציטער לאָזט זיך ניט פארניכטן, פרווון מיר אים פארטרײַבן מיט א האָפערדיק וואָרט. אומגעריכט פאר זיך אליין טו איך א זאָג:

— ווען איר ווייסט, כעוורע, ווי מײַן כאווער שיסט! וואָ! — הייב איך אויף דעם גראָבן פינגער. — אף זײַנע סנאריאדן קאָן מען זיך פארלאָזן. זיי וועלן אלע טרעפן אין ציל.

דער ביטערער אקשן באָקאָוו, בא וועמען די רעכטע באק איז נאָך דערצו שטארק אופ־געלאָפן פון ציינוויייטעק און דעריבער זעט ער איצט אלץ פון דער טונקעלער זײַט, האָט אָפּגעענטפערט:

— דאָס וועלן מיר נאָכדעם זען.

סעניע איז רויט געוואָרן, ווי א בורעק. ווי האָב איך עס פארגעסן, אז אפילע אויב מ'זאָל אונטער פיר אויגן אָנשטעלן אף אים א פינגער, איז עס גענוג, ער זאָל זיך פארשעמען און עס זאָלן ארויסשפּארן בלוט־פלעקן אף זײַן לענגלעך פּאָנעם. איבער מיר מוז ער זיך פארענטפערן פאר באָקאָוון.

— אוואדע זײַט איר גערעכט. און ער, — ווײַזט סעניע אָן אף מיר, — לויבט מיך דער־ווײַל פאר דער צײַט. באלד וועל איך אויסקויפן זײַן זינד. גוטע עפּל ווילט איר? די מאמע איז נעכטן געוועזן בא מיר.

א פראגע, צי מיר ווילן! מיר זײַנען באלאָנים אפילע ניט אף קיין גוטע. אלץ, וואָס לאָזט זיך נעמען אין מויל, וועלן מיר אײַנשלינגען. סעניע צעבינדט דעם רוקזאק, און מיר באקו־מען יעדערער א גרויסן קײַלעכדיקן רויטן עפּל. זיי זײַנען הארטע, ריינע. דאָס עפּל־פלייש קנאקט אונטער די ציין, און די מעכײַעדיקע זאפט איז פריש, ווי קוואל־וואסער.

צו די בעסטע באגעגענישן קומט ווען־ניט־איז א סאָף. עס דערהערט זיך א קאָמאנדע, די ראָטע זאָל זיך אויסשטעלן. ווײַזט אויס, אז אונדזער גאנצער פּערטער באטאליאָן וועט באלד ארויסטרעטן. א שאָד, וואָס מיר מוזן זיך שוין צעשיידן מיט סעניען. און ס'איז א גרויסע פראגע, צי וועלן מיר נאָך ווען־ס'ניט־איז זיך ווידער טרעפן. צי וועט הײַנט־מאָרגן ניט געשען אזוי, אז איינער פון אונדז וועט קאָנען בלויז פון טרוים־פּעדעמער העפטן א פּאָרטרעט פון זײַן כאוועך? איז פארוואָס, פרעגט זיך, זאָלן מיר זיך ניט ארומנעמען, אפילע צעקושן, אָדער כאָטש פעסט א דריק טאָן איינער דעם צווייטן די האנט? ניין, צו דעם קומט עס ניט. ניט אזוי זײַנען מיר דערצויגן. מיר זײַנען ביידע, ווײַזט אויס, ניט פון די גרויסע כאכאָמים, און דערפאר פרווון מיר זיך פארבײַטן דאָס הארציק־ווארעמע מיט א שאָקל פונעם קאָפּ און מיט געציילטע ווערטער:

— זײַ געזונט, פּעכאָטע!

— זײַ געזונט, ארטילעריע!

און ניט מער, ווי גלײַך די צונג אין מויל וואָלט זיך געפוילט א ריר טאָן. בא סעניען, עמעס, האָט זיך באוויזן א סאמעטן וואָלקנדל אין די טיפע אויגן. נאָך א רעגע, און מיר לאָזן זיך אין וועג. סעניע שרײַט עפּעס, לויפנדיק צוריק צו אונדז. אָבער ניט איך בין שוין איצט באלעבאָס איבער זיך, און דערפאר האָב איך, דערהערנדיק זײַן קאָל, זיך געווענדט צו מאָ־ליכינען:

— כאווער לייטענאנט, דערלויבט מיר זיך געזעגענען מיט מײַן כאוועך.

— גוט, נאָר איינס־צוויי און פארטיק.

אף איין אויגנבליק האָבן אונדזערע הענט זיך צונויפגעפלאָכטן. יעליסייעוו האָט אָנגע־רירט סעניען בא דער פּלייצע.

— לויף, קורסאנט, אניט וועסטו אָפּשטיין פון דער ארטילעריע. מיר וועלן זיך נאָך עפּשער מיט דיר טרעפן, און דערווײַל זשאלעווע ניט קיין סנאריאדן פאר די פאשיסטן.

— גוט, סערזשאַנט, — און שוין פונדערווײַטן, — קיין סנאַריאַדן פאַר די פּאַשיסטן וועלן מיר ניט זשאַלעווען. אַף אונדז, פּעפּאַטע, מעגט איר זיך פאַרלאָזן, מיר וועלן אײַך ניט אונ־טערפירן.

יאַקימאָוויטש האָט אויסגעקערט צו מיר דעם קאָפּ:

— אַ ווױלער באַכער דײַן כאַווער.

— יאָ, יורע, זייער אַ ווױלער.

דאָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען פּלאַטאָווס פּאָלק

איוואַשין האָט זיך פאַרהאַלטן אין שטאַב פון באַטאַליאָן. מיט דער ראָטע קאָמאַנדעוועט דערווײַל מאַליכין. אין מײַנע אויערן קלינגען נאָך סעניאָס ווערטער: „קיין סנאַריאַדן פאַר די פּאַשיסטן וועלן מיר ניט זשאַלעווען". אויך מיר וועלן ניט זשאַלעווען קיין קוילן. אַף איבער־לאָדן די ביקסן דאַרפן מיר ניט מער ווי פינף סעקונדעס. אויב די דײַטשן מיינען, אַז דער גלײַכער וועג אַף מאָסקווע איז פאַר זיי שוין אָפן, האָבן זיי אַ גרויסן טאָעס. עס וועט זיי נאָך גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ. פאַר יעדן פּיצל ערד וועלן זיי טײַער באַצאָלן. אונדזער באַטאַליאָן־קאָמיסאַר האָט געהאַט די פולע רעכט צו זאָגן, אַז פּונקט ווי די קורסאַנטן, וואָס האָבן געקעמפט הינטער פּעטראָגראַד אין טויזנט נײַן הונדערט נײַנצעטן, אָפּן דאָרעם־פראָנט קעגן וורשנגעלן זומער פון טויזנט נײַן הונדערט צוואַנציקסטן, באַם דערשטיקן דעם אויפֿ־שטאַנד אין קראָנשטאַדט פרילינג טויזנט נײַן הונדערט איין־און־צוואַנציקסטן, אַזוי וועלן אויך די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן איצט, אין האַרבסט פון טויזנט נײַן הונדערט איין־און־פערציקסטן, הינטער מאָסקווע, זיך שלאָגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

ס'איז אַ פערטל אַף צוועלף. מיר גייען לענגויס דער אײַזנבאַן־ליניע, פאַרקערעווען אין אַ פּוסטן הויף, וואָס איז פאַרוואַקסן מיט מיסטגראָז, און מיט אַ שמאָלן דורכגאַנג, וואָס פירט צו אַ זײַטיק געסל, דערקלײַבן מיר זיך צו דער פאָרשטאָט לעבן טײַך. אין אַ טאָלכל, וואָס פונווײַטן האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז עס איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן פּאַס פון רויטיקן נעפּל, וועלן מיר, ווײַזט אויס, וואַרטן אַף איוואַשינען און אָפן באַפעל, וואָס אונדזער ראָטע האָט באַקומען.

די לופט איז פול מיט רייכעס פון דורכגעווייקטע ווערבעס, מיט עפּעס אַ שטאַרקײַט, וואָס שיקערט. איך שפּאַר זיך אָן אין אַ דורעסדיקער ווערבע. צו איינער פון אירע לאַנגע צווײַגן איז צוגעפּעסטיקט אַ נעסט. געבויט איז זי פון סאָסנע־נאָדלען, פּאַסיקלעך קאָרע, האָר, געדעקט מיט פלעכטגראָז. עפּעס אַ פויגל האָט דאָ, צווישן הימל און ערד, אוועקגעשטעלט אַף יאָרנלאַנג אַ וווּנדערלעך וויגעלע.

זיך קוים באַוויזן צוזעצן, און יורעניעוו פרעגט שוין:

— כעוורע, ווער פון אײַך ווייסט, ווי־אַזוי הייסט אָט דער טײַך?

קיינער ווייסט ניט, מאַליכין אויך ניט, נאָר קעדיי אָלעג זאָל אונדז זאָגן, ווי דער טײַך הייסט, דאַרפן מיר פריער אָנערקענען, אַז מיר ווייסן טאַקע ניט, און דערפאַר פרעגט ער איבער:

— איז ווי־אַזוי?

— ווי מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן, — ענטפערט אָפּ באַקאָוו, — און די מײַסע, וואָס דו קלײַבסט זיך אונדז דערציילן, פּראָפעסאָר, האָט, מיסטאָמע, ניט די ווערט קיין דענעשקע.

— בו־בו, — קרימט אים יורעניעוו איבער. — ביסט הײַנט אופגעשטאַנען אַף דער לינקער זײַט? דאָס איז דער טײַך לוזשאַ. אַ באַוווסטער טײַך. פון אָט די ברעגן, — באַווײַזט ער מיט דער האַנט, — האָט זיך דעם צוועלפטן אָקטיאַבער פון טויזנט אַכט הונדערט צוועלפטן יאָר אָנגעהויבן דער קאָנטער־אָנגריף פון דער רוסישער אַרמיי און נאַפּאָלעאָנס צוריקמאַרש. — און ווײַל יורעניעוו זעט, אַז מאַליכין קלײַבט זיך אים ניט איבערשלאָגן און דער פּאַרטאָרג פון דער ראָטע איוואַן ניקיפאָראָוויטש סטעפּאַנאָוו הערט אופמערקזאַם און שאָקלט דערבײַ צו מיטן קאָפּ, וואָס דאָס דאַרף באַטײַטן: „דערצייל, ביזוואַנען מיר האָבן נאָך פרײַע צײַט. דאָס מאָל וועט דיר קיינער קיין באַמערקונג ניט מאַכן", זעצט ער פאָר. — נאָך דעם, ווי נאַפּאָ־לעאָן איז אַרויסגעטראָטן פון מאָסקווע, האָט ער זיך געלאָזט מיטן אַלטן קאַלוגער וועג, וואָס גייט דורך דאָ ניט ווײַט. ער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן קאַלוגע און זיך דערקלײַבן צו די

דאָרעמדיקע גובערניעס, וואָס זײַנען רײַך מיט ברויט און פוראַזש, איבערווינטערן דאָרט און ווידער אָנהייבן אַן אָנגריף.

דער פעלדמאַרשאַל קוטוזאָוו האָט פאַרשטאַנען נאַפּאָלעאָנס פּאַרטראַכט. דאָ, אויף דעם רעכטן ברעג פון דעם ניט ברייטן, נאָר טיפן טײַך לוזשאַ, האָט ער באַשלאָסן פאַרנעמען די אַנטשיידענע שלאַכט, פון וועלכער ס׳איז געווען אָפּהענגיק דער גורל פון רוסלאַנד. הערט, כעוורע, ווי דאָס איז פאָרגעקומען. ס׳איז קימאַט אַ לעגענדע. ווען נאַפּאָלעאָנס גרענאַדיאָרן זײַנען אין אײַלעניש צוגעקומען צום טײַך, האָבן זיי קיין בריק דאָ ניט געטראָפן. די אײַנווינער פון שטאָט האָבן זי פאַרברענט. די פראַנצויזישע סאַפּיאָרן האָבן גענומען בויען אַ פּאָנטאָן־בריק. זייערע שיפלעך האָבן שוין קימאַט דערגרייכט דעם צווייטן ברעג, נאָך עטלעכע מינוט, און זיי וועלן זײַן אין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. וואָס טוט מען? מיט אומגעהייערער שנעלקײַט האָט מען מיט זעגן און העק צענומען די דאַמבע בײַ דער שטאָטישער מיל. דער זיבנקילאָמעטערדיקער וואַסער־באַסיין האָט מיט אַ מוירעדיק רעווען זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אויף אייביק אײַנגעשלונגען די פראַנצויזישע סאַפּיאָרן.

דער טײַך לוזשאַ האָט זיך פאַרכלינעט. דאָס וואַסער איז אַרויס פון די ברעגן, נאַפּאָלעאָנס אַוואַנגאַרד האָט קוים באַוויזן אָפּטרעטן אויף צוריק. נאַפּאָלעאָן האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אַ גאַנצן מעת־לעת — אַ נאַכט מיט אַ טאָג — שטיין און וואַרטן, ביז דאָס צעבושעוועטע וואַסער וועט אָפּפאַלן. ווען ס׳איז פינצטער געוואָרן, זײַנען די פראַנצויזן אַרײַן אין שטאָט, אָבער ניט אויף לאַנג. פאַר דער צײַט, וואָס זיי האָבן זיך געטאָפּטשעט אויף איין אָרט, איז אַהער צוגעקומען פּלאַטאָווס פּאָלק, דאָכטוראָווס זעקסטער קאָרפּוס און דאָראָכאָווס לײַכטע קאַוואַלעריע. אָט דאָרטן, פון יענער זײַט ברעג, — אַלעג האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אין דער ווײַט, — איז געשטאַנען נאַפּאָלעאָן, אַרומגערינגלט מיט זײַן סוויטע, און נאָכגעשפּירט נאָך דער פאַרביסענער שלאַכט. ער האָט נאָך געהאָפט, אַז אים וועט געלינגען אַרויסרײַסן זיך אויפן קאַלוגער וועג. נאָר אין דעם מאָמענט האָבן זיך פונדערווײַטן באַוויזן די גרונטקויכעס פון דער רוסישער אַרמיי בעראָש מיט קוטוזאָוון. די שלאַכט פאַר מאַלאָיאַראָסלאַוועץ האָט געדויערט אַכצן שעה נאָכאַנאַנד. דעם צוועלפטן אָקטיאַבער איז די שטאָט צוועלף מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

נאַפּאָלעאָנס געשולטע אַרמיי האָט ניט אײַנגענומען מאַלאָיאַראָסלאַוועץ און איז ניט אַרויס אויפן קאַלוגער וועג, כאָטש געקומען איז זי אַהער, ווען דאָ איז נאָך ניט געווען קיין איין רוסישער סאָלדאַט. דעם דרײַצעטן אָקטיאַבער זײַנען פאַר נאַפּאָלעאָנען געלעגן רויִנען פון אַ שטאָט, דורך וועלכער ער האָט ניט געקענט דורכגיין. פאַר זײַנע אויגן איז געפלאָסן גאָר ניט קיין גרויסער טײַך מיטן נאָמען לוזשאַ, וועלכן ער האָט ניט געקענט אַריבערשפּאַנען.

דאָס, וואָס אַלעג דערציילט אונדז, איז פאָרגעקומען מיט הונדערט נײַן און צוואַנציק יאָר צוריק. נאָר ווײַל מיר געפינען זיך בײַם ברעג פון דעם זעלבן טײַך, אין דער זעלבער שטאָט, וועגן וועלכער ער רעדט, און איבער איר הענגט, פּונקט ווי דעמאָלט, אַ טויט־געפאַר, האָבן מיר אַלע אָנגעשפּיצט די אויערן. יורעניעוו וואָלט נאָך דערציילט, נאָר עס גייט שוין אַהער איוואַשין.

■

ס׳איז, פאַרשטייט זיך, ניט צום פאַרגלײַכן, נאָר אונדזער באַטאַליאָן איז אויסגעפאַלן צו פאַרטיידיקן מאַלאָיאַראָסלאַוועץ גראָד דאָרט, וווּ עס איז געשטאַנען פּלאַטאָווס פּאָלק. אונדז איז באַפוילן צו פאַרפעסטיקן זיך אויף דער דאָרעם־מײַרעוודיקער זײַט פון מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. אַלע איבעריקע קורסאַנטן פוןביידע מיליטער־שולן זײַנען מיטן וועג אויף ברעסט אַוועק פּאָרויס, קעדיי פאַרנעמען פּאָזיציעס אויף דער פײַער־ליניע. דער באַטאַליאָן געפינט זיך אין רעזערוו פונעם מאָסקווער מיליטער־קרײַז, און אין שלאַכט וועט מען אים וואַרפן אין פאַל, אויב דער סוינע וועט דורכרײַסן די שוץ־ליניע בײַ דעם אָפּעראַטיוו־וויכטיקן דאָרף איליַנסקאָיע.

מיט קליינע סאַפּיאָרישע זאַסטעפּער גראָבט יעדערער אַן אָקאָפּ פאַר זיך. דער אייבערשטער שיכט לאָזט זיך גרינג אַראָפּנעמען, נאָר וואָס ווײַטער אין די אינגעווייידן פון דער ערד, איז כאָטש האַק מיט אַ קירקע. רוזין האָט אָנגעטראָפן אויף אַ דורכגעזשאַווערטער שווערד. אָט האָסטו דיר אַן איליוסטראַציע צו דעם, וואָס יורעניעוו האָט נאָרוואָס דערציילט. דאַכט זיך, אַז די אָקאָפּעס זײַנען שוין פון פולן פּראָפיל, אַזוי ווי מע האָט אונדז געלערנט, נאָר מאַליכין און יעליסייעוו פאָדערן: „טיפער, ברייטער”. מיר גראָבן נאָך אַן אַלגעמיינע טראַנשיי, קעגנטאַנקען־ריוו. דערנאָך צעשיקט מען אונדז אין פאַרשיידענע ריכטונגען, קעדיי אויס־

פאַרשן די געגנט אַרום דער שוץ-ליניע. אַז דאָס קאָן שפּעטער צוניץ קומען, דאַרף מען אונדז ניט דערקלערן.

שטיל איז אַרום די פּאָזיציעס פון אונדזער באַטאַליאָן, ווי גלייך ס'איז גאָר קיין מילכאָמע ניטאָ אַף דער וועלט. וועלדלעך שטייען, ווי שאָמרים, בא די ראַנדן פון ערטערווייז אויפגעאַקערטע פעלדער. ווו-ניט-ווו טרעפט זיך אַ בערגל, אַ ריוו. מיר סטאַרען זיך פאַרגעדענקען יעדער קנייטש אַף דער ערד. וועמען וואָלט אַמאָל אַפן זינען געקומען, אַז אַהער קאָנען זיך דורכרייסן דעם סוינעס טאַנקען? און איצט טרעט דער דאָזיקער געדאַנק ניט אָפּ אַף קיין מינוט. זעלטן ווען באַגעגנט זיך אַ מענטש. נאָר אָט זײַנען מיר אַרויס אַף אַ שמאָלן פעלדוועג, און אונדז אַנטקעגן קומען אָן פאַרשמאַכטע מענטשן, וואָס טרײַבן אַ טשערעדע. ס'איז קאָנטיק, אַז זיי גייען פון גאָר ווײַט. בא עטלעכע בעהיימעס זײַנען מיט שמאַטעס איבערגעבונדן די פיס, די העלדזער. בא איין קו באַמבלט זיך אַ שטיק אָפּגעריסענער אויער, בא אַ צווייטער ציט זיך איבערן ווײַסן שטערן אַ פּאַס פאַרטריקנט בלוט. מיר האָבן ניט וואָס צו פרעגן און מיר האָבן ניט וואָס צו זאָגן די מענטשן: מיט וואָס קאָנען מיר זיי טרייסטן? אַ פרוי, וואָס טראָגט אַפן אַקסל צוויי פולע בעזעסטענע קוישן, איבערגעבונדענע מיט אַן אויסגענייטן האַנטעך, פאַרשטעלט אונדז דעם וועג מיט צעשפּרייטע הענט, ווי אַף צו כאַפּן אַן אָפּ.

— עפּשער קאָנט איר אונדז זאָגן, ווו איז ערגעץ נאָענט דאָ אַ דאָקטער צי אַ פעלדשער? — פרעגט זי מיט אַ הייזעריק, צוגעקילט קאָל, — מיר פירן דרײַ פאַרוווּנדעטע. אָט דאָרט, אַפן פעלד, האָבן זיך אָפּגעשטעלט וועגענער. איר זעט, האַ? אָט דאָרט ליגן זיי. צוויי עלטערע מענטשן און אַ קינד, אַ ייִנגעלע. טוט עפּעס, כ'בעט אײַך.

אַלע אונדזערע מעדיקער זײַנען אַצינד אין אילינסקאַיע. אַזאַ איז געווען דער באַפעל פונעם גענעראַל, דעם שעף פון דער שול. ס'איז פאַרשטענדלעך. האַרבע שלאַכטן שטייען פאָר אין אילינסקאַיע. נאָר סײַווי, ווען אין באַטאַליאָן זאָל אַפילע זײַן דער פעלדשער, דאַרף געדויערן ניט ווייניק צײַט, ביז ער וועט קומען אַהער. יעדער קורסאַנט קאָן איבערבינדן אַ ווונד. דאָס האָט מען אונדז געלערנט. אָבער צי האָבן מיר רעכט זיך פאַרהאַלטן? מיר דאַרפן זיך אומקערן צו אַ באַשטימטער שאָ, צו אַ באַשטימטער מינוט. מאַליכין וועט אונדז אַפילע ניט דערלויבן זיך צו פאַרענטפערן.

אָט אַזוי-אַ קאָן איצט ערגעץ ליגן פאַרוווּנדעט מײַן מאַמע, דער טאַטע, די עלטערע שוועסטער מיט אירע קינדער, צי דען וועלן רויטאַרמייער פאַרבײַגיין און זיי ניט אַרויסווײַזן קיין שום הילף, אַפילע ניט איבערבינדן זייערע ווונדן? ניט איך איינער האָב מיסטאָם אַזוי אַ טראַכט געטאָן. יעליסייעוו הייסט מיר און רוזינען גיין צו די וועגענער.

— צוויי בינטן האָט איר, נאַט אײַך א דריטן, — גיט ער אונדז אָפּ זײַן אינדיווידועלן פּאַקעט, — וועט איר האָבן מיט וואָס איבערצובינדן אַלע דרײַ.

די אָפּטיילונג קערט זיך אום אין טייל. און מיר אײַנצווייען לאָזן זיך אַפּגיך צו די וועגענער.

פאַרווונדעטע זײַנען געווען ניט דרײַ, נאָר צוויי. א מאַנצבל מיט א הילצערנער קוליע אָנשטאָט א פוס איז ערשט געשטאָרבן. א שפּליטער פון אן אַוויאַ־באָמבע האָט מיט צוויי שאָ צוריק אים געטראָפן אין ברוסט, — דערציילן אונדז מענטשן בא די וועגענער.

אין צווייטן וואָגן ליגט צונויפגעשרומפּן אַן עלטערע פרוי, זי איז פאַרווונדעט אין בויך און לאָזט ניט, מע זאָל זיך צו איר צורירן, זי בעט נאָר עפּעס א רעפּוע אָף א ביסל אײַנשטילן דעם ווייטעק, און ווײַטער זאָל מען זי רויִק לאָזן שטאַרבן. קיין רעפּועס פאַרמאָגן מיר ניט. דאַנקט זי אונדז פאַרן ביסל וואַסער, וואָס מיר האָבן איר געגעבן פון דער פליאַגע, און מיט די לעצטע קויכעס שעפּטשעט זי:

— געלעבט אַזאַ ליכטיק לעבן, און דער פאַשיסט האָט עס פאַרפּינצטערט. דעם צווייטן כוידעש זײַנען מיר שוין אין וועג, און אַלע טאָג שיסן זיי אין אונדז. דער באַנדיט היטלער האָט געשיקט, ווײַזט אויס, ספּעציעלע אעראָפּלאַנען אָף אונדז אומברענגען. די וועלט איז גרויס, און ס׳איז ניטאָ זיך ווו אַהינצוטאָן. הײַנט זײַנען זיי דרײַ מאָל אָנגעפאַלן. די בעהיימעס, ווי נאָר זיי דערהערן, אַז די אעראָפּלאַנען לאָזן זיך אראָפּ נידעריק, אַזוי צעלויפן זיי זיך, און די פאַשיסטן יאָגן זיך נאָך יעדערער באַזונדער.

עפּעס נאָך האָט זי געוואָלט זאָגן, נאָר ס׳האָט איר שוין קיין קויכעס ניט געסטײַעט. רוזין פּאַרעט זיך ארום א ייִנגעלע פון א יאָר צען.

— בא דיר זײַנען די הענט ריינע? — פרעגט בא מיר וויקטאָר. — בא אים שטעקט א שפּליטער אין פוס, און איך האָב געהאַלטן די פאַרזשאַווערטע שווערד.

שפּײַעך צו זאָגן, נעכטן גאַנצפרי, אין סערפּוכאָוו, האָב איך זיך געוואַשן. נאָכדעם האָב איך גערייניקט די ביקס, געגראָבן די אָקאָפּעס. אויב דער שפּליטער שטעקט אַזוי, אַז מע קאָן אים גלײַך אָנעמען, וועל איך מיט דער פאָלע פון שינעל אויסווישן די הענט און זיך פּרווון. דאָס ייִנגל זיצט ווי צוגעשמידט צום וואָגן. ער קוקט אָף דער וווּנד, און ניט נאָר מע הערט ניט קיין קרעכץ פון אים, מיט קיין אויג טוט ער ניט קיין פּינטל.

— ס׳טוט דיר שטאַרק וויי?

— יאָ.

— קוק ניט אָף דער וווּנד. באַלד וועלן מיר זי איבערבינדן.

— איר מיינט, כ׳האָב מוירע צו קוקן?

— ניין, מיר מיינען ניט, מיר וויסן, אַז דו ביסט א דרייסטער יאַט, אויב דו האָסט זיך ארויסגעריסן פון די פאַשיסטן.

— כ׳האָב זיי מעסוקן פײַנט. כ׳וויל זיך אויך שלאָגן מיט זיי. נאָר אַצינד וועט איר מיך ניט וועלן נעמען מיט זיך.

— ווו זײַנען דײַנע עלטערן? וואָס שווײַגסטו? דו הערסט, וואָס איך פרעג בא דיר?

— איך האָב שוין ניט קיין עלטערן. איך בין אַנטלאָפן.

— פונוואַנען ביסטו אַנטלאָפן?

— פון דער געטאָ, — אַפן קינדס פּאָנעם לויפט דורך א שאָטן, — איך האָב געטראָגן א געלע לאַטע, נאָר אַז כ׳בין אַנטלאָפן, האָב איך זי אַרײַנגעוואָרפן אין טײַך, זי זאָל דערטרונקען ווערן.

— וואָס פאַר א לאַטע? — פאַרשטייט ניט וויקטאָר.

איך דערקלער אים, דערצייל דאָס ווײניקע, וואָס כ׳האָב געהערט וועגן די ייִדן־געטאָס אין אָקופּירטן פּוילן.

— פונוואַנען ווייסט איר וועגן דעם? — פרעגט דאָס ייִנגל. — איר זײַט אויך א ייִד, יאָ?

— יאָ.

— און דער פעטער איז א רוס?

— א רוס, — באַשטעטיק איך.

— און איך פאָר מיט ווײַסרוסן. איר האָט מיך גוט איבערגעבונדן. עס טוט מיר שוין קימאַט ניט וויי.

— איז זאָל דיר טאָקע ניט ווי טאָן. זײַ געזונט.

מיר געזעגענען זיך מיט די פּליטים.

— איצט קאָנט איר שפּאַנען די פערד. אין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ זאָלט איר אומבאַדינגט פאַרפאָרן אין שפּיטאָל.

— מיר האָבן מוירע, די דײַטשן זאָלן אונדז ניט דעריאָגן.

— זיי וועלן אײַך ניט דעריאָגן, — זאָגט רוזין, — מיר וועלן זיך דאָ שלאָגן מיט זיי אַף טויט.

דרײַ וועגענער האָבן מיט א סקריפּ פון לאַנג ניט געשמירטע רעדער זיך געלאָזן צום פעלד־וועג. מיר האָבן זיי א ביסל באַגלייט און געגומען אַף רעכטס. עטלעכע מאָל האָבן מיר אויסגעקערט די קעפּ. צוערשט האָבן זיי זיך נאָך אַנגעזען, און דערנאָך האָט זיי ווי אײַנגעשלונגען דער שטראָם פון עוואַקוירטע, וואָס איז געפלאָסן פון מײַרעוו אַף מיזרעך.

אין הימל האָט זיך דערהערט א הודען פון פרעמדע מאָטאָרן. שווערע דײַטשישע באָמבאַרדירער פליִען אין דער ריכטונג צו מאָסקווע. וויקטאָר רעדט עפּעס צו מיר, נאָר איך קאָן ניט פאַנאַנדערקלײַבן וואָס. אַז די אַעראָפּלאַנען פאַרשווינדן, פרעג איך:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— דו האָסט געלייענט אמאָל אזא בוך: „דער גאָרטן פון פײַניקונגען”?

— געלייענט, אַנטקעגן וואָס פרעגסטו?

— איך טראַכט וועגן ייִנגעלע פון דער געטאָ.

א מאָדנע מענטש וויקטאָר, ער איז אזוי קאַמצאָנעסדיק אַף א וואָרט, אַז מע דאַרף קעסיידער זיך אָנשטויסן, וואָס ער האָט צו זאָגן. נאָר איצט פאַרשטיי איך אים אָן איבעריקע ווערטער. מיר גייט אויך ניט ארויס פון קאָפּ דאָס ייִנגעלע. געטאָ... וואָס איז דאָס אזוינס? א גאָרטן פון פײַניקונגען? איך געדענק, אַז ווען איך האָב געלייענט דעם בוך, האָט דאָס בלוט בא מיר געגליווערט אין די אָדערן. איך האָב ניט געגלייבט, אַז מענטשן קאָנען באַגיין די גרויליקע רעציכעס, וואָס אָקטאַוו מירבאָ שילדערט. מיר האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז די, וואָס האָבן פאַרגעוואָרפן דעם שרײַבער, אַז אזעלכע בילדער קאָנען געבוירן ווערן בלויז אין דער פאַרדאָרבענער פאַנטאַזיע פון א סאַדיסט, זײַנען גערעכט. נאָר אָט האָבן מיר ערשט אליין געזען א קאָרבן פון נײַע הענקער — א קינד, וואָס זײַן מויעכל באַנעמט נאָך אפילע ניט דעם גאַנצן שוידער, וואָס איז אויסגעפאַלן אַף זײַן גורל. רוזין האָט הײַנט צום ערשטן מאָל דערהערט וועגן ייִדן־געטאָס און געזוכט מיט וואָס עס צו פאַרגלײַכן. מיר האָבן נאָך דעמלט ביידע ניט געוווּסט, אַז די אַכזאָריעס אין מירבאָס גאָרטן פון פײַניקונגען זײַנען א קינדער־שפּיל אין פאַרגלײַך מיט די מײַסים־טאַטוים פון די פאַשיסטן. אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן געוווּסט, איז אויך געווען גענוג, אַז דאָס האַרץ זאָל ברענען פון צאָרן. זיי זינגען, די הענקער:

אויב די גאַנצע וועלט וועט ליגן אין רויִנען,
צום טײַוול, מיר שפּײַען זיך אויס דערויף,
מיר וועלן אַלציינס מאַרשירן ווײַטער.
ווײַל הײַנט געהערט אונדז דײַטשלאַנד,
מאָרגן די גאַנצע וועלט.

ניין, און ווידער ניין. די וועלט טאָר ניט און וועט אײַך ניט געהערן. אָט זײַנען מיר א הײַפּעלע קורסאַנטן, א קראַפט, וואָס האַלט נאָך אין ריַיף ווערן, מע האָט זיך ערשט געקליבן אונדז לערנען אַף מאַפּעס און אַף קאַסטנס מיט זאַמד פירן שלאַכטן, נאָר ס'איז געקומען די גוירלדיקע שאָ, און מע האָט אונדז באַפוילן אײַך פאַרשטעלן דעם וועג קיין מאָסקווע, וועלן מיר דאָ שטיין אזוי לאַנג, ביז עס וועט דינען דער קאָפּ, די אויגן, די הענט. אזוי לאַנג, ווי מיר פאַרמאָגן קוילן, וועלן מיר שיסן און טרעפן אין אײַך. מירן אומקומען, נאָר איר וועט אין מאָסקווע ניט זײַן!

■

מיר האָבן מיט וויקטאָרן געטראָפן פּוסטע אָקאָפּעס. אזוי געסטאַרעט זיך, מיט אזא פלײַס געגראָבן, און איצט שפּאַצירן דאָ אום פייגל, וואָס זוכן ווערעמלעך אין דער פרישער ערד. צום ווײַטן אָפּהילך פון די אופרײַסן זײַנען זיי שוין צוגעוווינט, און אויב זיי צעפליִען זיך, איז ניט אַף לאַנג, מע גיט זיך א ריס פון אָרט, נאָר ווײַט פאַרקלײַבט מען זיך ניט. עס גייט דורך א רעגע, און זיי פּאַרקען זיך שוין ווידער בא די שוצגראָבנס. אָט וואַלגערט זיך א ברעטל, האָט מען דאָך געקאָנט עס אַרײַנשטעקן אין דער ערד און אַף דעם אָנשרײַבן א פּאָר ווערטער, מיר זאָלן ווייסן וווּהין גיין. אויך מיר א טײַנע. מיר דענקען נאָך אַלץ ווי ציווילע. טאַקע ניט געקאָנט, ווײַל דאָס איז דאָך א מיליטערישער סאָד. א פויגל טאָר פון דעם ניט ווייסן. פאַטערן צײַט טאָר מען ניט. מע דאַרף גיין אין שטאָט. אויב מיר וועלן ניט

טרעפן אונדזערע, וועלן מיר זיך מיסטאָם דערוויסן, אין וועלכער ריכטונג זיי האָבן זיך געלאָזט. צו קיין אַנדער טייל וועלן מיר ניט צושטיין. עמעצער גייט אַהער. אָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פּאַקט איבערן קאָפּ מיט זײַן פּילאָטקע. ס׳איז דאָך סערגייעװ! נאָך פונדערווײַטן שרײַט ער:

— כעוורע, גיט מיר כאָטש אַ פּענעצל ברויט. כוץ אַן עפּל, האָב איך נאָך הײַנט גאָרנישט ניט געהאַט אין מויל.

— ווּ איז אונדזער ראָטע?

— קומט, דאָס האָט מען מיך געשיקט נאָך אײַך. אַליין האָט איר זיך מיסטאָם גוט אָנגעגעסן, און אונדז האָט איר עפּעס געבראַכט?

— ווּ האָבן מיר זיך אָנגעגעסן?

— דער סערזשאַנט האָט געזאָגט, אַז איר האָט זיך פאַרהאַלטן לעם עוואַקוי־רטע, וואָס טרײַבן אַ טשערעדע.

— באַלד וועלן מיר דיר אויסטרייסלען עסן פונעם אַרבל. די עוואַקוי־רטע זײַנען זאַט מיט צאָרעס. קאָנסט עס פאַרשטיין?

— דאָס פאַרשטיי איך, נאָר עסן ווילט זיך.

אים ווילט זיך. אונדז, הייסט עס, ניט. דאָס ווייסט ער ניט, אַז ווען מיר וואָלטן געוועזן עפּעס רעכטס פאַרמאָגן, וואָלטן מיר דאָרט, בײַ די וועגענער, אויסגעליידיקט די קעשענעס.

■

דער באַטאַליאָן איז געבליבן אויף דער דאָרעם־מײַרעוודיקער זײַט פון מאַלאָיאַראָסלאַוועץ, מע האָט אים נאָר איבערגעוואָרפן צו דער סאַמע פאָרשטאָט. אַ פּאָר הונדערט מעטער פאַר אונדז איז אַרויסגעשטעלט אַ פּאָסטן, וואָס קאָנטראָלירט די דאָקומענטן בײַ די, וואָס קלײַבן זיך אַרויסגיין אָדער אַרײַנגיין אין שטאָט. עפּעס האַלט מען דאָרטן שוין צו לאַנג צוויי רויטאַרמייער, ווײַזט אויס, זיי רופן אַרויס אַ כשאַד בײַם פּאָסטן. נאָר ניין, מע האָט זיי דורכגעלאָזט אין שטאָט. אויב אַזוי, וועלן מיר זיי אויך ניט אָפּשטעלן. די רויטאַרמייער שטעלן זיך אָבער אַליין אָפּ לעם אונדז און בעטן פאַררייכערן. מאַכאָרקע און פּאַפּיראָס־פּאַפּיר פאַרמאָגן מיר דערווײַל גענוג, וועלן מיר זיי נאָך געבן אַ ביסל מיט זיך, נאָר די צוויי זײַנען שוין גאָרניט אַזעלכע אָרעמעלײַט. די מאַכאָרקע נעמט מען, און אונדז איז מען מעכאַבעד מיט דײַטשישע שיין פאַרוויקלטע סיגאַרעטן. דאָס ווערט שוין אַ ביסל פאַרדעכטיק, נאָר מיר פאַררייכערן.

קליינערהייט, ווען איך האָב, ווי אַ מאַלפּע, געוואָלט נאָכמאַכן די דערוואַקסענע, האָב איך גערייכערט שטרויענע ציגאַרן. אָט אַזאַ טאַם, ווי יענע ציגאַרן, האָבן די דײַטשישע סיגאַרעטן. ס׳איז זיך נאָר צום נאַריש מאַכן. פון אונדזער מאַכאָרקע ווערט אַזש אין די קישקעס וואַרעם, און דאָ זעט מען אַפילו ניט קיין רויך, נאָר אַ בלוילעכן נעפּל, וואָס צעגייט גלײַך. אָבער פונוואַנען קומען צו אָט די צוויי דײַטשישע סיגאַרעטן? איינער פון זיי וואַרט ניט, מיר זאָלן פאַרגעבן די דאָזיקע פראַגע.

— וואָס קוקט איר? מיר גייען דאָך פון פראָנט. טאַקע פון דאָרטן, ווּ אײַערע קורסאַנטן שלאָגן זיך. אויב איר וועט זיך דאָ האַלטן, ווי די קורסאַנטן לעבן יוכנאָוו, וועלן די דײַטשן דאָ אויף לאַנג בלײַבן שטעקן.

— ווען האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן די שלאַכט? — פאַראינטערעסירט זיך אונדזער פּאַרטאָרג איוואַן ניקיפאָראָוויטש.

— זיי שלאָגן זיך פון פאַרטאָג אָן. די דײַטשן האָבן געמיינט, אַז דער וועג אויף מאָסקווע איז שוין פרײַ, און דאָ לאָזט מען זיי ניט אויפהייבן דעם קאָפּ. מע באַשיט זיי מיט פײַער פון ביקסן, קוילנוואַרפער, האַרמאַטן, טאַנקען.

— איר האָט אַליין געזען דאָרט אונדזערע טאַנקען? — פרעגט ווידער איוואַן ניקיפאָראָוויטש.

— מיט מײַנע אייגענע אויגן האָב איך געזען אַ טאַנקעטקע און אין אַ האַלבן קילאָמעטער הינטער איר צוויי באַטאַרייעס. די פאַשיסטן האָבן פון יוכנאָוו געעפנט אַזאַ פײַער, אַז מיר האָבן געמיינט, פון אײַערע כעוורע וועט קיין סימען ניט בלײַבן. איצט מעגט איר אַ קוק טאָן, וויפל היטלעראָווצעס עס וואַלגערן זיך דאָרט. נאָר, מיילע, אַז קורסאַנטן טרעטן ניט אָפּ, דאָס פאַרשטייען מיר, איר זאָלט אָבער געוועזן זען די ייִנגלעך, ניט עלטער פון זעכצן אָדער אַפילו פופצן יאָר, וואָס האָבן זיך דאָרט געשלאָגן, איידער אײַערע זײַנען צוגעקומען. באַוואָפנט זײַנען זיי מיט דײַטשישע אווטאָמאַטן און קוילנוואַרפערס. אין אַטאַקע פליִען זיי,

ווי מאַטאָרן וואָלטן זיי געטראָגן. מיט זיי קאָמאַנדעוועט טאַקע א קאַפּיטאַן און אוויאַטאָר. וואָס קוקט איר אױף מיר, ווי איך וואָלט אײַך דערציילט באַבעמײַסעס? איך האָב גאָרניט אויסגעטראַכט.

— פאַרענטפער זיך ניט, ברודערקע, כ'האָב שוין וועגן דעם געהערט.

איצט וועלן מיר שוין ניט אָפּטרעטן פון איוואַן ניקיפאָראָוויטשן, ביז ער וועט אונדז ניט דערציילן, וואָס ער ווייסט וועגן דעם קורסאַנטן־אָטריאַד לעם יוכנאָוו און פונוואַנען האָבן זיך דאָרט גענומען אָט די יינגלעך מיט די דײַטשישע אויטאָמאַטן. קיין סאַך ווייסט ער אליין ניט.

דער קורסאַנטן־אָטריאַד איז ארויסגעפאָרן פון פּאָדאָלסק נעכטן צוויי אזייגער באַטאָג מיטן וואַרשעווער שאָסיי דורך מאַלאָיאַראָסלאַוועץ קיין יוכנאָוו. איצט גייט די שלאַכט באַם טײַך אוגראַ. נאָר דאָס איז עמעס, פאַר אונדזערע קורסאַנטן האָט א מעסלעס צײַט אײַנגע־האַלטן דעם וועג פון יוכנאָוו א גרופּע קאָמיוגיסטן פון די אָקופּירטע געגנטן, וואָס איז איבערגעגאַנגען דעם פראָנט. פאַר דער קורצער צײַט בײַ היטלערס „נײַער אָרדענונג" האָבן זיי, ווײַזט אויס, אזוינס געזען און איבערגעלעבט, אז זיי וואַרטן נאָר אױף דער קאָמאַנדע „אין אַטאַקע!". מיסטאָמע האָט מען זיי שוין אויך בײַ אונדז באַוויזן עפּעס אויסצולערנען, זייער קאַפּיטאַן איז דאָך פון הימל ניט אַראָפּגעפאַלן...

דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז אזא האַשאָרע וואָלט ניט שטאַרק אָנגעריכט דעם עמעס. דאָס איז געווען דער קאַפּיטאַן איוואַן סטאַרטשאַק, דער שעף פון דער פּאַראַשוט־און דעסאַנטן־דינסט פונעם מערעוו־פראָנט.

איינס קאָנען מיר ניט פאַרשטיין: אויב אונדזערע קורסאַנטן פירן שוין שלאַכטן, פאַרוואָס זשע סטאַרטשעט דאָ אזוי לאַנג אונדזער פּערטער באַטאַליאָן? אין רעזערוו קאָן מען דאָך אוועקשטעלן א טייל, וואָס מוז איבערכאַפּן דעם אָטעם. אז אזוינע טיילן זײַנען דאָ פּאַשעט ניטאָ, האָבן מיר נאָך אין יענע טעג ניט געוווּסט. מיר האָבן געקאָנט ריידן וועגן דעם, וויפל מיר האָבן געוואָלט, נאָר וואַרטן האָט מען געמוזט, ביז דער באַפעל וועגן האַלטן אונדז אין רעזערוו וועט אָפּגעשאַפט ווערן. ענדלעך איז עס פאָרגעקומען. נאָר אוועק צו דער פראָנט־ליניע זײַנען מיר ניט מיטן וואַרשעווער שאָסיי, ניט צו אילינסקאָיע, ווו עס האַלטן דעם פראָנט אונדזערע קורסאַנטן, נאָר מיטן קאַלוגער וועג, וועגן וועלכן ס'האָט הײַנט דערציילט יורעניעוו.

די דאָרעם-גרופּע

אזוי שווער אָנגעלאָדן און מיט אזא שנעלקײַט זײַנען מיר נאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען. די געווײַנלעכע „אַלטיטשקע" ביקס מיטן באַגנעט, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אױף דער וועלט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק, ווערט מיט יעדן קילאָמעטער שווערער. זי ציט דעם אַקסל און וויל אים אײַנבייגן ביז צו דער ערד. ס'איז ווי זי וואָלט גערעדט צו דיר: „דו קלײַבסט זיך דאָך ניט שיסן אין הימל ארײַן, איז וואָס שטעקן איך די גאַנצע צײַט, ווי א פלאָקן? לייג זיך אליין צו, און איך וועל באַנאַנד מיט דיר ליגן". ס'הייסט, אזוי קאָן איך טראַכטן, ווײַל כ'פאַרמאָג א שלאַכט־ביקס, עס זײַנען אָבער פאַראַן בא אונדז אזוינע, עמעס ניט קיין סאַך, וואָס דאַרפן זי ערשט באַקומען אָדער קריגן בא א געהאַרגעטן פאַשיסט, דער־ווײַל טראָגן זיי לערן־ביקסן.

מײַן ביקס גלייב איך, ווי זיך אליין. ניט אומזיסט היט איך זי אזוי. די הענט און די אויגן וועלן מיר אויך ניט פאַראַטן. זאָל ער זיך נאָר באַווײַזן, דער פאַשיסט. עמעס, סער־גייעוו שיסט בעסער פון מיר. מיט אים קאָן איך זיך ניט גלײַכן. בא אים טרעפט קיינמאָל ניט, אז זײַנע א קויל זאָל אוועק, ווי מע זאָגט, „נאָך מילך". בא אים לייגן זיי זיך איינס צו איינס, און אלע אין „עפּעלע". דאָס איז איצט טויזנט מאָל וויכטיקער, זאָגט יורעניעוו, ווי מיט דערפאָלג פאַרטיידיקן א קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע. ניקאָלײַ איז מיט אים מאַסקים.

אונדזער באַטאַליאָן פאַרמאָגט צוואַנציק קוילנוואַרפערס „מאַקסים", אכט האַנט־קוילנ־וואַרפערס, נײַן מינענוואַרפערס און א רעזערוו פון קעגנטאַנקעווע און געווײַנלעכע גראַנאַ־טעס. מיט אזא גוטס, אויב מיר וועלן נאָר פאַרנעמען א געלונגענע פּאָזיציע, באַווײַזן זיך אײַנגראָבן אין דער ערד, און דערצו נאָך האָבן זיכערע שכיינים, מע זאָל ניט דאַרפן מוירע האָבן פאַר די פלאַנגען, וועט אונדז קיין שיסער־פּאָלק ניט אײַנברעכן. מע קאָן זאָגן: „איר

האָט דאָך נאָך קיין פּולווער ניט געשמעקט, איז ספּראַווען זיך פריִער מיט א באַטאַליאָן". אוודאי גערעכט, נאָר אויב ס'וועט אויסקומען, זײַנען מיר גרייט באַגעגענען א פּאָלק. אין מײַן אָפּטיילונג האַלטן זיך אַלע בא אַזאַ מיינונג. ס'איז נאָר א פאַרדראָס, וואָס מע האָט אונדז צעשיידט מיט אַלע אַנדערע באַטאַליאָנען פון דער שול. נאָר מיסטאָמע קאָן אַנדערש ניט זײַן. וואָס ווייסן מיר? ווייניקער ווי אַפן שפּיץ מעסער, און עמעצער קלערט דאָך וועגן גאַנצן פראָנט. שיין וואָלט עס אויסגעזען, ווען יעדערער זאָל זיך לויט זײַן ווילן אויסקלײַבן א שלאַכט־באַצירק און א שאָכן.

אַזוינע מאַכשאָוועס האָבן זיך געדרייט, געפּלאָנטערט באַם אָנהייב פונעם מאַרש, אָבער נאָכן צוואַנציקסטן קילאָמעטער, וואָס מיר האָבן אָפּגעמאָסטן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אַף קיין רעגע, זײַנען שוין קיין געדאַנקען אין קאָפּ ניט געקראָכן, דעם מויעך, די פיס, דאָס בלוט, וואָס קלאַפּט אָן אופהער אין די שלייפן, אַלע אָנגעהאָרעוועטע איירורים האָט באַהערשט איין באַגער — אָפּרוען, צופאַלן צו דער ערד. אונדזערע קאָמאַנדירן גייען באַגלײַך מיט אונדז, זיי האָבן אויך, פּונקט ווי מיר, נאָך הײַנט ניט געגעסן, און דאָס קער זיי מיסטאָמע אָנקומען שווערער, ווי אונדז, כאָטשבי דערפאַר, וואָס זיי זײַנען עלטער לויט די יאָרן.

צו דער ערד זײַנען מיר אײַנגיכן צוגעפאַלן, און אַפילע ניט איין מאָל, אָבער ניט ווײַל ס'איז געקומען די קאָמאַנדע „אָפּרו". גאַנצפרי איז דער הימל באַדעקט געווען מיט וואָלקנס. דערנאָך האָבן זיי גענומען צו ביסלעך טײַען. אין באַזונדערע ערטער האָבן זיך באַוויזן „פענצטער". הויך איבער אונדז זײַנען אין דער ריכטונג אַף מײַרעוו דורכגעפלויגן אעראָפּלאַנען, ענלעכע אַף אונדזערע לײַכטע באָמבאַרדירער По-2, דערנאָך האָבן מיר געהערט שטאַרקע אופרײַסן. דאָס האָבן אונדזערע פליִער „באַאַרבעט" די דײַטשישע פּאָזיציעס. אומגעריכט האָט פון צווישן די וואָלקנס זיך באַוויזן א דײַטשישער קאָרעקטיר־אעראָפּלאַן מיט שטאַרק פאַרבויגענע אַף צוריק פליגל. ער זעט אויס ווי א הויקער, און אַלע רופן מיר אים שוין ניט אַנדערש ווי „גאָרבאַטש".

— לופט!

מיר צעלויפן זיך און פאַלן אַנידער. מאַסקירן זיך איז דאָ ניטאָ ווו. ניט קיין וועלדל, ניט קיין קוסטעס. א נאַקעט פלאַכלאַנד. דער פליִער האָט אונדז באַמערקט, באַלד האָבן זיך באַוויזן צוויי אַנדערע אעראָפּלאַנען. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק־נידעריק, איינער פון די פליִער האָט אַפילע אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער קאַבינע, כאָטש נעם א שטיין און לעכער דורך זײַן קופּערנעם שטערן.

צום גליק האָבן זיך אומגעקערט אונדזערע באָמבאַרדירער, און די רויב־פייגל האָבן געמאַכט פּלייטע. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנפאַל, וואָס איך האָב איבערגעלעבט. צענדליקער מאָל האָב איך זיך דערנאָך דערמאָנט אָן אים, און ביז הײַנט קאָן איך ניט באַנעמען, פאַרוואָס האָבן מיר דאַן און אויך אין די נאָענטסטע טעג ניט געשאָסן אין די דײַטשישע אעראָפּלאַנען. אַזאַ באַטאַליאָן זאָל געווען געבן איבער זיי בלויז פון די ביקסן עטלעכע זאַלפן, וואָלט מען כאָטשבי איינעם פון זיי געמאַזיקט. אַז דאָס איז אַזוי, האָבן מיר זיך דערנאָך איבערצײַגט אַף דער אייגענער דערפאַרונג.

יענער פּאָליטרוק, וואָס האָט אונדז אין סערפּוכאָוו געוואָרנט, ווי וויכטיק ס'איז זיך באַפרײַען פון דער שרעק פאַרן אָנגרײַפנדיקן סוינע, וואָלט מיסטאָם בא א צופאַל אונדז דערקלערט די גרויסע ווערט פון מילכאָמע־דערפאַרונג. נאָר, אַגעוו, איז ריידן וועגן דעם קימאַט אומנוצלעך. אין שלאַכט באַנעמט מען עס גיכער און בעסער.

■

ערגעץ אַפן עטלעכע־און־דרײַסיקסטן קילאָמעטער האָט דער מאַרש זיך פאַרענדיקט. מיר גרייטן ווידער פּאָזיציעס. אונדז איז באַפוילן אום יעדן פרײַז ניט דערלאָזן, אַז אין ראַיאָן פון די דערפער רעדקינאָ, פּעסאָטשניא, זאַזשאַראָוואָ, פּראַלאָוואָ, דעטשינאָ זאָל דער סוינע זיך דורכרײַסן אין מאַלאָיאַראָסלאַוועצער ריכטונג. אין באַפעל פיגורירן מיר איצט אַלס „דאָרעם־גרופּע", אָבער אין דער אינערלעכער סטרוקטור פון באַטאַליאָן האָט זיך גאָרניט געענדערט. די קאָמאַנדשאַפט איז אויך געבליבן די זעלבע, וואָס געווען. די פראָנט־ליניע, וואָס מיר האָבן פאַרנומען, האָט זיך צעצויגן אַף א שטרעקע פון דרײַסיק קילאָמעטער. ניין, קיין טאָעס איז דאָ ניט דערלאָזט. יעדע קורסאַנטן־גרופּע האָט אײַנגעהאַלטן דרײַסיק קילאָמעטער.

אין די ערשטע טעג האָט דער סוינע מער אָנגעגריפן אין ראַיאָן פון אילינסקאָיע. דאָרט איז געווען קאָנצענטרירט דער הויפּט־פּויסט פון די פּאָדאָלסקער קורסאַנטן. דעם סוינע איז פאַרשטעלט געוואָרן דער וועג ניט אַף פינף און ניט אַף זיבן טעג, ווי דאָס האָט געפאָדערט

דער אויבערהויפּטקאָמאַנדיר, נאָר אַף צוועלף. די דײַטשן האָבן צוערשט ניט דערשאַצט די „רויטע יונקערס“, און ס׳קאָן זיך מאַכן, אַז גראָד דערפאַר טאַקע זיי דערנאָך איבערשאַצט, באַשטימט, אַז עס זײַנען קעגן זיי אַרויסגעשטעלט געוואָרן היפּשע פרישע קויכעס. דער סאָד האָט לאַנג דויערן ניט געקאָנט, ער איז אַרויסגעשווומען, ווי בוימל אויפן וואַסער, נאָר צוליב דעם האָט זיך געפּאָדערט צײַט, און די צײַט האָבן מיר אויסגעשפּילט, קיין טײַערערע זאַך איז פאַר אונדז דאַן ניט געווען.

טאַקע ווײַל די שוץ־ליניע איז אַזאַ גרויסע, האַלט מען אונדז אין איין איבערוואַרפן פון איין אָרט אויפן צווייטן. מיר טרעפן אַמאָל אָן אַף צוגעגרייטע פּאָזיציעס, נאָר געווײנלעך גראָבן מיר אַליין פאַר זיך נײַע אָקאָפּעס און דעקן זיי אײַן מיט קלעצער. איוואַשין איז אַ גרויסער מײַסטער אַף גיך אויסזוכן אַ פּלאַץ, וואָס איז צוגעפּאַסט אַף באַגעגענען דעם סוינע און איז גוט באַשיצט פון זײַן אַרטילעריע און אַוויִאַציע. פון גאַנצפרי אָן נישטערט הײַנט אַ „גאָרבאַטש“ מיט שוואַרצע האַקנקרייצן אַף די פליגלען. פאַרמאַסקירט האָבן מיר זיך אַזוי, אַז ער טאַפּט אינדערפינצטער. אָבער בײַ אַ צוויי קילאָמעטער לינקס איז אונדזערן אַ ווזוואָד באַפוילן דעמאַסקירן די פּאָזיציע. מיסטאָם האָט מען אויפן פראָנט שוין הונדערטער מאָל זיך באַנוצט מיט אַזוינע פּרימיטיווע שפּיצלעך, און דאָך ציט אַהין דעם אויסשפּירער ווי מיט אַ מאַגנעט. ער וועט זיך דרייען אַזוי לאַנג, ביז עס וועלן אָנפליִען באָמבאַרדירער און רײַסן די אינגעווייִדן פון דער ערד.

די שוצגראָבנס פון דער ראָטע און פון דער האַלבער באַטאַרייע, וואָס איז איר צוגעגעבן, געפינען זיך בײַ אַ וואַלד־ראַנד. אין אַוועלכע־ניט־איז פינף הונדערט מעטער פאַר אונדז, אין אַ שמאָלן טאָל, פליסט אַ טײַכל. פון רעכטס ציט זיך אַ גוט אײַנגעפאָרענער וועג. באַלד נאָך דער בריק איבערן טײַכל ליגט פאַנאַנדערגעוואָרפן אַ היפּש דאָרף. דאָרט פּאַטרולירן אונדזערע קורסאַנטן. פאַרייִנס האָבן זיי זיך צונויפגערעדט מיט די פּויערים, אַז מע וועט אונדז הײַנט אָנהאָדעווען. אײניקע האָט שוין אָפּגעגליקט: זיי האָבן אָפּגעגעסן צו זאַט און זיך אומגעקערט. די איבעריקע וועלן שוין ביז שפּעט אין אָוונט קיין הייס געקעכץ ניט באַקומען. דער האַרבסטיקער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט, טאָר ניט שפּאָרן קיין רויך פון צופיל קוימענס. אַניט וועט זיך באַקומען, אַז מיר צאָלן מיט בייז פאַר גוטסקײַט. אונדזערע קאָמאַנדירן האָבן נאָך אויך ניט געגעסן, כאָטש קײנעם וואָלט אויפן געדאַנק ניט געקומען, אַז ווען זיי זאָלן געוועזן זיך אַראָפּכאַפּן אינדערפרי אין דאָרף און אָפּעסן, באַגייען זיי דערמיט אָן אוולע קעגן אונדז. פאַרקערט, מיר האָבן עס געוואָלט. סטעפּאַנאָוו האָט עס זיי אין אונדזער אָנוועזנהײַט אַרויסגעזאָגט.

פּלוצעם דערטראָגט זיך פון דאָרף אָן אײנציקער שאָס. קיין טעלעפאָן־פאַרבינדונג מיט דער אָפּטיילונג, וואָס פּאַטרולירט דאָרט, איז ניטאָ, און דאָס איז אַ סיגנאַל: איין שאָס — „אַכטונג!“, דרײַ נאָכאַנאַנד — „אַליאַרם!“. דער עלטערער לייטענאַנט קוקט אין פעלד־בינאָקל, עפּשער וועט קלאָר ווערן, וואָס דאָרט קומט פאָר, ביז עמעצער פון דער פּאַטרול־אָפּטיילונג וועט קומען אַהער. נאָר מע זעט שוין אָן אַ פאַרגרעסער־גלאָז, ווי אַ מאַן דרײַסיק, ציוויל געקליידטע, לויפן מיטן דאָרפישן וועג צו דער בריק. ס׳ווילט זיך אַרויסשפּרינגען פון די אָקאָפּעס און זיי אָפּשטעלן, אַזוי אַנטלויפן פונעם סוינע פּאַכדאָנים. דערלויבט ניט דער ראָטע־קאָמאַנדיר. ער און די ווזוואָד־קאָמאַנדירן וועלן זיך אַליין ספּראַווען. אויב ס׳וועט ניט העלפן די קאָמאַנדע „שטיין“, וועלן זיי אַרויסנעמען די נאַגאַנען. צו דעם קומט ניט. מיר הערן איוואַשינס אויפגעבראַכט קאָל:

— שרײַט ניט אַלע מיטאַמאָל! שווײַגן! בײַ אײַך פרעג איך ניט! כאַווער לייטענאַנט, וואָס איז עס פאַר אַ ווילדע סטאַדע, און איר אינמיטן?!

— רעקרוטן, נעכטן אָנגעקומען. ניט באַוויזן זיי אַפילע איבערטאָן. טאַנקען! דײַטשישע טאַנקען!

— פּאַניקיאָר! ווער האָט אײַך דערלויבט אָפּטרעטן? וועגן דעם, וואָס איז געשען, וועט איר מיר דערנאָך ראַפּאָרטירן. איר זײַט דאָ דער עלטסטער?

— איך, דאַכט זיך?

— „דאַכט זיך!“... באַפעלט שוין דעם סטאַרשינאַ אַלעמען אויסשטעלן! באַלד וועט איר זיי פירן צוריק. ווער עס וועט זיך פּרוּוון אַנטלויפן, — דערשיסן אויפן אָרט. דורך מײַן זאָגנע וועט איר ניט דורכגיין, מיר וועלן אײַך ווי דעזערטירן פאַרניכטן. קלאָר? אויספילן דעם באַפעל!

אַף אַ „זיס־105“ פאָרט אונדזער אָפּטיילונג, צוזאַמען מיט די אַרטילעריסטן, וועלכע באַדינען דעם האַרמאַט, וואָס די מאַשין פירט, אין פאַבריק־ייִשעוו, פונוואַנען עס זײַנען געלאָפן די רעקרוטן. אין דער קאַבינע באַנאַנד מיטן שאָפער זיצט איוואַשין. פון דעם דאָרף, אַנטקעגן

וועלכן מיר שטייען, ביז צום יִשעוו איז היפּשע עטלעכע קילאָמעטער. אָן ערעך אַף האַלב וועג שטעלט איוואַשין אָפּ די מאַשין. דאָ ערגעץ נאָענט געפינט זיך אונדזערער א „סעקרעט" — א פאַרמאַסקירטער פּאָסטן. אָפּשטעלן די פּאַניקיאָרן האָט ער ניט געטאָרט, דערמיט וואָלט ער זיך אויסגעגעבן. דער עלטסטער פונעם סעקרעט, א סערזשאַנט, ראַפּאָרטירט דעם ראָטע־קאָ־מאַנדיר, אַז קיין פּינקטלעכע ידיעס, וואָס אין יִשעוו איז פּאָרגעקומען, האָט ער ניט. ווײַדליק ער פאַרשטייט, איז דאָרט געווען דעם סוינעס אַן אויספּיר־אָטריאַד, וואָס איז גיך אָפּגעטריבן געוואָרן.

— מע האָט געהערט פון דאָרטן א שיסערײַ. אין יִשעוו געפינען זיך גרויסע שפּײַז־שפּײַכלערס, און די וואַך האָט ניט געקענט אָפּטרעטן. געלאָפן זײַנען מיסטאַם רעקרוטן פונעם בוי־באַטאַליאָן, וואָס אַרבעטן דאָרטן, — זאָגט דער סערזשאַנט.

„ניט געקענט". האַלעווײַ וואָלט עס אַזוי געווען...

באַם אַרײַנפאָר אין יִשעוו טשעפּען אָפּ די אַרטילעריסטן דעם האַרמאַט, שטעלן אים אײַן און פאַרדעקן מיט צווײַגן. מיר לויפן דורך א גאָרטן צו דער עקסטער שטוב. יעליסייעוו פרעגט בא דער באַלעבאָסטע:

— דײַטשן זײַנען דאָ געווען?

— איך האָב זיי ניט געזען, נאָר מע זאָגט, אַז מיט א פּאָר שאָ פריִער זײַנען זיי דאָ געווען מיט טאַנקען.

— ווער זשע האָט זיי דורכגעטריבן?

— אַנטאָניטש.

— ווער?

— מע זאָגט, אַז דער וועכטער פון דער פּאַפּיר־פאַבריק אַנטאָן אַנטאָניטש האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן פון זײַן ביקס, זײַנען זיי אַנטלאָפן. איך אַליין האָב מיט אים ניט גערעדט, נאָר אַזוי דערציילט מען.

די באַלעבאָסטע איז אַלט, גראָוו און געהויקערט. וואָס קאָן מען האָבן צו איר? מע זאָגט, גלייבט זי. מיר לויפן צו די שפּײַז־שפּײַכלערס. אין וועג דערהערן מיר אַן אײנציקן שאָס. ס'איז פון א נאַגאַן. דאָס האָט א מיליציאָנער געשאָסן אינדערלופטן, צעטריבן די יעניקע, וועלכע האָבן זיך דערפריייט, ווען די שפּײַכלערס, ווו עס איז פול מיט פּראָדוקטן, אַז א זאַטער מעג זיי עסן, זײַנען געבליבן ניט באַוואַכט. אַמאָל וואָלטן מיר געזאָגט: קוים איז שוין דאָ מי־ליציע, וועט זײַן אָן אָרדענונג. איצט העלפן מיר די מיליציאָנערן וואָס גיכער זי אײַנשטעלן. בא זיי טאַקע דערוויסן מיר זיך, אַז געווען איז אין יִשעוו איין דײַטשישע לײַכטע טאַנקעטקע. פונדערווײַטן האָט מען געזען בא א ווזוואָד זעלנער. לויט די שפּורן איז קאָנטיק, אַז די טאַנ־קעטקע איז צוגעגאַנגען ביז צו די שפּײַכלערס און פאַרקערעוועט אַף צוריק. ווער האָט זיי געצוווּנגען זיך אָפּטראָגן? ווידער דאָס זעלבע — אַנטאָניטש. ווונדער איבער ווונדער.

— מיר וועלן אומבאַדינגט א קוק טאָן אַף דעם לעגענדאַרן אַנטאָניטשן, — זאָגט דער ראָטע־קאָמאַנדיר, וואָס איז צוגעקומען אהער קימאַט גלײַך מיט אונדז.

ס'איז שטאַרק פאַרדראָסיק, וואָס ער דערלויבט אונדז ניט אָנלאָדן די מאַשין מיט פּראָ־דוקטן. ס'איז ווי שטיין בא א ברונעם און שטאַרבן א טרונק טאָן. דעם עמעס געזאָגט, זײַנען מיר גרייט געווען א באַלעבאַטעווע טאָן דאָ, ווען ער קומט ניט אָן. עטלעכע זעק מיט סוכאַ־רעס האָט אונדז דאָך די מיליציע מיטגעגעבן.

צוריק צו דער מאַשין זײַנען מיר געגאַנגען פאַרבײַ דער פאַבריק. באַם הילצערנעם טויער האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, איין מאָל א קלאַפּ געטאָן, א צווייט מאָל, ביז מיר האָבן דערהערט א יאַדעשליוון הוסט.

— וועמען דאַרפט איר?

— אַנטאָניטשן, —. רופט זיך אָפּ דער עלטערער לייטענאַנט.

— נו, איך בין אַנטאָניטש.

— מיר ווילן אַף אײַך א קוק טאָן.

— וואָס בין איך אײַך? א קאַלע, צי א פערד, וואָס איר קלײַבט זיך קויפן.

דורך דער שפּאַרונע צווישן די טויער־העלפטן זעען מיר א מענטשן פון א יאָר זעכציק. ער איז אויסגעטריקנט, ווי א פאַרלעגערטער סוכאַר, שטייט אָנגעשפּאַרט אין דער ביקס, ווי אין א שטעקן.

— עפנט, מיר ווילן זיך מיט אײַך דורכריידן, איר האָט דאָך ניט צו טאָן מיט קיין דײַטשן.

— אַניט ווייס איך ניט מיט וועמען כ'האָב צו טאָן. כ'קוק אײַך נאָך, זינט איר זײַט צו־געגאַנגען צו די סקלאַדן. איך האָב ניט וואָס צו עפענען. אַף דעם דאַרף איך א דערלויבעניש פון דעם מענטשן, וואָס האָט מיך דאָ אַוועקגעשטעלט.

— וויאַזוי האָט איר אָנגעשראָקן די דײַטשן?

— וויאַזוי... איר דאַרפט בעסער פון מיר וויסן, וויאַזוי מע קאָן זיי אָנשרעקן. ווי נאָר כ'האָב זיי דערזען, האָב איך אָנגעהויבן שיסן. טרעפן, וווהין מע דאַרף, קאָן איך.

— וויפל מאָל האָט איר אויסגעשאָסן אין דער טאַנקעטקע?

— דער רועך ווייסט זיי, כ'האָב ניט געציילט, קוילן פאַרמאָג איך גענוג.

— איר זײַט אַ מאָלאָדיעץ, אַנטאָן אַנטאָניטש. מיט אַזעלכע, ווי איר, וועט דער דײַטש קיינמאָל זיך ניט ספּראַווען.

— אַוואַדע.

...מיר פאָרן אָף צוריק. אין דאָרף איז טאַקע גרייט פאַר אונדז אָן אָנבײַסן, אָבער פאַרהאַלטן זיך דאָ קאָנען מיר שוין ניט. פאַר דער צײַט, וואָס מיר זײַנען געווען אין יישעוו, איז אַהער געקומען אַ פאַרבינדלער פון באַטאַליאָן און וואַרט אָף איוואַשינען מיט אַ באַפעל, די ראָטע זאָל ווידער בײַטן די פּאָזיציע. דאָס מאַנעווּרירן מיר אַזוי מיסטאָם, קעדיי די דײַטשן זאָלן מיינען, אַז אָף דעם באַצירק זײַנען דאָ אַ סאַך מיליטערישע טיילן. גראָד די איצטיקע שוץ־ליניע האָט זיך אונדז זייער ניט געוואָלט פאַרלאָזן. די פּאַשיסטן האָבן דאָ ניט ווו צו פאַרקערעווען, ניט אָף רעכטס, ניט אָף לינקס. ווו וועלן מיר נאָך האָבן פאַר זיך אַ צווייטע בריק אַזאַ? וואָלטן זיי זיך נאָר באַוויזן אָף איר! מיר האָבן פאַר זיי צוגעגרייט אַזאַ באַגעגעניש, אַז די ברעטער אונטער זייערע פיס זאָלן גליִען די פּיאַטעס. דאָ קאָן מען ווי עס דאַרף צו זײַן צעשמעטערן די טעכניק און די לעבעדיקע קראַפט פונעם סוינע. דערווײַל פאַרלאָזן מיר ניט די אָקאָפּעס דערפאַר, וואָס דער „גאָרבאַטש” שנאָרעט שוין דאָ ווידער. עס גלייבט זיך אים ניט, אַז אין אַזאַ אָרט, ווו מע וואָלט מיט איינע ביקסן געקאָנט גוט אָנברעכן די ביינער ניט איין רעגולערער טייל פון דעם ווערמאַכט, זאָל ניט זײַן קיין סאָוועטיש מיליטער, אָבער געפינען אונדז קאָן ער אַלץ ניט. אַזאַס!

■

ס'האָבן זיך אומגעקערט די קורסאַנטן פון דער אָפּטיילונג, וואָס האָט פּאַטרולירט אין דאָרף. זיי דערציילן, אַז די קאָלווירטניקעס וואַרטן נאָך, מיר זאָלן קומען צו זיי אָף וועטשערע. אויב מיר דאַרפן גראָבן קעגנטאַנקען־ריוון, וועט דאָס גאַנצע דאָרף אַרויס אָף דער אַרבעט. מע שאַרפט שוין אַפילע די זאַסטעפּער.

פון יענער זײַט טײַך, באַ דער בריק, שטייט אַ פרוי אין אַ געשטעפּט וואַטאָווע לײַבל און וואַשט גרעט. נאָר פאַרוואָס האָט זי מיטאַמאָל געגעבן אַ לאָז אַראָפּ דאָס קליידל, וואָס איז געווען פאַרקוועטשט צווישן די קני, און זיך געלאָזט לויפן אין אַ זײַט? עס פאָרט אַ פּאַסאַזשיר־אויטאָמאָביל, די מאַשין איז שטיין געבליבן, מאַליכין קוקט אין בינאָקל.

— דײַטשן, — גיט ער צו וויסן. — איינער איז אַרויסגעקראָכן פון דער מאַשין און גייט צו דער אַנטקעגנדיקער שטוב. אויב מע וועט אים דאָרט זאָגן, אַז מיר זײַנען ערשט געווען אין דאָרף, וועלן זיי גלײַך פאַרקערעווען אָף צוריק.

ניין, פּאַמעלעך, נאָר זיי פאָרן ווײַטער.

איבער דער קורסאַנטן־קייט ווערט איבערגעגעבן איוואַשינס וואָרענונג:

— אָן מײַן באַפעל ניט שיסן!

די ביקסן זײַנען אָנגעצילט אָף דער מאַשין. דער וועג פירט אַזוי גלײַך צו אונדז, אַז מע דאַרף קימאַט ניט רירן די רער. נו, נעענטער, גרינע פּרעש, קריכט גיכער אין זאַק. אויסדרייען וועט איר זיך שוין ניט. איר זײַט באַ אונדז אין די הענט, און באַלד וועלן מיר אײַך אָפּשפּילן אַ וויוואַט. נאָר ס'ווילט זיך נעמען כאָטש איינעם אַ לעבעדיקן. ער, דער ראַסיקער אַריער, וואָס האַלט מיך און מײַן פרײַנט פאַר קיין מענטשן ניט, ער, דער „אויבערמענטש”, וואָס לויט זײַן נײַעם עטישן פּרינציפּ מעג ער פאַרשקלאַפן און אויסראָטן גאַנצע פעלקער, זאָל ער, „דער אויסדערווײלטער, וואָס איז געבוירן צו הערשעווען”, שטיין מיט פאַרפרעסטע ציין און די קני זאָלן באַ אים ציטערן.

באַ דער בריק האָט זיך די מאַשין ווידער אָפּגעשטעלט. ווי לאַנג שטייט זי שוין? מיר האָבן אויפגעהערט פילן די צײַט. וויפל קאָן מען זיך אַליין האַלטן ווי אין אַ פויסט? מע קאָן דאָך פּלאַצן. דער דײַטש, וואָס זיצט באַנאַנד מיטן שאָפער, האָט צעפּראַלט דאָס טירל, נאָר ער גייט ניט אַרויס. אין דעם מאָמענט האָבן באַ איינעם פון אונדז די נערוון ניט אויסגעהאַלטן, עמעצער האָט אויסגעשאָסן. דער אויטאָמאָביל האָט פאַרקערעוועט ניט אָף צוריק, נאָר אָף רעכטס. קיין וועג איז דאָרט ניטאָ — קוסטעס.

זיך דערוואַרט אָפּן באַפעל! אַ זאַלפּ. דער צווייטער איז שוין געווען איבעריק. די מינענווארפער האָבן שוין זיכער ניט געהאַט וואָס צו טאָן. אויב הינטער אָט דער מאַשין גייען אָף

אונדז טאנקען, הארמאטן, — זאָלן זיי! מיר זײַנען ניט קיין פוקסן אין די נאָרעס. מיר האָבן געלאָזט וויסן: „מיר זײַנען דאָ, גייט, פּרוּווט אונדז נעמען". און עפּשער ווײַל זיי האָבן זיך דאָ שוין אָפּגעבריט, וועלן זיי זיך אַזוי גיך ניט באַווײַזן.

רויטע יונקערס

א מיליטערישע טייל אין מארש — צי זי איז גרויס, צי קליין, נאָר זי ווערט באַוואַכט פון אַלע זײַטן. אַף א געוויסן אינטערוואַל גייט פאר איר א באַוואַכונגס־גרופּע, נאָך איינע — פון הינטן, און צוויי פון ביידע זײַטן. אונדזער אָפּטיילונג איז אין דער זײַט־באַוואַכונג. שטאַרק דערווײַטערן זיך טאָר מען ניט, ווײַל מיר קאָנען פארבלאָנדזשען, מע זאָל דערנאָך אונדז דאַרפן זוכן. ס׳איז פינצטער. א קרעפּטיקער ווינט פּאַטשט אין פּאָנעם, אים העלפט צו א געדיכטער רעגן מיט א שניי אינייינעם. אָט ווען דו ביסט מעקאַנע די, וואָס גייען מיט אַן אײַנגעטראָטע־נעם וועג. באַ זיי זינקען ניט אַזוי די שטיוול אין דער בלאָטע און א סאַך מער פליייצעס פאר־שטעלן דיך, געוויינלעך, פונעם ווינט און רעגן. צוביסלעך ווערט דאָס אויג צוגעוווינט צו דער כאַשכעס, נאָר ווידער רײַסן זיך פײַערן אין הימל. עס הילכן אופרײַסן, עס ווערט ווידער שטיל.

צו יעליסייעווס האַלב־אוטאָמאַט איז צוגעפעסטיקט א ווײַס שטיקל צײַג. ס׳האָט זיך אראָפּגעלאָזט. דאָס באַטײַט, אַז ער האָט איבערגענומען דאָס געווער פונעם אַקסל אין דער האַנט. אַלע טוען דאָס זעלבע. מיר שטייען און הערן זיך אײַן. די פּילאָטקע איז באַ מיר שטאַרק אראָפּגערוקט, א נאַסע ווײַל זי זיך ניט פארבייגן אַף צוריק. רײַס איך זי גאָר אראָפּ פונעם קאָפּ. כ׳הער שוין אויך, אַז מע גייט אין דער ריכטונג צום וועג.

מיר האָבן זיי פריִער דערהערט, ווײַל אונטער אונדזערע פיס קאָוווטשעט ניט די בלאָטע אַזוי, ווי אונטער זייערע. מיסטאָם זײַנען זיי שווערער אָנגעלאָדן. ס׳גלייבט זיך ניט, אַז דאָס זאָלן זײַן דײַטשן. אין אַזאַ נאַכט, אַף דער פּאָדער־פּאָזיציע, קאָן זיך אָנהייבן א שלאַכט אויך צווישן אייגענע. מיר ליגן שוין אין א האַלבקרײַז אַף דער אופגעקאַרעטער צעווייקטער ערד. באַלד וועל איך אָנצינדן דאָס ביקס־ציינגל. יעליסייעוו קאָמאַנדעוועט:

— שטיי! ווער גייט?

מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָר מע שווײַגט.

— ווער גייט?

— אייגענע!

— איינער צו מיר, די איבעריקע ניט פון אָרט.

שליאַפּ, שליאַפּ. דער, וואָס גייט צו אונדז, שפּאַנט, אַזוי ווי ער וואָלט מיט יעדן טראָט ארײַנגעקלאַפּט א פּלאָקן אין דער ערד.

— לאָז אראָפּ די ביקס! ווער ביסטו?

— א רויטאַרמייער.

— וויפל זײַט איר?

— צוויי.

אין דער רעגע דערטראָגט זיך אַזאַ הילכיק שליאַפּען, אַלציינס, ס׳וואָלטן געגאַנגען עט־לעכע מענטשן.

— שטייט אַפן אָרט, אַניט וועלן מיר שיסן! — באַפוילט יעליסייעוו. — רוזין, דורכקאָנ־טראָלירן!

רוזין קערט זיך אום און פירט באַם צײַמל א פערד, אַף וועלכן ס׳זיצט א רײַטער. דער רויטאַרמייער, כאָטש קיינער פרעגט שוין באַ אים ניט, דערקלערט:

— דאָס איז מײַן קאָמאַנדיר, א יינגערער לייטענאַנט. ער איז שווער פארוווּנדעט. אַזוי פיר איך אים פון הינטער וויאַזמע. קיין לאַזאַרעט איז דאָ ערגעץ ניטאָ?

— כאַווער יינגערער לייטענאַנט, אײַערע דאָקומענטן!

— כ׳האָב ניט.

— פונעם פערד קאָנט איר אַראָפּקריכן?

— שווער. דער לינקער פוס איז באַ מיר פארוווּנדעט.

— איז בייגט זיך אָן צו מיר. נאָך נידעריקער. לײַגסט! דו ביסט ניט קיין קאָמאַנדיר. ווו זײַנען דײַנע קוביקעס? איך בין א סערזשאַנט, קאָנסטו אַף מײַנע פּעטליצעס אָנטאַפּן די דרײַעקן.

— סערזשאַנט, איך פאַרבאַט אײַך אַזוי ריידן מיט מיר, און די האַנט נעמט צו, איר האָט זיך שוין איבערצײַגט, אַז מײַן פּוס איז איבערגעבונדן. פאַרגעסט ניט, אַז כ'האָב אַן אויטאָמאַט. פּירט מיך צו אײַער קאָמאַנדיר.

— אין ערגעץ וועל איך דיך ניט פירן. א זייגער האַסטו? איז אָט, צוואַנציק מינוט זאָלט איר זיך ביידע ניט רירן פון אָרט.

מיר גייען ווײַטער. וואָס איז עס מיט רוזינען? ער האַלט אין איין בורטשען. יעליסייעוו הייסט אים גיין שטילערהייט, און ער, ווי אַפּצולאָכעס, קאָן זיך ניט באַרויִקן.

— סערזשאַנט, עפּעס זײַט איר באַ אונדז הײַנט צו א גוטינקער. פאַרוואָס האָט איר ניט צוגענומען דעם אויטאָמאַט? צום זאָטל איז צוגעבונדן א זעקל מיט נאָך עטלעכע דיסקן.

— דו מיינסט, אַז דאָס זײַנען איבערגעטאָנענע פאַשיסטן?

— דאָס געוויס ניט. דעם לייטענאַנט קען איך. מיט זײַן ברודער האָבן מיר אַמאָל זיך גע־לערנט אַף איין קורס אין אינסטיטוט. דער רויטאַרמייער וועט אים דאָך ניט איבערלאָזן, און ער האָט א נאַגאַן. מיר פאַרמאָגן אַפן גאַנצן באַטאַליאָן איין פּאַטערלענדישן אויטאָמאַט. דעם קאָמאַנדיר פון ראָטע וועט זײַן אויטאָמאַט גיכער צוניץ קומען. איר דערלויבט?

— מיט וועמען ווילסטו גיין?

— איינער אַליין.

— צו קיין שיסערײַ ווילט זיך ניט דערלאָזן.

— טאַקע דערפאַר וועל איך גיין איינער אַליין.

אינצווייען מיט יאַקימאָוויטשן בלײַבן מיר וואַרטן, ביז רוזין וועט זיך אומקערן, עפּשער וועט אויסקומען אים ארויסווײַזן הילף. שוין צו לאַנג דויערט עס. זיך דערוואַרט, נאָר וויק־טאָר גייט ניט אַליין.

— כעוורע, — פרעגט ער באַ אונדז, — עמעצער פון אײַך האָט נאָך סוכאַרעס? זיי האָבן שוין דרײַ טעג ניט געגעסן, ווײַל זיי האַלטן זיך ווײַט פון דערפער.

פינף סוכאַרעס האָב איך נאָך געהאַט. פונעם רעגן זײַנען זיי צעווייקט געוואָרן, נעם איך זיי, ווי קאַשע, צונויף אין דער זשמעניע. כ'האָב צום אַלעם ערשטן אַליין אָנגעשטופּט א פול מויל און דאָס איבעריקע אָפּגעגעבן דעם רויטאַרמייער. זאָלן זיי זיך אַליין טיילן. כ'וואָלט געדאַרפט ניט אײַנשלינגען, נאָר אויסשפּײַען. די סוכאַרעס זײַנען געווען איבערגעמישט מיט מאַכאָרקע. אויסשפּײַען? ווער קאָן וויסן, ווען כ'וועל ווידער דערטראַגן א שטיקל ברויט צום מויל? גיכער איז מיר א שאָד די ברעקלעך מאַכאָרקע. אַליין קאָן איך זיך באַ א נויט באַגיין אָן איר, נאָר סערגייעוו וואָלט זי באַ מיר פון דער האַנט ארויסגעריסן. זײַן קיסעט איז שוין פון לאַנג פּוסט. קיינער פון אונדז רייכערט ניט אַזוי געשמאַק, ווי קאַליע. מיט גרויס פאַר־געניגן פאַרציט ער אין זיך דעם רויך און לאָזט אים דערנאָך לאַנגזאַם ארויס פון מויל, פון די נאָזלעכער, דאַכט זיך, שיר ניט פון די אויערן.

מיר דאַרפן אָניאָגן די אָפּטיילונג. רוזין טראָגט אַף איין אַקסל א ביקס, אַף דער צווייטער אַן אויטאָמאַט. איך פרעג באַ אים:

— ס'איז דיר שווער אָנגעקומען?

— יאָ. אים דאַרף מען דאָך אויך פאַרשטיין. מע האָט שוין ניט איין מאָל געפּרוּווט באַ אים אָפּנעמען דעם אויטאָמאַט, און דאָך האָט ער אים ניט אָפּגעגעבן. ער טראָגט אים פון דער סאַמע גרענעץ. די וווּנד איז אַזאַ, אַז סײַוויסײַ וועט דער אויטאָמאַט אים אַזוי גיך ניט צוניץ קומען. זאָל ער זיך נאָר דערקלײַבן צו א לאַזאַרעט.

— ער האָט ניט געדאַרפט אַראָפּנעמען די קאָמאַנדיר־צייכנס. מע קאָן אים מישפּטן.

— פאַרשטייט זיך. געווען א בראַווער באָכער, ער האָט אָבער מוירע געהאַט, אַז אויב ער וועט אַרײַנפאַלן צו די דײַטשן אין די הענט, וועלן זיי זיך נאָך מער איזדיעקעווען איבער אים, ווײַל ער איז א קאָמאַנדיר. דו געדענקסט דעם פּאָליטרוק, וואָס האָט גערעדט מיט אונדז אין סערפּוכאָוו? ערשט איצט פאַרשטיי איך, ווי ער איז געווען גערעכט.

■

ס'איז אי בעסער, אי ערגער, וואָס דער האַרבסט בושעוועט אַזוי.

בעסער, ווײַל דער סוינע דאַרף פאַר זײַן טעכניק האָבן בלויז גוטע וועגן. אָט דאַרף ער דעם וואַרשעווער שאָסיי, אָבער וויפל די דײַטשן פּרוּוון ניט פאַרניכטן אָדער כאָטש אָפּוואַרפן די קורסאַנטן, וואָס האַלטן אײַן דעם שאָסיי אַף דער פראָנט־ליניע פון אילינסקאָיע, גייט זיך עס זיי דערווײַל ניט אײַן. באַ א טײַכל, וואָס אויב גוט צעיאָגן זיך, קאָן מען עס איבערשפּרינ־גען, האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט דרײַ באַטאַליאָנען קורסאַנטן, און שוין זיבעטער טאָג, ווי זיי שלאָגן אָפּ אַלע אַטאַקעס, לאָזן זיך ניט נעמען אין קעסל־קלעם. דאָס מאַסירטע פּיל־

שיכטיקע פֿײַער פֿון אַלע מינים געווער האָט שוין איבערגעאַקערט ניט נאָר דעם פֿראָנט, נאָר אַלץ ווײַט אַרום אים, און דער ווידערשטאַנד ווערט ניט שוואַכער. די „רויטע יונקערס״ שיסן. זיי האָבן שוין פֿאַרניכטעט בא פֿינף טויזנט דײַטשישע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן.

ווײַל דער גלײַכער וועג דורך מאַלאָיאַראָסלאַוועץ קיין מאָסקווע איז פֿאַרמאַסמעט, קריכן די פֿאַשיסטן נאָך כוצפּעדיקער אויף די פֿלאַנגען. דער קאַלוגער שאָסיי איז פֿאַר זיי אויך ביז גאָר אָפּעראַטיוו וויכטיק. ער פֿירט ניט בלויז קיין קאַלוגע, נאָר קיין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ אויך, און ווידער טרעפֿן זיי דאָ אָן אויף „רויטע יונקערס״.

אין פֿאַרגלײַך מיט דער איליִנסקער גרופּע זײַנען מיר אַ סאַך קלענער אין צאָל און פֿאַרמאָגן אַפֿילו ניט קיין פֿערטל פֿון דער אַרטילעריע, וואָס איז דאָרט פֿאַראַן. דער ערשטער באַטאַליאָן פֿון 616־טן שיסער־פּאָלק און די זעקסטע ראָטע פֿון 175־טן, וועלכע זײַנען צוגעגעבן דער דאָרעם־גרופּע, זײַנען ביז גאָר אָפּגעשוואַכט. עס איז נאָר געזאָגט „דער ערשטער באַטאַליאָן״. ער גייט פֿון דער סאַמע גרענעץ און באַשטייט פֿון קנאַפּע אַכציק מענטשן.

■

אָן דער הילף פֿון די אינטענדאַנטן, וואָס מײַדן אויס צו ווײַזן זיך פֿאַר די אויגן, האָב איך פֿאַרביטן די צעריסענע שטיוול אויף גאַנצע. כ׳האָב געמיינט, אַז אָ־די פּאָר וועט מיר לאַנג דינען, נאָר איינער, ווידער דער רעכטער, קוקט שוין אויך אַקשאָנעסדיק מיט אַן אָפֿן אויג אין אַ זײַט. קיין דײַטשישע שטיוול וועל איך בעשום־אויפֿן ניט אָנטאָן. ס׳איבלט. אַראָפּנעמען פֿון אַ געהאַרגעטן כאַוער, כאָטש מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגעזען מיט טויטע, קאָן איך ניט.

עס פֿרעסטלט שוין ניט אויף קיין קאַטאָוועס, און ס׳איז שווער זיך באַגיין אָן וואַרעמע אָנטעטשעס. ווער ס׳איז פֿלינק, האָט אַ קאַפּ אויף די פֿלייצעס, גיט זיך אַן אייצע. ווײַל מיר זײַנען פֿון סערפּוכאָוו אַוועק אין זומערדיקן אָנטאָן, האָט מען דערלויבט נעמען מיט זיך די קאָלדרעס. די מערהײַט קורסאַנטן האָט זיי אין די ערשטע טעג פֿאַרלוירן אָדער אַפֿילו בעקיוון אַוועקגעוואָרפֿן. ס׳האָבן זיך אַפֿילו געפֿונען אַזוינע, וואָס האָבן געפּרוּווט מאַכן דעם זעלבן קונץ מיט די גאַז־מאַסקעס, אָנגעשטופּט די פּוסטע רענצלעך מיט פּאַפּיר אָדער גאָר אונטערגעשפּאַרט פֿון אינווייניק די ווענטלעך פֿונעם רענצל מיט אַ פּאָר צווײַגלעך. נאָר פֿון דעם האָט מען אונדז זייער גיך אָפּגעוווינט. איז אָט, ווער ס׳פֿאַרמאָגט גרויסע שטיוול און וויל שטאַרק, דער קאָן נאָך בא עמעצן אויסבעטן אַ שטיקל קאָלדרע אויף אָנעטשעס. פֿון אַזאַ „אָפּעראַציע״ שפּילן אויס ביידע צדאָדים: איינעם וועט זײַן וואַרעם אין די פֿיס און דעם צווייטן אַ ביסל גרינגער אין וועג.

■

די דײַטשן האָבן אײַנגענומען דאָס דאָרף אוסטיע אין דער זאָנע פֿון אונדזער שכײנעסדיקער, פּאָפּעצעטער ראָטע. אין די דאָרפֿישע הויפֿן שטייען אויטאָמאַשינעס. די פֿאַשיסטן זײַנען אויף אַזויפֿיל זיכער, אַז קיין שום געפֿאַר דראָעט זיי ניט, אַז זיי גייען אַרום פֿראַנק־און־פֿרײַ פֿון שטוב צו שטוב. איין הויז האָבן זיי שוין געלאָזט מיטן רויך. זיי זײַנען דאָ די ערשטע פֿאָרשטייער פֿון דער רויב־אַרמיי, נישטערט מען אין די יערושע־קאַסטנס, מע יאָגט זיך אין גאַס נאָך אַ יונגער פֿויערטע, מע כאַפּט אַ הינדל אין הויף. „זיגער״ — האָבן זיי אויף אַלץ רעכט. זיי ווייסן נאָך ניט, אַז ניט ווען־עס־איז, נאָר אָט־אָט וועט קומען די שאָ פֿון פֿאַרדינטער שטראָף. מיר זײַנען פֿאַר זיי אַ קליין ביינדל, נאָר זיי וועלן זיך דערוואָרגן מיט דעם.

הײַנט האָט מען אונדז ווידער באַשאָטן מיט פֿלוגבלעטלעך. פֿון עטלעכע אַעראָפּלאַנען פֿאַרוואָרפֿן מיט באָמבעס, און פֿון איינעם מיט שטיקלעך דין פּאַפּיר. די פֿאַשיסטן פֿאַרמאָגן אַ קרענקלעכע טעווע צו שרײַבערײַ. ווידער די זעלבע כניפֿע־ווערטער: „געוואַגטע רויטע יונקערס! מיר אַכטן אײַער העראָיזם!״. דערבײַ רוימען זיי אײַן אַ סאָד, אַז אונדזער ווידערשטאַנד האָט ניט קיין שום זין. וועמען קלײַבט איר זיך נאַרן? אויב דאָס איז אַזוי, איז פֿאַרוואָס זשע זײַט איר ניט דערפֿאָרן, ניט דערגאַנגען, פֿאַרוואָס טאָפּטשעט איר זיך אַזוי לאַנג אויף איין אָרט?

ווי גלײַך זייער גאָלדענער טרוים וואָלט געהאַלטן באַם פֿאַרווירקלעכט ווערן, באַרימען זיי זיך, אַז אויב ניט הײַנט, איז מאָרגן וועלן זיי זײַן אין מאָסקווע און אָפּהאַלטן דאָרט אַ זיג־פּאַראַד. באַלד, שאַקאַלן, באַלד וועלן מיר אײַך דעם פּאַראַד אָנטקעגנטראָגן.

אַוואַדע וואָלט בעסער געווען אָנגרײַפֿן אומגעריכט, שפּעט באַנאַכט, ווען די דײַטשן וועלן אײַנשלאָפֿן און מ׳וועט קאָנען שטילערהייט באַזײַטיקן די וואַך. נאָר ווער ווייסט, וויפֿל נאָך פֿאַשיסטן וועלן ביז דעמלט צוקומען? מיט די, וואָס זײַנען אַצינד אין דאָרף, ווייסן מיר, וועלן

מיר זיך ספּראַוווען. אויב זיי דאַרפֿן אַזוי נייטיק האָבן אונדזער ערד, איז זאָלן זיי באַקומען זייער כּיילעק און בלײַבן ליגן אין איר.

אונדזערע אַרטילעריסטן גרייטן די האַרמאַטן צו דער שלאַכט. גאָלדענע כעוורע זײַנען די קורסאַנטן פֿון דער פּאָדאָלסקער אַרטילעריע־שול. מיר האָבן זיך באַפֿרײַנדעט מיט זיי, פּונקט ווי מיר וואָלטן אַ גאַנץ לעבן אָפּגעוווען אינײינעם. זאָלן זיי נאָר די הענט דינען און ס׳זאָל זײַן פֿון וואָס און מיט וואָס צו שיסן.

די האַרמאַטן זייערע וואָלטן געמעגט זײַן אַ ביסל ייִנגער. אין אילינסקאָיע, דערציילן די כעוורע, איז אויך דאָס זעלבע. די דרײַ דיוויזיאָנעס, מיט וועלכע ס׳איז באַוואָפֿנט איינער פֿון די דאָרטיקע דיוויזיאָנען, זײַנען פֿון יענעם מין, וואָס מע האָט נאָך געניצט פֿאַר דער יאַ־פּאַנישער מילכאָמע, און דאָך שיסן זיי בײַ די קורסאַנטן.

די פֿופֿצעטע ראָטע איז אַוועק אין אָנגריף. מיר קוקן אַרויס מיט אומגעדולד, מע זאָל אונדז אופֿהייבן אין אַטאַקע... די פֿאַשיסטן זײַנען גוט געשולט, גוט באַוואָפֿנט, דאָס איז עמעס, נאָר די רויטע יונקערס שטורמעווען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס׳איז זיי ניט אָפּצושטעלן. די דײַטשן האָבן אַ ציטער געטאָן.

ווײַל מיר נעמען נאָך ניט קיין דירעקטן אָנטייל אין שלאַכט, נוצט אויס איוואַשין די גע־לעגנהײַט און דערקלערט אונדז:

— אַ שלאַכט איז אַ ביז גאָר קאָמפּליצירטער מעכאַניזם, ווו דער קאָמאַנדיר איז פֿאַראַנט־וואָרטלעך פֿאַר אַלץ. פֿון אומגעריכטקײַט האָבן די דײַטשישע אָפֿיצערן זיך פֿאַרלוירן, פֿון די סאָלדאַטן איז שוין אָפּגערעדט. מיט פֿאַרלוסטן, נאָר זיי וואָלטן נאָך אַפֿילע איצט געקענט אָפּטרעטן, אָבער בײַ אַזאַ פּאַניק פֿאַרמאָגט יעדערער פֿון זיי ווייניקער שאַנסן צו לעבן בלײַבן, ווי אַף אַ שיף, וואָס טרינקט זיך. איר זעט, ווי זיי לויפֿן!

דער ערשטער גוטער סימען — זיי סיגנאַליזירן פֿון די ראַקעטניצעס, בעטן הילף. מיר האָבן ניט בײַ וועמען צו בעטן קיין הילף, — דאַרף מען זיך וואָס גיכער ספּראַוווען מיטן שווערן שטיקל אַרבעט.

— אַכטונג! צוגרייטן זיך! אין אַטאַקע!

ווען מיר זײַנען אַרײַן אין דאָרף, האָבן מיר אין דער דײַטשישער שטאַב־מאַשין געפֿונען אַ ראַציע, טאָפּאָגראַפֿישע קאַרטעס פֿון מאָסקווער און קאַלוגער געגנטן, אין וועלכע מיר נייטיקן זיך אַזוי, אָפּעראַטיווע דאָקומענטן, אַ סטערעאָ־טרויב. און אָט וואַלגערן זיך נײַ־נקע אָפֿיצערישע שינעלן, פּאַראַד־אָנצוגן. קורסאַנטן טאַפּטשען אין דער בלאָטע די פֿאָן מיטן האַקנקרייץ, וועלכע איז אויך געווען אין דער שטאַב־מאַשין.

דערנאָך האָבן מיר די פֿאַשיסטן דערלאַנגט נאָך אַ גרעסערן נערעק בײַם דאָרף קאַראַמע־שעוואָ. די דײַטשן זאָלן געוווען וויסן, ווי ווײַט זיי שטײַגן אונדז איבער אין צאָל און אין באַוואָפֿענונג, וואָלטן זיי געוויס גאָר אַנדערש געפֿירט די שלאַכט. אָבער צוערשט האָבן זיי וועגן דעם ניט געוווּסט, און שפּעטער — שפּעטער איז שוין געווען צו שפּעט...

מיר האָבן זיך איבערצײַגט, אַז קימאַט שוין זײַענדיק אַרומגערינגלט, זײַנען מיר בעקויעך שלאָגן די פֿאַשיסטן. ס׳וועט דאָך גוט אָפּן געמיט, אַז דו זעסט: אַ דײַטש פֿאַרשטעקט אונטערן רימען די פּאָלעס פֿון שינעל און אַנטלויפֿט מיט אַלע קויכעס, ווי אַן אָנגעשראָקענער האָז. אַזאַ איינער, אויב אַפֿילע אונדזערע אַ קויל יאָגט אים ניט אָן, איז ער שוין ווײַט ניט אַזוי געפֿערלעך, ווי פֿריִער. ער וועט ניט איין „קאַמראַד" אַ שעפּטשע טאָן אָפֿן אויער: „ביז מאָס־קווע איז נאָך זייער ווײַט, און צום טויט איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען". וואָס דען, ס׳איז דאָך טאַקע אַזוי.

■

אַ שוואַך ווינטל, וואָס האָט זיך געקליבן, דאַכט זיך, אײַנשלאָפֿן, האָט מיטאַמאָל איבער־געקלערט און, בורטשענדיק אַ ווילדן ניגון, זיך צעוואַקסן אין אַן אײַז־קאַלטן ווינט, וואָס רײַסט דאָס אָנטאָן, און ווײַל ער בלאָזט פֿון צאָפֿן, נייט ער דיך, זאָלסט זיך אויסקערן מיטן פּאָנעם אַף דאָרעם. מיר וואָלטן, פֿאַרשטייט זיך, בעסער געוווּנטשן אים פֿאַר אַ שוטעף, ער זאָל אונדז אונטערשטופּן אין פּלייצע. נאָר ניין, איז ניין. מיר גייען אַקשאָנעסדיק אַנטקעגן ווינט, אַהין, ווו ס׳איז אונדז באַפֿוילן. דעם באַטאַליאָן שטייט פֿאָר אַ שווערע שלאַכט.

בײַם דאָרף בעריאָזאָווקע האָבן די דײַטשן פֿאַרנומען אונדזערן אַ וויכטיקן שטיץ־פּונקט — די הייך 202,9. פֿאַרנומען, און, אָנגעלערנטע פֿון די פֿאַריקע טעג, זיך גלײַך פֿאַרפֿעסטיקט, אָנ־געבראַכט אַזויפֿיל טעכניק און זיך אַרומגערינגלט מיט אַזאַ נעץ פֿון שוץ־אײַנריכטונגען, אַז מיט איינע ביקסן, קוילנוואַרפֿערס און אַ פּאָר האַרמאַטן איז ניטאָ וואָס צו רוקן זיך אַהין.

און דאָך פֿאָדערט זיך, מיר זאָלן צוריק אײַנעמען די הייך. פֿון פֿאַרטאָג אָן אַטאַקירן מיר און לײַדן בלויז פֿאַרלוסטן.

ווען ס׳האָט זיך געדאַכט: קיינער פֿון אונדז וועט זיך פֿונדאַנען אַ לעבעדיקער ניט אַרויס־קלײַבן, האָבן, ווי ס׳וואָלט טאַקע געווען אַ גאָט אין הימל, אומדערוואַרט ניט בלויז פֿאַר די דײַטשן, נאָר אויך פֿאַר אונדז, זיך אַ טראָג געטאָן אָפּן בערגל, ווו דער סוינע האָט זיך פֿאַרגראָבן, הונדערטער צעגליטע קאָמעטעס. אַזוינס האָבן מיר ניט געזען און פֿאַרשטעלן זיך ניט געקאָנט. אונדז האָט זיך דאַן אויסגעוויזן, אַז זיי קאָנען צעטרייסלען די העכסטע בערג און צעהוידען די טיפֿסטע טאָלן, ניט נאָר אַזאַ שפּילקע־קעפּל, ווי די הייך 202,9. דער גאַנצער אַרום האָט געברענט, ווי איין שטיק פֿײַער. דער פֿאַרטויבנדיקער דונער איז שוין לאַנג פֿאַר־בײַ, און דער אָפּהילך האָט זיך נאָך אַלץ געקײַקלט פֿון אַלע זײַטן.

דאָס האָבן מיר צום ערשטן מאָל דאַן געזען און געהערט אַ זאַלפּ פֿון אונדזערע „קאַטיו־שעס״. ס׳האָט באַדאַרפֿט אַוועק אַ סאַך צײַט, ביז ס׳איז באַוווּסט געוואָרן, אַז שוין צום אָנהייב פֿון דער מילכאָמע איז געווען זיבן „קאַטיושעס״ און באַ דרײַ טויזנט ראַקעטעס צו זיי, אַז אין דער נאַכט אָפּן 3 יול האָבן זיי זיך פֿון מאָסקווע געלאָזט צום פֿראָנט און דעם 14 יול הינטער אָרשע אָנגעזאָגט דער וועלט וועגן זייער געבורט מיט אַ פֿײַער־הוראַגאַן, וואָס האָט פֿאַר עט־לעכע רעגעס פֿאַרניכטעט דעם אײַזנבאַן־קנופּ, די טײַך־איבערגאַנגען, אומגעבראַכט טויזנטער פֿאַשיסטן און אָף די איבעריקע אָנגעוואָרפֿן אַ גרוילִיקע איימע. אויך באַ בעריאָזאָווקע האָט דער זאַלפּ פֿון דער ראַקעטן־אַרטילעריע פֿאַרטשמעליעט די דײַטשן, און זיי האָבן לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך. די אַטאַקע מיט דער הילף פֿון די „קאַטיושעס״ האָט זיך אײַנגעגעבן. אין דער צווייטער העלפֿט טאָג דעם 15 אָקטיאַבער איז די הייך 202,9 ווידער געווען באַ אונדז.

אונדזער ראָטנע

פֿון בעריאָזאָווקע איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען ביז סאַווינאָוואָ. איצט איז דער ראָטע באַפֿוילן פֿאַרטיידיקן פֿון מײַרעוו דאָס דאָזיקע דאָרף. אונדזער אָפּטיילונג האָט צוויי שאָ אָפּרו. גייען מיר אַרײַן אין אַ שטוב זיך באַהאַלטן פֿונעם האַרבסטיקן אינדרויסן, איז זי אָבער פֿאַרנומען.

אָפּן דיל, אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, זיצט אומבאַוועגלעך אַ גרופּע רויטאַרמייער, ווי מע זאָל זיך קלײַבן זיי באַלד פֿאַרייביקן אָף אַ מישפּאָכע־בילד. אין די ווינקלען שטייען צוויי האַנט־קוילנוואַרפֿערס. באַ דער שוועל, לעבן אַ צעבער מיט פֿאַרמישטער פּאַלאָווע, זיצט פֿאַר־גליווערט אַ סטאַרשינאַ מיט טיף אײַנגעגעסענעם ערד־שטויב אין די קאַרבן פֿון פּאָנעם. פֿו־נעם ציגאַר, וואָס איז ווי צוגעקלעפּט צו זײַן ליפּ, שלענגלט זיך אַ רויך, די האַנט האַלט ער אין די קעשענעס פֿון די גאַליפֿע־הויזן. מיר זײַנען שוין געוווינט צו טרעפֿן וואַנדערנדיקע גרופּעס רויטאַרמייער. יעליסייעוו פֿרעגט:

— איר קלײַבט זיך דאָ לאַנג זײַן?

קיין ענטפֿער קומט ניט, כאָטש ער איבער די פֿראַגע.

— איך בין ניט קיין טויבער. אויב דאָ איז פֿאַר אײַך ווייניק אָרט, זוכט זיך אָפּ אָן אַנ־דער כאַטע.

— סטאַרשינאַ, עס שטייען אונדז פֿאָר שווערע טעג, ניט איר וועט אָט דאָס דאָרף פֿאַר־טיידיקן. איך זע, אַז איר האָט איבערגענוג קוילן און גראַנאַטעס, לאָזט אונדז איבער אַ טייל.

— מײַן ביקס ווילסטו ניט? — זאָגט דער סטאַרשינאַ מיט כויזעק און וואַרפֿט אַ בליק, וואָס בריט אָפּ, ווי מיט זודיק וואַסער.

— אײַער ביקס דאַרפֿן מיר ניט.

— אין די שכיינעסדיקע שטיבער זײַנען פֿאַראַן נאָך רויטאַרמייער, פּרווו, עפּשער וועסטו זיך דאָרט פֿאַזשיווען. באַ אונדז וועסטו גאָרניט קריגן. זעסט די רענצלעך פֿון די גאַז־מאַסקעס? אין זיי ליגן אויך קוילן. לאָפּע ניט, זיי זײַנען ניט דײַנע. אַנו, לאָז אָפּ! פֿאַר די קוילן וועל איך דעם האַלדז איבערהריזען.

ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז אַ בייזע צונג איז ערגער ווי אַ שלעכטע האַנט. אָף אַזעלכע ווערטער, אויב מע ענטפֿערט ניט אָפּ, שלינגט מען זיי אײַן, ווי אַ ביטערע פּיל.

יעליסייעוו ענטפֿערט אָפּ:

— איר זײַט דאָך ניט שיקער. צי דען פֿאַרשטייט איר ניט, וואָס מע רעדט צו אײַך? מיר דאַרפֿן איצט נייטיקער, ווי איר, די קוילן.

— כ׳פארשטיי, אגיטיר מיך ניט, ס׳וועט ניט העלפן. קיינער ווייסט ניט, וועמענס מאָרגן ס׳איז. איך רייד מיט דיר נאָר דערפאר, ווײַל איר טרעט ניט אָפּ, כאָטש דער דײַטש קוועטשט אָף אײַך.

— קום צום עלטערן לייטענאנט.

— ער האָט מיך ניט גערופן, און איך האָב צו אים קיין איניען ניט.

— וואָס זשע ווילט איר, ער זאָל צו אײַך קומען?

— ס׳איז זײַן זאך.

יעליסייעוו שיקט באַקאַוון צום קאָמאנדיר פון דער ראָטע. דער סערזשאנט און דער סטארשינא זיצן איינער קעגן אנדערן, ווי צווי קעץ אין איין זאק. אויב איוואשין וועט רופן צו זיך דעם סטארשינא און ער וועט ניט וועלן גיין, וועט יעליסייעוו שוין ווי־ניט־איז אים נייטן.

דער עלטערער לייטענאנט איז אהער אליין געקומען, און דער סטארשינא איז, פונקט ווי מיר, די קורסאנטן, אופגעשטאנען. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. זײַן פאמיליע איז יעווסטיג־נייעוו. זיי ביידע, אונדזער קאָמאנדיר און דער סטארשינא, קוקן איינער אפן צווייטן און שווײַגן אזוי לאנג, ביז יעווסטיגנייעוו האָט עפּעס איבערגעלייענט אף איוואשינס אָפּגעצויגן־ביינערדיק פּאָנעם און א קאָמאנדעווע געטאָן צו זײַנע רויטארמייער:

— אופשטיין! כ׳בעט אנטשולדיקונג, כאווער עלטערער לייטענאנט!

— זיצט. איר זײַט אלע פון איין טייל?

— פינף און צוואנציק זײַנען מיר פון איין שלאַג־ראָטע, וואָס האָט באדארפט אײַנהאלטן די דײַטשן ביז נאכט, קעדיי אונדזער פּאָלק זאָל זיך קאָנען צוריקציִען. נײַן זײַנען צו אונדז צוגעשטאנען. דעם באפעל האָבן מיר אויסגעפילט.

— אויב איין ראָטע האָט זיך ספּראוועט, פארוואָס זשע איז אײַער פּאָלק אָפּגעטראָטן? אף דער פראגע מעגט איר ניט ענטפערן. ניט איר זײַט פאר דעם פאראנטוואָרטלעך.

— כאווער עלטערער לייטענאנט, דער פּאָלק איז ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט באקומען א נײַע שלאכט־אופגאבע, אָבער מיר האָבן שוין ניט געקענט זיך פארייניקן מיט אים. בא אונדז זײַנען געווען א סאך שווער־פארוווּנדעטע, צווישן זיי דער ראָטע־קאָמאנדיר. אף פינף וועגענער האָבן מיר זיי ארויסגעפירט און באם טײַך פּראָטווא איבערגעגעבן א קאַפּיטאַן פון מעדיצינישער דינסט. כ׳האָב פון אים א צעטל. דערלויבט באווײַזן?

— מע דארף ניט. פארוואָס האָט איר זיך אומגעקערט צוריק און ווו האָט איר גענומען אזויפיל קוילן און גראנאטעס?

— מיר האָבן געהאָפט זיך פארייניקן מיט אונדזער פּאָלק ערגעץ דאָ, אין ראיאָן פון דעטשינאָ, נאָר אים שוין ניט געטראָפן. די קוילן און גראנאטעס האָבן מיר גענומען בא די, וואָס קאָנען שוין ניט שיסן.

— איר וועט זיך אונטערנעמען ארויספירן פונדאנען מײַנע פארוווּנדעטע?

— אויב איר וועט באפוילן, מוז איך אויספילן, נאָר מיר, פינף און צוואנציק, וועלן זיך אומקערן אהער, פאר די איבעריקע נײַן בין איך ניט פאראנטוואָרטלעך. זיי האָבן אָנטיילגע־נומען מיט אונדז בלויז אין איין שלאכט באם איבערגיין דעם שאָסיי. איך קען זיי ניט. אײַער פּאָזיציע האָט א כיסאָרן: דער וואלד איז נאָענט, ס׳איז גוט פאר פּאכדאָנים, מע קאָן אנטרונען ווערן. כ׳האָב מײַנע געוואָרנט: וועט עמעצער אָן א באפעל אָפּטרעטן, שיס איך פריִער אין אים, דערנאָך אין די פאשיסטן.

— וויפל פאשיסטן האָט איר פערזענלעך געטייט?

— כ׳האָב ניט געציילט, נאָר וויניק.

— איר וועט נאָך באווײַזן, אָבער ניט פון אונדזערע אָקאָפּעס. איר קאָנט דאָ עטלעכע שאָ אָפּרוען. אָנהאָדעווען האָב איך אײַך ניט מיט וואָס. מיר פארמאָגן אליין גאָרניט. א העלפט פון די קוילן און גראנאטעס באפעל איך אײַך איבערלאָזן. די וואך וועט אײַך ניט פארהאלטן. מיר טאָרן ניט פארלאָזן דעם באצירק, אויב אפילע ס׳וועט אנטשטיין א געפאר פון פולער ארומרינגלונג, און איר האָט אף דעם רעכט, קיינער וועט אײַך ניט שטראָפן דערפאר.

— כאווער עלטערער לייטענאנט, מײַן קאָמאנדיר איז אויך א שטרענגער, נאָר ער וואָלט...

— גענוג, סטארשינא! כ׳האָב אלץ געזאָגט!

איוואשין האָט א רוף געטאָן יעליסייעוון, און זיי זײַנען ביידע ארויס פון שטוב.

מיר האָבן געזען, אז איוואשין איז אופגעבראכט. ווען דאָ זאָלן ניט געווען זײַן קיין קורסאנטן און רויטארמייער, וואָלט דער סטארשינא מיסטאם ארײַנגעכאפּט ניט אזא כיילעק. אָבער דער עלטערער לייטענאנט האָט געקאָנט זיך צוימען אפילע אין גרעסטן גרימצאָרן. אונדזער ראָטנע וואסילי איוואנאָוויטש איוואשין איז געווען א שטרענגער קאָמאנדיר, נאָר

דאָס האָט ניט געשטערט, מיר זאָלן אַלע זײַן אין אים פאַרליבט. ווײַל שטרענגקײַט צו שטרענגקײַט איז ניט גלײַך. זײַנע ווערטער, ווי האַרב זיי האָבן צומאָל ניט געקלונגען, זײַנען געגאַנגען פון אַן אָפן האַרץ. אַליין ניט באַמערקנדיק עס, האָבן מיר אים געקאָנט פאַרטרויען די פאַרבאָרגנסטע סודעס, דערציילן וועגן דער היים, וועגן די אייגענע, אַפילע וועגן די ליבעס אונדזערע. מיט אים איז געווען לײַכט צו ריידן, ווײַל מיר האָבן געפילט, אַז ער גלייבט אונדז, שטעלט זיך ניט העכער, און דערפאַר האָבן מיר אים נאָך מער געשעצט, געאַכט און ליב געהאַט. אַף זײַנעם אַ רוף וואָלטן מיר זיך געלאָזט צו אים לויפן אַפילע דורך אַ מינען-פעלד.

אין אַ פרײַער שאָ איז ער געווען צוגעלאָזט, פאַרשטאַנען אַ שפּאַס און אַליין געקאָנט אַ שפּאַס טאָן. אין שלאַכט געווען אַנטשלאָסן און געוואָגט. מיר האָבן זיך געגרויסט מיט אים, ניט איין מאָל צווישן זיך גערעדט וועגן אים, און ווער ווייסט, צי וואָלט ער ניט קיין געשריי געטאָן, ווי הײַנט אַפן סטאַרשינאַ „גענוג!”, ווען ער דערהערט עס, ווײַל צו שלעכטן צי צו גוטן, נאָר ווער האָט עס דערלויבט, קורסאַנטן זאָלן געבן אָפּשאַצונגען זייערע קאָמאַנדירן. האַקלאַל, אין אונדזערע אויגן איז איוואַשין געווען דער אידעאַל פון אַ קאָמאַנדיר. און אַז ס׳פלעגט טרעפן, ער האָט צונויפגענומען די ראָטע אַף צו זאָגן איר עטלעכע גוטע אָדער האַרבע ווערטער, האָבן מיר אים געהערט מיט אָפענע מויל און אויערן.

אַזוי איז אויך געווען הײַנט. יעליסייעוו האָט זיך אומגעקערט און געמאָלדן, אַז דער עלטערער לייטענאַנט וועט באַלד ריידן מיט דער ראָטע. ווי ס׳האָט זיך ניט געוואָלט פאַר־בלײַבן אונטער אַ דאַך, האָבן מיר קיין פאַרדראָס ניט געהאַט. איוואַשין וועט אומזיסט ניט רופן.

— קורסאַנטן! — האָט זיך געווענדט צו אונדז דער ראָטע-קאָמאַנדיר. — ס׳זײַנען פאַראַן ידיעס, אַז מאָרגן וועלן אונדז די דײַטשן אַטאַקירן. וואַזוי מיר שלאָגן זיך, ווייסן זיי שוין גוט. מיר האָבן ניט וואָס צו דערוואַרטן, אַז זיי וועלן אָנגרײַפן מיט אַ ראָטע קעגן אַ ראָטע. זיי פאַרשטייען, אַז אַ באַטאַליאָן וועט זיך אויך מיט אונדז ניט ספּראַווען. דאָס זאָג איך אײַך, קעדיי איר זאָלט ווייסן, וואָס עס שטייט אונדז פאַר. ד׳ קאָמאַנדשאַפט פון דער דאָרעם-גרופּע האָט בעדייע פאַרנעמען אַ קריגס-מאַנעווער אַף אָפּצוציִען דעם פײַנטס אַ טייל קרעפטן, נאָר עס קאָן אויך זײַן, אַז זי וועט אַזאַ געלעגנהײַט ניט האָבן און וועט ביכלאַל ניט קענען אַרויסווײַזן אונדז קיין הילף אין גאַנג פון שלאַכט. פאַרלאָזן דאַרפן מיר זיך בלויז אַף זיך אַליין. איך בין הייזעריק, דערפאַר כאַזער איך איבער פאַר די, וואָס האָבן ניט אײַנגעהערט: פאַרלאָזן וועלן מיר זיך בלויז אַף זיך אַליין.

קוילן און קעגנטאַנקען-גראַנאַטעס וועט אונדז אַף מאָרגן סטײַען, און דאָך פאָדער איך, איר זאָלט זײַן ביז גאָר שפּאָרעוודיק. יעדער קויל און גראַנאַטע דאַרף טרעפן אין ציל. מיר דאַרפן זיך אײַנקלאַמערן אין די אָקאָפּעס. קיין באָמבעס, קיין סנאַריאַדן און מינעס טאָרן אונדז ניט אַרויסיאָגן פון דאָרט. אין קלעם וועלן מיר זיך ניט לאָזן נעמען. אויב עס וועט דערגיין צו אַ האַנט-געפעכט, קאָנען די פאַשיסטן זיך מיט אונדז ניט גלײַכן. פאַרגעסט ניט, אַז אײַער ביקס האָט אַ באַגנעט, און זייער אווטאָמאַט איז בלויז אַ שטיק אײַזן מיט אַ רער. זיי וועלן אָפּטרעטן, אָבער אָט אין דעם מאָמענט דאַרף מען זיך באַזונדערס היטן פאַר זייער אוויאַציע און אַרטילעריע. גיסט זיך דאַן צונויף מיט דער ערד. זשאַלעוועט ניט קני און די עלנבויגנס. היט די קעפּ. נאָך איין וואָרענונג. איך וועל ניט מויכל זײַן קיינעם, ווער ס׳וועט איבערלאָזן אַפן פעלד אַ פאַרוווּנדעטן, וואָס קאָן אַליין זיך ניט דערקלײַבן צוריק אין אָקאָפּ. פאַר דעם וועל איך שטראָפן, ווי פאַר פאַראַט. אײַער פרײַנטשאַפט וועט אויסגעפּרוווט ווערן אַפן שלאַכטפעלד.

קורסאַנטן! ס׳וועט פאַרבײַ די שווערע צײַט, נאָר ס׳וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן, ווי מיר האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם סוינע און אים ניט דורכגעלאָזט קיין מאָסקווע. אין אַזאַ מילכאָמע ווערט די ליבע צום היימלאַנד געמאָסטן מיט דער סינע צום פײַנט.

קורסאַנטן! איך האָב אין אײַך שטענדיק געגלייבט, נאָר פאַר די לעצטע צען טעג, וואָס מיר זײַנען אַפן פראָנט, האָב איך אײַך נאָך מער דערקענט, און דערפאַר האָב איך הײַנט מיט דער פולער זיכערקײַט געזאָגט דעם עלטערן באַטאַליאָן-קאָמיסאַר: „מײַן ראָטע קאָן אומקומען, נאָר אָן קיין באַפעל וועט זי דאָס שלאַכטפעלד ניט פאַרלאָזן”. און איצט — רוט אָפּ! פאַנאַנדערגיין זיך!

צי דען איז פאַרבײַ בלויז צען טעג, זינט מיר האָבן פאַרלאָזט סערפּוכאָוו? מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען נאָך פריִער ווי די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. מיר זײַנען שוין דאָ אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג... פאַר קיין צוויי יאָר אין דער מיליטער-שול וואָלטן מיר ניט באַנומען

דאָס, וואָס פאַר צען טעג דאָ. ווער עס וועט בלייבן לעבן, דער וועט טאַקע האָבן די פולע רעכט צו פירן רויטאַרמייער אין שלאַכט.

דערווײַל ווייסן מיר איינס: אויב דער עלטערער לייטענאַנט האָט מיט אונדז אַזוי גע־רעדט, הייסט עס, אַז מאָרגן שטייט פאַר, קאָן זײַן, די שווערסטע שלאַכט פאַר אַלע צען טעג. נאָר ער מעג זײַן זיכער, זײַן פּערצעטע קורסאַנטן־ראָטע קאָן דאָ נאָר אַף אייביק פאַרבלײַבן, אָן קיין באַפעל וועט זי פונדאַנען ניט אוועק. אַזוי איז עס און אַנדערש קאָן ניט זײַן. און אַצינד זאָל אונדז קיינער ניט שטערן אַ ביסעלע אָפּרוען, אופשטעלן די קויכעס, כאָטש איין שאָ זיך גוט אויסשלאָפן אין אַ שטוב. ס'איז אָרנטלעך פאַרדינט. דאָס קומט אונדז.

צוויי שאָ זײַנען מיר געשלאָפן, ווי דערהאַרגעטע, און דערנאָך...

שטעכלקעס

מיט אָט דער געשלענגלטער סטעזשקע זײַנען מיר שוין הײַנט איין מאָל געגאַנגען. דאָס איז געווען שפּעט אין אָוונט. נאָר דאַן האָט מען נאָך געקאָנט עפּעס זען, און איצט איז שטאָקפינצטער, די פיס דאַרפן אַליין אָן דער הילף פון די אויגן טרעפן דעם וועג אַף צוריק. אַף דער נעשאָמע איז אויך ניט גאָר ליכטיק. פריִער מיט צוויי שאָ זײַנען מיר געגאַנגען צום שליאַך, וווּ מיר האָבן צעוואָרפן „שטעכלקעס”, פאַרשטענדלעך, ניט קיין בודזיקעס מיט ראָזלעכע אָדער בלויע נאָדל־קעפּ, וואָס וואַקסן לענגויס די פאַרקנס, נאָר שווערע און שאַרפע שטיקער אײַזן. איצט גייען מיר צוריק צום דאָרף, וואָס די ראָטע האַלט אײַן. הינטער אונדז איז פאַרבליבן דער שליאַך, וואָס איז בא די דײַטשן אין די הענט, און די סטאַדאָלע, פונוואַנען מע האָט אונדז באַשאָסן.

האָט עס געלוינט מיט די לעצטע קויכעס שלעפּן די שטיקער אײַזן, וואָס האָבן געמוליעט די אַקסל ביז שאַרפן ווייטעק, ריזיקירן מיטן לעבן, קעדיי צעשטעלן שטעכלקעס? זאָל זײַן, אַז דעם סוינעס אַן אווטאָמאָביל וועט אָנטרעפן אַף אַ שטעכלקע, איז וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס בא די דײַטשן אַ גומענע שינע?

יעליסייעוו טוט זיך דער ערשטער אַ וואַלגער אַף דער קאַלטער ערד, און מיר גלײַך נאָך אים. מיר מוזן כאָטש דעם אָטעם איבערכאַפּן. אויב ס'איז עמעס, אַז דער ערשטער באַ־מערקבאַרער סימען פון אַלדאָס לעבעדיקע איז באַוועגונג, בין איך טויט. פון מידקײַט איז בא מיר אַפילע די צונג אופגעלאָפן, זי קאָן זיך קיין ריר ניט טאָן, און בא סערגייעוון באַלעבעטשעט זי נאָך.

— עס באַקומט זיך, אַז ווײַל מיר האָבן וויניק קוילן, איז קעמפן מיר מיט שטעכלקעס. אײַזן האָט דאָ עמעצער איבערגעלאָזט אַ סאַך, ס'וועט אַף לאַנג קלעקן...

די שטים בא סערגייעוון איז אַ שטאַרקע, אַ הילכיקע. זײַנעם אַ סאַך קאָן מען דערהערן פאַר עטלעכע שפּאַן. יורע יאַקימאָוויטש, וואָס זיצט באַנאַנד מיט אים, ענטפערט שטיל, נאָר מיט קאַס:

— נו, האָסטו עס אַ געמבעו! באַהיט זאָל מען ווערן צו זײַן מיט דיר אײַנייִנעם אין אַ סעקרעט. וואָס פּלאַפּלסטו? ווער איז דיר שולדיק, אויב דו פאַרשטייסט ניט, אַז אַזאַ שטעכלקע קאָן אַמאָל אופטאָן מער פון אַ קויל, אַפילע פון אַ סנאַריאַד. שווײַג בעסער!

דאָס דאַכט זיך נאָר, אַז דאָ הערשט אַ בעסאָלמען־שטילקײַט. ליגנדיק מיטן אויער צו דער ערד, הערסטו, ווי די פּאָדער־פּאָזיציע איז אַפילע באַנאַכט פול מיט גרילצעניש, שקראַ־בעניש, פּײַפּעניש. אָט קאָן מען שוין פון ווײַט־ווײַט פאַרנעמען אַ קלאַנג, וואָס האַלט אין איין שטאַרקער ווערן. איצט הערן מיר שוין אַלע זייער גוט דאָס הודזשען פון פרעמדע אווטאָמאָבילן. דער שליאַך איז שוין טאַקע אין דעם אָרט זייערער. נאָר ניט אַנדערש, ווי זיי ווייסן, אַז אַף דעם באַצירק וועלן נאָך די שלאַכטן פאָרגעזעצט. די שײַן אין די פאָדערשטע פאַרעס איז ניט אײַנגעשלאָסן, און בלויז בא די הינטערשטע רעדער באַווײַזן זיך פון מאָל צו מאָל בלייכע פײַערלעך, וואָס ווערן גלײַך אויסגעלאָשן.

יעליסייעוו האָט זיך אויסגעזידלט. אים און אונדז גריזשעט אַ גרויסער פאַרדראָס: עטלעכע מאַשינעס זײַנען דורכגעפאָרן דאָס אָרט, וווּ מיר האָבן מיט אַ האַלבער שאָ צוריק אָרודעוועט, און זיי האָבן זיך בא גאָרנישט ניט פאַרטשעפּעט. דער ווינט האָט דאָך ניט געקאָנט אַזוי ריין אויסקערן דעם וועג. באַדאַרפט געווען צעשטעלן די „מאַטאָנעס” געדיכטער, נאָר מער האָבן

מיר ניט געקאָנט טראָגן מיט זיך. צי דען וועט סערגייעוו פאַרבלײַבן דער גערעכטער? ווען מיר וואָלטן געהאַט דינאַמיט, כאָטש פאַר איין־און־אײנציקער מינע...

א הילכיקער קנאַל, ווי באַם רײַסן דאָס אײַז אַפן טײַך, צעבויטעט די נאַכט. דערנאָך לאָזט זיך הערן, ווי א מאָטאָר האָט זיך פאַרכלינעט. אויב אַזוי, זײַנען מיר שוין ניט אומזיסט אין אַזאַ עסעריקער קעלט אָפּגעגאַנגען מיט שווייס. וואָס עס טוט זיך אַפן שליאַך, קאָן מען אין אַזאַ כאַשכעס, פאַרשטייט זיך, ניט זען, אָבער פאָרשטעלן קאָן איך זיך...

זאָל זײַן, אַז אַף דער שאַרף פונעם שטיק אײַזן האָט אָנגעטראָפן אַן אווטאָבוס מיט דעם סוינעס „לעבעדיקער קראַפט" — אַזוי ווערן די פאַשיסטן באַצייכנט לויט דער מיליטערישער טערמינאָלאָגיע. אַפן פאָדערשטן בענקל האָט געדרעמלט אַן אָפיצער. ווען דער שאָפער האָט מיטאַמאָל א צי געטאָן אַף זיך דאָס הענטל פונעם טאָרמאָז און די מאַשין, שטאַרק אָנבייגנדיק זיך אַף רעכטס, איז שטיין געבליבן, האָט, לאָמיר זאָגן, דער הער אָבערלויטנאַנט אָנגעטראָפן מיטן שאַרבן אין דעם מעטאַל פון דער קאַבינע.

„צום טויפעלן!" — שוימט אין אים א בייז זידעניש.

זאָל זײַן צום טײַוול, נאָר דאָס אָנגעוואַרעמטע אָרט פאַרלאָזן. פון דער מאַשין, הנידע, ווּעסטו מוזן אַרויסקריכן. דו דאַרפסט דאָך פעסטשטעלן, וואָס אַזוינס איז געשען. די סאָל־דאַטן — געזונטע אָקסן מיט אָנגעפרעסענע פיסקעס — מעגן קלערן: א קלייניקײַט, עס טרעפט, ס'פּלאַצט א שינע. אויך מיר א געשעעניש. אַף צו פאַרבײַטן די קאַמערע פאָדערט זיך פופצן, צוואַנציק מינוט, העכסטנס א שאָ. וואָס מער, איז בעסער. פאַר דער צײַט קאָן מען א ריגעווע טאָן די פאַרגליווערטע פיס און אָפּטאָן א באַדערפעניש. ביכלאַל, וווּהין איז דאָ צו אײַלן. דער פראָנט איז ניט קיין קוריער־צוג. צו אים ווּעסטו שטענדיק באַווײַזן.

אַזוי מעגן טראַכטן פּאָשעטע פריצן, נאָר ניט דער הער אָבערלויטנאַנט. כאָטש די גאַנצע רעציכע איז אים פאַר איין אויגנבליק אַרײַן אין פּאָנעם, ווײַל עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז אַף זײַן שמאָלן שאַרבן איז אויסגעוואַקסן א גוליע די גרייס ווי א טאָלער, מוז ער זײַן באַדאַכט. ער, וואָס איז פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן, מוז אַרײַנקוקן א ביסל טיפער, ער גראָד דאַרף גוט וויסן די ווערט פון צײַט אַפן פראָנט, און זײַן פליכט איז קומען פּינקטלעך צו דער אָנגעמערקטער מינוט אַהין, ווו ס'איז אים באַפוילן געוואָרן.

עס רוישט נאָך אין די אויערן דער עכאָ פונעם ערשטן אופרײַס, ווי עס קומט א צווייטער און א דריטער, זיי זײַנען נאָך שטאַרקער. דאָס פּלאַצן די שינעס בא די שווער אָנגעלאָדענע לאַסט־אווטאָמאָבילן.

— הער אָבערלויטנאַנט! — ווענדט זיך צו אים דער שאָפער. — עמעצער האָט אַפן וועג צעוואָרפן שאַרפע שטיקער אײַזן. דאָס איז געטאָן געוואָרן ערשט ניט לאַנג. דער וועטער איז א פײַכטער, און דאָס אײַזן איז ניט פאַראָסטעט.

דער שאָפער, ווייסט דער אָבערלויטנאַנט, איז ניט דעם ערשטן טאָג אַפן פראָנט, און דאָך ציטערט בא אים פון שרעק די שטים. אָט דער „עמעצער" שרעקט. אויב דער „עמעצער" האָט זיי באַגעגנט מיט שטעכלקעס, האָט ער דאָך אויך געקאָנט פאַרמינירן דעם וועג, די ריוון, דאָס פעלד. די טיף־האַרבסטיקע נאַכט האָט אַלץ צוגעדעקט, אײַנגעהילט. מעגלעך, אַז דער „עמעצער" זיצט דאָ ערגעץ פאַרשטעקט און טשאַטעוועט זיי נאָך, ער טשעפּעט זיי ניט, ווײַל ער וואַרט, ביז ס'וועט זיך צונויפקלײַבן א היפּשע קאָלאָנע, אָט דאַן...

צום טויפעלן! שטענדיק מוז עפּעס טרעפן אין אַזאַ שטילקײַט. ער וועט זיך פון אָרט ניט רירן, ביז עס וועלן ניט אונטערקומען די מיניאָרן. אַפילע אין שוצגראָבן, ווען מע שיסט אין דיר, אין אַטאַקע גיין איז אויך בעסער. דאָרט זעסטו, מיט וועמען דו האָסט צו טאָן, די סאָלדאַטן פאַרשטעלן דיך אַמאָל פון א קויל, פון א שפּליטער. איצט האָט ער באַזונדערס לוסט צו לעבן. ניט צוליב דעם איז ער אַזויפיל קריגס־וועגן דורכגעגאַנגען, קעדיי דאָ, הינטער מאָסקווע, וואָס וועט אָט־אָט פאַלן, פאַרלירן דעם קאָפּ. זײַנע „שרעקלאָזע העלדן" האַלטן זיך צוזאַמען, ווי א טשערעדע באַראַנעס, וואָס מע האָט שוין פאַרטריבן אין בוינע, כאָטש נעם און מאַך פון זיי מיט איין שאָס קאָטלעטן־פאַרש. ער וועט באַפוילן דעם אונטער־אָפיצער, אַף אים מעג מען זיך פאַרלאָזן, אויסשטעלן איין אָפּטיילונג אין צוויי שערענגעס און זאָלן זיי, שפּאַנענדיק אַקסל צו אַקסל, טאַפּן מיט די פיס דעם וועג... נאָך צוויי גרופּעס וועט ער הייסן, ווי ווײַט דאָס איז איצט מעגלעך, אויספאָרשן פון ביידע זײַטן דעם שאָסיי און באַוואַכן אים.

פון איינעם צום אַנדערן גיט מען איבער דורך דער געשאַפענער מענטשן־קייט: מע האָט אָנגעטאַפּט נאָך דרײַצן שטעכלקעס. דרײַצן איז א שלימאַזלדיקע צאָל. נאָך גיט מען איבער, אַז בא א דרײַ הונדערט מעטער רעכטס פון וועג שטייט א געבײַדע, אַרום וועלכער עס קומט פאָר עפּעס א באַוועגונג.

דער אָבערלויטנאַנט איז שוין זיכער, אַז דאָרט לאָקערט עמעצער. ווער דען האָט צעשטעלט די שטעכלקעס! אים האָט נאָך קיינמאָל קיינער ניט באַשולדיקט, אַז ער האָט ווען־ניט־איז פאַרזאַמט אָפּגעבן דעם געהעריקן באַפעל. זײַן פליכט וועט ער אויך דאָס מאָל אויספילן. ער באַפוילט עפענען אַ מאַסירט פײַער אין דער ריכטונג צו דער געבײַדע. די געבײַדע — דאָס איז די סטאָדאָלע, פונוואַנען עס האָבן אונדז באַשאָסן דײַטשן, וועלכע האָבן קאָנטיק געהאַט אַן אויפגאַבע אָפּשנײַדן דעם וועג פאַר די רויטאַרמייער, וואָס קלײַבן זיך אַרויס פון דער אַרומרינגלונג.

דער אָבערלויטנאַנט איז איבערצײַגט, אַז די, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אין דער געבײַדע, וועלן באַלד אָפּטרעטן, נאָר דערווײַל ענטפערן זיי מיט זאַלפן פון קוילנוואַרפערס, ביקסן, אווטאָמאַטן. זײַנע אַ ראַקעטע וואָרנט אָף פיל קילאָמעטער אַרום, אַז ער פירט אַ שלאַכט מיטן פײַנט. פון ערגעץ גאָר ווײַט האָבן פראָזשעקטאָרן, ווי בלויע שווערדן צעשניטן דעם הימל אָף שטיקער. האַרמאַטן און מינענוואַרפער האָבן צעעפנט זייערע געמבעס. מע קאָן שוין ניט פאַרשטיין, ווער און פונוואַנען שיסט, ווער וועמען וויל אומברענגען. און נאָר מיר, וואָס האָבן געקאָנט אַזוי גרינג זיי צוגעבן היץ, זײַנען געשטאַנען פון דער זײַט און געשוויגן. וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן, אויב פאַרן מאָרגעדיקן שלאַכט האָבן מיר באַדאַרפט אײַנהיטן וואָס מער קוילן. רייצן זיי, שרײַען „אור־ליר־ליר״, ווי באַם פאַרטרײַבן ווילדע כײַעס? — וועט אונדז קיינער ניט דערהערן.

אַ מאָטאָציקליסט האָט מיט אַ טראַסק זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. דורך טעלעפאָן־דראָטן, דורך ראַדיאָ, מיט דער הילף פון סיגנאַל־ראַקעטעס, פילפאַרביקע אַליאַרם־צייכנס פון קעשענע־לאַמטערנס זײַנען אַוועק דרינגענדיקע אָנפראַגעס, וואָרענונגען, פאָדערונגען, באַפעלן. און וואָס איז דאָ צו כידעשן זיך? דאָס איז דאָך ניט קיין געוויינלעכע בײַפראָנט־זאָנע, נאָר דער וויכטיקסטער פראָנט — דער פראָנט אָף מאָסקווע. אײַנעמען די סאָוועטישע הויפּטשטאָט איז באַפוילן ווי אַמשנעלסטן.

איז אויסגעקומען אופוועקן אַן אָנגעזעענעם גענעראַל פונעם ווערמאַכט. אַן אָנגעבלאָזענער מיט גײַווע, האָט ער בייז אַ בורטשע געטאָן, און זײַן אַדיוטאַנט האָט עס פאַרשטאַנען אַזוי:

— אַרומרינגלען! קאָנטראַטאַקירן! אום יעדן פרײַז גלײַך אָפּרייניקן, פאַרניכטן און מיטיילן!

אָף דער צווייטער זײַט פון דער פראָנט־ליניע וועט אַ רויטאַרמייער, וואָס שטייט אָף דער וואַך, שטילערהייט אַ זאָג טאָן:

— ווידער אַ הוראַגאַן פון פײַער און שטאָל. אויך דאָרטן בײַסט מען זיי פון אַלע זײַטן.

און עפּשער וועט דער אָפּקלאַנג פון דעם שטורעם דערגיין ביז דער סאַמע הויפּטשטאָט. מאָסקווע וועט וועלן וויסן, וואָס קומט עס פאָר אין קוואַדראַט, וווּ עס אָפּערירן די פאָדאָלסקער קורסאַנטן.

איז אָט גיי וויים, פאַרוואָס עס האָגלט אָף דער פאָדער־פּאָזיציע, גיי וויים, אַז שטעכלקעס — שווערע און שאַרפע שטיקער אײַזן — פאַרמאָגן אויך אַ גרויסע ווערט.

ווען יעליסייעוו זאָל מיך ניט געוועזן אַ טאָרקע טאָן, וואָלט איך, זײַענדיק גאָרניט אין אַזאַ אויסגעכאָלעמטער וועלט, אַפּאַנעמעסן אַנדרעמלט געוואָרן. טאַקע טויט־מיד, נאָר מע טאָר זיך ניט פאַרהאַלטן. אָף דער מילכאָמע קומט אויס צו האָרעווען נאָך שווערער, ווי דער אָקס אין סאָכע. די פיס האָבן זיך אונטערגעבראָכן, און מיר זײַנען געגאַנגען...

די ערד הוידעט זיך

דער וועטער האָט אונדז פון אָנהייב אָן ניט געבאַלעוועט, נאָר פונעם 10 אָקטיאַבער האָט ער זיך גאָר פאַרערגערט. אָף אַ סאַך פריִער, ווי געוויינלעך, זײַנען דער האַרבסט מיטן ווינטער זיך אַזוי נאָענט צונויפגעקומען, אַז ס׳איז שוין שווער אָפּצוטיילן איינעם פונעם צווייטן. דער נאַקעטער וואַלד שטייט אַ פאַרקלערטער. די אַלטע ביימער האָבן אינגאַנצן אָנגעוואָרן די בלעטער, און ביז שפּעט אין טאָג זײַנען די צווײַגן, די צעפוילטע היליאַקעס, אין פראָסטיקן צוויט. העלע שניי־קריסטאַלן דרייען זיך מיט אַלע ווינטערדיקע כיינדלעך אין דער קאַלטער לופט. זיי דעקן צו דעם גראָזיקן באָדן־שיכט, מיט וועלכן ס׳זײַנען אַרומגעלייגט די ברוסטווערס און די פאַרגליווערטע בלאָטע אין די שוצגראָבנס. אין די טיפע קאַנאַווע איז צוגעקומען אָף אַ פינגערהויט שײַן. ביז ווײַסער אַלטקײַט האָט דערלעבט דער שווערער האַרבסט פון איין־און־פערציקסטן.

דעם ערשטן איבערבײַסן באַ די דײַטשן באַקומט, ווײַזט אויס, דער לופט־פיראַט, וואָס

פליט אפן „גאַרבאטש”, און עפשער איז ער נאָך זאט מיט דער נעכטיקער וועטשערע. ס'איז נאָך זייער פרי. ערשט ניט לאנג האָט זיך געהערט א צעצויגענער האַנען־געקריי, און ער, אפן „גאַרבאטש”, די נעשאָמע פון אים, איז שוין דאָ. זײַן מיין איז אונדז קלאָר. דאָס פײַער וועט ער נאָכדעם קאָרעגירן. פריִער וויל ער זיך איבערצײַגן, צי האָבן מיר זיך פאר דער נאכט ניט אָפּגעטראָגן. ער מאכט עטלעכע שלייפן, דעמאָנסטרירט זײַנע קענטעניש אין העכערן פילאָטאזש. א שפארבער — א בארימער. דערנאָך פליט ער נידעריק, קימאט איבער די דעכער פון סאָווינאָווע. פון די קוימענס שפארט ניט קיין רויך, און קיין שום באוועגונג איז אין דאָרף ניט צו באמערקן. א הונט באגעגנט אים מיט א האווקעניש, נאָר דאָס הערט ער דאָך ניט. ווען ניט דער איינציקער דזאָט, וואָס סטארטשעט אין דער מיט, וואָלט די לאָנקע, ווו מיר געפינען זיך, געקענט אָנגענומען ווערן פאר א פלי־פעלד.

מיר האָבן שוין געמיינט, אז דער „גאַרבאטש” האָט זיך פון אונדז אָפּגעטשעפעט, נאָר ער, לאָזט זיך אויס, זעצט פאָר זײַן אויסשפּירן. ער זוכט די איבעריקע ראָטעס פון באטאליאָן. פאלנדיק, ווי א שטיין, צו דער ערד, האָט ער דורכגעשטאָכן די וואָלקנס און דערנאָך עטוואָס אויסגעגלײַכט דעם שנאָבל, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צונויפירן די רעדער מיט דער ערד און זיך אָפּשטעלן. ניט מיך איינעם האָט ער אָף א רעגע אָפּגענאַרט. אָפּגענארט עפשער דערפאר, ווײַל ס'ווילט זיך שטארק, אז אָט די ברוינע בעסטיע, וואָס פליט איבער אונדז פונעם ערשטן טאָג אָן, זינט מיר זײַנען געקומען אהער (דער נומער, וואָס איז אָנגעצייכנט באנאנד מיטן שלאנגען־קרייז, האָט זיך גוט פארגעדענקט), זאָל א לעבעדיקער ארײַנפאלן צו אונדז אין די הענט. ווען־עס־איז, גלייבן מיר, וועט ער זיך נאָך ארײַנכאפן. זײַן ריין־אריש בלוט וועט פארגליוועט ווערן, און עס וועט פון אים קיין זיכער ניט בלײַבן. נאָר דערווײַל האָט ער זיך ווידער א ריס געטאָן אין הימל און איבערגעלאָזט נאָך זיך א שמאָלן פאס רויך.

כ'מיין, אז דאָס זאָל געווען זײַן אָפּהענגיק פון אונדז, וואָלטן מיר באם רעקאָגנאָסצירן דעם שוץ־פּלאצדארם אויסגעקליבן אן אנדער אָרט און, פארשטייט זיך, ניט אוועקגעשטעלט אין סאמע צענטער א היוכן דזאָט, וואָס זאָל סטארטשען, ווי א טורעם. אויך די אָקאָפּעס, די מינען־ און קוילנווארפער־נעסטן, פונוואנען מיר דארפן פירן אקטיווע אָפּעראציעס, זײַנען פארגרייט לויטן שאבלאָן, אז דעם סוינע קאָן מען דערוואַרטן פון מײַרעוו און בלויז פון מײַרעוו, אז קיין מאנעווער־שלאכטן וועלן דאָ ניט פאָרקומען, און די קעמפנדיקע צדאָדים וועלן דאָ פירן בלויז א פּאָזיציע־מילכאָמע, געפינענדיק זיך איינער קעגן אנדערן אין באַפעסטיקטע שוצגראָבנס, ווו עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקײַט שנעל און פארהעלטניסמעסיק אָן פארלוסטן איבערוואַרפן די שלאכטלײַט פון איין אָרט אפן צווייטן. דאָס האָבן מיר שוין אליין פארלענגערט די שוצגראָבנס אף די פלאנגען, און דער פלאצדארם האָט באקומען דעם אויסזען פון א פּאָדקאָווע.

■

דער עלטערער לייטענאנט פירט אָן מיט דער ראָטע דורך פארבינדלער. איך בין איינער פון זיי. בייסן נעכטיקן זאלפּ פון די „קאַטיושעס” האָב איך זיך ניט דערטראכט צו עפענען דאָס מויל, און דערפאר זײַנען בא מיר די אויערן ווי מיט וואטע פארלייגט. וועגן דעם וואָלט איך באדארפט זאָגן דעם עלטערן לייטענאנט, נאָר ווײַל ער ווייסט, אז מיר האָט זיך שטארק ניט געוואָלט פארלאָזן מײַן אָפּטיילונג, קאָן ער נאָך מיינען, אז איך דערמאָן וועגן מײַן טויבקײַט, קעדיי מע זאָל מיך פארבײַטן מיט עמעצן אנדערש.

פון דאָרף האָט מען געבראכט געקאָכטע קארטאָפל. מע האָט זיי איבערגעצײלט. עס באַקומט זיך צו צוויי מיט א האלבער קארטאָפל אף א מענטשן. טיילט מען זיי: קלענערע — צו דרײַ, און גרעסערע — צו צוויי. אין א הילצערן שעפל טראָג איך אָפּ מײַן ווזוואָד דעם טייל, וואָס אים קומט. קעדיי אײַנשפּאָרן צײַט, לאָז איך זיך ניט מיט די שוצגראָבנס, נאָר מיט א גלײַכן וועג, לענגויס דער לאָנקע. די צעקאָכטע קארטאָפל שמעקן, כאָטש פארשטעקט די נאָז, נאָר אויך די אויגן קאָן מען ניט אָפּוענדן פון זיי, באזונדערס פון דער, וואָס ליגט א צעפריִעטע, א צעשפּאלטענע, מיט די אינגעווײדן אויבנאָן. שײלן וועט זי קיינער ניט, ווײַל בא איר איז שוין די שאָלעכץ אליין אָפּגעשטאנען. כ'וואָלט געקענט נעמען דאָס אָנגעבראָכענע שטיקעלע, ווו עס שווארצט זיך אן אייגל, נאָר מײַן כײַלעק וועל איך דאָך באקומען, ווען כ'וועל זיך אומקערן, און דאָ, ווײַל די קארטאָפל זײַנען קליינע, זײַנען פינקטלעך אָפּגעלייגט פאר יעדן צו דרײַ. אויב כ'וועל נעמען א שטיקל, וועט עס זײַן אף עמעצנס כעזשבן. אזוי

באגייט מען זיך ניט, דער אָפּגענאַרטער וועט עס מיר ניט מוחל זײַן, און אזא, ווי סערגייעוו, קאָן אפילע לאָזן די הענט אין גאנג. כאַטש, ניין, מיך וועט ער ניט אָנרירן. מיר גלייבט ער.

אויב עס וועט ניט גויווער זײַן דער פארשטאנד, וועל איך זיך אליין געבן איבער דער שוין צו צעהוידעטער לינקער האנט, וואָס דערווײַל פאָלגט זי נאָך מיט גוטן.

א סנאַריאַד און דערנאָך עטלעכע מיטאמאָל פליִען הויך איבער מיר און טרעפן ערגעץ ווײַט הינטערן וואלד. אדעראבע, האלעווײַ זאָלן זיי אלע אזוי פליִען. נאָר דאָס איז, מיסטאם, ניט מער ווי א רעפּעטיציע. דער דזאָט איז א בעסערער אָריִענטיר, ווי איך. אין מיר שיסט מען ניט, האָב איך זיך ניט וואָס צו היטן. ס'איז ניט פון די גרינגע זאכן פויזענדיק שטויסן פאָרויס זיך דאָס שעפל. באדארפט געווען איבערבינדן עס. דאן וואָלט דער יעיצערהאָרע ניט געפּרוווט אָנרעגן צו טאָן א פארבאָטענע זאך, און ס'וואָלט ניט געווען קיין געפאר, אז באם שלעפּן נאָך זיך דאָס שעפל וועט זיך דאָס גוטס צעשיטן.

די סנאַריאַדן לייגן זיך אלץ נעענטער. מיט וואָס צו פארשטאָפּן בא די הארמאטן די מײַלער, זיי זאָלן אזוי ניט האווקען, האָבן מיר ניט. מוז מען זיך צופּלעטשן צו די פארפרוי־רענע הרודעס, וואָס זײַנען הארט ווי מאצייווע־שטיינער, און איבערוואַרטן. אָט דער אופרײַס איז אזוי נאָענט און שטארק, אז די ערד האָט ניט אויסגעהאלטן און מיט קויעך מיר א שטויס געטאָן אין בויך. דאָס איז געווען אן אדערוף.

פינף צי זעקס סנאַריאַדן, איינער נאָכן אנדערן, האָבן זיך אוועקגעלייגט ניט ווײַט פונעם דזאָט. קאָן זײַן, אז דאָס איז געווען א שאָס פון זייער זעקסרעריקן הארמאט. מיטן „קאטיושע“־זאלפּ איז אים ניט צו פארגלײַכן. נאָר פארניכטן דעם דזאָט קאָן ער. די סנאַריאַדן רײַסן זיך נאָך, און עס זײַנען שוין אָנגעפלויגן זייערע באָמבארדירער. בא מיר איז א געפיל, ווי די ערד וואָלט זיך וועלן שטעלן קאַפּויר. אָט ווען מע מעג מעקאנע זײַן דעם סוסליק, וואָס פארגראָבט זיך טיף אין דער ערד. אים קאָן מען פון דאָרט ארויסיאָגן נאָר אויב מע וועט גיסן וואסער, אי טאָ פארמאָגט ער געוויינלעך א צווייטן ארויסגאנג. קעדיי מיך אומברענגען, איז גענוג א מינדסטער שפּליטער די גרייס ווי אן ארבעסל.

די שווארצע באָמבע־גריבער מערן זיך. די אופרײַס־כוואליע האָט ארויסגעריסן דאָס שעפל פון דער האנט און עס ליגט איבערגעקערט.

איין פּארטיע אעראָפּלאנען האָט זיך אויסגעליידיקט, און גלײַך זײַנען געקומען אנדערע אויסלאָדן דעם טויט־פּראכט אף אונדזערע קעפּ. איך און די קארטאָפל זײַנען צוגעדעקט מיט א קאָלדרע פון ערד. ווער וועט גלייבן, אז פון די אופרײַסן איז בא מיר איבערגעגאנגען די טויבקײַט? כ'האָב מיטאמאָל דערפילט א פארלײַכטערונג, אָט אזוי ווי נאָכן באָדן זיך, ווען מע טרייסלט אויס, שפּרינגענדיק אף איין פוס, די טראָפּנס וואסער, וואָס פארקלײַבן זיך אין אויער.

געוויינלעך קומט נאָך אזא ארטילעריע־ און אוויִא־צוגרייטונג די אינפאַנטעריע, אָבער דערוויַיל פילט מען ניט, זי זאָל זײַן באַנאַנד מיט אונדז. די ארטילעריע האָט געשאָסן פונדערווײַטן. קאָן זײַן, אז דאָס האָבן די דײַטשן זיך געוואָלט דערוויסן, וויפל פארמאָגן מיר הארמאטן און ווו זײַנען זיי אײַנגעשטעלט, קעדיי פארפיקסירן און דערנאָך פארניכטן אונדזערע פײַער־קנופּן. קיין ענטפער האָבן זיי ניט באַקומען, וועלן זיי נאָך א פּאוזע אָנהייבן ווידער אלץ אפסנײַ. פון מאָל צו מאָל דערטראָגט זיך אויך א קויל, נאָר ס׳איז ניט צו פאַרשטיין, פונוואַנען שיסט מען. מיט א צוגעזשמורעט אויג קוק איך ארײַן אין דער רער פון מײַן ביקס — זי איז אין אָרדענונג. נעכטן האָב איך זי גוט אויסגערייניקט, בלישטשעט זי מיט א זילבערנעם גלאַנץ. באַלד וועל איך צונויפנעמען די קארטאָפל און זיך לאָזן אפגיך צום אָקאָפּ, עמעצער לויפט שוין פון דאָרט מיר אנטקעגן. וואָס מיינען זיי, כ׳וועל אליין זיך ניט דערקלײַבן?

איצט האָבן פאַר אונדז זיך גענומען די מינענווארפער, דאָס מין געווער, וואָס איז באַזונדערס געפערלעך, ווען דו ביסט אין אָפענעם פעלד. ווער פון די קורסאַנטן ס׳האָט מיר געוואָלט העלפן, ווייס איך ניט. אַף אזא מעהאלעך האָב איך אים ניט דערקענט. נאָר ער האָט מיך געפאָלגט. כ׳האָב צו אים עטלעכע מאָל א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, האָט ער זיך אויסגעצויגן אַף דער ערד אוןווארט אַף מיר. דאָס איז אויך איבעריק. מײַן מיין איז געווען, ער זאָל זיך צוריק אומקערן. איצט דערקען איך אים — ס׳איז באָקאָוו, ער ליגט מיט ברייט צעשפּרייטע פיס, ווי באַם קוילנוואַרפער.

— וואַלענטין, — שרײַ איך צו אים, — ווי נאָר ס׳וועט שטילער ווערן, לאָזן מיר זיך לויפן. איך טראָג אײַך עסן. אין קיין הילף נייטיק איך זיך ניט. דו הערסט מיך? וואָס שווײַגסטו? — איך פויזע צו אים, און ווײַל ס׳האָט מיך שוין באַהערשט א שווער פאָרגעפיל, שרײַ איך אַף א קאָל, ווי הויך איך קאָן, — וואַליע, אויב דו שפּאַסט, וועל איך דיך א זעץ טאָן מיטן שטיוול אין הינטן. כ׳וועל זאָגן מאַליכינען, וועסטו באַקומען א פײַג, און ניט קיין קארטאָפל. ביסט ניט פארוווּנדעט. באַלד וועל איך זיך מיט דיר צערעכענען. אָט באַלד...

אויב באָקאָוו לעבט שוין ניט מער, איז דער טויט געקומען צו אים אָט ערשט. די פארב אַף זײַן אומבאַוועגלעך פּאָנעם האָט זיך נאָך ניט געביטן, אפילע די ליפּן זײַנען נאָך ניט בלייך געוואָרן, און אין ערגעץ זע איך ניט קיין סימען פון בלוט. צי דען וועלן בא אים באַלד ניט קיין ציטער טאָן די וויִעס און אין זײַנע אויגן וועט זיך ניט באַווײַזן קיין לעבעדיק פײַערל? איך כאַפּ ארויס דעם אינדיווידועלן מעדיצינישן פּאַקעט. דאָרט ליגן צונויפגעלייגט צוויי קליינע וואַטע־קישעלעך, ארומגעצויגן מיט מארליע, א בינט, אַן אמפּולע מיט יאָד און אַן ענגלישע שפּילקע. נאָר וואָס זאָל איך טאָן מיט דעם, אויב מע זעט ניט קיין ווונד? פאָרזיכטיק, ווי מע וואָלט אים נאָך געקאָנט פארשאַפן ווייטעק, קער איך אים אויס אַף דער פּלייצע. אָט איז דאָס לעכעלע פון א קויל.

קיינער וועט אים שוין ניט העלפן. איז צוליב וואָס זשע שפּיליע איך נאָך אָפּ די קנעפּלעך אַף זײַן גימנאַסטיאָרקע און לייג צו דעם אויער צו דער ברוסט? דאָס הארץ שווײַגט. אַפן האַלדז בא אים הענגט אַף א שנירל א קליין ציילעמל. איך נעם עס אראָפּ און לייג ארײַן צו זיך אין קעשענע. קיין טרער לויפט ניט אָן. די האַנט ציטערט ניט. מע קאָן מיינען, אז א לעבן לאַנג האָב איך זיך פארנומען נאָר מיט אזעלכע זאַכן.

■

וואַלענטין פּעדאָטאָוויטש איז געווען ניט פון די מענטשן, מיט וועמען ס׳איז לײַכט זיך צונויפגיין, גלײַך ווערן גוטעפרײַנט. מיר מיט אים האָבן זיך פּאָשעט גוט פארהאַלטן. ער האָט ארויסגערופן צו זיך אָפּשײַ. וועגן ציילעמל, אשטייגער, האָבן מיר אלע געוווּסט, נאָר פרעגן, פארוואָס דער געוועזענער לערער און קומענדיקער קאָמאַנדיר באָקאָוו, כאָטש אין גאָט גלייבט ער ניט, טראָגט עס אַף דער ברוסט, האָט קיינער ניט געוואָגט. איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך געבאָדן, איז מיט אזא פראַגע צו אים צוגעשטאַנען א קורסאַנט פון אַן אַנדער ווזוואָד, און באָקאָוו, וואָס האָט צוערשט פאראַקשנט געשוויגן, האָט אים דערנאָך ווײַט ניט איידל אָפּגעענטפערט. א וואָרט פאַר א וואָרט, און ס׳האָט זיך פארקאָכט, ווי מע זאָגט, א קאַשע אַף ניט אײַנצושלינגען און ניט אויסצושפּײַען, גלײַך דאָס וואָלט איצט געווען די גרעסטע זאָרג, פעסטשטעלן, צי שטימט מיט אונדזער עטיק, אז אַן אטעיִסט, א מענטש מיט הויכער בילדונג, זאָל טראָגן א ציילעמל. אייניקע האָבן געטײַנעט, אז אזוי קאָנען טאָן נאָר פאַלשע מענטשן, וואָס האַלטן זיך ניט בא קיין שום פּרינציפּן, איז ווי קאָן מען אזוינעם פארטרויען אין שלאַכט? די מײַסע איז דערגאַנגען ביז צו איוואַשינען.

אים, פאַרשטייט זיך, האָט באַקאָוו דערציילט, ווי די זאַך איז. דאָס ציילעמל האָט אים אופגעהאַנגען אפן האַלדז די מאַמע און פאַרשווירן, אז ביז די מילכאָמע וועט זיך ניט ענדיקן, זאָל ער עס נישט אראָפּנעמען ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט, וועט עס אים אויסהיטן פון א קרענק, פון א ווונד און פונעם טויט, פונקט ווי עס האָט אויסגעהיט איר טאַטן, וואָס האָט אָט דאָס ציילעמל געבראַכט אין יאָר 1878 פונעם באַלקאַנישן קריג.

— דײַן זיידע, — האָט זי געזאָגט, — איז געווען אײַנײנעם מיטן גענעראַל גורקאָ אפן שפּיץ פונעם באַרג שיפּקע, ווען די טערקן האָבן אים געשטורעמט, און, א לויב צו גאָט, געקומען אהיים א גאַנצער.

נאָכן זיידן איז די קאַמייע איבערגעגאַנגען בעירושע צו וואַלענטינס טאַטע, פּעדאָט באַקאָוו, וואָס איז געווען א סאָלדאַט בײַס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע און דערנאָך א רויטער קאָמאַנדיר בײַסן בירגערקריג. דער טאַטע האָט אָנטיילגענומען אין פיל שווערע שלאַכטן, און קיין קויל האָט אים ניט גענומען. איז אָט גלייבט זי, די מאַמע, אין דעם, וואָס בא איר אייניציקן זון הייסט עס זאַבאַבאָנעס, און בעט אים מיט טרערן, ער זאָל זי פאָלגן...

— דו האָסט אים שוין געטראָפן א טויטן? — דאָס זאָגט מיר פּימענאָוו, וואָס האָט פויזענדיק זיך דערקליבן אהער.

אָנשטאָט אן ענטפער גיב איך אים אָפּ דאָס ציילעמל. פּעדיע איז פון איין שטאָט מיט וואַלענטינען, און ווער ווייסט, עפּשער וועט ער נאָך אמאָל קענען עס איבערגעבן זײַן מאַמען. וואַלענטינען לייגן מיר אוועק אף זײַן אייגענער שינעל, און ווי נאָר די מינעס הייבן זיך אָן לייגן א ביסל ווײַטער פון אונדז, טראָגן מיר אים צום אָקאָפּ, וואָס אונדזער ווזוואָד פאַרנעמט. אויב ס'וועט זײַן א מעגלעכקײַט, וועלן מיר נאָך הײַנט, ערגעץ דאָ באַנאַנד, אויסגראָבן א גרוב און באַהאַלטן אונדזער געהאַרגעטן כאַווער.

די גרינע שינעלן זעט מען נאָך אלץ ניט. די דײַטשן מיינען, ווײַזט אויס, אז זייער אַרטילעריע און אַוויאַציע וועלן אונדז צוזאַמען מיטן שלאַכטפעלד פונדערווײַטן צערײַבן אָדער כאָטש אף אַזויפיל פּאַראַליזירן אונדזער פאַרשטאַנד, אז מירן אָן א געשלעג אָפּטרעטן.

אז מע זיצט אין אָקאָפּ, זײַנען די באָמבעס, די סנאַריאַדן און מינעס שוין ניט אזוי שרעקלעך. הײַנט נאָך, אז דו זעסט פון רעכטס און פון לינקס גוט באַקאַנטע פּענעמער. סערגייעוו האָט מיך פאַרכידעשט. ווער וואָלט געגלייבט, אז ער איז פייִק זיך אָפּזאָגן אפילע פון א ברעקל קאַרטאָפל? באַם שיילן די פּאָרציעס האָט ער, אָנווײַזנדיק אף מיר, א פרעג געטאָן:

— כעוורע, און וויאַזוי וועט זײַן, אויב אונדזער פּאָלקסקאָמיסאַר פאַר פאַרבינדונג וועט ניט באַקומען זײַן כיילעק ניט דאָ, ניט בא וואַסילי איוואַנאָוויטשן? דערצו, — ער האָט א קוק געטאָן אף די קאַרטאָפלעלעך, — זאָגט מען, אז פאַר א שלאַכט טאָר דער מאָגן ניט זײַן איבערגעפולט. לאָמיר אים אָפּגעבן באַקאָווס פּאָרציע, און דערפאַר וועט ער אונדז ברענגען גוטע נײַעס, אשטייגער, אז די „קאַטיושעס" וואַרטן, מיר זאָלן זיי א פינטל טאָן מיטן אויג, דאַן וועלן זיי ווידער א שפּײַ געבן מיט פײַער אף די פאַשיסטן.

רוזין, — איצט וועט ער זײַן דער ערשטער נומער באַם קוילנוואַרפער, — שאָקלט מיטן קאָפּ: ער איז מאַסקים. יאַקימאָוויטש דערלאַנגט מיר א שמאַטקעלע, אין וועלכן ס'איז פאַרבונדן א ביסעלע פאַרגעלטע צונויפגעקלעפּטע זאַלץ. עטלעכע מאָל טו איך מיט דער צונג א לעק פונעם קניפּל און קער עס אום יורען, ער הריזעט אָפּ א שטיקל און נעמט עס זויגן, ווי דאָס וואָלט געווען געשמאַק ווי שאָקאָלאַד.

מאַליכין לאָזט ניט, איך זאָל זיך דאָ אף אן איבעריקער מינוט פאַרהאַלטן. ער דאַרף, אז זײַן פאַרבינדלער זאָל די גאַנצע צײַט זײַן לעבן ראָטנע, און די באַפעלן זאָלן צו אים דערגיין וואָס גיכער, און דערצו איז ער נאָך אף מיר א ביסל אָנגעדראָדלט. עס האָט זיך באַקומען, אז איבער מיר דאַרף ער איצט אוועקשיקן דרײַ מענטשן פון יעליסייעווס שוין אזוי אויך שיטער געוואָרענער אָפּטיילונג. אָבער וויאַזוי האָב איך געקענט ניט ענטפערן איוואַשינען אף זײַן פראַגע?

פאָרגעקומען איז עס אזוי.

דער עלטערער לייטענאַנט פלעגט אויסנוצן יעדע פאַרהעלטענישמעסיק פרײַע מינוט, אלציינס, צי איז פאַר אים געווען די גאַנצע ראָטע אָדער אפילע איין קורסאַנט, קעדיי עפּעס נאָך אונדז אויסלערנען. קוקנדיק אין פעלד־בינאָקל, האָט ער פאַריינס אײַנגעטײַנעט מיט די פיר פאַרבינדלער לעבן אים:

— פאַר יעדער שלאַכט איז וויכטיק וויסן, וואָס קלײַבט זיך פאָרנעמען דער פּײַנט. וויסן גענוי. מע דאַרף זיך ניט פּרווון לייזן אין געדאַנק אַבסאָליוט אלץ פאַרן סוינע. דאָס קאָן ברענגען צו פעלערן, און פאַר זיי קומט אויס צאָלן מיט מענטשלעכע לעבנס, — ער האָט

אָפּגעריסן די אויגן פונעם בינאָקל און זיך אײַנגעקוקט אין אונדז, ווי ער זאָל עמעצן אָנגע־שטרענגט זוכן און ניט געפינען. — ווער פון די קורסאַנטן קען דײַטש?

כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס האָט ער אין זינען — פון די קורסאַנטן, וואָס זיצן דאָ. בין איך דאָך מעכוייעוו געווען זאָגן:

— א ביסל קען איך.

— און ווער נאָך פון אײַער וווזוואָד? מע מוז וואָס גיכער ברענגען אהער א לעבעדיקן דײַטש.

— זייער גוט קען יורעניעוו, א ביסל שוואַכער פּימענאָוו און יאַקימאָוויטש.

— איז גיט איבער מאַליכינען, אַז דאָס וועט זײַן א גרופּע אָף צו כאַפּן א „צונג". נײַן, אָנשטאָט פּימענאָוון זאָל ער שיקן סערגייעוון, ער שיסט בעסער און איז קרעפּטיקער. אויב ביז 11.00 וועלן די דײַטשן ניט אריבער אין אָנגריף, טרעט די גרופּע ארויס. גוט וואָלט געווען, ווען זיי כאַפּן א מאָטאָציקליסט. די דײַטשישע פאַרבינדלער קורסירן הין און צוריק אָף מאָטאָציקלען. דאָס וואָלט געווען די „צונג", וואָס מיר דאַרפן. אומקערן דאַרפן זיי זיך ניט שפּעטער פון 15.00. קלאָר?

■

מאַליכין דערקלערט יורען, אָלעגן און קאָליען זייער אופגאַבע. באַלד וועלן זיי זיך לאָזן מיטן וועלדל צום וועג, און איך — אָף צוריק צו איוואַשינען. די רוקזאַקן נעמען זיי ניט מיט זיך, נאָר יורע גריבלט זיך אין זײַן סידאָר. מיר אַלע האָבן זיך באמיט באפרײַען פון אַלץ, אָן וואָס מע קאָן זיך ווי־ניט־איז באַגיין, און בא אים איז דער רוקזאַק אָנגעשטאָפּט מיט אָן א שיר זאַכן, וואָס איין גאָט ווייסט, צוליב וואָס ער שלעפּט זיך מיט זיי. אָט געפינט ער דאָרט א קנויל דינעם דראָט. דאָס גראָד דאַרף מען איצט. און נאָך עפּעס זוכט ער. בא סערגייעוון קלעקט ניט קיין געדולד:

— יורע מיט זײַנע שטיקעלעך. באַלד וועט ער נאָך מיר און דעם פּראָפעסאָר יורעניעוו לייענען א לעקציע אָף דער טעמע „דער וואַלד פאַרשיקערט בעסער ווי אַלטער ווײַן", אָדער ער וועט אונדז א פּאָר שאָ דערציילן, ווי די בלעטער זינגען, און מיר הערן עס ניט נאָר דערפאַר, ווײַל די קלאַנגען דערגרייכן ניט צו אונדזערע אויערן. ערשט הײַנט באַנאַכט האָט ער, ווי א מאָנאַך, געבעטן, אַז גאָט זאָל ניט דערלאָזן, ער זאָל זײַן מיט מיר אינײנעם אין זאַסאַדע. זעט איר, מײַן געמבע געפעלט אים ניט. נעמט גאָט און טוט אונדז אָפּ ביידן אָף צולאָכעס.

— סערגייעוו, — שרײַט יעליסייעוו אָף אים אָן, — פאַרגעסט זיך ניט, — און שוין מיט גאָר אַן אַנדער שטים, — נאַ, ניקאָלײַ, פאַרייכער. יורע, שוין צײַט. סטאַרעט זיך גיכער אומקערן. וואָס פאַר א קאָמאַנדיר בין איך אָן אײַך? אָלעג, נעם נאָך איין גראַנאַטע.

■

ס׳איז שוין באַלד האַלבער טאָג. די אעראָפּלאַנען און האַרמאַטן לאָזן נאָך צורו אָף א צײַט, נאָר וואָס האָבן צו אונדז די מינענוואַרפער? די מינעס טראָגן זיך אזוי געדיכט, אַז איינע קאָן אָנטרעפן אָף א צווייטער. שוין ביז דער אַטאַקע האָבן מיר היפּשע פאַרלוסטן. פון די פיר פאַרבינדלער איז אויך איינער טויט און איינער שווער פאַרווונדעט.

ארום איינס אזייגער האָבן די דײַטשן זיך באַוויזן. אָט־אָט וועלן זיי ווער ווייסט וויפל זיך א לאָז טאָן אָף אונדז. שיסן האָט ניט קיין זין, ווײַל זיי לויפן נאָך דערווײַל אײַנגעבויגע־נערהייט גאַנץ ווײַט פון אונדז. איינער, געוויס אַן אָפיצער, האָט זיך אופגעהויבן אָף א בערגל, זיך ארויסגעגלײַכט און געבליבן שטיין ווי א פּלאָקן. ער איז מעשוגע, צי וואָס? ווען ניט איוואַשין, וואָלטן מיר שוין אין אים אַרײַנגעזעצט ניט איין קויל.

אונדזער קאָמאַנדיר זעט מיסטאָם, וואָס פאַר א „פּלאָקן" עס שטייט דאָרט. אַגעוו, איז ער שוין ניט אַליין. זיי זײַנען שוין אינפירן. נאָך איינער איז צו זיי צוגעלאָפן און גלײַך נעלעם געוואָרן.

איך ווייס, אַז אויב זייער לאַנג צילן זיך, קאָן מען ערשט דאַן ניט טרעפן, נאָר דאָס מאָל בין איך אין זיך זיכער.

— פײַער!

אָף איבערלאָדן די ביקס פּאָדערט זיך ניט קיין קאָמאַנדע. איוואַשין באַווײַזט בייסמײַסע געבן א זאָג:

— באַלד וועט מען זיי נעמען אַף טראַגבעטלעך. אכטונג! פײַער!

אינגאַנצן פיר אוועקגעלייגט, נאָר פּאָר א פּאַטשאַטעק איז עס ניט שלעכט. ארויסשטעלן דעם קאָפּ איז אומעגלעך. מינעס און קוילן האָבן זיי מער, ווי שטיינער אין יאַם. די אַראָפּ־לאָנען מיט די האַקנקרייצן זײַנען ווידער דאָ. איין רינג האָט שוין אונדזער שטיקל ערד צע־טרייבערט און באַפרײַט אַן אָרט פאַר א צווייטן רינג, דער צווייטער — פאַר א דריטן, און באַ־נײַס איז דאָ דער ערשטער.

מיר זײַנען פאַרטויבט, פאַרטשאַדעט, פאַרהלושעט.

די פיס זײַנען שטײַף אַנגעשפּאַרט אין איין וואַנט פון אַקאָפּ, און די פּלייצע אין דער אַנטקעגנדיקער, און דאָך דאַכט זיך מיר, אַז איך הוידע זיך צוזאַמען מיט דער ערד. א שטיק צעשפּליטערט האָלץ פּליט אַרײַן מיט א ווילדן פײַף אין אַקאָפּ און טרעפט אין מײַן שאָכן. ער פאַרשטעלט די ווונד מיט דער האַנט, מײַנע אויגן זײַנען נאָך בעקויעך באַמערקן בלוט־פּלעקן.

עס פײַערט נאָך אַלץ, נאָר ביסלעכווײַז קום איך צו־זיך. האָט איוואַשין באַמערקט, אין וואָס פאַר א צושטאַנד איך בין געווען? אויב יאָ, וועט ער עס מיר ניט מויכל זײַן. ווו זײַנען די דײַטשן? וואָס קאָן פאַר זיי זײַן בעסער, ווי אָנגרײַפן בייס אזא „קאָנצערט“? ווי דאָס זאָל ניט זײַן געפערלעך, נאָר מע מוז ארויסשטעקן דעם קאָפּ און זיך ארומקוקן. עמעצן שטופּ איך אָפּ אָן א זײַט, איבער עמעצן טרעט איך איבער, און אָט איז א מין טרעפּל, וואָס אויב זיך אופשטעלן אַף דעם, קאָן מען זיך ארויסרוקן ביז דער ברוסט און זען, וואָס עס טוט זיך ארום אונדז.

דער דזאָט שטייט ניט געררירט. ס'איז פונקט ווי זיי זאָלן ווייסן, אַז מיר האַלטן זיך וואָס ווײַטער פון אים, און דערפאַר ווילן זיי אַף אים קיין סנאַריאַדן ניט פּאַטערן. דאָס פעלד איז אײַנגעהילט אין פּולווער־רויך, נאָר דורך האַלב־ליכטיקע „פענצטער“ זעט מען פונדעסטוועגן, וואָס עס טוט זיך. אויב אורטיילן לויט דעם, ווי עס לייגן זיך די מינעס, זײַנען נאָך די דײַטשן ניט נאָענט. פון דעם געדאַנק ווערט א ביסל גרינגער. כ'טו זיך א קערעווע אַף רעכטס, און מײַנע אויגן באַגעגענען זיך מיט איוואַשינס אויגן, וועלכער שטייט אויך אַף אזא טרעפּל, ווי איך. זײַן מאַך מיט דער האַנט באַטײַט מיסטאַם: „באַהאַלט דעם קאָפּ!“. און ווײַל איך פאָלג אים ניט, באַווײַזט ער מיר א פויסט. איך טו, ווי ער, א פּאַך מיט דער האַנט, וואָס דאַרף באַטײַטן דאָס זעלבע: „פאַרבאַהאַלט דעם קאָפּ!“. ער קוקט אַף מיר, ווי איך וואָלט געווען ניט באַ די געדאַנקען: א קורסאַנט קאָמאַנדעוועט מיט אים. און עפּשער האָט ער מיך אין אָט דעם גע־העגעם, וואָס ווירבלט און קאַכט ארום אונדז, ניט פאַרשטאַנען? לאַנגזאַם, אַן א קלאַנג ארויס־צוברענגען, ווי ווען מע האָט צו טאָן מיט א שטומען, שרײַ איך מיט די איינע ליפּן, ער זאָל איבערלייענען אַף זיי:

— פאַרבאַהאַלט דעם קאָפּ! — און ווידעראַמאָל און לאַנגזאַמער: — פאַר־באַ־האַלט דעם קאָפּ!

פונעם שטאַרקן אופרײַס האָט דאָס פעלד זיך א הייב געטאָן. א הויפן הייסע ערד האָט מיך א פּאַטש געטאָן אין פּאָנעם, און כ'בין אַפּגעפלויגן אַפּן דנאָ פון אַקאָפּ. נאָך גוט, וואָס די אויגן־לעפּלעך האָבן אליין פון זיך צו דער צײַט זיך פאַרמאַכט. איך האַלט אין איין שפּײַען, און צווישן די ציין, אונטער דער צונג, באַם סאַמע האַלדז איז פול מיט ערד און זאַמד.

שטיקלעך מאַכשאַוועס פּלאָנטערן זיך אין מויעך: ווי קאָן אָט דאָס פעלד אַרײַנעמען אין זיך אַזויפיל פײַערדיק אײַזן? אַזויפיל מענטשלעכע לעבנס? ווי'אַזוי האָט עס אַלעג געזאָגט? זיך דערמאָנט: „אויב עס וועט פּאַרט געשען א נעס, און עמעצער פון אונדז וועט בלײַבן לעבן, וועט ער זײַן עלטער פון זײַנע יאָרן, ער וועט זײַן אַן אַנדערער, ווי געווען“. מיסטאַם וועט עס קיינער פון אונדז סײַוויסײַ ניט קאָנען באַשטעטיקן און ניט קאָנען אָפּלייקענען. א שאָד, וואָס כ'האָב אין לעבן אזויפיל זאַכן ניט באַוויזן אָפּטאָן. אַלץ אָפּגעלייגט אַף אַן אַנדערשמאָל, קיין אַנדערשמאָל וועט שוין, ווײַזט אויס, ניט זײַן. אָבער אזוי פּאַשעט וועלן מיר ניט אומקומען. מיר וועלן נאָך אַף אָט דעם שטיק פעלד נעמען נעקאָמע אין די היטלעראָווצעס, כאָטש זיי זײַנען צען אַף איינעם...

דורכויס שלאַכט

פונעם דנאָ פון אַקאָפּ זע איך א שטיק אויסגעשיילטן הימל־רוים, וואָס האָט אַף א ווײַל אופגעהערט צו כליופּען מיט פײַערדיקע בליצן. ווען אין הימל איז געווען ענג פון די „יונ־קערס“, האָט די פאַשיסטישע אינפאַנטעריע ניט געהאַט קיין צוטריט צו אונדזערע פּאָזיציעס.

די באַמבעס האָבן זיך געריסן ווײַטלעך פון די אָקאָפּן און פארייִנס געקאַנט אויך פארטשעפּען די דײַטשן. איצט איז פאר זיי די רעכטע צײַט אָנצוגרײַפן. דארף מען נעמען די אויגן אין די הענט און ניט זיצן, ווי קיין טאם.

נאָך דער באָמבארדירונג ריידן מיר אלע זייער הויך. איך דערקען אפילע ניט מײַן אייגענע שטים.

— ווּ איז דער עלטערער לייטענאנט? — שרײַ איך.

— איוואשין, — ענטפערט מען מיר, — איז אוועק אין דער ריכטונג צו אײַער ווזוואָד.

שיין וועל איך אויסזען, אויב דער קאָמאנדיר פון דער ראָטע וועט קומען צו אונדז, און איך, דער פארבינדלער, וועל ניט זײַן מיט אים. עס שאָקלט מיך, ווי א שיקער, נאָר כ׳לויף. אין אזא קעלט וואָלטן אין די פארפרוירענע הענט געקאָנט פארגיין זאשפּערעס, און איך וויש מיטן ארבל דעם געדיכטן שווייס, ער זאָל ניט קריכן אין די אויגן.

אין אָקאָפּ בין איך ארײַן צו דער צײַט. ווידער „באארבעט" מען דאָס פעלד, אז מע קאָן די נאָז ניט ארויסשטעקן. צום געוואָי האָב איך זיך שוין א ביסל צוגעוווינט, און כ׳געדענק, אז אויב, כאָלילע, זיך פארלירן אף איין רעגע, קאָן דערנאָך זײַן שפּעט. דעם באאָבאכטער, וואָס שפּירט נאָך די דײַטשן, איז פיל ערגער, ווי מיר. בא אזא פײַער האָט ער זיך צוגעקלעפּט צו א הויכער סאָסנע און רײַסט ניט אָפּ די אויגן פונעם טראָפּיינעם בינאָקל. דער קורסאנט, וואָס ברענגט די יעדיִעס פון אים, איז געקומען צו לויפן און טיילט איצט מיט איוואשינען, אז א ראָטע היטלעראָווצעס פארגייט אונדז פון רוקן.

אין פארגלײַך מיט די איבעריקע קורסאנטן פון מײַן ווזוואָד נעם איך אוף די ביטערע נײַס א ביסל רויִקער. דאָס איז דערפאר, ווײַל איך וויים, און זיי ווייסן ניט, אז גראָד פון מיזרעך דעקט אונדז צו יעווסטיגנייעווס גרופּע, וואָס אפילע אין ערגסטן פאל איז עס שוין א בופער, וואָס וועט אָפּשוואכן דעם אומגעריכטן קלאַפּ אין פּלייצע. איוואשין האָט נעכטן געזאָגט דעם סטארשינא: „אָבער ניט פון אונדזערע אָקאָפּעס", האָט ער מיט זײַנע פינף און צוואנציק רויטארמייער פאר דער נאכט אויסגעגראָבן און גוט פארמאסקירט באם ראנד פון וואלד „אייגענע" אָקאָפּעס. דער סטארשינא האָט מיסטאמע געמיינט, אז פאר איוואשינען וועט דאָס זײַן אומגעריכט, נאָר גאנצפרי האָט אים דער עלטערער לייטענאנט אָפּגעשיקט די קוילן און גראנאטעס, וואָס מיר האָבן נעכטן „אנטליִען", אן עמער מיט געקאָכטע קארטאָפל און אזא בריוועלע:

„כאווער סטארשינא! א דאנק, וואָס איר זײַט דאָ פארבליבן. שיקט צו מיט א פארבינדלער א צעטל פון אײַערע רויטארמייער. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אז די דײַטשן וועלן פאַרנעמען א מאנעווער, און די ערשטע וועט איר ארײַנטרעטן אין שלאכט, לאָזט זיי צו וואָס נעענטער און באגעגנט זיי מיט א געדיכט פײַער.

עלטערער לייטענאנט איוואשין".

מע זאָל אָנהייבן קעגן אונדז אן אָנגריף פון פראָנט איז דערווײַל ניט צו באמערקן. ניט ווײַט פונעם בערגל, ווּ מיר האָבן אוועקגעלייגט די פיר אָפיצערן, זײַנען א פּאָר מאָל אײַנגעבויגענערהייט דורכגעלאָפן דײַטשן. אף אזא מעהאלעך זײַנען זייערע אווטאָמאטן פאר אונדז ניט געפערלעך. מעגלעך, אז דאָס קאָנצענטרירן זיי קויכעס, קעדיי אטאקירן איינצײַטיק מיט דער ראָטע, וואָס גרײַפט אָן פון מיזרעך. איוואשין שיקט מאליכינען צו יעווסטיגנייעוון, נאָר ער שאפט גלײַך אָפּ זײַן באפעל. מיסטאמע האָט ער זיך געכאפּט, אז דער סטארשינא וואָלט זיך געפילט דערפון געטראָפן, געמיינט, אז מע פארטרויט אים אויך איצט ניט. וועט אהין גיין יעליסייעוו מיט זײַן האלבער אָפּטיילונג. א קוילנווארפער „מאקסים" וועט דאָרט איצט זייער גוט צוניץ קומען.

ווײַזט אויס, אז די דײַטשישע פליִער דארפן אויך איבערכאפּן דעם אָטעם. זיי בארימען זיך מיסטאמע אצינד איינער פארן צווייטן, ווי זיי האָבן עס אונדז איבערגעמישט איניינעם מיט דער ערד. יאָ, טאקע עמעס, נאָר פאָרט ניט אזוי. אז אונדזער שוץ־ליניע אָטעמט, לעבט, אז מיר זײַנען ניט דעמאָראליזירט, אז עס זײַנען ניט פארניכטעט די פײַער־פונקטן, אז אונדזער גײַסט איז ניט געבראָכן, וועט זיך נאָך איבערצײַגן אײַער פעכאָטע. אוויִאציע און ארטילעריע אליין קאָנען דאָך קיין פּיצעלע ערד ניט אײַנעמען, און די פעכאָטע אײַערע אָפּערירט זייער פאַרזיכטיק. קאָן זײַן, אז זי היט זיך פאר א נײַעם זאלפּ פון די „קאטיושעס". ס׳איז קיין כידעש ניט, מיר ווילן דאָך אויך גלייבן, אז די „קאטיושעס" וועלן נאָך א קנאל טאָן.

ניט בלויז א שיטער געוואָרענעם באטאליאָן, נאָר א פולשטענדיק קאָמפּלעקטירטן פּאָלק איז שווער פארנעמען און אײַנהאלטן א דורכויסיקע שוץ־ליניע אף א פראָנט פון דרײַסיק קילאָמעטער. צום גליק, האָט דערווײַל די דײַטשן ניט אינטערעסירט די גאנצע ליניע. פאר זייערע מעכאניזירטע קאָלאָנעס האָבן זיי באדארפט האָבן גוטע, הארטע, ווי מע זאָגט, וועגן. נאָר

גראָד אין די אָפּעראַטיוו־וויכטיקע פונקטן בא אָט די וועגן האָבן מיר זיך פאַרפעסטיקט און דאָ איז געגאַנגען דער געשלעג. קאָן זײַן דערפאַר, איז אונדזער ראָטע באַפוילן אײַנהאַלטן ניט דאָס גאַנצע דאָרף, נאָר בלויז דעם מײַרעוודיקן טייל. באַם באַדינג, אַז אָף קיין הילף האָבן מיר ניט וואָס אויסצורעכענען, איז נאָך שווערער אויסצופילן אָט די אויפגאַבע. דער באַפעל האָט באַטײַט, אַז אַפילע ווען מיר וועלן זײַן פון אַלע זײַטן אין קלעם, מוזן מיר אַלץ פאַרזעצן דעם קאַמף פאַר דעם מײַרעוודיקן טייל, פאַרזעצן מיט דער מאַקסימאַלסטער אָנשטרענגונג. די צײַט, ווען די פאַשיסטן האָט ניט שטאַרק געקימערט, וואָס אין זייער הינטערלאַנד געפינען זיך רויטאַרמייִשע טיילן און צעשפּליטערטע גרופּעס, איז פאַרבײַ. אָף די וועגן, וואָס פירן קיין מאָסקווע, האָבן זיי עס בעשום־אויפן ניט געקאָנט דערלאָזן.

■

דער ראָטנע קערט זיך אום אַפן קאָמאַנדע־פונקט, און די פאַרבינדלער מיט אים. דאָס אַליין, וואָס ער וועט איצט זײַן גאַנץ ווײַט פון יעווסטיגנייעוון, הייסט, אַז ער פאַרלאָזט זיך אָף אים און אַז די הויפּט־אַטאַקע דערוואַרט ער פון מײַרעוו.

און אָט האָט זיך די אַטאַקע אָנגעהויבן. די פאַשיסטן זײַנען געגאַנגען הינטער אַ פײַער־פאַרהאַנג פון מינעס. די אווטאָמאַטן בא די בײַכער, די פאָלעס פון די שינעלן פאַרשטעקט, זיי זאָלן ניט שטערן אין גאַנג. פאַרטײַען זיך, ווי יעווסטיגנייעווס גרופּע, האָט ניט קיין זין. זיי ווייסן זייער גוט, די היטלעראָווצעס, אַז מיר זײַנען דאָ. שיסן האָט דער עלטערער לייטענאַנט דערווײַל דערלויבט נאָר די בעסטע שיסער. זאָלן די היטלעראָווצעס וויסן, אַז אַפילע פון אַזאַ דיסטאַנץ קאָנען די רויטע יונקערס טרעפן אָף זיכער. דאָס איז דערווײַל ניט מער ווי אַן אויפגאַב. מיט יעדער שפּאַן ווײַטער וועט זיי באַגעגענען אַלץ אַ געדיכטער פײַער.

אין אַ פראָנט־אַטאַקע, מיינען מיר, האָבן זיי זיך געלאָזט, ווײַל זיי האָבן באַקומען דעם געהעריקן סיגנאַל פון דער ראָטע, וואָס גרײַפט אָן אָף אונדז פון הינטן. פאַרוואָס זשע איז דאָרט אַזוי שטיל? קייןָ שלעכטס וועגן יעווסטיגנייעוון ווילט זיך ניט קלערן, נאָר עס הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז די דײַטשישע ראָטע האָט שטילערהייט אַריבערגעשפּאַנט איבער זײַנע אָקאָפּעס. אַ נאַרישער געדאַנק, און דאָך מאַטערט ער. אָפּטרעטן האָט יעווסטיגנייעוו ניט געקאָנט, ניט געטאָרט. זײַן גרופּע איז דאָך פרײַוויליק פאַרבליבן דאָ, געוווּסט, וואָס עס שטייט פאָר, און דאָך פאַרבליבן. מיר ווילט זיך וועגן דעם פרעגן בא וואַסילי איוואַנאָוויטשן, נאָר איך וואָג עס ניט צו טאָן. עס קלעקן אים דײַגעס אָן מיר.

כ׳האָב געמיינט, אַז בא אַזאַ סיטואַציע ווערט אָפּגעגעבן איין באַפעל נאָכן צווייטן, און דאָ פאַרקערט: איוואַשין שטייט, ווי ער זאָל מיט קיינעם ניט קאָמאַנדעווען.

מיטאַמאָל איז געוואָרן אומגעהייער שטיל. דאָס איז שוין גאָר פאַסקודנע. בעסער וואָלט שוין געווען אַ פאַרטויבנדיקער געהילך. מיר שיסן ניט, ווײַל די דײַטשן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ שמאָלן טאָל. אָט־אָט, און זיי וועלן, ווי הינט פון אַ קייט, זיך אַ ריס טאָן. און פאַרוואָס איז אַנשוויגן געוואָרן זייער אַרטילעריע? ווייסט זיי דער רוען פאַרוואָס, אַזוי ווילן זיי. זיי קאָנען ניט אַרײַנדרינגען אין אונדזערע מויכעס, און אונדז גיט זיך עס אויך ניט שטענדיק אײַן.

ענדלעך! אָן אויפרײַס פון אַ קעגנטאַנקען־גראַנאַטע. צי דען האָט יעווסטיגנייעוו צוגעלאָזט די פאַשיסטן אַזוי נאָענט, אַז מע קאָן אין זיי טרעפן מיט אַ גראַנאַטע? גלײַך דערנאָך האָבן גענומען שטעפּן די קוילנוואַרפערס. די פאַשיסטישע ראָטע האָט אומגעריכט פאַר זיך אָנגעטראָפן אָף אַ שקוואַל פון פײַער און טרעט אָפּ. דאָס ווײַטערדיקע איז ביכלאַל שוין ניט צו באַנעמען. די דײַטשישע מינענוואַרפער האָבן פאַרצאַמט דעם וועג אָף צוריק זייערע אייגענע סאָלדאַטן, ס׳איז, ווי מ׳וואָלט געזאָגט: „איר קאָנט זיך ניט שלאָגן, וועלן מיר אײַך פאַרניכטן”.

ווי פאַרסאַמטע מײַז טראָגן זיך די היטלעראָווצעס הין און צוריק. מיט ניט קיין באַוואָפנט אויג איז זייער שווער אײַנזען, דאָס האָט מיר דער קאָמאַנדיר געגעבן זײַן בינאָקל, איך זאָל נאָכשפּירן, וואָס טוט זיך אין טאָל, אַליין איז ער אַוועק אין צווייטן ווזוואָד, ווו פון אַ זײַטיק אָקאָפּ־קאָרידאָרל האָט עמעצער אָף אַ שטעקן אַרויסגערוקט אַ דײַטשישע קאַסקע און באַלד האָבן זיך אַהין אַ שאָט געטאָן מינעס. קאָן זײַן, אַז אַזוי האָט מען באַדאַרפט, און עפּשער איז עס אַ נאַריש שפּיצל. אָף איוואַשינס פּאָנעם האָב איך דאָס מאָל גאָרניט געקאָנט איבערלייענען.

לענגויס דעם שוצגראָבן שקאַנדיבעט, אָנשפּאַרנדיק זיך אָף א שטעקן, אן עסעסאָוועץ מיט אן „אײַזערנעם קרײַץ" אָף דער ברוסט. יאַקימאָוויטש און סערגייעוו גייען פון הינטן. דאָס ערשטע מאָל זע איך אזוי נאָענט א פאַשיסט, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן. די אויגן זײַנען בא אים אופגעריסן, ווי בא א יאַם־אָקון, און ער בלינצלט מיט זיי, ווי א דערשראָקענע כײַע. דער רוקזאַק פון ניט באַארבעטער קעלבערנער פעל הענגט בא אים שיר ניט אָפּ הינטן. ער גייט, ווי א באָרוועסער איבער געקרישלט גלאָז, די שרעק צווינגט אים שטאַרבן פאַרן טויט.

יאַקימאָוויטש האָט נאָך ניט דערווײַל וועמען צו ראַפּאָרטירן. איך האָב אָף א ווײַלע אָפּ־געריסן דעם בליק פון בינאָקל און קוק אָף אים, אָף סערגייעוון. ניקאָלײַ האָט א פּאָר שטאַרקע צי געטאָן דעם סיגאַרעט און אים פאַרלאָשן. שוין לאַנג, ווי מיר פאַרשטייען איינס דאָס אַנ־דערע אָן ווערטער, איך פיל דאָך שוין, אז ס'איז געשען אן אומגליק. איז וואָס צי׳ען זיי בא דער נעשאָמע און שווײַגן?

— יורע, ווו איז אָלעג?

יורע לאָזט אראָפּ די אויגן.

— אומגעקומען. דאָס איז געווען גאָר נאָענט פונדאַנען. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן אין וועלדל, און אָלעג איז געגאַנגען א קוק טאָן, צי איז פרײַ דער וועג. ער איז אָפּגעגאַנגען ניט מער ווי א צוויי הונדערט טריט און דערזען פאַר זיך דײַטשן. מעגלעך אפילע, אז זיי האָבן אים ניט באַמערקט, און ער וואָלט געקאָנט זיך שטילערהייט אומקערן, נאָר ער האָט באַ־שטימט וואָרענען, אז מע פאַרגייט אײַך אין טיל, און א שלײַדער געטאָן אין זיי א קעגנטאַנ־קעווע גראַנאַטע. מיר האָבן דאָך ניט געוווּסט, אז דער סטאַרשינאַ מיט זײַנע רויטאַרמייער און גראַד אונדזער אָפּטיילונג לאָקערן נאָך און וואַרטן, זיי זאָלן צוגיין נאָך נעענטער. כ'האָב גע־מיינט, אז ער איז בלויז פאַרוווּנדעט. צוקריכן צו אים איז געווען קימאַט אומעגלעך, און כ'פאַרשטיי ניט, ווי האָט זיך עס סערגייעוון אײַנגעגעבן. אָלעגן האָבן מיר אָפּגעטראָגן אין ווזוואָד און אוועקגעלייגט לעבן באַקאָוון. אָט איז אָלעגס נאָטיץ־ביכל. דאָרט איז פאַראַן זײַנע א ליד „סאָלדאַטישע פרײַנטשאַפט". ס'איז וועגן אונדז.

מײַנע פרײַנט פימענאָוו, יעליסייעוו, רוזין זײַנען איצט אין שלאַכט, דאָ לעבן מיר שטייען יאַקימאָוויטש און סערגייעוו, און מײַן פרײַנט יורעניעוו וועט שוין לעבן מיר ניט שטיין. איך שפּיר נאָך די דײַטשן און זע פאַר מײַנע אויגן אָלעגן. א מענטש איז ניט מער, ווי א זאַמדעלע אין יאַם, מער מיט א זאַמדעלע, ווייניקער — אלצײַנס. ניין, דאָס איז ניט אזוי, ווען איך קלער וועגן אָלעגן, ווייס איך, אז ס'איז טויזנט מאָל ניט עמעס. פאַרוואָס האָבן מיר געפעלט פאַר אים גוטע ווערטער? זיי זײַנען דאָך שטענדיק געווען אָף דער שפּיץ פון מײַן צונג, און איך, נאַר, פלעג זיי, די ווערטער, דערוואַרגן, דערשטיקן און אַרויסברענגען אזעלכע, ווי קאָליעס „פּראָפעסאָר".

אויב מיר וועלן הײַנט בלײַבן לעבן, איז ווי׳אזוי וועלן מיר וועגן דעם אומגליק מיטיילן וויטאַלי סערגייעוויטשן, ראָ׳זע יאַקאָוולעוונען? איך געדענק גוט, זי האָט אונדז געזאָגט: „ייִנגלעך, ווען איר אלע זאָלט זײַן אָפּ פראָנט אין איין טייל, וואָלטן מיר שוין געווען א ביסל רויקער. קינדער, מיר, אײַערע עלטערן, בעטן אײַך, ווי ווײַט ס'איז נאָר מעגלעך, זיך האַלטן איינעם און אָפּהיטן איינער דעם צווייטן".

מיר זײַנען אלע איינעם, נאָר ווי׳אזוי, ליבע מאַמעס, זאָלן מיר בא אזא מילכאָמע אָפּ־היטן איינער דעם צווייטן? ווי׳אזוי?

— כאָוער עלטערער לייטענאַנט, דערלויבט מיטיילן, — הער איך יאַקימאָוויטשעס שטים.

— יאָ.

— אײַער באַפעל איז אויסגעפילט. געבראַכט א סאָלדאַט פון דער 44־טער עסעס־דיוויז־זיע. באַם אויספילן די אופגאַבע איז אומגעקומען דער קורסאַנט יורעניעוו.

— יעוווסטיגנייעווס פאַרבינדלער האָט מיר שוין וועגן דעם מיטגעטיילט, דער סערזשאַנט יעליסייעוו און דער קורסאַנט יורעניעוו זײַנען געפאַלן מיט א העלדן־טויט.

מיר ווילט זיך איבערפרעגן: „דער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָפּטיילונג איז אויך אומגע־קומען?" נאָר אָנשטאָט דער פראַגע רײַסט זיך בא מיר אַרויס איין וואָרט:

— דײַטשן!

איוואַשין נעמט צו בא מיר דעם בינאָקל. אויך אין דער מינוט וויל ער אונדז נאָך לערנען, און עפשער באַמערקט ער שוין אליין ניט, אז ער טראַכט אין דער הייך:

— שפּעט האָבן זיי זיך אויסגעקליבן אטאַקירן אונדז. אין עטלעכע מינוט אַרום וועלן מיר זיי נייטן צופאַלן צו דער ערד און ניט לאָזן זיך שטעלן אָף די פיס. פויזענדיק אָף אלע פיר,

וועלן זיי, ביז ס'וועט פינצטער ווערן, זיך ניט דערקלײַבן צו אונדז, און אויב אפילע יאָ, וועלן מיר לאָזן די באַגנעטן אין גאַנג. יאַקימאָוויטש, אָט דער טיף, ווייסט, וויפל פאַשיסטן עס גרײַפן אָן אַף אונדז?

— קימאַט א פּאָלק.

— אַהאָ! און וויפל, האָט מען זיי געזאָגט, זײַנען מיר דאָ אַף אָט דעם פעלד?

— א פאַרשטאַרקטער באַטאַליאָן, וועלכן ס'שטיצן „קאַטיושעס".

— דערווײַל וועלן מיר זיך באַגיין אָן „קאַטיושעס". סערגייעוו, איר דאַרפט אַוועקלייגן אָט יענעם הויכן, וואָס לויפט פאָרויס. פײַער!

דער ערשטער זאַלפּ. ס'איז געווען, ווי א הוראַ־געשריי, צו וועלכן מע גרייט זיך מיט אַנגעצויגענער לופט אין די לונגען. דעם סוינעס קייט איז נאָך פון פריִער אײַנגעטיילט אַף פיר סעקטאָרן. פאַר יעדער ווזוואָד א ציילעק. ווי ער זאָל ניט זײַן גרויס, מוז מען דעם ציילעק וואָס גיכער פאַרניכטן אָדער כאָטש אָפּשטעלן.

צום ווייפלטן מאָל נעם איך זיך אָנציִען דאָס ביקס־צינגל. די, וואָס געפינען זיך צוזאַמען מיט איוואַשינען, דאַרפן אין דער ערשטער ריי זיך צילן ניט אין די סאָלדאַטן, נאָר אין די אָפיצערן. מיר דאַרפן טאַקע, נאָר צי ווײַל דער אָוונט פאַלט שוין צו, אָדער ווײַל ס'בלאָזט ניט קיין ווינט, וואָס זאָל צעווייען דעם פּולווער־רויך, און גיכער פאַר אַלץ דערפאַר, ווײַל די דײַטשן האָבן גאָר קיין כיישעק ניט צו לויפן אַנטקעגן אונדזערע קוילן, קלײַבן מיר ניט אויס, נאָר שיסן אין יעדן, וואָס מיר באַמערקן, אַז ער פּרוּווט זיך אופהייבן. זיי זײַנען א סאַך, א סאַך, און קוילן פליִען צו אונדז אָפטער ווי צו זיי, נאָר טרעפן אין אונדז איז שווער־רער. ז'יי אָקאָפּעס זײַנען טיפע און ברייטע. דאָס מאָל האָבן מיר זיך ניט אומזיסט געסטאַרעט.

דער קאָמאַנדיר וויל, אַז דער עסעסאָוועץ זאָל דערקלערן, פאַרוואָס אַטאַקירן זײַנע „קאַמ־ראַדן" אַזוי פויל.

דער געפאַנגענער, וואָס ציטערט אויך איצט איימעס־מאָוועס, איז ניט קיין שטאַמלער, ער איז גרייט געַנוי דערקלערן:

— דער קריג גייט צום שלוס, הער אָבערלויטנאַנט, און דערום איסט מאַן זאָ פּאַרזיכטיק. קיינער וויל צום שלוס ניט אומקומען. דער געהילפס־קאָמאַנדיר פון אונדזער רעגימענט, זײַנ־דיק אופגעבראַכט, וואָס זײַן באַפעל ווערט ניט אויסגעפילט, האָט פאַרגעסן אין פּאָרזיכטיקײַט און געפאָדערט, אַז נאָך דרײַ אָפיצערן זאָלן זיך מעלדן צו אים אָפּן בערגל, זײַנען זיי אַלע אומגעקומען... דרײַ אָפּן אָרט, און דעם געהילפס־קאָמאַנדיר, וואָס מיר איז באַפוילן געווען אָפּצופירן אַף א מאָטאָציקל אין פעלד־לאַזאַרעט, האָבן אײַערע יונקערס...

דײַטש פאַרשטיי איך, דאַרף איך ניט וואַרטן, ביז יורע וועט איבערזעצן. דערקלערן דעם עסעסאָוועץ, אַז וואָס שײַעך סאָף מילכאָמע לעבט ער אין טאָעס, קלײַבט זיך איצט קיינער ניט. ער האָט ניט דערזאָגט, נאָר ס'איז אַזוי אויך קלאָר: דעם אָפיצער, וואָס ער האָט געפירט, האָבן אונדזערע כעוורע אָפּגעשיקט אַף יענער־וועלט. וואַסילי איוואַנאָוויטש וויל וויסן, ווי דאָס איז פאָרגעקומען, און יאַקימאָוויטש דערלויבט זיך ניט ראַפּאָרטירן, נאָר קימאַט דער־ציילן:

— צוערשט האָבן מיר מיט אָן אָנגעצויגענעם דינעם דראָט איבערן וועג געפּרוּווט פאַר־האַלטן א מאָטאָציקליסט, נאָר ער האָט געיאָגט מיט אַזא גיכקײַט, אַז מיר האָבן קוים באַוויזן אָנציִען דעם דראָט. ברענגען אהער איז שוין ניט געווען וועמען. ס'איז נאָך אויסגעקומען אָפּ־שלעפּן פון וועג דעם טויטן פאַשיסט און דעם צעבראָכענעם מאָטאָציקל. דער, — ווײַזט יורע אָפּן געפאַנגענעם, — איז געפאָרן לאַנגזאַם, ווײַל אין רײַט־וועגעלע איז בא אים געזעסן א שווער־פאַרווונדעטער אָפיצער, ער האָט זיך געסטאַרעט אויסמײַדן ווו א בערגל, א קאַנאַווע. פאַרן פאַרווונדעטן איז ניט געווען וואָס מוירע צו האָבן, און בא דעם זײַנען ביידע הענט געווען פאַרנומען באַם רודער. באַמערקט האָט ער דעם דראָט, נאָך איידער ער האָט זיך אויס־געגלײַכט מיט אונדז, און גלײַך גענומען קערעווען דעם מאָטאָציקל אַף צוריק. איך קאָמאַנ־דעווע אים „האַלט!", און ער מיינט נאָך, אַז ס'וועט זיך אים אײַנגעבן אַנטלויפן. אין אַזא פאַל, האָבן מיר זיך נאָך פריִער צונויפגערעדט, דאַרף סערגייעוו שיסן אין מאָטאָציקליסט און איך מיט יורעניעוון אין וועגעלע. קיין פעלדטאַש האָט דער אָפיצער ניט געהאַט מיט זיך, און זוכן בא אים דאָקומענטן איז ניט געווען ווען. בא אָט דעם עסעסאָוועץ האָבן מיר צוגענומען דעם אויטאָמאַט און צוויי גראַנאַטעס. קיין וויכטיקע פאַפּירן האָבן מיר בא אים ניט געפונען, נאָר פאָרנאָגראַפישע קאַרטלעך, צווישן זיי — א פאָטאָגראַפיע, אַף וועלכער ער שטייט און שמייכלט, קוקנדיק, ווי מע שיסט אין א גרופּע סאָוועטישע מענטשן. די פאָטאָ איז דאַטירט „10 יול 1941. וויטעבסק". זײַן רוקזאַק איז פול מיט אָנגערויבטע זאַכן. ער דערציילט, כאָווער

עלטערער לייטענאַנט, אַז די טעג האָט מען זיי געמאָלדן: ניט שפּעטער פונעם צוואַנציקסטן אָקטיאַבער וועט מאָסקווע פאַלן און נאָכדעם וועט שוין די מילכאָמע זיך גיך ענדיקן.

באַם פאַשיסט זײַנען די אויגן פאַרלאָפן מיט ווילדקײַט. אַזוי קוקט מיסטאָמע אַ וואָלף, וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין פאַסטקע און עס שטייען שוין לעבן אים די יעגער. קיין רוסיש, האָט ער געזאָגט, פאַרשטייט ער ניט, נאָר ווען יאַקימאָוויטש האָט דערציילט, ווי מע האָט אים פאַרכאַפּט, האָט ער אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז יאָ, אַלץ איז געווען פּינקטלעך אַזוי, און אַפילו אַ לויב געטאָן: „הער אָבערלויטנאַנט, די יונקערס האָבן געהאַנדלט שנעל און געוואַגט". אים, זעט איר, איז נאָר ניט געפעלן, וואָס יורע האָט אים אָנגערופן עסעסאָוועץ. „אײַן זאָלדאַט", האָט ער אים פאַריכט. ווען ס'איז דערמאָנט געוואָרן וועגן דער פּאַטאָ פון וויטעבסק, האָט ער זיך פאַרקרימט, ווי באַם אויסרײַסן אַ צאָן. ער האָט, דאַכט זיך מיר, אויך פאַרשטאַנען, וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן וועגן זײַן „סידאָר".

אַזוינע, ווי ער, האָבן הײַנט אומגעבראַכט יורעניעוון, יעליסייעוון, באָקאָוון.

פרעגט באַ מיר, ווען האָט דער טאָג פאַרביטן די נאַכט, וועט מיר שווער זײַן זיך צו דערמאָנען. דאָס איז געווען — דער רועך ווייסט עס ווען דאָס איז נאָך געווען. באַלד־באַלד וועל איך צעפלאָנטערן דעם פאָדעם. צוועלף אַזייגער באַנאַכט האָבן מיר זיך געגאַנווועט מיט די שווערע שטעכלקעס. איבער פאַשעטע שטיקער אײַזן איז אַף אַ היפּשער צײַט געוואָרן אויס וועג, און אין דער פינצטער איז אַ רויבער באַ אַ רויבער גרייט געווען אויסשטעכן ביידע אויגן. און דערנאָך — דורכויס שלאַכט. אָפּטיילן די לעצטע נאַכט פונעם טאָג לאָזט זיך ניט.

קימאַט מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן כ'האָב גאַנצפרי געטראָגן קאַרטאָפל מײַן וזוואָד, גייען אַהער צוויי מענטשן. אַזאַ אומזין. זאָלן זיי זיך נאָר דערקלײַבן אַהער, וועלן זיי פון איוואַשינען קריגן אַ פײַנע גאָב. דאָס באַגלייט אַ רויטאַרמייער פון יעווסטיגנייעווס גרופּע אַ געפאַנגענעם היטלעראָוועץ. פירן אים מיט אַ מער זיכערן, נאָר לענגערן וועג, אָדער וואַרטן מיט דער „מאַטאָנע", ביז עס וועט פינצטער ווערן, קלעקט קיין געדולד ניט. אַ הײַפּעלע רויטאַרמייער האָט הײַנט אויסגעשפּילט אַ שווערע שלאַכט, און ס'איז ניט גרויס די זינד, אויב אַפילו איינער פון זיי וויל אַ ביסל זיך אַ באַרים טאָן מיט זײַן העלדישקײַט, נאָר...

דאָרט, וווּ ער איז נאָרוואָס געגאַנגען, רײַסן זיך צום הימל מוירעדיקע זײַלן ערד. מע קאָן מיינען, אַלע האַרמאַט־רערן פון פראָנט צילן אין אונדז. קיין קאַוועטשען פון באַזונדערע מינעס און סנאַריאַדן הערט מען שוין ניט. איבערן שלאַכטפעלד, וואָס איז אײַנגעהילט אין שוואַרצן רויך, טראָגט זיך אַ מעשונע־ווילדער געבריל. וואָס איז עס? אַזאַ פּסיכישע אַטאַקע, מיר זאָלן ניט פאַרגעסן, וואָס עס דערוואַרט אונדז מאָרגן, אָדער מיר וועלן נאָך ביז דער רויך וועט צעגיין האָבן פאַר זיך דײַטשישע אויטאָמאַטלער אַזוי נאָענט, אַז עס קאָנען אויספעלן די פינף סעקונדעס אַף איבערלאָדן די ביקסן? ס'וועט באַ אונדז קלעקן סינע און קויעך אַרײַנשטעכן די באַגנעטן אין די פאַשיסטן, און אויב שיסן, — איז ביז דער לעצטער פּאַטראָן־ראַם, וואָס איז אָנגעפילט מיט פינף קוילן — פיר פאַרן סוינע און איינע פאַר זיך.

ס'האָט נאָך מעהומעדיק געדונערט און אַלץ אַרום האָט נאָך געגליט פון אופרײַסן, נאָר ס'האָט זיך שוין געלאָזט ציילן: איין אופרײַס, אַ צווייטער... אַ זעקסטער. שטאַרקער, שוואַכער. בליצן האָבן גענומען זיך שלענגלען אין הימל. דערנאָך זײַנען געדיכטער געוואָרן די שנירלעך טראַסירנדיקע קוילן. די דײַטשישע פּעכאָטע אין טאָל האָט, ווײַזט אויס, באַשטימט אָפּטרעטן אַף נאַכטלעגער אין די שוין פאַרנומענע דערפער, און נאָך זיי האָבן זיך נאָכגעיאָגט אונדזערע קוילן. מיר זײַנען אויסגעשטאַנען נאָך איין טאָג.

פונעם שנייִ־דעק אַפן שלאַכטפעלד איז קיין סימען ניט פאַרבליבן. די ערד, וואָס איז געווען גאַנצפרי אײַנגעטונקען אין זויבערער ווײַסקײַט, איז געלעגן אַ דורכגעשאָסענע, אָן אופגעריסענע, אַ פאַרטשאַדעטע, און ווי אַלץ, וואָס איז בלוטיק אויסגעווייטעקט, איז אונדז נאָך מער טײַער געוואָרן איר יעדער ווערשאָק.

באַלד וועלן מיר באַנאַנד מיט דעם שוצגראָבן אַף אייביק פאַרבאַהאַלטן אין אירע טיפענישן די געפאַלענע קורסאַנטן, און ווי זייערע אַ צוואָע וועלן אופקומען אין געדאַנק די ווערטער: ווי די זון פאַרגייט קיינמאָל ניט אַף מיזרעך, אַזוי וועלן דאָ, אַף אונדזער ערד, קיינמאָל ניט הערשן די, וואָס זײַנען געקומען אַהער פון מײַרעוו אונדז אומברענגען.

באם יאם

עס לאַשטשעט זיך דער יאַם, נאָר שטיינער
שלײַדערט.
אזוי איז גוט, אזוי איז אומפאַרמײַדלעך —
די הייסע זון זאָל קושן דיך און ברײַען,
דער ווינט זאָל שלאָגן דיך און לערנען פליִען.
א שוואַכער בוים מיט יונגע דינע בלעטער
שטייט ווי א פעסטונג קעגן בייזן וועטער —
דעם שניי, דעם האָגל, אלע זאַווערוכעס.

אליין דעם מאַלכאַמאָוועס אַפּצולאַכעס.
און דו, דער מענטש, דו ביסט געוויס ניט
שוואַכער,
ווען אין דײַן האַרץ דער גרויסער גלויבן וואַך
איז.
עס לאַשטשעט זיך דער יאַם, נאָר שטיינער
שלײַדערט,
אזוי איז גוט, אזוי איז אומפאַרמײַדלעך.

אַך, ווי די וועלט איז שיין!

אויב ערגעץ דאָרט איז דאָ א גאָט אין הימל,
ביסטו פאַר מיר אַף אָט דער ערד א גאָט.
איך האָב געלעבט אין שטעטלדיקן דרימל,
האָסטו געבראַכט מיך פאַר דער האַנט אין
שטאָט.
איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען טראַמוואַיען,
צוגן,
געפאָרן אין א ליפט צום ערשטן מאָל,
געבלאָנקעט אין די פאַרקן אין פאַרטאָגן,
געזונגען בא דעם דניעפער אַף א קאָל.
איך האָב באַשטימט צו וווינען אין א מויער,
ניט אונטן ערגעץ — אַפן העכסטן שטאָק,
אַז אין מײַן אָנגעשפּיצטן אויער
דער קלאַנג פון זון זאָל קלינגען, ווי א גלאָק.

אָט הערט זיך אײַן, ווי ס'זינגט ארום די לופט,
און פויגלען, פויגלען אין זאַטישנע נעסטן, —
אַך, ווי די וועלט איז שיין! זי מאָנט און רופט,
און איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין קעסטקינד.
עס זינגען ערגעץ ווײַט די שנייען אַף די בערג.
נאָך האַרבסט גייט דורך דער ווינטער, ס'קומט
דער פרילינג.
כ'דערזע דיך פונדערווײַטן נאָך אין סקווער,
און ס'דאַכט, דו ביסט מײַן גוטער צווילינג.
מ'האָט דיך געבוירן פרילינג צוליב מיר,
נאָר איך בין, ווי א האַרבסט-בלאַט העט
פאַרפלויגן,
און ניט געפאַלן צו דײַן שוועל און צו דײַן טיר,
און נאָר פאַרזשמורעט, ווי פאַר זון, די אויגן...

אין וואַלד

די לופט פאַרשיקערט מיך ווי טערפקער ווײַן,
עס רויטלען קאַלינעס זיך אין דעמערדיקער
שײַן.
זיי כיינדלען זיך מיט צונטער-רויטע בעקלעך,
די קלייניטשקע, די אזעסדיקע שנעקלעך,

און רופן מיך אלץ טיפער אין דער ווײַט,
איך שפאַן, ווי גאָר אמאָל אזוי פאַרשײַט.
אין ריטם פון טראָט געבוירן ווערט א ליד,
ניין, ניט קיין מאַרש-ליד, ווי בא פּיאָנערן,
איך בין אין וואַלד, אין סאַמע-סאַמע מיט,
איז זאָלן דאָ די ביימער מיך דערהערן.

◇ ◇ ◇

דאָס הייסט פון לעבן דען געניסן,
פון בעסטן און פון שענסטן?
עס פלעגט די זון זיך קומען גריסן
צו מײַן ברייטן פענצטער.
און איך בין דאָך געווען א שעד,
און דו געווען א שויטע.

געשוווּמען אינעם טײַך ביז שפעט,
די וואַסערן צעבויטעט.
מיט פויגלען זינגען כ'פלעג אין וואַלד,
געקײַקלט זיך אין גראָז,
און ווען עס איז געוואָרן קאַלט,
אין וועג איך פלעג זיך לאָזן.

איצט בין איך שטיל און בין געצוימט,
ווי ס'פּאַסט אין מײַנע יאָרן,
כ'האָב זיך אַ לעבן אויסגעטרוימט
און האָב געלאָזט זיך פאָרן.
געווען ווו ס'האָט די וועלט אַן עק,
אין יאַמען אויך געשווּמען.
מיר כאָלעמט זיך ביז איצט דער וועג,
די סעדער, פול מיט בלומען.
מע זאָגט, די עלטער איז קיין לאַסט
פאַר פעסטע שטאָלצע פּלייצעס.
דו קום, מײַן יוגנט, כאָטש צוגאַסט
און גיב אַ גוטע אײַצע.

פאַרליבט בין איך אין דער נאַטור —
דער זומער איז ווי בראָנזע,
נאָר ווו איך קום און ווו איך פאָר,
מע הייסט אין שאָטן בלאָנדזשען.
„פאַרגעסט ניט, אַז איר האָט אַ האַרץ,
וואָס קלאַפּט צו שנעל, צו האַסטיק.
שפּאַצירט גאַנצפרי, שפּאַצירט פאַרנאַכט,
און מאַכט אַמאָל גימנאַסטיק".
ווי איך בין לײַכט געווען און פלינק!
מע פלעגט מיך רופן „ווײַזל",
איצט זע איך, ווי מע טאַנצט, מע זינגט
פאַרנאַכט אין טעלעוויזאָר...

◇ ◇ ◇

איך קאָן נישט זײַן קיין ווייכע און קיין גוטינקע,
זיך שפּרייטן, ווי אַ הינטל פאַר די פיס.
נאָך יעדן שטויס אין ברוסט איך ווער נאָך מוטיקער,
מײַן בייזקײַט ז'ניט קיין ווײַבערשער קאַפּריז.

ווײַל ס'איז מיר ענג, ווען איך דערזע אַרום זיך שימל,
עס שטיקט מיך, ווען כ'דערזע אַרום זיך קויט,
ס'איז פרילינג דאָך. עס שמעקט דער בלויער הימל,
עס שמעקט, מיר דוכט, מיט פרישן נײַעם ברויט.

ביסט ניט גערעכט

איצט, ווען עס ליגט שוין אַף די שלייפן פראָסט,
פאַרשטיי איך, אַז דאָס לעבן איז ניט פראָסט.
איך וועל פאַרצײַען, כ'קאָן דיר נאָך פאַרצײַען,
פאַר מײַנע טרערן, פאַר די שאָען פרייד,
וואָס גייען אַף שפּיץ פינגער שטילערהייט
און גלעטן, ווי די קעצלעך מיט די לאַפּקעס...
און פּלוצעם, פּונקט ווי דו, זיי גיבן מיך אַ
דראַפּע,
און ס'נעמט דאָס האַרץ נאָך שטאַרקער נאַגן,
כ'בין גרייט זיך שלאָגן. איך בין גרייט זיך
שלאָגן.

אין ליבע רעכנט מען ניט, ווער צאָלט מערער.
קופּאָנעס פון פּראָצענטן וועלן מיר ניט שערן.
ביסט נישט גערעכט. צו וואָס זשע איז דאָס
שרײַען?
ווילסט אויסקלאָרן, צי קען איך נאָך פאַרצײַען?
דײַן ליבע וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס העמד.
דו זעסט אויס נעבעכדיק אַ הוילער. ביסט
מיר פרעמד.
און מער איז שוין נישטאָ פאַר וועמען ברײַען.
אַ נאַפּקעמין, צי יאָ, צי ניט פאַרצײַען...

אזא ווייכער־ווייכער וועטער

אזא ווייכער־ווייכער וועטער.
ס'איז שוין האַרבסט. עס פאַלן בלעטער.
ס'שפּרייט זיך פאַר די פיס אַ טעפּיך,
איך פאַרפּלאָנטע זיך, פאַרטשעפּע...

בלעטער ליגן דאָ, ווי שטראַלן,
איך בין גרייט אפילע פאַלן
און באַלויכטן דאָ די נאַכט.
שטיי איך לעבן קליאָן און וואַרט.

כ'גלייב, אַז דו וועסט צו מיר קומען,
טראָג איך בלעטער דיר, ווי בלומען,
גאַנצע הויפנס, גאַנצע בינטלעך,
זאָלן זיי אַ גאַנצן ווינטער

שמעקן מיט דער ערד, מיט רעגנס,
רופן דיך אין ווײַטע וועגן.
דו ביסט יונג, און יונג איז אַלץ,
כ'וויל ניט, דו זאָלסט ווערן אַלט.

ס'איז מײַן האַרץ דאָך גרויס און ברייט,
וויל איך מערער גליק און פרייד,
ס'זאָל אויך סטײַען פאַר די פרײַנט
סײַ אַף מאָרגן, סײַ אַף הײַנט.

■ ■ ■

קאַראַסטישעוו

קאַראַסטישעוו — קינדהײַט מײַנע.
קאַראַסטישעוו — גרין געצעלט.
ביסט דאָס שענסטע אַף אוקראַיִנע
און דאָס שענסטע אַף דער וועלט.

ווען איך טרעט דײַן שוועל אַריבער,
אַפּן הארצן ליכטיק ווערט
פון די אויסגעווײַסטע שטיבער,
פון דער בליִענדיקער ערד.

אין דײַן נעפּל כ'וואָר דערטרינקען,
כ'ברען אין גרינעם סעדער־פלאַם,
ס'דוכט זיך מיר, אַז איך ווער ייִנגער —
א פאַרשיקערטער איך שפּאַן.

צו דעם וואלד כ'האָב זיך דערקליבן,
צוגעזעצט זיך לעם א דעמב,
פון די הויכע גראָזן סיווע
שטרעקט מײַן מאמע אויס די הענט.

לעבעדיקערהייט דער טאַליען
האָט פאַרשאָטן זי אין טאָל,
ס'שעפּטשען טעטערעווער כוואַליעס,
ס'דוכט — איך הער מײַן מאַמעס קאָל.

דער שינדלער

מײַן זיידע, לעווי, איז געווען א שינדלער,
עס האָט די גאנצע געגנט אים געקענט.
ער האָט פאר דערפער פאר וואָלינער
געטראָגן ווארעמקייט אַף זײַנע הענט.

זײַן הארבע מי — אַף פויערישע כאַטעס
זי האָט זיך אויסגעמישט מיט פרישן טוי,
און אַפּן דאַך, מיט זײַנער א לאַטע,
צעגאָסן האָט דער הימל גאָלד און בלוי.

געשטאַנען זײַנען פויערים אין דרויסן,
געבענטשט דעם זיידנס גאָלדענע צוויי הענט,
מיט זײַנע שינדלעך און מיט הארץ זײַן גרויסן
געוואָלט באַשיצן ט'ער די גאנצע וועלט.

מײַן זיידנס קוואַרט

ווען מײַן זיידע האָט געטרונקען
וואסער פון דער אלטער קוואַרט,
האָבן דאָרט זיך אײַנגעטונקען
זײַנע וואָנצעס און די באָרד.
אין א ווינקל, אַף א בענקל,
שטייט די קוואַרט איצט בא דער וואַנט.

מיט א ווארעם־מילדער בענקשאַפט
כ'טו א נעם זי אין דער האַנט,
ווי א הייליקע ירושה,
און נאָך טײַערער זי ווערט.
ס'דוכט זיך מיר, דעם זיידנס לאָשן
פון דער קוואַרט האָב איך דערהערט.

פאר יעדער גריבל זיך פארנייגט

די ערד, א גאנצן יאָר זי האָט
פאר לעבנס־קראַפט די טראָפּנס זאַפּט געקליבן,
ווען מיר האָבן געפלאַנצט דעם סאָד,
פארנייגט מיר האָבן זיך צו יעדער גריבל.

איצט הייבן מיר די אויגן אוף,
די ביימער הויך און אין דער ברייט צעוואַקסן,
באַלאָדענע מיט רײַפער פרוכט,
מיט הימל־בלוי, מיט זונען־שײַן פארגאָסן.

א רײַפער עפּל פאַלט פון בוים,
און איר, דער צווײַג, שוין גרינגער איז געוואָרן,
און אויך דער סטעזשקע איז געוואָרן גרוים.
דער סאָד — ער שטייט פון פאַראַיאָרן.

• • •

צוויי דערציילונגען

גאלעך...

מ — א אט באכא, יאלדא?

זעענדיק, אז איך פארשטיי ניט, וואָס ער פרעגט, האָט דער לאנגער באָכער אינעם גרינעם מאנטל איבערגעפרעגט דאָס זעלבע אף פראָסט ייִדיש:

— וואָס ווייִנסטו, מיידעלע?

ווער איז ער, איך זאָל אים גיין דערציילן, פארוואָס איך וויין?

עלף מעסלעס האָב איך זיך געשלעפט מיט דער שיף פון א פויליש שטעטל צו מײַן ברודער קיין יערושאָלאיִם; אין וועג איז געווען א גרויסער שטורעם, עס האָט פארשווענקט די שיפדעק מיט געזאלצענע כוואליעס, די וואסער איז ארײַנגעדרונגען אין דער קאיוטע פון דריטן קלאס, ווו איך בין געפאָרן, און די קארטאָנענע פאָדעשוועס פון מײַנע שיכלעך זײַנען אינגאנצן צעווייקט געוואָרן; אין כײַפער האפן בין איך א באָרוועסע אראָפּ פון שיף אפן אָנגעגליטן זאמד, מיר האָט שטארק געבריט אין די פיאטעס, און איך האָב געווייִנט...

דער פרעמדער באָכער האָט לאנג געקוקט אף מיר. איך האָב זיך דערשראָקן, בין אָפּגעטראָטן פון אים און נאָך שטארקער זיך צעווייִנט.

— נו, שא, גענוג. דערצייל, וואָס איז מיט דיר געשען? — האָט ער געפרעגט. אין זײַנע טונקל־ברוינע אויגן איז געווען עפּעס צוגעלאָזטס. האָב איך דערציילט, אז דער סאָכנוט, וואָס האָט מיך געזאָלט ברענגען אין יאפער האפן, האָט מיך פארפירט אהער, קיין כײַפע, און מײַן ברודער, וואָס האָט געזאָלט מיך באגעגענען אין יאפע, איז ניטאָ. און דער הייסער זאמד בריט מיר די פיס, ס׳טוט מיר שרעקלעך וויי...

— קיין אנדערע שיכלעך האָסטו ניט?

— ניין.

— איז וואָס זשע וועלן מיר מיט דיר טאָן? — האָט ער א פרעג געטאָן בא זיך אליין, און דערפון, ווי ער האָט עס געפרעגט, האָב איך מיטאמאָל דערפילט, אז מיר האָט שטארק אָפּגעגליקט, וואָס אָט דער לאנגער באָכער מיט די טונקל־ברוינע אויגן האָט מיך געטראָפן דאָ. ער וועט מיר געוויס העלפן. און ער האָט מיר טאקע געהאָלפן. דער באָכער האָט מיך אָנגענומען פאר א האנט און אוועקגעפירט אפן מארק. דאָרט האָט ער מיך אוועקגעזעצט אף א נידעריק שוסטער־בענקעלע און אָנגעוויזן אפן אראבער, וואָס איז געווען דערבײַ.

— ס׳וועט שוין רעכט זײַן, — האָט ער געזאָגט. — אָט דער פעטער וועט דיר אופנייען א פאָר נײַע שיכלעך.

האָב איך זיך ווידער צעווייִנט און זיך מוידע געווען, אז איך האָב ניט מיט וואָס צו באצאָלן.

— דערמיט וועלן מיר זיך שוין אן אייצע געבן, — האָט דער באָכער זיך צעלאכט, א בליק טוענדיק אף מיר מיט זײַנע גרויסע ווײַסע צייינער אפן פארקוילטן פאָנעם. פון אָט דעם געלעכטער זײַנעם איז מיר מיטאמאָל מאָדנע גוט געוואָרן, איך האָב זיך דערפילט היימישער. די זון האָט אָבער מוירעדיק געסארפעט. די אויגן זײַנען בא מיר געוואָרן רויט, גענומען וויי טאָן.

דער באָכער האָט זיך א ראָיע געטאָן אין זײַנע הויזן־קעשענעס, ארויסגעשלעפט פון דאָרט א פאָר טונקעלע ברילן און מיר דערלאנגט:

— נא, טו אָן. ביסט דאָך נאָך ניט געוווינט צו אזא זון.

ווען איך בין שוין אין די נײַע שיכעלעך און מיט טונקעלע ברילן אף די אויגן געגאנגען מיט אים פון מארק, האָט ער א פרעג געטאָן:

— נו, און נעכטיקן האָסטו מיסטאמע אויך ניט ווו?

— ניין...

— וועלן מיר באלד גיין אין „בעטלינא״ צו דאָרקען... — און טאקע שוין אפן אָרט מיר דערקלערט: — דאָס איז אזא הויז, ווו עס נעכטיקן ארבעטער, וואָס האָבן ניט ווו צו וווינען. א גאנצן טאָג דרייען זיי זיך ארום, זוכן ארבעט. באנאכט קומען זיי אהער פאר עטלעכע פיאסטער איבערשלאָפן. דו וועסט דאָרט דערווײַל וווינען און צוהעלפן דאָרקען אין דער באלעבאטישקײַט, איר איז שווער אליין זיך ספראווען.

איך האָב דערזען פאר זיך א יונג שיין מיידל מיט העלע זומער־שפּרענקלעך אפן שפּיץ

נאַז. אפֿן באַכער, וואָס האָט מיך געבראַכט אהער, האָט זי א קוק געטאָן פֿול מיט צוטרוי און צו מיר געזאָגט אף א פּראָסט יידיש:

— נעם דײַנע זאַכן, מיידעלע, און קום מיט מיר.

זי האָט מיר אָנגעוויזן אף א קליין צימערל, וואָס איז געווען ווי אײַנגעמויערט אין דער וואַנט, און זיך אָנגערופֿן:

— דאָ וועסטו נעכטיקן מיט מיר.

דערנאָך האָט זי מיר צוגעטראָגן א וואַרעם פֿלעצל מיט א טעלערל שוואַרצע פֿלוימען:

— ביסט דאָך אוואַדע הונגעריק. נאַ, עס.

איך האָב זיך צוגעכאַפּט צום פֿרישן פֿלעצל, אײַנגעשלונגען מיטאַמאָל עטלעכע פֿלוימען, נאָר באַלד זיי אויסגעשפּיגן — זיי זײַנען געווען ביטער, ווי גאַל. לאָזט זיך אויס, דאָס זײַנען גאָר געווען ניט קיין פֿלוימען, נאָר מאַסלינעס, וועלכע איך האָב ביז דאַן קיינמאָל ניט געזען.

דאַרקע מיטן באַכער האָבן זיך וועגן עפּעס דורכגעשמועסט, און דער גוטהאַרציקער באַ־כער, וואָס איז מיר אַראָפּגעפֿאַלן מאַמעש, ווי א מאַלעך פֿון הימל, איז אוועק.

— ווי רופֿט מען אים? — האָב איך א פֿרעג געטאָן בא דאַרקען, נאָר יענע האָט זיך פּלוצעם שטאַרק צעלאַכט.

באַמערקט, ווײַזט אויס, מײַן פֿאַרלוירנקײַט, האָט דאַרקע מיר דערקלערט:

— איך לאַך, מיידעלע, ווײַל אף דײַן פֿראַגע איז ניט אזוי לײַכט צו ענטפֿערן.

— פֿאַרוואָס?

— ווײַל ער האָט ניט איין נאָמען, נאָר גאַנצע דרײַ.

— וואָס הייסט?

— אָט דאָס הייסט. דער נאָמען זײַנער איז יאָסל, נאָר רופֿן רופֿט מען אים בען־כאַיִם, ווײַל זײַן טאַטע האָט געהייסן כאַיִם, און דערצו האָט ער נאָך א נאָמען — גאַלעך.

— מאַלעך? — האָב איך מיט היספּײַלעס איי־בערגעפֿרעגט.

— ניין, גאַלעך, — האָט איבערגעכאַזערט דאַרקע און זיך ווידער צעלאַכט.

— פֿאַרוואָס עפּעס גאַלעך?

— ווײַל ער האָט מוירע פֿאַר מיידלעך, פֿאַר־שטייסטו שוין? פֿריִער האָבן אונדזערע מייד־לעך, וואָס זײַנען געקומען פֿון פּוילן, אים א נאָמען געגעבן „קסיאָנדז". דערנאָך האָט איינע א מיידל, וואָס איז געקומען פֿון קרים, געזאָגט: „וואָס איז גאַלעך ערגער פֿון קסיאָנדז?" און דער צונאָמען „גאַלעך" האָט זיך צו אים צו־געקלעפּט. איצט ווייסט שוין קיינער ניט זײַן עמעסן נאָמען...

— און וואָס טוט ער? — האָב איך געפֿרעגט.

— ער איז א כאַצעוו.

— וואָס הייסט עס?

— א שטיינהאַקער. ער וווינט אין יערושאַ־לאַיִם. אהער איז ער געקומען צוליב אייניקע איניאַנים... גוט, וואָס דו האָסט אָנגעטראָפֿן אף גאַלעכן, ער וועט דיך שוין אָפּפֿירן צו דײַן ברודער. און עפּשער וועל איך אויך פֿאָרן מיט אײַך, — האָט זי צוגעגעבן סוידעספֿול...

זי האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין א גרויסן צי־מער מיט א קופּאָלאַרטיקן סופֿיט. דאָ זײַנען געשטאַנען אײַזערנע בעטלעך מיט דינע מאַ־טראַצן און קישעלעך פֿון שטרוי. ניט קיין טישל, ניט קיין שאַפֿקעלע, ניט קיין שטול זײַנען אין צימער ניט געווען. די דילן — שטיינערנע. דאַרקע האָט מיר געוויזן ווו נעמען וואַסער, א שמאַטע און געהייסן וואַשן די דילן.

ווען איך האָב אויסגעוואַשן די דילן אין אַלע זעקס צימערן און זיך צוגעזעצט אָפּרוען, האָט דאַרקע מיר געגומען דערציילן, וויאַזוי עס לעבט זיך דאָ, און וועגן גאַלעכן. איך האָב באַמערקט, אז ווען זי רעדט וועגן אים, הייבן אָן אירע אויגן צו שײַנען און דאָס גאַנצע פּענעמל אירס מיטן קלײַנינדיקן נעזל באַקומט א צאַרטן שמייכלענדיקן אויסזען.

— גאַלעך איז אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש! — האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעכאַ־זערט.

באַנאַכט, ווען מיר זײַנען געלעגן צוזאַמען אף איר שמאָל בעטל, האָט מיר דאַרקע נאָך אַלץ עפּעס געשעפּטשעט וועגן גאַלעכן...

■

גאַלעך פֿלעגט אַלע טאָג קומען אין בעט־לינאַ זיך זען מיט דאַרקען, שמועסן מיט די אַרבעַ־טער. אף עטלעכע אזעלכע שמועסן בין איך אויך בײַגעווען, און כאָטש איך האָב דעמאָלט נאָך ניט אַלץ פֿאַרשטאַנען, איז מיר אָבער זייער געפֿעלן געווען הערן, ווי גאַלעך רעדט — ס'האָט זיך געפֿילט, אז ער איז טיף איבערצײַגט אין דעם, וואָס ער זאָגט. גערעדט האָט ער וועגן זייער ערנסטע זאַכן. עס איז געגאַנגען א רייד וועגן א שטרײַק אפֿן צעמענט־זאַוואָד „נעשער". די שטרײַקער האָבן געפֿאָדערט אַן אַכטשאָעיקן אַרבעטסטאָג און מע זאָל אויסגלײַכן אין געהאַלט די יידישע און אַראַבישע אַרבעַ־טער. אויב א יידישער אַרבעטער האָט דעמאָלט באַקומען דרײַסיק פּיאַסטער א טאָג, האָט אַן אַראַבישער באַקומען צען.

— פֿרעג איך אײַך, איז דאָס יוישערדיק? — האָט גאַלעך זיך געווענדט צו די, וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אים הערן אין פֿינצטערן זײַ־טיקן צימער.

נאָך זײַן אַרויסטריט האָט זיך אָנגעהויבן א הייסער וויקועך.

איינער פֿון די בײַוועזנדע, א יונג באַכערל

פון גאליציע, וואָס איז ניט לאנג צוריק אראָפּגעקומען אהער, האָט זיך אָנגערופן, אז ער איז קעגן שטרײַקן.

— מע דארף ניט און מע טאָר עס ניט טאָן, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס הייסט? — איז מען אים באפאלן. — ווילסט אָפּנעמען בא די ארבעטער אזא וויכטיק געווער אין קאמף קעגן די עקספּלואטאטאָרס, ווי שטרײַקן?

— יאָ, — האָט דאָס באָכערל געענטפערט, — מיר זײַנען געקומען אהער ניט שטרײַקן, נאָר בויען אן אייגענע מעדינע...

— און אויב אן אייגענע מעדינע, איז וואָס?

— די אראבער זײַנען דען ניט אזעלכע מענטשן, ווי מיר?

— נו, אוודע ניט, — האָט זיך אָנגערופן דער גאליציִאנער.

ס'איז געוואָרן א גרויסער טומל. עטלעכע ייִדישע ארבעטער האָבן זיך א וואָרף געטאָן אפן באָכערל, געוואָלט אים שלאָגן. און ער וואָלט ארײַנגעכאפּט פײַנע פּעטש, ווען ניט גאלעך. גאלעך האָט אלעמען בארויִקט מיט זײַן רויִק און געלאסן קאָל:

— דער כאווער איז נאָך א יונגער, ניט לאנג געקומען. דער מויעך איז בא אים היפּש פארמיסטיקט. נאָר מיט קיין קלעפּ וועט איר עס פון אים ניט ארויסשלאָגן. פארקערט — נאָר ארײַנשלאָגן טיפער. אזעלכע, ווי ער, דארף מען דערקלערן, וואָס און ווען... — און גאלעך האָט אים גענומען דערקלערן:

— ערשטנס, באָכער, האָבן מיר נאָך ניט קיין אייגענע מעדינע, דערווײַל האָבן מיר די באלפור־דעקלאראציע, און באלעבאטים זײַנען די ענגלענדער. דארף מען פריִער זען, זיי זאָלן ווערן אויס באלעבאטים. ווען די מעדינע וועט ווערן אונדזערע, דארף מען זען, אז אין איר זאָלן באלעבאטעווען ניט די קאפּיטאליסטן, נאָר מיר, ארבעטער. און מיר וועלן צווישן אונדז און די אראבער קיין שום כילעק ניט מאכן. מיר האָבן אלע גלײַכע רעכט אף גליק. און פאר דעם וועלן מיר קעמפן צוזאמען, און שטרײַקן צוזאמען. שטרײַקן איז איינס פון די מיטלען פון אונדזער קאמף...

אלע האָבן אים געהערט זייער אופמערקזאם. דאָס באָכערל פון גאליציע האָט געשוויגן...

אפילע אין דער פינצטער האָט מען געקאָנט זען, ווי דאָרקע שײַנט, קוקנדיק אף גאלעכן.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז גאלעך געווען איינער פון די אָרגאניזאטאָרס פון דער אומלעגאלער קאָמוניסטישער פּארטיי אין פּאלעסטינע. דאָרקע איז געווען א פארבינדלערן.

איך האָב א פּאָר מאָל זיך געווענדט מיט פראגן צו גאלעכן, האָט ער מיר געענטפערט:

— אז מירן קומען קיין יערושאָלאיִם און וועסט אָנהייבן באזוכן דעם קרײַז פון פּראָלעטארישן אלעפבייס, וועלן דיר א סאך זאכן קלאָר ווערן.

מײַן ברודער האָט ניט געקענט קומען מיך אָפּנעמען, ווײַל ער איז קראנק געוואָרן. דאָרקע האָט מער ניט געקענט בלײַבן אין כײַפע, ווײַל זי איז שוין דאָ איין מאָל דורכגעפאלן און די פּאָליצייִ האָט נאָך איר געשפּירט. זײַנען מיר אוועקגעפאָרן קיין יערושאָלאיִם אינדרײַען — גאלעך, דאָרקע און איך.

דער וועג האָט זיך געשלענגלט צווישן הויכע בערג, וואָס האָבן פונדערווײַטנס אויסגעזען בלוי. אין דער נאָענט האָט געבלענדט דער יאם. דער אווטאָבוס האָט זיך געדרייט צווישן די בערג, געמאכט וויראזשן און ווידער ארויסגעקומען צום רוישיקן יאם.

אף איין אָרט, ווו דער אווטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן מיר געטראָפן אראבער, וועלכע האָבן אף אייזלען געפירט שטיינברוך צו בויען דעם וועג פון כײַפע קיין טעל־אוויוו. גאלעך און דאָרקע האָבן גערעדט גוט אראביש, האָבן זיי זיך דורכגעשמועסט מיט די שטיינפירער.

גאלעך און דאָרקע האָבן מיך בעשאָלעם געבראכט צו מײַן ברודער, און מיר האָבן איינער מיטן אנדערן זיך זייער דערפרייט.

אין א צײַט ארום האָט מיך דעם ברודערס א באקאנטער געפרעגט:

— נו, גאלעך האָט דיך נאָך ניט ארײַנגעכאפּט אין זײַן נעץ?

— וואָס פאר א גאלעך, וואָס פאר א נעץ? — האָב איך זיך געמאכט ניט וויסנדיק, ווײַל איך האָב שוין דעמלט געוווּסט, אז גאלעך, אָדער בען־כאיִם, ווי מע האָט אים אויך גערופן, איז א מיטגליד פון צק פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון פּאלעסטינע און פּאָרזיצער פון „מאָפּר".

איינמאָל איז גאלעך געקומען א שטארק פארזאָרגטער.

— דו ווייסט, — האָט ער טרויעריק געזאָגט, — בראָכקע איז געשטאָרבן...

ווער בראָכקע איז, האָב איך געוווּסט: א יונגע, מיט א קראנק הארץ, זי פלעגט אויספילן וויכטיקע פּארטייִשע אופטראָגן. א פּראָוואָקאטאָר האָט זי אויסגעגעבן, און מע האָט זי ארעסטירט.

זעקס כאדאָשים איז בראָכקע אָפּגעזעסן אין יערושאָלאיִמער טפּיסע אין שרעקלעכע באדינגונגען. זי איז געשלאָפן אפן שטיינערנעם דיל, מע האָט זי ניט ארויסגעלאָזט אף דער פרישער לופט. די קאמערעס זײַנען געווען פײַכטע, פארשימלטע. צוזאמען מיט איר זײַנען אויך געזעסן אראבישע פרויען. לויטן טערקישן רעזשים, וואָס איז נאָך דאן אָנגעגאנגען אין פּא־

לעסטינע, האָבן די אַרעסטירטע ניט געהאַט קיין רעכט צו וואַשן זיך, שפּאַצירן. אונדזערע פרויען האָבן געפּאָדערט „סטאַנדאַר אָף לײַף״ — אַן אייראָפּעיִשן רעזשים און דערקלערט אַ הונגער־שטרײַק. די אַראַבישע פרויען האָבן זיך צו זיי פאַרייניקט. אפן פינפטן טאָג פונעם הונגער־שטרײַק האָט די טורמע־אַדמיניסטראַציע נאָכגעגעבן, מע האָט געבראַכט בעטלעך מיט מאַטראַצן, פאַרבעסערט די שפּײַז, אָבער בלויז פאַר די ייִדישע פרויען. די ייִדישע פרויען האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנעמען דאָס אַלץ, אויב מע וועט ניט אַריבערפירן אַף דעם זעלבן רעזשים די אַראַבישע פרויען. דער הונגער־שטרײַק איז פאָרגעזעצט געוואָרן. ער האָט זיך געצויגן צוועלף טעג. בראָכקע האָט ניט אויסגעהאַלטן, אפן צענטן טאָג האָט איר קראַנק האַרץ אָפּגעזאָגט.

לויט דער פאָדערונג פון אירע עלטערן האָט מען בראָכקעס קערפּער אַרויסבאַקומען פון טפיסע. מיר האָבן באַשלאָסן ברענגען זי צו קוורע אַף אַ רעוואָליוציאָנערן אופן, ווי זי האָט עס פאַרדינט מיט איר קורץ און קאַמפספול לעבן.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געפלאָכטן קרענץ, געשריבן לאָזונגען און טראַנספּאַראַנטן, בראָכקעס טויטן קערפּער אײַנגעוויקלט אין אַ רויטער פאָן.

ווען מיר האָבן אַף די אַקסלען זי אַרויסגעטראָגן פון מייסים־שטיבל, זײַנען אונדז פּלוצעם באַפאַלן די קלייקוידעש צוזאַמען מיט פּאָליצייַט און אַרויסגעריסן בא אונדז בראָכקעס טויטן גוף. דערבײַ האָט מען געלאָזט אין גאַנג גומענע שטעקנס. פיל פון אונדז האָט מען אַרעסטירט, דערונטער אויך גאַלעכן.

די גאַנצע צײַט, וואָס ער איז געווען אין טפּיסע, האָט מיט אונדז אָנגעפירט דאָרקע.

דאָרקע האָט ליב געהאַט גאַלעכן, נאָר זי האָט אים קיינמאָל וועגן דעם ניט געזאָגט. געזאָגט האָט זי עס אים נאָכדעם, ווי ער איז אַרויס פון טפּיסע.

— און וואָס האָט ער דיר געענטפערט? — האָב איך געפרעגט דאָרקען.

— „פאַרשטייסט, דאָרקעלע, — האָט ער מיר געזאָגט, — כ׳האָב דיך אויך זייער ליב, נאָר ס׳איז ניטאָ קיין צײַט זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן״... ביסט אַן עמעסער גאַלעך! — האָב איך צו אים אויסגעשריִען, — און מע דאַרף דיך פאַרשפאַרן אין אַ מאָנאַסטיר...

נאָך זײַן אַרויסגיין פון טורמע האָט גאַלעך אונדז צונויפגערופן אַף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג, אין די שטיין־קאַריערן, ווו ער האָט געאַרבעט. מע האָט געזען, אַז ער איז מיט עפּעס שטאַרק צעטרודערט, כאָטש ער האָט זיך געסטאַרעט האַלטן אין די הענט. מיט אַ צוגעשטיקטער שטים האָט ער געזאָגט:

— מיר האָבן זיך מיט אײַך הײַנט צונויפגענומען, כאַווייריִם, ווײַל מע דאַרף אויסוויילן אַ נײַעם פאָרזיצער פונעם יערושאָלאַיִמער קאָמיטעט פון „מאָפּר״.

— און דו, בען־כאַיִם? — האָט זיך אַרויסגעריסן בא מיר. — דו פאַרלאָזט אונדז?

— איך גיי אַריבער אַף אַן אַנדער אַרבעט, — האָט ער קורץ געענטפערט און צוגעגעבן: — איך לייג פאָר אויסוויילן דאָרקע אוונער.

דאָרקע האָט אופגעציטערט, זיך אופגעהויבן, נאָר באַלד זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אפן שטיין, אַף וועלכן זי איז געזעסן.

מיר האָבן זיך נאָך אַ ביסל פאַרהאַלטן אין קאַריער, זיך צוגעהערט צו דעם מאָנאָטאָנעם ליד, וואָס די אַראַבישע קעמל־טרײַבער האָבן, פירנדיק דעם זיוו זיוו — קליינע שטיינדעלעך אַף בויען די וועגן, — שטיל און טרויעריק געזונגען אַף די הויכע שיפּוּיִם פון די יערושאָלאַיִמער באַרג־קייטן:

„יאַלייל, יאַלייל, יאַשעליאַבי —
נאַכט דו נאַכט, ווי שיין דו ביסט״...

מיר האָבן געקוקט אפן נידעריקן פאַרכמאַרעטן הימל און געטראַכט וועגן דעם אייגענעם לעבן, וואָס איז פאַרוואָגלט, ווי די קעמלען אַף די ווײַטע בערג... פּלוצעם האָט אופגעלויכטן אַ בליץ און צעשפּאָלטן דעם הימל אַף דער העלפט. ס׳האָט אַ דונער געטאָן, פּונקט ווי אַלע הויכע בערג אַרום וואָלטן זיך מיטאַמאָל צעקראַכט. מיר זײַנען אופגעשטאַנען. איך האָב אַ לאַנגע ווײַלע נאָכגעקוקט מײַנע פרײַנט בען־כאַיִם און דאָרקען, וועלכע האָבן זיך צוזאַמען דערווײַטערט. אַ שווערער געפיל האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז מיר וועלן זיך לאַנג ניט זען.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאַן, ווען בען־כאַיִם האָט זיך מיט אונדז געזעגנט, איז ער דעלעגירט געוואָרן אפן אָרדנטלעכן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, וועלכער איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע...

פאַרן אָנטייל אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג האָט מען מיך אײַנגיכן אַרויסגעשיקט פון לאַנד, ווו איך האָב אָפּגעלעבט זיבן שווערע יאָר.

מיר איז באַשערט געווען נאָכאַמאָל זיך באַגעגענען מיט גאַלעכן, דאָס מאָל שוין אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן. אויך דאָ, אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען, האָט ער געטאָן אַ וויכטיקע אַרבעט, און געטאָן זי מיט דעם זעלבן פלײַס און ענערגיע, ווי דאָרט, ווו ער האָט אַמאָל באַגעגנט אַראָפּגיין פון שיף אַ פאַרוויינט מיידעלע, און האָט בא איר מיט אַזאַ מיטלײַד אַ פרעג געטאָן:

— מאַ אַט באַכאַ, יאַלדאַ?.. — האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן און זיך צעלאַכט מיט זײַן באַזונדערס האַרציקן געלעכטער.

באַם טעלעוויזאָר

מײַן שכיינע אינעם לײַנער, וואָס איז געפלויגן פון כאַבאַראָווסק קיין מאָסקווע, איז געווען א בלאָנדע מיטלוועקסיקע פרוי.

פון אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי איז א קינדער־דאָקטער און אַרבעט אין א קליינער ווײַטמיזרעכדיקער שטאָט. איצט פליט זי קיין קעשענעוו צו איר זון און האָט שרעקלעך מוירע, זי זאָל ניט פאַרשפּעטיקן אויפן אַרויסלאָז־אָוונט פון דער קאָנסערוואַטאָריע. זי האָט געמוזט אַרויספאָרן אַף א קאָנסולטאַציע אין ראַיאָן און האָט זיך דאָרט פאַרהאַלטן אַף עטלעכע טעג. די פרוי רופט מען בליומע הערשפעלד, און דעם זון אירן, וועלכער פאַרענדיקט האַיאָר די קעשענעווער קאָנסערוואַטאָריע, — שמוליק.

מײַן באַקאַנטע האָט באַגעגנט אויפן קעשענעווער אַעראָדראָם זייער א ליבער יונגערמאַן. די לעפּלעך פון זײַנע מאַנדל־אויגן זײַנען געווען עטוואָס אָנגעבראַקנעט, די ווי״עס רויטלעך — זעט אויס, פון שלאָפלאָזע נעכט, פון גרייטן זיך צו די עקזאַמענעס. זײַן מויל האָט אָבער קעסיידער געשמייכלט, געהאַלטן ווי אין איין איבערכאַזערן: „מאַמע, מאַמע, מאַמעשי״...

דאָס ערשטע, מיט וואָס דער באָכער האָט דערפרייט די מאַמען, איז די בסורע, אַז דער אַרויסלאָז־אָוונט איז נאָך ניט געווען און אַז מע לאַדט אים, שמוליקן, אײַן שפּילן אין היגן אָפּערע־טעאַטער דאָס ערשטע פידל.

מיר האָבן אָפּגערעדט זיך באַגעגענען מיט איר אויפן פײַערלעכן אַרויסלאָז־אָוונט, אַף וועלכן איר שמוליק האָט מיך אויך פאַרבעטן.

דער אַרויסלאָז־אָוונט איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע. דער פאַרזאַמלטער עולם איז געזעסן א פאַרקישעפטער פון די וווּנדערלעכע קלאַנגען פון בעטהאָווענס, טשײַקאָווסקיס, גלינקאַס, ראַכמאַנינאָווס מוזיק...

ווען די סטודענטן האָבן געענדיקט שפּילן, האָט דער דירעקטאָר פאַרבעטן דעם עולם אינעם דערבײַיִקן זאַל, וווּ עס זײַנען שוין געשטאַנען גרייטע טישן מיט קיבעד, און דאָרט בא די געדעקטע טישן געגנוי דערציילט וועגן איטלעכן פון די אַרויסלאָזניקעס. צווישן די, וועלכע ער האָט באַזונדערס אויסגעטיילט, איז אויך געווען בליומעס זון, דער פידלער שמוליק.

נאָך די פיל טאָסטן, וועלכע ס׳האָבן געהאַלטן די לערער און די עלטערן, האָט גענומען א וואָרט א שיינער וווּקסיקער מאַנצבל מיט א געקרײַזלטן קאָפּ האָר. גערעדט האָט ער מיט א האַלב־פּוילישן אַקצענט:

— מײַנע דאַמען און הערן... — אַף זײַן פאַרברוינטן שטערן האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס שווייס. — מײַנע דאַמען און הערן, — האָט ער איבערגעכאַזערט מיט אַן עטוואָס ציטערדיקער שטים, — דאָס, וואָס כ׳האָב הײַנט דאָ בא אײַך געזען, ווײַזט מיר אויס ווי א פאַרקישעפט מײַסעלע. כאָטש איך בין אין סאָוועטן־רוסלאַנד שוין אַמאָל געווען, נאָר געווען איז דאָס שוין לאַנג, זייער לאַנג, אין די שווערע יאָרן פון דער מילכאָמע. איצט בין איך געקומען אַהער פון דער ווײַטער אַרגענטינע, פון בוענאָס־אײַרעס... איך האָב זיך דערוווּסט, אַז פונעם פאַשיסטישן געגעם האָט זיך געראַטעוועט מײַנער א פּלעמעניק, ער האָט זיך דערצויגן אין א קינדערהיים און הײַנט פאַרענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע. ווי איר זעט, ליבע פרײַנט, בין איך הײַנט צווישן אײַך... — די אויגן באַם מאַנצבל האָבן פיבערדיק געברענט. — אין די יונגע יאָרן בין איך אויך געווען, ווי זאָגט מען עס, א זינגער... שמייכלט ניט, מײַנע דאַמען און הערן, איך האָב אָבער ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט צו לערנען זיך... איך בין אַרומגעגאַנגען אין בוענאָס־אײַרעס איבער די מוזיקשולן, קאָנסערוואַטאָריעס, נאָר אָן געלט האָט מיך קיינער ניט געוואָלט לערנען. א שטיקל צײַט בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די הויפן מיט א בלינדן פידלער. ער האָט געשפּילט, איך האָב געזונגען, און אַזוי האָבן מיר פאַרדינט דאָס שטיקל ברויט. קיין זינגער אָבער, ווי איר פאַרשטייט, בין איך ניט געוואָרן... הײַנט בין איך געקומען אַף מײַן פּלעמעניקס סימכע. איר פאַרשטייט, וואָס דאָס באַטײַט פאַר מיר?..

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף זײַן שטול, נאָר אין א רעגע אַרום איז ער ווידער אויפגעשפּרונגען און, אויסווישנדיק מיטן נאָזטיכל די פאַרלאָפענע אויגן, געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אַז בא אײַך אין לאַנד געשעט וווּנדער, נאָר ניט אינגאַנצן געגלייבט אין דעם. הײַנט האָב איך דעם וווּנדער אַליין איבערגעלעבט...

בליומע הערשפעלד, וועלכע איז געוווינט געווען אין די דאָזיקע שאָען צו שלאָפן, ווײַל אויפן ווײַטן מיזרעך אין די דאָזיקע שאָען האַלט מען אין רעכטן מיטן שלאָף, איז, זיצנדיק באַם טיש, אַנדרעמלט געוואָרן. אויפגעכאַפּט האָט זי זיך, ווען דער אַרגענטינער האָט געענדיקט ריידן. זי האָט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ און דערשטיקט אין זיך דעם געשריי. ס׳קאָן ניט זײַן! צי דען זעט זי פאַר זיך איר יאָסעלען. ניין, עס קאָן ניט זײַן. ער?! יאָסל אירער איז

דאָך אומגעקומען אפן פראָנט! ווי קומט ער פלוצעם אהער, אפן ארויסלאָז־אוונט פון איר זון? זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין אים. מיטאמאָל האָט דער דיל זיך אויסגעגליטשט פון אונטער אירע פיס און אלץ איז פארשוואונדן אין א געדיכטן כווישעך.

■

ווען ס'איז אָנגעקומען די קארעטע פון „גיכער הילף", האָב איך, ווי אירע א באקאנטע, זיך ארויסגערופן זי צו באגלייטן... אפן וועג אין שפיטאָל איז די קראנקע געקומען צו־זיך.

— וואָס איז מיט מיר געשען? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— א לײַכטער כאלאָשעס־צושטאנד. ס'וועט דורכגיין.

— יאָ, — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — אפּאָנעם, צופיל אויסגעטרונקען. — און, אָנ־בייגנדיק זיך נידעריק צו מיר, אריינגערוימט מיר אפן אויער: — דער מאנצבל פון ארגענ־טינע איז מײַן מאַן. יוסעף ליפקאָוו רופט מען אים.

אינעם אופנאַם־קאבינעט, ווו מע האָט זי אָנגערופן „קאַלעגאַ" און געוואָלט איבערלאָזן אף עטלעכע טעג אין שפיטאָל, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו בלײַבן. זי האָט זיך אפילע אויך אָפּגעזאָגט פון דער „גיכער הילף"־קארעטע, מיט וועלכער מע האָט זי געוואָלט אָפּפירן אהיים, דערקלערנדיק, אז זי וווינט דאָ נאָענט און זי פילט זיך שוין לאכלוטן אינגאנצן גע־זונט. זי וועט מיט פארגעניגן זיך דורכגיין מיט מיר אף דער פרישער לופט.

ס'איז געווען נאָך האלבער נאכט. דער הימל איבער אונדז — א ברייטער, א הויכער און פול אָנגעפיקעוועט מיט שטערן — אזא הימל בא אונדז אין בירָאבידזשאַן זעט מען ניט. מיר זײַ־נען געגאַנגען אהיים דורך א טאָל פון רויזן — פאראַן דאָ אזא וווּנדערלעכער טאָל. ווען ארום און ארום סארפּעט די זון און סע ברענט א היץ, איז אינעם טאָל פון די רויזן זייער קיל און פײַכט. די רייכעס פארשיקערן מאמעש מיט זייער שטארקן גערוך. מיר האָבן זיך צוגעזעצט אף א באנק אָפּרוען און זײַנען אומבאמערקט דאָרט אזוי אָפּגעזעסן קימאַט די גאנצע נאכט. און אָט וואָס איך האָב זיך דערוווּסט אין דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער נאכט.

■

— יאָ, טײַערע מײַנע, דער מאנצבל, וועלכן איר האָט הײַנט געזען אפן ארויסלאָז־אָוונט, איז מײַן מאַן... וואָס קוקט איר אזוי אף מיר? ביז הײַנט האָב איך ניט געוווּסט, אז ער לעבט. איך בין געווען זיכער, אז ער איז אומגעקומען אפן פראָנט. וועגן דעם האָב איך אויך דער־ציילט מײַן זון. — קוים איבערכאפּנדיק דעם אָטעם, האָט זי געפרעגט: — וואָס וועט זאָגן שמוליק? ער וועט מיר גלייבן, אז איך האָב פון אים גאָרניט אויסבאהאלטן?

— געוויס וועט ער אײַך גלייבן, — האָב איך זי באַרויקט, — אָט וועט איר זען, אז בא אײַך וועט איצט אלץ זײַן גוט.

— איר מיינט אזוי? נאָך דעם אלץ, וואָס צווישן אונדז איז געשען? ניין! — האָט זי א פארצווייפלטע אויסגעשרײַען. — איך וועל עס אים קיינמאָל ניט מויכל זײַן! אזוי נידערטרעכ־טיק אָפּנארן מיך! דעם זון! ניין, איר מוזט עס אויסהערן.

זי האָט מיך אָנגעכאפּט פאר דער האנט, ווי זי זאָל מוירע האָבן, אז איך קאָן אוועקגיין, און פארגעזעצט אויסדערציילן, וואָס מיט איר איז געשען אין די ווײַט פארגאנגענע יאָרן.

בלוימע האָט זיך באגעגנט מיט יאָסיף ליפּ־קאָוו בייס דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע ערגעץ אין א פארוואָרפן סיבירער דערפל. זי האָט מען עוואַקויִרט אהין פונעם באלאגערטן לענינגראד, ווו עס זײַנען אומגע־קומען פון הונגער איר ייִנגערע שוועסטערל און ברודערל, און ער איז אהין פארפאָרן פון דעם אָקופּירטן פּוילן. זיי זײַנען דעמלט ביידע געווען נאָך זייער יונג. איר איז געגאַנגען דאָס זי־בעצנטע יאָר. אים, יאָסעלען, דאָס צוואַנציקסטע. אין דער סאָוועטישער ארמיי האָט מען יאָסעלען אלס א פּוילישן בירגער ניט מאָביליזירט. זי האָט מיט יויסעפן געארבעט אין וואַלד. איינ־מאָל, שלעפנדיק א קלאָץ אף די פּלייצעס, האָט יויסעף זי געפרעגט, צי האָט זי געלייענט דעם ראָמאַן „אמנאָן און טאַמאַר"? „ניין, — האָט זי אים געענטפערט, — וועגן אזא ראָמאַן האָט זי קיינמאָל אפילע ניט געהערט..."

— איר זאָלט אים לעמאַנהאַשעם איבערליי־ענען — האָט ער זי געבעטן, און דערבײַ דער־ציילט, אז דער אווטאָר פונעם דאָזיקן ראָמאַן איז אווראָם מאַפּו און אז געשריבן האָט ער אים גאנצע דרײַ און צוואַנציק יאָר. דאָרט דער־ציילט זיך, ווי צוויי יונגע מענטשן האָבן זיך ליב געהאַט און ניט געקענט קומען איינער צום אנדערן.

— אין אזעלכע באדינגונגען, ווי מיר לעבן, — האָט בלוימע אים דערויף געענטפערט, — ליגן ניט קיין ראָמאַנען אין קאָפּ.

— פארוואָס? — האָט יויסעף פארטראַכט גע־פרעגט. — דאַפקע אין נויט און הונגער קען מען זיך אמאָל ליב האָבן שטארקער נאָך און ווי אין גוטע צײַטן...

ס'איז דורך א שטיקל צײַט, און זי האָט זיך פארליבט אין דעם פּוילישן באָכער. איר ליבע האָט זי לאנג ניט געקענט אויסבאהאלטן. יויסעף האָט עס אינגיכן באמערקט און זי געפרעגט:

— איך בעט אײַך, בלימעלע, — אזוי האָט ער

זי גערופן, — פאַרוואָס מײַדט איר מיך אויס? פאַרוואָס אַנטלויפט איר פון מיר? מיר זײַנען דאָך ביידע עלנטע קינדער.

יויסף האָט אָנגעהויבן זאָרגן וועגן איר. ער פלעגט איר ברענגען וואַסער פונעם פאַרפרוירענעם טײַך, אַמאָל אַ לעבל ברויט, אַ ביסל קאַרטאָפל, קומען אַפילע אויסהייצן דאָס אייוועלע אין קיכל, ווו בליומע האָט געוווינט.

— טאָכטערקע, — האָט די באַלעבאָסטע, באַ וועלכער בליומע איז אײַנגעשטאַנען, זיך איינמאָל צו איר אָנגערופן, — דו זעסט דען ניט, אַז דער באָכער גייט אויס נאָך דײַנע טריט? אַזעלכע יונגעלײַט, טאָכטערקע, וואַלגערן זיך ניט אין דרויסן. אַלע יונגע מענטשן זײַנען דאָך איצט אַף דער מילכאָמע.

— איצט איז ניט די צײַט פאַר דעם, — האָט בליומע זי איבערגעשלאָגן.

ווי זי האָט זיך ניט געווערט, איז אָבער געשען אַזוי, אַז אין אַ פּאָר כאָדאָשים אַרום איז יויסף ליפּקאָוו געוואָרן איר מאַן. דער כוידעש, וואָס זיי האָבן געלעבט צוזאַמען, איז דורכגעפלויגן, ווי איין טאָג. אין די אָוונטן פלעגט יויסף זינגען, ער האָט געהאַט אַ וווּנדערלעכע שטים. בליומעס באַלעבאָסטע האָט זיך געפרייט, ווי זי וואָלט אויסגעגעבן אַן אייגענעם זון. זי האָט זיי ניט אַנדערש גערופן ווי „מײַנע קינדער” און זיי ליב געקראָגן ווי אייגענע קינדער. זי פלעגט אָפט אָפּקאָכן פאַר זיי אַ קאַשע, פאַרוויקלען דאָס טעפּל אין אַ וואַרעמער שאַל, אַרײַנשטעלן צווישן די הויכע קישנס אין בעט, קעדיי די קינדער, אַז זיי וועלן קומען פונעם וואַלד, זאָלן האָבן מיט וואָס צו דערוואַרעמען די נעשאָמעס.

איינמאָל איז יויסף אַהיימגעקומען מיט אַ נײַס: אין סאָוועטנפאַרבאַנד אָרגאַניזירט זיך אַן אַרמיי פון פוילישע בירגער. ער האָט באַשלאָסן גיין דינען, גיין נעקאָמע נעמען פאַר זייערע אומגעקומענע טאַטע־מאַמע, פאַר זייערע כאָרעוו־געמאַכטע היימען.

— ווען די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, — האָט ער איר געזאָגט, — וועסטו באַ מיר לעבן ווי עסטער־האַמאַלקע.

— ווי ווער? — האָט בליומע, שמייכלענדיק דורך טרערן, געפרעגט.

— ווי עסטער־האַמאַלקע, — און יויסף האָט איר איבערדערציילט די מעגילאַס עסטער. — און איך וועל זײַן אַ כאָזן.

— ווער? — האָט בליומע פאַרוווּנדערט איבערגעפרעגט.

יויסף האָט זיך פאַרגעסן, אַז בליומע האָט וועגן עסטער־האַמאַלקע און וועגן קיין כאָזן קיינמאָל ניט געהערט. אירע עלטערן — די צוויי סאָוועטישע דאָקטוירים, קאָמוניסטן — האָבן זייערע קינדער קיין רעליגיעזע דערציונג ניט געגעבן. אויך וואָס איז אַזוינס אַ כאָזן, האָט ער איר געמוזט דערקלערן:

— נו, אַ כאָזן. באַ אײַך הייסט עס אַ קאַנטאָר, איך וועל זינגען אין דער וואַרשעווער שול...

יויסף איז אַוועק אין אַרמיי. בליומע האָט שטאַרק געבענקט נאָך אים, געבענקט נאָך זײַן שמייכל, נאָך זײַן שטים, נאָך זײַנע אויגן, נאָך זײַן הייסן אָטעם. די ערשטע צײַט פלעגט זי פון אים באַקומען אָפּטע בריוו, און אין יעדן בריוו האָט ער איר געשריבן וועגן זײַן ליבע און בענקשאַפט.

מיטאַמאָל האָט זי אויפגעהערט באַקומען פון אים בריוו. אינגיכן איז די באַלעבאָסטע, באַ וועלכער בליומע איז אײַנגעשטאַנען, — נאַסטיע האָט מען זי גערופן, — איבערגעפאָרן פון סיביר אַפן ווײַטן מיזרעך צו איר איין־און־איינציקער טאָכטער. נאַסטיעס מאַן מיט אירע דרײַ זין זײַנען אומגעקומען אַפן פראָנט. די מומע נאַסטיע האָט מיטגענומען מיט זיך בליומען. ביידע, אי די מומע נאַסטיע אי בליומע, זײַנען געוואָרן סאַניטאַרקעס אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. איינצײַטיק האָט זי זיך געלערנט אינעם היגן מעדיצינישן אינסטיטוט.

דאָס ייִנגעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן, האָט בליומע אַ נאָמען געגעבן נאָך איר פאָטער, דעם אומגעקומענעם מיליטערישן כירורג סאַמויל הערשפעלד. זי האָט אַלץ געהאָפט, אַז יויסף לעבט, אַז איר קינד וועט האָבן אַ טאַטן.

עס זײַנען דורך היפשע עטלעכע יאָר, און ווען דאָס אונטערוואַקסנדיקע קינד האָט זי געפרעגט, ווו איז דער טאַטע, האָט בליומע אים געענטפערט, אַז דער טאַטע זײַנער איז געפאַלן אין שלאַכט...

און אָט, אין דרײַ און צוואַנציק יאָר אַרום...

ניין, זי וועט עס אים קיינמאָל ניט מויכל זײַן, קיינמאָל. זי וויל אים ניט קענען און וויל אים ניט זען. זי האָט זיך אַזוי אָנגעמאַטערט, ביז זי האָט דערצויגן איר זון. איצט, ווען זי האָט דערלעבט אַזאַ נאַכעס, האָט זיך געפונען זײַן פאָטער. ניין, טויזנט מאָל ניין, האָט זי באַשלאָסן.

און דאָך האָט זי אַף מאָרגן אָנגעקלונגען אין האָטעל, ווו יויסף ליפּקאָוו איז אײַנגעשטאַנען. מע האָט איר געענטפערט, אַז דער טוריסט ליפּקאָוו איז אַוועקגעפאָרן אַף אַן עקסקורסיע און דאַרף זיך אינגיכן אומקערן. בליומע האָט, ניט אָנרופנדיק זיך, געבעטן אים איבערגעבן דעם אַדרעס פון זײַנער אַ קרויווע, וועלכע וועט וואַרטן אַף אים פון אָוונט.

גרייטנדיק צום טיש, האָט בליומע זיך דערמאָנט, אַז יויסף האָט זייער ליב ווײַסע רויזן. דאָרטן, אין סיבירער דאָרף, פלעגט ער ברענגען איר פון וואַלד שטענדיק ווילדע רויזן און

ליב האָבן זען, ווי זי פלעכט זיי אַרײַן אין אירע צעפּ.

וועגן דער באַגעגעניש אירער מיט יויסעפֿן האָט בליומע מיר דערציילט אינעם לײַנער, מיט וועלכן מיר האָבן אין א טאָג ארום זיך אומגעקערט צוריק אפֿן ווײַטן מיזרעך — איך קיין בירָאבידזשאַן, און זי אין אן אנדער שטאָט פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט.

אינגאנצן שולדיק קאָן זי אים ניט מאכן, יויסעפֿן. אים איז אויך געווען ניט לײַכט. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך ארויסגעריסן פון געפאַנגענשאַפט, איז ער מיט א גרופּע פּוילישע סאָלדאטן אנטלאָפֿן קיין איטאַליע און פון דאָרט מיט גרויס מאַטערניש זיך דערקליבן קיין ארגענטינע. אין בוענאָס־אײַרעס איז ער אָנגעקומען ארבעטן צו אן איטאַליענער, וואָס האָט געהאַט א מעבל־געשעפט. זי, בליומען, האָט ער ניט אופגעהערט ארומזוכן, געשריבן איר און דער מומע נאַסטיען בריוו, נאָר פון קיינעם פון זיי ניט געהאַט קיין ענטפער. ער האָט זיך אויך געווענדט עטלעכע מאָל צום „רויטן קרייץ". ער האָט זי אויך געזוכט נאָך דער מילכאָמע. נאָר קיין ענטפער ניט באַקומען.

בא דעם באַלעבאָס איז געווען א יונגע טאָכטער. ציציליע האָט מען זי גערופֿן. זיי האָבן כאַסענע געהאַט. נאָר קיין לעבן איז בא זיי ניט געווען, און זיי זײַנען זיך סאָפּקאָלסאָף פאַנאַנדערגעגאַנגען. פון זײַנע טרוימען ווערן א כאַזן האָט זיך אויך גאָרניט באַקומען. ביסלעכווײַז האָט ער זיך ארײַנגעצויגן אין געשעפט־זאַכן און געוואָרן א געשעפטסמאַן. ער האָט אן אייגן געשעפט פון ווייך מעבל. די גאנצע צײַט האָט ער געלעבט מיט דער האָפֿענונג, אז ער וועט זי געפינען. און אָט האָט ער זי אָפּגעזוכט.

באַמערקט, אז דער טיש איז געגרייט פאַר דרײַען, האָט ער זיך ווי געביטן אין פּאָנעם. בליומע האָט איבערגעכאַפּט זײַן פרעגנדיקן ניט פריידיקן בליק און איז אים פאַרלאָפֿן דעם וועג:

— דער דריטער — דאָס איז דער זון.

— דו האָסט א זון?

— דיך וווּנדערט עס?

ער האָט זי אָנגעכאַפּט בא די הענט:

— און ווער איז דײַן מאַן?

— ווארט, — האָט זי אים אָפּגעשטעלט און גיך אײַנגעשלאָסן דעם טעלעוויזאָר, — מײַן זון דאַרף באַלד ארויסטרעטן.

באַם ראָיאַל האָט יויסעף דערזען זײַן פלעמעניק — א ברייטפּלייציקן פײַנגעבויטן באָכער. נאָך אים איז ארויסגעטראָטן די זינגערן, וועגן וועלכער דער דיקטאָר האָט געזאָגט, אז מע שיקט זי קיין איטאַליע אין דעם אָפּערע־טעאַטער „לא סקאלא" סטאַזשירן.

יויסעף איז די גאנצע צײַט געזעסן פאַרטיפט אין זיך. די טונקל אָנגעבראַקנטע אויגן האַלב צוגעשלאָסן, געטראַכט מיסטאָמע וועגן דעם, וואָס זײַן לעבן איז אוועק אף האַנדל, וואַנדל, פּעדלערײַ. פאַר זיך איז ער געוואָרן א שטיקל באַלעבאָס, אָבער קיין זינגער ניט. אפילע קיין כאַזן ניט געוואָרן.

— וואָס זע איך, בליומע? — איז יויסעף אופגעשפּרונגען פון אָרט, דערזעענדיק אפֿן עקראַן א יונגן פידלער. — דאָס בין איך דאָך אין דער יוגנט.

אפֿן עקראַן איז געשטאַנען א יונגערמאַן מיט א שוואַרצן געקרויזלטן קאָפּ האָר, די אונטערשטע ליפּ עטוואָס אראָפּגעהאַנגען.

— דאָס איז אונדזער זון, — האָט בליומע אויסגעשעפּטשעט, צומאַכנדיק די פולגעוואָרענע אויגן.

יויסעף האָט אָנגעכאַפּט זי פאַר די הענט:

— טײַערע מײַנע! — און גענומען זי קושן, פאַרכלינענדיק זיך פון פרייד.

שמוליק האָט צוזאַמען מיטן אָרקעסטער געשפּילט גריגס „סאָלאָוויי". פון די קלאַנגען האָבן געציטערט די רויזן אפֿן טיש.

— א דאַנק דיר, מײַן טײַערע באַסמאַלקע, — האָט יויסעף אויסגערופֿן. — א דאַנק דיר, טײַערע, וואָס דו האָסט מיר דערצויגן אזא זון... דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי אונדזער זון וועט זײַן גליקלעך... ער וועט בא אונדז גיין אין גאָלד... ער וועט גאַסטראָלירן איבער דער גאַנצער וועלט. בא אונדז אין ארגענטינע... — יויסעף איז מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן. פאַר אים איז געשטאַנען אן אנדער בליומע, אינגאַנצן א פרעמדע, זי האָט קאַלט ארויסגעבראַכט:

— מיר וועלן פונדאַנען אין ערגעץ ניט פאָרן...

— כ'פאַרשטיי דיך ניט. דו ווילסט ניט, אז מיר און אונדזער זון זאָלן ווערן רײַך?

— מיר זײַנען א סאַך רײַכער פון דיר, כאָטש געלט האָבן מיר מיסטאָמע א סאַך ווייניקער פון דיר.

— איך פאַרשטיי דיך ניט, בליומע.

— הער מיך אויס, יויסעף. ניט איך, ניט אונדזער שמוליק וועלן פונדאַנען אין ערגעץ ניט פאָרן. פון דער היים פאָרט מען ניט אוועק. און דיך וואָלט איך בעטן: קאָלזמאַן שמוליק האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט, פאַרלאָז דאָס צימער. זאָל אונדזער זון טראַכטן וועגן דיר ווי ביז אהער, אז זײַן טאַטע איז העלדיש אומגעקומען אפֿן פראָנט. דאָס איז איצט דאָס גרעסטע, וואָס דו קאָנסט פאַר אים טאָן.

און יויסעף האָט פאַרלאָזן דאָס צימער מיט די פרישע ווײַסע רויזן אפֿן יאָמטעוודיק געדעקטן טיש...

צום 75-טן געבורטסטאָג פון איזי כאַריק



ס'איז געוואָרן 75 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן איזי כאַריק. אין צוזאמענהאנג מיט דער דאָזיקער דאטע פארעפנטלעכן מיר א ציקל לידער פונעם גרויסן ייִדישן סאָוועטישן דיכטער.

איזי כאַריק *

מײַן יוגנט

מײַן יוגנט האָט קיינער אין זײַד ניט געוויקלט,
א צארטע האנט האָט מײַנע האָר ניט געקרײַזלט...
איך בין געוואקסן א קרעפטיק ייִנגל
אין ענגע און הילצערנע הײַזלעך.

און אין וויג נאָך, אין שטרענגער און הארטער,
מיט אויגן — צוויי שטיקעלעך טאָג...
פלעג איך הערן: מײַן נאָענטער טאטע
זינגט שוין אין פרישן פארטאָג.

א פלינקער פויגל, — פליט און פאלט טאטנס האמער,
פאלט און צאפלט צווישן די קני, —
און מיר ווערט דעמאָלט נאָענט און ווארעם
יעדער ריר פון זײַן זאפטיקער שטים.

בלויער ווינט, אזוי שטיל, אזוי בלוי נאָך,
קוקט מיט טויִקע שטערן אין שויב...
און אף מײַן ווארעם-פארשלאָפענעם אויער
רוישט, ווי א קוש, יעדער הויב.

ווערט אנשוויגן שטילער טאטע בא דער ארבעט,
א שטיקל זילבער בלײַבט הענגען זײַן ליד,
און איך זע: אין פארפעכיקטע ארבל
קוקט דער טאטע פארקלערט אף מײַן וויג...

איצט וואקס איך א פראָסטער און פעסטער
מיט טאטנס צוויי קרעפטיקע הענט,
און אין הײַנטיקן אויסרוף אין העכסטן
כ'האָב דאָס ליד פון מײַן טאטן דערקענט...

1924

• • •

צו אונדז אין סאָד זאָל קיינער ניט ארײַנגיין,
ווער עס בענקט נאָך שטילקײַט און נאָך רו,
ווער עס דארף זיך אויסרוען און שווײַגן!..
בא אונדז אין סאָד רוט שטורעם אף די צווײַגן,
און צווײַגן בייגן זיך באלאָדענע מיט פרוכט.

דאָ רוישט די לופט, און ס׳רוישן פעטע זאפטן,
און ביימער רוישן דאָ אין רויער פרייד...
יעדער בוים פארמאָגט שוין הויכע קלאפטער.
און ווער עס קוקט, — מוז הויך דעם קאָפּ
פארוואַרפן
און די אויגן דאָ פאנאנדערנעמען ברייט.

אין ווילדן ווּקס, אין וווּנדערלעכן וואקסן
האָבן צווייַגן דאָ קיין מעסער ניט פארזוכט...
דאָ שמעקט מיט פעך און פרילינגדיקע שלאקסן,
און קאָרע פלאצט מיט אויסגעשריי פון וואקסן,
און ביימער וויגן זיך אין צייַטיקייַט פון
פרוכט...

1926

• • •

ס׳קען זייַן, אז כ׳בין א טרייפער ביין,
און ס׳איז מייַן קאָפּ צו שטילקייַט ניט
געלערנט.
ווייס איך ניט און קען זיך ניט אליין
און קען נאָך ניט ארומטעסען מייַן לעבן.

וואָס ווייס איך דען פון אויסגערוטן בליק,
פון פינגער ווארעמע און צארטע?

מיט הארטע טריט און הארטן בליק
אנטלויף איך שטענדיק פון מייַן הארצן.

איך וויל ניט און איך קען ניט, אז א הארץ
זאָל ציטערן, זאָל בעטן זיך און וויינען, —
שוין בעסער גאָר אף שטיינער־הארט
אזוי א בראָך טון זיך פארשטיינערט.

• • •

ס׳איז יעדערן געגעבן פול און פיל
און יעדערן נאָך קראפט פון אייגן גלויבן.
ווער עס קען, — זאָל וויינען אין דער שטיל.
ווער עס האָט א שווייַגנדיקן דיל,
און איך — א הארץ מיט זומערדיקע שויבן...

זאָל קיינער איצט ניט וואגן אויסלעשן מייַן פרייד,
ווען ס׳האָט א פרייד באזעצט זיך אין מייַן הארצן;
זאָל קיינער איצט ניט וואגן אויסלעשן מייַן פרייד
מיט ווערטער הארבסטיקע און שווארצע.

ניין, — איך וויל ניט. ניין, — איך וויל ניט. ניין און ניין!
בעסער נעמט צעזעצט מיך אָן א שטיין,
איידער אויסזעצן די שויבן פון מייַן הארצן...

אז ערד, — דו הערסט, איך וועל אף דיר ארומשפאנען א יונגער,
ווען ס׳וועט אין קאָפּ אפילע ווייַסן זיך דער שניי.
אז ערד, — דו הערסט, איך וועל אף דיר ארומשפאנען א יונגער
ביז מייַן לעצט־פארבלוטיקטן און הארציקן געשריי...

1925

עס בליט שוין דער קאָרן

איך גיי מיט דער מעזשע און הער:
עס בליט שוין דער קאָרן...
ווארעמע ווינטעלעך קלאָרע
רירן אָן רויִק דעם קאָרן, —
שמעקט דאָ מיט פרייד פון
געבאָרן,
מיט זיסער און זעטיקער ערד...

איך גיי מיט דער מעזשע און הער:
עס וואקסן אין שטילקייַט די זאנגען,
עס גרינט...
און לאנג וואָלט איך, דאכט זיך,
געגאנגען,
אזוי ווי עס גייען די זאנגען
מיט יונגינקע קעפ אונטער ווינט...

1927

● ● ●

...מײַן ליד, וואָס האָט טאָמיד געהילכט
און געשמעקט מיט בעריאָזע און ערד,
האָט פּלוצלינג זיך איצטער פאַרקלערט
און טוליעט זיך שעמעוודיק־שטיל.

איך צעבײַס זיך די פינגער ביז בײַן,
ביז בלוילעכע צייכנס פון ווײ.
עס דערהערט זיך באַנאַכט א געשרײ —
איך הער און איך שעם זיך אַליין.

אוי, איך וואַרט שוין אַף שטרענגקײַט
פון שטאָל,
אַף פעסטן געבוי פון צעמענט.
איך ווייס, עס וועט שטאַרק זײַן
מײַן קאָל,
ווי בורלאַקישע, בראָנזענע הענט...

1929

העכער פון מאַרס...

ביז נערוון ביז דינסטע איך הער איצט
פאַרטײַעט,
מײַן צימער קען אָנהייבן פּלוצלינג צו שרײַען.
הער: פעדאָסייענקאָ גייט איצט באַפרײַען
די קלאָרע, די הימלשע בערג־הימאַלײַען
און בלעטערט דעם הימל אַפּגיך...
נאָך קאָסמישע שטראַלן! צו טײַערסטע שטערן!
מיר דאַרפן זיי האָבן, מיר ווילן זיי הערן,
אַזוי ווי א שלאָגלער דאַרף נאָענט אונדז ווערן
דער קאָסמאָס, וואָס בלאָנקעט ארום דאָרט, די
ספערן,
וואָס הענגען אַף אונדז, ווי קרישטאָל...
העכער פון צוואַנציק מיט צוויי קילאָמעטער —
נאָך גרינגער איצט ווערט אונדז די ערד צו
באַטרעטן,
און וואָס וועט זײַן נאָכדעם, און וואָס וועט
זײַן שפּעטער,
ווען מיר וועלן שווימען אין בליצן־ראַקעטעס
און פאָרן צוגאַסט אַפן מאַרס?..
— מיר קומען! נעמט אויף אונדז, די ערד־
דעלעגאַטן!
אונדז שיקט דער אַלערדישער ציק פון די ראַטן.
— הײ, מאַרסיאַנער, אין אײַערע טאַטעס —
איר האָט נאָך דאָרטן קלאַסן: פאַרשקלאַפטע
און זאַטע —
מיר נעמען אײַך אַפן בוקסיר.
איר האָט נאָך אומהיימלעכע הימלען און
שטערן,
אין אָוונטן לאַנגע איר מוזט נאָך דערהערן
ביז ווייטעק, ביז וווּנדער, ביז מענטשלעכע
טרערן
עס וויגן זיך אום נאָך פאַרעלנטע ספערן
און יאָמערן שטיל איבער אײַך.

ביז נערוון ביז דינסטע איך הער איצט
פאַרטײַעט.
מײַן צימער — אַף שפּיצן פון בערג־
הימאַלײַען...
מײַן צימער קען אָנהייבן פּלוצלינג צו שרײַען.
פעדאָסייענקאָ גייט איצט די הייכן באַפרײַען
און בלעטערט דעם הימל אַפּגיך.

קוק: פעדאָסייענקאָ קלעטערט שוין אויבן.
זע: ער זעצט אויס דאָרט די הימלשע שויבן...
רויק: ער גייט איצט זײַן לעבן צעשטויבן.

שטילער. מיר גייען זײַן אָנדענק פאַרהויבן
העכער אפילו פון מאַרס...

1934

א נאַכט אין ביראָבידזשאַן

1

ס'איז דער ווײַטער מיזרעך פּערלמוטער־גרין.
כ'ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר ס'בענקט זיך מיר
נאָך אים.

ס'ווערט מיר אַזוי ליכטיק, אַז עס טוט מיר ווײ.
פאַר די אויגן שווימט דורך אַזאַ מין הויכער
שנײ.

מאַך איך צו די אויגן. מיט די אויגן כ'הער,
ס'גייט דער ווײַטער מיזרעך, ווי א ווײַסער בער.

ער באַשמעקט די הימלען, ער באַטאַפּט די ערד.
כ'עפן אויף די אויגן, — וועלכער ווײַסער בער?

בערן בלײַבן בערן, און דער שנײ איז הויך.
איבער ווײַטן מיזרעך גייט א דיקער רויך.

איבער ווײַטן מיזרעך גייט א יונגער שנײ.
ס'ווערט מיר אַזוי ליכטיק, אַז עס טוט מיר ווײ.

2

אין דער ווײַטער געגנט, אין דעם בלויען קאַנט
גייט מען דאָרטן שטענדיק מיט דער זון
באַנאַנד.

און די זון, זי ווייעט לײַכטע בלויקײַט אָן,
אַף די גרונטן שמעקן דאָרט מיט האָריזאָנט.

אזא גרויסע בענקשאַפט שרײַט פון דאָרט ארויס.
הונדערט קילאָמעטער און איין פּיצל הויז.

הונדערט קילאָמעטער און איין מענטש אף זיי
האלט אינמיטן שווימען איבער וועלטן־שניי.

ווו דו זאָלסט ניט קומען, שרײַ ביז ווערן טויב,
ס'שיט זיך נאָך פון הימל א פאַרשנייטער שטויב.

ס'שליסט צונויף די ליפּן, — ווינטן זײַנען שאַרף.
פּעסט זײַנען די הימלען און די הימלען — שאַ.

3

איבער גרויסע מײַלן טראָגט זיך א געזאַנג.
נאַכט. די שטערן גייען זייער בלויען גאַנג.

ס'ווערן הימלען שטילער. גרין און פּיאָלעט.
האָבן מיר די זיצונג הײַנט פאַרצויגן שפּעט,

דאַרף מען איצטער שלאָפן. ליכטיקער געמיש
בייגט מײַן קאָפּ פאַמעלעך צו דעם הארטן טיש.

ווען א נאַכט אזא איז, וואָס זשע טראַכט זיך דאַן,
אין א נאַכט אזוינער אין ביראָבידזשאַן?

קאַלטלעך איז אין צימער. מע קאָן זאָגן — קאַלט.
הינטער שויב דער מיזרעך הייבט זיך אוף און שאַלט.

אין א נאַכט אזוינער, וואָס זשע טראַכט זיך דאַן,
אין א נאַכט אזוינער אין ביראָבידזשאַן?

4

ס'טראַכט זיך דעמלט הילכיק, כאָטש דאָס מויל איז צו.
לעבן מיר צופוסן ליגט און האָרכט די רו.

ס'קריכט אראָפּ דער הימל, לייגט זיך אויס פאַרשנייט,
ס'לייגט זיך אויס די געגנט אפן טיש פאַרשפּרייט...

— שנייד און בוי מיך איבער, וועק מיך אוף פון שלאָף.
(...געווען אמאָל א שטעטל, א פּיצל ראַהאַטשאָוו,

האָט אן אלטער טאַטע געשניטן און גענייט...)
...ס'ליגט א גאַנצע געגנט אפן טיש צעשפּרייט.

— שנייד און בוי מיך איבער, נעם און פורעם אויס
אזא וווּנדער־לעבן, וואָס זאָל אופגיין גרויס.

שטעטלעך, ווײַסע ציגן, מיט קלאָרע ציין,
אף ווײַטן מיזרעך וואַקסט א גרויסע היים.

5

אזא גרויסע שטילקייט גייט אף מיר אראָפּ,
בייג איך אײַן נאָך טיפער מײַן פאַטלאַטן קאָפּ.
— איי, דו ברודער מײַנער, כאַוווער מיכאַיל,
כ'האָרך נאָך דײַנע קייטן, ווען די נאַכט איז שטיל.

ווען דו האָסט געמאָסטן דעם סיבירער טראַקט,
האָט א שנײַ געשניטן און א פראָסט געהאַקט.

און סיבירער ווינטן האָבן אײַך באַטאַפּט,
גרויע אַרעסטאַנטן, קאַטאָרזשנער עטאַפּ.

— זאָל זײַן ברויט און וואַסער, זאָל זײַן בלוט און בלײַ,
מירן נאָך א רעד טאָן, קייסער ניקאָלײַ.

— איי, דו ברודער מײַנער, כאַוווער מיכאַיל,
כ'האָרך נאָך דײַנע קייטן, ווען מײַן קאָפּ ווערט שטיל.

צווישן טויזנט סאָפּקעס זוך איך דײַן געביין.
אפן ווײַטן מיזרעך גייט א גרויסע היים.

6

נאַכט. די שטערן גייען זייער בלויען גאַנג.
איבער וויאָרסטן־מײַלן שפּרייט זיך דער געזאַנג.
צו דער ערד איך לייג א וואַכן אויער צו,
פון די סאַמע מיטן גייט א שווערע רו.
ברוין איז דאָרט דער קויעך און די רו איז שוואַרץ,
ווי מײַן גרויסע בענקשאַפט, איז דאָרט רײַך דער ארץ.
ווי די ווילדע טײַגע, איז די רײַכקײַט ווילד.
און די רײַכקײַט רעוועט, קערט זיך אום און ברילט,
טויזנט קאַנטראַבאַסן ריידן מיטאַמאָל,
טויזנט קאַנטראַבאַסן און די שטים איז שטאָל.
קויל און גאָלד און אײַזן און דער פראָסט איז הארט.
ס'ליגט א גרויסע געגנט אײַנגעדרייט און וואַרט...

1936

הומאָרעסקעס

אין א ווינקל פון שטאָט

אין טיפער עלטער דערמאָנט זיך יעדערער זײַן קינדהײַט. מיר האָבן זיך אָף שטענדיק פארקריצט אין זיקאָרן די אומאנער הינטערגעסלעך.

אויסגעהאקטע טרעפּ אין א רויטליימיקן בארג פירן אין יאר. דער וועג איז א געדרייטער, א צעקאליעטשעטער, אָף טריט און שריט גריבער און בערגלעך, הויפנס אָנגעוואלגערטע שטיינער, זאמד, מיסט, שטרוי, בלעך, בוריאן, אָנגעטראָגענע פון לאנגאָניקע און פרישע רעגנס און ווינטן. דער וועג פירט צו די ענגע קויטיקע געסלעך אין יאר. שטיבלעך, ווי דערשראָקענע בושלען, זיצן אָף רויטזאמדיקע פיס, מיט אָנגעשפּיצטע שטרויענע אויערן און האלב־ליימיקע פארקלעפּטע גלעזערנע אויגן. די הײַזלעך נורען זיך אין שרעק פון יידע זײַטן ריוו. ניט זעלטן טרעפט, אז א כאטע ברעכט זיך אויס די פיס, פארלירט דעם זאמדיקן באָדן אונטער זיך און טוט זיך א טראָג מיט א ראשיקן אימפּעט אין די טיפענישן פון יאר, אנדערע, פארקערט, גליטשן זיך אראָפּ, שטיל, אפילו אָן א זײַ־געזונט, א טייל ווינקען זיך דערבײַ איבער אין פאכעד, צי וועט מאָרגן־איבערמאָרגן זיי אויך ניט אויסקומען באנעצן זייערע אלטע לייימענע ביינער אין שטייענדיקן וואסער פונעם קעסל־טײַך. אזוי אז גאנץ אָפט קאָן מען באגייגען דערזען פאר זיך א פארשלאָפן געזינדל שטיין אין הוילן אונטערוועש. מע שטייט, מע רײַבט די אויגן און מע קוקט דערשטוינט, צעטומלט אפן בייזווונדער.

נאָך פארן זון־אופגאנג וואכט אוף דער יאר, צעפויקט זײַן טומל איבער דעם מיזרעך־טייל פון דער אלטער שטאָט. קאצאָווים לאָזן זיך אין שעכטהויז, בינדיוזשניקעס שפּאנען די פערד. באלעגאָלעס וואשן די בוידן, קורעלאפּניטשקעס בינדן איבער די אויפּעס. פון די נאָענטע און ווײַטע דערפער שלעפּן זיך איבער די בערג פויערים און פויערטעס, זיי אײַלן אהער, אין יאר ארײַן, קעדיי פארנעמען א בעסער אָרט אפן פלאץ קעגן שעכטהויז, ווו צוויי מאָל אין וואָך שטעלט זיך אויס א מארק. אז מע קומט צום שמאָלן, טויטן בריקל, האָט מען מוירע א פוס צו שטעלן. פון יעדן טראָט היכצט דאָס בריקל, סקריפּעט, טרייסלט זיך ווי אין קאדאָכעס. די הינטערשטע גיבן צו קוראזש, שטויסן אונטער... מע קארגט ניט דערבײַ קיין זידלווערטער, א טומל — טויב צו ווערן.

דער גאנצער מארק־פּלאץ איז ארומגעזוימט פון אלע פיר זײַטן מיט הילצערנע קלייטלעך, שטעלן און שטעלעכלעך. שניטקרעמער — מאנופאקטוריסטן מעסטן קונציק סארזש און לײַוונט, סאטין און געוואנט. מע ווארפט מיט אויגן איבער די רעשטלעך סכוירע, ס׳זאָל, כאָלילע, קיין שאָדן ניט זײַן. לעבן זיי שטייען די טאנדעטניקעס. דאָס זײַנען שנײַדער אָדער האלבע שנײַדער, קאליקעס, ווי מע רופט זיי, וועלכע נייען בגאָדים נאָר פארן מארק. בגאָדים, אף וועלכע מע קאָן בלויז קוקן, אָבער ניט אָנרירן זיי, ווײַל ווי נאָר מע טוט זיי אָן, אזוי פּלאצן זיי. די קירזשנער שלעפּן צו זיך די פויערים, זיי זאָלן אָנמעסטן די קארטוזלעך און קאשקעטן. מע דינגט זיך, מע פּאטשט זיך איבער די הענט, און אָנשטאָט קויפן פוישטן קויפט מען קאשקעטן.

אויך די צעלניקער האָבן זייער שטענדיק אָרט. אף אן אָנגעצויגן שטריקל באָמבלען זיך אלערליי סטענגעס, באוול. אף די טישלעך ליגן שפּיגעלעך, קעמעלעך, זאָקן, שמעקנדיקע זייף, פּודרע און פארב אף שמירן די באקן און ליפּן. טאשמעס און גומי. שמעקנדיקע וואסער אף וואשן דעם קאָפּ. און א וועלט מיט אלערליי קנעפּלעך. מע דארף האָבן אן אײַזערנעם קאָפּ דאָס אלץ איבערעכענען. פויערטעס באלאגערן די קרעמלעך, קוקן אף אלעס און קויפן גאָרניט אָדער נעמען א פּאָר קנעפּעלעך פאר זעקס גראָשן.

רעכטס פארנעמען א שטיק פלאץ די פּוסטילניקעס — לעדערווארגער. דאָ שמעקט מיט פעל, יוכטן, סערעצי[1], כראָם און בלאנק. מע קריגט דאָ אי פעלעכלעך, אי גרייטע שניטן און אויך א פּארטיקע פּאָר שיך צי שטיוול. פּויערים מעסטן מיטן פינגער, צייכענען, קריצן מיטן נאָגל אָדער קרײַד, דינגען זיך, קראצן זיך די פּאָטיליצע, און אָן שום כיישעק נעמען זיי זיך פארן בײַטעלע. אנטקעגנאיבער ציִען זיך די קלייטלעך פון די זשעליאזשניקעס. דאָ קאָן מען קריגן גראָב־אײַזנס, העק, היי־גאָפּלען, זאוויסעס, צוועקעס. דאָ דערבײַ האנדלט מען מיט רויטער און ווײַסער ליים, קרײַד, פארב, בערשטלעך, שמירעכצן, דזעגעכץ, נאפט, קעראָסין. אלץ ארום איז פעט. אפילע די מענטשן אליין גלאנצן קעגן דער זון. א באזונדער אָרט אפן מארק־פלאץ פארנעמען די באקאליישטשיקעס. שטענדיק איז דאָ ענג. דאָ קריגט מען ליכט, בוימל, שוועבעלעך, צוקער, דארע פישלעך, געררייכערטע הערינג, קראנצן קליינע דארע בייגעלעך, צו וועלכע מע דארף האָבן אײַזערנע ציין. לעבן די באקאליישטשיקעס שטייען די בעקער מיט קוילעטשלעך, די צוקערניקעס מיט גלעזערנע מאָנפאסיע, דאָ פארקויפט מען פּאפּיראָסן, פּאפּיר, טינט, קאָלירטע פּאפּירן און שפּאליר. אומעטום איז אָן ענגשאפט, אז ס'איז ניטאָ ווו א פוס צו שטעלן. ייִדן שטופּן זיך הין און הער מיט זעקלעך, ווײַבער מיט קוישן און פלעשער. מע זוכט מעציִעס. פון פרי ביז סאָף טאָג דרייט זיך אום אפן מארק דאָוויד שיקער מיט א סלאָי קוואס און לעשט בא אלעמען די היץ. א גראָבע ייִדענע אין א קויטיקער פּאטשיילע און אין א גלאנציקן פארשמאָלצעוועטן פארטעך פּרעגלט לאטקעס. אין איין האנט האלט זי א גענדזענעם פלעדערוויש, אין דער צווייטער א שווערע האנטשערקע און טרײַבט אָפּ פון די לאטקעס די פעטע פליגן און הונגעריקע הינט. די ייִדענע איז רויט, ווי א צוויק, שוויצט, ווי א ביבער, נאָר ארבעט אף אלע קיילים. ניט ווײַט פון איר האָבן זיך אײַנגעמאָסטעט די שטענדיקע מארקזיצערקעס, סעדעכעס, וואָס האנדלען מיט צוגעלעגערטע פרוכטן. שטענדיק איז צווישן זיי רײַסערײַען, געשרייען, אז דער הימל שפּאלט זיך.

אף א בערגל האָט זיך פארקליבן אוורעמעלע קאטערינשטשיק מיט זײַן הילצערנער קאטערינקע אף איין פוס. אף דער קאטערינקע שטייט א שמאָל קעסטל מיט „גויראָלעס" און א גרינער פּאָפּוגײַ. א גאנצן טאָג דרייט אוורעמל די קאטערינקע. דער פויגל דרייט זיך, טאנצט און שלעפּט ארויס פון קעסטל יעדערנס „מאזל". דאָרפישע מיידלעך קוקן אפן פּאָפּוגײַ, און נאָך לאנגע וואקלענישן באצאָלט מען א פּיאטאקל, און דער פּאָפּוגײַ שלעפּט ארויס דאָס געווינס: א רויט קנעפּעלע צו א קאָפּטל פארוויקלט אין א צען פּאפּירלעך. הינטער די קלייטן הייבט זיך אָן די טאָרהאָוויצע. דאָרט איז א בלאָטע אפילע, ווען אין שטאָט איז טרוקן. דאָרט קויפט מען אוף אייער און אויפעס, גענדז און קאטשקעס. אין די יאריד־טעג שטייט דאָרט שטענדיק א רעווען פון בעהיימעס, א ציקלען פון שאָף, א מעקען פון ציגן. אזעספּאָנעמדיקע כאזיירים פארהלושען דעם קאָפּ. מער פון אלעמען טוישען זיך אין דער בלאָטע די ליוועראנטן. מע גלעט די גריוועס בא די פערד, מע ציילט זיי די ציין, מע דרייט זיי דעם עק. עס פעלן דאָ ניט אויס קיין ציגײַנער, וואָס עקן זיך מאמעש פון קינע. די אויגן ברענען, דאָס קאפּעליושל אף א זײַט, דאָס העמד צעכראסטעט. די פּליסענע הויזן און זשיליעט — פארשפּריצט, די שטיוול אויסגעקרימט. אין מויל שטעקט א שווערע ליולקע. איין רינגל אין אויער, דרײַ ברייטע פינגערלעך אף דער האנט, אונטערן אָרעם די בײַטש, א בײַטש אָן א פערד. און א ציגײַנער אָן א פערד איז קיין ציגײַנער ניט. לעבן די ליוועראנטן און ציגײַנער דרייען זיך אום היימלאָזע הינט, וועלכע בילן סטאם אזוי זיך, פון יויצע וועגן.

דרײַ בעטלער האָבן זיך באלעבאטיש אויסגעזעצט באם ארויסגאנג פון דער טאָרהאָוויצע. איינער זינגט, דער צווייטער האלט אים אונטער און באָמקעט דערבײַ אף דער לירע. דער דריטער שילט די פארבײַגייער, וואָס קוקן זיך אף זיי ניט אום.

די קוילעס אין מארק מישן זיך אויס מיטן רעווען פון די בעהיימעס אין שעכטהויז, מיט די זידלערײַען פון די בינדיוזשניקעס, מיטן פרייִלעכן געזאנג אין די קוזניעס באם טויטן בריקל.

דער טומל פון די הינטערגעסלעך און פונעם מארק הייבט זיך אוף צום הימל, שלאָגט זיך דאָרט ערגעץ אָפּ אונטער די כמארעס און נידערט צוריק אראָפּ אין דער גרינער שטייענדיקער בלאָטע פונעם קעסל־טײַך אין יאר.

---

[1] כאזערשע לעדער.

דאָס שוואַרצע בײַקל

קיין ראַמאַנאָוו בין איך אָנגעקומען באַנאַכט, סאָף אווגוסט איז עס געווען. עס האָט געגאָסן א רעגן. די צוועלף קילאָמעטער פון דער סטאַנציע צום שטעטל האָט מען געדאַרפט דורכמאַכן מיט דער אַקס. ס׳איז געווען אויך א שטיקל אווטאָבוס מיט אויסגעשלאָגענע פענצטער, מיט א דיקטענעם דאַך און דיקטענע ווענט. פלעגט ער אָבער מער שטיין אף רעמאָנט, איידער פאָרן. הײַנטיקע צײַטן, ווען ס׳כאַפּט אײַך אָן א כיישעק א פאָר טאָן קיין ראַמאַנאָוו — קיין דזערזשינסק, ווי דאָס שטעטל הייסט איצט, — קומען אײַך צוהילף גאַנץ פײַנע אווטאָבוסן, וואָס זײַנען אין די גאָר גרויסע שטעט שוין אראָפּ פון דער מאָס, נאָר דאָ לעקט מען פון זיי די פינגער. עמעס, ווער עס האָט מערידן, מעג פרִיער שרײַבן א צוואָע, ווײַל עס טרייסלט ארויס דעם גאַנצן אינגעווייד. הײַנט די ענגשאַפט! מע שטופּט זיך, מע שפּאַרט זיך, מע טרעט אף די שיך, אף די מאָזאָליעס, הייסט עס. אָנהאַלטן איז זיך ניטאָ בא וואָס, כאָטש בינד זיך צו צו דער סטעליע. ס׳איז אָבער אַלץ קעדײַ, אַבי ניט שלעפּן זיך מיט דער פור, ווו ווינטער פלעגט מען איבערגעפרוירן ווערן און זומער בלינד ווערן פון די וואָלקנס שטויב, וואָס די פערד פלעגן אופהייבן. הײַנט די רעגנס מיט די בלאָטעס! איצט הערט מען דעם שטויביקן שליאַך און די בלאָטעס פאַר א דרײַער, ווײַל טאָמער האָט מען פאַרשפּעטיקט צום אווטאָבוס, כאַפּט מען א טאַקסי. נאָר צו דער טאַקסי דאַרף מען האָבן געזונטע נערוון און א גראָב בײַטעלע, ווײַל די ציפערן, ריכטיקער די קאָפּעקעס, שווינדלען אין די אויגן. דו באַוויײַזט אפילע ניט אויסשנײַצן די נאָז, ווי דו דאַרפסט ארויסלייגן א קערבל, אויב ניט מער. אין ערגסטן פאַל קאָן מען פליִען מיט א ווערטאָליאָט. דאָס איז אזא מין עראָפּלאַן, וואָס זעצט זיך אראָפּ און הייבט זיך אוף, ווו מע דאַרף און פונוואַנען מע דאַרף, און אָן אויסזען האָט ער, דער ווערטאָליאָט, אזא יאָר אף שמונקען: האָרבאַטע, סאָטולעוואַטע, מיט צוויי קרומע פיס, אפן רוקן א ציילעם פון צוויי גרויסע קאָראָמיסלעס. אף אזעלכע קאָראָמיסלעס טראָגט מען אין שטעטל וואַסער. פון דרויסן איז ער טאַקע מִיעס, ווי דער טויט, דערפאַר איז אָבער אינווייניק א פאַרגעניגן. גראַם, א מעכײַע. זיצסט זיך ווי א פּאָרעץ. מיר דוכט, אז אי זוסיע דער בלינדער מיט זײַן פערד־און־וואָגן, אי אווראָם־לייב דער בינדיוזשניק מיט דער בויד וואָלטן געקאָנט ארײַן אין אָט דעם כאַנעקע־דריידל, כ׳מיין, ווערטאָליאָט, און, אָנשטאָט ניאָקען און וויאָקען, זיך זיצן און קנאַקן קאַבאַק־קערלעך און הערן, ווי דער באָרט־מעכאַניק שרײַט ארײַן אין טרײַבל:

— גרעטשאַני, זשיטאָמיר, ראָמאַנאָוו, וויכאָדי![1]

נאָר אין יענע צײַטן, ווען וועלכע איך דערצייל, איז מיר פון סטאַנציע ביזן שטעטל ראָמאַנאָוו אויסגעקומען פאָרן מיט דער פור. דערהערט, אז איך בין א לערער פאַר דער היגער שול, האָט ליפּע דער פורמאַן, ליפּע דער געלער, מיר אונטערגערוקט נאָך א ביסל היי, אויסגעפרעגט זיך, וואָס הערט זיך אף דער וועלט, און זיך געקלאָגט דערבײַ אף דער צײַט. די מאַשינעס האָבן קימאַט ארויסגעשטויסן זײַנעביידע שקאַפעס. ער פאַרדינט קוים אף האָבער, און די אַלטע רײַסט שטיקער: געלט! ניטאָ אף דער כאַיורנע.

— אָט איז די שול אײַערע, — האָט ליפּע אראָפּגעטאַנצט פון די קאָזלעס און גענומען קלאַפּן צום וועכטער: — מאָרדכע, מאַך דעם סאַמאָוואַר און נעם אוף דעם נײַעם לערער. ריר זיך, בלײַענער פויגל. איך וואָלט אײַך גענומען צו זיך ביז טאָג, נאָר בא מיר איז א קאַטוך, ניט קיין דירע. יאָ, די מײַסע מיטן שוואַרצן ביקל, וואָס האָט א כאַפּ געטאָן די יונגע לערערקע אף די הערנער, האָב איך אײַך, דוכט מיר, דערציילט? נו, א רעגן גיסט ווי פון צעבערס.

אף מאָרגן אינדערפרי אָפּגעפּאַרטיקט זיך אין ראַיאָנעם בילדונגס־אָפּטייל, בין איך אוועק אין שטעטל זוכן א דירע.

איינער אייצעט זיך אָפּשטעלן בא מאַשע דער גראָבער, א צווייטער זאָגט — בא ריווקע שאַמעס. א שטיבעלע איז בא איר טאַקע א קליינס, אָבער דאָרט איז ריין, ווי גאָלד. זלאַטע די פליקערן און כאַיִם ליווראַנט גיבן אויך אָפּ אן אַלקער. ס׳איז הינטער דער באָד, נאָר נאָענט צו דער שול.

— אויב איר האָט ליב מוזיק, — אייצעט א פערטער, — טאָ גייט גלײַך צו דאָווידל קלעזמער. וואָס־וואָס, נאָר אומעטיק וועט אײַך דאָרט ניט זײַן. אפילע די מיידלעך שפּילן בא אים.

וויבאַלד ס׳זײַנען דאָ אזויפיל דירעס, האָב איך דאָך איבעריקס ניט וואָס צו אײַלן זיך. כ׳וועל באַוויײַזן צוזוכן זיך א דירע פון אָוונט אויך, און איצט דאַרף מען גיין זיך באַקענען מיט דער שול, ווו כ׳וועל ארבעטן.

דער דירעקטאָר האָט מיך גאַנץ וואַרעם אופגענומען, געוויזן די קלאַסן, די ביבליִאָטעק, דעם פיזישן קאַבינעט, דערציילט וועגן די לערער, וועגן דער שול־דיסציפּלין און סאַמע צום סאָף

---

[1] אויסשטײַגן.

באמערקט, איך זאָל זײַן געהיט. די היגע בעהיימעס און באזונדערס די יונגע ביקלעך זײַנען זייער ניט דיסציפּלינירט.

— איך פארשטיי אײַך ניט, כאווער דירעקטאָר.

— וואָס איז דאָ ניט צו פארשטיין? דאָס שטעטל ראָמאנאָוו איז ניט איבעריק גרויס, נאָר פּיצוקט־פּערמעס זײַנען דאָ ארום־און־ארום. צוויי מאָל אין טאָג טרײַבט מען די טשערעדעס דורכן שטעטל אין פעלד ארײַן פּאשען זיך. און אין די טשערעדעס זײַנען דאָ ניט נאָר קי, נאָר אויך ביקלעך. און א סאך ביקלעך.

— נו, איז וואָס? — האָב איך געשטאמלט. — וואָס פאר א שײַכעס האָט עס צו מיר? און וואָס איז ביכלאל פאראן וואָס מוירע צו האָבן? מע בייגט זיך אָן, מע הייבט אוף א שטיין, און טיאָטיאָ — דורילאָ, גיי אין דײַן רו ארײַן, און דאָס ביקל ווערט אנטרונען.

יאָרנלאנג האָב איך אָפּגעארבעט אין ראָמאָנאָוו אלס לערער. פונדאנען, פון ראָמאנאָוו, בין איך אוועק אף דער מילכאָמע. און אף דער מילכאָמע טרעפט זיך מיט א מענטשן פארשיידנס. פארשטייט זיך, אז איך האָב שוין לאנג פארגעסן די געשיכטע, וואָס מע האָט מיר דערציילט דעם ערשטן טאָג, ווען כ׳בין געקומען קיין ראָמאָנאָוו, — די געשיכטע וועגן דעם שווארצן ביקל, וואָס האָט גענומען א מיידל אף די הערנער.

מאכט זיך אזא זאך. איך גיי מיט מײַנע כאַוויירים אין אויסשפּיר, און מיר דערזעען, ווי א פּאָר פּאשיסטלעך טרײַבן אף מײַרעוו א סטאדע בעהיימעס. האָבן מיר מיט די אווטאָמאטן אין די הענט זיך א לאָז געטאָן צו די דײַטשן.

— דאָס איז אוקראַיִנישע פּי?

— יאוואָל, — האָבן זיי דערשראָקן געענטפערט.

איך בין ארײַן אין דער סטאדע און געפאלן אפן האלדז א שווארצן ביקל.

בלומען

געוויס געדענקט איר, וואָס פאר א זעלטענער הארבסט איז געשטאנען אף דער אוקראַיִנע אין 1940 יאָר.

איך האָב דאן געארבעט אין שטעטעלע מיראָפּאָל. טעג זײַנען געשטאנען שיינע און ווארעמע. די סעדער און וועלדער זײַנען געווען אָנגעטאָן אין גרינס, ווי אינמיטן זומער.

לוסטיק און פריילעך זײַנען די קינדער געקומען דעם ערשטן סענטיאבער אין שול. אויסגערוטע, אויסגעפּוצטע, מיט בוקעטן בלומען.

בא מיר איז דעם ערשטן סענטיאבער אויך געווען א גרויסער יאָמטעוו. אין דעם טאָג בין איך צונויפגעגאנגען זיך מיט דער יונגער לערערן — ריוועלע זעלצער.

ריוועלע איז געווען א שלאנקע, א בלוי־אויגיקע, מיט א ליכטיק פּענעמל און א געקרײַזלטן קאָפּ האָר. א לוסטיקע, א פריילעכע. געווען איז ריוועלע דער סעקרעטאר פון דער קאָמיוגאָרגאניזאציע און די אָנפירערן פון כאָר־קרײַזל אין שול. די קינדער האָבן זי זייער געאכט און אלע ליב געהאט.

ווי נאָר מיר האָבן זיך מיט איר אומגעקערט פון ייִשעוו־ראט, ווו מיר האָבן זיך פארעגיסטרירט, האָבן די עלטערע שילער געבראכט בלומען און אונדז באגריסט. אויך א קליין מיידעלע אין רויטע שיכעלעך און אין א רויט קליידעלע מיט א רויטן באנט אין די צעפּלעך האָט געבראכט א בוקעט בלומען און אויסגעפּויקט: „די מאמע האָט געזאָגט, ס׳זאָל זײַן מיט גליק״. דאָס מיידעלע איז דערבײַ געוואָרן נאָך רויטער, ווי זי איז געווען, און איז אנטלאָפן.

ריוועלע האָט ארײַנגעשטעלט די בלומען אין וואסער, דערבײַ אָנגערופן יעדן בא זײַן נאָמען: גלאדיִאָלע, געאָרגינע, אסטרע, גוואָזדיקע, זשאסמין.

שפּעט אין אָוונט זײַנען זיך צונויפגעקומען די לערער, פרײַנט, כאוויירים. גענומען צו גלעזלעך ווײַן, געזונגען און פארבראכט ביז טאָג.

ס׳איז אוועק דער ווינטער. ס׳איז אָנגעקומען דער פרילינג, האָבן מיר אפן שול־הויף אויסגעזעצט בלומען. אויך אונטער אונדזער פענצטער האָבן מיר פארפלאנצט בלומען. פּונקט ווי א מוטער צערטלט א קינד, אזוי האָט ריוועלע געצערטלט די בלומען, נאָכגעקוקט, ווען מע דארף זיי אָנטרינקען, אונטערהאָדעווען אָדער אײַנדעקן. א טייל בלומען בליִען נאָר באנאכט און גאנצפרי קוקן זיי אף אײַך מיט צעעפנטע ניט געוואשענע אויגן און בעטן וואסער.

שאבעס, דעם 21 יון, איז געווען דער ארויסלאָז פון שול. ווידער ווײַן, ווידער בלומען און מוזיק. ביזן ווײַסן טאָג האָט מען געטרונקען און געפרייט זיך. נאָר דער פרימאָרגן איז געווען א וויסטער, ס׳האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע.

אינעם זעלבן טאָג האָב איך זיך געזעגנט מיט דער פאמיליע, מיט ריוועלען און בין אוועק אין ארמיי.

ריוועלע האָט זיך געבעטן, איך זאָל זי נעמען מיט זיך. אירע לעצטע ווערטער זײַנען געווען — אַף וועמען לאָז איך זי איבער?

איין מאָל לעבט א מענטש, און איין מאָל ליבט א מענטש. אויב קעמפן פארן לעבן, איז צוזאמען, אויב אומקומען איז באשערט — איז אוודע צוזאמען. נאָך איצט פיל איך איר וואָרעמען אָטעם לעבן זיך, קיינמאָל וועל איך זיך ניט מויכל זײַן, וואָס כ'האָב ניט פארנומען אירע רייד און בין אוועק אָן איר, אָן ריוועלען, אוועק בארג־אַראָפּ צו דער מיל, צום טײַך...

מער האָב איך זיך שוין ניט אופגעהויבן אפן שטיינערנעם בארג. מער האָב איך שוין ריוועלען און די מישפּאָכע קיינמאָל ניט באגעגנט.

איך האָב אָנטיילגענומען אין בלוטיקע שלאכטן, אָנטיילגענומען אין באפרײַען מענטשן פון די טויט־לאַגערן, כ'האָב באפרײַט הונדערטער הונגעריקע, נאקעטע, באַרוועסע פרויען, לעבעדיקע סקעלעטן, קיין סימען פון לעבן, קיין טראָפּן בלוט. נאָר ריוועלען האָב איך ניט געפונען.

איך האָב זי געזוכט אַף די באַן־סטאנציעס.

איך האָב זי געזוכט אין די שפּיטאָלן.

איך האָב זי געזוכט צווישן די באפרײַטע פון געפענקעניש.

איך האָב זי געזוכט צווישן די טויטע.

איך האָב געזוכט, ווי קיינער קען ניט זוכן.

איך האָב געזוכט, ווי א קינד זוכט א מאמע.

אין איינער א שלאכט בין איך פארווונדעט געוואָרן. מע האָט מיך אָפּגעשיקט קיין קאזאכסטאַן. צײַטווײַליק בין איך אוועק ארבעטן אין א שול. געלערנט די קינדער זײַן דרייסט און מוטיק.

סאָף 1944 יאָר בין איך שוין ווידער געווען אין ארמיי, אָנטיילגענומען אין באפרײַען רומעניע און פוילן, דײַטשלאנד און טשעכיע. אין פאַרשטאָט פון פראַג האָב איך זיך געטראָפן מיט געוואגטע טשעכישע פארטיזאנקעס. איינע האָט מיר געזאָגט, אז זי זוכט איר כאָסן אין די ארומיקע קאנטן. און איך האָב נאָך אלץ געזוכט ריוועלען. זי האָט געלעבט אין מיר, ווי א טויב.

די זעלנערישע שטיוול מײַנע האָבן מיך דערפירט צום זיג, געבראכט מיך צוריק צו אונדז אין לאנד, ווו ס'איז מיר ליב יעדער פלויט, יעדער שטיין, יעדער קוסט.

איך בין שוין מער ניט געגאנגען ארבעטן אין שול פאר א לערער. איך האָב גענומען די זעג און די האק און געוואָרן אין מאָסקווע א בויארבעטער.

■

ס'איז ווידער סאָף יוני און ווידער זונטיק. פון גאנצפרי זײַנען זיך צונויפגעקומען אין מײַן נײַער וווינונג פרײַנט און כאוויירים. דער דאָרעם־מײַרעוודיקער ראַיאָן, ווו איך וווין, איז איצטער דער נײַסטער, דער גרעסטער און פאר מיר איז ער אויך דער שענסטער אין מאָסקווע.

דער ייִנגסטער פון מײַנע פרײַנט, וואסיע דער ריז, ווי מיר רופן אים, האָט מיר אונטערגעטראָגן א גרויסן בוקעט לעבעדיקע קווייטן. דערבײַ האָט ער אײַנגעשלאָסן דעם מאַגניטאָפאָן, און מיר האָבן דערהערט די ליד וועגן דער ערשטער ליבע.

די בלומען זײַנען מיר ארויסגעפאלן פון דער האנט און זיך צעשאָטן אפן דיל. צוויי גרויסע פינקלענדיקע טרערן האָבן זיך אראָפּגעקײַקלט פון מײַנע אויגן אין דעם אָנגעפילטן בעכער ווײַן. און אופגעהויבן האָב איך דעם בעכער ווײַן פאר דיר, וואָס אפילע אין די גרעסטע סימכעס פארגעסן זיי ניט דערמאָנען די פארשניטענע לעבנס, כאָטש פון יענעם פינצטערן זונטיק איז שוין אריבער העכער דרײַ צענדליק יאָר.

א באגעגעניש אין וואגאָן

דאָ ניט לאנג בין איך געפאָרן מיטן אָרטיקן צוג פון דניעפּראָפּעטראָווסק קיין קריוואָראָג, צו מײַנעם א גוטן פרײַנט. דער טאָג איז געווען א זוניקער, א הייסער. מיד בין איך אויך געווען. בין איך מיר אזוי פאוואָלינקע אײַנגעשלאָפן, ביפראט אז דאָס פאָרן אליין שלעפערט אײַן. איך עפן נאָר אן אויג, שטייט פאר מיר א שיינער יונגערמאן אין ברילן, מיט א געהאקט בערדל, מיט א הײַנטצײַטיקן שניפּס, אפן קאָפּ — א נײַ קאפעליושל, מיט א גלאנציקן רענצל אין דער האנט.

פון היימלעכקײַט וועגן טו איך צו אים א זאָג:

— עפּעס זענט איר מיר זייער קענטלעך. איר זענט טאָקע א היגער א געבירטיקער, צי אן אָנגעפאָרענער? כ'וואָלט געמעגט שווערן, אז איך האָב זיך מיט אײַך שוין ערגעץ געטראָפן.

— מיך קען די גאנצע שטאָט, — ענטפערט ער מיר, — נאָר איך, זעט איר, קען קיינעם ניט.

איך ארבעט דאָ היי אין פילהאַרמאָניע, פאַר־שפּרייט בילעטן אף קאָנצערטן. ס'איז ניט פון די גאָר גרינגע ארבעטן. טאָג און נאַכט אף די פיס, איך גיי אויס א טאָג מער מיסטאמע ווי א פערד. איך ברענג בילעטן אפילע אהיים. פאַרשטייט איר מיך, פאַראַן אזעלכע מענטשן, וואָס נעמען דיר שיר ניט ארויס די נעשאָמע, ביזוואַנען זיי נעמען א בילעט. זיי ווילן, איך זאָל זיי געבן נאָר קאָזלאָווסקין, נאָר טאַראַפּונקען, נאָר רײַקינען, פונקט ווי איך וואָלט אָט די „שטערן" געהאַלטן בא זיך אין פּאָרטפעל.

קיין קריוואָראָג, פאַרשטייט איר מיך, קום איך אראָפּ נאָר אף א פּאָר טעג אין וואָך. קוילע אָפּ די אָרטיקע ייִדן און ווײַבער און קער זיך אום צו זיך אין פילהאַרמאָניע. וואָס קוקט איר אזוי אף מיר, ווי ראַבעטשיק אפן טאַטן? וואָס האָט איר זיך אזוי דערשראָקן, רעב ייִדז? איך בין כאָלילע ניט קיין גאַזלען. כ'בין א שויכעט. דאָס איז מײַן צווייטע ספּעציאַלנאָסט, פאַרשטייט איר מיך. פּאָ סאָווומעסטיטעלסטווו. און ניט צוליב געלט, פאַרשטייט איר מיך, פּאָר איך אהערצו. איך פּאָר א טויווע טאָן דער שטאָט. נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק זײַנען געווען אין קריוואָראָג צוויי שאָכטים. א רויטער און א שוואַרצער. איז איינער ניפטער געוואָרן, און דער צווייטער איז אויקער געווען. איר פאַרשטייט? איז ווי האָט מען עס ניט קיין ראַכמאָנעס אף דער שטאָט? און אזיווי איך בין א מענטש מיט א ווייך האַרץ, קאָן ניט צוזען, ווי מענטשן מאַטערן זיך, בין איך באַהילפיק מיט וואָס איך קען, כאָטש קיין נאָגיד בין איך ניט. איך קריג אין פילהאַרמאָניע א האַלבן געהאַלט. עמעס, מײַנע ארבעט אויך. אין שפּיטאָל ארבעט זי. העלפט, הייסט עס, צו אין דער פּאַרנאָסע. די זאַך איז אָבער, וואָס א ווײַב דאַרף זײַן אין דער היים, אניט גייט די שטוב צום גרונט. לעבן א שווערן וואָגן, זאָגט מען, איז גוט צו גיין. דאָס זאָג איך אנטקעגן דעם, וואָס פון שכיטע אליין קאָן מען הײַנטיקע צײַטן קיין לעבן ניט מאַכן, קיין מאַרצעפּאַנעס קאָן מען פון דעם זיכער ניט עסן. נאָר וואַרפן די שכיטע קאָן איך ניט. כ'וויל ניט פאַרפלעקן די מישפּאָכע. דער טאַטע מײַנער אָלעווהאַשאָלעם, אונדז צו לענגערע יאָר, רעב שיקעלע סטאַוויטשעשער, האָט געהאַט א נאָמען, געווען א ייִד א כאָכעם, געקענט גוט לערנען, געווען אלע זײַנע יאָרן א כאַזן און א שויכעט, א שויכעט בען שויכעט. שאַבעס און יאָמטעוו פלעגן ווײַבער זיך צונויפלויפן, הערן זײַן קידעש און זמירעס, געלעקט מאַמעש די פינגער. און ער, דײַקע, מײַן עלטערער ברודער, פּײַוויש, איז געוואַקסן אין סטויבער אריין, ניט געוואָלט לערנען. פּרי כאָסענע געהאַט. אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די אַנטירעליגיִעזנע קאַמפּאַניעס, האָט פּײַוויש דערטאַפּט ערגעץ א כאַלעף און אָן סמיכעס זיך געשטעלט קוילען. געוואָרן, הייסט עס, אָן אַנטירעליגיִעזנער שויכעט... האָט עס פאַרדראָסן די אומאַנער שאָכטים. סטיטשש! בעקיצער, ס'האָבן זיך צונויפגענומען א בינטל שאָכטים, זײַנען אריין צו פּײַווישן אהיים און אים אזוי צעמיימעסט, אז ער איז א צײַט געלעגן צו בעט; מ'האָט אים, האָב איך מוירע, אָפּגעשלאָגן די לונג. ביז איצט הוסט ער. איך האָב שוין גראַדע יאָ סמיכעס אף שכיטע. מיט סמיכעס אליין וועט איר ניט האָדעווען קיין ווײַב און קינדער. ווען ניט די פּילהאַרמאָניע, וואָלט איך שוין לאַנג אָנגעשפּאַרט בא מײַן שוויגער כײַע־טרײַנע. אז בעסאַכאַקל נעם איך פּאָר קוילען אָן אָף א כאַצי פויגל (א האַלב קערבל). וואָס קאָן שוין זײַן ווייניקער, האָ? געפינען זיך אָבער קאַפּלשמוינעדיקע ווײַבער, וואָס שנײַצן אריין אין דער פּאַטשיילע און דערוויזן, אז איך שינד די הויט, אז איך בין א בײַטלשנײַדער, א באַרײַסער, זשעברע גאָלד און שטעל די שטאָט בעדיל־האַדאַל. זיי ווילן עסן אויפּעס, פּופּיקעס, פאַלקעס מיט לעבערלעך און ניט צאָלן קיין שכיטע־געלט. מ'האָט אפילע ארויסגעלאָזט א קלאַנג, אז איך דערפּליק ניט די אויפּעס. ס'איז א ליגן די מײַסע.

הערט, עפּשער וועט איר בא מיר נעמען א פּאָר בילעטן אפן סימפאָנישן קאָנצערט?.. האָ?

אין זאָאָלאָגישן גאָרטן

בא אונדז אפן זאַוואָד איז אײַנגעפירט, אז אלע בעסטע ארבעטער פּרעמירט מען מיט פּרטיאַוקעס. אייניקע בריגאַדעס זײַנען שוין געווען אין לענינגראַד, אין סעוואַסטאָפּאָל, און הײַנטיקן ווינטער בין איך מיט א בריגאַדע געקומען אין דער הויפּטשטאָט פון ליטע — ווילנע. דאָרט האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט די היסטאָרישע דענקמעלער, געווען אפן מיליטערישן בעסוילעם, אפן „פּעוואָטשעשע" פעלד, ווו שוין הונדערט יאָר, אז אָף די פאָלקס־יאָמטויווים טרעטן ארויס טויזנטער זינגער. מיר האָבן געזען א בלײַענדיקע שטאָט מיט פיל נײַע מיקראָ־ראַיאָנען, באַזוכט דעם געוואוסנעם טרויעריקן פּאָנאַר, און פון דאָרט זײַנען מיר אוועק אין זאָאָלאָגישן

גאָרטן. פון די שטײַגן האָבן אַף אונדז געקוקט בייזע וועלף און פריילעכע מאַלפּעס, דרעמלענדיקע לייבן און דורכגעטריבענע פלינקע פוקסן, מאָגערע הירשן און שווערוואָגיקע העלפאַנדן.

די אָנפירערן פון זאָאָלאָגישן גאָרטן אַנאַ וואַסיליעוונאַ האָט אונדז דערציילט וועגן לעבן פון די כײַעס, זייערע פּאָוואַדקעס און פּאָסטעמקעס, אַפילע וויִאַזוי די וועלף שפּילן ליבעס. אָט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ ניט גרויסער אָזערע, וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט שטאַרצנדיקע שטיינער, — דאָ וווינט די דעלפין־מישפּאָכע פאַלקע.

— די אָדעסער מאַטראָסן, — האָט זיך אָנגערופן אַנאַ וואַסיליעוונאַ, — האָבן אונדז געבראַכט אַ מאַטאָנע דאָס פּאָרפּאָלק פאַלקע. די אָזערע, ווי איר זעט, איז אַרום־און־אַרום באַדעקט מיט אײַז, נאָר אין דער מיט איז אַ היפּשער שעטעך פרײַ פון אײַז. די וואַסער איז דאָ ניט איבעריק קאַלט, קעדיי די דעלפינען זאָלן זיך פילן ווי אין שוואַרצן יאַם. דעלפינען עטעמען מיט זויערשטאָף, האָדעווען די נײַ־געבוירענע מיט מילך, שפּרינגען, ווי עמעסע אַקראָבאַטן, כאַווערן זיך מיט מענטשן, לאַשטשען זיך און פאָלגן מענטשן; ברענגען אַרויס קלאַנגען סײַ פון פרייד, סײַ פון טרויער. בײַם דאָזיקן פּאָרפּאָלק איז געבוירן אַ קינד, אַ טאָכטער. נו, איז אַ פרייד, אַ סימכע. די עלטערן קושן דאָס קינד. און טאַטע־מאַמע קושן זיך אַליין. די מוטער האָדעוועט געטרײַ איר צאַרט קינד.

לערנט עס שווימען. שטעלט אונטער די פּלייצע, ברענגט דערבײַ אַרויס פריילעכע קלאַנגען. דאָס נעפּעשל פּאַטשט מיטן עק, שווימט. אָט באַווײַזט זיך עס לעבן דער מוטער און אָט איז עס ווײַטער אַוועק אונטערן אײַז. מיטאַמאָל האָט די מוטער אַ רעווע געטאָן און זיך אַ לאָז געטאָן אונטערן אײַז. דאָס פּיצל דעלפינטשיקל האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען, אַז אויך אין וואַסער דאַרף מען אויסמײַדן אַ געפאַר. שווימענדיק פאַרשײַט אונטערן אײַז, האָט דאָס יונגע פאַלקעלע מיטן קעפּל דערלאַנגט זיך אין אַ שטיין און געבליבן פאַרגליווערט. דער פאָטער האָט אַ קוק געטאָן אַפן טויטן קינד מיט צאַר אין די אויגן, אַוועק אונטערן אײַז צו זיך אין הייל צווישן די שטיינער. די מוטער פאַלק האָט געכליפּעט, געוויינט, געלעקט די וווּנד אַפן צעשעדיקטן קעפּעלע, נאָכדעם אָפּגעפירט דאָס טויטע קינד צו זיך אַהיים אונטערן אײַז צווישן די שטיינער. אַ היפּשע צײַט האָט די מוטער זיך ניט באַוויזן אַפן וואַסער. סאָף טאָג האָט זי זיך באַוויזן אַ פאַרוויינטע, זי איז צוגעשווומען צום ברעג, זיך אופגעשטעלט, געטוליעט זיך צו מיר, געקרעכצט, און פון די אויגן האָבן געטריפט גרויסע טרערן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט אַף איר לײַב און פאַרגליווערט געוואָרן. איך האָב זי געגלעט, געקושט, און אַפן האַרצן איז מיר געוועזן אַזוי אומעטיק, אַז ס'האָט זיך געוואָלט וויינען, — האָט פאַרענדיקט אַנאַ וואַסיליעוונאַ, אַראָפּלאָזנדיק נידעריק דעם קאָפּ.

בלעטלעך פון דער ליטעראַטור־געשיכטע

שרײַבער, וואָס האָבן „אָפּגענאַרט די וועלט"

מיט בעערעך פופציק יאָר צוריק איז אין דײַטשלאַנד דערשינען ניט קיין גרויס ביכל סאַטירעס אונטערן נאָמען „פעפ. אמעריקאַנער לידערבוך" („פעפ" איז אַן אָפּמונטערונג־אויסרוף אין אמעריקאַנער ענגליש). דער אוטאָר פון דעם ביכל איז געווען איינער „י. ל. וועטשיק", א נאָמען, וואָס האָט קיינעם גאָרנישט געזאָגט, ווײַל פון אַזא שרײַבער האָט מען קיינמאָל ניט געהערט. אָבער ניט געקוקט אָף דעם, איז דאָס ביכעלע בליצשנעל געוואָרן א סענסאַציע אין דער ליטעראַרישער וועלט, און די גאַנצע אײַראָפּעיִשע און אמעריקאַנער קריטיק האָט באַגעגנט די לידער מיט באַגײַסטערונג. אלע האָבן מיט אנערקענונג אָפּגעמערקט דעם אויסטערלישן שאַרפזין, מיט וועלכן דער אוטאָר שילדערט דעם דורכשניטלעכן אמעריקאַנער, דעם אַזויגערופענעם „מיסטער סמיט", דעם „ריטער פון דער פּראַקטישקײַט", פאַר וועמען ס'איז ניט הייליק קיין זאַך אין דער וועלט, אַכוץ ביזנעס, רעקלאַמע און דאָלאַרן, און מע איז אנציקט געווען פון דער מײַסטערשאַפט, מיט וועלכער דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער „וועטשיק" מאָלט דעם געדאַנקענגאַנג און די וועלט־אָנשויונג פון זײַן העלד. „פון אָט די גײַסטרײַכע סאַטירעס, — האָט געשריבן איינער א קריטיקער, — דערקענט מען אמעריקע און די אמעריקאַנער בעסער, איידער פון דיקבענדיקע רײַזע־באַשרײַבונגען".

ס'איז נאַטירלעך, אז צוגלײַך מיטן גרויסן אינטערעס, וואָס דאָס ווערק האָט ארויסגערופן, איז אויך אופגעקומען די פראַגע, ווער, אייגנטלעך, איז דער אוטאָר, דער ביז איצט אינגאַנצן אומבאַקאַנטער „י. ל. וועטשיק"? מע האָט גענומען זוכן דעם טאַלאַנטפולן און באַשיידענעם מענטשן, וועלכער גיט זיך ניט ארויס, ניט געקוקט אָף אלע לויבגעזאַנגען מיצאַד די קריטיקער פון ביידע קאָנטינענטן. און דאָ איז אופגעשווומען א נײַע סענסאַציע. איינער א פלינקער זשורנאַליסט האָט אויסגעפונען דעם סאָד, איבערזעצנדיק דאָס וואָרט „וועט־טשיק", וואָס באַדײַט אין ענגליש „נאַסע באַק", אין דײַטש „פּויכטע וואַנגע", און דערמיט איז אופגעדעקט געוואָרן דער „שווינדל", און די וועלט האָט זיך דערוווּסט, אז דער אוטאָר פון „פעפ" איז ליאָן פויכטוואַנגער.

אַזויאַרום איז צוגעקומען נאָך איין מיסטיפיקאַציע צו דער גרויסער צאָל „פעלשונגען", וועלכע זײַנען באַוווּסט אין דער ליטעראַטור. אַזעלכע, ווי די פּאָעמעס פון אָסיאַן, דעם „מיטלאַלטערלעכן קעלטישן באַרד" (דער אַנאָנימער אוטאָר פון די פּאָעמעס איז געווען דער שאָטלענדער מאַקפערסאָן), און די לידער פון אַן „אַנטיקער גריכישער פּאָעטעסע בילִיטיס" (וואָס עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אָנגעשריבן האָט זיי גאָר דער פראַנצויזישער דיכטער פּיער לוִיס), ווי אויך די „לידער פון די מײַרעוו־סלאַווען", וועלכע דער פראַנצויזישער שרײַבער פּראָספּער מערימע האָט צוגעטראַכט, און דערמיט אָפּגענאַרט אפילע פּושקינען, — ער האָט זיי איבערזעצט אין רוסיש ווי עכטן מײַרעוו־סלאַווישן פאָלקלאָר.

עס איז בעלי־סאָפּעק קעדײַ, אז דער יידישער לייענער זאָל זיך באַקענען מיט די אינטערעסאַנטע סאַטירעס און דורך זיי באַקומען א מעגלעכקײַט ארײַנצוקוקן אין דער אינערלעכער וועלט פון דעם אמעריקאַנער „מיסטער סמיט", דעם „ריטער פון פּראַקטישקײַט". מיט דעם צוועק ברענג איך דאָ איינִיקע אויסדערווײלטע לידער פון „פעפ" אין מײַן איבערזעצונג.

מאַרק ראַזומני

פון י. ל. וועטשיקס „אמעריקאַנער לידערבוך פעפ"

הונגער און ליבע

פּראָפעסאָר האַרי מאַקינס האָט געמאַכט אַן עקספּערימענט מיט מײַז.
ער האָט פאַרשפּאַרט אין א שטײַגל זעקס מענגלעכע שטשורעס,
פון איין זײַט — א צווייטע שטײַג מיט ווײַבעלעך, פון דער אנדער זײַט — א שטײַג מיט שפּײַז,
און בריקלעך מיט עלעקטרישן שטראָם דורכגעלייגט צווישן די דרײַ שורעס.

דרײַ מעסלעס האָט קיין איין שטשור ניט געוואָגט אריבערשפּרינגען
די בריק,
אָבער נאָך צוויי און זיבעציק שאָ הונגער און מאנגל אין ליבע,
איז פון די זעקס זכאָרים איינער אוועק אין דער זײַט פון ליבע־גליק
און די אנדערע פינף זײַנען דאָס בריקל צו דער שפּײַז אריבער.

נאָכדעם האָט דער פּראָפעסאָר געמאכט דעם פּרווו אין אן אנדער פאָרעם.
ער האָט אין א שטײַג זעקס שטשוריכעס אײַנגעשלאָסן,
פון זיי זײַנען נאָך דרײַ מעסלעס פינף אוועק צו די זכאָרים,
און בלויז איינע איז אוועק צום עסן, איידער זיך זוכן א כאָסן.

מיסטער ב. וו. סמיט האָט מיט אינטערעס געלייענט וועגן דעם עקספּערימענט מיט די מײַז
און אײַנגעפונען, אז דער רעזולטאַט איז זייער באַלערעוודיק און גײַסטרײַך.
ער האָט אָנגעבאָטן זײַן געליבטער, מיס מאָוד ראָונטרי, די העלפט פון איר ביז איצטיקן
פּרײַז,
און מיט טאָפּלטער ענערגיע זיך פארנומען מיט זײַן פאבריק פון דאכלקעס און
פענצטער־לײַסטלעך.

ארום רוסלאנד

אַף זײַן איירָאָפּע־נעסיע, בײַס ער איז אין ניצע פארפאָרן,
ווו ער האָט זײַנע (אגעוו, גאָר ניט שוואכע) נערוון אַף קוראציע געפירט, —
איז מיסטער ב. וו. סמיט מיט א רוסישער פּרוי באקאנט געוואָרן,
א דאמע, וועלכע האָט אים, דעם עמעס גערעדט, פארינטערעסירט.

דער פּאָרטיע און דער קעלנער האָבן אים צוגעהאָלפן אין דער שפּיל,
און אין פּאָיע איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן א באַגעגעניש צווישן ביידן.
אָבער די רוסישע פּרוי איז די גאנצע צײַט געבליבן עפּעס צו קיל,
ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער האָט פון זײַנע אונטערנעמונגען ניט אופגעהערט ריידן.

ער האָט מיט היץ גערעדט וועגן וועלט־מאַרק, וועגן אויטאָ־מאַרקעס און וועגן רעקלאַמע,
ער האָט דערמאָנט וועלט־רײַזעס, לוקסוס־שיפן, עקאָנאָמישע צוזאמענהאנגען, —
אָבער זײַן אופגעלייגטקײַט און אָפּטימיזם האָבן ניט געמאכט קיין אײַנדרוק אַף
דער דאמע,
און זי האָט אַלץ ארופגעפירט דעם שמועס אַף קונסט און שיינע זון־אונטערגאנגען.

מיסטער ב. וו. סמיט האָט אין דעם אײַנגעזען ניט קיין ערלעכע קאַוואַנעס,
און אין הארצן האָט ער אָנגערופן די באגעגעניש — א געשפּרעך אָן פּײַנקײַט און
אָן סטיל,
ער האָט דאָך פון שטענדיק געהאלטן, אז דער באָלשעוויזם איז א סאקאָנע,
און די גאנצע רוסישע סיסטעם האָט ער באטראַכט, ווי א שלעכטע שפּיל.

באלאדע וועגן מיסטער ב. וו. סמיט

ווען ער האָט שוין געהאט אזויפיל שווערע דאָלארן געמאכט,
אז ער וואָלט געקאָנט מיט זיי אלע פּאָדלאָגעס פון זײַן הויז צודעקן געדיכט,
האָט ער אײַנגעזען, אז ביז איצט האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געטאָן קיין טראַכט
וועגן אײַנקויפן זיך עפּעס אזוינס, וואָס זאָל אים געבן ווארעמקײַט און ליכט.

ער איז אַלט געוואָרן זיבן און פופציק יאָר, דער שלאָף איז שוין זינט יאָרן פון אים אוועק,
זײַן מאָגן האָט שלעכט פאַרדײַט, אכוץ דעם איז ער אָבער געווען גאנץ געזונט,
האָט נאָך פארמאָגט זעקס און צוואנציק גוטע, שטאַרקע ציין, און זעקס מיט גאָלד
באדעקט,
דאָס איינציקע, וואָס ער איז געווען אין טאַליע א ביסל צו רונד.

מיט גרויס פּאַרדראָס האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז מ'איז אים ניט אַנטקעגן געקומען,
ווען ער האָט געוואָלט אָפּקויפן דעם יאַם, די בערג, און אויך דעם אייבערשטן אין הימל,
ער האָט געהאַט אַגמעסנפּעש, וואָס מ'האָט דאָרטן זײַנע גוטע טשעקן ניט אָנגענומען
און ניט אַרויסגעוויזן דעם געהעריקן רעספּעקט פאַר זײַן סאָלידער כסימע.

ער האָט באַוויזן די בערג זײַנע טשעקן, געפּרוּווט מיטן גלאַנץ פון גאָלד
זיי פאַרבלענדן,
נאָר די בערג האָבן אַפילו זיך ניט אומגעקוקט אויף אים.
ער האָט דאָך נאָר פאַרשטאַנען צו ריידן וועגן ביזנעס און וועגן דיווידענדן,
גאָט אָבער האָט ניט גערעדט וועגן געשעפטן, און דער הימל האָט ניט פאַרנומען
זײַן שטים.

און אַזוי איז ער געבליבן זיצן מיט זעקס און צוואַנציק נאַטירלעכע ציין און מיט
זעקס פון גאָלד,
אַן אויסגעשולטער ביזנעסמען מיט אַ באַנק־קאָנטע, מיט קאָלערליי פּראַכט,
און ער האָט ניט געקאָנט באַקומען דאָס, פאַר וואָס ער האָט גוט באַצאָלן געוואָלט.
איז ווי באַלד אַזוי, טאָ צו וואָס זשע האָט ער די סאַך דאָלאַרן געמאַכט?

טעאַטער

אַזוי ווי זײַן שוטעף איז ניט געקומען צו דער אָפּגערעדטער צײַט, נאָר איז מאַכמעס
אַן אויטאָ־אוואַריע געשטאָרבן
(מיסטער סמיט האָט צו אים שטענדיק געטײַנעט, אַז פליען מעשוגענערווײַז
איז גאַראַנטירט קיין שפּאַס),
איז מיסטער סמיט אַוועק, — ווײַל דער אָוונט איז דאָך שוין סײַווי געווען פאַרדאָרבן —
אין דעם טעאַטער אויף דער זיבן־און־נײַנציקסטער גאַס.

מ'האָט דאָרט געשפּילט איינע פון י. ל. וועטשיקס אויסגעצייכנטע טעאַטער־שטיק,
און אויף דער סצענע האָט מען גערעדט אויף גאָר אַ פּאַשעטן, אַלטעגלעכן אויפן,
מענער און פרויען, וואָס האָבן אָפּטמאָל זיך אויפגעפירט מיט ניט פיל סטיל און שיק,
האָבן גערעדט וועגן האָטעלן, וועגן אויטאָמאָבילן, וועגן אייראָפּע־רײַזעס, וועגן
קויפן און פאַרקויפן.

מיסטער סמיט האָט אויף די אויסגעגעבענע פינף דאָלאַר שוין געהאַט כאַראָטע,
ווײַל וועגן די אַלע איניאָנים האָט ער זיך אָנגעהערט גענוג בא זיך אין קאָנטאָר.
אָבער די רייד פון דער בינע האָבן אַרופגעוואָרפן גאָר אַן אומדערוואַרטן שאָטן
אויף זײַן גײַסט, וואָס איז דאָך שטענדיק אויסבאַלאַנסירט געווען ביז גאָר.

אויף דער סצענע האָט מען נאָך אַלץ וועגן דאָלאַרן, וועגן סעזאָן און וועגן
האָטעלן דעבאַטירט
און, דאַכט זיך, גאָר ניט אויף קיין פאַכמענישן לאָשן דערלאַנגט, —
אָבער מיסטער סמיט איז עפּעס אויף אַ מאָדנעם אויפן געוואָרן דורך דעם אַלעמען
באַרירט,
אים האָט שוין אַפילו ניט געאַרט, וואָס אין די רייד פעלט ביזנעס־גײַסט און
ביזנעס־געדאַנק.

עמעס טאַקע, אַז פאַר פינף דאָלאַר באַקומט מען סערווירט אַ מאָלצײַט אין „פּיקאַדילי“,
פאַר דעם געלט קאָן מען אויך קויפן אַ קעגן ווינט געשיצטן סיגאַרעטנצינדער־
אווטאָמאַט, —

מיסטער סמיט האָט געוווּסט, אַז דער פּלאַץ, וואָס ער האָט גענומען אויף וועטשיקס
שטיק, איז ניט ביליק,
און פונדעסטוועגן האָט ער איצט אויף דעם שוין קיין כאַראָטע ניט געהאַט.

דער שאָפער פון דעם אווטאָ, וואָס האָט אים אַהיים געפירט,
האָט דערהערט הינטער זיך עפּעס אַ מאָדנעם זשומען, וואָס האָט אים ניט פאַרשאַפט
קיין פאַרגעניגן.
צי שוין זשע איז ווידער קאַליע דער טאָרמאָז, וואָס ער האָט דאָ ניט לאַנג
אָפּגערעמאָנטירט?

ניין! דאָס האָט גאָר מיסטער ב. וו. סמיט אונטערן נאָז געברומט אַ ניגון!

ס ט אַ ט י ס ט י ק

וויפֿל קאַלאָריעס א נאָרמאַלער מענטש פֿאַרנוצט זומער און ווינטער אַפֿן יאַם
און אַף דער יאַבאַשע;
וויפֿל אויטאָס עס ווערן אויסגעאַרבעט אין א שאָ; וויפֿל הײַזער עס ווערן פֿאַרברענט;
וויפֿל עס ווערן אויסגערייכערט אין אַמעריקע, אייראָפּע און אַזיע פּאַפּיראָסן;
וויפֿל נעגערס עס טאַנצן אין רעוויו; וויפֿל דער פּרעזידענט טרייסלט הענט, —

דאָס אַלץ ווערט דורכן אייבערשטן אין הימל געניי אויסגערעכנט און פֿאַרשריבן,
אויך דער מעלוכע־ביוראָ פֿאַר סטאַטיסטיק איז גוט באַקאַנט די גאַנצע סיסטעם.
דער אייבערשטער טוט דאָס, קעדיי צו זײַן זיכער, אַז די באַלעבאַטישקײַט זײַנע
איז גאַנץ געבליבן,
די סטאַטיסטישע ביוראָ, ווידער, זוכט וואָס מער נוצן צו ציִען פֿון דעם.

מיסטער ב. וו. סמיט האָט באַלד דערזען מיט זײַן שאַרפֿן געשעפֿטלעכן בליק,
אַז די טעטיקײַט פֿון דער סטאַטיסטישער ביוראָ איז נוצלעך און האָט א גרויסן זינען.
פֿונדעסטוועגן איז אים ניט וויכטיק געווען אַן אַנדערס מאָל, באַזונדערס באַם הערן מוזיק,
וויפֿל פּראָצענטן נוצלעכן פֿאָספֿאָר מ׳וועט בא אים נאָכן טויט געפֿינען.

כראָניק

שלוימע גערשאָווס
א פּערסאָנעלע אויסשטעלונג

אינעם עקספּאָזיציע־זאַל פֿון די לענינגראַדער קינסטלער האָט זיך געעפֿנט א פּערסאָנעלע אויסשטעלונג פֿונעם מאָלער שלוימע גערשאָוו, אָרגאַניזירט דורך דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פֿונעם קינסטלער־פֿאַרבאַנד פֿון רספֿסר.

אַף דער אויסשטעלונג זײַנען באַוויזן געוואָרן אינטערעסאַנטע אַקוואַרעלן און אייל־בילדער, וואָס דער קינסטלער האָט געשאַפֿן אין מעשעך פֿון זײַן פֿיליאָריקער טעטיקײַט אין דער מאָלערײַ־קונסט.

א באַדײַטנדיק אָרט פֿאַרנעמען אין דער עקספּאָזיציע גערשאָווס שאַפֿונגען אַף ייִדישער טעמאַטיק, פֿיל פֿון וועלכע עס זײַנען געווען רעפּראָדוצירט אין די קינסטלערײַשע בײַלאַגעס פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

הערש אינגערס געמעלן
אַף גראַמאָפֿאָן־פּלאַטן

די מאָסקווער פֿירמע „מעלאָדיִא״ האָט לעצטנס אַרויסגעלאָזט דרײַ גראַמאָפֿאָן־פּלאַטן, אַף וועלכע עס זײַנען פֿאַרשריבן בעטהאָווענס דריטע און פֿינפֿטע סימפֿאָניעס, סאָנאַטן, א קאָנצערט פֿאַר פֿאָרטעפּיאַנע, פֿידל, וויִאָלאָנטשעל מיט

אַן אָרקעסטער אין דער אויספֿילונג פֿון סוויאַטאָסלאַוו ריכטער, דאָוויד אויסטראַך, מסטיסלאַוו ראָסטראָפּאָוויטש און אַנדערע.

די פּלאַטן זײַנען איליוסטרירט מיט דרײַ כאַראַקטער־פּאָרטרעטן פֿונעם גרויסן קאָמפּאָזיטאָר, געצייכנט פֿונעם באַקאַנטן ייִדישן מאָלער הערש אינגער, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר א טייל פֿון דער סעריע „וועלט־מוזיקער״, איבער וועלכער ה. אינגער אַרבעט די לעצטע יאָרן.

נ ײַ ס פֿ ו ן אַ ו י ס ל אַ נ ד

גאַסטראָלן פֿונעם וואַרשעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער

דער וואַרשעווער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער אַפֿן נאָמען פֿון עסטער־ראָכל קאַמינסקע האָט לעצטנס גאַסטראָלירט אין דער דײַטשישער פֿעדעראַטיווער רעפּובליק.

אין האַמבורג, דיסעלדאָרף, מאַרל און אַנדערע שטעט האָט דער טעאַטער באַוויזן א גאָלדפֿאַדען־שטעלונג, וועלכע עס האָבן באַזוכט אַריבער צוויי טויזנט צושויער.

די אָנפֿירער פֿונעם טעאַטער האָבן געגעבן אַן אינטערוויו דער אָרטיקער ראַדיִאָ און טעלעוויזיע.

אַן אויסשטעלונג פֿון ייִדישער קונסט אין קאַנאַדע

העכער 15 טויזנט מענטשן האָבן באַזוכט אַן אויסשטעלונג פֿון ייִדישער קונסט, וואָס איז צום ערשטן מאָל אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן ייִדישן מוזיי אין וויניפּעג.

די עקספּאָזיציע אונטערן דעוויז „א נעסיִע צו אונדזער ירושע״ האָט געדויערט פֿיר וואָכן.

אַשווענטשימער עקספּאָזיציע אין יאַפּאָניע

אין דער שטאָט אָסאַקאַ איז לעצטנס אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג וועגן דער היטלעריסטישער אויסראָטונג פֿון פֿעלקער אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. באַזונדערע עקספּאָנאַטן שילדערן די שוידערן אין אָושווענטשים.

דער איניציִאַטאָר פֿון דער אויסשטעלונג איז דער „קאָמיטעט אַשווענטשים — היראָשימאַ״.

●

זיכרוינעס וועגן איסאַק באַבעלן



אנטאָנינאַ פּיראָזשקאָווא

אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן

איך האָב זיך באַקאַנט מיט איסאַק עמאַנוילאָוויטש באַבעלן זומער 1932, אַן ערעך אין א יאָר ארום נאָך דעם, ווי כ'האָב צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט זײַנע דערציילונגען.

די באַקאַנטשאַפט איז פֿאָרגעקומען אין מאָסקווע בא איוואַן פּאַוולאָוויטש איוואַנטשענקאָן, באַבעלס א גרויסן פֿאַרערער. סײַ באַבעל, סײַ איך זײַנען געווען אײַנגעלאַדן צו איוואַנטשענקאָן אַף מיטיק.

איוואַן פּאַוולאָוויטש איוואַנטשענקאָ — איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער שטאָל־אינדוסטריע פֿון די מיזרעך־געגנטן — האָט מיך געקענט פֿון „קוזניעצקבוי", ווו איך האָב געאַרבעט נאָכן ענדיקן דעם סיבירער טראַנספּאָרט־אינסטיטוט. באַם באַקאַנען אונדז האָט איוואַן פּאַוולאָוויטש געזאָגט:

— דאָס איז א בוי־אינזשעניער מיטן נאָמען פּרינצעסע טוראַנדאָט.

איוואַנטשענקאָ האָט מיך אַנדערש ניט גערופֿן, זינט ער האָט, קומענדיק איינמאָל אין „קוזניעצקבוי", איבערגעלייענט אין דער וואַנט־צײַטונג אַן אַרטיקל וועגן מיר, וואָס האָט געהייסן „די פּרינצעסע טוראַנדאָט פֿון דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ".

אין דער צײַט פֿון מיטיק האָט באַבעל דערציילט וועגן זײַן מישפּאָכע, וואָס האָט געלעבט אין פֿראַנקרײַך אין שטאַרקער נויט. פֿון מאָסקווע, אין יענע יאָרן, איז געווען זייער שווער איר צו העלפֿן.

— איך פֿאָר זיך זען מיט דער דרײַיאָריקער פּאַריזשאַנקע, — האָט ער געזאָגט, — כ'וואָלט זי וועלן ברענגען קיין רוסלאַנד, ווײַל כ'האָב מוירע, אַז מע וועט דאָרט מאַכן פֿון איר א מאַלפּעלע. — ס'איז געגאַנגען א רייד וועגן זײַן טאָכטער נאַטאַשע, וועלכע ער האָט נאָך ניט געזען.

ביז באַבעלס אָפּפֿאָרן קיין אויסלאַנד בין איך עטלעכע מאָל געווען בא אים אין ניקאָלאָוואָראָבינער געסל.

איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט:

— קומט מאָרגן צו מיטיק, איך וועל אײַך באַקאַנען מיט זייער א שאַרפֿזיניקן מענטשן.

ווען איך בין אַף מאָרגן געקומען צו באַבעלן, האָב איך בא אים געטראָפן ניקאָלײַ ראָ־בערטאָוויטש ערדמאַנען. מיט אינטערעס האָב איך זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, וואָס איז געגאַנגען ארום ערדמאַנס א נײַער פּיעסע. באַבעל האָט מיר אינקורצן דערציילט דעם סוזשעט און צוגעגעבן:

— ערדמאַנס פּיעסע מיטן ניט־פריילעכן נאָמען „זעלבסטמערדער" איז אָנגעשפּיקעוועט מיט שאַרפזיניקע בײַסיקע ארויסזאָגונגען אַף דער הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק. מע דערוואַרט, אַז זי וועט האָבן דעם זעלבן גורל, וואָס «Горе от ума».

באַבעל האָט מיך געצוווּנגען דערציילן וועגן מײַן ארבעט אַף „קוזניעצקבוי".

ווען איך האָב געענדיקט דערציילן, האָט ער באַמערקט:

— אָט ווען מע שרײַבט אַזוי אָן, ווי זי דערציילט, וואָלט זײַן אינטערעסאַנט, בא אונדז שרײַבט מען וועגן דער פאַרמעסטונג שרעקלעך לאַנגווײַליק.

איינמאָל האָט באַבעל געבעטן בא מיר א דערלויבעניש קומען צו מיר אהיים. איך האָב אים מעכאַבעד געווען מיט טיי, ניט זייער קיין שטאַרקער (און ער, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט ליב געהאַט זייער שטאַרקע טיי). ער האָט אויסגעטרונקען און גאָרנישט געזאָגט. מיטאמאָל האָט ער געפרעגט:

— איך מעג א קוק טאָן, וואָס עס געפינט זיך אין אײַער רידיקיול?

מיך האָט עס פאַרוווּנדערט, נאָר כ'האָב אים דערלויבט.

— א דאַנק. איר ווייסט, מיך אינטערעסירט שטאַרק, וואָס געפינט זיך בא די פרויען אין זייערע רידיקיולן.

ער האָט פּאַרזיכטיק אויסגעשאָטן אַפן טיש אלץ, וואָס איז דאָרט געווען, עס באַטראַכט און צוריק ארײַנגעלייגט, נאָר דעם בריוו, וועלכן איך האָב גראָד אין יענעם טאָג באַקומען פון מײַנעם א כאַווער פון אינסטיטוט, געלאָזט ליגן אַפן טיש. ערנסט א קוק געטאָן אַף מיר, האָט ער געפרעגט:

— עפּשער וועט איר מיר דערלויבן איבערלייענען דעם בריוו — אויב, פאַרשטייט זיך, ער איז ניט קיין אינטימער?..

— לייענט, — האָב איך געזאָגט.

ער האָט אופמערקזאַם איבערגעלייענט און געפרעגט:

— צי קען איך זיך מיט אײַך דערריידן, אַז איך וועל אײַך צאָלן א רובל פאַר יעדן בריוו, אויב איר וועט מיר אים געבן איבערלייענען?

איך האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און געענטפערט, אַז איך בין מאַסקים. באַבעל האָט אוועקגעלייגט אַפן טיש א רובל.

ער האָט מיר דערציילט, אַז געוויינלעך וווינט ער ניט אין מאָסקווע, ווו עס איז שווער זיך אָפּזונדערן פון מענטשן און ארבעטן. דעריבער לעבט ער אין דאָרף מאָלאָדענאָוואָ, ניט ווײַט פון אלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקיס הויז. ער האָט מיך אײַנגעלאַדן צופאָרן אהין מיט אים אינעם נאָענטסטן אָפּרו־טאָג.

גאַנצפרי איז ער געקומען נאָך מיר און מיך אָפּגעפירט אַפן ווײַסרוסישן וואָקזאַל. מיר זײַנען דערפאָרן מיטן צוג ביז דער סטאַנציע זשאַוואָראָנקי, ווו עס האָט אַף אונדז געוואַרט א ברישקע, וועלכע באַבעל האָט, ווײַזט אויס, פון פריער באַשטעלט. דער וועג האָט זיך געשלענגלט דורך א דאַטשע־יישעוו, דערנאָך דורך פעלדער, ווײַטער דורך א דעמבן וועלדל. באַבעל איז געווען אין א גוטער שטימונג און האָט מיר דערציילט א געשיכטע, ווי־אַזוי א מאַן האָט געפירט זײַן ווײַב צו זיך אין שטוב נאָך דער כאַסענע און אַפן וועג דערהאַרגעט דאָס פערד זײַנס דערפאַר, וואָס עס האָט אים ניט געפאָלגט, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגע־ציילט „איינס", „צוויי", „דרײַ". אַף דעם ווײַב האָט עס געמאַכט אַזא רוישעם, אַז ווען דער מאַן פלעגט שפּעטער זאָגן „איינס", פלעגט זי זיך וואַרפן טאָן דאָס, וואָס ער האָט געהייסן, געדענקענדיק, וואָס עס קומט נאָך דער קאָמאַנדע „דרײַ".

צוריק אַף דער סטאַנציע האָבן מיר זיך אומגעקערט אויך אַף א פערד. אין וועג האָט מיך באַבעל געפרעגט: „אָט האָט איר, א יונג און געבילדעט מיידל, פאַרבראַכט א גאַנצן טאָג מיט א באַוווּסטן שרײַבער און אים ניט פאַרגעבן קיין איין ליטעראַרישע פראַגע. פאַרוואָס? — ער האָט מיך ניט געלאָזט ענטפערן און געזאָגט: — איר האָט געטאָן זייער ריכטיק". שפּעטער האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז באַבעל האָט ניט געקאָנט פאַרלײַדן ליטעראַרישע געשפּרעכן און האָט זיך געסטאַרעט ווי ווײַט מעגלעך אויסמײַדן זיי.

אין מאָלאָדענאָוואָ האָט זיך באַבעל באַפרײַנדעט מיטן באַלעבאָס איוואַן קאַרפּאָוויטש, מיט וועלכן ער פלעגט שאָענווײַז ריידן, דאָס זעלבע מיטן אלטיטשקן אקים, וואָס איז שטענ־דיק געזעסן אַף דער זאַוואַלינקע. דער אלטער האָט געוווּסט א סאַך אינטערעסאַנטע געשיכ־

טעס. באבעל האָט אויך ליב געהאַט שמועסן מיטן בינענציכטלער, דעם וועגעטאַריאַנער. ער האָט געהאַט א גרויסן קרײַז באַקאַנטע — געניטע אַלטע מענטשן.

אין די קאָלווירטישע איניאַנים פון מאָלאָדענאָווא איז באבעל געווען גוט באַהאַוונט, ער האָט אפילע א געוויסע צײַט, נאָך פאַר דער באַקאַנטשאַפט מיט מיר, געאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פונעם קאָלווירט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען ניט צוליב פאַרדינסט, נאָר מיטן ציל גענויער צו וויסן דאָס לעבן פונעם קאָלווירט. די פויערים האָבן באבעלן גערופן „מאַנויליטש". מיט א קורצער צײַט פאַר זײַן אָפּפאָרן קיין פראַנקרײַך האָט מיך באבעל אײַנגערעדט איבערפאָרן צו אים אַף ניקאָלאָ־וואָראָבינער געסל אַף דער צײַט, ווען ער וועט דאָרט ניט זײַן. ער האָט מוירע געהאַט, אַז עמעצער וועט פאַרנעמען די פּוסטע דירע.

אזויווי באבעל האָט זיך אַף לאַנג פאַרהאַלטן אין פראַנקרײַך, האָט אין מאָסקווע זיך פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז ער וועט ביכלאַל זיך ניט אומקערן. איך האָב אים וועגן דעם אָנגעשריבן, און ער האָט מיר געענטפערט: „וואָס קענען מענטשן, וואָס ווייסן וועגן מיר גאָרנישט ניט, זאָגן אײַך, וועלכע ווייסט וועגן מיר אַלץ?" פון פראַנקרײַך האָט ער געשריבן אָפט, קימאַט יעדן טאָג, אזוי, אַז פאַר די עלף כאַדאָשים, וואָס ער איז ניט געווען אין מאָסקווע, האָט זיך בא מיר אָנגעקליבן פון אים א שלאַל מיט בריוו.

איינמאָל, פרילינג 1933, בין איך געפאָרן קיין מאָלאָדענאָווא און אָנגעשריבן באבעלן וועגן דעם.

„א מעסער פון אייפּערזוכט האָט זיך איבערגעדרייט אין מײַן האַרצן, — האָט מיר געענטפערט באבעל, — ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז איר זײַט געווען אין מאָלאָדענאָווא. אין מײַן בענקשאַפט נאָכן היימלאַנד שטייט פאַר מײַנע אויגן אַמיינסטנס אָט די דאָזיקע וווינונג מײַנע".

באבעל האָט זיך אומגעקערט פון אויסלאַנד אין סעפּטיאַבער 1933. ער איז געקומען אַליין, אָן דער מישפּאָכע. איך בין אין יענער צײַט אַוועק פון דער אַרבעט, קעדיי נאָכן אורלויב זיך צוזוכן א מער אינטערעסאַנטע שטעלע. מײַן אורלויב האָב איך זיך געקליבן פאַרברענגען אין אן אָפּרו־הויז אין סאָטשי. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט מיר באבעל געראַטן אויסנוצן די פרײַע צײַט אַף ארומרײַזן איבער קאַווקאַז לענגויס דעם יאַם־ברעג. ער האָט אַליין געוואָלט מיר אַלץ באַווײַזן — די מינעראַלע גרופּע און קאַבאַרדינאָ־באַלקאַריע. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז ער וועט קומען צו פאָרן קיין סאָטשי, ווען עס וועט זיך ענדיקן דער טערמין פון מײַן זײַן אין אָפּרו־הויז.

איך האָב אים באַגעגנט אין סאָטשי אַפן וואָקזאַל, און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אַף דער ריוויערע, קעדיי באַוואָרענען אַף עטלעכע טעג צימערן אין האָטעל. ווען מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט, האָבן מיר באַהאַנדלט אונדזער ווײַטערדיקן מאַרשרוט.

איאַסק באבעל און אַנטאָנינאַ פּיראָזשקאָווא
הינטער קיִעוו. 1935.

צוערשט האָבן מיר באַשטימט פאָרן מיט א מאַשין קיין גאַגרי — דאָרט האָט מען געשטעלט דעם פילם „פרייליכע יאַטן" — „וועסיאָליִע רעביאַטאַ" — לויט ערדמאַנס און מאַס' סצענאַרי. אין דעם פילם האָט געשפּילט אוטיאָסאָוו. פון גאַגרי איז געווען אָנגעמערקט פאָרן קיין סוכומי, און פון דאָרט זיך דערקלײַבן ביז קאַבאַרדינאָ־באַלקאַריע. איך האָב געזאָגט באבעלן, אַז בא מיר איז פאַראַן א בילעט אין א ווייכן וואַגאָן — פון סאָטשי ביז מאָסקווע — און אַז דער בילעט וועט פאַרפאַלן ווערן.

— זייער גוט, — האָט באבעל געענטפערט, — מיר וועלן אים אויסבײַטן אַף צוויי בילעטן ביז אַרמאַוויר.

אַף מאָרגן זײַנען מיר געקומען אין רעסטאָראַן עסן מיטיק און זיך צוגעזעצט צו א טישל, בא וועלכן עס זײַנען שוין געזעסן צוויי עלטערע פרויען. אײנע פון זיי האָט זיך אין דעם מאָמענט געקלאָגט פאר איר שכײנע, אַז זי קען ניט קריגן א בילעט קיין מאָסקווע. און דאָ האָט זיך באבעל פלוצעם אָנגערופן:

— און בא אונדז איז גראָד פאראַן אזא בילעט, נאָר מיר קענען זיך מיט אים ניט באַנוצן. נעמט אים.

איך האָב, ניט אויסרײדנדיק קײן וואָרט, ארויסגענומען פון רידיקיול דעם בילעט און דערלאנגט דער אומבאקאנטער פרוי.

— וויפל קומט אײַך? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, ניין, ער איז אן אומזיסטער, זײַט אזוי גוט, נעמט. מיר דארפן אים לאַכלוטן ניט האָבן! — האָט דערווידערט באבעל.

איך פיל, אַז ער האָט זיך שטארק פארלוירן. מיך קען ער נאָך גאנץ ווייניק און ווייסט ניט, וויִאזוי איך וועל זיך צו דעם באַציִען. מיר האָבן דאָך ערשט נעכטן באַשטימט אויסבײַטן אים אַף צוויי בילעטן ביז ארמאווירן! ער געפינט זיך קײן אָרט ניט און כאַפּט אַלץ א קוק אַף מיר. איך מאַך אָן אָנשטעל, אַז דאָס אַלץ האָט פאר מיר ניט קײן שום באַדײַטונג.

באבעלס גוטסקײַט האָט אָפט געקאָנט ברענגען צו א „קאטאסטראָפע”. ער פלעגט אָפּגעבן זײַן זייגער, זײַן האַלדזטוך, זײַנע העמדלעך און דערבײַ זאָגן: „ווען איך זוך פאר זיך וואָסערע־ניט־איז זאכן, איז נאָר צוליב דעם, אַז איך זאָל זיי קענען שענקען”. ער האָט אָבער געקענט שענקען אויך מײַנע זאכן. קומענדיק פון פראנקרײַך, האָט ער מיר געבראכט א מאטאָנע — א פּאָטאָ־אַפּאראט. אין עטלעכע כאָדאָשים ארום האָט זיך אײנער א באַקאנטער קינאָ־אָפּעראטאָר באַקלאָגט, אַז ער פאַרט אין א קאָמאנדירונג אַף צאָפן און האָט ניט קײן פּאָטאָ־אַפּאראט. באבעל האָט אים טײקעף אָפּגעגעבן דעם פּאָטאָ־אַפּאראט, וועלכער האָט זיך שוין צו מיר קײנמאָל ניט אומגעקערט.

יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט שענקען מײַנע זאכן, האָט ער זיך געפילט שולדיק, נאָר איך האָב געוווּסט, אַז ער קען זיך ניט באַהערשן, און האָב קײנמאָל ניט ארויסגעוויזן, אַז עס זײַנען מיר א שאָד די זאכן.

ווענ יאמין נאומאָוויטש ריסקינד, א גלענצנדיקער דערציילער און באבעלס ליבלינג, איז צו אים דאָס ערשטע מאָל געקומען זומער 1935 יאָר און געבראכט מיט זיך זײַנע א דערציילונג „פּאָלק”. די דערציילונג איז געווען געשריבן אין ייִדיש. באבעל האָט זי איבערגעזעצט, און דער ארטיסט אָ. אבדולאָוו האָט נאָכדעם פאָרגעלייענט זי אַף דער סצענע און דורך ראַדיִאָ. נאָך ריסקינדס ערשטן וויזיט האָט באבעל מיר געזאָגט:

— כ'בעט לייגן אכט אַף דעם דאָזיקן יונגנמאן מיט דעם עכט־ייִדישן אויסזען. ער שרײַבט טאלאנטפול, עס וועט פון אים זײַן א טאָלק.

ריסקינד פלעגט פון צײַט צו צײַט זיך באַווײַזן אין מאָסקווע און פּונקט אזוי אומגעריכט פארשווינדן ווערן. נאָר ווען ער פלעגט קומען צו פאָרן, פלעגט ער שטענדיק זיך באַווײַזן בא אונדז אין שטוב, ווו ער איז שטענדיק געווען א געגאַרטער גאַסט.

ריסקינד האָט געשריבן דערציילונגען, לידער, סצענאַריעס, גוט געזונגען און אָפטמאָל אַליין פארפאַסט צו די לידער מוזיק. די סוזשעטן פון זײַנע דערציילונגען זײַנען שטענדיק געווען רירנדיקע, טיף מענטשלעכע, באַהויכטע מיט א לײַכטן אומעט.

ריסקינד האָט פארטראַכט א סאַך סצענאַריעס, נאָר דערפירן זיי ביזן סאָף פלעגט זיך אים ניט אײַנגעבן.

באבעל האָט מיר דערציילט, אַז ריסקינד איז אײנמאָל געקומען אין מאָסקווע ווינטער־צײַט און איז ארײַן אין ייִדישן טעאַטער. די אקטיאָרן האָבן רעפּעטירט אין די פוטערס און זיך באַקלאָגט, אַז עס איז קאַלט. דאַן האָט ריסקינד אָנגעקלונגען אין ראַיאָנעם וווינונגס־אָפּטייל אין נאָמען פונעם פארוואַלטער פון דער מעטעאָראָלאָגישער סטאנציע און געזאָגט מיט א קאָל פון א טשינאָווניק: „אַף מאָסקווע רוקט זיך אָן א ציקלאָן, און מע דערוואַרט, די טעמפּעראַטור זאָל באַדײַטנדיק פאַלן. עס איז אומבאַדינגט נייטיק גוט באַהייצן די טעאַטערן”. אַף מאָרגן האָבן די באַהייצונג־באַטאַרייעס אין טעאַטער מאַמעש געפּלאַקערט.

ריסקינדס לעבן איז געווען כאַאָטיש. באַבעל האָט זייער געוואָלט צוגעווינען אים, ער זאָל זײַן אָרגאַניזירט און טאָגטעגלעך אַרבעטן.

— איך בין אײַך כוישעד, — האָט אַמאָל געזאָגט באַבעל, — אַז איר פירט אַ כאַאָטישן אַרט לעבן, ווען איר דאַרפט אַרבעטן. איך האָב צוגעזאָגט אין רעדאַקציע, אַז אײַער דערציילונג וועט אָפּגעגעבן ווערן צום טערמין. דעריבער וועל איך הײַנט נעכטיקן בײַ אײַך אין נומער און איך וועל קאָנטראָלירן, צי איר שלאָפט באַנאַכט.

ריסקינד האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז איסאַק עמאַנויִלאָוויטש איז ווירקלעך געקומען צו אים און זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן פּינקטלעך צוועלף אַזייגער.

...באַבעל האָט זייער ליב געהאַט שלוימע מיכאָעלסן און איז מיט אים געווען באַפרײַנדעט. וועגן דעם טויט פון מיכאָעלסעס ערשטער פרוי פלעגט ער זאָגן: „ער קען זי ניט פאַרגעסן, עפּנט די שאַפע און קושט אירע קליידער".

עס זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע יאָר, מיכאָעלס האָט באַגעגנט אַנאַסטאַסיאַ פּאַוולאָוונאַ פּאָטאָצקאַיאַ און האָט כאַסענע געהאַט מיט איר. איך פלעג מיט באַבעלן קומען אָפט צו זיי אַהיים אָפן טווערסקאָי בולוואַר. מערסטנטייל איז עס געווען אין אָוונט. מיכאָעלס פלעג אָנצינדן ליכט. בײַ אים זײַנען געווען אַלטע לײַכטער, און ער האָט ליב געהאַט זיצן בײַ אַנגעצונדענע ליכט. דער צימער איז געווען פאַרשטעלט מיט אַלט מעבל. אַן אַנדערש מאָל פלעגט מיכאָעלס קומען צו אונדז און וווּנדערבאַר זינגען ייִדישע פאָלקסלידער. מיר פלעגן זיך אויך באַגעגענען אין רעסטאָראַנדל, וואָס געפינט זיך קימאַט אַנטקעגן זײַן שטוב. צומאָל פלעגט ער אונדז אַהין אײַנלאַדן עסן לאַטקעס. מיר זײַנען אויך געווען אײנײנעם מיט אים און מיט זײַן פרוי אַנאַסטאַסיאַ פּאַוולאָוונען אין גאָרקיס הויז אין גאָרקי, שוין נאָך אַלעקסיי מאַקסימאָוויטשעס טויט, און דאָרט פאַרבראַכט אַ צוויי־דרײַ טעג. נאָך מיכאָעלסעס פריילעכע געשיכטעס פלעגט באַבעל פאַרלייענען זײַנע שאַרפזיניקע נאָוועלן. מיכאָעלס האָט פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט פון אימפּראָוויזאַציע, האָט געקענט פאַרשטעלן יעטווידן מענטשן.

באַבעל האָט באַזונדערס ליב געהאַט זען מיכאָעלסן אין דער ראָל פון בינימין האַשלישי און טעוויע דעם מילכיקן. די דאָזיקע פאַרשטעלונגען האָבן מיר געקוקט עטלעכע מאָל. עס האָט זיך אויך פאַרגעדענקט דער פּרעכטיקער קיניג ליר אין מיכאָעלסעס אויספירונג.

— בײַ מײַן מוטער, — פלעגט דערציילן באַבעל, — איז געווען אַ טאַלאַנט פון אַ קאָמישער אַקטריסע. זי פלעגט אַמאָל פאַרשטעלן אונדזערע שכיינים אָדער באַקאַנטע, נאָכמאַכן, ווי זיי ריידן, ווי זיי גייען. דאָס פלעגט זיך בײַ איר באַקומען וווּנדערבאַר. זי פלעגט עס טאָן ניט פּאַשעט גוט, נאָר טאַלאַנטפול. אין אַנדערע צײַטן און בײַ אַנדערע אומשטענדן וואָלט זי געקאָנט זײַן אַן אַקטריסע...

זײַן מומע פלעגט קומען צו מענטשן, ווענען באַבעל האָט אָוועקגעשאָנקען דאָס מעבל פון שטוב, און זאָגן:

— אַנטשולדיקט, מײַן פלעמעניק איז אַ מעשוגענער. אָט דער־אָ אַלמער געהערט אונדזער פאַמיליע. בעט איך אײַך, זײַט אַזוי גוט און קערט מיר אים אום. — אַזוי האָט זיך איר אײַנגעגעבן צונויפנעמען עפּעס־וואָס פונעם מעבל, וואָס באַבעל האָט געשאָנקען פאַרשיידענע מענטשן.

איינמאָל, ווען וואַלענטין קאַטײַעווס צווייאָריקע טאָכטער איז אינדערפרי אַרײַנגעלאָפן צום פאָטער און דערזען, אַז הינטער די פענצטער איז אַלץ ווײַס געוואָרן פונעם ערשטן שניי, האָט זי פאַרווונדערט געפרעגט: „טאַטע, וואָס איז עס? אימעניַנעס?!"

ווען באַבעל האָט זיך עס דערוווּסט, איז ער ניספּאָעל געוואָרן. ער האָט זייער ליב געהאַט קינדער, נאָר דאָס לעבן איז בײַ אים אַזוי אָוועק, אַז קיין איינעם פון זײַנע דרײַ קינדער איז אים ניט אויסגעקומען צו דערציִען.

באַבעל האָט איבעראַנײַס איבערגעזעצט פיל שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען. ער האָט געהאַלטן, אַז זיי זײַנען ביז איצט איבערגעגעבן אין רוסיש ניט געלונגען. ער האָט אויך צוגעגרייט פאַרן רוסישן לייענער אַזעלכע דערציילונגען פונעם ייִדישן קלאַסיקער, וועלכע קיינער האָט ביז אים נאָך ניט איבערגעזעצט.

די אַרבעט איבער שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען איז בײַ באַבעלן געווען, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, „צוליב דער נעשאָמע"...

די לאַנגדויערנדיקייט פון באַבעלס ווערק

שווער צו זאָגן, ווען האָב איך צום ערשטן מאָל געזען באַבעלן. באַ מיר איז אַזאַ געפיל, ווי איך וואָלט אים געקענט פון שטענדיק אָן.

די ערשטע באַקאַנטשאַפט מײַנע מיט אים האָט געדאַרפט אומגעפער פאָרקומען אין סאַמע אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען אַף דער לינקער זײַט פון די גרויסע בויגנס פּאַפּיר פון די טאַבאַק־ און טיי־באַנדעראָלן, וועלכע זײַנען פאַרבליבן פון די פאַררעוואָלוציאָנערע צײַטן, האָבן זיך געדרוקט די ערשטע אָדעסער אויסגאַבעס. אָט אַף דעם־אָ דורכזיכטיק־געלן פּאַפּיר האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן באַבעלס דערציילונגען, וועלכע האָבן אונדז, יונגע ליטעראַטן, מאַמעש איבעראַשט מיט זייער שליימעס.

דער צויבער פון באַבעלס שריפטשטעלערישן טאַלאַנט איז פאַר אונדז געווען אומגעהייער. דערצו האָט אויך מיטגעהאָלפן זײַן פערזענלעכע צוציִונגס־קראַפט, וועלכע עס איז אוממעגלעך געווען בײַצושטיין, כאָטש אין באַבעלס אויסערלעכן אויסזען איז ניט געווען קיין שום עפעקטפולס.

ער איז געווען ניט קיין הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ גרויסן קאָפּ און מיט מעשופּעדיקע שטערן־ווינקלען. דער קאָפּ איז באַ אים געווען עטוואָס אײַנגעצויגן אין די אַקסל, ווי באַ אַ קאַבינעט־געלערנטן. זײַן אויסזען האָט זיך עפּעס אײַנגאַנצן ניט געפּאָרט מיט דער פאָרשטעלונג וועגן אים, ווי וועגן אַ קאַוואַלעריסט און אַ רײַזנדן.

מיר פלעגן קומען אין זײַן קליין צימערל אַף רישעליעווסקי־גאַס, וואָס איז געווען איבערפולט מיט ביכער און אַלטמאָדישן מעבל. ער האָט אונדז געלייענט זײַנע „אָדעסער דערציילונגען" און אַנטפּלעקט פאַר אונדז די ראָמאַנטישקײַט פון דער שטאָט, אין וועלכער מיר זײַנען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, קימאַט ניט באַמערקנדיק זי.

באַבעלס מאַניר פון לייענען איז געווען קימאַט אַ פּינקטלעכע קאָפּיע פון זײַן נאַטור. באַ אים איז געווען אַ זעלטענער טאַלאַנט פון פערזענלעכן קאָנטאַקט מיט יעדן צושויער באַזונדער. דאָס פלעגט פּאָרקומען אַפילע אין גרויסע זאַלן, איבערפולטע מיט הונדערטער מענטשן. באַ יעדן איינציקן איז געווען דאָס געפיל, אַז באַבעל ווענדט זיך דאַפקע צו אים. אַף אַזאַ אויפן האָט ער אַפילע אין פולגעפּאַקטע אַאודיטאָריעס פאַרהיט דעם טאָן פון אַן אינטימען היימישן שמועס.

פאַר זײַנע פאָרלעזונגען איז געווען אייגנטימלעך יענע הויכע פּאַשטעס, וועלכע איז פרײַ פון ניט־נאַטירלעכער באַגײַסטערונג. עס איז געווען צו באַוווּנדערן דעם קאָנטראַסט צווישן באַבעלס רויִקער, ווייכער אינטאָנאַציע און דעם פלאַמיקן טעמפּעראַמענט, וואָס האָט געשפּאַרט פון זײַנע דערציילונגען.

בייסן לייענען איז פון באַבעלס פּאָנעם ניט פאַרשוווּנדן דער גוטמוטיקער איראָנישער און דאָך טרויעריקער שמייכל. נאָר דאָ מוז איך גלײַך באַמערקן — באַבעלן האָט מען בעשום־אויפן ניט געקענט אָנרופן טרויעריקער מענטש. פאַרקערט: ער איז געווען לעבנסלוסטיק, אין אים האָט געברויזט אַ גיריקײַט צום לעבן און אַ גרויסער אינטערעס צו באַגרײַפן די מעכאַניזמען, וועלכע ברענגען אין באַוועגונג די נעשאָמע פונעם מענטשן. ווען עמעצער האָט אים פאַראינטערעסירט, פלעגט ער זיך סטאַרען באַגרײַפן, אין וואָס באַשטייט זײַן טאָך און זײַן פּאַפּאָס.

באַבעל איז ווי אַ שרײַבער רײַף געוואָרן אין אָדעס. און אָדעס האָט אים גלײַך אָנערקענט. נאָר ניט אַזוי גיך האָט זיך זײַנע דערציילונגען אײַנגעגעבן איבערוואַנדערן פון די טאַבאַק־באַנדעראָלן אַף די זײַטן פון די ליטעראַרישע זשורנאַלן. פאָרגעשטעלט אים פאַרן גאַנצן לאַנד האָט מאַיאַקאָווסקי, ווען ער האָט אין 1924 יאָר אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „לעוו" באַבעלס דערציילונגען „זאַלץ", „דער קיניג", „אַ בריוו" און אַנדערע, וועלכע זײַנען געווען, לויטן אויסדרוק פון איינעם אַ קריטיקער, „געפּרעסטע, ווי אַן אַלגעבראַיִשע פאָרמול, און גלײַכצײַטיק אָנגעפילטע מיט פּאָעזיע".

באבעל, וועלכער איז פאר א סאך מענטשן געווען אן אָביעקט פון אנציקונג און פאַרערונג, האָט אליין פאַרמאָגט זײַן אייגענעם גאָט. זײַן גאָט איז געווען גאָרקי. אין באבעלס אָנוועזנהייט האָט מען ניט געטאָרט זאָגן קיין איין קריטיש וואָרט וועגן גאָרקין. זײַענדיק געוויינלעך א געדולדיקער צו דער מיינונג פון אנדערע, פלעגט ער אין אזוינע פאַלן אַרײַנפאַלן אין גרימצאָרן.

גאָרקי האָט אימפּאָנירט באבעלן ניט נאָר ווי א שרײַבער, נאָר פריִער פון אלץ ווי אן אויסטערלישע דערשײַנונג פונעם מענטשלעכן גײַסט. באבעל פלעגט ניט מיד ווערן צו ריידן וועגן גאָרקין. ניט איין מאָל האָט ער געשריבן וועגן אים. אין 1937 איז ארויס א נומער פונעם זשורנאַל „פּססר אף דער בויונג”, געווידמעט גאָרקין. אפן טאָוול איז געווען אָנגעוויזן: „דער פּלאַן, דאָס לייטאַרטיקל און דער מאָנטאַזש פונעם טעקסט איז באבעלס”. אָט זײַנען עטלעכע שורעס פונעם לייטאַרטיקל:

„גאָרקי, לערנענדיק זיך א גאַנץ לעבן, האָט דערגרייכט צו דער העכסטער הייך פון מענטשלעכן וויסן. זײַן געבילדעטקייט איז געווען אלזײַטיק. זי האָט זיך באַזירט אף זײַן זיקאָרן, וואָס איז בא אים געווען איינע פון די וווּנדערבאַרסטע פייִקייטן, וועלכע מע האָט ווען־עס־איז געזען בא מענטשן. אין זײַן מויעך און האַרץ, שטענדיק שפּעריש אופגערעגטע, האָבן זיך אָפּגעזעצט ביכער, וועלכע ער האָט דורכגעלייענט אין מעשעך פון 60 יאָר, מענטשן, וועלכע ער האָט באגעגנט, — און באגעגנט האָט ער זיי אומגעהייער פיל, — ווערטער, וועלכע האָבן געגרייכט צו זײַן אויער, און דער קלאַנג פון די ווערטער, דער צויבער פון שמייכלען, און די פאַרב פון הימל. אלץ האָט ער אין זיך זשעדנע אײַנגעזאַפּט און אומגעקערט אין קינסטלערישע געשטאַלטן, לעבעדיקע, ווי דאָס לעבן, — אומגעקערט זיי פאָלקאָם... פאַר אונדז איז גאָרקי דאָס געשטאַלט פון א גרויסן מענטשן פון דער סאָציאַליסטישער עפּאָכע. ער קען נישט ניט ווערן פאַר אונדז א מוסטער”...

שוין א סאך יאָרן, ווי מע לייענט באבעלן אף דער גאַנצער וועלט. און וואָס ווײַטער, אלץ מער. זײַנע דערציילונגען טיילן זיך אויס, אויב מע קען זיך אזוי אויסדריקן, מיט זייער לאַנגדויערנדיקער הײַנטצײַטיקייט.

ריידנדיק וועגן סטיל פון אונדזער עפּאָכע, האָט באבעל געזאָגט, אז ער באַשטייט „אין מוטיקייט, אין געצוימטקייט, ער איז פול מיט פײַער, לײַדנשאַפט, קויעך און פריידˮ.

איך טראַכט, אז אין דעם איז פאַרבאָרגן די לאַנגדויערנדיקע אופווירקונג פון באבעלס ווערק.

קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי

אזא איז ער געווען

אין איינעם פון די נומערן פונעם זשורנאַל „מאַריאַק” איז געווען אָפּגעדרוקט א דערציילונג, וועלכע האָט געהייסן „דער קיניג”. אונטער דער דערציילונג איז געווען אן אונטערשריפט „אי. באבעל”. אין איר האָט זיך דערציילט וועגן דעם, ווי דער אָנפירער פון די אָדעסער באנדיטן בעניע קריק האָט מיט גוואַלד כאַסענע געמאַכט זײַן וועלקנדיקע שוועסטער דווירע מיט א נעבעכדיקן און יאַכמערדיקן גאַנעוו. דער גאַנעוו האָט כאַסענע געהאַט מיט דווירען בלויז פון גרויס שרעק פאַר בעניען.

דאָס איז געווען איינע פון באבעלס ערשטע אזויגערופענע „מאָלדאַוואַנקער” דערציילונגען. מאָלדאַוואַנקע האָט געהייסן אין אָדעס יענער טייל שטאָט לעבן דער פּראַקט־אײַזנבאַן־סטאַנציע, וווּ ס'האָבן געלעבט צוויי טויזנט אָדעסער „נאַליאָטשיקעס” און גאַנאָווים.

קעדיי בעסער זיך באַקענען מיטן לעבן פון דער מאָלדאַוואַנקע, האָט באבעל זיך באַזעצט אף א געווויסער צײַט בא דעם אַלטן ייִדן צירעס, וועלכער האָט דערלעבט זײַנע יאָרן אונטער יאָך פון זײַן ווײַב, דער שרײַערקע מומע כאַווע.

די דערציילונג „דער קיניג" איז אָנגעשריבן געפּרעסט און פּינקטלעך. זי שפּרודלט מיט פרישקייט.

פון די יוגנט־יאָרן האָב איך אופגענומען די ווערק פון איינעקע שרײַבער, ווי א קישעף. נאָכן איבערלייענען די דערציילונג „דער קיניג" האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין אונדזער ליטעראַטור איז געקומען נאָך א קישעפמאַכער און אַז אַלץ, וואָס אַט דער מענטש וועט אָנשרײַבן, וועט קיינמאָל ניט זײַן פאַרבלאָזט.

אין אַט דעם ווערק איז אַלץ געווען פאַר אונדז נײַ. ניט נאָר די מענטשן, מיט זייער אופירונג, נאָר אויך די ניט־געוויינלעכע קאָליזיעס, דער אומבאַקאַנטער שטייגער, דער ענערגישער און בונטער דיאַלאָג. אין יעדער קלייניקייט האָט מען געפילט דאָס שאַרפע, דורכדרינגלעכע אויג פונעם שרײַבער. און מיטאמאָל, ווי אַן אומדערוואַרטער זונען־שטראַל אין פענצטער, פלעגט זיך אַרײַנרײַסן א ראַפינירטער טעקסט אָדער א זינגעוודיקע פראַזע, וואָס האָט דערמאָנט אַן איבערזעצונג פון פראַנצויזיש.

איך האָב קיינמאָל ניט באַגעגנט אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל אויסערלעך זײַן אַזוי ווייניק ענלעך אַף א שרײַבער, ווי באַבעל. אַן אײַנגעבויגענע פּלייצע, קימאַט אַן א האַלדז, מאַכמעס דער אָדעסער אַסטמע, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אים בעירושע, א שאַרפע נאָז און א צעקנייטשטער שטערן, פּעטלעכע בלישטשענדיקע קליינע אויגן. פונעם ערשטן בליק האָט ער ניט אַרויסגערופן צו זיך קיין אינטערעס. דאָס איז אָבער בלויז געווען ביז דער רעגע, ווען ער פלעגט אָנהייבן ריידן. מע האָט אים געקענט אָנעמען פאַר א קאָמיוואָיאַזשאָר אָדער פאַר א מעקלער. אָבער גלײַך פון די ערשטע ווערטער זײַנע האָט זיך אַלץ געביטן. אין דעם דינעם קלאַנג פון זײַן שטים האָט זיך געהערט אַן אָקשאָנעסדיקע איראָניע.

לויט זײַן נאַטור איז באַבעל געווען א דעמאַסקירער. ער האָט ליב געהאַט שטעלן מענטשן אין פאַרלעגנהייט, און דערפאַר האָט ער געשעמט אין אָדעס, ווי א מענטש א שווערער און געפערלעכער.

איך פלעג אָפט טרעפן באַבעלן אין שטאָט. קיינמאָל איז ער ניט געווען איינער אַליין. אַרום אים האָבן זיך געדרייט, ווי פליגעלעך, די אַזויגערופענע „אָדעסער ליטעראַרישע יינגלעך".

אויך די פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטן האָבן, באַגלײַך מיט די יונגע שרײַבער און פּאָעטן, באַצויגן זיך צו באַבעלן מיט גרויס אָפּשײַ. דאָס האָט זיך דערקלערט ניט נאָר מיט דעם, וואָס ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטירטער מענטש, נאָר אויך דערמיט, וואָס אים האָט אָנערקענט און ליב געהאַט אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקי און וואָס ער האָט זיך ערשט אומגעקערט פון בודיאָניס לעגענדאַרער רײַטער־אַרמיי.

מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין יענער צײַט איז די סאָוועטישע ליטעראַטור ערשט געבוירן געוואָרן, און קיין אָדעס איז נאָך ניט דערגאַנגען קיין איין נײַער בוך, כוץ בלאָקס „צוועלף" און די איבערזעצונג פון אַנרי באַרביס' בוך „אין פײַער". סײַ בלאָק, סײַ באַרביס האָבן אַף אונדז געמאַכט א דערשיטערנדיקן אײַנדרוק. אין זייערע ווערק האָט מען שוין אָנשוילעך געזען דעם אופגאַנג פון א נײַער פּאָעזיע און פּראָזע. באַבעל איז פאַר אונדז געווען דער ערשטער סאָוועטישער שרײַבער אין אָדעס.

אין יענעם זומער האָב איך ערשט אין דער פולער מאָס פאַרשטאַנען, וואָס עס באַטײַט דער אויסדרוק „די ווירקונג פון טאַלאַנט". ביז דאַן האָבן מענטשן, וועלכע איך האָב באַגעגנט, ניט איבערגעלאָזט אין מײַן זיקאָרן קיין מערקבאַרן זייכער. איך פלעג טייקעף פאַרגעסן זייערע פּנעמער, זייער שטים, זייערע ווערטער, זייער גאַנג און זעלטן ווען פלעגט זיך דערמאָנען א כאַראַקטעריסטישער שטריך פון זייער פּאָנעם. און איצט האָב איך דאָרשטיק פאַרקריצט די מענטשן אין מײַן זיקאָרן, און דאָס האָט מיך אויסגעלערנט באַבעל.

באַבעל פלעגט זיך אָפט אומקערן פון אָדעס אַף דער דאַטשע מיט דער קאָנקע, וועלכע איז געגאַנגען בלויז ביז דער אַכטער סטאַנציע און נאָך פונוואַנען געלאָזט זיך הערן מיט איר גרילצנדיקן גאַנג. פון דער אַכטער סטאַנציע פלעגט באַבעל קומען צופוס, א פאַרשטויבטער, א מידער, נאָר מיט א כיטרען גלאַנץ אין די אויגן, און פלעגט זאָגן:

— נו, האָט זיך עס פאַרקאָכט א געשפּרעכל בא די ווײַבער אין וואָגאָן צוליב הינערשע אייער. איר וועט פּאַשעט אויסגיין פון פאַרגעניגן...

און ער פלעגט אָנהייבן איבערגעבן דעם געשפּרעך. מיר זײַנען זיך ניט בלויז פאַרגאַנגען פון געלעכטער, נאָר פּאַשעט געפאַלן אַפן דיל פון זײַן דערציילן. ער האָט געטאָרעט אָט איינעם, אָט א צווייטן פון אונדז און מיט א קוויטשעדיק קאָל פון א באַקאַנטער הענדלערן געפרעגט:

— איר זײַט שוין איגאַנצן כאָסערדייע, יונגערמאַן, צי וואָס?

א סאַך פּריזער, איידער פֿון זײַנע געדרוקטע דערציילונגען, האָבן מיר פֿון זײַנע מינדלע־כע דערציילונגען זיך דערוווּסט וועגן דעם אַלטן גדאַליע, וועלכער פֿלעגט, זיפּצנדיק, טרוי־מען, אַז עס זאָל אויפֿקומען אַ „אינטערנאַציאָנאַל פֿון גוטע מענטשן", וועגן דעם צופֿאַל מיט דער זאַלץ אויף דער „אײַנגעקאַרעניעטער" סטאַנציע פּאַסטאָוו, וועגן בליצשנעלע קאַוואַלע־רישע אַטאַקעס, וועגן בודיאָניס שמייכל.

באַבעל פֿלעגט גערן דערציילן וועגן אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקין, וועגן דער רע־וואָליוציע, וועגן דעם, ווי ער, באַבעל, האָט, בײַ קיינעם ניט פֿרעגנדיק, זיך באַזעצט אין אַניטשקאָווער פּאַלאַץ אין פּעטערבורג, געשלאָפֿן אויפֿן דיוואַן אין אַלעקסאַנדער דעם דריטנס קאַבינעט און וויאַזוי ער האָט איינמאָל, פֿאַרזיכטיק אַרײַנקוקנדיק אינעם טישקעסטל פֿונעם קייסערס שרײַבטיש, געפֿונען אַ קעסטל פּרעכטיקע פּאַפּיראָסן — אַ מתּנה דעם קייסער אַלעקסאַנדער פֿונעם טערקישן סולטאַן אַבדול־גאַמיד...

איך האָב זיך אויך דערוווּסט פֿון באַבעלן די אויסטערלישע געשיכטע וועגן דעם שטילן אַלטן צירעס.

באַבעל האָט זיך באַזעצט בײַ צירעסן און בײַ זײַן מאָרעשכווירעדיק ווײַב, בײַ דער מומע כאַווע, אין צענטער פֿון מאָלדאַוואַנקע. ער האָט באַשטימט אָנשרײַבן עטלעכע דערציילונגען פֿונעם לעבן פֿון דעם אָדעסער ווײַטן ראַיאָן מיט זײַן געפּעפּערטן שטייגער. עס האָבן אים צו זיך צוגעצויגן די אָריגינעלע און בעלי־סאַפּעק טאַלאַנטפֿולע נאַטורן פֿון אַזוינע באַנדיטן, ווי מישקע יאַפּאָנטשיק (בעניע קריק), וועלכער איז אין יענער צײַט געוואָרן אַ לעגענדאַרע פֿיגור. ער האָט זיך נעענטער געוואָלט באַקענען מיטן לעבן אויף דער מאָלדאַוואַנקע, און, פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַמערסטן צוגעפּאַסטע אָרט פֿאַר דעם איז געווען צירעסעס אומע־טיקע דירע.

זי איז געשטאַנען ווי אַ זיכערער פֿעלדז צווישן די צעווישעטע און שרײַענדיקע שאַנד־הײַזלעך און די קלוימערשט גליקלעכע הײַזער מיט די געהאַפּטע טישטעכלעך און זילבערנע לײַכטער אויף די קאָמאָדן, ווו אונטער די פֿליגל פֿון די עלטערן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די נאַליאַטשיקעס.

צירעסעס דירע איז געווען באַשיצט פֿון אַלע זײַטן מיט מוטיקע און גוט באַוואָפֿנטע יונגעלײַט.

באַבעל האָט דערציילט צירעסן, צוליב וואָס פֿאַר אַ ציל ער האָט זיך באַזעצט אויף דער מאָלדאַוואַנקע. דאָס האָט אויפֿן אַלטן ניט געמאַכט קיין גוטן אײַנדרוק, פֿאַרקערט, ער איז געוואָרן אומרויִק.

— אוי, מעסיע באַבעל! — האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — איר זײַט דאָך אַ זון פֿון אַזאַ באַוווּסטן טאַטן! אײַער מאַמע איז דאָך געווען אַ קראַסאַוויצע! כ'האָב געהערט זאָגן, אַז צו איר האָט זיך געשאַדכנט בראָדסקיס אַן אייגענער פּלעמעניק. איז זאָלט איר וויסן זײַן, אַז מאָלדאַוואַנקע פּאַסט אײַך ניט, וואָס פֿאַר אַ שרײַבער איר זאָלט ניט זײַן. פֿאַרגעסט צו קלערן וועגן דער מאָלדאַוואַנקע. איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז איר וועט דאָ ניט האָבן אויף קיין גראָשן דערפֿאָלג, נאָר דערפֿאַר קענט איר פֿאַרדינען אַ פֿולע קעשענע אומאַנ־גענעמלעכקײַטן.

— וועלכע? — האָט געפֿרעגט באַבעל.

— איך ווייס וועלכע? — האָט אַרויסגעשטאַמלט צירעס. — ס'איז דען מעגלעך זיך דער־טראַכטן, וואָס פֿאַר אַ קאַשמאַר עס קען זיך אַרײַנכאַפּן אין קאָפּ צו איין פּיאַטירובעלן בלויז. איך רייד ניט שוין פֿון אַזעלכע נאַכאַלן, ווי ליוסקע קור און אַלע איבעריקע. ס'וועט זײַן בעסער פֿאַר אײַך, מעסיע באַבעל, איר זאָלט ניט ריזיקירן און אומקערן זיך שטילערהייט אין טאַטנס הויז אויף יעקאַטערינינסקע. כ'וועל אײַך זאָגן, בענעמאָנעס, מיך פֿאַרדריסט שוין אַליין, וואָס כ'האָב אײַך פֿאַרדונגען דעם צימער. נאָר ווי האָב איך געקענט אָפּזאָגן אַזאַ איידעלן יונגנמאַן?

באַבעל פֿלעגט צומאָל נעכטיקן אין זײַן צימער בײַ צירעסן און האָט עטלעכע מאָל גע־הערט, ווי די מומע כאַווע האָט אינדערשטיל געשריִען אויפֿן אַלטן, וואָס ער האָט פֿאַרדונגען אים אַ צימער, אַרײַנגעלאָזט אין שטוב אַן אומבאַקאַנטן מענטשן.

— וואָס וועסטו דערפֿון האָבן, קאַרגוטש? — פֿלעגט זי טײַנען. — וועלכע־ניט־איז הונדערט טויזנט קאַרבוצן אַ כּוידעש? צוליב זיי וועסטו דאָך פֿאַרלירן דײַנע בעסטע קליִענטן. לאַזאַר ברוידע פֿון סטעפּאָווער גאַס וועט דיך איצט איבערכיטרעווען. זיי וועלן זיך אַלע איבער־קלײַבן צו אים, איך שווער דיר מיטן אָנדענק פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער אידאָטשקע.

— די ליאַגאָווע וואָרטן דאַפּקע אויף דײַן ברוידע, קעדיי אים אַרײַנכאַפּן, — האָט ניט דרייסט דערווידערט צירעס.

— זע אַקאָרשט, מע זאָל דיך ניט אַרײַנכאַפּן פֿריִער. דו וועסט בלײַבן אויסגעבײַטלט איבער אָט דעם שאַכן. קיינער וועט דיר אַפֿילע ניט געבן קיין איין פּראָצענט. פֿון וואָס וועלן מיר דאַן ציִען די כאַיונע אַף דער עלטער?

צירעס האָט זיך גענומען צום האַרצן, זיך געדרייט, לאַנג ניט געקענט אַנשלאָפֿן ווערן.

באַבעלן זײַנען ניט געפֿעלן געוואָרן דער אַלטערס אומפֿאַרשטענדלעכע באַנאַכטיקע גע־שפּרעכן. ער האָט אין זיי געפֿילט עפּעס אַ געפֿערלעכן סאָד.

די נעכט אַף מאָלדאַוואַנקע האָבן זיך לאַנג געצויגן. אַ פּאַס מוטנע ליכט פֿון אַ ווײַטן לאַמטערן איז געפֿאַלן אַף די אָפּגעקראָכענע טאַפּעטן. פֿון זיי האָט זיך געטראָגן אַ רייעך פֿון עסענציע. אָפּטמאָל האָבן זיך פֿון גאַס געהערט גיכע, זאַכלעכע טריט, אַ דינער פֿײַף, און אַמאָל אַפֿילע אַ נאָענטער שאָס און אַ היסטעריש פּרויען־געלעכטער. ער פֿלעגט זיך דערטראָגן פֿון הינטער די ציגלנע ווענט. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער שלוכצנדיקער געלעכטער איז ערגעץ טיף פֿאַרמויערט אין זיי.

באַזונדערס אומהיימלעך איז געווען אין די רעגנדיקע נעכט. אין די אײַזערנע רערן פֿלעגט לאַנגזאַם ציטערן דאָס וואַסער. דאָס בעט פֿלעגט סקריפּען פֿון דער מינדסטער באַוועגונג, און עפּעס אַ כײַע האָט אַ גאַנצע נאַכט רויִק געהריזעט הינטער די טאַפּעטן דאָס טרוכ־ליאַווע געהילץ.

ס'האָט זיך געוואָלט אופֿשטיין און אַוועקגיין צו זיך, אַף יעקאַטערינינסקע. דאָרט, הינטער די גראָבע ווענט, אַפֿן פֿערטן שטאָק, איז געווען שטיל, פֿינצטער, עס האָט ניט געדראָעט קיין שום געפֿאַר, און אַפֿן טיש איז געלעגן דער אויסגעבעסערטער שוין צענדליקער מאָל און איבערגעשריבענער מאַנוסקריפּט פֿון דער לעצטער דערציילונג.

צוגייענדיק צום טיש, פֿלעגט באַבעל גלעטן דעם מאַנוסקריפּט, ווי אַ שלעכט אויסגעדרע־סירטע כײַע. ער פֿלעגט אָפֿט אופֿשטיין באַנאַכט און באַ אַ קאַנעץ, וואָס איז געווען אַרומ־געשטעלט מיט גראָבע ענציקלאָפּעדיעס, איבערלייענען אַ דרײַ־פֿיר זײַטלעך. יעדעס מאָל פֿלעגט ער געפֿינען עטלעכע איבעריקע ווערטער און מיט האַנאָע זיי אַרויסוואַרפֿן. „די קלאָרקײַט און דער קויעך פֿון דער שפּראַך, — פֿלעגט ער זאָגן, — איז גאָר ניט אין דעם, וואָס צו דער פֿראַזע קען מען שוין גאָרנישט ניט צוגעבן, נאָר אין דעם, וואָס מע קען שוין פֿון איר מער גאָרנישט ניט אַרויסוואַרפֿן".

אַלע, וועמען ס'איז אויסגעקומען צו זען באַבעלן באַ דער אַרבעט, איבערהויפּט באַנאַכט, זײַנען געווען איבעראַשט פֿון דעם טרויעריקן אויסדרוק, פֿון דער גוטסקײַט און פֿון די ליידן, וואָס זײַנען געווען אויסגעגאָסן אַף זײַן פּאָנעם.

באַבעל וואָלט אין די כאַשכעסדיקע נעכט אַף דער מאָלדאַוואַנקע זייער אַ סאַך געגעבן, ער זאָל זיך טײַקעף קאָנען אומקערן צו זײַנע מאַנוסקריפּטן. ער האָט זיך אָבער געפֿילט אין דער ליטעראַטור ווי אַן אויסשפּירער און געהאַלטן, אַז צוליב דערוויסן זיך נײַס דאַרף ער אַלץ איבערטראָגן: אי איינזאַמקײַט, אי דעם קעראָסין־געשטאַנק פֿון דעם אויסגעלאָשענעם קאַנעץ, וואָס פֿלעגט באַ אים אַרויסרופֿן שווערע אַטאַקעס פֿון אַסטמע, אי די גוואַלדן פֿון פֿרויען, וועלכע האָבן געקלאָגט הינטער די ווענט פֿון די הײַזער. ניין, ער האָט זיך ניט גע־טאָרט אומקערן.

אין איינער אַזאַ נאַכט איז באַבעלן מיטאַמאָל אײַנגעפֿאַלן: ווײַזט אויס, אַז צירעס איז געווען אַ פּאַשעטער נאַוואַדטשיק! ער האָט פֿון דעם געלעבט, באַקומען פֿאַר דעם זײַן פּראָ־צענט — „קאַרבאַטש", — און באַבעל איז טאַקע געווען אַ ניט־געוווּנטשענער שאַכן.

איצט איז קלאָר, וואָס צירעס האָט געמיינט, ווען ער האָט געוואָרנט וועגן פֿולע קעשע־נעס מיט אומאָנגענעמלעכקײַטן. באַבעל האָט באַשטימט אין עטלעכע טעג אַרום פֿאַרלאָזן די דירע. עטלעכע טעג זײַנען אים נייטיק געווען, קעדיי אַרויסקריגן באַם אַלטן נאַוואַדטשיק אַלץ, וואָס יענער האָט געקענט דערציילן אינטערעסאַנטס, אָדער, ווי מע פֿלעגט זאָגן אין אָדעס, „מיט גאָטס הילף אַרויסבאַקומען פֿון אים די נעשאָמע אינגאַנצן".

ס'איז אָבער געשען אַזוי, אַז אַרויסבאַקומען פֿון צירעסן די נעשאָמע האָט באַבעלן זיך ניט אײַנגעגעבן, דעם וועג איז אים פֿאַרלאָפֿן איינער פֿון די נאַליאָטשיקעס, דוכט זיך סענקע וויסלאָוכי, און אָפּגעטאָן האָט ער עס ניט אַלעגאָריש, נאָר טאַקע אַף אַן עמעס, אין פֿולן זין פֿון וואָרט.

איינמאָל באַטאָג, ווען באַבעל איז אַוועק אין שטאָט, איז צירעס דערמאָרדעט געוואָרן באַ זיך אין דער דירע. ווען באַבעל האָט זיך אומגעקערט אַף דער מאָלדאַוואַנקע, האָט ער געטראָפֿן אין דער דירע מיליציע, און באַ זיך אין צימער דעם נאַטשאַלניק פֿון אוגראָזיסק, וועלכער איז געזעסן באַם טיש און געשריבן דעם פּראָטאָקאָל. דאָס איז געווען אַ העפֿלעכער יונגער־

מאן אין בלויע גאַליפּע פון דזשאַגאַנאַל. ער האָט אויך געטרוימט ווערן א שרײַבער און דער־פאר מיט רעספּעקט זיך באַצויגן צו באַבעלן.

— איך בעט אײַך, — האָט ער געזאָגט צו באַבעלן, — נעמט אײַערע זאַכן און פאַרלאָזט טייקעף דאָס הויז. אין קעגנפאַל קען איך אײַך ניט גאַראַנטירן אײַער פּערזענלעכע געפאַר־לאָזיקייט. אפילו אָף דעם נאָענטסטן טאָג. איר פאַרשטייט דאָך אליין: מאַלדאַוואַנקע!

און באַבעל איז אוועק פון דאָרט, א דערשיטערטער פון די כריפּענדיקע גוואַלדן פון דער מומע כאַוועי. זי האָט זיך געריסן די גראָווע פּאַסמעס האָר פון קאָפּ, אָפּגעוואָרפן זיי אין א זײַט און געשריגן, שאָקלענדיק זיך און קלאָגנדיק:

— דו זאָלסט זיך אָנזשליאָקען, סימעאָן (זי האָט גערופן סענקען מיט זײַן פולן נאָמען), מיט בראַנפן, אויסגעמישט מיט סאַם פאַר שטשורעס, און זאָלסט פייגערן אָף דײַן מייקעכץ! און זאָלסט מיט די פּיס שטורכען דײַן אייגענע מוטער, די אַלטע שלאַנג מיריאַם, וואָס האָט געבראַכט אָף דער וועלט אזא שעד, אזא טײַוול! און זאָלן אלע ייִנגלעך פון מאַלדאַוואַנקע אָנ־שאַרפן זייערע מעסערלעך און שנײַדן דיך אָף שטיקלעך צוועלף טעג און צוועלף נעכט! דו זאָלסט, סענקע, ברענען אין פײַער און פּלאַצן פון דײַן צעשמאָלצענעם פעטס.

אינגיכן האָט זיך באַבעל אָלץ דערוווּסט וועגן צירעסעס טויט.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז צירעס איז אליין געוועזן שולדיק אין זײַן אומקום. דערפאַר האָט קײנער אָף מאַלדאַוואַנקע, אויסער דער מומע כאַוועי, אָף אים קיין ראַכמאָנעס ניט געהאַט. קיין איין לעבעדיקער נעפעש! ווײַל מע האָט זיך דערוווּסט, אז צירעס איז געווען ניט קיין אָרנטלעכער מענטש, און קיין זאַך האָט אים שוין ניט געקענט ראַטעווען פון טויט.

די זאַך איז געווען אזוי.

ערעוו זײַן אומקום איז צירעס אוועק צו סענקע וויסלאָוכי.

סענקע האָט זיך געגאָלט אין פּאָדערצימער בא א שײנעם שפּיגל אין א שוואַרצער גע־שניצטער ראַם. ער האָט זיך א קער געטאָן צו צירעסן און געזאָגט:

— איר האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט „א פּרײַער", מאָסיע צירעס? כ'באַגריס אײַך! איר ווייסט דעם נײַעם סאָוועטישן געזעץ: אז דו קומסט צו א מענטשן, וואָס גאָלט זיך, פאַרענדיק וואָס גיכער דײַן אייסעק און טראָג זיך אָפּ. איך גיב אײַך אָף דערקלערן די זאַך צען ווער־טער. ווי אָפּן צענטראַלן טעלעגראַף. פאַר יעדער איבעריק וואָרט וועל איך אײַך פאַרקלע־נערן אײַער פּראָצענט, דעם קאַרבאַטש אזוי צו זאָגן, אָף צוויי הונדערט טויזנט רובל.

— איר זײַט פון קינדווײַז אָן געבוירין געוואָרן אזא שלימאַזלדיקער קאַטאָוועסטרײַבער, סעניע, — האָט געפרעגט צירעס, זיס שמייכלענדיק, — צי איר זײַט געוואָרן אזא ביסלעכווײַז, אין מעשעך פון יאָרן?

צירעס איז געוועזן א פאַכדן אין לעבן און אפילו אין די געשעפטן. נאָר אין די רייד האָט ער זיך געקאָנט דערלויבן זײַן פּרעך. ניט אומזיסט האָט מען אים געהאַלטן פאַר דעם סאַמע עלטסטן נאַוואָדטשיק פון אָדעס.

— אנו, דערצייל, אלטער פאַיאַץ, — האָט געזאָגט סענקע און אָנגעהויבן פירן אינדער־לופטן מיט דער בריטווע, ווי מיט א סמיטשעק איבערן פידל. — דערצייל, קאָלזמאַן עס איז ניט אויסגעזאָגט מײַן געדולד.

— מאָרגן, — האָט זייער שטיל געזאָגט צירעס, — איינס אזייגער באַטאָג וועט מען אין אַרטעל „קאָנקאָרדיאַ" ברענגען פיר מיליאַרד.

— גוט! — האָט אויך אזוי שטיל געענטפערט סענקע. — איר וועט באַקומען אײַער קאַר־באַטש. אינגאַנצן.

צירעס האָט זיך אוועקגעשלעפּט אהיים. סענקעס אופירונג איז אים ניט געפעלן געוואָרן. פריִער פלעגט זיך סענקע אין ערנסטע איניאָנים ניט כאָכמענען.

צירעס האָט זיך געטיילט מיט זײַנע געדאַנקען מיט דער מומע כאַוועי, און זי האָט, פאַר־שטייט זיך, אָנגעהויבן שרײַען:

— וויפל יאָר שוין טאָפּטשעסטו זיך אָף דער ערד, ווי דער לעצטער טיפּעש! וואָס קערסטו זיך אָפּ און קוקסט אָף אידאָטשקעס פּאָרטרעט? איך פרעג דאָך דיך, ניט זי! פאַרשטייסט אליין ניט, אז סעניע וועט ניט גיין אָף אזא זאַך, אז ער וועט זיך ניט פּאַטשקען צוליב פיר פּאַסקוד־נע מיליאַרדן! דו ווּעסט דערבײַ פאַרדינען א פּײַג — און גאָר!

— וואָס זשע טוט מען? — האָט אָפּגעזיפצט צירעס. — זיי וועלן מיך אראָפּפירן פון זי־נען, די נאַליאָטשיקעס!

— גיי צו פּיאַטירובעלן, עפשער וועט ער זיך קוואַפּען אָף דײַנע ליפּעווע מיליאַרדן. אזוי וועסטו, לעכאָלהאָפּאַכעס, ניט בלײַבן אויסגעשטעלט, ווי אן אידיאָט!

דער אַלטער צירעס האָט אָנגעטאָן זײַן ליוסטרינען קאַרטוזל און אַוועקגעשפּאַנט צו פּיאַטירובעלן. יענער איז געשלאָפן אין סעדל לעבן שטוב, אין שאָטן פון דער ווײַסער אַקאַציע. פּיאַטירובעל האָט אויסגעהערט צירעסן און פאַרשלאָפן געענטפערט:

— גיי! קענסט וואַרטן אַף אַ קאַרבאַטש.

צירעס איז אַוועק אַ צופרידענער. ער האָט זיך געפילט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט פאַר־סטראַכירט זײַן לעבן אַף ריינעם גאָלד.

„די אַלטע איז געדרעכט. מע קען זיך דען פאַרלאָזן אַף סעניען? ער איז אַ קאַפּריזער, ווי אַ שמעטערלינג, ווי אַ פרוי אין די הויכע כאַדאָשים. וואָס קאָסט אים מאַסקים צו זײַן, און דערנאָך, שפּילנדיק מיט דער בריטווע, זיך אָפּזאָגן פון דער זאַך, אויב עס וועט זיך אים אויס־דוכטן, אַז עס איז צו קאָמפּליצירט?״

נאָר דער אַלטער געניטער נאַוואָדטשיק האָט אַ טאָעס געהאַט דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל אין זײַן לעבן.

אַף מאָרגן איינס אַזייגער באַטאָג האָבן זיך בא דער קאַסע פון אַרטעל „קאָנקאָרדיאַ״ באַ־געגנט סעניע און פּיאַטירובעל. זיי האָבן אַ קוק געטאָן איינער דעם צווייטן אין די אויגן, און סעניע האָט געפרעגט:

— ווייסט עפּשער זײַן אַזוי גוט און זאָגן, ווער האָט דיך געשיקט אַף דער דאָזיקער זאַך?

— דער אַלטער צירעס. און דיך, סעניע?

— מיך אויך דער אַלטער צירעס.

— הייסט עס?

— הייסט עס, אַז דער אַלטער צירעס וועט מער ניט לעבן! — האָט געענטפערט סעניע.

— אָמיין! — האָט געזאָגט פּיאַטירובעל.

די „נאַליאָטשיקעס״ זײַנען זיך פרידלעך צעגאַנגען. אַלס קלאַל, אויב צווי „נאַליאָטשי־קעס״ טרעפן זיך צונויף בא דעם זעלבן איניען, ווערט דער איניען אָפּגעשאַפן.

אין פערציק מינוט אַרום איז דער אַלטער צירעס דערמאָרדעט געוואָרן בא זיך אין שטוב, אין דעם מאָמענט, ווען די מומע כאַווע איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף אופהענגען גרעט. זי האָט ניט געזען דעם מערדער, נאָר זי האָט געוווּסט, אַז קיינער, אויסער סעניען אָדער זײַנע מענטשן, האָט עס ניט געקענט אָפּטאָן. סעניע פלעגט קיינמאָל ניט מויכל זײַן, ווען עמעצער האָט אים אָפּגענאַרט.

אין איינעם אַ טאָג זײַנען מיר — באַבעל און איך — געזעסן באַם ים און געשמועסט:

— ווען איך שרײַב אפילע די סאַמע קלענסטע דערציילונג, — האָט באַבעל זיך מוידע געווען, — אַרבעט איך סײַווי ווי אַן ערדגרעבער, ווי יענער, וואָס דאַרף איינער אַליין צע־גראָבן ביזן גרונט דעם עווערעסט. ווען איך הייב אָן די אַרבעט, קלער איך שטענדיק, אַז זי איז ניט לויט מײַנע קויכעס. עס טרעפט אפילע, אַז איך וויין פון מידקײַט. פון האַרעוואַניע טוען בא מיר ווי אַלע בלוט־געפעסן. קראַמפּן קוועטשן צונויף דאָס האַרץ, ווען עס באַקומט זיך ניט אַוועלכע־ניט־איז פראַזע. און ווי אָפט זיי באַקומען זיך ניט, די פאַרשאָלטענע פראַזעס!

— באַ אײַך איז דאָך אַ געטאָקטע פראָזע, — האָב איך געזאָגט, — ווי גיט זיך עס אײַך אײַן?

— נאָר מיטן סטיל, — האָט געענטפערט באַבעל און זיך צעלאַכט, — מיטן סטיל נעמען מיר, מיטן סטיל! איך קאָן אָנשרײַבן אַ דערציילונג וועגן דעם, וויאַזוי מע דאַרף וואַשן גרעט, און זי זאָל קלינגען ווי יולי צעזאַרס פראָזע. די זאַך באַשטייט אין סטיל. דאָס גיט זיך מיר, דוכט זיך, אײַן. איר פאַרשטייט אָבער, אַז ניט דאָס איז דער טאָך פון קונסט, ס'איז נאָר אַ גוּ־טער, עפּשער אפילע אַ ווערטפולער בוי־מאַטעריאַל פאַר איר. „וואַרפט מיר אונטער אַ פּאָר אידייען, — האָט געזאָגט אַן אָדעסער זשורנאַליסט, — און איך וועל זיך שוין אַ סטאַרע טאָן מאַכן פון זיי אַ שעדעווער״. קומט, וועל איך אײַך ווײַזן, וויאַזוי דאָס באַקומט זיך בא מיר. איך בין אַ קאַרגער, אַ קאַמצן, נאָר מיילע, אײַך וועל איך ווײַזן.

אַף דער דאַטשע איז שוין געווען פינצטער. הינטערן סאָד האָט גערוישט דער שטילוועריב־דיקער ים. אַ קילע לופט האָט געפלייצט פון דרויסן, אַרויסשטויסנדיק מיט זיך די סטעפּישע דושנעקײַט. באַבעל האָט אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּל. זײַנע אויגן הינטער די גלעזער פון די ברילן זײַנען רויט געוואָרן. ער האָט אַרויסבאַקומען פון טיש אַ גראָבן מאַנוסקריפּט — ניט ווייניקער פון צוויי הונדערט זײַטן, — וואָס איז געווען איבערגעדרוקט אַף אַ מאַשינקע.

— איר ווייסט, וואָס דאָס איז?

איך בין געווען שטאַרק נײַגעריק: צי דען האָט באַבעל ענדלעך אָנגעשריבן אַ גרעסע־רע דערציילונג און אויסבאַהאַלטן דעם סאָד פון אַלעמען? ס'איז דאָך באַוווּסט דער קימאַט

טעלעגראַפישער סטיל פון זײַנע דערציילונגען; אויב א דערציילונג האַלט מער פון צען זײַטן, איז זי, לויט זײַן מיינונג, צעצויגן און וואַסערדיק.

איך האָב א קוק געטאָן אפֿן ערשטן זײַטל און, דערזעענדיק דעם נאָמען „ליובקע קאָזאַק", זיך נאָך מער פאַרוואונדערט.

— אנטשולדיקט, — האָב איך געזאָגט, — כ'האָב געהערט, אז „ליובקע קאָזאַק" איז א קליינע נאָוועלע. נאָך ניט קיין געדרוקטע. צי דען האָט איר פון איר געמאַכט א גרויסע דער־ציילונג?

באַבעל האָט אוועקגעלייגט די האַנט אפֿן מאַנוסקריפּט און געקוקט אף מיר מיט לאַכנדיקע אויגן. איך די ווינקלען פון זײַנע אויגן האָבן זיך אופגעקליבן קנייטשעלעך.

— יאָ, — האָט ער געענטפֿערט, — דאָס איז „ליובקע קאָזאַק". א נאָוועלע. זי האַלט ניט מער פון פופצן זײַטלעך. נאָר איך באַווײַז אײַך דאָ אלע צוויי און צוואַנציק וואַריאַנטן. בעסוי־כעם אויך דעם לעצטן. אין אלגעמיין איז אינעם מאַנוסקריפּט צוויי הונדערט זײַטן.

— צוויי און צוואַנציק וואַריאַנטן! — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

— הערט זיך אײַן, — האָט באַבעל געזאָגט שוין מיט קאַס, — ליטעראַטור איז ניט קיין בלאָף. עפּשער מיינט איר, אז מאַכן צוויי און צוואַנציק וואַריאַנטן פון א נאָוועלע איז אן איבעריקע מי? און איך בין נאָך ניט זיכער, אז דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן וואַריאַנט מעג מען שוין דרוקן. מיר דוכט, אז ער קען זײַן נאָך מער געפּרעסט. אזא אָפּקלײַב, מײַן טײַערער, שאַפט דעם זעלבשטענדיקן קויעך פון שפּראַך און סטיל. פון שפּראַך און סטיל! — האָט ער איבערגעכאַזערט. — איך נעם א קליינִיקײַט — אן אַנעקדאָט, א מאַרק־געשיכטע — און מאַך פון דעם אזוינס, וואָס איך אליין קען זיך פון דעם ניט אָפּרײַסן. עס שפּילט, עס איז קײַלעכיק, ווי א יאַם־שטיינדל. באַזונדערע טיילן זײַנען צונויפגעקייטלט, אָבער דער קויעך פון דער דאָזיקער צונויפגעקייטלטקײַט איז אזא, אז עס וועט זי ניט צערײַסן אפילע א בליץ. די דער־ציילונג וועט מען לייענען, און מע וועט זי פאַרגעדענקען. איך דערוועג זיך זאָגן, אז עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן, ווײַל, אויסער אונדז ביידן, איז דאָ קיינער ניטאָ. קאַלזמאַן איך לעב, זאָלט איר קיינעם ניט דערציילן וועגן אָט דעם שמועס אונדזערן. גיט מיר א וואָרט. עס איז, פאַרשטייט זיך, ניט מײַן פאַרדינסט, וואָס גראָד אין מיר, א זון פון א קליינעם מעקלער, האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט דער טײַוול, אָדער דער מאַלעך פון קונסט, רופט עס אָן ווי איר ווילט. און איך בין אים אונטערטעניק, ווי א שקלאַף, ווי אן אייזל. איך האָב אים פאַרקויפט מײַן נע־שאָמע, און איך מוז שרײַבן אויסגעצייכנט. אין דעם באַשטייט מײַן גליק אָדער מײַן אומגליק. דוכט זיך, אז עס איז פונדעסטוועגן אן אומגליק. נאָר קוים נעמט איר אים באַ מיר צו — וועט צוזאַמען מיט אים פון אלע מײַנע אָדערן, פון מײַן האַרצן אַרויסשטראָמען דאָס גאַנצע בלוט, און איך וועל דאַן גאָרנישט ניט ווערט זײַן.

ער האָט א ווײַלע געשוויגן און געזאָגט מיט פאַרדראָס:

— באַ מיר איז ניטאָ קיין פאַנטאַזיע. איר געדענקט, באַ בלאָקן:

איך זע א פאַרצויבערטן ברעג
און א פאַרצויבערטע ווײַט.

בלאָק איז דערגאַנגען ביז דעם ברעג, און איך קען צו אים ניט דערגיין. איך זע אָט דעם ברעג ערגעץ זייער ווײַט. באַ מיר איז א צו ניכטערער סייכל. איך בין אָבער דאַנקבאַר דעם גוירל כאָטש דערפאַר, וואָס ער האָט מיר אַרײַנגעלייגט אין האַרצן דעם שטאַרקן פאַרלאַנג צו זען אָט די באַצויבערטע ווײַט. איך אַרבעט מיט די לעצטע קויכעס, טו אלץ, וואָס נאָר איך קען...

א טרער האָט געבלישטשעט הינטער די גראָבע גלעזלעך פון זײַנע ברילן.

ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן און אויסגעווישט די אויגן מיטן אַרבל פון עם פאַרלאַטעטן גרויען פּידזשאַק.

— איך האָב זיך ניט אויסגעקליבן קיין נאַציאָנאַליטעט, — איז ער פּלוצעם אַריבער אף אן אַנדער טעמע. — איך בין א ייִד. צײַטנווײַז דוכט זיך מיר, אז איך קען אלץ פאַרשטיין. נאָר איין זאַך וועל איך קיינמאָל ניט פאַרשטיין — די סיבע פון דער שוואַרצער נידערטרעכטי־קײַט, וועלכע ווערט אזוי טרויעריק באַצייכנט מיט דעם וואָרט „אַנטיסעמיטיזם".

ער איז אַנשוויגן געוואָרן. איך האָב אויך געשוויגן און געוואַרט, ביז ער וועט זיך באַ־רויִקן.

— נאָך אין דער קינדהייט, אין א ייִדישן פּאָגראָם, בין איך ניצל געוואָרן, נאָר מײַן טויב האָט מען אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. צוליב וואָס?.. אוי, כ'האָב מוירע, עס זאָל ניט אַרײַן אהער יעוועניע באַריסאָוונע, — האָט ער פאַרגעזעצט מיט א האַלבער שטים. — מאַכט שטילערהייט

צו די טיר אפן האטשיקל, זי שרעקט זיך, ווען זי הערט אזעלכע געשפּרעכן, און קען דערנאָך וויינען ביז אינדערפרי. איר דוכט זיך אויס, אז איך בין זייער אן עלנטער מענטש. און עפּשער איז עס טאקע אזוי?

וואָס האָב איך אים געקענט ענטפערן? איך האָב געשוויגן.

— איז אָט, — האָט פאַרגעזעצט באַבעל, אָנבייגנדיק זיך קורצזיכטיק איבערן מאַנוסקריפּט. — איך אַרבעט ווי אן אייזל. נאָר איך קלאָג זיך ניט. איך האָב זיך אליין אויסגעקליבן די קאַטאָרזשנע אַרבעט. איך בין ווי דער גאַלערניק, וואָס איז צוגעשמידט אפן גאַנצן לעבן צו דער וועסלע און באַקומט ליב די וועסלע. ווען איך פאַרשרײַב צום ערשטן מאָל אוועלכע־ניט־איז דערציילונג, זעט דער מאַנוסקריפּט אויס העסלעך, פּאַשעט שרעקלעך! עטלעכע שטיקער טעקסט זײַנען צווישן זיך פאַרבונדן מיט די אזויגערופענע „בריקלעך" — מיט שמוציקע שטריק, אזוי צו זאָגן. איר קענט איבערלייענען דעם ערשטן וואַריאַנט פון „ליובקע קאָזאַק", וועט איר זיך איבערצײַגן, אז דאָס איז א הילפלאָז סקאַווטשען, אן אומבאַהאָלפענע אָנהויפּונג פון ווערטער. דאַן ערשט הייבט זיך אָן די אַרבעט. איך קאָנטראָליר איין פראַזע נאָך דער צווייטער און ניט איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל. צום אלעם ערשטן וואַרף איך ארויס פון דער פראַזע אלע איבעריקע ווערטער. עס איז נייטיק א שאַרף אויג, ווײַל די צונג באַהאַלט פלינק אויס דאָס מיסט, די איבערכאַזערונגען, סינאָנימען, פּאַשעטע אַבסורדן, און סטאַרעט זיך די גאַנצע צײַט אונדז איבערצוכיטרעווען. ווען די אַרבעט איז פאַרענדיקט, שרײַב איך איבער דעם מאַנוסקריפּט אף דער מאַשינקע. (אזוי זעט זיך בעסער דער טעקסט). דערנאָך לאָז איך אים א צוויי־דרײַ טעג ליגן — אויב עס וועט מיר אף דעם קלעקן געדולד — און קאָנטראָליר ווידער פראַזע נאָך פראַזע, וואָרט נאָך וואָרט, און געפין אומבאַדינגט מיסט און קראַפּעווע, וואָס זײַנען פאַרבליבן...

ער האָט געקלאַפּט מיטן פינגער אין טאַקט פון די רייד:

— אזוי יעדעס מאָל, ווען איך שרײַב איבעראַנײַס איבער דעם טעקסט. ביז איך איבערצײַג זיך, אז באַם סאַמע אכזאָריעסדיקן טשעפּען זיך צום מאַנוסקריפּט, קען איך שוין ניט געפינען אין אים קיין ברעקל שמוץ. נאָר דאָס איז נאָך ניט אלץ. ווען דאָס מיסט איז ארויסגעוואָרפן, קאָנטראָליר איך דורך די פרישקײַט און פּינקטלעכקײַט פון אלע געשטאַלטן, פאַרגלײַכן, מעטאַפאָרעס. אויב עס איז ניטאָ קיין פּינקטלעכער פאַרגלײַך, איז בעסער אים ביכלאַל ניט באַנוצן. זאָל דער סובסטאַנטיוו לעבן אן און פאַר זיך אין זײַן פּאַשעטקײַט. דער פאַרגלײַך דאַרף זײַן פּינקטלעך, ווי א לאָגאַריפמישע ווירע, ער דאַרף זײַן נאַטירלעך, ווי דער רייעך פון אוקראָפּ.

און מיטאמאָל האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן:

— יאָ, איך האָב פאַרגעסן, אז איידער איך וואַרף ארויס דאָס וואָרט־מיסט, צעקלאַפּ איך דעם טעקסט אף גרינגע פראַזעס. וואָס קירצער, אלץ בעסער. אָט דעם קלאַל וואָלט איך ארײַנגעשריבן אינעם אָבליגאַטאָרישן געזעץ פאַר שרײַבער. יעדע פראַזע מעג אנטהאַלטן איין געדאַנק, איין געשטאַלט, ניט מער. דעריבער שרעקט זיך ניט פאַר אוועקשטעלן א פּונקט. איך שרײַב עפּשער צו קורצע פראַזעס, עפּשער נעמט זיך עס טיילוויז דערפון, וואָס בא מיר איז א לאַנגאַניקע אַסטמע. איך קען ניט ריידן לאַנג. עס פאַרפעלט מיר אָטעם. וואָס מער לאַנגע פראַזעס, אלץ שווערער איז אָפּעטעמען. איך סטאַרע זיך ארויסוואַרפן פונעם מאַנוסקריפּט קימאַט אלע גערונדיוון און פּאַרטיציפּן און לאָז איבער נאָר די סאַמע נייטיקסטע. די גערונדיוון מאַכן די שפּראַך שווער, האַמעטנע און צעשטערן איר מעלאָדיע. זיי גרילצן, אזוי ווי טאַנקען וואָלטן זיך איבערגעקײַקלט אף זייערע רויפן איבער א שטיינערנעם גראָבן. דרײַ גערונדיוון אין איין פראַזע — הייסט דערמאָרדן די שפּראַך. איך האַלט, אז יעדער סובסטאַנטיוו פּאָדערט נאָר איין אַדיעקטיוו, דעם סאַמע פּאַסיקסטן. צוויי אַדיעקטיוון צו איין סובסטאַנטיוו קען זיך דערלויבן נאָר א געניי. אלע אַבזאַצן און די גאַנצע פּונקטואַציע דאַרפן זײַן ריכטיקע, אָבער פונעם שטאַנדפּונקט פון דער אויפווירקונג פונעם טעקסט אפן לייענער און ניט לויטן טויטן קאַטעכיזיס. איבערהויפּט איז פּראַכטפול דער אַבזאַץ. ער דערלויבט רויק בײַטן די ריטמען, און אָפט, ווי די שײַן פונעם בליץ, אנטפּלעקט ער פאַר אונדז פאַסירונגען אין אן אומדערוואַרטן אויסזען. עס זײַנען דאָ גוטע שרײַבער, נאָר זיי צעשטעלן די אַבזאַצן און די אָפּשטעל־צייכנס אבי־ווי. דעריבער, ניט געקוקט אף דער הויכער קוואַליטעט פון זייער פראַזע, בלײַבן בא זיי סימאָנים פון אײַלעניש און נאַכלעסיקײַט... אײַך האָבן אָפּגעשראָקן די צוויי און צוואַנציק וואַריאַנטן פון „ליובקע קאָזאַק". די אלע וואַריאַנטן — דאָס איז די אַרבעט פון יעטן, אויסציִען די דערציילונג אין איין פאָדעם. און צולעצט באַקומט זיך, אז צווישן ערשטן און לעצטן וואַריאַנט איז אזא אונטערשייד, ווי צווישן א בויגן פאַרשמאָלצענעם פּאַק־פּאַפּיר ביז באָטיטשעליס בילד „דער ערשטער פרילינג".

— ס'איז ווירקלעך א קאַטאָרזשנע אַרבעט, — האָב איך געזאָגט, — ווערסט צוואַנציק מאָל אַ קלער טאָן, איידער זיך אַנטשליסן צו ווערן אַ שרײַבער...

— און די הויפּט־זאַך, — האָט געזאָגט באַבעל, — באַשטייט אין דעם, איר זאָלט אין דער צײַט פון דער קאַטאָרזשנער אַרבעט ניט טייטן דעם טעקסט. אין קעגנפאַל וועט די גאַנצע אַרבעט גיין לעיבעד, זי וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין דער טײַוול ווייסט וואָס! דאָ דאַרף מען גיין, ווי איבער אַ קאַנאַט. יאָ, איז אַט... — האָט ער צוגעגעבן, — מע וואָלט געדאַרפט באַ אונדז אַלעמען נעמען אַ שוווּע, אַז קיינער וועט קיינמאָל ניט פאַרשווערן זײַן זאַך.

אילִיא ערענבורג

ער איז געווען אַ דיכטער

דער זומער איז אין מאָסקווע געווען אַ הייסער. אַ סך פון מײַנע פרײַנט האָבן געלעבט אַף דאַטשע אָדער זײַנען זיך צעפאָרן. איך האָב געבלאָנקעט איבער דער אַנגעגליטער שטאָט. איינער פון די דושנע, ווי פאַר אַ געוויטער, טעג האָט מיר געבראַכט אַן אומדערוואַרטע פרייד. איך האָב זיך באַקאַנט מיט באַבעלן.

ער איז געקומען צו מיר אומגעריכט, און איך האָב פאַרגעדענקט זײַנע ערשטע ווערטער: „אַט אוועלכער איר זײַט...״ און איך האָב אים באַקוקט נאָך מיט גרעסערן נײַגער — אָט איז דער מענטש, וואָס האָט אָנגעשריבן „די רײַטער־אַרמיי״, „אָדעסער דערציילונגען״, „די געשיכטע פון מײַן טויבנשלאַק״!

באַבעל האָט מיך גלײַך אוועקגעפירט אין אַ ביר־שענק. אַרײַנקומענדיק אין דעם פינצטערן צימער, וואָס איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, בין איך געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט. דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט קליינע ספּעקוליאַנטן, גאַנאָווים, רעצידיוויסטן, באַלעגאָלעס, פאַרשטייער פון דער אַלטער דעגראַדירנדיקער אינטעליגענץ. עמעצער האָט געשריִען, אַז מע האָט דערפונדן אַן „עליקסיר פון אייביקן לעבן״, און דאָס איז אַ כאַזערײַ, ווײַל דער עליקסיר קאָסט אומגעהייער טײַער, הייסט עס, אַז לענגער פון אַלעמען וועלן לעבן אויסוווּרפן. פון אָנהייב האָט מען אַף דעם, וועלכער האָט געשריִען, קיין אכט ניט געלייגט, דערנאָך האָט אים זײַן שאָכן דערלאַנגט אַ זעץ מיטן פלעשל איבערן קאָפּ. אין אַן אַנדער ווינקל האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג צוליב אַ מיידל. צוויי יונגעלײַט, וועלכע האָבן זיך אָנגעטרונקען אַזוי, אַז זיי האָבן ניט געוווּסט, אַף וועלכער וועלט זיי זײַנען, האָט מען אַרויסגעשלעפּט פאַר די פיס. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן: „לאָמיר אוועקגיין!״. באַבעל האָט זיך פאַרוווּנדערט: „דאָ איז דאָך זייער אינטערעסאַנט...״

אויסערלעך איז באַבעל ווייניק געווען ענלעך אַף אַ שרײַבער. מײַקל גאָלד, וועלכער האָט זיך באַקאַנט מיט אים אין פּאַריזש אין 1935, האָט געשריבן: „ער איז ניט ענלעך אַף אַ ליטעראַט צי אַף אַ געוועזענעם קאַוואַלעריסט, ער דערמאָנט גיכער אַ פאַרוואַלטער פון אַ דאָרפישער שול״. ווײַזט אויס, אַז די הויפּט־ראָל באַם אויספורעמען אַזאַ געשטאַלט האָבן געשפּילט די ברילן.

אים איז אַלץ געווען אינטערעסאַנט, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי קאָנען עס זײַן שרײַבער, וועלכע האָבן ניט קיין אינטערעס צום לעבן. ער האָט מיר געזאָגט וועגן פּרוסט ראָמאַנען: „אַ גרויסער שרײַבער. ס'איז אָבער אומעטיק... עפּשער איז אים אַליין געווען אומעטיק דאָס אַלץ צו באַשרײַבן?..״ אונטערשטרײַכנדיק די פײַיִקײַטן פונעם עמיגראַנטישן שרײַבער, דעם אָנפאַנגער נאַבאָקאָוו־סירין, האָט באַבעל געזאָגט: „שרײַבן קען ער, ער האָט אָבער ניט וועגן וואָס צו שרײַבן״.

באַבעל האָט ליב געהאַט פּאָעזיע, ער איז געווען באַפרײַנדעט מיט פּאָעטן, וועלכע זײַנען לאַכלוטן ניט געווען ענלעך אַף אים: מיט באַגריצקין, יעסענינען, מאַיאַקאָווסקין. אָבער די ליטעראַרישע סוויווע האָט ער ניט געקענט אַריבערטראָגן: „ווען מע דאַרף גיין אַף אַ פאַר־

איסאַק באַבעל אין דאָנער סטעפּ. 1929.

זאַמלונג פון די שרײַבער, האָב איך דעם געפיל, אַז עס שטייט באַלד פאַר די דעגוסטאַציע פון האָניק מיט ריצנייל...". ער האָט געהאַט פרײַנט צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס — אינזשעניערן, קאַוואַלעריסטן, אַרכיטעקטאָרן, בינענציכטלער, צימבאַליסטן. ער האָט שאָענוויַיז געקענט הערן וועגן אַ פרעמדער ליבע, אַ גליקלעכער צי אַן אומגליקלעכער. ער פלעגט אַרויסרופן בײַ זײַן מיטשמועסער אַ פאַרלאַנג זיך מיסוואַדע צו זײַן; מענטשן האָבן, ווײַזט אויס, געפילט, אַז ער הערט זיי ניט גלאַט אַזוי, נאָר ער לעבט מיט זיי איניינעם איבער.

אין זײַן קורצער ביִאָגראַפיע דערציילט באַבעל, אַז אין 1916 האָט אים גאָרקי אַוועקגעשיקט, ער זאָל זײַן „צווישן מענטשן". אָט ווי ער דערציילט וועגן דעם: „און איך בין זיבן יאָר — פון 1917 ביז 1924 — געווען „צווישן מענטשן". אין מעשעך פון אָט דער צײַט בין איך געווען אַ סאָלדאַט אויפן רומענישן פראָנט, געדינט אין טשעקאַ, אין פאָלקאָמבילד, אין שפּײַז־עקספּעדיציעס. מיט דער צאָפנדיקער אַרמיי בין איך אַרויסגעטראָטן קעגן יודעניטשן, געדינט אין דער ערשטער רײַטער־אַרמיי, אין אָדעסער גובקאָם, געווען אַן אַרויסלאָזער אין דער זיבעטער טיפּאָגראַפיע, אַ רעפּאָרטיאָר אין פּעטערבורג, טיפליס און אנד.".

די זיבן יאָר, וועגן וועלכע באַבעל דערמאָנט, האָבן איםווירקלעך אַ סאַך געגעבן, נאָר אויך ביז דעם 1916 איז ער שטענדיק געווען „צווישן מענטשן" און איז פאַרבליבן „צווישן מענטשן" אויך דאַן, ווען ער איז שוין געווען אַ באַוווּסטער שרײַבער. אָן מענטשן האָט ער ניט געקענט עטעמען. „די געשיכטע פון מײַן טויבנשלאַק" האָט איבערגעלעבט אַ יונג ייִנגל, און אַ סאַך שפּעטער האָט זי דערציילט אַ רײַפער מײַסטער. אין די יאָרן פון זײַן פריִער קינדהײַט און יוגנט האָט באַבעל באַגעגנט די העלדן פון זײַנע אָדעסער דערציילונגען — נאַליאָטשיקעס און כאַבאַרניקעס, קורצזיכטיקע טרוימער און ראָמאַנטישע זשוליקעס.

וווּהין ער פלעגט ניט אַרײַנפאַלן, אַפילו אין דער פרעמד, פלעגט ער זיך באַלד דערפילן ווי בײַ זיך אין דער היים. אין מאַרסעל איז ער געווען ניט לאַנג, נאָר ווען ער פלעגט דערציילן וועגן דעם לעבן אין מאַרסעל, זײַנען דאָס ניט געווען קיין אײַנדרוקן פון אַ טוריסט, — ער האָט גערעדט וועגן די וואַלן אין מוניציפּאַליטעט, וועגן דעם שטרײַק אין פּאָרט, וועגן עפּעס אַן עלטערער פרוי — דאַכט זיך, אַ וועשערן, — וועלכע האָט, באַקומענדיק אומגעריכט אַ גרויסע ירושה, זיך אָפּגעסאַמט מיט גאַז.

און דאָך האָט ער אַפילו אין זײַן באַליבטן פראַנקרײַך געבענקט נאָך זײַן היימלאַנד. ער האָט געשריבן פון מאַרסעל אין אָקטיאַבער 1927: „דאָס גײַסטיקע לעבן אין רוסלאַנד איז מער דערהויבן. איך בין פאַרסאַמט מיט רוסלאַנד, איך בענק נאָך רוסלאַנד, בלויז וועגן רוסלאַנד טראַכט איך". אין אַן אַנדער בריוו, צו אי. ל. ליפשיצן, זײַנעם אַן אַלטן פרײַנט, האָט ער געשריבן פון פּאַריזש: „לעבן דאָ אין זין פון אינדיווידועלער פרײַהײַט איז אויסגעצייכנט, נאָר מיר — געקומענע פון רוסלאַנד — בענקען נאָכן ווינט פון דערהויבענע געדאַנקען און שטאַרקע לײַדנשאַפטן".

אַלפּי־נעס האָט זיך פאַרהיט באַבעלס טאָגבוך, וועלכן ער האָט געפירט אין 1920 יאָר, געפינענדיק זיך אין די רייען פון דער ערשטער רײַטער־אַרמיי: איינע אַ קיִעווער פרוי האָט פאַרהיט דעם דאָזיקן גראָבן העפט מיט ניט קיין דײַטלעכע פאַרנאָטירונגען. דער טאָגבוך איז זייער אינטערעסאַנט — ער ווײַזט ניט נאָר, ווי באַבעל האָט געאַרבעט, ער העלפט אויך פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין דער פסיכאָלאָגיע פון זײַן שאַפן.

דורכן גאַנצן טאָגבוך גייען דורך אַקשאָנעסדיקע דערמאָנונגען: „באַשרײַבן מאַטיאַשן, מישען", „אין דעם טאָג איז דאָס וויכטיקסטע — באַשרײַבן די רויטאַרמייער און די לופט",

„פאַרגעדענקען — די פיגור, דאָס פּאָנעם, אפאַנאַסענקאָס פרייד, זײַן ליבע צו די פערד, ווי ער קלײַבט אויס א פערד פאַר באַכטוראַוון״, „אומבאַדינגט באַשרײַבן דעם אונטערהיינקענדיקן גובאַנאַוון, וואָס פלעגט אַנוואַרפן א פּאַכעד, דעם פאַרשײַטן העלד״, „א לופט־אַטאַקע, א ווײַט און לאַנגזאַם שטעפּן פון קוילנוואַרפער״, „באַשרײַבן די וועלדער פון קריוויכע, צעווּנירטע הײַזער...״

באַבעל איז געווען א פּאָעט. ניט דער נאַטוראַליזם פון די שטייגערישע דעטאַלן, וועלכע ער האָט באַשריבן, ניט די קײַלעכדיקע ברילן אפן רונדן פּאָנעם האָבן ניט געקענט פאַרשטעלן זײַן פּאָעטישע נאַטור. ער פלעגט באַגײַסטערט ווערן, זיך אָנצינדן פון א שורע אין א ליד, פון א בילד, פון דער פאַרב פון הימל, פון דער שיינקײַט פון מענטשן.

איסאַק עמאַנויִלאָוויטש האָט זיך אליין קריטיקירט מיט דער מאָס פון א גרויסן קינסטלער. ער פלעגט מיר אָפט זאָגן, אז ער האָט געשריבן צו בונט, אז ער זוכט פּאַשטעס, אז ער וויל זיך באַפרײַען פון דעם שלאַל העלדן.

געאַרבעט האָט ער לאַנגזאַם, פּײַנלעך. ער איז שטענדיק געווען ניט צופרידן מיט זיך. באַבעל איז ניט נאָר אויסערלעך ניט געווען ענלעך אף א שרײַבער, ער האָט אויך געלעבט אַנדערש: ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין מעבל פון רויט האָלץ, קיין שאַפעס פאַר ביכער, קיין סעקרעטאַר. ער איז זיך אפילו באַגאַנגען אָן א שרײַבטיש. געשריבן האָט ער אפן קיך־טיש, און אין מאַלאַכאָווקע, ווו ער האָט געדונגען א צימער בא א דאָרפישן שוסטער איוואַן קאַר־פּאָוויטש, האָט ער געשריבן אפן ווערקשטעל.

אין 1935 האָט זיך אין פּאַריזש צונויפגעזאַמלט דער קאָנגרעס פון שרײַבער פאַר פאַרטיי־דיקן די קולטור. עס איז אויך געקומען צו פאָרן די סאָוועטישע דעלעגאַציע. באַבעל איז גע־קומען מיט א פאַרשפּעטיקונג, דוכט זיך — אפן צווייטן אָדער דריטן טאָג. ער האָט טייקעף געדאַרפט אַרויסטרעטן. שמייכלענדיק, האָט ער מיך באַרויִקט: „כ׳וועל וואָס־ניט־איז זאָגן״. אָט וואָס איך האָב געשריבן אין דער צײַטונג „איזוועסטיאַ״: „באַבעל האָט ניט געלייענט זײַן רעדע, ער האָט גערעדט אף פראַנצויזיש פריילעך און מײַסטעריש. אין משך פון פופצן מינוט האָט ער פריילעך געמאַכט די אַאודיטאָריע מיט עטלעכע ניט קיין אָנגעשריבענע דער־ציילונגען. מענטשן האָבן געלאַכט, און אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי פאַרשטאַנען, אז אין די קלוימערשט פריילעכע געשיכטעס גייט א רייד וועגן דעם טאָך פון אונדזערע מענטשן און פון אונדזער קולטור: „בא דעם קאָלווירטניק איז שוין דאָ ברויט, ער האָט שוין א שטוב, ער האָט שוין אפילו אן אָרדען. נאָר דאָס איז אים וויייניק. ער וויל איצט, אז מע זאָל אים באַ־זינגען אין לידער...״

פיל מאָל האָט ער מיר געזאָגט, אז דאָס וויכטיקסטע איז — דאָס גליק פון מענטשן. ער האָט ליב געהאַט באַלעכײַים, איבערהויפּט פערד. ער האָט געשריבן וועגן זײַן קאַמפּס־כאַווער כלעבניקאָוו: „מיר האָבן ביידע געקוקט אף דער וועלט, ווי אף א לאָנקע אין כוידעש מײַ, ווי אף א לאָנקע, אף וועלכער עס שפּאַצירן פרויען און פערד״.

אינדערעמעסן איז זײַן לעבן ניט געווען קיין לאָנקע אין כוידעש מײַ. ביז די לעצטע טעג האָט ער פאַרהיט זײַן טרײַהײַט צו די אידעאַלן פון גערעכטיקײַט, אינטערנאַציאָנאַליזם, מענ־טשלעכקײַט. די רעוואָלוציע האָט ער פאַרשטאַנען און אופגענומען, ווי אן אָנזאָג פונעם קינפטיקן גליק. איינע פון זײַנע בעסטע דערציילונגען פון די דרײַסיקער יאָרן — „קאַרל־יאַנקל״ — ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „איך בין אויסגעוואַקסן אף די דאָזיקע גאַסן. איצט איז געקומען קאַרל־יאַנקלס ריי, נאָר פאַר מיר האָט מען זיך אזוי ניט געשלאָגן, ווי מע שלאָגט זיך פאַר אים. זעלטן וועמען בין איך אָנגעגאַנגען. „עס קען ניט זײַן, — האָב איך געשעפּטשעט צו זיך אליין, — דו זאָלסט ניט זײַן גליקלעך, קאַרל־יאַנקל... עס קען ניט זײַן, דו זאָלסט ניט זײַן גליקלעכער פון מיר...״

און באַבעל איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן מיט זייער קאַמף, מיט זייערע טרוי־מען, מיט זייערע ביכער באַצאָלט פאַר דעם גליק פון די קומענדיקע דורעס.

באַבעל האָט שטענדיק מיט צאַרטקײַט גערעדט וועגן זײַן היים־שטאָט אָדעס. נאָך באַ־גריצקיס טויט, אין 1936, האָט ער געשריבן: „איך דערמאָן זיך אונדזער לעצטן שמועס. ס׳איז שוין צײַט וואַרפן פרעמדע שטעט, זײַנען מיר ביידע מאַסקים געווען, ס׳איז צײַט זיך אומ־קערן אהיים, קיין אָדעס, דינגען ערגעץ א שטיבל אין ראַיאָן פון „די נאָענטע מילן״, שרײַבן געשיכטעס, זיך עלטערן... מיר האָבן זיך געזען אין דער צוקונפט געעלטערט ווי קלוגיטשקע, פעטע זקיינים, וועלכע וואַרעמען זיך אונטער דער אָדעסער זון, באַם יאַם, אפן בולוואַר, און באַגלייטן די פרויען מיט א לאַנגדויערנדיקן בליק... אונדזערע טרוימען זײַנען ניט פאַרווירק־לעכט געוואָרן. באַגריצקי איז געשטאָרבן צו 38 יאָר, ניט האָבנדיק אופגעטאָן אפילו א קליי־נעם טייל פון דעם, וואָס ער האָט געקענט אופטאָן. אין אונדזער מעלוכע איז געגרינדעט דער

אינסטיטוט פאַר עקספּערימענטאַלער מעדיצין. זאָל ער זיך דערשלאָגן, אַז די אומזיניקע פאַרברעכנס פון דער נאַטור זאָלן זיך מער ניט איבערכאַזערן".

ער האָט געשריבן צו איינעם פון זײַנע פרײַנט, וואָס האָט פאַר אים געדונגען אַ שטיבל אין אָדעס: „אָט דער פליגעל, וואָס איז איבערגעלאָזט פאַר מיר, האָט זייער אופגעהויבן מײַן שטימונג. דאָסטאָיעווסקי האָט אַמאָל געזאָגט: „יעדער מענטש דאַרף האָבן אַן אָרט, וווהין ער זאָל קענען אוועקגיין", — און פון דעם באַוווּסטזײַן, אַז אַזאַ אָרט האָט זיך באַ מיר באַוויזן, פיל איך זיך אַ סאַך זיכערער אויף דער ערד, וועלכע דרייט זיך, ווי ס'איז באַוווּסט..."

...אונדז האָט פאַרייניקט דער געמיינזאַמער קוק אויפן כּיוּוּ פון אַ שרײַבער, אויף אונדזער יאָרהונדערט: מיר האָבן געוואָלט, אַז אין דער נײַער וועלט זאָל זיך געפינען אַן אָרט פאַר אייניקע זייער אַלטע זאַכן — פאַר ליבע, פאַר שיינקייט, פאַר קונסט.

<u>לעאָניד אוטיאָסאָוו</u>

מיר זײַנען געווען שכנים

אין 1924 יאָר האָב איך זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף אַ זשורנאַל „לעוו", ווו ס'זײַנען געווען געדרוקט דערציילונגען פון אַן אומבאַקאַנטן שרײַבער. איך האָב זיי איבערגעלייענט און „בין אַראָפּ פונעם זינען". ס'האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נײַע וועלט. איך האָב געלייענט און ווידער געלייענט די דערציילונגען. ס'האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס איך האָב זיי אויסגעלערנט אויף אויסווייניק און לעסאָף באַשטימט זיי פאָרלייענען פון דער בינע. דאָס איז געווען אין לענינגראַד. איך בין דאַן געווען אַן אַקטיאָר און אַ פאָרלעזער.

מײַן טרוים איז געווען — זען דעם קישעפמאַכער, וואָס האָט פאַרפאַסט די דערציילונגען. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ער דאַרף זײַן ענלעך אויף ניקיטע באַלמאַשעוון פון דער דערציילונג „זאַלץ" — אַ בלאָנדער, קורנאָסער, געזעצטער יאַט. אַן אַנדערשמאָל פלעגט זיך אין מײַן פאַנטאַזיע אויסציִען באַ אים די נאָז, עס זײַנען טינקעלער געוואָרן די האָר, דאַרער די פיגור, אויף דער אייבערשטער ליפּ פלעגן זיך באַווײַזן דינינקע וואָנצעלעך, און באַבעל האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אין דעם געשטאַלט פון בעניע קריק — דעם באַגײַסטערטן, איראָנישן גאַנגסטער פון דער אָדעסער מאָלדאַוואַנקע.

נאָר אָט בין איך אין איינעם פון די וווּנדערלעכסטע טעג אין מײַן לעבן (דאָס איז שוין געווען אין מאָסקווע, אין דער געבײַדע, ווו עס שפּילט איצט דער טעאַטער „סאָווּרעמעניק") אַרויסגעטראָטן מיט באַבעלס דערציילונגען. פאַר מײַן אופטריט איז געקומען צו מיר צולויפן עמעצער פון די מיטאַרבעטער פון טעאַטער און געזאָגט:

— ווייסט, ווער עס געפינט זיך אין טעאַטער? באַבעל!

איך בין אַרויף אויף דער בינע אויף ווייכע, ווי פון וואַטע, פיס, מײַן צושטאַנד איז געווען ניט צו באַשרײַבן. איך האָב געקוקט אין צושויערזאַל און געזוכט באַבעלן-באַלמאַשעוון, באַבעלן-קריקן. אינעם זאַל איז ניט געווען ניט דער, ניט יענער.

איסאַק באַבעל און סערגיי אייזענשטיין אין יאַלטע בײַם דער אַרבעט איבערן פילם „בעזשין לוג". 1936.

איך האָב געלייענט ערגער ווי שטענדיק. כ׳האָב ניט געהאַט קיין קויעך זיך צו קאָנצענטרירן. איר ווילט וויסן דעם עמעס? — איך האָב זיך געשראָקן. יאָ, יאָ, מיר איז געווען אַפּאַנעמעסן שרעקלעך.

ענדלעך איז ער אין אַנטראַקט אַרײַן אין צימערל, ווו כ׳האָב זיך גרימירט. ער איז געווען ניט קיין הויכער, א געזעצטער. דער קאָפּ אָפן קורצן האַלדז איז אַרײַנגעוואַקסן אין די אַקסל, דער אייבערשטער טייל קערפּער איז געווען א סאַך לענגער פונעם אונטערשטן. אַזוי ווי א סקולפּטאָר וואָלט נעמען דעם קאָרפּוס פון איין מענטשן און אַרופגעשטעלט אַף די פיס פון א צווייטן. אָבער דער קאָפּ! דער קאָפּ איז בא אים געווען א ווונדערבאַרער! א גרויסער, פאַרוואָרפן אַף הינטן. און הינטער די גלעזלעך פון די ברילן — גרויסע, שאַרפע, שפּאַטנדיקע, קלוגע אויגן.

— ניט שלעכט, אַלטער, — האָט געזאָגט באַבעל, — נאָר צוליב וואָס באמית איר זיך צו מאַכן מיך שענער, ווי איך בין?..

כ׳ווייס ניט, וואָס פאַר אַן אויסדרוק איז דאַן געווען אַף מײַן פּאָנעם. באַבעל האָט א שמייכל געטאָן.

— מע דאַרף ניט פאַרכאַפּן די מאַנאָפּאָל אַף צו האַנדלען מיט אָדעס! — האָט ער זיך צעלאַכט.

ווער עס האָט ניט געהערט און ניט געזען באַבעלס געלעכטער, קען זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס דאָס איז אַזוינס. איך האָב, דאַכט מיר, קיינמאָל ניט באַגעגנט קיין מענטשן, וועלכער זאָל לאַכן אַזוי, ווי ער. דאָס איז ניט געווען קיין הילכיקער געלעכטער — אָ, ניין! ער האָט געלאַכט אַזוי, אַז עס איז געווען שווער זיך אײַנהאַלטן ניט מיטצולאַכן. פון זײַנע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. ער פלעגט אַראָפּנעמען די ברילן, אויסווישן די טרערן און ווידער אָנהייבן לאַכן.

זײַן אויטאָביאָגראַפיע הייבט באַבעל אָן אַזוי: „איך בין געבוירן געוואָרן אין אָדעס, אַף דער מאָלדאַוואַנקע". ווען איך זאָל זיך אוועקזעצן שרײַבן מײַן אויטאָביאָגראַפיע, וואָלט זי זיך אָנגעהויבן אַזוי: „געבוירן געוואָרן אין אָדעס, אין שכיינעס מיט דער מאָלדאַוואַנקע". און דאָס הייסט: מיר זײַנען געווען שכיינים.

ידיש — ד. גראָזאָווסקע

קִינסטלער שײַע בראָנשטיין
(מאָסקווע)



דאָוויד האָפשטיין



שאָלעם-אַלייכעם



זשעלעזנאָוואָדסק

נאטיורמאָרט

מיטיק־צײַט אין פעלד

צוויי צייכענונגען. **הינטערמאָסקווער פּייזאַזשן**

א קינסטלער פון פארשיידענע זשאנרען

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערזען שײַע בראָנשטײנען מיט א יאָר פופציק צוריק אין קיִעוו, ווו ס׳איז דורכגעגאנגען מײַן קינדהײַט און מײַן יוגנט. דאָס איז געווען באלד נאָכן בירגערקריג, די שטאָט האָט זיך ערשט ניט לאנג באפרײַט פון די ווײַסגווארדייִשע שווארצמײיעדיקע באנדעס. איך דערמאָן זיך, מיט וואָס פאר אן ענטוזיאזם די יוגנט האָט זיך גענומען צוזאמען מיט די דערוואקסענע בויען דעם נײַעם שטייגער, די נײַע קולטור, די נײַע געזעלשאפט.

ניט ווײַט פונעם שעווטשענקאָ־בולוואר האָט זיך אף איינער פון די שטילע, גרינע גאסן געפונען די מאָלער־סטודיע, וואָס האָט געהערט דער ייִדישער „קולטור־ליגע״. בא דער „קולטור־ליגע״ איז אויך געווען א מוזיקאלע שול און אנדערע קולטור־אנשטאלטן.

דער עלטסטער צווישן אונדז אין דער סטודיע איז אלט געווען נײַנצן יאָר. אונדזערע לערער זײַנען עלטער געווען פון אונדז ניט מער ווי אף א יאָר זעקס־זיבן. די דאָזיקע טאלאנטירטע מענטשן זײַנען שפעטער געוואָרן בארימטע סאָוועטישע קונסט־טוער. מיט דער סקולפטור־אָפטיילונג האָבן אָנגעפירט מאקס עפשטיין און יוסעף טשײַקאָוו, די אָנפירער פון מאָלערײַ־אָפטיילונג זײַנען געווען די קומענדיקע קינסטלער־דעקאָראטאָרן י. ראבינאָוויטש און נ. שיפרין. די דערצויגלינגען פון דער עלטערער אָפטיילונג זײַנען געווען הויפטזאכלעך קינדער פון דער קיִעווער אינטעליגענץ, וואָס האָט מערסטנטייל ניט געקענט דאָס ייִדישע לאָשן. די צווייטע אָפטיילונג איז באשטאנען פון ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס זײַנען געקומען צו לויפן פון די שטעטלעך, ווו עס האָבן געווילדעוועט די קאָנטררעוואָליוציאָנערע באנדעס. די רייד־שפראך פון דער ייִדישער באפעלקערונג איז דאָרט געווען ייִדיש. די שילער פון דער עלטערער אָפטיילונג זײַנען פארכאפט געווען מיט די מאָדערנע ריכטונגען אין דער מאָלערײַ, וועלכע זײַנען געווען פארשפרייט אין פראנקרײַך. זיי האָבן מיט גרויס נײַגער זיך צוגעהערט צו אלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער קינסטלערישער וועלט אין אויסלאנד. בא די ייִנגערע סטודייִצעס האָט פרעוואלירט די ייִדישע פראָווינציִעלע טעמאטיק. אין זייערע געמעלן, אקווארעלן, ווי אויך אין די געמעלן מיט אייל־פארב, האָט זיך געפילט דער נאציאָנאלער קאָלאָריט.

איך בין געווען א טאלמיד פון דער עלטערער גרופע, שײַע — פון דער ייִנגערער.

צוליב דעם אונטערשייד פון דער דערציִונג, און אויך צוליב דעם אונטערשייד פון אינטעלעקטועלן באגאזש איז די עלטערע גרופע געווען אָפגעריסן פון דער ייִנגערער. איך געדענק אָבער, אז שוין דעמאָלט האָט מען אין אונדזער גרופע געהאלטן, אז שײַע בראָנשטיין איז איינער פון די פייִקסטע שילער.

דאָס ייִנגל האָט איבערגעלעבט אלע פלאָגן, וואָס זײַנען אויסגעפאלן אף דער ייִדישער באפעלקערונג פון אוקראַיִנע. ער האָט געזען, ווי די באנדעס האָבן געמאכט פאָגראָמען, דערמאָרדעט זײַן טאטן און זײַן מאמען, ער האָט געליטן פון הונגער, נויט. קוים זיך דערקליבן קיין קיִעוו, ווו מע האָט אים צוגענומען אין איינעם פון די קיִעווער קינדערהײַזער.

געוויס האָט די שווערע קינדהײַט געהאט א ווירקונג אף דער אויספאָרמירונג פון זײַן כאראקטער.

נאָך דעמאָלט, אין שול, איז בראָנשטיין בארימט געווען מיט זײַן ארבעטסזאמקײַט. ער האָט געקענט גאנצע נעכט ארבעטן בא א ליכט איבער די צייכענונגען, וועלכע ער האָט ניט באוויזן פארענדיקן באטאָג.

און אָט איז אוועק קימאט א האלבער יאָרהונדערט פון שפעטערישער מי. וואָס ס׳האָט באגײַסטערט דעם מאָלער, קאָן מען זען, באקענענדיק זיך מיטן קאטאלאָג פון זײַן אויסשטעלונג, וועלכע איז באוויזן געוואָרן אין 1971.

דער קאטאלאָג גיט אונדז צו וויסן, אז נאָכן פארענדיקן די סטודיע בא דער „קולטור־ליגע״ איז ש. בראָנשטיין געשיקט געוואָרן אין דעם קיִעווער קונסט־טעכניקום, אז אין זײַן דיפלאָם־ארבעט זײַנען ארײַן בילדער־קאָמפאָזיציעס, געמאָלטע מיט סאנגינע און טוש, וועלכע האָבן דערציילט וועגן לעבן פון די ארבעטער פונעם מאָסקווער זאוואָד „באָלשעוויק״. מיר דערוויסן זיך, אז נאָך דעם, ווי ער האָט געענדיקט דעם טעכניקום, האָט ער א געוויסע צײַט אונטעריכט אין שול; אז אין 1929 איז ער אוועקגעפאָרן קיין לענינגראד און אָנגעקומען אין דער קונסט־אקאדעמיע, ווו ער האָט זיך א יאָר צײַט געלערנט בא דעם באוווּסטן מאָלער ק. ס. פעטראָוו־וואָדקין. אין 1935 יאָר טרעפן מיר ווידער בראָנשטיינען אין מאָסקווע. איצט איז ער שוין א מאָלער מיט אן אינדיווידועלן סטיל, ער פארנעמט זיך מיט קסילאָגראפיע, לינאָגראווורע און ליטאָגראפיע. א געוויסע צײַט ווערט זײַן אָנפירער דער גלענצנדיקער גראפיקער וולאדימיר פאוואָרסקי, וועלכער האָט דאן געארבעט אין סטודיע באם שטאָטקאָם פון די מאָסקווער מאָלער. אין 1941 — 1942 שאפט בראָנשטיין א גרויסע סעריע אווטאָליטאָגראפיעס, וועלכע זײַנען געווידמעט דעם טעאטער. נאָכדעם ארבעט ער אין מעשעך פון צוויי־דרײַ יאָר אף דער בויִונג פונעם ערשטן מעטאלורגישן זאוואָד אין אוזבעקיסטאן. ער שאפט פיל גראווורן וועגן דער בויִונג. אומקערנדיק זיך קיין מאָסקווע, האָט בראָנשטיין געפרוּווט זײַנע קויכעס אין פייזאזש. עס באווײַזט זיך א גרויסע צאָל בילדער, אקווארעלן, פארביקע לינאָגראווורן, וועלכע באזינגען דעם אונטערמאָסקווער פייזאזש. א באזונדער אָרט אין זײַן שאפן פארנעמט די סעריע בילדער „גאָרקי־לענינסקיִע״, ווו וו. אי. לענין האָט פארבראכט זײַנע לעצטע יאָרן פון לעבן.

אזא איז אין קורצן דער שפעטערישער וועג פונעם קינסטלער שײַע בראָנשטיין.

מיט א יאָר צוריק בין איך געווען אף בראָנשטיינס אן אויסשטעלונג, ווו איך האָב צום ערשטן מאָל געזען זײַנע ארבעטן פון פארשיידענע זשאנרען. מײַן אויפמערקזאמקײַט האָבן צוגעצויגן די פילצאָליקע פאָרטרעטן פון ארבעטער, קאָלווירטלער — מענטשן פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן, — בילדער, אויסגעפילטע אין א שטרענגער, שפאָרזאמער מאניר, אין וועלכער עס שפירט זיך דאָס שארפע אויג פונעם קינסטלער. ס׳וואָלט זיך אָבער אויך געוואָלט זען אינעם קינסטלערס טעכניק א מער פרײַערן שטריך, א מער עקספרעסיווע אויספורעמונג.

אויסדריקלעך און ליריש איז שײַע בראָנשטיין אין זײַנע פייזאזשן, וועלכע עפענען פאר אונדז א נײַע וועלט. דער מאָלער איז דאָ ניט געצאמט. ער בויט די קאָמפאָזיציע פונעם בילד אזוי, עס זאָל, ווען ס׳איז נייטיק, אמבוילעטסטן אויסדריקן אמאָל די גראנדיִעזקײַט, אָדער אמאָל פארקערט — די אינטימקײַט.

שײַע בראָנשטיינס בילדער זײַנען זאפטיקע, לעבנספולע, און דערמיט פארשאפן זיי אונדז עסטעטישן גענוס.

וו. לעוויק.

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל

יאַקאָוו בריק

מעטשניקאָוס א מיטצײַטלער

א גערамער קאבינעט. די ווענט — ענג ארומגעשטעלט מיט ביכער־שראנקען. א גרויסער שרײַבטיש. לאנגזאם, אָנשפּארנדיק זיך אַף א שטעקל, דרייט זיך אום לעבן די ביכער־שראנקען א גראָוער קליינוווקסיקער מענטש. דאָס איז דער וועלט־באוווסטער געלערנטער באָריס איליטש קליין. ער נעמט ארויס, קימאט ניט קוקנדיק, דעם נייטיקן בוך, בלעטערט אים דורך און שטעלט אים זאָרגזאם צוריק אַף אן אָרט. נאָכדעם זעצט זיך קליין אוועק אין דעם אלטמאָדישן לעדערנעם פאָטעל און זאָגט צו זיך שמייכלענדיק:

— נו, אָט האָב איך זיך בארעטן מיט מײַנע פרײַנט.

נאָר אויב אין דער מערהײַט ביכער, וואָס שטייען אין די שאפעס, איז צונויפגעזאמלט די כאָכמע פון דער פארגאנגענהײַט, איז אין די מאָנאָגראפיעס, דיסערטאציעס, אָנצאָליקע בריוו, פרישע נומערן פון די זשורנאלן, וועלכע ליגן באם געלערנטן אפן טיש, צונויפגעזאמלט די כאָכמע פון דעם הײַנטיקן טאָג אינעם ברייטן און פולן זינען פון וואָרט.

מיטן זעלבן שטעקל זײַנעם, ניט אופהייבנדיק זיך פון פאָטעל, שארט דער געלערנטער נעענטער צו צו זיך אפן טיש א בוך.

ער היט שפּאָרזאם אָפּ די קויכעס.

לויט די נײַסטע מעדיצינישע קלאסיפיקאציעס רעכנט זיך פאר אן אלטן מאן דער, וועמען ס'איז געוואָרן 75 יאָר. בא אזא עלטער נעמט מען, פארשטייט זיך, פיל זאכן טיפער אוף; פון דער דאָזיקער הייך זעט מען פיל ווײַטער... אָבער די יאָרן גיבן פּאָרט זיך צו פילן. ס'זײַנען שוין ניט די פיזישע און אינטעלעקטועלע קויכעס, וואָס בא א יִנגערן.

נו, און אויב דער מענטש איז אלט 98 יאָר?

איך שמועס מיטן אכט־און־נײַנציקיאָריקן געלערנטן מיקראָבּיִאָלאָג, מיטן פּראָפעסאָר באָריס איליטש קליינען — דעם שילער, פרײַנט און הייסן פארערער פון דעם גענִיאַלן איליא מעטשניקאָוון, — און מיך נעמט דורך א געפיל פון טיפער אכטונג צו דעם דאָזיקן מענטשן, איבער וועמען די צײַט האָט, דוכט זיך, קיין שליטע ניט. ער איז נאָך אלץ פול מיט יוגנטלעכן ברען, און ווי אין דער יוגנט, איז ער אינגאנצן ארײַנגעטאָן אין דער וויסנשאפט, אין די פּראָבלעמען און אופגאבן, וועלכע די צײַט רוקט ארויס.

ס'איז מאמעש שווער איבערעכענען, וויפל מאָנאָגראפיעס פון אָנגעזעענע מיקראָבּיִאָלאָגן זײַנען געווידמעט קליינען. איך וועל בלויז אָנרופן אייניקע פון זיי: ג. א. מטשעדלישווילי, ק. ק. וואסיליעוו, יע. פ. פאפושקאָוו, ע. יו. גאלדא...

ווען איך האָב געשמועסט מיט קליינען, האָט מען געהאט געבראכט צו טראָגן א פרישן נומער פון דעם טשעכאָסלאָוואקישן זשורנאל „היגיִענע, עפּידעמיִאָלאָגיע און אימונאָלאָגיע". דאָס ארטיקל אין זשורנאל וועגן דער מיטארבעט פון די רוסישע דאָקטוירים מיטן אינסטיטוט אפן נאָמען פון קאָכן איז געווידמעט דעם „פאטריארך פון די מיקראָבּיִאָלאָגישע וויסנשאפטן, דעם טיפגעאכטן פּראָפעסאָר באָריס איליטש קליינען".

— באָריס איליטש, — רוף איך זיך צו אים אָן, — אײַך דארף מען באגריסן ניט בלויז ווי א פארדינסטפולן געלערנטן און ווי מעטשניקאָווס א מיטקעמפער, נאָר אויך ווי אזעלכן, וועלכער האָט באשטעטיקט מעטשניקאָווס גענִיאַלע טעאָריע וועגן פארלענגערן דאָס מענטשלעכע לעבן.

נאָך דער דאָזיקער באמערקונג מײַנער איז מיר שוין פיל לײַכטער בעטן קליינען, ער זאָל זיך טיילן מיט זײַנע זיכרוינעס וועגן מעטשניקאָוון.

באָריס איליטש האָט זיך א ווײַלע פארקלערט און זיך אָנגערופן:

— מיט איליא איליטש מעטשניקאָוון האָב איך זיך באגעגנט אין פאריזש, ווען איך האָב א געוויסע צײַט געארבעט אונטער זײַן דירעקטער אָנפירונג אינעם פאסטער־אינסטיטוט, און אין קיִעוו, וווּהין ער פלעגט פון צײַט צו צײַט קומען צו פאָרן.



באָריס איליטש קלײַן

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געזען אין 1894 יאָר. איך בין נאָך דאַן געווען א סטודענט פון קיִעווער אוניווערסיטעט.

די נײַס, אַז פון פּאַריזש קומט צו פאָרן דער גרויסער געלערנטער, איז בליצשנעל באַוווּסט געוואָרן אין שטאָט. דער נאָמען פונעם גרויסן נאָוואַטאָר פון דער וויסנשאַפט איז שוין דעמלט געווען ברייט באַקענט אין דער גאַנצער וועלט. איליא איליטש האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט און מיט זײַן מעכטיקן פּאָלעמישן טאַלאַנט צעקלאַפּט די אָפּגעלעבטע דאָגמעס אין דער וויסנשאַפט.

פאַר אונדז, דער סטודענטישער יוגנט, איז מעטשניקאָוו אין יענע וויטפאַרגאַנגענע יאָרן געווען א לעבעדיקע לעגענדע. און ניט בלויז דערמיט, וואָס ער איז נאָך אין דער יוגנט געווען שוין פון אַלעמען אנערקענט אלס א גרויסער געלערנטער. מיר האָבן אים מאַמעש בוכשטעבלעך פאַרגעטערט אויך פאַר זײַנע העלדישע טאַטן, פאַר זײַנע מעסירעסנעפעשדיקע עקספּערימענטן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט טויט־געפאַר פאַרן עקספּערימענטאַטאָר. דאָס האָט ער, מעטשניקאָוו, זיך געמאַכט א בלוט־אײַנשפּריצונג פון א טיפוס־קראַנקן מענטשן, אויספּרוּוונדיק אַף זיך מינכאַס' ריזיקאַלן עקספּערימענט, און איז דערבײַ שיִר ניט אומגעקומען. די סטודענטן פונעם אָדעסער אוניווערסיטעט האָבן טאָג און נאַכט דעזשורעט לעבן דער וווינונג פון זייער באַליבטן פּראָפעסאָר, מאַמענטאַל אויספּילנדיק די פאַראָרדענונגען און שליכעס פון די דאָקטוירים, וואָס האָבן אים געהיילט.

לויט אַן עסטאַפעטע פלעגן די סטודענטן איבערגעבן איבער דער שטאָט די ביולעטענען וועגן מעטשניקאָווס געזונט־צושטאַנד.

אַן ענלעכן עקספּערימענט מיט זיך האָט מעטשניקאָוו דורכגעמאַכט אין פראַנקרײַך, ווען אין ברעטאַן איז אויסגעבראָכן די כאָליערע־מאַגייפע: ער האָט אראָפּגעשלונגען די קולטור פון א לעבעדיקן כאָליעריע־וויבריאָן, קעדיי אויספּרוּוון אַף זיך קאָכס אנטדעקונג.

די מיטאַרבעטער פון דער עקספּעדיציע האָבן בעסאָד פון זייער לערער אויך דורכגעמאַכט אַף זיך דעם זעלבן עקספּערימענט. איינער פון זיי, זשיופּיל, איז פון דעם טאַקע קראַנק געוואָרן אַף דער אַזיאַטישער כאָליערע. צום גליק האָט מען אים אָפּגעראַטעוועט. ניט שווער זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר א טויט־געפאַר עס האָט געדראָעט איליא איליטשן.

דער דירעקטאָר פון פּאַסטער־אינסטיטוט עמיל רו האָט געזאָגט וועגן מעטשניקאָוון:

— איליא איליטש האָט געשלאָסן מיטן אינסטיטוט א רוסיש־פראַנצויזישן אָפּמאַך א סאַך פריִער פאַר דעם, ווי ער איז רײַף געוואָרן אין די מויכעס פון די דיפּלאָמאַטן.

אין דער 14־טער אאודיטאָריע פון קיִעווער אוניווערסיטעט, אין וועלכן ס'איז פאָרגעקומען די אויבנדערמאָנטע לעקציע וועגן קאַמף מיט דער כאָליערע, איז ניט געווען א נאָדל וווּ צו פאַלן. מיט גרויס וויסן און היסלײַוועס האָט מעטשניקאָוו גערעדט, וויאַזוי צו קעמפן מיט דער דאָזיקער געפערלעכער אַנשיקעניש אַף דער מענטשהײַט אין די באַדינגונגען פון רוסלאַנד.

נאָך דער לעקציע האָבן מיר אים געמאַכט א שטורמישע אָוואַציע, אים ארומגערינגלט און פאַרשאָטן מיט פראַגן, אַף וועלכע ער האָט מיט א באַזונדער ליבלעכער באַציִונג צו אונדז געענטפערט.

מיר האָבן געוווּסט וועגן אייניקע אויסערגעוויינלעכע געשעענישן פון זײַן פּערזענלעכן לעבן, וואָס האָבן אונדז אימפּאָנירט מיט זייער ראָמאַנטישקײַט און ניט געוויינלעכקײַט.

די סטודענטן, וועלכע זײַנען אריבער פונעם אָדעסער אוניווערסיטעט אין דעם קיִעווער, האָבן דערציילט, וויאַזוי איליא איליטש האָט בייס איינער זײַנער א לעקציע זיך פלוצעם צעקלאָגט און א וויינענדיקער ארויסגעלאָפן פון דער אאודיטאָריע. דאָס איז געווען אין א קורצער צײַט ארום, ווי ס'איז בא אים געשטאָרבן די פרוי ליודמילע וואַסיליעוונע.

בא זײַן קאַלע ליודמילע וואַסיליעוונע, וועלכע איז עטלעכע טעג פאַר דער כאַסענע קראַנק געוואָרן אַף אינפלוענציע, ווי מע האָט דעמלט גערופן די גריפּ־שלאַפקײַט, האָבן די דאָקטוירים אנטפּלעקט טשאַכאָטקע אין זייער א גע־

פערלעכער סטאַדיע. מעטשניקאָווס מוטער און דער קאַלעס פעטער, פּראָפעסאָר בעקעטאָוו, זײַנען געווען קאַטעגאָריש קעגן דער כאַסענע. נאָר איליאַ איליטש איז באַשטאַנען אויף זײַנס.

— אויב איך וועל זיך אָנטזאָגן כאַסענע האָבן פאַר איר, — האָט ער דערקלערט, — וועל איך דערמיט אײַנגאַנצן אָפּנעמען בײַ ליודמילען די האָפענונג ווערן געזונט.

אויף אַזאַ שריט האָט געקאָנט גיין בלויז אַ מענטש מיט אַ ריינער ליכטיקער נשמה.

שרעקלעך איז געווען דאָס בילד פון דער כאַסענע־צערעמאָניע. די קאַלע — געל, ווי וואַקס — איז געזעסן אין אַ וועגעלע. זי האָט ניט געקאָנט גיין. מעטשניקאָוו האָט זי נאָך דער כאַסענע אומגעפירט איבער די בעסטע קוראָרטן פון אייראָפּע. אינגיכן איז זי געשטאָרבן. איליאַ איליטש איז דעמלט אויך געווען נאָענט אַרויסצוהויכן פון זיך די נשמה.

— באַריס איליטש, — האָב איך זיך געווענדט צו קליינען, ווען ער האָט זיך אויף לאַנג פאַרטראַכט, — ווי אַזוי זײַט איר געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דעם פּאַסטער־אינסטיטוט?

— אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט האָבן די קיִעווער מעדיקער געהאַט געשטעלט פאַר זיך אַן אויפגאַבע — שאַפן אויף פילאַנטראָפּישע יעסוידעס אַ באַקטעריאָלאָגישן אינסטיטוט. ווען ס'איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן די נייטיקע סומע, האָט מען מיך דעלעגירט קיין פּאַריז אין פּאַסטער־אינסטיטוט, איך זאָל זיך דאָרט באַקענען מיט די נײַסטע היילונגס־מעטאָדן פון אינפעקציע־קראַנקייטן. געווען איז עס אין 1902 יאָר.

און אָט בין איך אין פּאַריז, אויף דער ליוטאַגאַס. מײַנע קיִעווער קאָלעגן האָבן מיר געראָטן, איך זאָל גלײַך פון וואָקזאַל גיין צו איליאַ איליטשן אַהיים. ער האָט געוווינט ניט ווײַט פונעם פּאַסטער־אינסטיטוט.

מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם קלינג איך אָן צו אים אין דער טיר. געעפנט האָט מיר מעטשניקאָווס פרוי — אָלגע ניקאָלײַעוונע. דאָס איז געווען אַ ליבער, ווונדערלעכער מענטש, אַ טאַלאַנטפולער בילדהויערין און מאָלערן. אירע בילדער האָט מען אָפט געקאָנט זען הענגען אויף די פּאַריזער אויסשטעלונגען.

מעטשניקאָוו איז ניט געווען אין דער היים.

— האָט ניט מוירע, גייט גלײַך צו אים אין דער קליניק. איר זײַט דאָך מיט אים באַקענט, — האָט שמייכלענדיק מיר געזאָגט אָלגע ניקאָלײַעוונע. — איליאַ איליטש פרייט זיך מיט יעדן געקומענעם פון רוסלאַנד. זײַן לאַבאָראַטאָריע אין אינסטיטוט רופן די פראַנצויזן שוין פון לאַנג אָן „רוסישע לאַבאָראַטאָריע".

און דאָס איז ווירקלעך געווען אַזוי. עס פלעגן קומען צו פאָרן צו מעטשניקאָוון קיין פּאַריזש

צענדליקער רוסישע וויסנשאַפטלעכע טוער. זײַן לאַבאָראַטאָריע האָט זיך פיל פאַרנומען מיט געפינען מיטלען אויף צו באַקעמפן די אינפעקציעס אין רוסלאַנד. אַ באַדײַטנדיקן שפּור אין דער וויסנשאַפט האָט איבערגעלאָזט די עקספּעדיציע אין די קאַלמיקער סטעפּעס, וועלכע עס האָט אָרגאַניזירט און מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט איליאַ איליטש פאַר זײַן באַזעצן זיך אין פּאַריזש.

מעטשניקאָוו האָט מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקײַט און הארציקײַט זיך באַצויגן צו מיר. גוטסקײַט און הארציקײַט, האָט געזאָגט בעטהאָווען, זײַנען די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון אַ גרויסן מענטשן. די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָט אין דער פולער מאָס פאַרמאָגט אונדזער לערער. איך וועל אײַך דורכלייענען אַ קליינעם אויסצוג פון דער באַגריסונג, וואָס דער דירעקטאָר פון פּאַסטער־אינסטיטוט עמיל רו האָט געשיקט מעטשניקאָוון צו זײַן זיבעציקיאָריקן געבוירנטאָג.

באַריס איליטש שאַרט צו צו זיך מיט זײַן שטעקל אַ פראַנצויזיש בוך און לייענט מיר פאָר:

„ווער פון אונדז האָט ניט גענאָסן פון אײַער גוטסקײַט? איך האָב אויך געהאַט דאָס גליקגעניסן פון דעם דאָזיקן קוואַל".

אײַנגעמאַסטעט זיך טיפער אינעם פאָטעל, האָט באַריס איליטש פאָרגעזעצט:

— קוקט זיך גוט צו צו דער געבײַדע פונעם קיִעווער באַקטעריאָלאָגישן אינסטיטוט און פאַרגלײַכט עס נאָכדעם מיט דער אָ פאָטאָגראַפיע פונעם פּאַסטער־אינסטיטוט אין פּאַריזש. ס'אַ פולקאָמע אידענטישקײַט. געשען איז עס אַדאַנק מעטשניקאָווס צייכענונגען און אייצעס. איך רייד שוין ניט דערפון, וואָס די פּראָגראַם פון דער וויסנשאַפטלעכער און פּראַקטישער אַרבעט פון קיִעווער באַקטעריאָלאָגישן אינסטיטוט האָט אָנגעמערקט אונדזער געניאַלער געלערנטער.

און דאָס, וואָס דער פּאַסטער־אינסטיטוט אין פּאַריזש פאַרמאָגט אַ ווונדערלעכע געבײַדע, אַ רײַכע אויסשטאַטונג, אַ מעכטיקע פינאַנציעלע באַזע, האָט ער עס אין אַ באַשטימטער מאָס צו פאַרדאַנקען מעטשניקאָוון.

אין שײַכעס דערמיט וויל איך אײַך דערציילן אַ טשיקאַווע געשיכטע: איליאַ איליטש און דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט עמיל רו האָבן באַקומען פאַר זייער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט וועלט־פּרעמיעס. איינע פון די פּרעמיעס פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט האָט אײַנגעשטעלט דער פענאָמענאַל רײַכער באַנקיר פון באַראָן אָסיפּ־אָזיריס. דערוויסנדיק זיך, אַז ביידע געלערנטע האָבן אויסגעגעבן דאָס באַקומענע געלט, אין וועלכן זיי האָבן זיך געניייטיקט, ניט אויף פערזענלעכע צוועקן, נאָר אײַנגעקויפט פאַר

דעם קאָסטבאַרע מאַלפּעס פאַר דער לאַבאָראַטאָריע, קעדיי דורכפירן וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן, איז דער באַנקיר געווען דערפון ביז גאָר דערשטוינט. ער האָט גלײַך אַרויסגערופן זײַן אַדוואָקאַט און אים פאַרגעלייגט אַרײַנטראָגן אַן ענדערונג אין זײַן, איפּיל־אַזיריס׳, צאַוואָע. אַ באַדײַטנדיקע סומע פון זײַן קאַפּיטאַל האָט ער אויסגעטיילט פאַרן אינסטיטוט.

מיך, אשטייגער, האָט דערשיטערט אַזאַ צופאַל. מעטשניקאָוו צוזאַמען מיט זײַן איבערגעגעבענעם פרײַנט עמיל רו האָבן פאַנאַנדערגעאַרבעט און מיט דערפאָלג אויסגעפּרוּווט אַף מאַלפּעס די פּראָפילאַקטישע מיטלען קעגן סיפיליס. צי איז אָבער דאָס דאָזיקע מיטל אויך גילטיק פאַר מענטשן? פּלוצעם האָט איליאַ איליטש זיך דערוווּסט, אַז זײַן יונגער מיטאַרבעטער מעזאָנעוו האָט, אויסבאַהאַלטנדיק עס פון אים, זיך געמאַכט אַן אַרײַנשפּריצונג פון סיפיליס און דערנאָך באַאַרבעט דאָס אָנגעשטעקטע אָרט מיט מעטשניקאָווס און רוס פּראָפילאַקטישן מיטל. (ס׳האָט זיך איבערגעכאַזערט די זעלבע געשיכטע, וואָס מיט זשיופעלן, וועלכער האָט בעסאָד פון זײַן לערער אויסגעפּרוּווט אַף זיך די קולטור פון אַ לעבעדיקן כאָליערע־וויברי׳אָן). די גאַנצע צײַט, וואָס עס האָט זיך געצויגן דער אינקובאַציע־פּערי׳אָד, ביזן מאָמענט, ווען אַן אויטאָריטעטע קאָמיסיע פון פּאַריזשער ווענעראָלאָגן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז מעזאָנעוו איז פולקום געזונט, האָט מעטשניקאָוו זיך קיין אָרט ניט געפונען. ער האָט ניט געגעסן, ניט געטרונקען, איז אַרומגעגאַנגען מיט געשוואָלענע פאַרוויינטע אויגן. דאָס גלויבן אין מעטשניקאָוון דעם מענטשן און געלערנטן איז בא זײַנע שילער און מיטאַרבעטער געווען אַזוי גרויס, אַז מעזאָנעווס קאַלע, דערוויסנדיק זיך וועגן איר כאָסנס העלדישן עקספּערימענט, האָט אַף קיין איין רעגע ניט פאַרלוירן די רו.

צווישן איליאַ מעטשניקאָווס נאָענטע און ווײַטע קרויווים טרעפן מיר פיל נאָבעלע און טאַלאַנטפולע מענטשן. זײַן אורפאָטער, דער מאָלדאַוואַנער ניקאָלײַ סאַפּפעריי מילעסקו איז געווען איינער פון די געבילדעטסטע מענטשן פון זײַן צײַט. ווי אַן אָנגעזעענער פּאָליגלאָט איז ער געווען אַן איבערזעצער באַם קייסער אַלעקסיי מיכײַלאָוויטש און פּיאָטער דעם ערשטנס אַ לערער. מילעסקו האָט פיל געשריבן וועגן סיביר, כינע. אַ שטיקל צײַט איז ער געווען רוסלאַנדס אַ דיפּלאָמאַטישער פאָרשטייער באַם באָגדיכאַן.

מעטשניקאָווס עלטערער ברודער לעוו איליטש איז געווען אַ רײַזנדער, אַ פּראָפעסאָר, געקענט פיל אייראָפּעי׳שע שפּראַכן און אויך יאַפּאַניש. ער האָט אָנגעפירט מיט דער רוסישער אָפּטיילונג פונעם טאָקיער אוניווערסיטעט. לעוו איליטש איז געווען נאָענט באַפרײַנדעט מיט באַקונינען, האָט אָנטיילגענומען אין גערצענס „קאָלאָקאָל״ („גלאָק״). אין איינער אַ שלאַכט, זײַענדיק גאַריבאַלדיס אַדיוטאַנט, איז ער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. געראַטעוועט האָט אים פון די אָנגרײַפנדיקע סאָנים אַלעקסאַנדער דיומאַ (דיומאַ דער פאָטער). מעטשניקאָווס פעטער מיכאַ׳יל נעוואַכאָוויטש (מעטשניקאָווס מוטער איז געווען די טאָכטער פונעם באַוווּסטן שקלאָווער מאַסקיל יעהודע־לייב נעוואַכאָוויטש) איז געווען אַ באַוווּסטער קינסטלער־קאַריקאַטוריסט, האָט אַרויסגעגעבן אין פּעטערבורג אַ פּאָפּולערן סאַטירישן זשורנאַל „יעראַלאַש״. בא אים אין הויז האָט מען אָפט געקאָנט זען זשוקאָווסקין, פּושקינען, קרילאָוון. מעטשניקאָווס עלטערער ברודער איוואַן איליטש איז געווען פּערזענלעך באַקענט מיט לעוו טאָלסטאָיען. ער האָט געדינט אַלס פּראָטאָטיפּ פאַר לעוו טאָלסטאָיס אומשטערבלעכער דערציילונג „דער טויט פון איוואַן איליטשן״.

ס׳האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מילכאָמע. די דײַטשישע אַרטילעריע האָט באַשאָסן דעם באַלאַגערטן פּאַריזש. פון די דײַטשישע סנאַריאַדן זײַנען אומגעקומען די באַלעכאַ׳ים, איבער וועלכע מע האָט דורכגעפירט עקספּערימענטן. קימאַט אַלע מיטאַרבעטער פונעם פּאַסטער־אינסטיטוט זײַנען געווען אין דער אַרמיי. נאָר דער אַלטער און קראַנקער געלערנטער האָט ניט פאַרלאָזט זײַן פּאָסטן. צוזאַמען מיט זײַן טרײַער לעבנס־באַגלייטערן אָלגע ניקאָלײַעוונען האָט ער אין די קאַלטע, ניט געהייצטע לאַבאָראַטאָריעס פאָרגעזעצט עקספּערימענטירן, פאָרויסזעענדיק, אַז די אינפעקציע־קרענק, וועלכע די מילכאָמע וועט אומבאַדינגט ברענגען מיט זיך, קאָן קאָסטן דער מענטשהײַט מיליאָנען קאָרבאָנעס.

— באָריס איליטש, — האָב איך זיך ווײַטער געווענדט צום פּראָפעסאָר, — פאַר די לייענער וואָלט געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט, איר זאָלט דערציילן וועגן אײַערע באַגעגענישן מיט מעטשניקאָוון אין קי׳עוו.

— נאָך דעם ווי איליאַ איליטש איז געווען געצוווּנגען פאַרלאָזן דעם אָדעסער אוניווערסיטעט, איז ער איבערגעפאָרן אין דאָרף פּאָפּאָווקע הינטער קי׳עוו, ווו ס׳האָט זיך געפונען די אימעניע פון זײַן פרוי. אפן געהאַלט, וואָס איז אים געקומען פונעם אָדעסער אוניווערסיטעט פאַר עטלעכע כאָדאָשים, האָט ער אויסגעבויט אין דאָרף אַ שול. וווינענדיק אין פּאָפּאָווקע, האָט ער געראַטעוועט די פּויערשע פעלדער פונעם שעדיקער קוזקי, אָנווענדנדיק צום ערשטן מאָל דעם מיקראָבי׳אָלאָגישן מעטאָד אין קאַמף קעגן די שעדיקער פון דער לאַנדווירטשאַפט.

אין 1911 יאָר, נאָכן פאַרענדיקן די וויסנשאַפט־

לעבע עקספּעדיציע אין קאלמיקיע, איז איליא איליטש צוזאמען מיט זײַן פרוי אָלגע ניקאָ־לײַעװנע געקומען קײן קיִעװ. די שטאָט האָט אים אײַנגעאָרדנט א טריִומפאלע באגעגעניש. דעם דאָקטער א. יורגעליונאס און מיך האָבן די מיטארבעטער פונעם באקטעריִאָלאָגישן אינ־סטיטוט באפולמעכטיקט באגריסן דעם גרויסן געלערנטן, דעם לאורעאט פון דער נאָבעל־פּרע־מיע, דעם אווטאָר פון פיל וויסנשאפטלעכע ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אין אלע ציי־ווילִיזירטע לענדער פון דער וועלט. באזונדערס באוווּסט איז געווען זײַן בוך „עטיודן פון אָפּטי־מיזם”.

בא אונדז איז אופגעקומען א געדאנק — עפנטלעך פײַערן דעם כּאָשעוון גאסט. מיטן דאָ־זיקן פאָרשלאָג האָט זיך צו אים געווענדט דער הויפּט פון דער קיִעווער שטאָטישער אדמיני־סטראציע, דער דאָקטער פ. בורטשאַק.

איליא איליטש האָט זיך אָנגעכמורעט און געענטפערט:

— איך האלט, אז דאָס איז ניט בלויז איבע־ריק, נאָר אויך שעדלעך. ס׳איז נאָך צו פרי פאר קאָמפּלימענטן. מיר האלטן ערשט באם אָנהייב וועג אין קאמף מיט די אָנשטעקנדיקע קרענק...

איליא איליטש האָט זיך באזעצט אַף קרעש־טשאטיק אין דעם „אייראָפּעיִשן האָטעל”. ער האָט אָפט באזוכט אונדזער באקטעריִאָלאָגישן אינסטיטוט, פיל געשמועסט מיט אונדז וועגן פארשיידענע וויסנשאפטלעכע פּראָבלעמען.

אַף די אָוונטיקע שפּאצירן האָט מען מעטשני־קאָוון שטענדיק געקאָנט זען אין דער ארומרינג־לונג פון דער אָנגעזעענער קיִעווער פּאָרגע־שריטענער אינטעליגענץ. ער האָט ליב געהאט פארברענגען אַפן וולאדימירער בערגל, פונוואַ־נען עס זעען זיך די בײַדניעפּרישע ווײַטן, זיך צוהערן צום געזאנג פונעם גלענצנדן סטודענ־טישן כאָר באם דענקמאָל פונעם פירשט וולאַ־דימיר. מעטשניקאָוו איז געווען ליסענקאָס, דעם באוווּסטן קאָמפּאָזיטאָרס, א נאָענטער כאווער נאָך פון די צײַטן, ווען זיי האָבן זיך ביידע געלערנט אין דער צווייטער כארקאָווער גימ־נאזיע. איליא איליטש איז אויך געווען רײַך באשאָנקען מיט מוזיקאלישן טאלאנט.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג פון צע־שיידן זיך מיטן ליבן און טײַערן גאסט. איך האָב זיך געהאט געפונען בא מעטשניקאָוון אין צימער פון האָטעל, ווען ס׳איז אהין ארײַנגעג־קומען אן אײַזנבאנלער און זיך געווענדט צו איליא איליטשן:

— פילגעאכטער פּראָפעסאָר. אין נאָמען פון דער קיִעווער געזעלשאפטלעכקײַט און פון דער פארוואלטונג פון דער דאָרעם־מײַרעווידיקער אײַזנבאן־מאגיסטראל בין איך באפולמעכטיקט אײַך מיטיילן, אז פאר אײַך און פאר אײַער פרוי איז אויסגעטיילט א באזונדער אומזיסטער וואגאָן ביז דער סאמע גרענעץ.

— מיט וואָס האָב איך פארדינט אזא קאָ־וועד? — האָט פארשעמט געפרעגט איליא איליטש.

— מיט אײַערע פארדינסטן פארן גליק פון דער מענטשהײַט, — האָט געענטפערט דער באשיידענער אײַזנבאנלער.

— מיט וואָס דערקלערט איר, פּראָפעסאָר, — האָב איך געפרעגט באָריס איליטש קליינען, — וואָס מעטשניקאָוו איז זיך אזוי לאנג פארזעסן אין אויסלאנד?

— דערויף האָט מעטשניקאָוו אליין געגעבן אן אויספירלעכן ענטפער אין זײַן באוווּסטן ארטיקל „פארוואָס האָב איך זיך באזעצט אין אויס־לאנד”.

בא איליא איליטשן איז געווען ניט בלויז א גרויסע צאָל פארערער און נאָכפאָלגער, נאָר אויך פארביסענע קעגנער, אזעלכע, וואָס האָבן געפירט קעגן אים און זײַן נאָוואטאָרישקײַט אין דער וויסנשאפט א העפטלעכן קאמף. נאָכן אטענ־טאט אַף אלעקסאנדער דעם צווייטן האָט די רעאקציע זיך נאָך מער פארשטארקט, באזונ־דערס בענוגייע די אוניווערסיטעטן. די רעאק־ציִאָנערע קריזעס האָבן ניט פארגעסן, אז צווישן מעטשניקאָווס באליבטע און נאָענטע סטודענטן איז געווען איינער פון די אָרגאניזאטאָרן פונעם אטענטאט אַפן קייסער, אנדריי זשעליאבאָוו. ניט פארגעסן, וויאזוי די סטודענטן האָבן ארויס־געטראָגן מעטשניקאָוון פון דער לאבאָראטאָריע אַף די הענט, אים ארײַנגעזעצט אין א פאעטאָן, אין וועלכן זיי האָבן זיך אליין אײַנגעשפּאנט, און מיט אָנגעצונדענע פאקלען אין די הענט דעמאָנסטראטיוו אומגעפירט זייער מוטיקן פרײַ־דענקערישן פּראָפעסאָר, וועלכן זיי האָבן מאָ־מעש פארגעטערט, איבער די אָדעסער גאסן.

די פּראָוואָקאציעס פון די רעאקציִאָנערע קרײַ־זעס פונעם נאָוואָראָסיִיסקער אוניווערסיטעט אין אָדעס בענוגייע דעם פרײַדענקערישן און מו־טיקן פּראָפעסאָר האָט געצווונגען מעטשניקאָוון אָנגעבן אין דעמיסיע.

פיל איז אים אויסגעקומען אויסצושטיין אין צוזאמענהאנג מיטן שאפן אין לאנד די ער־שטע פּאסטער־סטאנציע. גענוג צו זאָגן, אז די באקטעריִאָלאָגישע מאסמיטלען, וועלכע מע־טשניקאָוו האָט אָנגעווענדט אין קאמף קעגן סוסליקעס, האָבן ניט נאָר ארויסגערופן א גע־לעכטער אין דער רעאקציִאָנערער פּרעסע, נאָר די צארישע מאכט־אָרגאנען האָבן אים פאר־ווערט פאָרזעצן די דאָזיקע ארבעט. בלויז נאָכ־דעם ווי פּאסטער אליין האָט זיך ארײַנגעמישט, אָנווײַזנדיק, אז דער דאָזיקער מעטאָד איז לאָכ־לוטן אומשעדלעך פארן מענטשן, האָט מעטשני־קאָוו געקאָנט פאָרזעצן די ארבעט.

עמעס, איליא איליטשן האָט מען ניט איין מאָל געבעטן, ער זאָל זיך צוריקקערן אין לאַנד. וועגן דעם, צום בײַשפּיל, האָט אים זײַנערצײַט געשריבן אונדזער אקאַדעמיקער דאַנײַל קירילאָוויטש זאַבאָלאָטני. מעטשניקאָוו האָט דערויף געענטפערט, אַז קאָלזמאַן עס דויערן די רעדיפעס אַף די פּאָרגעשריטענע געלערנטע מיצאַד דעם דעמאָלטיקן בילדונגס־מיניסטער שוואַרץ, קאָן ער זיך ניט אומקערן. באַ אים זײַנען נאָך פריש אין זיקאָרן די ביטערע אָדעסער געשעענישן, וואָס האָבן אים געבראַכט דערצו, אַז ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט.

בייס איינער זײַנער אַ רײַזע איבער אייראָפּע האָט מעטשניקאָוו זיך געטראָפן מיט א. גערצענען. דער געשפּרעך, וועלכן ער האָט געהאַט מיט גערצענען, האָט אים געהאָלפן ענדגילטיק באַשטימען באַ זיך ווו זיך צו באַזעצן, פונוואַנען ער זאָל אמבעסטן קאָנען דינען זײַן הייס־געליבטן היימלאַנד. אין פּאַריזש האָט אים, פּונקט ווי גערצענען אין לאָנדאָן, קיינער ניט געשטערט. מעטשניקאָוו האָט ניט נאָר געהאָלפן שאַפן איינעם פון די צענטערס פון דער וועלט־וויסנשאַפט, דעם פּאַסטער־אינסטיטוט. ער האָט אויך געשאַפן אין אינסטיטוט דעם אזויגערופענעם „רוסישן אָפּטייל”, ווו ער האָט געגרייט און דערצויגן וויסנשאַפטלעכע קיכעס פאַר זײַן היימלאַנד. צוזאמען מיטן באַרימטן פּראָפעסאָר מאַקסים קאָוואַלעווסקין האָט ער געגרינדעט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, וואָס האָט עמיגרירט פונעם צאַרישן רוסלאַנד, דעם „פרײַען רוסישן אוניווערסיטעט”, אין וועלכן עס האָט געלייענט לעקציעס וועגן אגראַר־פראַגן וולאַדימיר איליטש לענין.

צווישן די צוהערער פונעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן אוניווערסיטעט טרעפן מיר דעם פלאַמיקן רעוואָלוציאָנער פיאָדער ארטיאָמען, וועלכער איז געווען אָן אָפטער גאַסט באַ מעטשניקאָוון אין דער היים.

דער „פרײַער רוסישער אוניווערסיטעט” האָט ארויסגערופן באַ דער צאַרישער רעגירונג גרויס צאָרן.

...אין 1924 יאָר בין איך ווידער געווען אין פּאַריזש. אין דער לאַבאָראַטאָריע, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט מעטשניקאָוו, וועמעס מיטאַרבעטער איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זײַן, האָב איך געטראָפן איליא איליטשס מאַסקע, וועלכע מע האָט פון אים אַראָפּגענומען נאָכן טויט, און אין דער ביבליאָטעק — דעם אָרן מיטן אַש פון דעם גענאַלן מענטשן.

אין 1934 יאָר איז געקומען קיין קיִעוו מעטשניקאָווס אלמאָנע אָלגע ניקאָלײַעוונע. מיר האָבן לאַנג געשמועסט וועגן דעם אומפאַרגעסלעכן איליא איליטשן, וועגן זײַן יערושע. אָלגע ניקאָלײַעוונע האָט זיך געפרייט, וואָס די זוימען פון וויסנשאַפט, וועלכע איר מאַן האָט פאַרזייט, זײַנען אזוי פרוכטבאַר אופגעגאַנגען אין לאַנד פון די סאָוועטן.

נאָך דער מילכאָמע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז בייס דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע פון פראַנקרײַך האָט אָלגע ניקאָלײַעוונע זיך עוואַקויִרט קיין מאָנפּעליע, ניט ווײַט פון טולאָן. אין 1943 יאָר איז זי דאָרט אָן איינזאַמע און קראַנקע געשטאָרבן אין שפּיטאָל.

צום גרויס באַדויערן זײַנען מעטשניקאָווס בריוו צו מיר, ווי אויך די בריוו פון זײַן פרוי, פאַרלוירן געגאַנגען בייס דער פאַטערלענדישער מילכאָמע.

— באָריס איליטש, אײַערע דערינערונגען וועגן גענאַלן געלערנטן און נאָבעלן מענטשן איליא איליטש מעטשניקאָוון שטעלן בעלי־סאָפּעק פאַר מיט זיך א באַדײַטנדיקן אינטערעס. פאַר די לייענער וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט, איר זאָלט דערציילן אויך וועגן זיך. נו, קאָטש אייניקע ביִאָגראַפישע יעדיעס...

— איך שטאַם פון סמאָרגאָן. דעמאָלט האָט עס געהערט צו ווילנער גובערניע. דער פאָטער מײַנער איז געווען א גערטנער, די מוטער א לערערין. צווישן די עלטערן איז אָנגעגאַנגען א מאכלויקעס. די מוטער האָט געוואָלט מיר געבן א וועלטלעכע בילדונג, נאָר דער פאָטער מײַנער — א פרומער אָרטאָדאָקסאַלער ייִד — איז באַשטאַנען אַף דעם, אַז איך זאָל גיין אין זײַנע דראָכים. פון אָנפאַנג האָט געזיגט דער טאַטע — איך בין אָנגעקומען אין יעשיווע.

אונדזער שטעטל איז געווען זייער א שיינס, אינגאַנצן אײַנגעטונקט אין גרינס. דאָס געזאַנג פון די פויגלען אין די סעדער האָט מיך מער פאַרכאַפּט ווי די פּילפּולים פון דער געמאָרע. סאָפּקאָלסאָף האָט דער מאמען מײַנער זיך אײַנגעגעבן מיך אָפּנעמען פון יעשיווע און אָפּשיקן צו דער מומען קיין קיִעוו, ווו איך בין אָנגעקומען אין גימנאַזיע. אָנהייבנדיק פון פינפטן קלאַס, האָב איך שוין אליין פאַרדינט אַף ברויט — געגעבן, ווי פיל אנדערע נויטבאַדערפטיקע גימנאַזיסטן, שטונדן. כ'האָב פאַרענדיקט צוויי פאַקולטעטן — דעם פיזיש־מאַטעמאַטישן און מעדיצינישן. מײַן וויסנשאַפטלעכע ארבעט „וועגן עלעקטרישן שטראָם אין געוויקסן”, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין א דײַטשישן זשורנאַל, האָט באַקומען וואַרעמע גינסטיקע אָפּרופן. מיט דער דאָזיקער ארבעט מײַנער האָט זיך באַזונדערס פאַרינטערעסירט דער באַוווּסטער אינדישער פיזיאָלאָג באָזע. דער פּראָפעסאָר פון קיִעווער אוניווערסיטעט א. בונגע האָט מיר פאָרגעלייגט בלײַבן ארבעטן באַ אים אַף דער קאַטעדרע, ווו כ'וועל קאָנען פאַרטיידיקן

דעם טיטל מאַגיסטער פון כימישע וויסנשאַפטן. נאָך איך האָב אויסגעקליבן אַן אַנדער געביט: מיך האָבן פאַרכאַפּט די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון אַזעלכע קאָריפייען, ווי קאַף, מעטשניקאָוו, זאַבאָלאָטני, כאַווקין, וועגן באַקטעריאָלאָגיע, אימוניטעט, אינפעקציע־קראַנק.

— איר זײַט, האָב איך געהערט זאָגן, מאַרק אַנטאָקאָלסקיס א קאָרעוו...

— יאָ, מיר זײַנען געווען קרובֿים. נאָר קיי מאָל אַלץ, וואָס איך ווייס וועגן אונדזער קאָרעוו, דעם באַרימטן סקולפּטאָר מאַרק אַנטאָקאָלסקי, האָב איך זיך דערוווּסט פון זײַן קיִעווער מומען.

וועגן דעם אָרעמען ווילנער באַכער מאָרדכע אַנטאָקאָלסקי זײַנען בא אונדז אין סמאָרגאָן אומגעגאַנגען לעגענדעס. מע האָט דערציילט, אַז דער קליינינקער מאָרדכעלע האָט אויסגעשניצט פון האָלץ א ווונדערלעך פיגורל און עס א וואָרף געטאָן אין א פאַרבײַפאָרנדיקער קאַרעטע, אין וועלכער ס׳איז געזעסן א יונגע, שיינע דאַמע. די דאַמע, ווי ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, איז געווען דעם גובערנאַטאָרס פרוי. דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט, קלוימערשט, באַשטימט מאָרדכעס גורל. אָט אַזאַ לעגענדע איז אומגעגאַנגען בא אונדז אין סמאָרגאָן.

אַנטאָקאָלסקיס מומע, וואָס האָט געוווינט אין קיִעוו, האָט מיר דערציילט פיל איינצלהײַטן וועגן איר פּלעמעניק. זי האָט מיר געגעבן לייענען זײַנע בריוו צו איר, די פּילצאָליקע אַרטיקלען וועגן אים אין דער פּרעסע. באַזונדערס האָט זי שטאָלצירט מיט טורגעניעווס אַרטיקל וועגן אַנטאָקאָלסקיס סקולפּטור „איוואַן דער גרוי זאַמער", אין וועלכן דער גרויסער רוסישער שרײַבער רופט אָן די דאָזיקע סקולפּטור גענ׳אַלע.

ס׳איז באַוווּסט וועגן דער גרויסער וואַרעמקײַט און פרײַנטשאַפט, וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן צו אַנטאָקאָלסקין דער קינסטלער רעפּין. וועגן אַנטאָקאָלסקין האָט מיט גרויס באַגײַסטערונג געשריבן וו. סטאַסאָוו. ווען דער קינסטלער איפּאָליט סעמיראַדסקי, דער פאַרשטייער פון קלאַסיציזם אין מאָלערײַ, איז בייס איינער א דיסקוסיע אַרויסגעטראָטן קעגן שילדערן אין דער קונסט געווײנלעכע דערשײַנונגען, האָט סטאַסאָוו אים געענטפערט: „פאַר מיר איז אַנטאָקאָלסקיס קליינינקע מיניאַטור „דער שנײַדער צילעוועט אַרײַן א פאָדעם אין נאָדל" פיל טײַערער ווי אַלע „אַנטיקלעך" פון די פאַרשימלטע אַקאַדעמישע קאַנאָנען".

דער אויסלענדישער פּעריאָד אין אַנטאָקאָלסקיס לעבן איז מיר פיל ווייניקער באַקאַנט.

— מיר וואָלטן אײַך געווען זייער דאַנקבאַר, באָריס איליטש, ווען איר טיילט זיך מיט אײַערע דערינערונגען וועגן יענע באַדײַטנדיקע געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכע איר זײַט געווען א לעבעדיקער איידעס.

— די היסטאָרישע געשעענישן, פון וועלכע איך בין געווען א לעבעדיקער איידעס, זײַנען שוין לאַנג באַלויכטן אין דער אַלגעמיינער, ספּעציעלער און מעמואַר־ליטעראַטור, אַזוי אַז איך האָב, אייגנטלעך, באַזונדערס ניט וואָס צו־צוגעבן, סײַדן דערציילן וועגן איינציקע אַנטיילנעמער פון די געשעענישן, מיט וועמען איך בין געווען נאָענט באַפרײַנדעט.

אין קיִעוו, אָף דער גרויס־זשיטאָמירער גאַס, האָט זיך געפונען די רעאַלע שול. דעם דירעקטאָרס פרוי האָט אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע צו דעם יוגנטלעכן קרײַזל, וואָס פלעגט אין די אָוונטן זיך פאַרזאַמלען אין גרויסן זאַל פון דער שול (די וווינונג פונעם דירעקטאָר האָט זיך געפונען בישכיינעס מיטן זאַל). דעם דירעקטאָרס פרוי האָט געוואָלט זיך דעראָבערן א נאָמען פון א פּאָרגעשריטענער קולטורעלער דאַמע. אָבער אַלץ, וועגן וואָס מע האָט אינעם יוגנטלעכן קרײַזל זיך אַזוי הייס געאַמפּערט, איז איר ניט אָנגעגאַנגען. און דאָס איז פאַר אונדז, פאַרשטייט זיך, געווען א געווינס, ווײַל ס׳א גרויסער סאַפּעק, צי וואָלט זי אונדז דערלויבט זיך פאַרזאַמלען אין זאַל אין שכיינעס מיט איר וווינונג, ווען זי דערוווּסט זיך, אַז דאָס קרײַזל פאַרנעמט זיך מיט שטודירן מאַרקסיזם, אַז עס ווערן דאָרט באַהאַנדלט אַזעלכע פראַגן, ווי די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס און פּויערטום, וועגן דעם סטאַטוס פון די הויכשולן און פיל אַנדערע אַקטועלע און אַנגעווייטעקטע פראַגן.

צווישן די אָנטיילנעמער פונעם קרײַזל האָבן זיך באַזונדערס אויסגעטיילט דער גימנאַזיסט פון דער ערשטער קיִעווער גימנאַזיע אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי, וואָס האָט לויט דער אָנווײַזונג פון דער פּאַרטיי געפירט אַן אומלעגאַלע אַרבעט אין די אַרבעטער־קרײַזלעך; יעווגעני טאַרלע; די אַרטיסטן סאַלאָווצעוו, דוואָן־טאָרצאָוו און פיל אַנדערע, וועלכע זײַנען דערנאָך געוואָרן באַוווּסטע רעוואָליוציאָנערן, געזעלשאַפטלעכע טוער, געלערנטע, אָנגעזעענע קינסטלער.

מיט יעווגעני טאַרלע, דעם צוקינפטיקן אַקאַדעמיקער, גלענצנדיקן היסטאָריקער, בין איך געווען באַפרײַנדעט מער ווי מיט עמעצן אַנדערש פון אונדזער קרײַזל. טאַרלע איז דעמלט געווען א סטודענט פון היסטאָריש־פילאָלאָגישן פאַקולטעט. זײַנע פאָרטראָגן און רעפעראַטן פלעגן אַלעמאָל אַרויסרופן בא אונדז א לעבעדיקן אינטערעס.

ווען יעווגעני טאַרלע האָט פאַרטיידיקט זײַן דיסערטאַציע „טאָמאַס מאָרס אוטאָפּיזם", איז די

גרויסע אאודיטאָריע פון אוניווערסיטעט געווען פול געפאקט. די רעאקציאָנערע פּראָפעסאָרן האָבן באשטימט ארויסגיין אין שלאכט קעגן דעם רעוואָליוציאָנער דעם דיסערטאנט. טארלעס באהויפּטונג, אז ניט געקוקט דערויף, וואָס מאָרס אָנשויונגען זייַנען טיילווייַז געווען באגרענעצט, דאָך האָט „אוטאָפּיע" אָפּגעשפּילט א באדייַטנדיקע ראָל אין דער ווייַטערדיקער אנטוויקלונג פון די סאָציאַליסטישע אידייען, ווי אויך טארלעס באהויפּטונג, אז טאָמאזאָ קאמפּאנעלא האָט אין זייַן בוך „די שטאָט פון דער צוקונפט", ווו ער מאָלט א געזעלשאפט, וואָס איז פרייַ פון פּריוואט־אייגנטום און סאָציאַלער ניט־גלייַכהייַט, געמאכט אין פארגלייַך מיט טאָמאס מאָרן א שריט פאָרויס, — האָבן ארויסגערופן אין דער אאודיטאָריע מאמעש א שטורעם.

ביז טיף אין דער נאכט האָט געדויערט די שלאכט צווישן טארלען און די רעאקציאָנערע פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן געוואָלט קאָמפּראָמעטירן זייַן דיסערטאציע, דערקלערנדיק, אז דאָס איז ניט קיין וויסנשאפטלעכע ארבעט, נאָר א טענדענציעזער פּראָפּאגאנדיסטישער מאטעריאל.

געזיגט אָבער האָט יעווגעני טארלע, וועמען עס האָבן אונטערגעהאלטן די לינקע פאָרגעשריטענע פּראָפעסאָרן.

— אנטשולדיקט מיר, באָריס איליטש, וואָס איך באומרויִק אייַך אזוי מיט מייַנע פראגן. אויב איך האָב אייַך נאָך ניט אינגאנצן פארמאטערט — איז דערציילט, ביטע, וועגן דעם בייליס־פּראָצעס, צו וועלכן, ווי מיר ווייסן, איר האָט געהאט א שייַכעס.

— קיין דירעקטע שייַכעס צום פּראָצעס האָב איך ניט געהאט. איך בין בלויז געווען אן עקספּערט.

ס'איז געקומען א טאָג, ווען ווערע טשעבעראק, וואָס האָט אָרגאניזירט דעם מאָרד פונעם צעניאָריקן ייִנגל אנדריושע יושטשינסקי, האָט זיך אינגאנצן פארפּלאָנטערט. זי האָט ארויסגעלאָזט פון זיך, אז דער אייִדעס פונעם כייִשן מאָרד איז געווען איר אייגן ייִנגל, וואָס האָט זיך געכאווערט מיט אנדריושען. ווערע טשעבעראק האָט שטרענג פארבאָטן דעם זון אירן ריידן וועגן דעם, זי האָט נאָכאנאנד אים געשראָקן און געדראָעט און מיט דעם אינגאנצן דעמאָראליזירט איר קינד. ווען דער אויספאָרשער איז געקומען צו ווערע טשעבעראק אהיים, קעדיי זיך דורכריידן מיט איר ייִנגל אויג־אף־אויג, איז ווערע געשטאנען הינטער דער עטוואָס אָפן געבליבענער טיר און די גאנצע צייַט געדראָעט מיטן פויסט צו איר זון, ער זאָל גאָרניט דערציילן. דאָס אָנגעשראָקענע ייִנגל האָט זיך צעוויינט.

פילנדיק, אז ניט הייַנט־מאָרגן וועט מען זי דעמאסקירן, האָט טשעבעראק אָפּגעסאמט איר ייִנגל, מעלדנדיק דערנאָך, אז ער איז קלויםערשט געווען קראנק אף דיזענטעריע. די דאָזיקע ווערסיע האָט ארויסגערופן א כשאד, און דער געריכט האָט זיך געווענדט אין דער לאָבאָראטאָריע פונעם פּראָפעסאָר וולאדימיר קאָנסטאנטינאָוויטש וויסאָקאָוויטש, אין וועלכער איך האָב דאן געארבעט, — פעסטצושטעלן די ווירקלעכע סיבעס פונעם ייִנגלס טויט. דעם לאָבאָראטאָרישן אנאליז האָב איך געמאכט.

די אנאליזן האָבן פעסטגעשטעלט, אז דאָס ייִנגל האָט מען אָפּגעסאמט. דאן האָט בייליסעס אדוואָקאט געפאָדערט צוציִען די פארברעכערן, וואָס האָט ביז אהער פיגורירט אפן געריכט בלויז ווי אן אייִדעס, צו פאראנטוואָרטלעכקייַט פאר דערמאָרדן אנדריי יושטשינסקין און איר אייגענעם זון.

דאָס איז אלץ, וואָס איך קאָן דערציילן וועגן מייַן אָנטייל אינעם טרויעריק בארימטן בייליס־פּראָצעס, וועלכן ס'האָט אָרגאניזירט די צארישע רעגירונג.

אין נאָמען פון די לייענער האָב איך הייס באדאנקט דעם אכט־און־נייַנציקיאָריקן פּראָפעסאָר, דעם „פּאטריִארך פון מיקראָביִאָלאָגישע וויסנשאפטן", מיטקעמפער פונעם גענִיאַלן מעטשניקאָוון — באָריס איליטש קליינען, פאר דעם ביז גאָר אינטערעסאנטן שמועס און אים צוגעווונטשן באגעגענען זייַן הונדערט־צוואנציקיאָריקן געבוירנטאָג פונקט אזוי מונטער, ווי איך האָב אים געטראָפן הייַנט בא זייַן ארבעטסטיש.

יוסף בורג

א זעלטענער מענטש

מיר איז באשערט געווען צו באגעגענען אים א היפּשע פּאָר צענדליק יאָרן צוריק אין איינעם א גרויען פארנעפּלטן טאָג, אין דער כאָרעוו געוואָרענער שטאָט סטאַלינגראַד.

איך בין געקומען אהער, ווען ווייַט אף מייַרעוו זייַנען נאָך אָנגעגאנגען הייסע שלאכטן. איבער דער שטאָט לענגויס דער וואָלגע איז געהאנגען א שווערער בלייַענער הימל און באַהאַלטן די אַזוי אויך קאַרגע הארבסטיקע זונשטראַלן. ס'האָט זיך אויסגעדאכט, ווי דער הימל וואָלט אומיסטן אזוי נידעריק זיך אראָפּגעלאָזט, קעדיי אויסבאהאלטן פון דער וועלט די גרויע פארייכערטע כורוועס, וואָס זייַנען געשטאנען צווישן אָנגעוואָרפענע בערג ליים און ציגל.

פונעם טייַך האָט געבלאָזן א פייַכטער האסטיקער ווינט, זיך געטראָגן דורך צעגראָבענע הויפן, דורך אויסגעברענטע טיר־און־פענצטער, פארטשעפּעט שטעכדראָטן, וועלכע האָבן ארומגעצוימט גאנצע שטאָכים ערד און ברעטלעך מיט שווארצע אופשריפטן, וואָס האָבן ניט אופגעהערט וואָרענען: „פאָרזיכטיק, מינעס!“. ווי אין אגנסט פארקרימטע, זייַנען אראָפּגעהאנגען באלקאָנען איבער געלעכערטע ווענט. א ליידיק קינדער־בעטל האָט פאריאָסעמט זיך געוויגט אונטער א צעשפּאָלטענער סטריכע, און דער ווינט האָט געזונגען איבער אים א טרויעריק וויגליד.

צו פריש זייַנען נאָך געווען די סימאָנים פונעם וויסטן מילכאָמע־געקלימפּער, צו פריש די ברודער־קוואָרים, וואָס האָבן זיך געבערגלט אינעם דאָזיקן לאַנדשאפט. אָפּגעבליאקעוועט גראָז האָט זיי באדעקט מיט א טונקל־גרינעם גלאנץ, אין וועלכן דער טאָג האָט זיך געשפּיגלט, ווי אין א שרעקלעכן שפּיגל.

נאָר אין דער הארבסטיקער לופט, א פארדעמפטע פון נאסער ערד און פארלעגערט אש, האָט געאָטעמט מיט יונגע שארפע רייכעס פון פריש־צעזעגטע סאָסנעס און טאָפּאָלן. פרויען אין אויסגעשטעפּטע וואטניקעס און שווערע קירזעווע שטיוול האָבן אָפּגערייניקט די גאסן פון ציגל־ברוך; בויער האָבן ארומגענומען די שטאָט מיט הילצערנע רישטעוואניעס.

אין א קליין קעלער־שטיבל בא מייַנעם א פרייַנט, א לעקטאָר פון ליטעראטור אין פעדאגאָגישן אינסטיטוט, וועלכער האָט פארביטן די קאטעדרע אף א בלינדאזש און צוזאמען מיט זייַנע שילער העלדיש פארטיידיקט די שטאָט, איז, ווי אין דרויסן, געווען קאלט און אומעטיק.

מיר זייַנען געזעסן ארום א בלעכן אייוועלע, געטרונקען טיי פון קאָנסערוון־באנקעס און געטרוימט וועגן דער צוקונפט.

מייַן פרייַנט, זייער א גוטער פאָרלייענער, האָט פלוצעם גענומען זאָגן אף אויסווייניק שאָלעם־אליייכעמען, ווי א גוטער ייִד זאָגט טהילים. ער האָט געלייענט מיט א סאך געשמאק און ווארעמקייַט. ס'האָט זיך געדאכט, ווי עפּעס א מין ליכטיקער שטראל וואָלט אריַין אין צימער. מיטאמאָל האָט ער איבערגעריסן אינמיטן לייענען און זיך געווענדט צו מיר:

— אגעוו, דאָ ווינט שאָלעם־אלייכעמס ערשטער איבערזעצער אין רוסיש — דאָקטער פּינוס!

די לעצטע קוילן אין בלעכענעם אייוועלע האָבן געהאלטן אין אויסברענען, דער טשייַניק האָט אופגעהערט זידן, און דערפון איז אין דומפּיקן קעלער־שטיבל געוואָרן גרוי און אומהיימלעך.

— כאַפּ זיך אריַין צו אים, א זעלטענער מענטש!

■

אין יענעם טאָג האָב איך צווישן כורוועס און קוואָרים, צווישן „ווארעמיאנקעס“, צונויפגעשלאָגענע פון ברעטער, אופגעזוכט דעם שטאָטישן געזונט־אָפּטייל, ווו עס האָט זיך צייַטווייַליק געפונען א קינדער־שפּיטאָל, אין וועלכן ס'האָט דעמלט געארבעט דער סטאלינגראדער קינדער־דאָקטער יולי יאָסיפאָוויטש פּינוס.

אין א ליכטיקן צימער מיט רעפּועס אין די אייַנגעגלאָזטע שאפעס האָט מיך באגעגנט א מיטלוווּקסיקער מאן. די האָר אף זייַן קאָפּ האָבן זיך קימאט מיט גאָרניט אונטערשיידט פון זייַן ווייַסן כאלאט.

— איך דארף צום דאָקטער פּינוס!

א ליבלעכער, גוטמוטיקער שמייכל האָט גערוט אף זייַן שטארק געעלטערט פּאָנעם, נאָר די טונקעלע אויגן זייַנען געווען יונג, קינדערש צארט.

— מיט וואָס קאָן איך דינען?

ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן ציל פון מייַן קומען, האָט זייַן פּאָנעם זיך פארענדערט,

געוואָרן גרוי, ווי דער טאָג אויף יענער זײַט פענצטער. פון די אויגן, וועלכע האָבן נאָרוואָס אַזוי ליכטיק יונג געפינקלט, האָט ארויסגעקוקט אַ פאַרנעפּלטער צאַר. די ליפּן זײַנע האָבן קוים זיך באַוועגט.

— שוין לאַנג איז עס געווען... זייער, זייער לאַנג...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער וויל וועגן דעם ניט ריידן. זײַנע אויגן האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט אין איין ריכטונג, און אַ לײַכטער ציטער האָט באַוועגט זײַן אונטער־שטע ליפּ. באַלד אָבער האָט ווידער אַ רויִקע געלאַסנקײַט זיך צעלייגט איבער זײַן פּאָנעם. ס׳איז געווען קענטיק, ווי אין זײַן אַלטן זיקאָרן סילען, ווי פּערל, זיך אויף זיכרוינעס פון אַ ווײַטער, קימאַט שוין פאַרגעסענער פאַרגאַנ־גענהײַט.

...אַ קנויף פון ווײַטע יאָרן, איבערגעלאָזטע ערגעצוווּ אינעם באַוווסטן ווײַסרוסישן שטע־טעלע שקלאָוו איניינעם מיט זײַן קינדהײַט, האָבן אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערוויקלען.

פּינוס האָט געקוקט אויף מיר מיט זײַנע מילדע אויגן און שטיל, ווי ער וואָלט אָפּגעריכט אַ טפילע, דערציילט:

— איך האָב געאַרבעט אַלס פעלדשער אין שקלאָוו און טאַקע דאָרט, אין שקלאָוו, צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט די שאַפונגען פון שאָלעם־עליכעמען. וויפל פרייד און וויפל טרערן האָבן מיר פאַרשאַפט זײַנע ווערק. מײַנע רוסישע קאָלעגן פלעגן מיך אָפט פרעגן, וואָס לייען איך עס אַזעלעכס, וואָס איך לאַך און וויין אַזוי. איך האָב זיי געפּרוּווט איבערגעבן אויף רוסיש דעם אינהאַלט פון שאָלעם־עליכעמס נאָוועלן, אַזוי ווי איך האָב זיי באַנומען... איך האָב באַמערקט, ווי מײַנע צוהערער ווערן פאַר־כאַפּט פון די אימפּראָוויזירטע איבערזעצונגען. מיר האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצוגעפינען אַדעק־וואַטע אויסדרוקן פאַר שאָלעם־עליכעמס אייגנ־אַרטיקער שפּראַך... איך האָב געגאַרט צו באַ־קענען דעם רוסישן לייענער מיט דער גרויס־קײַט פון שאָלעם־עליכעמס שאַפונג, פאַרוויר־קלעכן שאָלעם־עליכעמס באַגער „ארויסשווי־מען אין אָקעאַן פון דער רוסישער ליטעראַ־טור״...

ווען דער היסטאָריקער מאַרעק האָט מיר אַמאָל, אין די סטודענטישע יאָרן, אין מאָסקווע, אונטערגעזאָגט די אידיי — איבערזעצן שאָלעם־עליכעמען אויף רוסיש, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַר איר מיט גרויס פרייד... אַזויאַרום בין איך געוואָרן זײַן ערשטער איבערזעצער.

פּינוס האָט גערעדט מיט מיר רוסיש. זײַן רו־סישע שפּראַך איז געווען זאַפטיק, רײַך, קלינ־געוודיק. ער האָט אופגעעפנט אַ שופלאָד און פּאַרזיכטיק ארויסגעצויגן פון דאָרט אַ זאַרגזאַם אָפּגעהיט פּאַפּקעלע.

— דאָ ליגן קאָפּיעס פון אַ סאַך שאָלעם־עליכעמס בריוו צו מיר. די אָריגינאַלן האָב איך אָפּגעשיקט אין זיכערע הענט.

פּינוס האָט מיט ציטעריקע פינגער גענומען אויסלייגן פאַר מיר אַ בריוו נאָך אַ בריוו, די־נינקע, ווי קאַרטלעך, און פּולבלעכע, ווי העפטן. דער בריוו־אויסטויש צווישן איבערזעצער און אוטאָר איז אָנגעגאַן אַ לעבהאַפטער, אַ רעג־גלמעסיקער. צענדליקער און צענדליקער בריוו האָט פּינוס אָפּגעהיט אין זײַן פּאַפּקעלע, ווי אַ הייליקײַט.

— אָט איז גאָרקיס אַ בריוו, וואָס שאָלעם־עליכעם האָט מיר צוגעשיקט.

און פּינוס האָט אָנגעהויבן לייענען:

„אײַער בוך האָב איך באַקומען, איבערגע־לייענט, געלאַכט און געוויינט — אַ וווּנדערלעך בוך! די איבערזעצונג, דאַכט זיך, איז געמאַכט געלונגען און מיט אַ סאַך ליבע צום אוטאָר...״

אַ צווייט בריוול:

„ס׳פילט מײַן האַרץ, אַז איר זײַט מײַן אײַ־בערזעצער. איך האָב ניט געהאַט קיין טאָעס. אײַער איבערזעצונג איז אויסגעצייכנט. אויס־געצייכנט דערפאַר, וואָס בעסער איבערזעצן פון יידיש קען מען ניט. איך נעם אײַך ארום און קוש אײַך ברידערלעך...״

בייס פּינוס האָט געלייענט, האָבן געפינקלט זײַנע אויגן, זײַן קאָל האָט געציטערט.

לײדער געדענק איך מער ניט דעם אינהאַלט פון נאָך בריוו צו פּינוסן. די צײַט האָט אַ סאַך אויסגעמעקט פון מײַן זיקאָרן, און דאָס פאַר־צייכנטע איז אויך ערגעצוווּ פאַרפאַלן געוואָרן. איך דערמאָן זיך נאָר, ווי פּינוס האָט אויסגע־רופן:

— דער טאָג, ווען איך האָב באַקומען דעם ערשטן באַנד פון דער רוסישער איבערזעצונג „דעטי טשערטי״ („קינדער פון טכום״), איז געווען איינער פון די פריידיקסטע טעג אין מײַן לעבן!

אויף זײַן פּאָנעם איז געלעגן אַ לײַכטער שאָטן, ווי אַ שטילע בענקשאַפט.

— שוין לאַנג וווינט איר דאָ?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און שטאָלץ געענטפערט:

— אָ! איך בין אַן אַלטער טוישעוו. כ׳ווין דאָ פונעם דרײַצנטן יאָר. געקומען אהער באַלד נאָכן פאַרענדיקן דעם מעדיצינישן אינסטיטוט. אין דעם זעלבן דרײַצנטן יאָר, ווען פּינוס האָט זיך באַזעצט אין וואָלגאָגראַד (דעמלט האָט עס געהייסן צאַריצין), איז אין פאַרלאַג „סאָוו־רעמעניִע פּראָבלעמי״ דערשינען די ערשטע אַכט בענדער פון שאָלעם־עליכעמס ווערק אין פּינוסעס איבערזעצונג.

— מער האָב איך זיך ניט פאַרנומען מיט ליטעראַטור, — האָט ער, ווי מיט באַדויערונג, זיך פאַרענטפערט, — צופיל קראַנקע האָבן באַדאַרפט מײַן הילף, מײַן צײַט... יאָרן זײַנען געווען שווערע... מילכאָמעס, רעציכעס, בירגערקריג — און אָן א שיר קראַנקע, היימלאָזע קינדער...

מיר איז עטלעכע מאָל דורך א געדאַנק: בעטן אים רעדן אף ייִדיש. ער האָט, ווײַזט אויס, אפּאָנעם, דערפילט מײַן באַגער.

— איר זײַט מיסטאמע נײַגעריק הערן, ווי־אזוי רעדט עס שאָלעם־אַלייכעמס געוועזענער איבערזעצער אף ייִדיש?.. — דאָס וואָרט „געוועזענער” האָט ער באַזונדערס אקצענטירט און, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן — לײַדנשאַפטלעך, — כ׳האָב שוין אָבער זייער, זייער לאַנג קיין ייִדיש ניט גערעדט.

ער האָט אָנגעהויבן אף א געמישטן ווײַסרוסיש־אוקראַיִנישן דיאַלעקט, ערטערווײַז געגומען צוהילף רוסישע ווערטער, נאָר וואָס ווײַטער, אַלץ ריינער, פאַרביקער איז געוואָרן זײַן ייִדיש, גלײַך אינעם ווײַסן שפּיטאָל־צימער איז געקומען צוגאַסט זײַן אַלטע היים, דאָס ווײַטע ייִדישע שטעטל — שקלאָוו.

— אפילע א קינדער־דאָקטער בין איך געוואָרן אַדאַנק שאָלעם־אַלייכעמען. ער, דער שרײַבער, האָט געפונען דעם אידעאַל פונעם מענטשן אינעם קינד, אין זײַן ריינער, פונעם שווערן לעבן נאָך ניט פאַרדאָרבענער נעשאָמע... איך האָב אויך געפונען מײַן אידעאַל אינעם קינד, אינעם לויטערן קינדערשן שמייכל.

און ער האָט אף אויסווייניק געבראַכט א שטעלע פון א בריוו, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אמאָל געשריבן צו אים:

— „צי איז אײַך באַוווּסט, אַז דאָס לעבן פון קינדער איז אינטערעסאַנטער פון יעדן אַנדערן לעבן?” — איך בין נאָך דעמלט געווען א סטודענט.

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אף דער שוועל האָט זיך באַוויזן א מעדיצין־שוועסטער, נאָך זייער א יונגע, ווי א יונגע בעריאָזקע. איר אָפּגעברענט געזיכט, אינגאַנצן נאָך א קינדיש, איז געווען ערנסט. דערזען, אַז פּינוס איז פאַרנומען, האָט זי מיט א פאַרלוירענעם שמייכל זיך צוריקגעצויגן.

— יאַ ניטשעוואָ... יאַ פּאָזשע!

— ס׳א מיידל פון די שכײנישע קאַזאַקישע סטאַניצעס, — האָט פּינוס אָנגעוויזן אף דער צוגעמאַכטער טיר. — צענדליקער פאַרוווּנדעטע האָט זי אונטערן סוינעס פײַער אַרויסגעטראָגן, קינדער געראַטעוועט... און זי איז נאָך אַליין, ווי איר זעט, אינגאַנצן א קינד... קוים זיבעצן יאָר אַלט...

כ׳האָב זיך דערמאָנט אינעם ליידיקן בעטל צווישן כאָרעווע ווענט און מיט א געפיל פון דאַנקבאַרקײַט געטראַכט: פּינוס איינײנעם מיט דער יונגיטשקער שוועסטער האָבן זיכער אָפּגעראַטעוועט דאָס קינד...

ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט פּינוסן, האָט אין דרויסן געגומען צופאַלן אָן אויסגעלײַטערטער בלויער פאַרנאַכט. פּינוס האָט פאַרהאַלטן מײַן האַנט אין זײַנער און עטלעכע מאָל זיך פאַרענטפערט:

— זײַט מויכל פאַר מײַן שלעכטן ייִדיש, אַזויפיל יאָרן ניט גערעדט!

אין הימל האָבן איינציקווײַז זיך באַוויזן שטערן. פון יענער זײַט וואָלגע האָט זיך געראָטלט א געוועלבטער האָריזאָנט. פאַסן ליכט האָבן אַרומגעגאַרטלט וואָלקנס, ענלעכע אף דעכער פון ווײַטע בויונגען.

— קומט אין א פּאָר יאָר אַרום, וועט איר זען, וואָס פאַר א שטאָט דאָ וועט זײַן... נאָך שענער און רײַכער ווי פריִער, — האָט פּינוס, איבערגייענדיק אף רוסיש, צוגעגעבן.

מער האָב איך פּינוסן ניט געזען!

■

מיט א יאָר פופצן צוריק האָט מיך דער וועג ווידער געפירט צו אָט דער שטאָט, וואָס האָט לעגגויס דער וואָלגע אף מײַלן ווײַט צעשטעלט אירע פּרעכטיקע קוואַרטאַלן.

איבער אספאַלטירטע פּלעצער און בולוואַרן מיט פילפאַרביקע פאָנטאַנען, איבער ברייטע גאַסן, באַזוימטע מיט בלומען־גערטנער, האָט, ווי א זײַדן געוועב, זיך אויסגעשפּרייט א העלבלויער, דורכזיכטיקער הימל. די הויכע יון־זון האָט ווי אין גאָלד פאַרוועבט די פילשטאָקיקע הײַזער.

בא די ראָזלעכע מירמל־טרעפּ, וואָס פירן צום שטאָטישן האַפן, האָט פון דער געגנטלעכער צײַטונג א שניט געטאָן מיר אין די אויגן די ידיִע וועגן טויט פון דאָקטער פּינוס.

דער גוירל האָט אַזוי געוואָלט, אַז איך זאָל בײַזײַן אף זײַן לעווײַע.

זייער ווינציק מענטשן, וואָס האָבן אין יענעם זומערדיקן טאָג אַרויסבאַגלייט אין זײַן לעצטן וועג דעם פאַרדינסטפולן דאָקטער פון דער רעפּובליק יולי יאָסיפאָוויטש פּינוס, האָבן געוווּסט, אַז זיי ברענגען צו קוורע שאָלעם־אַלייכעמס ערשטן איבערזעצער, וועלכער האָט געפונען זײַן אייביקע רו אין דער העלדיש־לעגענדאַרער שטאָט וואָלגאָגראַד.

■ ■ ■

בלעטערנדיק זשורנאלן און צייטונגען

וועגן אן אינטערוויו אין דער טעל=אוויווער צײַטונג „לעצטע נײַס"

נאָך דעם, ווי דער שרײַבער עלי שעכטמאן איז אַרויסגעפאָרן פון סאָוועטנפאַרבאַנד קיין ייִסראָעל, האָבן מיר געהאַט וועגן אים, דורך דער טעל־אוויווער צײַטונג „לעצטע נײַס", צוויי גרוסן.

אין א שמועס מיטן קאָרעספאָנדענט פון דער צײַטונג יויסעף גאָלדקאָרן האָט ער אַרויסגעזאָגט פאַר דער עפנטלעכקײַט אייניקע „סוידעס" וועגן זײַן ראָמאַן „ערעוו", אין וועלכן (ווי מיר האָבן געוווּסט פון אים פריִער און, דעריקער, פונעם טעקסט פון די ערשטע פיר פאַרעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" טיילן) ער האָט פּאָרטראַכט צו שילדערן און ער האָט טאַקע געשילדערט די ערעוו־צײַט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר.

אין קעגנזאַץ צו דעם האָט ער אינעם שמועס מיט גאָלדקאָרנען „אַנטפּלעקט" אָט וואָס: „פּאַקטיש האָב איך זיך אין דאָזיקן ראָמאַן געשטעלט פאַר א ציל צו באַשרײַבן די טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק אין גאָלעס און דעם אופקום פון דער ייִדישער מעדינע. אין ערשטן פּאָרטראַכט האָט דער ראָמאַן געזאָלט הייסן „על נהרות בבל". אָבער איך האָב זיך אָפּגעגעבן א דין־וועכעזשבן, אַז מיטן דאָזיקן נאָמען האָב איך ניט קיין שאַנסן, אַז ער זאָל דערזען די ליכטיקע שײַן, האָט מיר מײַן פרוי אונטערגעזאָגט דעם נאָמען „ערעוו", דערפאַר האָט מען דאָס אָנגענומען אַלס ראָמאַן, וואָס דאַרף שילדערן די רעוואָליוציע פון 1905 יאָר".

דער צווייטער גרוס וועגן שעכטמאַנען איז געווען, אַז דער קאַסירער פון דער ייִדישער שרײַבער־גרופּע פון ייִסראָעל האָט אים איבערגעגעבן (און ער האָט גענומען!) א „דערמוטיקונגס־מאַטאָנע" — א טשעק אויף 1000 ייִסראָעל־ליר, וואָס עס מאַכט אויס אויף אונדזער געלט 178 רובל מיט 50 קאָפּעקעס.

וואָס איז שײַעך דעם ראָמאַן „ערעוו", איז אונדזער כויוו, אַלס מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אײַך צו אויפקלערן, הער עליאָהו שעכטמאַן, אַז ניט „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט איר אָפּגענאַרט, — זיך אַליין האָט איר געשטעלט צו שאַנד, אויסגעמעקט דאָס גאַנצע ביז־ייִסראָעלדיקע לעבן אײַערס.

וואָס זשע וועט איר איצטער טאָן אויף צו באַקומען בא די באַלעבאַטים די ווײַטערדיקע נעדאָווועס? אַרויסוואַרפן אויפן מיסט אײַערע פריִערדיקע ביכער „אויפן שיידוועג", „פאַרקערטע מעזשעס", „פּאָלעסיער וועלדער"? איבערניצעוועוען לויט א ציִעניסטישן פאַסאָן די ערשטע פיר טיילן פון „ערעוו"?

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. ווערגעליס, נאָטע לוריע, מ. לעוו,
כ. מאַלטינסקי, ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

„צאַר פון ייִדישע שרײַבער"

אין דער פּאַריזשער צײַטונג „אונדזער שטימע" האָט דער שרײַבער ב. שלעווין זיך לעצטנס אָפּגערופן צוויי מאָל וועגן „צאַר פון שרײַבער — נײַע אוילים" אין ייִסראָעל. ער מיינט דערמיט די ייִדישע שרײַבער, וועלכע קאָנען ניט פאָרזעצן אין ייִסראָעל זייער שאַפונג אין ייִדיש, ווײַל זיי קריגן דאָרט ניט די געהעריקע הילף און געפינען ניט אַפילע די מינדסטע פאַרשטענדעניש.

וועלן מיר דאָ ניט אַרײַנגיין איצט אין דער עצעם פראַגע און אויך ניט אין דעם אויפן, וויאַזוי שלעווין שטעלט זי אוועק. ס'איז קעדײַ אָבער זיך אָפּצושטעלן אויף צוויי איניאָנים, וואָס ער באַריִרט פאַרבײַגייענדיק.

דער ערשטער איניען איז נעגייע דעם „קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור", וואָס איז לעצטנס געשאַפן געוואָרן אין ייִסראָעל און ווו עס געפינט זיך צווישן אַנדערע, — ווי ס'איז געמאָלדן געוואָרן, — „דער דערפאַרענער קנעסעט־דעפּוטאַט ייִצכאָק קאָרן". אַזעלכע „דערפאַרענע", ווי ער, דאַרפן, הייסט עס, ברענגען די יעשועס.

דערציילט שלעווין בא דער געלעגנהײַט, אַז אָט דער ייִצכאָק קאָרן האָט גאָר, פאַרקערט, א האַנט אין „דערשטיקן דאָס ייִדישע וואָרט".

אָבער — גיט ער צו:

„איך וואָלט געקענט פיל דערציילן וועגן טרויעריקן מאַצעוו אונדזערן (אויך) אין ייִדישן פּאַריזש, ניט אָן דער ברוטאַלער האַשפּאָע פונעם אָנפירער פון דעם דערמאָנטן „קאָמיטעט" אין ייִסראָעל. דער זעלבער ייִצכאָק קאָרן האָט אויך אין פּאַריזש צוזאַמענגערופן לעצטנס אַזאַ „קאָמיטעט", און ער האָט די וויכטיקסטע ייִדישע שרײַבער, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, ווי אויפן אוילעם־האַטויהו, ניט פאַרבעטן. דערפאַר האָט ער, ניט אָן זײַטיקע קאַוואָנעס, פאַרבעטן אַזעלכע מענטשן, וואָס קיינער קען זיי ניט און זיי האָבן ניט קיין שום שײַכעס מיטן ייִדישן שעפערישן וואָרט".

דאָס מיינט, אָן סאָפעק, צו זאָגן, אַז די צילן פונעם „קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור" זײַנען גאַנץ אַנדערע, איידער די, וואָס וואָלטן געדאַרפט אַרויסדרינגען פון זײַן נאָמען. מיט אַנדערע ווערטער — אַז ניט אין שטיצן די ייִדישע קולטור און די שרײַבער גייט עס, נאָר אין אַקטיוויטעטן, וועלכע דאַרפן דינען פּאָליטישע צוועקן — ציִעניסטישע, פאַרשטייט זיך, — אָבער האָבן גאָרנישט ניט צו טאָן מיט ייִדישער קולטור און זײַנען אָפּט פונקט דער היפּעך דערפון.

און נאָך עפּעס שטרײַכט אונטער שלעווין, רעדנדיק וועגן דער ראָל פון ייִצכאָק קאָרן:

„דאָס איז, — זאָגט ער, — דער זעלבער ייִצכאָק קאָרן, זאָלט איר וויסן, וואָס אין זײַן האַנט ליגט די פּאַריזשער צײַטונג „אונדזער וואָרט", ווו ייִדישע שרײַבער ווערן ניט נאָר סקאַנדאַליעז איגנאָרירט, נאָר מאַמעש באַוווּסטזיניק דערשטיקט".

ב. שלעווין האָט, ווי באַוווּסט, אַליין א געוויסע צײַט מיטגעאַרבעט אין „אונדזער וואָרט". ער איז דאָרט זינט לאַנגע יאָר אויך א זעצער. ער קען, הייסט עס, די איניאָנים פון דער נאָענט און ווייסט וועגן וואָס ער רעדט.

איז דעריבער זײַן איידעס־זאָגן, — וואָס מע זאָל ניט טראַכטן וועגן זײַן אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, — כאַראַקטעריסטיש און פּילזאָגנדיק וועגן דער באַציִונג פון די אַזויגערופענע „נאַציאָנאַלע" ייִדישע קרײַזן צו דער ייִדישער קולטור און צו די ייִדישע שרײַבער — א באַציִונג, וואָס דרינגט אַרויס ניט פון זייערע באַדערפענישן, נאָר פון פּאָליטישע צוועקן.

ס. י.

(„נײַע פּרעסע", פּאַריזש)

פון דעם שרײַבערס נאָטיץ-ביכל

יִיסראַעל סערעבריאַני

וויזיט=קאַרטלעך

(עפּיזאָדן)

עס טרעפט, אַז באַם באַקענען זיך מיט אַ מענטשן בײַט מען זיך מיט וויזיט־קאַרטלעך. דאָס איז אַ גאַנץ אָנשטענדיקער און באַקוועמער מינהג. אַן אַנדערשמאָל באַנוגעַנען מיר זיך מיט אַ שעמעוודיקן און באַשײדענעם בורטשע אונטער דער נאָז: אַזאַ און אַזאַ נאָמען און פֿאָטערנאָמען. מע גיט נאָך דערבײַ צו: „זייער אָנגענעם“, אָדער עפּעס ענלעכס. פֿון דעם בלײַבן אָבער דאָסראָוו ביידע צדאָדים ניט־וויסנדיק, ווי מע רופֿט איינער דעם צווייטן, און באַ אַ נײַער באַגעגעניש פֿילט מען זיך שוין אַ ביסל ניט באַקוועם. נאָכאַמאָל איבערפֿרעגן פּאַסט עפּעס ניט, קומט אויס אָנצוּווענדן פֿאַרשיידענע דיפּלאָמאַטישע גענג. מיר, אַשטייגער, איז אויסגעקומען אָנצוּווענדן, און מיט דערפֿאָלג, אַזאַ מין גאַנג, און וועגן אים וויל איך דערציילן, קעדיי אַנדערע זאָלן זיך אויך קאָנען באַנוצן מיט דעם באַ ענלעכע פֿאַלן.

מײַן נײַער באַקאַנטער איז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון ליטעראַטור. ער אַרבעט אין איינער מאָסקווער הויכשולן, פֿאָרט אָפֿט אַרויס אין אַנדערע שטעט מיט פֿאָרטראָגן און לעקציעס און פֿון צײַט צו צײַט קיין אויסלאַנד, באַזונדערס אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

אין אָט, שפּאַצירנדיק מיט אים איינמאָל הינטער דער שטאָט, ווּ איך וווין און ווּ ער האָט אַ דאַטשע, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך ווייס ניט דײַטלעך זײַן פֿאַמיליע, זײַן נאָמען און פֿאָטערנאָמען. דאָס האָט מיר, פֿאַרשטייט זיך, געשטערט צו פֿירן דעם שמועס, ביז איך האָב ענדלעך, נאָך גרויסע קווענקלענישן און וואַקלונגען, אים געפֿרעגט:

— ווי ווענדן זיך צו אײַך די אויסלענדישע סטודענטן, ווען איר לייענט דאָרט פֿאַר זיי אײַערע לעקציעס?

דער פּראָפֿעסאָר האָט ניט געקענט מיך אין עפּעס כוישעד זײַן. ער האָט גראַדע געהאַלטן אין דערציילן מיר מיט ענטוזיִאַזם וועגן די צווישנבאַציִונגען צווישן די סטודענטן מיטן סאָוועטישן לעקטאָר, האָט ער מיר גלײַך „אַרויסגעלייגט אויפֿן טעלער“ עטלעכע וואַריִאַנטן פֿון זײַן פֿאַמיליע, נאָמען און פֿאָטערנאָמען, מיט די צוגאָב־טיטלען פּראָפֿעסאָר, לעקטאָר און אַנד. דאָס איז פֿאַר מיר געווען אַן עמעסע רעטונג. איצט האָב איך שוין אויך געהאַט אַ מעגלעכקײַט זיך אַקטיווער אײַנשליסן אין געשפּרעך, און איך האָב טאַקע גלײַך עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט זײַן נאָמען.

דער פּראָפֿעסאָר האָט עס אויפֿגענומען ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. נאָר פֿאַר מיר איז עס געווען מאַמעש אַן אַנטפּלעקונג.

אַזאַ מין קלייניקײַט, און דאָך, זעט איר...

ווען איך האָב, נאָך פֿאַר דער רעוואָליוציע, געאַרבעט אין אַ דרוקערײַ, וואָס האָט פֿאַרמאָגט בלויז איין קליינע מאַשין — אַן „אַמעריקאַנקע“, — איז די דאָזיקע אונטערנעמונג געווען מאַמעש פֿאַרוואַלגערט מיט באַשטעלונגען אויף וויזיט־קאַרטלעך פֿון פֿאַרשיידענע פֿירמעס, אַנשטאַלטן און פּריוואַטע פּערזאָנען. מיר איז אָפֿט אויסגעקומען אָפּפֿירן אָדער אָפּטראָגן די דאָזיקע פּראָדוקציע אירע באַשטעלער.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער פּאָשעטער אוילעם האָט זיך ניט געקענט דערלויבן אַזאַ לוקסוס. אייגנטלעך האָט ער עס ביכלאַל ניט געדאַרפֿט.

מישטיינסגעזאָגט, די באגעגענישן און באקאנטשאפטן זײַנען! דאָס זײַנען דאָך געווען מענטשן, וועלכע זײַנען זייער גאנץ לעבן ניט ארויסגעפאָרן מיכוץ זייער שטעטל אָדער דאָרף. אין מענדעלעס „מאסאָעס" אָדער שאָלעם־אלייכעמס „קאסרילעווקע" איז גאָרנישט ניט אויסגעטראכט. אזוי איז געווען ניט בלויז אין ייִדישן לעבן (נעמט גאָרקיס „אָקוראָוו"). איצט אָבער, ווען עס איז שטארק אויסגעוואקסן דער ווילשטאנד פונעם מענטשן און זײַנע קולטורעלע באדערפענישן, ווען עס קומען פאָר באגעגענישן צווישן פאָרשטייער פון פארשיידענע געזעלשאפטלעכע, וויסנשאפטלעכע, קולטורעלע, ספּאָרטיווע און אנדערע אינסטיטוציעס, איז א וויזיט־קארטל, מיין איך, אבסאָליוט נייטיק.

איז עפשער זאָלן מיר טאקע ווידער אופלעבן דעם דאָזיקן אלטן, אָבער ניט פארעלטערטן מינהעג?

א סאך אלטע מינהאָגים, ווי, אשטייגער: א יאָלקע פאר קינדער, כאסענעס מיט קידושן־פינגערלעך, געבורטסטעג אאוו. האָבן דאָך בא אונדז ווידער אופגעלעבט. עמעס, זיי טראָגן שוין איצט אן אנדער כאראקטער. ס'איז ניט נאָר אראָפּגעריסן פון זיי דער רעליגיִעזער שלייער און קלעריקאלע מאָנאָפּאָל, נאָר זיי טראָגן אויך אן אנטירעליגיִעזן כאראקטער. דאָס הייסט ניט, אז די דאָזיקע אופגעלעבטע מינהאָגים פארמאָגן אלעמאָל זייער „אורשפּרינגלעכן" קויעך. ניט שטענדיק זײַנען די פײַערלעכע, אפילע גראנדיִעזע און פּאָמפּעזע כאסענעס א גאראנטיע פאר א גוט לעבן. אין מײַנע צײַטן, אשטייגער, אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאכט, זײַנען אזוינע פּאָמפּעזע כאסענעס און קידושן־פינגערלעך געווען אָפּגעפרעגט, ווי „מעשטשאנסטווע" און אפילע שיר ניט „קאָנטררעוואָליוציע". און דאָך האָבן די „שטילע כאסענעס" ניט געשאדט צו א גוט לעבן אף לענגערע יאָר...

מײַנער א באקאנטער, לעמאָשל, האָט זיך אפילע ניט פארשריבן אין זאגס. ער האָט זיך דערעדט מיט זײַן באשערטער אף „נעמאָנעס". און ערשט אין א פאָר צענדליק יאָר ארום, ווען זיי האָבן צוליב עפּעס א נײַעם נאָכמילכאָמעדיקן געזעץ געמוזט זיך פארעגיסטרירן אין זאגס, האָט די פארוואלטערן פון דעם דאָזיקן אנשטאלט, שוין אן עלטערע פרוי, זיי מיט א שמייכל צוגעווונטשן לעבן אין אכדעס נאָכן פארשרײַבן זיך, ווי ביזן פארשרײַבן זיך...

נאָר, ווי זאָגט דער ליבער זיידע מענדעלע, ביט דאָס בין איך אויסן...

אנטקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד?

אָט אנטקעגן וואָס.

בא מיר האָט א לאנגע צײַט, ביז סאמע דער מילכאָמע, זיך געהאט פארהיט א וויזיט־קארטל פון אן אמעריקאנער פּאָליט־עמיגראנט. די פאמיליע זײַנע איז קאמינסקי, דעם נאָמען און פאָטערנאָמען שוין פארגעסן. לויט דער נאציאָנאליטעט — אן אוקראַיִנער. ער האָט געהערט צו דער גרויסער גרופּע פּאָליט־עמיגראנטן, וועלכע די דעמלטיקע אמעריקאנער רעגירונג האָט אין די יאָרן פון בירגערקריג ארויסגעשיקט פון לאנד צוליב זייערע רעוואָליוציאָנערע שטימונגען און סימפּאטיעס צו דעם אמאָליקן היימלאנד זייערן — רוסלאנד.

באגעגנט האָב איך זיך מיט אָט דעם קאמינסקי אין דער קיִעווער קורצטערמיניקער פּארטיי־שול, ווו איך מיט נאָך אייניקע אומפּארטיייִשע ארבעטער זײַנען געשיקט געוואָרן זיך לערנען לויט די רעקאָמענדאציעס פונעם פּראָפּפאריין. אז איך האָב זיך מיט אים באקענט, האָט ער מיר געשענקט זײַן וויזיט־קארטל.

פערזענלעך־אינטימע איניאָנים האָבן אונדז דאן ווייניק אינטערעסירט, אָדער ריכטיקער, ג אָ ר נ י ט אינטערעסירט. דעריקער איז געווען — וואָס פאר אן אָרט איטלעכער פון אונדז פארנעמט אָדער קלײַבט זיך פארנעמען אין דער רעוואָליוציע. איך האָב זיך בא קאמינסקין דערוווסט, אז ניט געקוקט אף זײַן גרויסער בענקעניש אהיים, כאָטש ער האָט פיל יאָרן אָפּגעלעבט אין אמעריקע, דאָך איז ער אפילע אין זײַן דאָרף ניט פארפאָרן. גלײַך פון וועג, מיט די אמעריקאנער טשעמאָדאנעס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין קיִעוו, אין דער פּארטיי־שול און זיך באלד אײַנגעשלאָסן אין דעם היגן פּאָליטישן לעבן, אקטיוו אָנטיילגענומען אין פארשיידענע דיסקוסיעס און אמפּערנישן צווישן די סטודענטן פון פּארטיי־שול, פון וועלכער א סאך (אויב ניט די מערהײַט) זײַנען געווען אומפּארטיייִשע.

קיין סאך קעגנשטאנדן זײַנען מיר ניט דורכגעגאנגען, בלויז אזוינע, וואָס שטימען מיט דער צײַט: געשיכטע פון סאָציִאליזם, פּאָליטעקאָנאָמיע, מיליטערישע לימודים און אייניקע אנדערע.

די סאמע אינטערעסאנטסטע דיסציפּלין איז געווען „די געשיכטע פון סאָציִאליזם", אָנהייבנדיק פון די ערשטע ענגלישע און פראנצויזישע סאָציִאליסטן־אוטאָפּיסטן (טאָמאס מאָר, ראָבערט אָוען, סען־סימאָן, פוריע און אנד.) און ענדיקנדיק מיט מארקסן, ענגעלסן, לענינען. עפשער דערפאר האָט זיך דער דאָזיקער קורס פארגעדענקט מער פון אנדערע, ווײַל געלייענט האָט אים א גלענצנדער לעקטאָר, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אן אקאדעמיקער, — וואָלגין.

דאָס איז געווען ניט גלאט אזוי א לעקציע, ווי מיר שטעלן זיך עס הײַנט פאָר. אָפּגעלייענט און שוין. ניין, סײַ בייס דעם לימוד און באזונדערס נאָך אים, האָט דער לעקטאָר געדארפט ענטפערן אף א ריי פראגן, וועלכע האָבן געמאטערט די דאָזיקע אויסטערלישע אאודיטאָריע,

פון וועלכער די מערהײַט צוהערער האָט זיך צום ערשטן מאָל באגעגנט מיט אזוינע נײַע באגריפן, ווי אוטאָפּישער סאָציִאליזם און קאָמוניזם. פון דער אנדערער זײַט, זײַנען דאָ געווען מענטשן מיט אן אייגענער שווערער לעבנס־דערפארונג, און דאָס אלץ, וואָס איז דערציילט געוואָרן, איז זיי געווען לײַבלעך

נאָענט, כאָטש דאָ האָט געהערשט אַ געוויסער מישמאַש פון אָנשוויונגען.

דער סטודענט קאַמינסקי, וועלכער האָט שוין גראָדע געזען אַ וועלט און פאַרזוכט פון אַלערליי אידיישע און סאָציאַלע באַוועגונגען, האָט נאָך ניט אויסגעלעבט אייניקע זײַנע אַנאַרכיסטישע אָנשוויונגען, פלעגט ער אָפּטער פון אַ סאַך אַנדערע דיסקוטירן וועגן דער צוקינפטיקער סאָציאַלער אָרדענונג. זייער גיך האָט אים פון דעם אויסגעצייכנטער לענינס ארבעט „מעלוכע און רעוואָלוציע". ער האָט מאַמעש געשלונגען לענינס אַרטיקלען, רעדעס און פאָרשונגען, וועלכע פלעגן דאַן אַרויס אין מאַסן־סעריעס אין אַ גרויסער צאָל.

אַגעוו, וועגן דער צוקינפטיקער סאָציאַלער אָרדענונג און וועגן די פּראַטים פונעם קומענדיקן שטייגער האָבן באַזונדערס אַ סאַך גערעדט די סטודענטקעס, יונגע מיידלעך, די מערהײַט — אָפּשטאַמיקע פון שטעטל און דאָרף.

— ווי וועט עס אַ מוטער אָפּגעבן איר קינד „אַף פרעמדע הענט" — אין יאַסליעס און אין קינדער־גערטנער? ניין! אַזאַ מין זאַך איז ניט מעגלעך! — האָבן געטײַנעט אייניקע פון זיי מיט פײַכט־פאַרלאָפענע אויגן.

צו אַט די אַלע אונדזערע דיסקוסיעס און שטרײַטן איז גאָר אײַנגיכן געקומען אַ סאָף. די פּילסודטשיקעס האָבן זיך געריסן קיין קיִעוו, און די פּילגעליטענע שטאָט האָט זיך ווידער געגרייט צו עוואַקואַציע.

אַפן לעצטן מיטינג פון דער שול איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די שול אין איר גאַנצן באַשטאַנד דאַרף ווי אַ באַזונדער מיליטערישער איינס פרײַוויליק אַרײַנטרעטן אין דער רויטער אַרמיי, קעדיי צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די פאַרביסענע קאַמפן קעגן דעם נײַעם סוינע.

קיינער האָט ניט געצווייפלט אין אונדזער ניצאָכן, נאָר דערווײַל איז די רויטע אַרמיי געווען געצוווּנגען פאַרלאָזן קיִעוו. געשען איז דאָס דעם ערשטן מײַ. אַלע האָבן געגלייבט, אַז ניט אַף לאַנג. דערפאַר איז די שטימונג אין שטאָט געווען ניט קיין געדריקטע. אַף די ווענט זײַנען געהאַנגען בונטע ערשטמייקע פּלאַקאַטן, און דער וועטער איז געווען אַן עכט־פרילינגדיקער.

שוין אַ פּאָר טעג, ווי אונדזערע סטודענטן און סטודענטקעס פון דער פּאַרטיי־שול, וועלכע זײַנען שפּעטער אָפּגעטראָטן צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי, האָבן זיך געפונען אין די לוצקער קאַזאַרמעס. קיין באַזונדער איינס, פאַרשטייט זיך, זײַנען מיר ניט געווען. מיר זײַנען געווען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע טיילן.

אַזוי זײַנען מיר אָנגעקומען קיין ניעזשין. דאָ האָבן זיך די רויטאַרמייִשע קאַזאַרמעס געפונען אין דער געבײַדע פונעם גאָגאָל־ליצײ, דאָס הייסט דאָרט, ווו גאָגאָל האָט זיך אַמאָל געלערנט. זייער אַ ראָמאַנטיש אָרט. דאָ זײַנען מיר געשטאַנען אַ געוויסע צײַט. נאָר פאַרן פראָנט זײַנען מיר נאָך ניט געווען גרייט. קאַמינסקין האָב איך שוין אײַנגאַנצן פאַרלוירן פון אויג. מעגלעך, ער איז שוין געווען אַפן פראָנט. אַ מענטש איז ער געווען אַ געזונטער, אַ ברייטפּלייציקער און אַ דערפאַרענער. ער האָט דעמלט געדאַרפט זײַן אַלט באַ די דרײַסיק יאָר.

אין ניעזשין זײַנען אָנגעקומען פרישע רעגולערע טיילן, דאַכט מיר, סיביריאַקעס, מיליטעריש גוט אויסגעשולטע און דיסציפּלינירטע. דאָס האָט זיך געפילט אין זייער יעדן טראָט. דאָ האָבן מיר צום ערשטן מאָל אויך באַגעגנט די לעגענדאַרע בודיאָנאָווצעס.

די שטימונג איז באַ אַלעמען געווען אַ געהייבענע און אַפילע פײַערלעכע.

אַהער זײַנען געקומען און אַרויסגעטראָטן פאַר די רויטאַרמייער מיכאיל איוואַנאָוויטש קאַלינין, פעליקס קאָן, דער גרויסער אוקראַיִנישער כאָר „דומקאַ", וועלכער איז איצט באַרימט ניט בלויז באַ אונדז אין לאַנד.

גאָר אײַנגיכן האָט מען די ווײַספּאָליאַקן פאַרטריבן פון קיִעוו, און דערנאָך, ווי באַוווּסט, זײַנען זיי אָפּגעטראָטן אַזוי שנעל, אַז אַ רײַ טיילן פון אונדזער 4־טער און 15־טער אַרמייען, באַזונדערס דער באַרימטער 3־טער קאַוואַלערישער קאָרפּוס פון גײַ דמיטריעוויטש גײַ, פאַרפּאָלגנדיק אָן אופהער די לויפנדיקע אָקופּאַנטן, האָבן זיך אָפּגעריסן פון די הויפּט־קויכעס פונעם מײַרעוו־פראָנט און זײַנען דערגאַנגען אַזש ביז צו מיזרעך־פּרײַסן! דאָ זײַנען זיי אינטערנירט געוואָרן פון דער דײַטשישער מאַכט.

דערמאָנט זיך די רעפּליקעס פון די דעמאָלטיקע וואַרשעווער קרעמער אין מאַרקישעס פּאָעמע „ברידער":

— וועלכער גײַ, וואָסער גײַ? גײַ שאַ, גײַ! גײַ שאַ, גײַ!

אין ניעזשין זײַנען מיר דורכגעגאַנגען אַ מין „מעדיצינישע" קאָמיסיע (אין וועלכער עס איז, אַגעוו, ניט אַרײַנגעגאַנגען קיין איין דאָקטער), קעדיי צו באַשטימען, וועמען פון אונדז קאָן מען שיקן גלײַך אַפן פראָנט. די דאָזיקע קאָמיסיע, אַף וויפל איך קאָן זיך איצט מעשאַער זײַן, האָט געדאַרפט לייזן צוויי גרונט־פראַגן: ערשטנס, צי טויג דער אָדער יענער פרײַוויליקער לויט זײַן געזונט־צושטאַנד פאַרן פראָנט; צווייטנס, צי איז ער מיליטעריש צוגעגרייט, צי קאָן ער פּאַשעט שיסן.

דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע האָט „אַפן אויג" באַשטימט, ווער עס טויג און ווער עס טויג ניט.

ווען עס איז געקומען מײַן רײ, האָט דער פאָרזיצער ניט געקענט באַשטימען גלײַך אַפן אָרט. פון איין זײַט, האָט ער קלאָר געזען, אַז מײַן רעכטע קני בייגט זיך ניט. ווען ער וואָלט געווען אַ דאָקטער, וואָלט ער געוווּסט פון אַזאַ מין קראַנקײַט, ווי אָנקילאָז, און די פראַגע וואָלט גלײַך געלייזט געוואָרן; פון דער אַנדערער זײַט, ווייסט ער אָבער, אַז איך בין אַהער געגאַנגען אין סטראָי מיט אַ ביקס אין האַנט אַזש פון סאַמע קיִעוו. דעריבער האָט ער מיר געהייסן זיך דורכגיין עטלעכע מאָל הין און

צוריק, און ערשט דערנאָך מיך געשיקט אַף אַן עמעסער מעדיצינישער קאָמיסיע קיין קאָנאָטאָפ. דערווײַל בין איך געווען פארעכנט אין פאָליט־אָפטייל פון דער 12־טער ארמיי.

אין קאָנאָטאָפ האָט די מעדיצינישע קאָמיסיע לאַנג ניט געטראַכט און באַשטימט, אַז „טויגן טויג איך, נאָר פאַר קיין סאָלדאַט טויג איך ניט”.

אַף וויפל איך האָב זיך געלערנט אין אַ פאַרטיי־שול, האָט די פאָליטפאַרוואַלטונג פון דער 12־טער אַרמיי מיך אָפגעקאָמאַנדירט קיין מאָסקווע, אין רעשוס פון „פור” (פאָליט־פאַרוואַלטונג פון דער רעפובליק), קעדיי פאָרזעצן די לערע — אַזוי איז געווען געשריבן אין מײַן קאָמאַנדירונג.

פון דער סטאַנציע באַכמאַטש, אַפן וועג קיין מאָסקווע, ווו מיר זײַנען געשטאַנען היפשע שאָען, זײַנען באַ מיר פאַרבליבן אין זיקאָרן אייניקע כאַראַקטעריסטישע פאַר יענער צײַט בילדער.

דער וואָקזאַל איז געווען אָנגעפראָפט מיט מענטשן, ס'איז מאַמעש ניט געווען אַ פוס ווו אוועקצושטעלן: סאָלדאַטן, מאַטראָסן, אַלטע לײַט, פרויען, קינדער, „מעשאָטשניקעס”, פויערים. אַ באַזונדער קאַטעגאָריע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די קריגסגעפאַנגענע, וואָס האָבן מאַסנווײַז זיך אומגעקערט פון דײַטשלאַנד. פון די געשפרעכן מיט די קריגסגעפאַנגענע איז קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי געאײַלט אַהיים. זיי האָבן מוירע געהאַט פאַרשפעטיקן באַם טיילן די פרישע ערד, וואָס די סאָוועטנמאַכט האָט צוגעזאָגט און טאַקע גלײַך דורכגעפירט אין לעבן. דערפאַר טאַקע, ניט געקוקט אַף די וועג־מאַטערנישן, איז די שטימונג באַ זיי געווען אַ געהויבענע.

אַן אינטערעסאַנטע סצענע האָט זיך אָפגעשפילט אַף דער פלאַטפאָרמע. פון איינעם פון די וואַגאָנעס פון אַ נאָרוואָס אָנגעקומענעם פאַסאַזשיר־צוג איז אַרויס אַ גרופע אַמעריקאַנער פאָליט־עמיגראַנטן. זיי האָבן געפירט מיט זיך שיינע גלאַנציקע געלע טשעמאָדאַנעס, און אָנגעטאָן זײַנען זיי געווען פאַר יענער צײַט מאַמעש ביגדיי־מאַלכעס. ווי נאָר זיי זײַנען אַראָפ אַף דער פלאַטפאָרמע, האָט זיי גלײַך אַרומגערינגלט אַ היפשער אוילעם, וועלכער האָט געקוקט אַף זיי מאַמעש ווי אַף אַ בייזווונדער. געווען איז עס זומער. די זון האָט געשײַנט אין איר גאַנצער פראַכט. די אַמעריקאַנער, פון וועלכע אַ גרויסער טייל האָט נאָך ניט פאַרגעסן די רוסישע אָדער אוקראַיִנישע מוטערשפראַכן, האָבן זיך צערעדט, זיך געוויצלט מיטן אוילעם. ס'איז אָבער געווען צו זען, אַז זיי האָבן זיך ניט געריכט אַף אַזאַ מין כורבן, אַף אַזאַ מין הוילעך.

דער פאַרזאַמלטער אוילעם איז געווען אָנגעטאָן ווער אין צעפליקטע שיך, ווער אין לאַפטיעס אַפילע.

דער שמועס איז דעריקער געגאַנגען אַרום דער וועלט־רעוואָליוציע. אַלע זײַנען געווען קימאַט זיכער, אַז אָט־אָט צעפלאַקערט זיך די געגאַרטע רעוואָליוציע אין אַלע קאַפיטאַליסטישע לענדער. אַ באַווײַז — די רעוואָליוציע אין דײַטשלאַנד, אין אונגאַרן, די קאָלאָסאַלע פאָליטישע שטרײַקן אין ענגלאַנד, פראַנקרײַך. אין אַמעריקע קאָכט אויך... אַ באַווײַז דערצו זײַנען זיי, די פאָליט־עמיגראַנטן טאַקע אַליין. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט זיי אַרויסגעשיקט, זיך דערשראָקן פאַר זייערע רעוואָליוציאָנערע שטימונגען.

מיטאַמאָל האָט צווישן דעם פאַרזאַמלטן אוילעם אַף דער פלאַטפאָרמע, וואָס האָט אַרומגערינגלט די פאָליט־עמיגראַנטן, זיך אָפגעזוכט אַ יאַטל, אָן אַ היטל, מיט העל־בלאָנדע צעשויבערטע האָר, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ קאָמסאָמאָליעץ, און האָט זיך צערעדט מיט די אַמעריקאַנער אַף... ענגליש!

דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַז אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און עס איז אַוועק אַ גאָר געהויבענער געשפרעך וועגן דער רעוואָליוציע, באָלשעוויקעס, לענינען. אַלע קלייניקייטן זײַנען ווי פאַרשווונדן מיטן קוק...

און די „קלייניקייטן” זײַנען געווען גאָר ניט קיין קלייניקייטן: אָט זיצן מיר דאָ אַף אַ האַלבכאָרעוון וואָקזאַל און וואַרטן אַף אַ צופעליקן באַן, פרוון אויסבײַטן עפעס אַף אַ שטיקל ברויט, דער באַן גופע איז דאָסראָוו באַשטאַנען פון טעפלושקעס און אָפענע פלאַטפאָרמעס, ווו פונעם רויך און פון די פונקען פונעם לאָקאָמאָטיוו פלעגן די בגאָדים ווערן שוואַרץ ווי קויל און פול מיט אויסגעברענטע לעכער. די איינציקע מײַלע, וואָס קיין בילעטן האָט מען אַף אַזאַ באַן ניט געדאַרפט, בלויז געזונטע עלנבויגנס און פלינקײַט. אייניקע פלעגן זיך אײַנאָרדענען אַף די דעכער פון די וואַגאָנעס, צוזאַמען מיט די „מעשאָטשניקעס” און מיט אַנדערע צופעליקע פאַסאַזשירן.

טאַקע אַף אַזאַ מין אויפן און מיט אַזאַ מין הוילעך — אין אַ שוואַרצן און גלאַנציקן סאָלדאַטישן העמד מיט אויסגעברענטע לעכער — בין איך אַראָפגעקומען קיין מאָסקווע, זיך געמאָלדן אין „פור” און פונדאַנען האָט מען מיך איבערגעשיקט אין צק רקפ(ב), ווו עס זײַנען געזעסן און געוואַרט אַף זייער גוירל נאָך אַ סאַך אַזעלכע, ווי איך. פאַרן אַוועקגיין אין דער אַרמיי אַלס פרײַוויליקע האָבן אַ סאַך פון אונדז אין דער פאַרטיי־שול אָנגעגעבן מעלדונגען וועגן אַרײַנטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אונדזערע מעלדונגען זײַנען גאָר גיך באַפרידיקט געוואָרן, און מיר האָבן באַקומען אַף די הענט די געהעריקע „ספראַווקעס” (קיין איינהײַטלעכער פאַרטיי־בילעט איז נאָך דאַן ניט געווען), אַז מיר זײַנען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

אין צק האָט מיך אופגענומען דער פאַרוואַלטער פונעם אָפטייל, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פאַנאַנדערטיילן די קאַדרען. זיך דערוווסט, אַז איך בין אַ זעצער, אַ מיטגליד פון פראָפאַריין פון די אַרבעטער פון דער פאָליגראַף־אינ־

דוסטריע, האָט ער מיך גלײַך אָפּגעקאָמאַנדירט אין רעשוס פון דער רויטער פראַקציע פון דער פאַרוואַלטונג פונעם דאָזיקן פּאַריין, וועלכער איז, ווי באַוווּסט, צו יענער צײַט נאָך געווען א „געלער", דאָס הייסט א מענשעוויסטישער. מע האָט מיר אויך אַרויסגעגעבן אַן אָרדער אויף צוויי פּאָר וועש, א ביליקן קאָסטיום, איך זאָל האָבן „א מער אָנשטענדיקן" אויסזען. א צימער האָט מען פאַר מיר געפונען זייער לײַכט, טאַקע אויף דער זעלבער טרובנע גאַס, ניט ווײַט פון דער פאַרוואַלטונג. די שטוב, א גרויסער מויער אויף דער אַנטקעגנדיקער זײַט גאַס, — איז געווען זייער ווייניק באַזעצט. צוליבן הונגער און קעלט האָבן א סאַך צימערן געפּוסטעוועט, קיין מעבל איז קימאַט ניט געווען. אין מײַן צימער, אויף א גאַנץ הויכן שטאָק, איז געשטאַנען א צעבראָכן אײַזערן בעטל, א טאַבורעטקע און אויך א טישל, מיט וועלכן מע האָט זיך געקענט באַנוצן, אָבער בלויז זייער פּאָרזיכטיק. דאָס פענצטער איז געווען אַזוי געדיכט פאַרשטויבט, אַז עס האָט קימאַט ניט דורכגעלאָזט קיין שײַן, כאָטש עס איז געווען סאַמע זומער.

אין דער פאַרוואַלטונג פון פּאַריין האָט מען מיר פאָרגעלייגט פאַרשיידענע קאַנצעליאַרישע אַרבעט, פון וועלכער איך האָב קיין אַנונג ניט געהאַט. איינער פון די מיטאַרבעטער פון אַפּאַראַט האָט זיך בא מיר נאָכגעפרעגט וועגן מײַן בילדונג, האָב איך אים געענטפערט: „מיטעלע", כאָטש וואָס איז אַזוינס מיטלבילדונג, האָב איך ניט געהאַט קיין אַנונג. מײַן דעמלטיקע דעפיניציע איז געווען געבויט אויף אייניקע היימישע האַשאָרעס: ייִדיש און העברעיִש קאָן איך, טאַנאַך מיט ראַשע און געמאָרע האָב איך געלערנט אין כיידער און אין דער יעשיווע, א ביסל רוסיש קאָן איך דאָך אויך. אָנרופן דאָס אַלץ „נידעריקע" בילדונג קאָן מען ניט. אויף „הויכער" בילדונג פּרעטענדיר איך ניט. בלײַבט איבער דער איינציקער אויסוועג — „מיטלבילדונג", דאָס הייסט ניט מיר, ניט דיר. אַזוי האָב איך טאַקע מיט עמעסער טמימעס געענטפערט דעם מיטאַרבעטער פון דער פאַרוואַלטונג.

איך האָב גאָר גיך פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז ניט מײַן אָרט, אַז אַרבעטן אין א קאַנצעליאַריע, שרײַבן פּאַפּירלעך, דערצו נאָך אין רוסיש, — איז געווען צו יענער צײַט איבער מײַנע קויכעס. אָבער פּאָליטיש האָב איך זיך געמוזט דאָ האַלטן. א שטיקל פּולע פון דעם איז געווען דאָס, וואָס איך האָב אָנטיילגענומען אין דער אָפּשטימונג פונעם גאַנצן פּאַריין וועגן ליקווידירן די געלע פאַרוואַלטונג.

צווישן די, וואָס האָבן געשטימט, איז אויך געווען נאָך גאָר א יונג יאַטל פון א יאָר פופצן אַן ערעך. אַז מע האָט בא אים געפרעגט פון פּרעזידיום, צי איז ער א קאָמסאָמאָליעץ, האָט ער מיט שטאָלץ געענטפערט:

— ניין, א מיטגליד פון פּאַרטיי!

נאָך דער ליקווידאַציע פון דער געלער פאַרוואַלטונג האָב איך אַליין געבעטן, מע זאָל מיך באַפרײַען פון דער שטעלע און אָפּשיקן צוריק אין רעשוס פון צק, קעדיי געפינען פאַר מיר א מער פּאַסיקע אַרבעט.

אויף וויפל ווײַסרוסלאַנד, מײַן היימלאַנד, האָט זיך דאַן נאָך וואָס באַפרײַט פון די ווײַספּוילישע אינטערווענטן, האָב איך געבעטן, מע זאָל מיך שיקן אַהין אויף אַרבעט. מײַן פאַרלאַנג איז אויסגעפילט געוואָרן, און מע האָט מיך אָפּגעקאָמאַנדירט אין רעטשיצע, האָמליער גובערניע. דערקלײַבן זיך אַהין איז געווען ניט גרינג. ביז האָמעל בין איך נאָך ווי־עס־איז דערפאָרן. פון האָמעל קיין רעטשיצע בין איך טיילווײַז געפאָרן, נאָר מער געגאַנגען צופוס. די בריקן איבערן טײַך דניעפּער זײַנען געווען אויפגעריסן. אין האָמליער גובקאָם האָב איך באַקומען די נייטיקע פּאַפּירן, וואָס רעקאָמענדירן מיך פאַרן רעטשיצער אוקאָם פון דער פּאַרטיי, אָבער אויפן וועג האָב איך פאַרלאָרן אַלע מײַנע דאָקומענטן, אַפילע דעם פּאַספּאָרט. און עפשער האָט מען זיי בא מיר אַרויסגעגאַנוועט? דער גאַנצער וועג פון האָמעל ביז רעטשיצע איז געווען פאַרפולט מיט אַלערליי מענטשן.

געקומען קיין רעטשיצע, בין איך אַרײַן אין אוקאָם און זיך געמאָלדן. אָנשטאָט דאָקומענטן, האָב איך אַלץ דערציילט מינדלעך. אַפּאָנעם, אַז איך האָב אַרויסגערופן צוטרוי. האָט מען מיר דערווײַל געגלייבט אויפן וואָרט, ביז מע וועט זיך ענדלעך פאַרבינדן מיטן האָמליער גובקאָם און באַקומען די נייטיקע באַשטעטיקונג. אַזוי בין איך געוואָרן אײַנגעשלאָסן אין דער היגער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מיך לעכאַטכילע געוואָלט מאַכן פאַר אַן אָרגאַניזאַטאָר פון א פּראָפּטעכשול, אָדער ווי מע האָט עס דעמלט גערופן „רעמעסלענאָיע אוטשילישטשע". דערנאָך האָט מען מיך אָפּגעשיקט אין רעשוס פונעם היגן אופּראָדקאָם, וואָס האָט צו טאָן מיט דער „פּראָדראַזווערסטקע".

דער אופּראָדקאָם האָט מיך פריִער אָפּגעשיקט אין ראַיאָן ווי א קאָנטראָליאָר איבער די דאָרטיקע מילן. אויפן וועג פון דער סטאַנציע קאַלינקאָוויטש צו זיך אין שטעטל האָב איך צופעליק באַגעגנט דעם היגן מילנער. אַז איך האָב אים דערציילט, צוליב וואָס איך בין אַהער געקומען, האָט ער דעם גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין „באַאַרבעטן" מיך, דערוויזן בעויסעס־אומאָפּסים, אַז פון דער דאַמף־מיל וועט ער בעדיל־האַדאַל... בעקיצער, איך האָב גלײַך דערפילט, מיט וועמען מיר וועט אויסקומען דאָ האָבן צו טאָן, אַז זיי וועלן .מיך זיכער וועלן אַרופּבריינגען אויפן פײַער...

דערווײַל האָט עמעצער אָנגעזאָגט מײַן מאַמען, אַז איך בין געקומען אַהיים. די מאַמע איז מיר אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן א באַגאָסענע מיט טרערן. צוזאַמען מיט א גרויסן אוילעם בין איך דערגאַנגען צו אונדזער שטוב און זיך דאָ געטראָפן מיט מײַנע ייִנגערע ברידערלעך (איצט איז שוין קיינער פון זיי ניטאָ אויף דער וועלט). אין שטוב איז געווען אַזאַ כורבן און אַזאַ אָרעמקײַט, אַז „אַפילע א בעהיימע וואָלט

זיך דאָ צערעוועט", ווי סע זאָגט זיך ערגעץ בא יעסענינען.

פאר דער מאמען און פאר אלע אונדזערע באָענטע בין איך געווען, ווי אן אראָפגעקומענער פון יענער־וועלט. און ס'איז ניט קיין וווּנדער. אף דעם הויף, ווו איך האָב געוווינט אין קיִעוו, זײַנען אומגעקומען אכט ייִדן, צווישן זיי עטלעכע יוגנטלעכע, בײַם א דעניקינישן פאָגראָם. ער איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן לויט אלע קלאָלים פון די „קלאסישע" צארישע פאָגראָמען. דרײַ טעג! אין די טעג איז די ייִדישע באפעלקערונג אינגאנצן געלאָזט געווען אף העפקער, אָפגעגעבן אין רעשוס פון די דעניקינישע סאָלדאטן און גלאט פאָגראָמשטשיקעס־כוליגאנעס. געארבעט האָב איך דאן אין איין עק שטאָט, אף קאראוואיעווסקע, 3, אין דער דרוקערײַ פון דער באווּסטער ייִדישער „קולטור־ליגע". מײַן וווינונג איז געווען אין דעם אנדערן עק שטאָט, אף פאָדאָל, אף „נאבערעזשנע", ווו עס איז געשטאנען דער דעניקינישער „פלאָט" (עטלעכע קאנאָנערקעס. אלע שיפן פונעם דניעפער האָבן די רויטע מאטראָסן באצײַטנס עוואקויִרט). דער פאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דעם, ווי א רויטארמייִשע טייל, די אזויגערופענע „אירפענער גרופע", האָט זיך ארײַנגעריסן אין קיִעוו און פארטריבן פון דאָרט די דעניקינצעס, אָבער אײַנהאלטן די שטאָט האָט זי ניט געקענט, און נאָך א טאָג־צוויי גאסןקאמפן איז די גרופע אומגעקומען.

דער ערשטער טאָג איז געווען קימאט א רויִקער. גייענדיק צו דער ארבעט פון פאָדאָל אף קאראווײַעווסקע, האָב איך אף קרעשטשאטיק, אפן דומע־פלאץ, באמערקט א יונגן ברייטפלייציקן מאטראָס מיט א געקרײַזטן קאָפ ווײַסע, פלאקסענע האָר, אין א צעשפיליעטן בושלאט. ער איז גאנץ רויִק געשטאנען אף די קני און גערייניקט א קוילנווארפער „מאקסים" און קיין שום אכט ניט געלייגט אף די צופעליקע פארבײַגייער.

אפן צווייטן טאָג איז שוין די לאגע געווען גאָר אן אנדערע. צוליב דער שיסערײַ אף די גאסן האָב איך זיך ניט געקענט דערקלײַבן אהיים פון דער ארבעט און זיך פארהאלטן אף קרעשטשאטיק.

אף מײַנע אויגן איז אומגעקומען איינער פון די לעצטע קעמפער. ער האָט געטראָגן א שטארק אויסגעריבענע לעדערנע קורטקע. איך האָב אים געזען נאָך א לעבעדיקן, מיט א גראנאטע אין האנט און מיט א ביקס אפן אקסל. ער איז דורכגעגאנגען פארבײַ דעם פארשפארטן טויער פון הויף, ווו איך און נאָך מענטשן זײַנען געשטאנען און זיך באשיצט פון דער אומופהערלעכער שיסערײַ. דאָס איז געווען ארום דער צענטראלער אפטייק אף קרעשטשאטיק. אנטקעגן דעם הויף האָט זיך געזען דאָס אראָפבארגיקע געסל טריאָכסוויאטיטעלסקע. פון דאָרט האָבן זיך אראָפגעלאָזט די דעניקינצעס, — דורכויס אָפיצערן אין גלאנציקע פאָגאָנעס („זאָלאָטאָפאָגאָניקי" האָט מען זיי גערופן אין דער ארבעטער־סוויוע).

אז עס האָט אופגעהערט די שיסערײַ און מיר זײַנען ארויס פון הויף, האָבן מיר דעם רויטארמייער שוין געטראָפן אפן טראָטואר ליגן א געהארגעטן בא דער צענטראלער אפטייק. איין פינגער פון דער האנט איז בא אים געווען נאָר וואָס אָפגעהאקט. ווײַזט אויס, אז אף אים איז געווען א גאָלדן פינגערל. די דעניקינצעס, ווי אלע אנדערע ווײַסגווארדייער און באנדיטן, זײַנען געווען גרויסע באלאָנים אף גילדענע זאכן.

נאָך די דרײַ טעג איז קלוימערשט אײַנגעשטעלט געוואָרן א געזעצלעכע אָרדענונג. כאָטש שוין אין א מער פארבאהאלטענער פאָרם, האָט דער פאָגראָם ניט אופגעהערט, ביז די רויטע ארמיי האָט ענדלעך אינגאנצן פארטריבן די דעניקינצעס פון קיִעוו.

איז אָט, מאמעש מיט ניסים בין איך ארויס א לעבעדיקער פון דעם דאָזיקן פאָגראָם. צוליב דער שיסערײַ אף די גאסן, און באזונדערס טאקע אף נאבערעזשנע, האָב איך זיך ניט געקענט דערקלײַבן אהיים און געבליבן נעכטיקן אף אלעקסאנדראָווסקע, אף א שכיינישער גאס, בא א צופעליקן באקאנטן אין א פינצטערן קעלער. אפן דריטן טאָג זײַנען מיר ארויס אין הויף אף דער ליכטיקער שײַן און זיך צונויפגעזאמלט אין איין שטוב. אהער זײַנען ארײַנגעקומען עטלעכע באוואָפנטע קאזאקן און געפאָדערט גאָלד, אויב ניט, וועלן זיי ארײַנווארפן א גראנאטע. עס האָט זיך אופגעהויבן א מוירעדיק געשריי פון די פרויען און קינדער. די מענער האָבן צונויפגעקליבן א ביסל געלט. די קאזאקן אליין האָבן צוגענומען וואָס נאָר מע האָט געקענט. בא מיר האָט מען אראָפגעשלעפט די שטיוול און צוגענומען דעם טײַסטער מיט עטלעכע „קערענקעס". אונדזער גליק, וואָס דאָס זײַנען ניט געווען קיין אָפיצערן, און דערפאר זײַנען מיר ארויס לעבעדיקע. עמעצער האָט מיר געשענקט א פאָר אלטע שקראבעס, און אזוי האָב איך זיך געלאָזט אהיים, אף נאבערעזשנע. אפן הויף האָב איך געטראָפן אכט הארוגים, דערין אויך מײַן באלעבאָס פון דער דירע.

אזויארום, איז די ידיִעה וועגן מײַן גוירל אין קיִעוו געווען ניט גאָר אָן א גרונט. דערפאר טאקע איז געווען אזוי איבעראשנד מײַן צוריקומען. לײַכט זיך פאָרשטעלן, ווי גרויס ס'איז געווען די פרייד.

ביז וואָס־ווען האָט מיך אָנגעיאָגט א צווייטע פרייד. דער אופראָדקאָם האָט אף מײַן אָרט צוגעשיקט אן אנדער קאָנטראָליאָר און מיך באשטימט אָפצושיקן אין ווײַסרוסישן דאָרף דאָמאנאָוויטשי אלס א פארוואלטער פון דעם היגן „סיפנאָי פונקט", דאָס הייסט פונעם שפײַכלער, ווו די מילנער טראָגן ארײַן דעם מעלוכעשטײַער אף דער טוווּע, וואָס גייט דורך אין זייערע מילן, און אויך אנדערע שטײַערן (פון סעדער, אשטייגער). אָבער ניט אזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך און שרײַבט זיך. ווען

איך בין געקומען אין דאָמאַנאָוויטשער וואָלאָסט מיט מײַן „מאנדאט", האָט מען מיך בעשום־אויפן ניט געוואָלט אנערקענען. סטײַטש! זיי האָבן שוין לאנג אן אָרטיקן פארוואלטער — דעם היגן פּאָטשטאַליאָן, וועלכער ספּראווועט זיך ניט שלעכט מיט זײַנע פליכטן. אלס פּאָטשטאַליאָן האָט ער קימאט ניט וואָס צו טאָן.

מיט אזא באָרעכהאבע האָט מען מיך באַגעגנט אף מײַן נײַעם פּאָסטן. איך האָב דאן ניט פארשטאנען, אז דאָס איז ניט מײַנער א פּערזענלעכער איניען און אז מע דארף טאָן די זאך, וואָס די העכערע אינסטאנצן פון דער סאָוועטנמאכט און פּארטיי האָבן מיך באפולמעכטיקט צו טאָן, און ניט פארקערעווען צוריק קיין רעטשיצע, ווי איך האָב עס געטאָן.

און דאָ איז ווידער געשען מיט מיר א נעס: ווען איך בין געקומען אף קאלינקאָוויטשער וואָקזאל, האָב איך באגעגנט דעם פּאָרזיצער פונעם רעטשיצער אופּראָדקאָם, וועלכער איז שוין איצט געפאָרן קיין בריסק, נאָכן אָפּטרעטן פון די ווײַספּאָליאקן, צו אָרגאניזירן אויך דאָרטן אן אופּראָדקאָם. אז איך האָב אים דערציילט די געשיכטע, וואָס מיט מיר איז פּאָרגעקומען, איז ער געוואָרן אופגעבראכט און מיר דערקלערט, אז איך האָב אין קיין שום פּאל ניט געטאָרט אָפּטרעטן. ער האָט אָנגעשריבן אף א בלאנק א שטרענגן באפעל צום וואָליספּאָלקאָם פון דאָמאנאָוויטשער סאָוועט, מע זאָל מיר גלײַך איבערגעבן דעם סקלאד. דאָס מאָל בין איך שוין ניט געווען אזוי פּאסיוו, און מע האָט מיר גלײַך געגעבן די שליסלען.

אין דאָמאנאָוויטש האָב איך געארבעט ארום א האלב יאָר, ביז דעם אָנגריף פון בולאק־באלאכאָוויטשעס באנדע אין שפּיץ מיט דעם טרויעריק־בארימטן עסער סאווינקאָוון. גערופן האָט מען די באנדע א סאך פּאָשעטער — „באלאכאָווצעס". מיט גרויס מאטערניש איז מיר אויסגעקומען צו עוואקויִרן דאָס אָנגעזאמלטע ברויט און אנדערע פּראָדוקטן. דאָס, וואָס מיר האָבן ניט באוויזן עוואקויִרן, האָב איך צעטיילט, לויט א פּאראָרדענונג, צווישן די ארבעטער פון דער נאָענטער אײַזנבאן־סטאנציע כאָלאָדניקי. די געטריקנטע עפּל האָב איך איבערגעגעבן דער 10־טער דיוויזיע פון דער רויטער ארמיי, וועלכע האָט דאן געפירט דעם קאמף מיט די באלאכאָווצעס. איך בין געווען שטארק צופרידן, ווען איך האָב דערזען, ווי דער „קאָמפּאָט" האָט ארויסגערופן א פרייד בא די האלב־הונגעריקע רויטארמייער.

אדאנק דער רויטער ארמיי בין איך טאקע דאן ניט ארײַנגעפאלן צו די באלאכאָווצעס, וועלכע האָבן שוין פארכאפּט סײַ מײַן געבורטשטעטל קאלינקאָוויטש, ווו עס האָט געוווינט מײַן פאמיליע, און סײַ דאָס דאָרף דאָמאנאָוויטש, אָנגעטאָן אומעטום גרויסע כורבוינעס, אויסגעהארגעט א סאך מענטשן, פארגוואלדיקט פרויען אאוו. — לויטן נוסעך פון אלע ווײַסגווארדייִשע באנדעס.

אז איך בין געקומען קיין האָמעל מיט די געהעריקע דאָקומענטן פון דער אײַזנבאן־סטאנציע און פון דער 10־טער דיוויזיע, האָט מען מיך אין בוכהאלטעריע פון אופּראָדקאָם אינגאנצן ניט אנערקענט. ניט קיין געהאלט, ניט קיין פּאיאָק האָב איך די גאנצע צײַט ניט באקומען, כאָטש פּאפּירלעך מיט באפעלן פלעגט מען מיר דאפקע צושיקן פון צײַט צו צײַט.

באזונדערס האָט זיך בא מיר פארגעדענקט איינער א באפעל, וואָס האָט מיך מאמעש צעטומלט. דאָרטן איז געווען געשריבן אין א טעלעגראמע, אז איך זאָל טייקעף־אומעיאד ארויסשיקן פאר דער ארמיי צוויי טויזנט פּוד קאָרן. אויב איך וועל עס ניט צושטעלן צו דער געהעריקער דאטע, וועל איך באצאָלן מיטן קאָפּ!..

אז איך האָב עס באוויזן דעם סעקרעטאר פון וואָליספּאָלקאָם און אים אינפאָרמירט, אז איך פארמאָג גאָרניט אפן סקלאד אזויפיל ברויט, האָט ער מיך בארויִקט און דערציילט, אז אזעלכע באפעלן באקומט ער אין די צענדליקער און מע דארף זיך דערפאר ניט שרעקן. און אָט גראדע איצט, ווען דאָס ברויט איז אָפּגעשיקט און באם סוינע איז ניט פארבליבן קיין איין קערנדל, איז נא דיר אזא מין באציִונג מיצאד דער בוכהאלטעריע!

מײַנע געשפּרעכן און אמפּערנישן מיט דער בוכהאלטעריע האָט אונטערגעהערט דער פּראָדינספּעקטאָר וויקטאָראָוו, און ער האָט זיך פאר מיר אײַנגעשטעלט.

ווען ניט דער דאָזיקער מענטש, אליין אן אינוואליד, מיט זײַנע צוויי באוואָפנטע פּראָדארמייצעס, וואָלט פון מײַן סקלאד קיין שטרויעלע ניט געבליבן. שוין א טאָג פאר זײַן קומען האָט מען זיך געריכט אין דאָרף אף די באלאכאָווצעס. איבער דער אגיטאציע פון אייניקע געוועזענע אלטע טשינאָווניקעס און באלעגופים האָבן זיך ארום סקלאד צונויפגעזאמלט א שיין ביסל פּויערים מיט זעקלעך אונטער די אָרעמס און זײַנען שוין געווען גרייט צו מאכן א טאָלק פון דער טוווּע און אנדערע פּראָדוקטן, וואָס איז געווען אָנגעזאמלט אין מעשעך פון א האלב יאָר. דער שלאָס פונעם סקלאד איז שוין געווען אראָפּגעריסן.

איך ווייס ניט, פונוואנען עס האָט זיך צו מיר גענומען קויעך. איך און דער וועכטער האָבן זיך אוועקגעשטעלט בא דער טיר און קיינעם ניט געלאָזט צוטרעטן נאָענט. די לאגע איז געווען א קריטישע, אלץ האָט זיך געהאלטן מאמעש אף א האָר. עס האָבן זיך דערהערט אייניקע פײַנטלעכע אויסרופן פון די פארזאמלטע. מע האָט געמוזט עפּעס דרינגענד באשליסן. בא מיר האָט זיך ארויסגעריסן א אימפּראָוויזירטע רעדע:

— מענטשן וואָס איר זענט! — האָב איך זיך געווענדט צום אוילעם. — צי דען פארשטייט איר אליין ניט, אז אויב די רויטע ארמיי האָט צעקלאפּט אזעלכע מעכטיקע ארמייען, וועט זי זיך אָפּשרעקן פאר עפּעס א ווילדער באנדע?! די סאָוועטנמאכט וועט זיך דאָך ווידער אומקערן,

און די, וואָס וועלן עפּעס דאָ אָנרירן, וועלן מוזן אַלץ אָפּגעבן און נאָך באַשטראָפט ווערן. לווינט עס אײַך? איך וועל, פאַרשטייט זיך, אײַך ניט צולאָזן צום סקלאַד, ווי ווײַט איך וועל נאָר קע־נען. דאָס איז מײַן פליכט, איך בין פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך.

עס האָבן זיך ווידער דערהערט שטימען:

— דאָס איז אונדזער ברויט! מיר נעמען אונד־זערס!

האָב איך זיך ווידער געווענדט צו זיי מיט א רעדע:

— דאָס אָנגעזאַמלטע ברויט דאַרף איבערגע־געבן ווערן דער רויטער אַרמיי. אויב איר גלייבט מיר ניט, טאָ שפּאַנט אײַן די פערד, און לאָמיר עס טאַקע גלײַך אַהין אָפּפירן.

ביסלעכווײַז האָבן די פּויערים זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין. פריִער איינער, נאָכדעם — אַלע אַנדערע.

שוין צו פאַרנאַכט־צו איז אונטערגעקומען דער פּראָדינספּעקטאָר וויקטאָראָוו מיט צוויי באַוואָפנטע פּראָדאַרמייצעס. מיט זייער הילף און מיט דער הילף פון א היגן מיליציאָנער, א גע־וועזענעם רויטאַרמייער, האָבן מיר אָרגאַניזירט דעם אַרויספיר פונעם ברויט צום נאָענטסטן אײַזנבאַן־פּונקט כאַלאַדניקי.

וויקטאָראָוו אַליין מיט די פּראָדאַרמייצעס זײַ־נען באַלד אוועקגעפאָרן. פאַר זײַן אוועקפאָרן האָט ער מיר אײַנגערוימט אין אויער, אַז מאָרגן מיסטאָמע וועלן אַהער אַרײַן די באַלאַכאָוועצעס, און איך טאָר זיך דאָ מער ניט פאַרהאַלטן. איך בין שוין אָבער אַזוי אַרײַן אין דער „שפּיל", אַז איך האָב בלויז געטראַכט וועגן סקלאַד. מיר האָבן געאַרבעט א גאַנצע נאַכט. די זעקס קילאָ־מעטער פונעם דאָרף ביז דער סטאַנציע בין איך מיטן איינציקן מיליציאָנער מיסטאָמע אַדורכגע־לאָפן עטלעכע מאָל. מע האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אַף די פורן, ווײַל עס זײַנען געווען פאַלן, ווען איינציקע פּויערים האָבן געפּרוווט פאַרקע־רעווען זייערע אָנגעלאָדענע וועגענער צו זיך אַהיים. אַף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע האָט א גאַנ־צע נאַכט געברענט א שײַטער, מע זאָל זען, ווי צו לאָדן די טוווע אין די וואַגאָנען.

ווען איך האָב זיך שוין ספּראַוועט מיט דער טוווע פון סקלאַד און געהאַט אַף די הענט די גע־העריקע דאָקומענטן, האָב איך גענומען טראַכטן: וווהין גייט מען? אין א נאָענט דאָרף האָט גע־וווינט אַן אָפּשטאַמיקער פון מײַן שטעטל, יאַנטל דעם שוסטערס א זון. פּערזענלעך זײַנען מיר ניט געווען באַקאַנט, נאָר פונדעסטוועגן האָב איך געהאָפט, אַז בא אים וועל איך קענען איבערוואַרטן די אומרויִקע טעג. געקומען בין איך אין דאָרף צו אים סאַמע ערעוו שאַבעס. זײַן ווײַב האָט געהאַלטן באַם ליכט־בענטשן. זיי האָבן מיך אופגענומען גאַנץ פרײַנטלעך, מיך אָנגעקאָרמעט, נאָר לאָזן מיך נעכטיקן האָבן זיי מוירע געהאַט, ווײַל איך בין דאָך דאָ באַ־וווסט ווי א סאָוועטישער נאַטשאַלניק, א קאָמונ־ניסט צי א קאָמיסאַר. האָב איך זיך געלאָזט צו־ריק קיין דאָמאַנאָוויטש. ס'איז שוין געווען פינ־צטערלעך, און דער וועג איז מיר ניט גאָר גוט געווען באַקאַנט. מע האָט געדאַרפט דורכגיין א וואַלד מיט א שמאָלן שליאַך און שטעגעלעך. דערצו נאָך האָבן זיך מיר באַגעגנט אַזעלכע, וועלכע האָבן אומיסטן מיר געוויזן א פאַלשע ריכטונג. איך האָב זיך אָבער באַלד געכאַפּט און זיך אומגעקערט צוריק אַפן זעלבן וועג, וואָס פריִער. דאָ האָבן זיך אָנגעטראָפן פּויערים, וועל־כע האָבן מיר פרײַנטלעך אָנגעזאָגט, אַז אין דאָמאַנאָוויטש איז איצט פול מיט רויטאַר־מייער...

דורכן הינטערהויף בין איך אַרײַן אין שטוב, ווו איך האָב געוווינט, און טאַקע געטראָפן רויט־אַרמייער. מײַנע באַלעבאַטים פון שטוב האָבן זיי דערקלערט, ווער איך בין, און איך האָב זיך געמאָלדן אין שטאַב. דאָס איז טאַקע געווען דער שטאַב פון דער 10־טער דיוויזיע. איך האָב איך שפּעטער איבערגעגעבן די פאַרבליבענע געטריקנטע עפּל און מיט אירע טיילן בין איך אוועק פון דאָמאַנאָוויטש.

אַפן וועג פון כאַלאַדניקי קיין האָמעל האָב איך שוין אָנגעטראָפן א סאַך געפאַנגענע באַלאַ־כאָוועצעס. זיי זײַנען געגאַנגען און געפאָרן קי־מאַט אָן א וואָך. פיל פון זיי זײַנען געפאָרן אַף די לאָקאָמאָטיוון, געזעסן און זיך אָנגעהאַנגען אַף די טרעפּלעך פון די וואַגאָנעס, אַף די בו־פערן און פּלאַטפאָרמעס. די שטימונג איז בא זיי געווען א געהויבענע. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס זײַנען געווען קריגסגעפאַנגענע רויטאַר־מייער, אינטערנירטע אין פּוילן. ניט ווילנדיק זײַנען זיי אַרײַנגעפאַלן צו די באַלאַכאָוועצעס, וועלכע האָבן זיי געצוווּנגען זיך שלאָגן מיט די סאָוועטן. בא דער ערשטער מעגלעכקײַט זײַנען זיי גלײַך אַריבערגעגאַנגען צו דער רויטער אַר־מיי. דאָ האָבן זיי געטראָפן א סאַך אַלטע כאַווײ־רים, מיט וועלכע זיי האָבן צוזאַמען מילכאָמע געהאַלטן קעגן די ווײַספּאָליאַקן און קעגן אַנ־דערע קאָנטררעוואָליוציאָנערע אַרמייען און באַנדעס.

ווען איך בין געקומען קיין האָמעל און פאַר־ענדיקט אַלע מײַנע אייסאָקים מיט דעם אופּ־ראָדקאָם, האָב איך שוין פעסט באַשלאָסן מער צו דער דאָזיקער טעטיקײַט זיך ניט אומקערן. איך בין אוועק אין דער האָמליער דרוקערײַ, ווו איך האָב, אַגעוו, באַגעגנט אייניקע באַקאַנטע זעצער, מיט וועלכע איך האָב נאָך געאַרבעט אין קיִעוו, און בין ווידער געוואָרן א זעצער.

מיט מײַן אַרבעט אין דרוקערײַ האָב איך א ביסל אונטערגעהאַלטן די פאַמיליע, געפּרוווט ברענגען צו א טאַכלעס מײַנע דרײַ יינגערע ברידער, אײַנאָרדענען זיי אין האָמעל אַף אַר־בעט אָדער אין א שול. דערווײַל איז פון דעם גאָרנישט אַרויס, פריִער פאַר אַלץ צוליב דער אויסשליסלעך שווערער לאַגע מיט וווינונגען. און וועגן זיך האָט מען אויך געדאַרפט א טראַכט טאָן. די צײַט גייט. עס האָט זיך זייער געגלוסט לערנען. האָב איך אויסגעקליבן דעם יידישן פּעדטעכניקום, וועלכער האָט מיך צוגעצויגן, מעגלעך דערפאַר, וואָס א לענגערע צײַט האָב

איך געארבעט אין ייִדישע דרוקערײַען. אויך איצט האָב איך געארבעט אין דער ייִדישער זעצערײַ פון „פּאָלעסדרוק", וועלכע האָט ארויסגעלאָזט די היגע ייִדישע צײַטונג „דער קאָמוניסטישער וועג", ווו עס האָבן מיטגעארבעט א ריי היגע ייִדישע קולטור־טוער, שרײַבער, דיכטער און אויך דער דירעקטאָר פונעם היגן ייִדישן פּעדטעכניקום ה. פארבער — א היסטאָריקער און איבערזעצער (טאקע דאָ בא אונדז האָט זיך געדרוקט זײַן איבערזעצונג פון טימיריאַזעווס בארימט ווערק „דאָס לעבן פון א געוויקס").

אויך אין קיִעוו איז מיר אויסגעקומען צו ארבעטן אין ייִדישע דרוקערײַען און איך בין דעריבער געווען מער־ווייניקער באקאנט מיט א ריי געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע ייִדישע טוער, שרײַבער און קינסטלער פון יענער צײַט, ווי שאכנע עפּשטיין, בער באָראָכאָוו, ראפעס, מוישע לעוויטאן, ה. קאזאקעוויטש, ד. בערגעלסאָן, דער ניסטער, אָשער שווארצמאן (געארבעט אלס קאָרעקטאָר אין דער קיִעווער „פּאָלקסצײַטונג"), ד. האָפשטיין, פּ. מארקיש, ל. קוויטקאָ און א סאך אנדערע.

נאָך א מײַלע האָט געהאט דער טעכניקום פאר מיר, — איך האָב באקומען אן אָרט אין דער סטודענטישער צוזאמענוווינונג און געהאט א מעגלעכקײַט גלײַכצײַטיק צו ארבעטן אין דרוקערײַ און פארדינען עפּעס פאר זיך און פאר דער פאמיליע.

אין טעכניקום האָב איך מיטן גאנצן יוגנטלעכן ברען און פלײַס זיך א נעם געטאָן פארן בוך — צו מאטעמאטיק, געשיכטע, ביִאָלאָגיע, ליטעראטור, פּאָליטעקאָנאָמיע, געווען געזעלשאפטלעך גאנץ אקטיוו, אָנטיילגענומען אין דער ליטערארישער גרופּע „אָקטיאבער־דאָר", געווען איינער פון אירע אָרגאניזאטאָרן און סעקרעטארן. אָנגעפירט מיט דער ליטערארישער גרופּע האָט דער פּעדאגאָג, דער שפּעטער באוווּסטער קריטיקער ש. בילאָוו. איך האָב אָנגעשריבן מײַן ערשטע רעצענזיע (אין רוסיש) וועגן א ליבהאָבער־ספּעקטאקל בא די דרוקערארבעטער, אן איינאקטער „אפן שיידוועג", איינסצענירט עפּטאָן סינקלערס ראָמאן „דזשימי כיגינס", וועלכן איך האָב אליין געשטעלט און אויך אָנטיילגענומען אין דער שטעלונג ווי אן אקטיאָר. בייס די קאָניקולן האָב איך צוזאמען מיטן דיכטער כאיִם לעווין זיך צוגעלערנט בא דעם פּעדאגאָג פון מאטעמאטיק — דעם כאַווער מעלאמעד (ער האָט מיט אונדז געקנעלט בא זיך אין דער היים, אין זײַן פרײַער צײַט) — און בין „אריבערגעשפּרונגען" א גאנצן קורס. דער כאַווער מעלאמעד איז געווען א גרויסער אידעאליסט און עכטער פּעדאגאָג, וועמען אלע סטודענטן האָבן שטארק ליב געהאט. וועגן מײַנע ערשטע לערער און פּעדאגאָגן פונעם האָמליער ייִדישן פּעדטעכניקום וועל איך נאָך אמאָל דערציילן פיל ברייטער. זיי האָבן עס פארדינט. זייערע „וויזיט־קארטלעך" וועלן מיר, זייערע טאלמידים, קיינמאָל ניט פארלירן...

דערווײַל געזעגן איך זיך מיט זיי אָפּ און פּאָר אריבער קיין מינסק. דאָ הייבט זיך בא מיר אָן א נײַ קאפּיטל...

הערש רעמעניק

שאָלעם־אַלייכעם און די רוסישע ליטעראַטור

1

די ווירקונג פֿון דער רוסישער ליטעראַטור אַף דער ליטעראַריש־קינסטלערישער שאַפֿונג פֿון די פֿעלקער אין רוסלאַנד איז אַן אַלגעמיין באַוווּסטער פֿאַקט. וואָס איז שײַך דער ייִדישער ליטעראַטור, קאָן מען רעכענען פֿאַר פֿעסטגעשטעלט, אַז ס'איז ניט געווען קיין איין באַדײַטנדיקער שרײַבער, קיין איין ערנסטע ליטעראַטור־דערשײַנונג, וואָס זאָל זיך ניט געפֿינען אונטערן אײַנפֿלוס פֿון דער רוסישער ליטעראַטור.

שאָלעם־אַלייכעם געהער צו יענע גרויסע קינסטלער, וועלכע באַגרענעצן זיך ניט מיט די ראַמען פֿון זייער נאַציאָנאַלער קולטור, נאָר שטרעבן צו דערנענטערן די פֿעלקער און זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן. מערער און טיפֿער פֿון אַנדערע אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבער האָט שאָלעם־אַלייכעם פֿאַרשטאַנען, אַז יעדע נאַציאָנאַלע קולטור קאָן זיך דערפֿאָלגרײַך אַנטוויקלען בלויז אין פֿאַרבינדונג מיט אַנדערע נאַציאָנאַלע קולטורן. „אין טאָך, — שרײַבט דער אָנגעזעענער סאָוועטישער מיזרעך־פֿאָרשער נ. אי. קאָנראַד, — זײַנען אַלע ליטעראַטורן פֿון די הײַנטצײַטיקע קולטורעלע פֿעלקער אַזוי אָדער אַנדערש פֿאַרבונדן צווישן זיך, און זייער אַנטוויקלונג איז פֿאָרגעקומען און קומט פֿאָר אַדאַנק די דאָזיקע פֿאַרבינדונגען. דאָס שליסט ניט אויס די זעלבשטענדיקײַט פֿון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, נאָר, פֿאַרקערט, מאַכט איר נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט אַפֿילע מער בולעט"[1].

אין פּעריאָד פֿון אַלטערטום און פֿון דער אַנטיקער עפּאָכע, ווען עס האָט נאָך עקזיסטירט אַ ייִדישע מעלוכע, האָבן די ייִדן גערעדט און געשאַפֿן אַף העברעיִש, אַראַמעיִש, גריכיש, לאַטײַן, פּערסיש און אַנדערע שפּראַכן. פֿילאָן אַלעקסאַנדריִער (20 יאָר ביז אונדזער ערע — 50 יאָר פֿון אונדזער ערע) האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז אין אוראַלטן גריכישן מיצראַיִם האָבן געוווינט אַ מיליאָן ייִדן, וועלכע האָבן גערעדט אַף גריכיש. גריכיש איז געווען די גערעדטע שפּראַך פֿון די ייִדן אויך אין אַלע לענדער פֿון קליין־אַזיע און אייראָפּע, ווו עס האָבן זיך געפֿונען ייִדישע ייִשוּווים. דערמיט קאָן מען דערקלערן די וויכטיקע באַדײַטונג פֿון דער קולטור־היסטאָרישער געשעעניש אין יענער צײַט, פֿון דעם תּרגום השבעים, די איבערזעצונג פֿון דער ביבל אַף גריכיש (די אַזוי־גערופֿענע „סעפּטואַגינטאַ", III—II יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע). די גרויסע ייִדישע געלערנטע און דענקער פֿון יענער עפּאָכע — פֿילאָן אַלעקסאַנדריִער און יוסעף פֿלאַוויִ (אַרום 40—95 פֿונעם ערשטן יאָרהונדערט פֿון אונדזער ערע) — האָבן געשאַפֿן זייערע ווערק אַף גריכיש און לאַטײַן.

נאָך דער צעשטערונג פֿון דער צווייטער ייִדישער מעלוכע אין אַלטערטום האָבן די ייִדן זיך צעשפּרייט איבער די לענדער פֿון אייראָפּע און אַנדערע קאָנטינענטן. דאָרט, ווו עס האָבן זיך אויסגעבילדעט גרעסערע צענטערס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, האָבן די ייִדן אָנטיילגענומען אינעם שאַפֿן די אָרטיקע נאַציאָנאַלע קולטור אַף אַ נײַער שפּראַך. שוין צום סאָף פֿונעם ערשטן יאָרטויזנט פֿון אונדזער ערע האָבן די ייִדן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין שאַפֿן די אַראַבישע, דערנאָך — די שפּאַנישע, איטאַליענישע, און, צום סאָף, די דײַטשישע קולטור. איינער פֿון די דיאַלעקטן פֿון דער דײַטשישער שפּראַך איז געוואָרן דער יעסאָד פֿון ייִדיש, וואָס איז אין משך פֿון די לעצטע פֿינף הונדערט יאָר געוואָרן די גערעדטע שפּראַך פֿון באַדײַטנדיקע מאַסן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין די לענדער פֿון מיזרעך־אייראָפּע, אַף דער טעריטאָריע פֿונעם צאַרישן רוסלאַנד, אין די

[1] Н. И. Конрад. Запад и восток. М., 1972, стр. 294.

לענדער פון דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, אין אייִביקע לענדער פון אַפריקע, אַזיע און אין אווסטראַליע.

אַזוי אַרום, אין די געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור, אין טאָך גענומען, די געשיכטע פון אירע פאַרבינדונגען מיט די קולטורן פון אַנדערע פעלקער. אַט דאָס טאַקע האָט געהאַט אין זינען וו. אי. לענין, ווען ער האָט אין דער פּאָלעמיק מיט די בונדיסטן אָפּגעדעקט דעם בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער פון זייער טעאָריע וועגן „ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור". „ייִדישע נאַציאָנאַלע קולטור, — האָט געשריבן וו. אי. לענין, — איז אַ לאָזונג פון ראַבאָנים און בורזשואַ, אַ לאָזונג פון אונדזערע סאָנים. אָבער עס זײַנען פאַראַן אַנדערע עלעמענטן אין דער ייִדישער קולטור און אין דער גאַנצער געשיכטע פונעם ייִדנטום". „דאָרט האָבן זיך בולעט אַנטפּלעקט די גרויסע אַלוועלטלעך־פּראָגרעסיווע שטריכן אין דער ייִדישער קולטור: איר אינטערנאַציאָנאַליזם, איר אָפּרופן זיך אַף די פּראָגרעשריטענע באַוועגונגען פון דער עפּאָכע"[2].

אין 19־טן יאָרהונדערט האָט די ייִדישע ליטעראַטור אַף העברעיִש און ייִדיש זיך אַנטוויקלט הויפּטזאַכלעך אין רוסלאַנד. דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז נאָך דער דריטער צעטיילונג פון דער פּוילישער מעלוכע געווען דער הויפּט־צענטער, וווּ עס האָט געלעבט די מערהײַט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון דער וועלט. דאָ, אין רוסלאַנד, האָבן די ייִדן ניט נאָר גענומען אַן אָנטייל אינעם שאַפן די נײַע פאַר זיי קולטור אַף רוסיש, נאָר אויך גופא די ייִדישע ליטעראַטור אַף העברעיִש און אַף ייִדיש האָט זיך אַנטוויקלט אין די ענגסטע אָרגאַנישע פאַרבינדונגען און קאָנטאַקטן מיט דער רוסישער ליטעראַטור. אָן די דאָזיקע קאָנטאַקטן און פאַרבינדונגען איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין די געשיכטע פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור.

שאָלעם־עליכעם אַלס קינסטלער, אַלס ליטעראַטור־קריטיקער און אַלס דענקער האָט אַרויסגעוויזן טיפן פאַרשטאַנד פאַר דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ניט געקוקט אַף די ווילדע פאַרפאָלגונגען, וואָס די ייִדישע קולטור איז אויסגעשטאַנען בײַ דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, איז שאָלעם־עליכעם געווען איבערצײַגט, אַז גראָד אין דער פאַרבינדונג מיט דער רוסישער ליטעראַטור קאָן זיך דערפאָלגרײַך אַנטוויקלען די ייִדישע ליטעראַטור. ער האָט ליב געהאַט די רוסישע פּראָגרעסיווע קולטור און ליטעראַטור און איז געווען באַגײַסטערט פון אירע גרויסע אידייען. ער האָט ליב געהאַט די רוסישע שפּראַך, און אַף אַט דער שפּראַך האָט ער אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט עטלעכע דערציילונגען און נאָוועלן, ניט אַרײַנגערעכנט זײַנע יוגנט־ווערק, געשריבענע אין רוסיש, וואָס זײַנען צו אונדז ניט דערגאַנגען.

מיר וועלן דאָ דערמאָנען, אַז דער ערשטער וואַריאַנט פון שאָלעם־עליכעמס הויפּט־ווערק „מענאַכעם־מענדל" איז געווען אָנגעשריבן אַף רוסיש און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט אַן אונטערשריפט „סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש" אין דער צײַטונג „אָדעסקי ליסטאָק".

רײַדנדיק וועגן דער ווירקונג פון דער רוסישער ליטעראַטור אַף שאָלעם־עליכעמס שאַפונג, דאַרף מען אין זינען האָבן צוויי מאָמענטן, וואָס וואַרפן אַ שײַן אַף זײַנע אידייִשע און ליטעראַריש־שעפערישע אָנשויונגען. שאָלעם־עליכעם איז, ערשטנס, געווען שטאַרק באַווירקט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער קריטיק (בעלינסקי, טשערנישעווסקי, פּיסאַרעוו); צווייטנס, פילט זיך אין זײַן שאַפונג שטאַרקער פון אַלץ די ווירקונג פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור פונעם קריטישן רעאַליזם (גאָגאָל, טורגעניעוו, נעקראַסאָוו, שטשעדרין, טשעכאָוו, טאָלסטאָי, גאָרקי).

אין שאָלעם־עליכעמס שאַפונג וועלן מיר ניט געפינען אַפילע קיין שפּור פון ווירקונג פון דער רוסישער רעאַקציאָנערער און קאָנסערוואַטיווער ליטעראַטור, לעמאָשל פון דער ליטעראַטור פון „ריינער קונסט", פון רעאַקציאָנערער סלאַוויאַנאָפילסטווע, פון דעם קאָנסערוואַטיוון ראָמאַנטיזם אינעם נײַנצעטן יאָרהונדערט און פון דעם דעקאַדאַנס און מאָדערניזם אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

שאָלעם־עליכעם איז געווען אַן עמעסער פאָלקס־שרײַבער, אַ קאָנסעקווענטער און פּרינציפּיעלער קינסטלער־רעאַליסט, דעריבער זײַנען די אַנטידעמאָקראַטישע און אַנטירעאַליסטישע טענדענצן אין דער קונסט אים געווען אָרגאַניש פרעמד.

2

שאָלעם־עליכעם האָט אין סאַמע אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט, באַנאַנד מיט פּראָזע און דראַמאַטורגיע, געשריבן אויך לידער, אין וועלכע עס פילט זיך בולעט די ווירקונג פון נעקראַסאָוון. דערבײַ איז אינטערעסאַנט, אַז שאָלעם־עליכעם גופא האָט יעדעס מאָל אָנגעוויזן אַף די לידער פונעם רוסישן דיכטער, וואָס אונטער זייער ווירקונג האָט ער געשאַפן זײַנע ווערק. נעקראַסאָווס טרויעריקע געזאַנגען וועגן דער אָרעמקײַט פונעם רוסישן דאָרף, וועגן דער פינצטערער דאָליע פון דער פויערטע זײַנען געווען אַ מוסטער פאַר שאָלעם־עליכעמען (די לידער „ערעוו שאַבעס", „אַ ייִדישע טאָכטער", „ייִדישע טשינאָווניקעס" און די פּאָעמע „פּראָגרעס — ציוויליזאַציע" און אַנדערע).

עס האַנדלט זיך אָבער ניט בלויז אין דעם, וואָס נעקראַסאָווס דיכטונג האָט געווירקט אַף שאָלעם־עליכעמען. סאָפקאָלסאָף, איז שאָלעם־עליכעם ניט געוואָרן קיין אָנגעזעענער דיכטער, און אין רײַפן פּעריאָד פון זײַן שאַפן האָט ער קימאַט ניט געשריבן קיין לידער. וויכטיקער איז די אידייִשע אויפגאַבע, וועלכע עס שטעלט פאַר זיך שאָלעם־עליכעם, זײַן באַוווּסטזיניק שטרעבן צו ריכטן די ייִדישע ליטעראַטור אַפן פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישן וועג. די דירעקטע אָנווײַזונגען פונעם ייִדישן שריפטשטעלער אַף דער פאַרבינדונג פון זײַנע לידער מיט נעקראַסאָווס פּאָעזיע זײַנען ניט קיין צופעליקע. דאָס איז געווען אַ רוף צו די ייִדישע שרײַבער, זיי זאָלן אָפּשפּיגלען דאָס לעבן און דעם קאַמף פון די פאָלקס־

---

[2] וו. אי. לענין. פולע געזאַמלטע ווערק. גאָספּאָליטיזדאַט, ב. 24, מ., 1961, ז. 122.

מאסן. אין דער אַרטיקלען־סעריע „דער ייִדישער דאַלעס אין די ווערק פון אונדזערע בעסטע פֿאָלקס־שריפטשטעלער“ האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן: „דער רוסישער דיכטער נעקראַסאָוו זאָגט וועגן דעם רוסישן מוזשיק:

Волга, Волга, весной многоводной
Ты не так заливаешь поля,
Как великою скорбью народной
Переполнилась наша земля.

(וואָלגאַ, וואָלגאַ, דו פאַרגיסט אַזוי פיל ניט די פעלדער מיט ריין וואַסער אין פרילינג, וויפל אונדזער לאַנד איז פאַרגאָסן פון צאָרעס. — שאָלעם־אַלייכעמס איבערזעצונג. — ה. ר.)

„הײַנט וויאַזוי קאָן מען זיך שוין אויסדריקן וועגן דעם ייִדן, נעבעך, וועלכער האָט ניט קיין ערד, ניט קיין שאָף און רינדער, ניט קיין לײַב און ניט קיין לעבן?..“

שאָלעם־אַלייכעם זעט אין נעקראַסאָווס דיכטונג די פֿאָן פון דער ייִדישער דעמאָקראַטישער ליטעראַטור.

נ. וו. גאָגאָל איז באַזונדערס געווען נאָענט שאָלעם־אַלייכעמען. דער טרויעריקער גוירל פונעם „קליינעם מענטשעלע“ אין די באַדינגונגען פון דער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט, די הומאַניסטישע פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער טעמע בײַ גאָגאָלן, דער גוירל פון דער שעפערישער־באַגאַבטער פּערזענלעכקײַט אין דער געזעלשאַפט, וווּ עס הערשט די מאַכט פון געלט, — אָט די אַלע טעמעס און געשטאַלטן זײַנען אין אַ ברייטן מאַסשטאַב פאַרקערפּערט אויך אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן. דאָסטאָיעווסקי האָט אַמאָל געזאָגט וועגן די רוסישע רעאַליסטן: „מיר אַלע זײַנען אַרויס פון גאָגאָלס שינעל“. שאָלעם־אַלייכעם וואָלט געהאַט אַ געוויסן סמאַך צו זאָגן דאָס זעלבע וועגן זיך. ער האָט ניט איין מאָל גערעדט וועגן גאָגאָלס ווירקונג אַף זײַן שאַפן. אין דער רוסישער ליטעראַטור איז די שעפערישע קרויווישאַפט פון אָט די ביידע שרײַבער פעסטגעשטעלט געוואָרן, ווי נאָר עס זײַנען דערשינען שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אַף רוסיש. פונדעסטוועגן איז די דאָזיקע פראַגע נאָך ביז איצט ניט גענוג אויסגעפאָרשט. בײַ אַ גענויער באַטראַכטונג קאָן מען באַמערקן ניט בלויז אַלגעמיינע שטריכן אין גאָגאָלס און שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג, נאָר אויך קאָנקרעטע אַנאַלאָגישע סטיליסטישע מיטלען.

די פּיעסע „יאַקנעהאָז“ האָט שאָלעם־אַלייכעם אַליין כאַראַקטעריזירט אַלס קאָמעדיע „אַ ליאַ „רעוויזאָר“ פון גאָגאָלן“. די סצענע פון שאָלעם־אַלייכעמס קאָמעדיע, וווּ עס ווערט געלייענט פּײַפּערס בריוו בײַ די בירזשע־ספּעקולאַנטן, איז אין טאָך אַן איבערכאַזערונג פון דער סצענע, וווּ עס ווערט געלייענט כלעסטאַקאָווס בריוו.

עס איז ניט שווער פעסטצושטעלן אַלגעמיינע שטריכן אינעם מעטאָד פון טיפּיזאַציע בײַ גאָגאָלן און בײַ שאָלעם־אַלייכעמען אינעם שאַפן אַזעלכע טיפּן, לעמאָשל, ווי אַקאַקי אַקאַקיִעוויטש באַשמאַטשקין אין גאָגאָלס „שינעל“ און שימען־עליע אין שאָלעם־אַלייכעמס „דער פאַרקישעפטער שנײַדער“. בײַ ביידע שרײַבער־רעאַליסטן שטיצט זיך דאָס אויספורעמען דעם כאַראַקטער אַפן סאָציִאַלן אַנאַליז.

שאָלעם־אַלייכעם האָט, ווי גאָגאָל, כאַראַקטעריזירט זײַן הומאָר אַלס „געלעכטער דורך טרערן“. אָבער די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק שעפּט ניט אויס דעם טאָך ניט פון גאָגאָלס און ניט פון שאָלעם־אַלייכעמס מעטאָד. דאָס קאָמישע בײַ גאָגאָלן און שאָלעם־אַלייכעמען איז ניט בלויז געלעכטער דורך טרערן, נאָר אויך אַ פריילעך געלעכטער פונעם פאָלק, אַ דערהויבענער פאָלקס־אָפּטימיזם.

דערפון איז ניט געדרונגען, אַז דאָס קאָמישע בײַ שאָלעם־אַלייכעמען איז גלײַך צום קאָמישן בײַ גאָגאָלן. גאָגאָלס און שאָלעם־אַלייכעמס געלעכטער זײַנען אי קרויוויש, אי פאַרשיידנאַרטיק. און דאָס קאָן מען באַזונדערס באַמערקן אין דער עוואָליוציע פונעם קאָמישן בײַ ביידע שרײַבער.

דאָס קאָמישע בײַ גאָגאָלן האָט זיך אַנטוויקלט פון הומאָר צו סאַטירע. אין די „אָוונטן אַפן כוטאָר לעבן דיקאַנקי“, אין דער היסטאָרישער דערציילונג „טאַראַס בולבאַ“ איז נאָך גאָגאָל דורכויס אַ הומאָריסט. אין זײַן געלעכטער הערן זיך הילכיקע קולעס פון די טרײַומפירנדיקע פאָלקסמאַסן, זייערע יאָמטעוודיקע קאַרנאַוואַלישע פאָלקס־סימכעס. אין „די פּעטערבורגער דערציילונגען“ גייט ער שוין אַריבער פון הומאָר צו סאַטירע, וועלכע פאַרשטאַרקט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מערער און נעמט אָן דעם סאַמע שאַרפן כאַראַקטער אין „רעוויזאָר“ און אין „טויטע נעפּאַשעס“. אַנטשפּרעכיק דערצו ווערן אַלץ שוואַכער אין גאָגאָלס ווערק די קולעס פון די פאָלקסמאַסן, זייער פאָליפאָנישער געקלאַנג. אַפן פאָדערגרונט רוקן זיך אַרויס די עקלהאַפטע צורעס פון די סאָבאַקעוויטשעס און נאָזדריאָווס, פון די פּליושקינס און טשיטשיקאָווס.

בײַ שאָלעם־אַלייכעמען איז די עוואָליוציע פונעם קאָמישן געווען אַ פאַרקערטע. ער האָט אָנגעהויבן פון סאַטירע און איז געקומען צו הומאָר. זײַן שאַרף סאַטיריש ווערק „יאַקנעהאָז“ איז געשריבן אין 1894. דאָס איז אין טאָך דאָס לעצטע אויסגעשפּראָכן סאַטיריש ווערק. אַלס קלאַל האָט ער זיך געווענדט צום סאַטירישן געלעכטער הויפּטזאַכלעך אין די דראַמעס, וווּ ער האָט אויסגעלאַכט די גווירים. אין די נאָוועלן, וווּ ס׳ווערט מערסטנטייל באַשריבן דאָס לעבן פון די פאָלקסמאַסן, איז ער קימאַט שטענדיק אַ הומאָריסט.

דער אַריבערגאַנג פון סאַטירע צו הומאָר האָט באַטײַט, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז געקומען צו זײַן אייגענעם קלאַסישן סטיל, צו דער עכטער פאָלקסטימלעכקײַט.

שאָלעם־אַלייכעם האָט הויך געשעצט סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס שאַפונג. „סע געפעלט מיר, — האָט ער געשריבן אין 1888, — די פאָרטרעטן אַפן הייִנישן אויפן און די פאָלקסשפּראַך — אַפן שטשעדרינישן“. אינעם אַרטיקל וועגן לינעצקין האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן וועגן דער סאַטירישער היפּערבאָליזאַציע בײַ שטשעדרינען. אין זײַנע ווערק האָט ער אויך אָפט אָנגעווענדט היפּערבאָלישע שילדערונג. מע קאָן באַמערקן באַשטימטע קרויווישאַפט פון ביידע שרײַבער אין די מעטאָדן פון טיפּיזירן און פאַראַלגעמיינערן סאָציִאַל־היסטאָרישע דערשײַנונגען פון דערווירקלעכקײַט.

שטשעדרין האָט געשאַפן אַ פאַראַלגעמיינערט געשטאַלט פון דער שטאָט גלופּאָוו. שאָלעם־אַלייכעם

האָט געשאפן א פאראלגעמיינערט געשטאלט פונעם ייִדישן פאטריאַרכאלן שטעטל (מאזעפעווקע, קאסרילעווקע) און פון דער הײַנטצײַטיקער קאפיטאליסטישער שטאָט (יעהופעץ). עס איז אויך פאראן א באַשטימטע קרויוועשאפט אין דער זשאנער־סטרוקטור פון די ווערק באם רוסישן און ייִדישן שרײַבער. עס האנדלט זיך וועגן דעם אויפן פון שאפן א ציקל פארצייכענונגען און דערציילונגען, וועלכע זײַנען צווישן זיך געבונדן מיט דער טעמע, ווי אויך אידייִש־פּסיכאָלאָגיש. ווי באַוווסט, איז אזא זשאנער־סטרוקטור כאראקטעריסטיש קימאט פאר אלע שטשעדרינס פּראָזע־ווערק, אָנהייבנדיק פון „גובערנסקיִע אָטשערקי" (אגעוו, אויך פאר די ווערק פון גלעב אוספּענסקין, דאָס הייסט פאר ביידע אָנגעזעענסטע פּראָזאיִקער פון דער רוסישער דעמאָקראטישער ליטעראטור אין דער צווייטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט). שאָלעם־אַלייכעם איז אויך אין דעם זין נאָענט צו דער טראדיציע און צו די דערגרייכונגען פון אָט דער ליטעראטור, ווײַל זײַנע פריִע ווערק („די איבערגעכאפּטע בריוו אף דער פּאָטשט", „בילדער פון בערדיטשעווער גאס", „בילדער פון זשיטאָמירער גאס") און באזונדערס די שפּעטערע ווערק („קאסרילעווקע", „דאָס נײַ־קאסרילעווקע", „קסאָווים פון א קאָמיוואָיאזשאָר") זײַנען געבויט לויט אָט דער זשאנער־סטרוקטור פון ציקלען אָדער סעריעס.

אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק איז ניט שווער צו באמערקן אויך די ווירקונג פונעם רוסישן דראמאטורג א. נ. אָסטראָווסקי. דאָס האָט א שײַכעס, ווי מאָדנע עס זאָל ניט זײַן, ניט צו שאָלעם־אַלייכעמס דראמאטישע ווערק, נאָר צו זײַנע ראָמאנען, אין דער ערשטער ריי צו דעם ראָמאן „סענדער בלאנק".

אין דער ערשטער אופלאגע פון אָט דעם ווערק האָט דער אווטאָר געשריבן: „רעב סענדער — דאָס איז, לויט אונדזער מיינונג, א ייִדישער קיט־קיטיטש (א באַוווסטער טיפּ בא דעם דראמאטורג אָסטראָווסקי), נאָר אף א ייִדישן אויפן, אף א ייִדישן פאסאָן".

די רעאקציאָנערע ייִדישע קריטיק האָט אָט דעם ראָמאן שאָלעם־אַלייכעמס שארף אטאקירט דערפאר, וואָס ער מאָלט סאטיריש דעם ייִדישן בורזשוא. יוסעף־יויעל הערדנער (פּסעוודאָנים פון י. לערנער, דעם געוועזענעם „ניהיליסט", און שפּעטער רענעגאט) האָט געשריבן: „באשאפן ייִדישע „קיט־קיטיטשעס" הייסט אזויפיל ווי באליידיקן דאָס ייִדישע פאמיליען־לעבן, א רעכילעס זאָגן אף דער ייִדישער היימלעכקײַט, וואס אפילע די גרעסטע סאָנים זײַנען אונדז מעקאנע דערוף"... „ווער עס קען דאָס ייִדישע פאמיליען־לעבן און ווייסט, וועלכע פרײַהײַט און צערטלעכקײַט די ייִדישע פרויען און קינדער געניסן בא זייערע מענער און פאָטערס, דער מוז מוידע זײַן, אז קיין ייִדישע „קיט־קיטיטשעס" האָבן מיר ניט"[3].

שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאט אן אנדער מיינונג אין דער פראגע. ער האָט געהאלטן, אז די ייִדישע בורזשואזע פאמיליע איז דאָס זעלבע „פינצטערע קיניגרײַך", ווי די רוסישע סאָכרישע פאמיליע. אָבער דערמיט האָט ער זיך ניט באגרענעצט. ער האָט געזוכט „א שטראל שײַן אין אָט דעם פינצטערן קיניגרײַך", ער האָט געוואָלט געפינען נײַע קויכעס, וועלכע זוכן אן אויסוועג פון די שווערע אומשטענדן אין דער בורזשואזער אָרדענונג, שטרעבנדיק צו צערײַסן די רעליגיִעזע קייטן פון דער ייִדישער סאָכרישער פאמיליע.

האָבנדיק פאר זיך אלס בײַשפּיל דאָס געשטאלט פון קאטערינען אין אָסטראָווסקיס פּיעסע „גראָזא", האָט שאָלעם־אַלייכעם געמאָלט אין זײַנע ראָמאנען „סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי" געשטאלטן פון יונגע ייִדישע פרויען, וועלכע טרוימען וועגן א נײַ לעבן. זיי זײַנען פול מיט פּראָטעסט קעגן קנעכטשאפט, אָבער דער דאָזיקער פּראָטעסט דערגייט ניט צו קיין קאָנקרעטע מײַסים.

טורגעניעוו האָט שאָלעם־אַלייכעם געהאלטן פאר א גרויסן קינסטלער. אינעם פּאמפלעט „שאָמערס מישפּעט" איז געגעבן א הויכע אָפּשאצונג פונעם רוסישן שרײַבער:

„טורגעניעוו איז אן עמעסער שרײַבער, א געני, א קינסטלער, א פּאָעט און דערצו נאָך א מענטשנפרײַנט מיט אן עסטעטישן געפיל... מיט אלע גוטע מײַלעס".

שאָלעם־אַלייכעמס קאמף פאר א פּאָרגעשריטענער רעאליסטישער פאָלקס־ליטעראטור האָט ארויסגערופן א שארפן ווידערשטאנד פון דער ייִדישער רעאקציאָנערער בורזשואזיע. באזונדערס שארף איז אָנגעגריפן געוואָרן שאָלעם־אַלייכעמס רוף צו די ייִדישע שרײַבער, זיי זאָלן גיין מיטן וועג פון דער רוסישער סאטירישער ליטעראטור. דער רעדאקטאָר פון „יודישעס פאָלקס־בלאט" לעווי האָט געשריבן: „אין קיִעוו איז דאָ א געוויסער שאָלעם־אַלייכעם, אין פריִערדיקע יאָרן, וואָס האָט א שטיקל פען אין האנט — ווי מע האָט געזען פון זײַנע פעליעטאָנטשיקעס אין „פאָלקס־בלאט", — און מיסטאמע האָט אים עמעצער געזאָגט, אז דער אוילעם האָט האנאָע פון זײַנע פּוסטינקע גלײַכווערטלעך, האָט ער זיך אָנגעהויבן אײַנצורעדן בעעמעס, אז ער איז א גרויסער מעכאבער. ער האָט געהערט זאָגנדיק, אז בא זיי, ביניהם (בײַנייעם) איז עפּעס געווען א גאָגאָל, א שטשעדרין אדגל., וואָס האָבן מיט זייער סאטירע זייער פיל געווירקט אויסצולעבן די שלעכטע מידעס, האָט ער אָנגעהויבן זיך אויך ארײַנצורעכענען צווישן די גרויסע סאטיריקער"[4].

3

פון די רוסישע שרײַבער פון סאָף XIX, אָנהייב XX יה. האָט שאָלעם־אַלייכעם העכער פון אלעמען געשעצט טאָלסטאָיען, טשעכאָוון און גאָרקין. מיט טשעכאָוון דערנעענטערט אים די נייגונג צו לירישן הומאָר און דאָס אויסוויילן די קליינע דערציילערישע פאָרם — די נאָוועלע — אלס הויפּט־זשאנער. סײַ אין טשעכאָווס, סײַ אין שאָלעם־אַלייכעמס ווערק פארנעמט דאָס צענטראלע אָרט די שילדערונג פונעם „קליינעם מענטשעלע" און זײַן ביטערער גוירל באם קאפּיטאליזם. פאר זיי איז כאראקטעריסטיש דאָס, וואָס זיי קאָנען אין אן אומבאדײַטנדיקן פאקט פארקערפּערן א וויכטיקע לעבנס־דערשײַנונג, אין איינצל־

[3] בײַלאגע צו „יודישעס פאָלקסבלאט", נומ. 29, 1888.

[4] „יודישעס פאָלקסבלאט", נומ. 16, מײַ 1889.

נעם און אינדיווידועלן — דאָס אַלגעמיינע און טיפּישע; זיי קאָנען טיף אָפּשפּיגלען דאָס לעבן, שילדערנדיק די געוויינלעכע און וואָכעדיקע ווירקלעכקײַט, אײַנהיטנדיק דערבײַ פּראָסטקײַט, קלאָרקײַט, אָרגאַנישע נאַטירלעכקײַט פון דער שילדערונג, קיינמאָל ניט אַרײַנפאַלנדיק אין מאַנירלעכקײַט און פּאָזע. אין שאָלעם־אַליכעמס און טשעכאָווס פּיעסן טרעפן זיך אָפט ענלעכע סוזשעטישע סיטואַציעס, קאָמישע לאַגעס, פּסיכאָלאָגישע קאָליזיעס און קאָנפליקטן.

צו טאָלסטאָיען האָט שאָלעם־אַלייכעמען געצויגן און דערנענטערט די עכטע נאַטירלעכקײַט און אָרגאַנישקײַט אינעם שילדערן מענטשן און לעבנס־דערשײַנונגען, די אַבסאָליוטע אָפּוועזנהײַט פון יעדער מין ליטעראַרישער מאַנירלעכקײַט, די טיפע לעבנס־וואָרהאַפטיקײַט, וואָס ווישט קימאַט אָפּ דעם אונטערשייד צווישן לעבן און קונסט, צווישן „דיכטונג און וואָרהײַט”. טאָלסטאָיס שאַפונג, זײַן מעכטיקער געני האָבן באַגײַסטערט שאָלעם־אַלייכעמען.

אינעם בריוו צום רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „וועגעטאַריאַנסקאָיע אָבאָזרעניע” דר. פּערפּער דעם 1 דעקאַבער 1910 האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן: „איר ווילט, איך זאָל אײַך שרײַבן עפּעס וועגן טאָלסטאָיען, אַך, מײַן גאָט! איך זאָל שרײַבן וועגן אַזאַ אויג מעלעך האַבאָשן פון דער ליטעראַטור? איך זאָל שרײַבן וועגן אַזאַ שימשן האַגיבער פון דער מענטשהײַט?.. איך האָב מיך קאָל־יאָמײַ געריסן צו דער דאָזיקער שײַנענדיקער, לײַכטנדיקער און וואַרעמענדיקער זון, וואָס האָט געהייסן „טאָלסטאָי”. איך האָב זיך אַמאָל געהאַט דאָס וואָרט געגעבן: איך וועל ניט שטאַרבן, ביז איך וועל ניט זײַן אין יאַסנעפּאָליאַנע און זען טאָלסטאָיען. מײַן וועלן זען טאָלסטאָיען איז ניט געווען בלויז אַ פּוסטע נײַגעריקײַט און ציקאַוועסט אָנקוקן דעם נאָווי פון אונדזער צײַט... איך בין געווען אַ כאָסיד פון זײַן אומגעהייער קינסטלערישן טאַלאַנט... איך האָב ניט זויכע געווען צו קענען טאָלסטאָיען פּערזענלעך — און דאָס וועט מיר באַנק טאָן ביז מײַן לעצטן טאָג אָף דער ערד”[5].

שאָלעם־אַלייכעם האָט אויך געמיינט, אַז טאָלסטאָיס רעליגיעזע לערע און מאָראַל, זײַן קעגנשטעלן זיך צו דער אָפיציעלער קריסטלעכער פּראַוואָסלאַווישער קירך, פאַלט מיט עפּעס וועזנטלעכס צונויף מיט דער לערע און מאָראַל פון דער ייִדישער רעליגיע, פונעם טאַנאַך און באַזונדערס פון די נעוויִים. אינעם דערמאָנטן בריוו צו דר. פּערפּער האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן:

„איך בין געווען אַ כאָסיד פון זײַן אומגעהייער גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט און אַן אָנהענגער פון זײַן טוירע. איך האָב געהאַלטן, אַז זײַן טוירע איז אונדזער ייִדישע טוירע. אָף אַ סאַך, אַ סאַך פּונקטן איז ער, נאָך מײַן מיינונג, זיך צונויפגעגאַנגען מיט אונדזערע ייִדישע כאַכאָמים און צאַדיקים. זײַן אייביקע מילכאָמע מיטן יעיצערהאָרע, מיטן סאָטן־מעקאַטרעג, זײַן אָפּזאָגן זיך פון דבר מין החי, זײַנע סיגופים, זײַן אָנווײַזן אַלע מאָל אָף צאַרבאַלעכײַים, אויך זײַן אַוועקלאָזן זיך אין דער וועלט אַרײַן, און זײַן וועלן אַוועקגיין פון זיך אַליין, און זײַן טויט,

[5] ש אָ ל ע ם־א ל יי כ ע ם. אויסגעוויילטע בריוו. „דער עמעס”, מאָסקווע, 1941, זז. 226—228.

און אַפילע די קווורע זײַנע — אַלעס, אַלעס — איז ייִדיש...”[6]

טאָלסטאָיס און טשעכאָווס קונסט איז געווען פאַר שאָלעם־אַלייכעמען דער העכסטער מוסטער — ער האָט גערופן די ייִדישע שרײַבער זיך לערנען בא טאָלסטאָיען און טשעכאָוון. ער האָט געזאָגט: „אַ וועגווײַזער מעג זײַן אַזאַ ווי טאָלסטאָי, אַזאַ ווי טשעכאָוו, וואָס מאַכן ניט קיין אָנשטעלן, שרעקן ניט דעם אוילעם מיט זייער טיפער כאָכמע, וואָס מע דאַרף האָבן אַ באַזונדערע זכיע זי צו פאַרשטיין, — זיי זײַנען אַזוי עכט און אַזוי אופריכטיק, אַז אַלע פאַרשטייען זיי. אָט בא וועמען מע דאַרף זיך לערנען, וויאַזוי צו שרײַבן!”[7]

אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּאָגראָם אין קעשענעוו האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך געווענדט צו די אָנגעזעענסטע רוסישע שרײַבער מיט אַ ביטע, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אינעם זאַמלבוך „הילף” לטובֿת די געליטענע פונעם פּאָגראָם. ל. נ. טאָלסטאָי, אַ. פּ. טשעכאָוו און וו. ג. קאָראָלענקאָ האָבן זיך אָפּגערופן אָף שאָלעם־אַלייכעמס ווענדונג און האָבן פאַרורטיילט די צאַרישע רעגירונג פאַר דער פּאָליטיק פון אָנרייצן איין נאַציע אָף דער צווייטער און פאַר אָרגאַניזירן ייִדישע פּאָגראָמען:

ל. נ. טאָלסטאָי — שאָלעם־אַלייכעמען

„סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש!

דאָס שוידערלעכע פאַרברעכן אין קעשענעוו האָט מיך קרענקלעך אופגערודערט. טיילווײַז האָב איך אויסגעדריקט מײַן באַציִונג צו אָט דעם איניען אין אַ בריוו צו אַ באַקאַנטן ייִדן, די קאָפּיע פון דעם בריוו לייג איך צו. די טעג האָבן מיר פון מאָסקווע געשיקט אַ קאָלעקטיוון בריוו צו דעם הויפּט פון דער קעשענעווער שטאָט־אופּראַווע, וואָס דריקט אויס אונדזערע געפילן אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דעם שוידערלעכן איניען.

איך וועל גערן מיטהעלפן אײַער זאַמלונג און וועל זיך שטאַרען אָנשרײַבן עפּעס אַזוינס, וואָס אַנטשפּרעכט די אומשטענדן.

צום באַדויערן, וועל איך אָט דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגן, נעמלעך, אַז די שולדיקע ניט נאָר פון די קעשענעווער שוידערלעכקײַטן, נאָר אויך פון דער צעשפּאַלטונג, וואָס ווערט פאַרשפּרייט איצט צווישן אַ קליינעם טייל — און ניט קיין פאָלקסטימלעכן — פון דער רוסישער באַפעלקערונג, איז בלויז די רעגירונג, צום באַדויערן, וועל איך גראָד אָט דאָס ניט קאָנען זאָגן אין אַ רוסישער געדרוקטער אויסגאַבע.

6 מײַ 1903 י.

לעוו טאָלסטאָי”[8].

[6] דאָרט, זז. 227—228.

[7] „דאָס שאָלעם־אַלייכעם־בוך”. ניו־יאָרק, 1926, ז. 4.

[8] ל. נ. ט אָ ל ס ט אָ י. פולע געזאַמלטע ווערק. ב. 74, גאָסליטיזדאַט, מ., 1954, זז. 118—119.

א. פּ. טשעכאָוו — שאָלעם־אַלייכעמען

„19 יון 1903.

פֿילגעאַכטעטער סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש!

איך שרײַב איצט ביקלאַל ניט, אָדער איך שרײַב זייער ווייניק, אַזוי, אַז צוזאָגן עפּעס קאָן איך בלויז באַדינגלעך: איך וועל גערן אָנשרײַבן אַ דערציילונג, אויב די קרענק וועט מיר ניט שטערן. וואָס איז שײַך מײַנע פֿאַרעפֿנטלעכטע דערציילונגען, זײַנען זיי אַלע אין אײַער רעשוס, און דאָס איבערזעצן זיי אַף ייִדיש און פּובליקירן לעטויוועס די ייִדן, וואָס האָבן געליטן אין קעשענעוו, וועט מיר פֿאַרשאַפֿן בלויז באַפֿרידיקונג.

מיט אופֿריכטיקער אַכטונג און איבערגעגעבנקײַט
א. טשעכאָוו

אײַער בריוו האָב איך באַקומען נעכטן, דעם 18 יון. נאַראָ־פֿאָמינסקאָיע, מאָסקווער גוב.״[9].

וו. ג. קאָראָלענקאָ — שאָלעם־אַלייכעמען

„17 יון 1903 י.

דערווײַל קומט אויס זיך צו באַגרענעצן מיט דערלויבן אָפּצודרוקן קאַפּיטלען פֿונעם „בלינדן מוזיקאַנט״ אין אײַער איבערזעצונג. אײַער אײַנלאַדונג האָט מיך געטראָפֿן אין אַזאַ מינוט, ווען איך קאָן אַבסאָליוט ניט צוזאָגן עפּעס נײַס — איך קאָן קוים בלויז זיך ספּראַווען מיט דעם, וואָס שטייט פֿאַר צו טאָן די נאָענטסטע צײַט.

וואָס קאָן מען זאָגן וועגן קעשענעווער פּאָגראָם? דאַכט זיך, דאָ קאָנען ניט זײַן קיין צוויי מיינונגען. אַלץ דאַרף זיך צונויפֿגיסן אין איין געפֿיל. דאָס איז עפּעס אַ סטיכיייִשער אויפֿברויז פֿון ווילדע איבערלעבונגען, וואָס, ווי אַ וווּלקאַנישער אויסברוך, רײַסט עס אויף דאָס דינע הײַטל פֿון אונדזער קולטור. שוין לאַנג האָב איך ניט איבערגעלעבט אַזעלכע שווערע מינוטן, ווי אין די עטלעכע טעג, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין קעשענעוו.

איך ווינטש דערפֿאָלג אײַער זאַמלבוך.

וו. קאָראָלענקאָ״[10].

דער אַנטיסעמיטיזם, אָט די „רעליגיע פֿאַר די אייזלען״ (לויטן אויסדרוק פֿון אווגוסט בעבעל), די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג האָט אַרויסגערופֿן אַ צאָרנדיקן פּראָטעסט באַ די גרויסע פֿאָרשטייער פֿון דער רוסישער ליטעראַטור. שאָלעם־אַלייכעמס ווענדונג האָט געפֿונען אַ ברידערלעכן אָפּקלאַנג אין זייערע הערצער.

[9] א. פּ. טשעכאָוו. פֿולע געזאַמלטע ווערק און בריוו, ב. 20, גאָסליטיזדאַט, מ., 1951, ז. 114.

[10] וו. ג. קאָראָלענקאָ. געזאַמלטע ווערק אין צען בענדער. ב. 10, גאָסליטיזדאַט, מ., 1956, ז. 368.

4

באַזונדערס אינטערעסאַנט זײַנען די באַציִונגען צווישן שאָלעם־אַלייכעמען און מאַקסים גאָרקין. פֿאַר שאָלעם־אַלייכעמען איז גאָרקי געווען אַ נײַער טיפּ שרײַבער אין דער עפּאָכע פֿון דער פֿאָלקס־רעוואָליוציע; ער האָט געפֿילט אַ באַזונדערע נאָענטקײַט צו גאָרקין און האָט זיך געסטאַרעט אַפֿילע אויסערלעך זײַן ענלעך אַף אים[11].

אין יאָר 1901 האָט גאָרקי פֿאַרטראַכט אַרויסגעבן אַ זאַמלונג פֿון ייִדישער קינסטלערישער ליטעראַטור אַף רוסיש. גאָרקיס אינטערעס צו דער קינסטלערישער שאַפֿונג פֿון די פֿעלקער אין רוסלאַנד איז אַלגעמיין באַוווּסט. אַלס קינסטלער פֿונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, האָט ער זיך געסטאַרעט צו ריכטן די אַנטוויקלונג פֿון די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן אַף אַ רעוואָליוציאָנערן און דעמאָקראַטישן וועג.

שאָלעם־אַלייכעם איז אײַנגעלאַדן געוואָרן צו נעמען אַן אָנטייל אין דער זאַמלונג. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט ער זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו גאָרקין:

„...איך האָב באַקומען אײַער ליבנסווירדיקע אײַנלאַדונג... איך האָב געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסער ערע פֿאַר זיך צו דורכשרײַבן זיך מיטן „הערשער פֿון די געדאַנקען פֿון אונדזער צײַט״, צו וועמען, דאַרף מען זאָגן, עס האָט פֿון לאַנג געשטרעבט מײַן האַרץ״[12].

וועגן אָט דער זאַמלונג האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן צו דעם ייִדישן שרײַבער יערוכימזאָנען:

„איר ווייסט, די כסידיי אומעס־האָוילאָם האָבן זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו אונדז, צוהערן און אינטערעסירן זיך. איינער פֿון זיי, אַ מענטש מיט אַ גוואַלדאָוונער פּען, מיט אַ ריזן־טאַלאַנט און מיט אַ גילדן האַרץ — מאַקסים גאָרקי — האָט זיך גענומען צו אונדז גאַנץ געשמאַק״[13].

שאָלעם־אַלייכעם ווײַזט אַרויס גרויס איניציאַטיוו און אינטערעס צו דעם דאָזיקן זאַמלבוך, ער זאַמלט צונויף נייטיקע מאַטעריאַלן, ביאָגראַפֿישע ספּראַווקעס וועגן די אָנטיילנעמער און אַזוו. די זאַמלונג איז ניט דערשינען, ווײַל גאָרקי איז אַרעסטירט געוואָרן[14].

[11] י.־ד. בערקאָוויטש דערציילט, אַז נאָך דער באַגעגעניש מיט גאָרקין אין 1904 האָט שאָלעם־אַלייכעם אָנגעהויבן טראָגן אַ „גאָרקי־העמדל״ — אַזוי גרויס איז געווען דער אויטאָריטעט פֿונעם רוסישן רעוואָליוציאָנערן שרײַבער אין די אויגן פֿון שאָלעם־אַלייכעמען (זע „דאָס שאָלעם־אַלייכעם־בוך״, ניו־יאָרק, 1926, ז. 156).

[12] שאָלעם־אַלייכעם. אויסגעוויילטע בריוו. „דער עמעס״, מאָסקווע, 1941, ז. 114.

[13] דאָרט, ז. 116.

[14] אין 1902 האָט גאָרקי (נאָכן באַפֿרײַען זיך פֿון אַרעסט) ווידער געמאַכט אַ פּרוּוו אַרויסצולאָזן אַ זאַמלונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אַף רוסיש. ווי ס'איז צו זען פֿון גאָרקיס בריוו, האָט שאָלעם־אַלייכעם געזאָלט זײַן ניט בלויז אַן אָנטיילנעמער, נאָר דער רעדאַקטאָר פֿון דער זאַמלונג. זע גאָרקיס בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען (מ. גאָרקי. געזאַמלטע ווערק אין דרײַסיק בענדער. גאָסליטיזדאַט, מ., 1954,

אין א בריוו צו י.-כ. ראווניצקין, אין אָקטיאבער 1903, רופט שוין שאָלעם-אלייכעם אָן גאָרקין אלס זײַן פרײַנט, כאָטש זיי האָבן זיך נאָך פערזענלעך ניט באגעגנט. וועגן אזא באגעגעניש האָט שאָלעם-אלייכעם געטרוימט. זי איז פאָרגעקומען דעם 15 נאָיאבער 1904 אין פעטערבורג. וועגן דעם האָט שאָלעם-אלייכעם דעם זעלבן טאָג געשריבן צו זײַנע קינדער א באגײַסטערטן בריוו:

„...ליבע קינדער!

איך שרײַב אײַך אלעמען אונטערן פרישן אײַנדרוק פון מײַן ערשטן וויזיט באם קומיר פון אונדזערע טעג, דעם באהערשער פון געדאנקען, מאקסים גאָרקי. ער האָט מיך אופגענומען עכט כאוועריש. גלײַך נאָך די ערשטע ווערטער, נאָך דעם ווי ער האָט מיך באטראכט פון קאָפ ביז די פיס, האָט ער מיך פארבעטן אין עס-צימער צו טיי, און עס איז אוועק בא אונדז א געשפרעך וועגן איניאָנים פון ליטעראטור, פון דער אלגעמיינער און דער יידישער, און, כלעבן, איך האָב מיך אפילע ניט אומגעקוקט, ווי עס איז אריבער א שאָ (פון 11 ביז 12). ער האָט געבעטן ארײַנקומען צו אים גאנץ פאָשעט. אליין גענומען אף זיך צו באקענען מיך מיט די בעסטע פאָרשטייער פון דער פרעסע — האקלאל, געווען פרײַנטלעך...“[15]

כאראקטעריסטיש איז דער עפיזאָד, וואָס איז פאָרגעקומען בייס שאָלעם-אלייכעם איז געווען אין אמעריקע.

שאָלעם-אלייכעם איז געקומען קיין אמעריקע אינגיכן נאָך דעם, ווי פון דאָרט איז ארויסגעשיקט געוואָרן מאקסים גאָרקי מיט זײַן פרוי, קלוימערשט פאר אמאָראלישקײַט. די רעאקציאָנערע פרעסע אין אמעריקע האָט זיך דערשראָקן פאר דער ווירקונג פונעם גרויסן שרײַבער אף די אמעריקאנער ארבעטער און האָט פאָרגענומען ווילדע רעדיפעס קעגן אים, אונטערן אויסרייד, וואָס זײַן כאסענע איז נישט באשטעטיקט פון דער קירך.

שאָלעם-אלייכעמען האָט מען צוערשט באגעגנט אף א טיפיש אמעריקאנישן אופן — מע האָט געמאכט פון זײַן קומען „א סענסאציע“. מע האָט אים גלײַך דערקלערט פארן יידישן מארק טווען. שאָלעם-אלייכעם, האגאם ער איז נאָך ניט געווען באקענט מיט די אמעריקאנער זיטן, האָט, ניט געקוקט אף די ליבגעזאנגען אין זײַן אדרעס, פונדעסטוועגן געהאלטן פאר נייטיק ארויסצוטרעטן קעגן די רעדיפעס אף גאָרקין.

ענטפערנדיק אף די באגריסונגען אפן פײַערלעכן אָוונט אין יאקאָוו אדלערס ניו-יאָרקער „גרענד-טעאטער“, האָט שאָלעם-אלייכעם געזאָגט, אז ער איז ניט דער יידישער מארק טווען, אז מארק טווען איז דער אמעריקאנער שאָלעם-אלייכעם, און אז ער, שאָלעם-אלייכעם, האָט כאסענע געהאט קעדאס מויִשע וועיִסראָעל, און דעריבער איז ער ניט געפערלעך ניט פאר אמעריקע, ניט פאר איר מאָראל, אז ער איז ביקלאל „אָל רײַט“.

דאָס איז געווען אן ארויסרוף דער אמעריקאנער רעאקציאָנערער פרעסע און באזונדערס מארק טווענען.

מארק טווען איז געשטאנען בעראָש פונעם קאָמיטעט, וואָס די אמעריקאנער שרײַבער האָבן געשאפן, קעדיי פײַערלעך צו באגעגענען גאָרקין. אָבער ווי נאָר עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדיפעס אף גאָרקין, האָט מארק טווען זיך אָפגעזאָגט ניט בלויז צו שטיין בעראָש פונעם קאָמיטעט, נאָר אפילע בײַזײַן אפן באנקעט לעקאָוועד דעם רוסישן רעוואָליוציאָנערן שרײַבער.

שאָלעם-אלייכעם איז געווען איבעראשט פון מארק טווענס האנדלונג. דאָס איז געווען זײַן באליבטער שרײַבער, וועלכן ער האָט געשעצט זייער הויך פאר זײַן דעמאָקראטיזם, פאָלקסטימלעכקײַט, פארן גלענצנדיקן הומאָר, וואָס איז אים געווען קרויוויש. שאָלעם-אלייכעמען איז שווער געווען צו פארשטיין, וויאזוי האָט געקענט דער אמעריקאנער אָנגעזעענער שרײַבער זיך ניט קעגנשטעלן די רעדיפעס בענעגייע דעם גרויסן הומאניסט פון דער וועלט-ליטעראטור מאקסים גאָרקי.

די אמעריקאנער פרעסע האָט פארשוויגן שאָלעם-אלייכעמס ארויסטרעטונג אף צו פארטיידיקן גאָרקין. פון דעם מאָמענט אָן איז די אמעריקאנער „אָפיציִעלע געזעלשאפט“ אָפגעקילט געוואָרן צום יידישן שרײַבער. איצט האָבן זיך אָנגעהויבן רעדיפעס אויך קעגן אים.

בא שאָלעם-אלייכעמען אין שטוב האָט געהערשט אן עמעסער קולט פון גאָרקין. איינע פון די פארשוינען אינעם ווערק „טעוויע דער מילכיקער“ דערקלערט מיט באגײַסטערונג: „גאָרקי איז איצט קימאט דער ערשטער מענטש אין דער וועלט“.

אין שאָלעם-אלייכעמס און גאָרקיס שאפן איז פאראן א סאך אלגעמיינס. פריִער פאר אלץ האנדלט זיך וועגן דער אָפשפיגלונג פון די געשעענישן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע. די עפאָכע פון דער רעוואָליוציע שטעלט מיט זיך פאָר א גאנצן עטאפ אין זייער שאפן. זעלבסטפארשטענדלעך, אז זיי האָבן פארשיידן אופגענומען און אָפגעשפיגלט די רעוואָליוציע. גאָרקי איז געווען א פראָלעטארישער שרײַבער, אן איבערצײַגטער מארקסיסט און א רעוואָליוציאָנער. שאָלעם-אלייכעם איז ניט געווען קיין רעוואָליוציאָנער און האָט ניט געהערט צו קיין שום פאָליטישער פארטיי. אָבער זיי ביידע זײַנען געווען עמעסע פאָלקס-שרײַבער, האָבן פײַנט געהאט דעם צארישן רעזשים און די פאָליטיק פון נאציאָנאלער און סאָציאלער אונטערדריקונג, זיי האָבן מיטגעפילט די ליידן פונעם פאָלק און געגלייבט, אז דאָס פאָלק וועט זיך דערשלאָגן א בעסער לעבן. די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן זײַנען אָפגעשפיגלט אין גאָרקיס ראָמאן „די מוטער“ און אין שאָלעם-אלייכעמס ראָמאן „דער מאבל“. אין ביידע ווערק זײַנען פאראן קרויווישע געשטאלטן, טעמעס און בילדער.

אזעלכע טעמעס, לעמאָשל, ווי די צעפאלונג פון דער בורזשואז-באלעבעסלדיקער פאמיליע, דאָס קעגנשטעלן צוויי סאָציאלע לאגערן אין שאָלעם-

ב. 28, ז. 209) און צו ק. פ. פיאטניצקין (דאָרטן, זז. 229 — 230). אָבער אויך דאָס מאָל איז די זאמלונג ניט דערשינען. די סיבעס זײַנען ניט באוווּסט.

[15] שאָלעם-אלייכעם. אויסגעוויילטע בריוו. מאָסקווע, 1941, זז. 148 — 149.

אלייכעמס פיעסן אין די יאָרן פון דער רעוואָליוציע („צעזייט און צעשפרייט", „מענטשן") רופן זיך איבער מיט גאָרקיס פיעסן פון דעם זעלבן פעריאָד „מעשטשאַניע", „דאַטשניקי", „ווראַגי". די קריטיק פונעם פארגליווערטן באַלעבעסלדיקן שטעטלדיקן שטייגער אין שאָלעם־אלייכעמס באַוווּסטן ציקל וועגן אַלט־ און נײַ־קאַסרילעווקע רופט זיך דײַטלעך איבער מיט גאָרקיס אָקוראָווער ציקל. מע קאָן, ענדלעך, אויך אָפּמערקן, אַז די שאַרפע קריטיק פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם און פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזער קולטור אין שאָלעם־אלייכעמס שאַפן נאָך דער רעוואָליוציע איז אין אײַנקלאַנג מיט גאָרקיס אַרויסטרעטונגען וועגן דעם „געלן שעד", דעם אַמעריקאַנער לעבנשטייגער.

5

שאָלעם־אלייכעמס ליבע צו דער רוסישער ליטעראַטור איז ניט געווען קיין אײַנזײַטיקע. דאָס איז געווען אַ קעגנזײַטיקע ליבע און אַ קעגנזײַטיק פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן.

שאָלעם־אלייכעם איז דער איינציקער גרויסער שרײַבער אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער רוסישער קולטור און פון איר אָנערקענט. איך נעם אָף זיך די דרייסטקײַט צו דערקלערן, אַז די רוסישע ליטעראַטור אין דער פּערזאָן פון אירע בעסטע פאָרשטייער האָבן אָנערקענט שאָלעם־אלייכעמס גאָוניעס נאָך ביז דעם, ווי ער איז אָנערקענט געוואָרן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מיר האָבן שוין געזען, מיט וואָס פאַר אַ אַכטונג עס האָבן זיך צו אים באַצויגן ל. נ. טאָלסטאָי, אַ. פּ. טשעכאָוו, וו. ג. קאָראָלענקאָ.

אין 1909 האָט דער פאַרלאַג „סאָווּרעמעניִע פּראָבלעמי" פאָרגענומען אַן אויסגאַבע פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק אָף רוסיש. דאָס ווערק „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" און אַנדערע ווערק, וואָס האָבן זיך באַוויזן אָפן ביכער־מאַרק, האָבן געמאַכט אַ רוישעם אין דער רוסישער ליטעראַטור פון יענער צײַט. דעם אווטאָר האָט מען פאַרגליַיכט מיט גאָגאָלן, דיקענסן, מע האָט אים געשטעלט אין איין ריי מיט די בעסטע קינסטלער פון דער וועלט־ליטעראַטור, מע האָט אים אײַנגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין די גרעסטע זשורנאַלן. מאַקסים גאָרקי האָט דערזען אין „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" אַ באַזונדערע נאָענטקײַט פון שאָלעם־אלייכעמען צום פאָלק. איבערלייענענדיק אין 1910 די איבערזעצונג פונעם ערשטן בוך „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", האָט אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש פּינקטלעך און טיף אָפּגעמערקט די גרונט־שטריכן פונעם ווערק און פון שאָלעם־אלייכעמס שאַפן: „טרויעריקער און האַרציקער הומאָר", „פײַנע, גוטע און קלוגע ליבע צום פאָלק".

אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש האָט מיט גרויס וואַרעמקײַט, מיט עפּעס אַ באַזונדער מין ברידערלעכער פרײַנטשאַפט זיך באַצויגן צו שאָלעם־אלייכעמען. גאָרקיס בריוו צום ייִדישן פאָלקס־שרײַבער זײַנען פול מיט אופריכטיקע כוואַרישע געפילן. „אופריכטיק געאַכטעטער מיטברודער", „טײַערער מיטברודער" — אַזוי האָט גאָרקי שטענדיק זיך געווענדט אין זײַנע בריוו צו שאָלעם־אלייכעמען. אָט איז אַזאַ בריוו פון קאַפּרי אין 1911:

„איך דאַנק אײַך האַרציק, טײַערער מיטברודער, פאַר דער פײַנער מאַטאָנע. מיט קיין אַגאַטן־בלײַער וועל איך מיסטאָם ניט שרײַבן, נאָר איך וועל אים היטן זאָרגזאַם, ווי אַ מאַטאָנע פון אַ שרײַבער, וואָס זײַנע ביכער לייען איך שטענדיק אי מיט פריידיקער אופרעגונג, אי מיט טרויער.

זײַט געזונט — און נאָכאַמאָל אַ דאַנק"[16].

ענלעכע אָפּרופן האָבן אַרויסגערופן שאָלעם־אלייכעמס ווערק בײַ אַנדערע רוסישע שרײַבער־רעאַליסטן פון יענער צײַט. אַ. אי. קופּרין, לעמאָשל, האָט געשריבן שאָלעם־אלייכעמען: „אייניקע לאַכן, לייענענדיק אײַער טרויעריקן הומאָר, און איך וויין..."[17]

מיט באַגײַסטערונג האָט באַגעגנט שאָלעם־אלייכעמס ווערק אָף רוסיש אַלעקסאַנדער אַמפיטעאַטראָוו: „שוין לאַנג, — האָט ער געשריבן, — האָט קיין שום בוך ניט געצוווּנגען מיך אַזויפיל צו לאַכן, — אַזוי גוט, פײַן צו לאַכן — און איך שעם זיך ניט מודה צו זײַן, אַזויפיל מאָל צו פילן, אַז נאָך אַ ביסל, נאָך אַן איבעריקער דרוק פון דער פען אין דער האַנט פונעם גרויסן טאַלאַנט — און דו האַלטסט ניט אויס: עס וועלן זיך אַ גיס טאָן פון די אַלטע אויגן, וועלכע זײַנען שוין געווינט צו זען סײַ גוטס, סײַ שלעכטס, טרערן, ווי די טרערן, וואָס עס האָט איר גאַנץ לעבן פאַרגאָסן די אָרעמע מוטער פונעם קליינעם מאָטעלע... סאַראַ שוידערלעך לעבן! סאַראַ אומופהערלעך טיף לײַדן! און סאַראַ קוועלנדיקע לעבנסלוסטיקײַט פאָנעם־על־פּאָנעם מיט דער כראָנישער שוידערלעכקײַט! סאַראַ לויטערע גדולדיקײַט! אַזאַ העלדישע און נאַיווע, ווײַל זי פאַרשטייט ניט איר העלדישקײַט, אויפנעמענדיק די דויערנדיקע טפיסע אין דער געטאָ, ווי דאָס לעבן... אַ גרויסער הומאָריסט! אַ געבענטשטער קינסטלער!

איך האָב אַמאָל געשריבן וועגן שאָלעם־אלייכעמען, אַז אין זײַן טאַלאַנט הערט זיך דער אָטעם פון דיקענסן. איצט, באַקענענדיק זיך מיט זײַנע פיר דערציילונגען, באַשטיי איך אַנטשיידן דערויף. פון אַלע הומאָריסטן־פאָרגייער איז דיקענס דער קויעך, וועלכער איז מער נאָענט צו שאָלעם־אלייכעמען"[18].

אַדאַנק דער ווײַטזיכטיקער אָפּשאַצונג פון די רוסישע שרײַבער האָט זיך שאָלעם־אלייכעמס רום פאַרשפּרייט אויסער דער ענגער נאַציאָנאַלער סוויווע. ער איז געוואָרן באַוווּסט דעם רוסישן לייענער און דעם מײַרעוו־אייראָפּעיִשן. שאָלעם־אלייכעמס ווערק האָבן זיך געדרוקט אָף רוסיש, פּויליש, ענגליש, דײַטש, רומעניש, האָלענדיש, סלאָוואַקיש,

[16] מ. גאָרקי. געזאַמלטע ווערק אין 30 בענדער. גאָסליטיזדאַט, מאָסקווע, 1955, ב. 29, ז. 189.

[17] ציטירט פון כתבי י. ד. ברקוביץ. הראשונים כבני אָדם, ספורי זכרונות על שלום־עליכם ובני דורו. הוצאת „דביר", תל־אביב, תשי"ד (1954), כרך תשיעי.

[18] Александр Амфитеатров. Дети черты, «Одесские новости». 20 марта (2 апреля) 1910 года, № 8070.

בולגאריש און אַף עספּעראַנטאָ. פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער לייענענדיקער וועלט איז אַנטפּלעקט געוואָרן זײַן וווּנדערלעכער טאַלאַנט, זײַן טיפער הומאַניזם, זײַן עמעסדיקער דעמאָקראַטיזם, זײַן גרויסע ליבע צום פּראָסטן מענטשן, צו די אַרבעטנדיקע מאַסן פונעם פאָלק. די לייענער־וועלט איז באַצויבערט געוואָרן פון זײַן רײַכן, מענטשלעכן און קלוגן הומאָר, פון זײַן אָנשטעקנדיקן, ווייכן, האַרציקן געלעכטער.

6

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז שאָלעם־אלייכעמס שאַפונג געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פאָרגעשריטענער קולטור־ירושה פון אַלע פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד. אַן אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג האָבן דאָ נאָכאַמאָל געהאַט די אַרויסטרעטונגען פון די באַדײַטנדיקע מײַסטערס פון דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס האָבן באַוויזן, אַז דער הומאַניזם פון שאָלעם־אלייכעמס שאַפונג, די פאָלקסטימלעכקײַט פון זײַן קונסט האָבן ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלע, נאָר אַן אַלמענטשלעכע באַדײַטונג.

אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקי האָט אין זײַן פאָרטראָג אויפן 1־טן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער גערעדט וועגן שאָלעם־אלייכעמען, ווי וועגן „אַן אויסשליסלעך טאַלאַנטפולן סאַטיריקער און הומאָריסט"[19].

גאָר טרעפלעך האָט א. וו. לונאַטשאַרסקי כאַראַקטעריזירט דאָס קאָמישע בא שאָלעם־אלייכעמען אַלס זיגערישער הומאָר. אין דער רעדע אויפן אָוונט, געווידמעט שאָלעם־אלייכעמס צענטן יאָרצײַט, האָט לונאַטשאַרסקי געזאָגט:

„שאָלעם־אלייכעמען האָט מען גערופן דער רוסישער מאַרק טווען, מע האָט אים פאַרגלײַכט מיט דיקענסן, מיט טשעכאָוון. אָבער דאָס איז ניט ריכטיק. ניט דיקענס, ניט טשעכאָוו, ניט אפילו גאָגאָל זײַנען ניט קיין פריילעכע מענטשן. זיי זײַנען טרויעריק. זיי לאַכן איבער די קויכעס. שאָלעם־אלייכעם האָט געלאַכט און געצוווּנגען לאַכן מיט אַן עמעסן, מיט אַ זיגערישן געלעכטער... שאָלעם־אלייכעם איז דער אויסדריקער פון דער הומאָר־סטיכיי פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן... צוזאַמען מיט זײַנע העלדן האָט שאָלעם־אלייכעם געלייזט די אינערלעכע ווידערשפּרוכן פונעם לעבן דורך געלעכטער"[20].

ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו האָט זייער הויך געשעצט שאָלעם־אלייכעמען אַלס מײַסטער פון דער דערציילערישער פאָרם אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור פון XIX און XX יאָרהונדערטן: „דער לעצטער יאָרהונדערט איז אויפן געביט פון ליטעראַטור קימאַט אינגאַנצן געווען אונטערן צייכן פון דעם ראָמאַן און דער דערציילונג. איצט, דוכט זיך, זײַנען מיר איידעס דערפון, וויאַזוי דער געוויכט־צענטער גייט אַריבער צו דער דראַמע און צו דער קאָמעדיע אי אַף דער

[19] מ. גאָרקי. געזאַמלטע ווערק אין דרײַסיק בענדער. גאָסליטיזדאַט, מ., 1953, באַנד 27, ז. 341.

[20] די צײַטונג „איזוועסטיאַ", נומ. 40, 1926 י.

בינע, אי, באַזונדערס, אין קינאָ. דער פאָריקער יאָרהונדערט האָט אונדז געגעבן אויסשליסלעכע לויט זייער קראַפט ראָמאַניסטן און דערציילער: פלאָבערן און מאָפּאַסאַנען, דיקענסן און טשעסטערטאָנען, טאָלסטאָיען און גאָרקין, טשעכאָוון... צענדליקער פרעכטיקע און גלענצנדיקע נעמען. צווישן דער דאָזיקער הערלעכער פּלעיאַדע פאַרנעמט דער נאָמען שאָלעם־אלייכעם אַ בעקאָוועדיק און ווירדיק אָרט".

„אָט דאָס בעקאָוועדיקע אָרט פאַרנעמט שאָלעם־אלייכעם אַדאַנק זײַן אומויסשעפּלעכער באַאָבאַכטערישקײַט, אַדאַנק זײַן טאַלאַנט, מיט וועלכן ער גיט אונדז איבער זײַן באַאָבאַכטערישקײַט און זײַן קענען דאָס פאָלק, אַדאַנק זײַן מערקווירדיקן אָפּטימיזם".

„מערקווירדיק איז שאָלעם־אלייכעם מיט זײַן וווּנדערבאַרן און מעכטיקן רעאַליזם, מיט זײַן קענען דערציילן וועגן דעם עכטן און עמעסדיקן, וועגן דער גרויסער טאָג־נויט. ער באַזיצט יענע פייִקײַט פון אַ גרויסן קינסטלער, וואָס איז אייגנטימלעך נאָר געציילטע: גיין אין דער מיט פונעם לעבן, אין דער סאַמע מיט פונעם האַמוין".

„און וואָס נאָך עס רעגט מיך אין שאָלעם־אלייכעמען — דאָס איז זײַן אויסערגעוויינלעכע ליערישקײַט, זײַן ליבע צו מוזיק... אָט די ליבע זײַנע צו מוזיק מאַכט אים זייער נאָענט מיט די רוסישע שרײַבער — מיט טאָלסטאָיען, טורגעניעוון, גאָרקין, טשעכאָוון, וואָס האָבן מיט וווּנדערלעכער שטאַרקײַט און ליבע גערעדט וועגן דער ליד און האָבן אַליין באַזיצט אַ מערקווירדיקע, קימאַט אַ גאַנצן גלעכע מוזיקאַלישקײַט. מוזיק קלינגט אין אַלע זײַנע ווערק. און דער ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוויי", וואָס דערציילט וועגן דעם אומגליקלעכן גוירל פון אַ קינסטלער אין די באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, געהערט צו די בעסטע מוסטערן פונעם אייראָפּעיִשן ראָמאַן. דאָס איז אַ וואָרהאַפטיקע און שטאַרקע פאַרזעצונג פון דער דערציילונג וועגן די „פאַרלוירענע אילוזיעס", וועלכע עס האָט נאָך אָנגעהויבן באַלזאַק"[21].

אַ פאַראַלגעמיינערטע כאַראַקטעריסטיק פון שאָלעם־אלייכעמען אַלס גרויסן פאָלקס־שרײַבער איז געגעבן געוואָרן אין דער באַוווּסטער אַרויסטרעטונג פון א. פאַדייעוון אַף דער פײַערלעכער זיצונג, געווידמעט שאָלעם־אלייכעמס 80־יאָריקן געבורטסטאָג. אַלעקסאַנדער פאַדייעוו האָט געזאָגט:

„שאָלעם־אלייכעם איז דער סאַמע באַליבטסטער שרײַבער פונעם ייִדישן פאָלק, דער גרעסטער קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. זײַן נאָמען איז אָבער אויך באַרימט און באַליבט בא אַלע פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד; זײַן רום איז אַ וועלט־רום".

„שאָלעם־אלייכעמס פאָלקסטימלעכקײַט דריקט זיך, פריִער פאַר אַלץ, אויס אין זײַן סאָציאַלן הומאַניזם — אין זײַן מיטגעפיל צו די אונטערדריקטע, אין זײַן ליבע צום אַרבעטס־מענטשן, אין זײַן אויפמערקזאַמקײַט צו דער מענטשלעכער פערזענלעכקײַט (באַזונדערס צו דער פאָרמירונג פון דעם קינדס פערזענ-

[21] ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו. אונדזער ליבע צו שאָלעם־אלייכעמען. אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" נומ. 12, מאָסקווע, 1941, זז. 7 — 8.

לעכקייט), אין זײַן קענען שעפן פולע הויפנס פון דעם רײַכסטן אויצער פון דער פאָלקס־כאָכמע, אין זײַן גענ‌יאַלן הומאָר, וואָס דער גרויסער גאָרקי האָט אים כאראקטעריזירט אלס „טרויעריקן און הארציקן הומאָר“, און וואָס דערנעענטערט שאָלעם־אַלייכעמען מיט דיקענסן, טווענען און טשעכאָוון.

פון דער אנדערער זײַט, איז באוווּסט, וואָס פארא שטראָף־ווערטער, פול מיט פאראכטונג און סארקאזם, שאָלעם־אַלייכעם האָט געפונען, ווען ער האָט זיי געווענדט קעגן דער בורזשואזיע און דער פלוטאָקראטיע. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען זײַן ראָמאן „סענדער בלאנק“ און די קאָמעדיע „יאקנעהאָז“. עס זײַנען באוווּסט זײַנע סאטירישע דערציילונגען, וועלכע זײַנען געווענדעט קעגן דעם צאריזם. און וויפל סאָציאַלע קריטיק פון די רײַכע און מאכטהאָבנדיקע האָט שאָלעם־אַלייכעם ארײַנגעלייגט אין מויל פון טעוויע דעם מילכיקן און שימעלע סאָראָקער“[22].

וועגן שאָלעם־אַלייכעמען האָבן געשריבן די רוסישע שרײַבער א. נ. טאָלסטאָי, מ. שאגיניאן, וו. פינק, ס. בארוזדין, ל. לענטש, די אוקראַ‌ינישע שרײַבער מ. באזשאן, א. קאָרנייטשוק, יו. סמאָליטש, דער מאָלדאווישער שרײַבער טשאָבאנו און א סאך אנדערע.

לויטן רוף פון דעם אלוועלטלעכן שאָלעם־ראט האָט די פּראָגרעסיווע מענטשהײַט אָפּגעמערקט אין 1959 הונדערט יאָר פון שאָלעם־אַלייכעמס געבוירן־טאָג. אין צוזאמענהאנג דערמיט האָט די „פּראווּדא“ אין אן ארטיקל געשריבן וועגן „דער הומאניסטישער אייגנשאפט פון שאָלעם־אַלייכעמס טאלאנט“. „ער האָט געפונען א טרייסט אין דער ליבע צום פאָלק, אין דער שטענדיקער האָפענונג, אז אין דער צוקונפט וועט דאָס לעבן זײַן בעסער און גערעכטיקער אײַנגעאָרדנט“. באַרירנדיק דעם סאָציאַלן אינהאלט פון שאָלעם־אַלייכעמס שאפונג, האָט די „פּראווּדא“ געשריבן: „דעם שרײַבער ציט צו ניט נאָר דער טראגישער שיקזאל פונעם „קליינעם מענטשעלע“, פונעם פאָלק, וואָס האָט ניט געוווּסט פון קיין גליק. דער לייענער געפינט אין זײַנע ביכער א צאָרנדיקע דעמאסקירונג פון דער ייִדישער בורזשואזיע. דער פארבאָט פון דער קאָמעדיע „יאקנעהאָז“ איז א גענוגנדיקער איידעס וועגן דער קראפט פון דער דאָזיקער דעמאסקירונג און וועגן דעם, ווי פּינקטלעך זי האָט געטראָפן אין ציל“. צום סאָף שרײַבט די „פּראווּדא“ וועגן די זשאנרען פון שאָלעם־אַלייכעמס שאפן: „שאָלעם־אַלייכעם איז געווען א מײַסטער פון פארשיידענע ליטעראַרישע פאָרמען: ער האָט געשריבן דערציילונגען, ראָמאנען, לידער, פּיעסן. באזונדערס פּרעכטיק האָט זיך ארויסגעוויזן זײַן טאלאנט אין דער קורצער נאָוועלע. א ריי ווערק פונעם שרײַבער, ווי, לעמאָשל, „מאָטל פּייסי דעם כאזנס“ אָדער „טעוויע דער מילכיקער“, שטעלן מיט זיך פאָר הויפּטזאכלעך ציקלען פון דערציילונגען, פאראייניקטע דורך איין אידיי“[23].

שאָלעם־אַלייכעם האָט אָפּגעגעבן אלע זײַנע קויכעס און ענערגיע אף צו באקאנען דעם רוסישן לייענער מיט דער ייִדישער ליטעראטור. „איך האלט פאר איינע פון די נוצלעכסטע און נייטיקסטע זאכן פאר ייִדן אצינד, — האָט ער געשריבן נאָך אין 1903, — צו באקענען די פעלקער מיטן ייִדן און מיט זײַן מאצעוו. און דאָס קאָן מען דערגרייכן בלויז דורך איבערזעצן אף רוסיש אינגאנצן אונדזער שיינע ליטעראטור“[24].

זײַן טרוים איז געווען דערגיין צום רוסישן לייענער, — זײַן שאפונג זאָל זיך צונויפגיסן מיט דער רוסישער ליטעראטור:

„...אך, ווען איך זאָל קענען ארויסשווימען אינגעם אָקעאן פון דער רוסישער ליטעראטור! דאָס וועט אומבאדינגט פאָרקומען. ס׳איז אָבער א שאָד, איך וועל שוין דעמלט ניט זײַן. און עפשער וועל איך יאָ זײַן. ווער ווייסט? כ׳וועל זײַן, כ׳וועל זײַן!“[25].

שאָלעם־אַלייכעמס גאוניִשקײַט באשטייט דערין, וואָס ער, ווי אלע באדײַטנדיקע קינסטלער פון דער וועלט, האָט זיך געשטיצט אף די דערגרייכונגען פון דער וועלט־ליטעראטור און האָט אייגנצײַטיק געשאפן נײַס, זײַנס, אָריגינעלס, אייגנארטיקס, אזוינס, וואָס איז נאָך ניט געווען, וואָס כאזערט זיך ניט איבער, א נײַע וועלט פון געפילן, איבערלעבונגען, באַרײַכערנדיק דערמיט דעם אויצער פון דער וועלט־קונסט. שאָלעם־אַלייכעם איז געווען א גרויסער נאציאָנאלער שרײַבער פונעם ייִדישן פאָלק, דערפאר איז ער אויך געווען א גרויסער שעפער פון דער אלמענטשלעכער קונסט. ער האָט געשאפן אלפאָלקישע און אלמענטשלעכע קינסטלערישע ווערק וועגן זײַן פאָלק און אף זײַן שפראך.

---

[22] א. פ א ד יי ע וו. שאָלעם־אַלייכעם — אונדזער אלגעמיינע קולטור־ירושע. אלמאנאך „סאָוועטיש“ נומ. 12, מ., 1941, ז. 5.

[23] רעדאקציאָנעל ארטיקל פון „פּראווּדא“ „שאָלעם־אַלייכעם (צום הונדערטסטן געבורטסטאָג)“. 2 מארט 1959.

[24] ש אָ ל ע ם־א ל יי כ ע ם. אויסגעוויילטע בריוו. ז. 141.

[25] דאָרט, ז. 201.

א ווערק פון גרויסער מײַסטערשאַפט

נ'יט לאַנג צוריק איז אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ דערשינען נויעך לוריעס בוך „אין וואַלד״. אויסער דעם ראָמאַן „אין וואַלד״, וועלכן דער אוטאָר האָט אָנגערופן באַשיידן „די געשיכטע פון איינעם א ייִשעוו״, גייען אַרײַן אינעם בוך אויך עטלעכע קלענערע דערציילונגען. אינעם נאָכוואָרט פונעם באַוווּסטן רוסישן שרײַבער לעוו סלאָווין, מיט וועלכן עס שליסט זיך די זאַמלונג, ווערט מיט גרויס ליבע און וואַרעמקײַט דערציילט וועגן דעם נאָבעלן מענטשן און באַדײַטנדיקן קינסטלער נויעך לוריע.

צום גרויסן באַדויערן, האָט נויעך לוריע, וועלכער איז ערעוו זײַן 75־יאָריקן יובילײ אומגעריכט געשטאָרבן אין סאַמע בלי פון זײַן טאַלאַנט, — ניט דערלעבט זען זײַן לעצט ווערק אָפּגעדרוקט אַף ייִדיש. ער האָט אָבער באַוויזן זען דאָס ווערק אין רוסיש אין זײַן אייגענער איבערזעצונג און איבערלייענען ניט ווייניק וואַרעמע אָפּרופן וועגן ראָמאַן אין דער אַלגעמיינער סאָוועטישער פּרעסע.

ביז דאַן איז נויעך לוריע געווען פאַרן אַלפאַרבאַנדישן לייענער א ווייניק באַקאַנטער נאָמען. דעם ייִדישן לייענער אָבער איז ער געווען באַוווּסט, אַזוי ווי האָפּשטיין, מאַרקיש, קוויטקאָ, פעפער, קושניראָוו, כאַריק, האַלקין און ווי פיל אַנדערע גרונטלייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

און דאָך, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, איז פאַר אַלע די, וועלכע האָבן אין משך פון צענדליקער יאָרן נאָכגעפאָלגט נאָך דער שאַפונג פונעם אוטאָר פון „עלטער מיט א נאַכט״, „א געוויינלעך לעבן״, „עליע יאָרש״, „בא דער אָפענער גרוב״ און פון פיל אַנדערע ווערק, — פאַר זיי איז דער ראָמאַן „אין וואַלד״ געווען אין א געוויסער מאָס אַן אַנטפּלעקונג. דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס נויעך לוריע האָט אָנגעהויבן שרײַבן נאָך פאַר דער מילכאָמע און האָט עס פאַרענדיקט קורץ פאַר זײַן טויט, שטעלט מיט זיך בעלי־סאָפעק פאָר א נײַעם באַדײַטנדיקן עטאַפּ אין זײַן שאַפונג און א וויכטיקע דערשײַנונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

נויעך לוריעס פריִערדיקע שאַפונג האָט טיילווײַז געליטן פון א באַשטימטער ראַציִאָנאַליסטישקײַט, גראָדליניקײַט, פון דעם, וואָס ניט שטענדיק האָט דער דענקער זיך אָרגאַניש צונויפגעגאָסן מיטן קינסטלער, — מערסטנטייל האָט דער דענקער גענומען די אויבערהאַנט איבערן קינסטלער, אָפּשוואַכנדיק דערמיט די עמאָציִאָנעלקײַט פון זײַנע ווערק. אין דעם ראָמאַן „אין וואַלד״ האָט דער טיפער דענקער זיך אָרגאַניש באַהעפט מיטן רײַפן מײַסטער, און פון דער דאָזיקער גליקלעכער באַהעפטונג האָט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור זיך באַרײַכערט מיט א באַדײַטנדיק קינסטלעריש ווערק.

א געוויסע ראָל האָט דערבײַ בעלי־סאָפעק געשפּילט דאָס, וואָס „אין וואַלד״ איז אין א באַשטימטער מאָס אַן אויטאָביִאָגראַפישער ראָמאַן. דעם קינסטלער איז ניט אויסגעקומען צוטראַכטן א סוזשעט, צוקלײַבן פּערסאָנאַזשן. ער האָט געהאַט פאַר זיך א גרייטן לעבנס־מאַטעריאַל, וועלכן ער האָט בלויז געדאַרפט, אַזוי צו זאָגן, „איבערדיכטן״. אין אַן אויטאָביִאָגראַפיש ווערק איז אַלס קלאַל, אייגנטלעך, ניטאָ קיין באַשטימטע דורכויסיקע סוזשעט־ליניע. די סוזשעטישע ליניע באַשטייט אין גרונט פון א ריי עפּיזאָדן, און יעדער איינער פון זיי קאָן באַטראַכט ווערן ווי א באַזונדערע פאַרגאַנצטע דערציילונג אָדער נאָוועלע; איינצײַטיק איז יעדער עפּיזאָד אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פונעם ווערק אינגאַנצן גענומען.

באַזונדערס בולעט איז עס צו זען אין די ביִאָגראַפישע ווערק, אין וועלכע דער העלד טרעט אַרויס ניט אין דער ערשטער פּערזאָן, ווי צום בײַשפּיל, אין שאָלעם־אַלייכעמס „פונעם יאַריד״ און בערגעלסאָנס „באַם דניעפּער״. דער הויפּט־העלד פון דעם ראָמאַן „אין וואַלד״, דאָס ייִנגל דאַניע, טרעט אויך אַרויס אין דער דריטער פּערזאָן. דאָס גיט דעם אוטאָר די מעגלעכקײַט ניט דערציילן, נאָר מאָלן.

מיט גרויסער קינסטלערישער קראַפט מאָלט פאַר אונדז דער אוטאָר די קינדערשע און ייִנגלשע יאָרן פון דעם קלוגן, צאַרטן און פילבאַרן דאַניען, וועלכער איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אין וואַלד. אויך אַלע איבעריקע געשטאַלטן, וועלכע זײַנען אַרויסגעפירט אין ראָמאַן און וועלכע האָבן אַזוי צי אַנדערש געהאָלפן אויספאָרמירן באַם יונגן העלד זײַן כאַראַקטער און וועלט־אָנשויונג, זײַנען לעבעדיקע פולבלוטיקע געשטאַלטן.

„דער אַלטער זילבערצווײַג, רעב יאַנקעוו, איז געזעסן אין זײַן פאָטעל, די פיס אָנגעשפּאַרט אַף א בענקעלע, אין מויל די פאַרלאָשענע לאַנגע ליולקע, פון די אַקסלען ביז אונטער די פּיאַטעס פאַרדעקט, פאַרוויקלט מיט פּאַטשיילעס און פּלעדן. ווי שטענדיק, האָט מען פון אים זעלטן־ווען געהערט א וואָרט. די גראָווע האָר, דער הויכער שטערן, די האָרבאַטע נאָז האָבן אויסגעדריקט ווירדע, ער האָט נאָר באַקומען א געווינשאַפט שטיל־שטיל מיט גאָר א קאַרגער באַוועגונג נאָכאַנאַנד שאָקלען מיטן קאָפּ, ווי אַף א טויטן, איבער וועלכן מ'איז שוין מיד געוואָרן צו וויינען״.

נ ו י ע ך ל ו ר י ע. אין וואַלד. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, מאָסקווע, 1972.

„ס׳איז אַרײַן לייבוש־דאָוויד: דער סורדוט צעשפּילעט, פון אונטערן זשיליעט הענגען די ציצעס, די הויזן אין די שטיוול, דאָס קײַלעכיקע פאָנעם, אין ראַם פון די שוואַרצע באָרד־און־פּייעס, — נאָך בלייכער, ווי שטענדיק, די אויגן — ווי פאַרטשאַדעט״.

„נעכעמיע דער ציגעלניק, א שטילער, א מידלעך פאַרהאָרעוועטער, נאָר מיט פרישׁ ראָזע באַקן, גלאַנציק שוואַרצע קוטשעראַווע האָר און שיינע ווײַנשלאויגן״.

„דער גראָוער בייניש איז געקומען פון זײַן טיפן העק, א שווערגופיקער, מיט א ברייט רויט פאָנעם, ווילד־פאַרוואַקסן פאַר אַלטקײַט. אָנגעגאָסן מיט קויעך, האָט ער אויסגעזען ווי א מעכטיקער קאָרטש פון אַן אַלטן אָפּגעזעגטן בוים״.

אָט אַזוי בוילעט, אָנשוילעך, פול מיט לעבן זײַנען באַוויזן די מערהײַט געשטאַלטן.

אין צענטער פון דער ייִדישער פּראָקטיאַבערליטעראַטור, ווי באַוווּסט, איז הויפּטזאַכלעך געשטאַנען דאָס שטעטל. אין די באַדינגונגען פונעם צאַרישן רוסלאַנד מיט זײַן טכום־האַמוישעוו האָט די שטאָט און דאָס דאָרף, נאַטירלעך, ניט געקאָנט פאַרנעמען אין דער ליטעראַטור, וואָס איז באַרופן עמעסדיק אָפּשפּיגלען די רעאַלע ווירקלעכקײַט, א באַדײַטנדיק אָרט. און קימאַט אינגאַנצן איז פאַרבײַגעגאַנגען די ליטעראַטור דעם סאָציאַלן שיכט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט וואַלד. שוין דערמיט אַליין, וואָס נויעך לוריעס ראָמאַן איז געווידמעט דער דאָזיקער טעמע, שטעלט ער מיט זיך פאָר א ווערק פון גרויס דערקענטעניש־ווערט. ס׳איז, אייגנטלעך, דאָס ערשטע גרויסע ווערק אויף דער דאָזיקער טעמע פאַר די לעצטע צענדליקער יאָר.

די גאַלעריי געשטאַלטן, וועלכע דער אַווטאָר האָט געשאַפן, זײַנען אין א געוויסער הינזיכט נײַע אין אונדזער ליטעראַטור. דאָס זײַנען קרעפטיקע, מוטיקע מענטשן, וואָס זײַנען מיט לײַב און לעבן באַהעפט מיט דער ערד, אויף וועלכער זיי זײַנען געבוירן און געוואַקסן. אַזעלכע זײַנען דאַניעס עלטערן, דער האָרעפּאַשניק שויעל און זײַן יונגע שיינע פרוי בוני, דער זיידע אַריע, די באַלעגאָלעס לייזער און כאָניע, דער ציגעלניק נעכעמיע, די שטאָלצע פירזאָגערן שיפרע, דער מילנער בערע און זײַנע זין... אפילע דאַניעס מעלאַמדים — הענעך און טאָדרעס — שיידן זיך אונטער פון די שטעטלשע מעלאַמדים, אויך פון זיי שמעקט מיט וואַלד.

יעדערער פון די דערמאָנטע און ניט דערמאָנטע פאַרשיידנאַרטיקע געשטאַלטן פאַרמאָגט זײַן אייגן פאָנעם, זײַן אייגענע אינערלעכע וועלט, רעדט מיט זײַן אייגענער שפּראַך, מיט א זאַפטיק בילדעריש ייִדיש לאָשן, וואָס איז פול מיט כאָכמע און פאָלקסווערטלעך.

די ייִדישע שטעטלעך אינעם טכום־האַמוישעוו זײַנען געווען צווישן זיך נאָענטע שכיינים. די שכיינים פון די וואַלד־ייִשוווים זײַנען געווען די אַרומיקע ניט־ייִדישע דערפער. די דאָזיקע באַזונדערקײַט האָט געפאָדערט פונעם שרײַבער־רעאַליסט אַרײַנפירן אין דער האַנדלונג אויך ניט ייִדישע פערסאָנאַזשן; דאָס אַרײַנפירן אין א ווערק פערסאָנאַזשן פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט שטעלט פאָר פאַר יעדן שרײַבער א באַשטימטע שוועריקײַט. עס האַנדלט זיך דאָך ניט אין דעם נאָמען און פאַמיליע־נאָמען, נאָר אין דעם, אַז אויך דער ניט־ייִדישער פערסאָנאַזש זאָל ווערן געגעבן מיט דער פולער קינסטלערישער קראַפט. דער יעגער יוזעפקאַ, די אַרבעטער און פויערים טראָפים, יאַקוב, לאַוורין, פעטרוק און א סאַך אַנדערע זײַנען ניט קיין סכעמעס, נאָר לעבעדיקע, פולבלוטיקע געשטאַלטן.

טיף און עמעסדיק ווערט געשילדערט אין דער דערציילונג דער קלאַסנקאַמף אין דאָרף. באַזונדערס שטאַרק איז ער באַוויזן אינעם קאַפּיטל „קייטן קלינגען״ — וועגן דעם בלוטיקן געשלעג צווישן די „ווערכלעסער״ און „זאַהאָרנער״, וועלכן ס׳האָט פּראָוואָצירט דער פּאָרעץ.

„אין וואַלד״, ווי שוין געזאָגט, פאַרמאָגט ניט קיין דורכויסיקע סוזשעט־ליניע, וועלכע מע זאָל קאָנען איבערדערציילן, דער ראָמאַן באַשטייט פון א ריי עפּיזאָדן, וואָס יעדער איינער פון זיי איז אַן און פאַר זיך א באַזונדערע, פאַרגאַנצטע דערציילונג, וועלכע פלעכט זיך אָרגאַניש אַרײַן אינעם סוזשעט פונעם ראָמאַן. דאָס גיט א ברייט און טיף בילד וועגן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָצעסן אינעם אַלגעמיינעם און ייִדישן לעבן אין סאָף נײַנצנטן, אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער ראָמאַן טיילט זיך אויס פון אַנדערע ענלעכע ווערק, געווידמעט די זעלבע פּראָבלעמען, דערמיט, וואָס אָט די אַלע פּראָצעסן ווערן באַוויזן אין א סוויווע פון וואַלד־ייִשוווניקעס, פון א סאָציאַלן שיכט, וועלכער איז געווען ווייניק באַלויכטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ — איך שרײַב דאָך ניט קיין ברייטע קריטישע באַהאַנדלונג, נאָר א קורצע פּאָרלויפיקע רעצענזיע — קאָן איך זיך ניט אָפּשטעלן גענוי אויף דער שפּראַך — אויף איינעם פון די וויכטיקסטע קאָמפּאָנענטן אין א קינסטלעריש ווערק. קעדיי געבן א געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דער רײַכקײַט און זאַפטיקײַט פון דער שפּראַך פונעם ראָמאַן „אין וואַלד״, באַזונדערס באַם מאָלן די נאַטורבילדער, וועלכע זײַנען פול מיט פּאָעטישער צויבערקײַט, וועל איך ברענגען בלויז איינציקע אויסצוגן:

„אויף די גראָזן, אויף די צווײַגן פינקלט דער טוי, די לופט איז נאָך פריש, נאָר אויף די אויגן פאַלט א וואַרעמקײַט פון דער זון, וואָס האָט זיך ערשט אויפגעהויבן פון אונטערן בערגל. פייגלען צוויטשערן, און זייער געזאַנג דרינגט אַרײַן, אינײַנעם מיט דער שײַן, אינײַנעם מיטן אָטעם, אין די לונגען, אין האַרצן, אין אַלע קעמערלעך פונעם לײַב״.

„מיט איין בליק כאַפּט דאַניע אויף די שוואַרצע טיפקײַט פונעם וואַלד און די אויסגייענדיקע ליכטיקײַט פונעם הימל איבער אים... אין דער שטילקײַט וואַכט אויף דאָס געהער. א שישקע פאַלט אַראָפּ, א צווײַגל טוט א קנאַק אונטער די טריט, א זשאַבקעלע שפּרינגט איבער דעם וועג, א סאָווע שרײַט אויס... די שטאַמען, די צווײַגן רײַבן זיך אין אים, פאַרטשעפּען, און ס׳איז אים גוט פון זייער נאָענטקײַט. זיי זײַנען היימישע, זיי פאַרשטעלן אים, באַשיצן פון אַלדאָסבייז... ער גייט אַרויס פון אונטער די ביימער, דערזעט דעם אָפענעם רוים. דאָ איז ניט אַזוי געדיכט פינצטער ווי אין וואַלד... דערווײַל איז

דער טונקל נאָך שיטערלעך, האַלב דורכזיכטיק... דאַניע דערפילט, ווי די שליחים פון דער נאַכט באַ־פאַלן אים פון אַלע זײַטן. זיי ווימלען מענגעסווײַז איבער זײַן קאָפּ. מע הערט ניט קיין שאָרך, מע פילט ניט קיין גוף, נאָר עפּעס שוועבט אָן אויפ־הער — מיליאָסן שאָטנס. זיי פלאַטערן, באַוועגן זיך, קוליען זיך, שווינדלען, פילן אָן דעם רוים..."

בלויז אַ שרײַבער, וואָס איז געבוירן און אויסגע־וואַקסן צווישן דער נאַטור, האָט געקאָנט מיט אַזאַ קינסטלערישער קראַפט און ליבע דערציילן וועגן דעם.

אויסער דעם ראָמאַן „אין וואַלד", זײַנען אין דער זאַמלונג אײַנגעשלאָסן נײַן דערציילונגען, וועלכע זײַנען דעם לייענער באַקאַנט פון נויעך לוריעס פריִער־דערשינענע ביכער. דאָס זײַנען דערציילונגען וועגן בירגערקריג, פּאַטערלענדישער מילכאָמע, היט־לערישע רעציכעס, ווידערשטאַנד־באַוועגונג, פעל־קער־פרײַנטשאַפט.

שמואל גאָרדאָן

באָבעמײַסעס און די לעבעדיקע ווירקלעכקײַט

דער ביכער־מאַרק פון מײַרעוו ווערט פאַרפלייצט מיט נײַע און נײַע ביכער, וועלכע לויבן און רימען דעם ציִעניזם, די אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק פון יִסראָעל. טאָג נאָך טאָג פאַרדולט די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע די מויכעס פון די מאַסן וועגן דעם אַטאָ־בעכאַרטאָנו פונעם ייִדישן פאָלק, וועגן דעם „פענאָמען, וואָס הייסט יִסראָעל", וועגן דעם סאָ־ציִאַלן „נעס" פונעם XX יאָרהונדערט אאַזוו. אדג. אַ מוסטער פון אַזעלכע פּאַטשקערײַען זײַנען די ווײַטער רעצענזירטע ביכער[1].

ל. פּײַן, אין זײַן אַרטיקל אין דער זאַמלונג „די נײַע לינקע און די ייִדן", דערגייט ביז אַזאַ אַבסורד, אַז ער שרײַבט צו דעם ציִעניזם אַ „רעוואָליוציִאָנערן כאַראַקטער" (ז. 143). „יִסראָעל, — באַהויפּט פּײַן, — שטעלט מיט זיך פאָר אַן עכט רעוואָליוציִאָנערן פע־נאָמען" (ז. 148).

אַ צווייטער אויטאָר פון דער זעלבער זאַמלונג, מ. אַראָנין, שרײַבט אין זײַן אַרטיקל „פאַרוואָס נייטיקן זיך די לינקע אין דער מעלוכע יִסראָעל?", אַז, קלוימערשט, די מעדינע באַגײַסטערט מיט איר בײַשפּיל די אונטערדריקטע פעלקער, אַז „דער פּראָ־גרעסיווער כאַראַקטער" פון איר סאָציִאַלער פּאָליטיק איז אָן ענטפער אָפּן „איצטיקן קריזיס פון דער אידעאָלאָגיע" (ז. 270). „קיין איין געזעלשאַפט, — פאַרזיכערט דער אויטאָר, — לייגט ניט פאָר אַזעלכע עפעקטיווע רעצעפּטן, ווי צו לייזן די פּראָבלעמען פון די אונטערדריקטע פעלקער, ווי דאָס טוט יִסראָעל. אַלע אונטערדריקטע, ווו זיי זאָלן זיך ניט געפינען, צי אין אינדיע, צי אין ניגעריע, צי אָפּן נאָענטן מיזרעך, קאָנען געפינען אַ באַגײַסטערונג אינעם בײַשפּיל פון יִסראָעל" (ז. 280).

דער אויטאָר פונעם בוך „יִסרעיילים" ה. גאָלדען שיט מיט נײַן מאָס רייד, מאָלנדיק די סאָציִאַלע גלײַכהײַט און דעם יוישער, וואָס הערשט אין יִסראָעל, די פולע גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער אַראַ־בישער באַפעלקערונג אין יִסראָעל. ער ווערט ניט מיד צו זינגען שוואָכים דער סאָציִאַלער פּאָליטיק פון דער מעלוכע, באַהויפּטנדיק, אַז „די סאָציִאַליס־טישע עטיק זיכערט דאָ די פולע און אַלגעמיינע גלײַכהײַט" (ז. 137). די רעאַלע ווירקלעכקײַט פון יִסראָעל לייקנט אָבער אָפּ די דאָזיקע באָבעמײַסעס.

„צווישן די רײַכע און אָרעמע בירגער פון אָט דער קאַזאַרמע־מעלוכע, — שרײַבט וועגן יִסראָעל דער אַמעריקאַנער זשורנאַל „ניוסוויק", — ליגט אַ גאַנצער טהאָם, און די טיפקײַט פון אָט דעם טהאָם איז אומעגלעך אויסצומעסטן. מיט „סאָציִאַלער גלײַכהײַט און יוישער" בינדט זיך לאַכלוטן ניט אַזאַ פאַקט, ווי דער שטורמישער וווּקס פון דער שטרײַק־באַווע־גונג, וואָס קומט פאָר די לעצטע יאָרן אין יִס־ראָעל".

וועגן וואָס פאַר אַ „סאָציִאַליסטישער עטיק" אין יִסראָעל קאָן גיין אַ רייד? אַפילע דער אויטאָר אַליין האָט סאָפּקאָלסאָף געמוזט מודע זײַן, אַז די סאָציִאַ־ליסטישע אידעאַלן, אַף וועלכע עס האָבן לעכאַטכילע ספּעקולירט די ציִעניסטישע לידערס פון יִסראָעל, ווערן ביסלעכווײַז פאַרגעסן. אין צוזאַמענהאַנג דער־מיט שטעלט זיך אָפּ ה. גאָלדען אַף דער עוואָליוציע פון די אָנשויוּנגען פונעם איצטיקן פּרעמיער פון יִסראָעל גאָלדע מעיִר, וועלכע האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק צוגעזאָגט, אַז יִסראָעל וועט אין מעשעך פונעם לעבן פון איין דאָר ווערן אַ סאָציִאַליסטישע מעלוכע. איצט אָבער טרעט זי אַרויס פאַר אַ „סאָ־ציִאַלער דעמאָקראַטיע און פאַר פּריוואַטער אונטער־נעמערישקײַט" (ז. 162), דה. פאַר אַ קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפט, ווו עס ווערט פאַרהיט די עקספּלוּ־אַטאַציע פון מענטש דורך מענטש און ווו דער אַל־מעכטיקער הערשער איז דער געלט־זאַק. „די ייִדישע אוילים פון די סאָציִאַליסטישע לענדער, — שרײַבט דער אויטאָר, — זײַנען אַנטוישט אין דער יִסראָעל־ווירקלעכקײַט איבערהויפּט דערפאַר, וואָס זיי „פעלט די דערפאַרונג פון פירן די קאָנקורענץ פאַר אַ שטעלע, ווײַל פון אַזאַ קאָנקורענץ האָבן זיי פריִער ניט געוווּסט, אין די קאָמוניסטישע און סאָציִאַליסטי־שע לענדער זײַנען אַלע בירגער געזיכערט מיט אַרבעט. אַ שווערן אײַנדרוק מאַכט אַף זיי אויך דער פאַקט, וואָס דער אונטערנעמער אין יִסראָעל האָט די פולע פרײַהײַט צו באַפרידיקן די ביטע וועגן אָנע־מען אַף אַרבעט אָדער אָפּזאָגן" (ז. 268).

די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז די אַראַבער אין יִס־ראָעל האָבן אויסצושטיין אַן אומדערבאַרעמדיקע דיס־קרימינאַציע. מע פאַריאָגט זיי פון זייער אייגענער

[1] ה. גאָלדען. „יִסרעיילים (אַ פּאָרטרעט פונעם פאָלק)". ניו־יאָרק, פאַרלאַג „דזש. פּ. פּוטנאַמ'ז סאַנז", 1971.

„די נײַע לינקע און די ייִדן". זאַמלבוך אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ס. טשערטאָף. ניו־יאָרק, פאַר־לאַג „פּיטמאַן", 1971.

ערד, מע דערלויבט זיי ניט צו פאַרנעמען זיך מיט אַ גאַנצער ריי באַשעפטיקונגען. מיט עמעסן כויזעק און שעקער קלינגען גאָלדענס ווערטער, אַז די פּראָבלעם פון די פאַלעסטינער אַראַבישע פּליטים איז קלוימערשט אַ קינסטלעך אויפגעבלאָזענע, די עקזיסטענץ פון אַזאַ פּראָבלעם לוינט די שכייניש אַראַבישע מעלוכעס; די פּליטים לעבט זיך, קלוימערשט, גוט (ז. 249—250). „יעדע וואָך, — שרײַבט דער פראַנצויזישער זשורנאַל „פראַנס נוועל״, — שיקט מען אַרויס אַראַבער אויפן צווייטן ברעג פונעם טײַך יאַרדן, אָדער אויף דאָרעם, דורכן אַראַבישן מידבאָר. אין אַזע... גייט אַ סיסטעמאַטיש געיעג נאָך מענטשן. די מערהײַט פאַרהאַלטענע וואַרפט מען אַרײַן אין דער נאַבלוסער טפיסע, ווו מע נעמט זיי אויפן פאַרהער. לויט די ווערטער פון איינעם אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט פאַרטיידיקט אַ סאַך אַרעסטירטע, זײַנען פּײַניקונגען אין דער נאַבלוסער טפיסע אַ געוויינלעכע דערשײַנונג״.

וועגן וואָס פאַר אַ גלײַכבארעכטיקונג פון די אַראַבער קאָן מען ריידן, אויב אין ייִסראָעל ווערן דיסקרימינירט אַפילע די מיזרעך־ייִדן, וועלכע שיידן זיך אונטער פון די אייראָפּעיִשע ייִדן בלויז מיטן הויטקאָליר. די „שוואַרצע ייִדן״ בילדן די מערהײַט פון דער ייִסראָעל־באַפעלקערונג, און גראָד זיי פאַרנעמען די סאַמע נידעריקע שטאַפלען פונעם עקאָנאָמישן און סאָציִאַלן לייטער. זייערע האַכנאָסעס זײַנען אין צוויי מאָל קלענערע, איידער די האַכנאָסעס פון די מײַרעוודיקע ייִדן און פון די סאַברעס. עס זײַנען מיט זיי פול די כורוועס אין די אַלטע שטאָטישע ראַיאָנען. פון די 120 דעפּוטאַטן־ערטער אין קנעסעט האָבן די מיזרעך־ייִדן קוים עפּעס מער פון צוויי צענדליק ערטער. זיי זײַנען קימאַט אינגאַנצן ניט פאָרגעשטעלט אין דער ייִסראָעל־רעגירונג. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך דער פאַקט, וואָס אין ייִסראָעל ווערן אַלץ אָפטער די אַרויסטרעטונגען פון די אַפריקאַנישע און אַזיִאַטישע ייִדן, וועלכע פּראָטעסטירן קעגן דער ראַסעווער, סאָציִאַלער און עקאָנאָמישער דיסקרימינאַציע.

דער הויפּט־ציל פון פּראָפּאַגאַנדירן די ייִסראָעל־דערפאַרונג אין די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער באַשטייט, קוידעמקאָל, דערין, מע זאָל זיי ניט לאָזן אָריִענטירן זיך אויפן סאָציִאַליזם, אײַנהאַלטן זיי אין דער אָרביטע פונעם וועלט־קאַפּיטאַליזם. די אַקטיווקײַט פון ייִסראָעל אין די לענדער פון אַזיע און אַפריקע איז צו דערקלערן אויך דערמיט, וואָס טעלאַוויוו שטרעבט צו געווינען אויף זײַן זײַט די באַפעלקערונג פון די דאָזיקע לענדער, דעריקער די מוסולמענער. די ציִעניסטן האַלטן, אַז אין די באַדינגונגען פונעם קאָנפליקט צווישן די אַראַבער און ייִסראָעל „קאָנען די מוסולמענישע פרײַנט ברענגען ייִסראָעל היפּשע נוצן״ (ז. 216).

נאָר ווי שטאַרק ה. גאָלדען און ענלעכע צו אים זאָלן דאָס ניט פאַרלאַנגען, קאָן ייִסראָעל אין קיין פאַל ניט דינען אַלס מוסטער פאַר די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער פון אַזיע און אַפריקע. די עקאָנאָמיק פון ייִסראָעל באַזירט זיך דאָך אויפן אויסלענדישן קאַפּיטאַל. די מעדינע קאָן דאָך ניט לעבן, אויב אין איר עקאָנאָמיק ווערן ניט געמאַכט אָפטע פינאַנציִעלע איניעקציעס פון אויסן. און אַזעלכע איניעקציעס באַטרעפן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַ גאַנצן דריטכיילעך פונעם בודזשעט פון לאַנד.

די פעלקער פון אַפריקע און אַזיע טרייסלען זיך אָפּ פון דער „דערפאַרונג״ פון ייִסראָעל, זיי פאַרשטייען גוט דעם אימפּעריִאַליסטישן טאָך פון דער ייִסראָעל־פּאָליטיק. אין אַ גאַנצער ריי זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער האָט מען דורכגעטריבן די „ספּעציִאַליסטן״ פון ייִסראָעל — די אַגענטן פונעם נעאָקאָלאָניִאַליזם און ציִעניזם. אַלס פרישער בײַשפּיל קאָן דאָ דינען אוגאַנדע, ווו די רעגירונג האָט געגעבן דעם וועג דעם דיפּלאָמאַטישן און טעכנישן פּערסאָנאַל פון ייִסראָעל.

די אווטאָרן פון די רעצענזירטע און ענלעכע ביכער שרײַבן וועגן דעם קאָנפליקט אויפן נאָענטן מיזרעך, ווי וועגן אַ קאָנפליקט צווישן די ייִדן און די אַראַבער, צווישן דעם ייִדישן און אַראַבישן נאַציִאָנאַליזם. מיט אַזאַ קאָנצעפּציע טרעט אַרויס באַזונדערס מ. סירקין אין זײַן אַרטיקל אין דער זאַמלונג „די נײַע לינקע און די ייִדן״. דאָס לעבן האָט אָבער איבערצײַגנדיק דערוויזן, אַז דער קאָנפליקט אויפן נאָענטן מיזרעך איז אַ קאַמף צווישן די קרעפטן פונעם אימפּעריִאַליזם, וועמען עס ציִען צו, ווי אַ מאַגניט, די נאַפט־אוצרעס פון דעם דאָזיקן ראַיאָן, און די קרעפטן פון דער נאַציִאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג. דער דאָזיקער קאָנפליקט איז ניט מער ווי אַ פּויעלוויצע פון דעם קאַמף, אין וועלכן די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל שטייען אויף דער זײַט פונעם אימפּעריִאַליזם, קעגן די אינטערעסן פון די אַראַבישע פעלקער.

ס׳איז קיין ספק ניט, אַז עס איז נאָענט דער פולער דורכפאַל פון דער איצטיקער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל, וועלכע רעכענען אויס, אַז מיט דער צײַט וועלן די אַראַבער קאַפּיטולירן, און דעריבער זאָגן זיי זיך אָפּ אויסצופילן די רעזאָלוציע, וואָס דער זיכערהײַט־ראַט פון די פאַראייניקטע נאַציעס האָט אָנגענומען דעם 22 נאָיאַבער 1967 וועגן באַפרײַען די אָקופּירטע טעריטאָריעס.

נ. נילאָוו

א בוך וועגן די קומראַנער קסאָווים

קעדיי צו פאַרשטיין, ווי וויכטיק עס איז די וויסנשאַפטלעכע פּובליקאַציע פון די קומראַנער טעקסטן, וועלן מיר דערמאָנען, אַז בא אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד זײַנען פאַר די לעצטע 20 יאָר פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף דער דאָזיקער טעמע העכער

„די טעקסטן פון די קומראַנער קסאָווים״, העפט 1 (סעריע „דענקמעלער פון מיזרעך־שריפטן״, ב. XXXIII, 1). איבערזעצט פון העברעיִש און אַראַמעיִש, אַרײַנפיר און קאָמענטאַר פון י. אַמוסין, מאָסקווע, פאַרלאַג „נאַוקאַ״, 1971.

7000 ספעציִעלע ווערק, פיל צענדליקער אַרטיקלען, וועלכע אנאליזירן די טעקסטן. א קאָלאָסאלע צאָל אַלגעמיינע היסטאָריש־רעליגיִעזע און אנדערע פאָר־שונגען זײַנען אופגעקומען אין רעזולטאט פון די קומראנער אנטדעקונגען.

וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די קומראנער אנטדע־קונגען?

אָן ענטפער אָף דער פראגע קאָן דער לייענער געפינען סײַ אין דעם רעצענזירטן בוך, סײַ אין יענע ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען פריִער[1]. אינקורצן איז די געשיכטע אזא:

אין 1947 האָט א ייִנגל א פאסטעך געפונען אין איינער א הייל פונעם מידבאָר־יעהודע (באם צאָפן־מײַרעוודיקן ברעג פון יאם־האמעלאך, אין דער אומ־געגנט פון וואדי־קומראן) אוראלטע מאנוסקריפּטן. שפּעטער האָט מען אנטדעקט נאָך צען אזעלכע היילן. אין זיי איז אמאָל געלעגן באהאלטן א פארצײַטיקע ביבליאָטעק פון בערעך 600 ביכער־קסאוויאדן אָף העבּרעיִש, אראמעיש, גריכיש. צו דער צײַט, ווען מע האָט זיי אנטדעקט, האָט זיך פארהיט בלויז א קליינע צאָל גאנץ געבליבענע קסאוויאדן און צענדליקער טויזנטער פראגמענטן.

ניט ווײַט פון די היילן מיט די קסאוויאדן ליגן די רויִנען פונעם ייִשעוו כירבעט־קומראן, וואָס פארמאָגט אַן אייגנארטיקע פּלאנירונג (א צווייטן קאָמפּלעקס ביניאָנים, פון עטוואָס אַן אנדער כאראקטער, האָט מען געפונען עטלעכע קילאָמעטער פון כירבעט־קומ־ראן — אין דער אומגעגנט פון אײַן פעשכא). ביי־שכיינעס מיט כירבעט־קומראן געפינט זיך זײַן נע־קראָפּאָל.

ווי די פאָרשער האָבן פעסטגעשטעלט, איז דאָס אלץ — די היילן, די ביניאָנים־קאָמפּלעקסן און דער נעקראָפּאָל — פארבונדן מיט א מענטשלעכער גע־מיינשאפט, וואָס האָט צוליב רעליגיעז־פילאָסאָפישע מאָטיוון איבערגעריסן מיט די געוויינלעכע פאר יענע צײַטן נאָרמעס פון סאָציִאלע פארהעלטענישן, מיטן געוויינלעכן לעבנסשטייגער און מיט די פאָרשריפטן פון אָפיציִעלן יודאיִזם. אוועקגייענדיק אין א האלב־וויסטער געגנט, ניט ווײַט פונעם יאם־האמעלאך, האָט די דאָזיקע געמיינשאפט געבילדעט א קעהילע פון „בניי אויר" (די זין פון ליכט), און זײַנען ארײַנגע־טראָטן אין א נײַעם בונד מיט גאָט, צום אונטערשייד פונעם אלטן בונד, וואָס איז שוין באָטל געוואָרן צו־ליב די זינד פון די אָנהענגער פונעם אָפיציִעלן יודא־יִזם און פונעם קלער פון יערושאָלאיִמער בייס־הא־מיקדאָש.

סאָציִאל־עקאָנאָמיש זײַנען די „בניי אויר" (מיר וועלן זיי באדינגלעך רופן — די קומראניסטן־קע־הילע) געווען באהעפט דורך דער געמיינזאמקײַט פו־נעם פארמעגן, דורך געמיינזאמער ארבעט, דורך זייער סינע צו זשעדנעקײַט און רײַכקײַט, — דורך נאָר־מעס, אומגעוויינלעכע פאר דער טקופע פון שקלאפן־באזיץ.

זייערע עטיש־רעליגיעזע אָנשויונגען האָבן די קו־מראניסטן פאָרמולירט אזוי: אין דער וועלט זײַנען טעטיק צוויי קעגנזעצלעכע פּרינציפּן, צוויי גײַ־סטער — גוטס און שלעכטס, ליכט און כוישעך, עמעס און קריוודע, — וועלכע זײַנען ביז א באשטימ־טער צײַט קעגנזײַטיק געבונדן און זײַנען צוויי דער־שײַנונגען פון איין גאנצעס. ווען דער פאָרויסבאש־טימטער טערמין וועט אָבער קומען, — ער איז שוין נאָענט, — וועט דער גײַסט פון שלעכטס לײַדן א פּו־לע מאפּאָלע און עס וועט זיך אנטפּלעקן דאָס קי־ניגרײַך פון גאָטס יוישער. ניט אלע וועלן אָבער האָבן די זכיִע צו קומען אין אָט דעם קיניגרײַך. פריִער וועט פאָרקומען גאָטס מישפּעט, אָף וועלכן עס וועלן באטראכט ווערן אלעמענס איניאָנים, און בלויז די צאדיקים וועלן זוכע זײַן צו געניסן פון אָט דער געגארטער צוקונפט.

די איבערגערעכנטע און פיל אנדערע שטריכן פון אָט דער מאָדנער עטיש־רעליגיִעזער באוועגונג, וואָס איז אויסגעוואקסן פון די טיפענישן פונעם יודאיִזם, נאָר איז צו אים אָפּאָזיציִאָנעל געשטימט, פון אָט דער געמיינשאפט פון מענטשן, וועלכע געהערן צו איין גלויבן און גיבן זיך אָן אלס די זין פון ליכט (בניי־אויר) און אין דער זעלבער צײַט וואלגערן זיי זיך אין פינצטערע היילן, — די דאָזיקע שטריכן אנט־פּלעקן פאר דעם היסטאָריקער די קומראנער טעקסטן.

די מארקסיסטישע מעטאָדאָלאָגיע גייט ארויס פון דער האנאָכע, אז די עקאָנאָמישע פארהעלטענישן זײַ־נען דער יעסאָד פונעם אופקום ניט בלויז פון דער מעלוכישקײַט, פונעם רעכט און פון די אנדערע גע־זעלשאפטלעכע אינסטיטוטן, נאָר אויך פון דער אידעאָלאָגיע פון דער געזעלשאפט, דערונטער פון דער רעליגיע.

ווי שטארק די אידעאָלאָגיע פון דער קומראנער קעהילע זאָל ניט זײַן פארטונקלט מיט אידעאליסטישע באגריפן, מיט אומנאטירלעכע גלויבנס־פּאָסטולאטן, מיט לויבן און רימען דעם הימל, אָפּווארפנדיק אלץ, וואָס שטאמט פון דער ערד, איז אָבער פאראן א מאטעריאליסטישער יעסאָד אין דעם עצעם פּרווו צו שאפן א געזעלשאפט, וואָס איז געבויט אָף א קאָלעקטיוון יעסאָד און לייקנט אָפּ דאָס פּריוואטע אייגנטום.

די ערשטע איבערזעצונגען פון די קומראנער טעקסטן אָף די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע שפּראכן זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן שוין אין די 50־ער יאָרן. דאָס רעצענזירטע בוך איז אַן אָנהייב פון סיסטעמאטישן ארויסגעבן די דאָזיקע טעקסטן אין רוסיש. דאָס איז בעפיירעש א וויכטיקע געשעעניש אין דער סאָוועטי־שער קומראניסטיק. דאָס בוך באשטייט פון דרײַ טיילן, אין א געוויסער מאָס זעלבשטענדיקע: ארײַנ־פיר, איבערזעצונגען פון אייניקע גרופּעס קומראנער

[1] י. א מ ו ס י ן. די קסאָווים פונעם יאם־האמעלאך. מאָסקווע, פארלאג פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר, 1961; ד ע ר ז ע ל ב ע ר. די אנטדעקונגען באם יאם־האמעלאך. מאָסקווע, פארלאג פון דער מיזרעך־ליטעראטור, 1965; ג. ל י פ ש י ץ. דער אָפּשטאם פונעם קריסטנטום אין שײַן פון די קסאָווים פונעם יאם־האמעלאך. מינסק, פארלאג „הויכשול", 1967; ס. ק אָ וו א ל י אָ וו און מ. ק ו ב ל א נ אָ וו. די אנט־דעקונגען אין מידבאָר־יעהודע. מאָסקווע, פארלאג „נאוקא", 1964.

טעקסטן[1] און איבערזעצונגען פון באשרײַבונגען פון אנטישע אווטאָרן, וועלכע האָבן א שײַכעס צו דער טעמע, וואָס ווערט געפאָרשט.

די קאָמפּאָזיציע פונעם בוך איז אינגאנצן באַרעכטיקט. מיטן אײַנשליסן אין אים באשרײַבונגען פון אנטישע אווטאָרן ווערן געשאפן געוויסע באקוועמלעכקײַטן פארן לייענער, ווײַל דאָס באפרײַט אים פון זוכן די נייטיקע יעדיִעס אין אנדערע אויסגאבעס.

א גרויסע מײַלע פונעם בוך איז דער ברייטער, זאָרגזאַם צונויפגעשטעלטער וויסנשאפטלעכער אפּאַראַט מיט די געהעריקע ספּראַווקעס. אינעם ביבליאָגראַפישן טייל פון דעם דאָזיקן אפּאַראַט זײַנען אײַנגעשלאָסן די מעקוירים, וועלכע האָבן זיך געדרוקט האַרט ביז 1970.

דער ערשטער אָפּטייל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ארײַנפיר", פאַרנעמט א פערטכײַלעק פונעם גאנצן בוך און פירט ארײַן דעם לייענער ניט בלויז אינעם קרײַז פון די פראַגן, וועלכע זײַנען דירעקט פאַרבונדן מיט די פּובליקירטע טעקסטן, נאָר אויך אין דער קומראַניסטיק ביכלאַל. דער אווטאָר פון אזא פאַראַלגעמיינערנדיקער עסיי דאַרף פאַרמאָגן א שטאַרק געפיל פון מאָס, קעדיי ניט אראָפּשלאָגן זיך פונעם קורס און ניט דערטרינקען דעם אינטערעס פונעם לייענער אין א יאַם פּראָטים. י. אַמוסינען האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצומײַדן אזא געפאַר.

די קומראַנער טעקסטן ווערן לויטן אינהאַלט געווײַנלעך אײַנגעטיילט אין עטלעכע גרופּעס. איינע פון זיי באַלײַכטן די ביבלישע ווערק (די פאָרקריסטלעכע ביבל). די דאָזיקע ווערק זײַנען, נאַטירלעך, געווען באַקאַנט ביזן געפינען די קומראַנער קסאָווים, נאָר איצט ווערן זיי געגעבן אין נײַע רעדאַקציעס. אַהער גייען איצט ארײַן זעלטענע פריִקע רעשימעס, וועלכע זײַנען צונויפגעשטעלט געוואָרן נאָך איידער עס זײַנען געשאַפן געוואָרן די צוויי איצטיקע ווערסיעס פון דער פאָרקריסטלעכער ביבל (די סעפּטואַגינטער און מאַסאָרעטער). דער פאַרגלײַך־אַנאַליז פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן אַנטפּלעקט נײַע פּערספּעקטיוון אינעם קריטישן שטודירן דעם ביבל־טעקסט און אין אופשטעלן די געשיכטע פון זײַן פאָרמירונג. אינעם „ארײַנפיר" שענקט דער אווטאָר דער דאָזיקער טעמע א גאַנץ היפּש אָרט.

א צווייטע גרופּע טעקסטן, וועלכע ווערן אויך כאַראַקטעריזירט אינעם „ארײַנפיר", זײַנען די אַפּאָקריפן פון דער פאָרקריסטלעכער ביבל. די דאָזיקע ווערק זײַנען צוליב פאַרשיידענע סיבעס ארויסגענומען געוואָרן פון די הייליקע ספאָרים אלס „פרעמדע", וועלכע אַנטשפּרעכן ניט אַף דעם אָדער אַנדער אויפן דער ביבלישער אָרטאָדאָקסיע. די מערהײַט פון די דאָזיקע אַפּאָקריפן איז פאַרפאַלן געוואָרן. א געוויסער טייל פון זיי האָט זיך פאַרהיט אין די איבערזעצונגען. אין די קומראַנער הייל האָט מען געפונען רעשימעס אַף דער שפּראַך פונעם אָריגינאַל, צווישן זיי אויך פריִער אומבאַקאַנטע אַפּאָקריפן. די דאָזיקע מאַטעריאַלן זײַנען וויכטיק אין א סאַך הינזיכטן. עס ווילט זיך דאָ באַטאָנען, אַז אין די אַפּאָקריפן פון דער פאָרקריסטלעכער ביבל געפינען זיך ווערסיעס פון מעסוירעס, געזעצן, אָפּשאַצונגען, וועלכע פאַלן אין פיל הינזיכטן ניט צונויף מיטן אָפיציִעלן יודאיִזם. אין די דאָזיקע ווערק פלעגן באַהאַנדלט ווערן די טעמעס פון געהענעם, גאַניידן, מאַלאָכים (אַנגעלאָלאָגיע) ביִאַס מאָשיעך, די באַציִונג צום שאָלעם און אַנד. א סאַך אידייען און סוזשעטן פון די אַפּאָקריפן זײַנען צונויפגעפאַלן מיטן אופקומענדיקן קריסטנטום און א ריי ווערק פון דעם קרײַז זײַנען דורכן אופקומענדיקן קריסטנטום פאַרגעזעצלעכט געוואָרן.

נאָך איין גרופּע טעקסטן, וועלכע זײַנען פריער געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט, — דאָס זײַנען די ווערק פון דער קעהילע־גופא. געבנדיק א קורצע כאַראַקטעריסטיק יעדן איינעם פון אָט די ווערק, טיילט י. אַמוסין אויס די „פּשאָרים" — קאָמענטאַרן. די אייגנאַרטיקײַט פון די דאָזיקע טעקסטן באַשטייט דערין, וואָס באַם ווענדן זיך צו איינציקע ביבלישע ווערק קאָמענטירן זיי די קומראַנער אווטאָרן ניט אַפן סמאַך פון די היסטאָרישע אומשטענדן פון יענער צײַט, נאָר ווילקירלעך, געפינענדיק אין זיי א „געהיימען" זין, רעמאָזים פון נעוויִעס, פאָרויסזעונגען פון די געשעענישן, וועלכע קומען פאָר באַם לעבן פונעם קאָמענטאַטאָר גופא. אזא צוגאַנג, וואָס איז פעלערהאַפט פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, איז אָבער זייער ווערטפול באַם אופדעקן די היסטאָרישע רעאַלע פאַקטן, וועלכע האָבן א שײַכעס צו דער עצעם קומראַנער קעהילע. נאָר מע דאַרף זאָגן, אַז אַף אָט דעם וועג דערוואַרטן דעם פאָרשער א היפּש ביסל שוועריקײַטן. איינע פון זיי באַשטייט דערין, וואָס דער טעקסט פון די קאָמענטאַרן איז „טונקל", פול מיט סימבאָלן און מיט באַדינג־צייכנס. הינטער זיי זײַנען אויסבאַהאַלטן רעאַלע געשעענישן און פּערסאָנאַזשן, נאָר — ווי זאָל מען זיי דעשיפרירן?

די וויכטיקסטע קאָמענטאַרן (וועלכע לאָזן זיך לייענען) ווערן פאַרעפנטלעכט אינעם רעצענזירטן בוך. צו יעדן קאָמענטאַר ווערט געגעבן א פאָרוואָרט. דערנאָך גייט די איבערזעצונג, וואָס איז באַגלייט מיט דעטאַלע אָנמערקונגען.

איינער פון די סוזשעטן פון די קאָמענטאַרן — א דראַמאַטישע קאָליזיע אינעם לעבן פון דער קומראַנער קעהילע — האָט פון סאַמע אָנהייב צוגעצויגן די אופמערקזאַמקײַט פון די פאָרשער. דער ראָש פון א קעהילע, וועמען מע האָט גערופן „דער לערער פון יוישער" (דער קאָמענטאַטאָר האָט אים צוגעגעבן איבערנאַטירלעכע שטריכן — זײַן לערע איז געקומען „פון גאָטס מויל", דער גלויבן אין אים האָט זײַנע אָנהענגער געראַטעוועט אינעם טאָג פון גאָטס לעצטן מישפּעט, מיט זײַן נאָמען זײַנען פאַרבונדן די האָפענונגען אַף מאָשיִעכן), — קומט אין א צוזאַמענשטויס מיט א צווייטן פּערסאָנאַזש — מיטן „ניט ערלעכן גײַסטלעכן", וועמען עס ווערן אינקרימינירט „מיִעסע" מײַסים, באַזונדערס אין פּראַט פון דער לײַדנשאַפט צו רײַכקײַט, וואָס איז אַזוי פאַרהאַסט בײַ די קומראַנער. דער „ניט ערלעכער גײַסטלעכער", וואָס באַזיצט א גרויסע מאַכט, פאַרפאָלגט דעם „לערער

[1] אינעם צווייטן העפט פון די „קומראַנער טעקסטן", וואָס ווערט איצט געגרייט צום דרוק, וועלן פּובליקירט ווערן אַזעלכע גרויסע שריפטלעכע דענקמעלער פון דער קומראַנער קעהילע, ווי איר סטאַטוט, די מילכאָמע־מעגילע, דאַנק־הימנען און אַנד.

פון יושער" און זײַנע אָנהענגער, און דאָס ברענגט צום אומקום פונעם לערער.

ווען מען מיינט מען מיט די דאָזיקע געשטאַלטן? אָט די רעטעניש, וועלכע אינטריגירט שוין 20 יאָר די פאָרשער און די לייענער, איז נאָך דערווײַל ניט געלייזט. אַלע פּרוּוון צו טײַטשן די אָנגערופענע פּערסאָנאַזשן אַזוי, אַז מיט זיי ווערן געמיינט נעמען, וועלכע זײַנען באַרימט אין דער געשיכטע (דערונטער די מיינונג, אַז מיטן לערער פון יושער ווערט געמיינט יעזוס), זײַנען קנאַפּ באַגרינדעט.

לודוויג פייערבאַך האָט אין זײַן ווערק „דער טאָך פונעם קריסטנטום" אַרויסגעזאָגט אַ טיפן געדאַנק, אַז די באַציִונג פונעם פאָרשער צו דער רעליגיע דאַרף זײַן ניט קיין ניהיליסטישע, נאָר אַ קריטישע. „...איך זאָג ניט, — האָט ער געשריבן, — אַז גאָט איז גאָרנישט, די דרײַ-אייניקייט — גאָרנישט, גאָטס וואָרט — גאָרנישט... איך באַווײַז בלויז, אַז זיי זײַנען ניט דאָס, וואָס עס מאַלן פאָר אונדז די טעאָלאָגישע אילוזיעס".

דאָס רעצענזירטע בוך איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין לערנבוך פון אַטעיִזם, פונדעסטוועגן גיט עס אַ גוטן בײַשפּיל, וויאַזוי אַן ערנסטער אַנאַליז פון אייניקע היסטאָרישע מאַטעריאַלן (דערונטער אויך פון רעליגיעזע טעקסטן), אַן אַנאַליז, וואָס איז געבויט אויף אַ מאַרקסיסטישער באַזע, ברענגט דעם וויסנשאַפט-לעכן אַטעיִזם פיל גרעסערע „דיווידענדן", איידער דער פלאַכער ניהיליזם, וועלכער דרינגט נאָך צומאָל אַרײַן אין דער ליטעראַטור.

מ. קובלאַנאָוו

קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן.

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַס

אַן אויסטויש פון בילדער-עקספּאָזיציעס

צווישן דעם מאָסקווער צענטראַלן פּיאָנערן-פּאַלאַץ און דעם פּיאָנערן-הויז פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן האָבן זיך אײַנגעשטעלט אינטערעסאַנטע קאָנטאַקטן. לעצטנס האָבן די פּיאָנערן פון דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט צוגעשיקט קיין ביראָבידזשאַן אַן אויסשטעלונג פון 35 בילדער פון יונגע קינסטלער. די מערהײַט געמעלן זײַנען געווידמעט מאָסקווע, דער טעמע קאָסמאָס. עס זײַנען אויך פאַראַן צווישן זיי פּאָרטרעטן און פּייזאַזשן. באַזונדערס ציִען צו די אויפמערקזאַמקייט די בילדער „דער רויטער פּלאַץ", „מאָסקווע אָונטצײַט", „אין די הײַזער האָבן זיך אָנגעצונדן פײַערן" אאַ.

די יונגע מאָלער פון ביראָבידזשאַנער פּיאָנערן-הויז גרייטן איצט אַן אויסשטעלונג פון זייערע שאַפונגען, וועלכע וועלן אינגיכן אָפּגעשיקט ווערן קיין מאָסקווע.

„רום די מענטשן פון מי"

אַזוי האָט מען אָנגערופן דעם יונגטלעכן מאַסן-אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם קלוב פון דער ביראָבידזשאַנער טעקסטיל-און ניי-פאַבריק. צו די יונגע אַרבעטער זײַנען געקומען כאָשעווע געסט — וועטעראַנען פון דער פאַבריק: דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי כײַע קאַראַסיק, די נייטערן מאַריִע כאַרעוואַ, וועלכע איז באַלוינט מיט אַ לענין-אָרדען, יעווגע אָוודאַנינאַ — אַ באַלוינטע מיט אַן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס-פאָן, און אַ סאַך אַנדערע אַלטע מײַסטערס פון דער אונטערנעמונג.

צווישן דער יוגנט מיט די פאַרשטייער פונעם עלטערן דאָר אַרבעטער איז פאָרגעקומען אַ לעבעדיקער געשפּרעך וועגן די רום-פולע טראַדיציעס פון דער פאַבריק.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט פריילעכע פאַרווײַלונגען, געזאַנג, טענץ און קינסטלערישע פאָרלעזונגען.

אַ סעמינאַר פאַר קולטור-טוער

צוויי טעג האָט געדויערט דער געגנטלעכער סעמינאַר פאַר די טוער פון די קולטור-הײַזער, קלובן און ביבליאָטעקן.

וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור-מאַסן-אַרבעט אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט גערעדט אין זײַן פאָרטראָג דער סעקרעטאַר פונעם געגנטלעכן פּראָפאַריינען-ראַט א. גורעוויטש.

די אָנטיילנעמער פונעם סעמינאַר האָבן באַזוכט דעם אָרטיקן פאָלקס-טעאַטער, דעם מוזיי פון העלדנמוט און דעם קאָלווירט „אילייטשס געבאָטן".

אַ גרויסע גרופּע קולטור-טוער איז באַלוינט געוואָרן מיט ווערט-פולע מאַטנאָס.

■ ■ ■

מ ו י ש ע ש א פּ י ר א

אייניקע נאָרמאַטיווע פּראַגן פון ייִדיש

II. גראַמאַטיק

דאָ וועלן מיר באַטראַכטן בלויז אַזעלכע גראַמאַטישע נאָרמיר־פּראַגן, וואָס אַף זיי האָבן מיר געמוזט געבן אַ באַשטימטן ענטפער אינעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך. דאָס זײַנען: 1) מין פון סובסטאַנטיוון (די היספּײַלעס צי דאָס היספּײַלעס? דער זאַמד צי די זאַמד? און עפּשער גאָר דאָס זאַמד? די ליד צי דאָס ליד? דער צעטל צי דאָס צעטל? אדג.). 2) מערצאָל־פאָרמעס פון סובסטאַנטיוון (באַלע־יויוול צו באַלע־יויוולס אָדער גאָר באַל־יויוולס? לערערס צי לערער? צונגען צי צינגער? קני, קניען צי קניעס אדג.). 3) פּאַרטיציפּ־פאָרמעס פון ווערבן (געפאַרבט צי געפאָרבן? געקנעטן, געקנאָטן צי געקנעטט? געשיט צי געשאָטן? פאַרלאָזט צי פאַרלאָזן? אדג.). 4) באַניץ פונעם הילפווערב אין צונויפגעזעצטע ווערבפאָרמעס — מיט האָבן צי מיט זײַן (האָב מאַסקים געווען צי בין מאַסקים געווען? אדג.).

כוץ דעם — אויסלייג־פּראַגן; אויסמײַדן זיי איז דאָך אומעגלעך אין יעדער דרוקווערק, ווער שמועסט אין אַ ווערטערבוך.

ווײַטער וועלן מיר גענוי רעדן וועגן יעדערער פון די דאָזיקע פּראַגן באַזונדער. פריִער אָבער לאָמיר קלאָר מאַכן, וואָס האָט אונדז געקאָנט דינען און געבן דעם געהעריקן סמאַך באַם לייזן אין ווערטערבוך פאַרשיידנסטע גראַמאַטישע ספּייקעס.

פאַרשטייט זיך, אַז ווענדן זיך איז אויסגעקומען קוידעמקאָל צו דער פאַראַנערער גראַמאַטישער און לעקסיקאָגראַפישער ליטעראַטור וועגן ייִדיש. אַהער געהערן, ערשטנס, פאָרש־אַרבעטן, וואָס קאָנסטאַטירן בלויז דעם באַניץ פון די־יענע וואָרטפאָרמעס אין די דיִאַלעקטן אָדער אין באַזונדערע לאָקאַלע ריידענישן פון ייִדיש — אָן קיינע נאָרמיר־פּרעטענזיעס. צווייטנס, גראַמאַטיק־קורסן, וואָס שטייען אַף אַ גענוגנדיקן לינגוויסטישן ניוואָ; זיי פירן געוויינלעך אַרונטער אונטער קלאָלים גאַנץ זיכערע שפּראַךפאַקטן, און וועגן סאָפעק־פאַלן באַגרענעצן זיי זיך מיט פעסטשטעלן די פאַראַנענקײַט פון אַ ווידעראַנאַנד אינעם ליטעראַרישן באַניץ; און ווען זיי פּאַסקענען יאָ, ווי ס׳דאַרף זײַן די ליטעראַרישע נאָרמע אין אַזעלכע פאַלן, זײַנען זיי אָפט ניט פרײַ פון דיִאַלעקטאַלער סוביעקטיווקײַט. דריטנס, ווערטערביכער; סראָוו שפּיגלען זיי אָפּ דעם באַניץ אין אַ באַשטימטן דיִאַלעקט. לעצטנס, אָפּהאַנדלונגען און אַזעלכע ווערטערביכער, וואָס גיבן אָן די געוווּנטשענע ליטעראַרישע נאָרמע אַפּן סמאַך פון דיִאַלעקטאָלאָגישע מאַטעריאַלן און ברייטע פאָרשונגען פונעם באַניץ אין דער קינסטלערישער און אין דער פּובליציסטישער ליטעראַטור. אַזעלכע לינגוויסטישע שאַפונגען זײַנען פאַר גראַמאַטישער נאָרמירונג פון די סאַמע פאַרלאָזלעכע. אין דעם פּראַט האַלטן מיר פאַר באַזונדערס ווערטפול אוריִעל ווײַנרײַכס „מאָדערן ענגליש־ייִדיש ייִדיש־ענגליש ווערטערבוך" און די דערשינענע בענד פונעם „גרויסן ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך", ווײַל אין זיי איז אויסגעניצט די רײַכע קאַרטאָטעק פונעם ייִוואָ און דער מאַטעריאַל, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן פאַרן „ייִדישן קולטור־ און שפּראַך־אַטלאַס", וועלכער ווערט אַרויסגעגעבן פונעם קאָלומביע־אוניווערסיטעט בעשותפעס מיטן ייִוואָ. דאָס דאַרף ניט הייסן, אַז אין אונדזער ווערטערבוך האָבן מיר מעכאַניש קאָפּירט אומעטום די נאָרמאַטיווע אָנווײַזן אין די דאָזיקע לעקסיקאָגראַפישע ווערק.

אַנדערע קוועלן וועט אונדז אויסקומען צו באַרירן אין שײַכעס מיט באַזונדערע נאָרמיר־פּראַגן.

וועגן קריטעריען. אין יענע פאַלן, ווען קיין פעסטע קלאָלים לאָזט זיך ניט פאָרמולירן און מע מוז אָנקומען צו די רעזולטאַטן פון דיִאַלעקטן־פאָרשונג, ווענדט מען געוויינלעך אָן דעם מערהײַט־קריטעריִ, דעם אַלטן און גערעכטיקן פּרינציפּ — אחרי רבים להטות[1]. אויב, לעמאָשל, ס׳איז זיכער פעסטגעשטעלט, אַז סײַ אין דאָרעם־מיזרעך־ייִדיש (אין אוקראַיִנע, מאָלדאַוויע), סײַ אינעם צאָפן־מיזרעך־ייִדיש (אין ליטע, ווײַסרוסלאַנד) זאָגט מען די ליד און אין מײַרעוו־ייִדיש (אין פּוילן) — דאָס ליד, איז אַ יוישער, ס׳זאָל אינעם ליטעראַרישן ייִדיש נאָרמירט ווערן די ליד; זאָלן, הייסט עס, וואָס ווייניקער ייִדיש־ריידער זיך מוזן ברעכן די צונג, ווען זיי ווילן רעדן ליטעראַריש. און פאַרקערט, אויב אינעם דאָרעם־מיזרעך־ייִדיש און אינעם מײַרעוו־ייִדיש זאָגט מען דאָס אויג און אינעם צאָפן־מיזרעך־ייִדיש — די אויג (ליטע און ווײַסרוסלאַנד ווייסן ניט פונעם זאַכלעכן, נייטראַלן

אָנהייב אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 4, 1973.

[1] אכריי ראבים לעהאַטויס — נייגן זיך אַפן צאַד פון דער מערהײַט.

מין־באַניץ), בלײַבט אינעם ליטעראַרישן ייִדיש דאָס אויג.

עמעס, דער גרויסער כורבן פונעם מיזרעך־אייראָפּעיִשן ייִדישן קיבעץ אונטער דער מאַכט פונעם פאַשיסטישן צוירער, באַזונדערס אין פוילן, איז גוירעם, מיר זאָלן זיך מוזן שטעלן די פראַגע: ווער איז איצט דער ראָבים? געוויסע קאָרעקטיוון טראָגן אַרײַן אויך די שפּראַכיקע אַסימיליר־טענדענצן. אָבער מיר מוזן אין זינען האָבן אויך די אינטערעסן פון איינהײַטלעכקײַט פאַרן קלאַל־ייִדיש, פאַרן ליטעראַרישן ייִדיש: אויסער אייראָפּע לעבט איצט די מערהײַט ייִדיש־ריידער, און דאָרט איז די בעיִרושע געבליבענע דיִאַלעקטן־פאַרהעלטעניש בעערעך די זעלבע וואָס פריִער.

ס'קאָן זײַן א רייד אויך וועגן א צווייטן קריטעריִ — טאַקע וועגן די אינטערעסן פון איינהײַטלעכקײַט. גראָד אין פראַגן פון גראַמאַטישער נאָרמירונג איז גרינגער צו דערגרייכן פשאָרעס און ווי ווײַט מעגלעך אויסצומײַדן ווידעראַנאַנדיקײַט. אין לעקסיק מוזן מיר אײַנגיין אָף אייניקע אונטערשיידן, קעדיי ניט אָפּצורײַסן זיך פונעם לעבעדיקן לעבן, מיט וועלכן דער ייִדיש־ריידער איז געקניפּט און געבונדן אין יעדער לאַנד באַזונדער. דאָס פירט ניט צו נײַער אייכעס, צו באַזונדערע, פאַרשיידענע ייִדישן אין פאַרשיידענע לענדער; ייִדיש בלײַבט אָן איין־אייניציקע אומעטום, אָבער איין־אייניציקײַט מיינט נאָך ניט פולשטענדיקע איינהײַטלעכקײַט. אין גראַמאַטיק איז עס אַנדערש. די ווירקונג פון דער אַרומיקער אַנדערשפּראַכיקער סוויווע לאָזט זיך גאָר ווייניק פילן אינעם גראַמאַטישן, באַזונדערס אינעם מאָרפאָלאָגישן אָנווענד פונעם וואָרט, און ווי מיר זאָלן ניט נאָרמירן, לאָמיר זאָגן, דעם מין־באַניץ צי די מערצאָל־פאָרמע פונעם סובסטאַנטיוו אין סאָפּעק־פאַלן, איז עס ניט גוירעם קיין שום אײַנרײַס מיט די טעריטאָריעל באַדינגטע שפּראַך־אַסאָציִאַציעס פונעם ייִדיש־ריידער.

דעריבער, טאַקע לעשעם איינהײַטלעכקײַט, האָבן מיר געהאַלטן פאַר באַרעכטיקט אויסצוגלײַכן אינעם ווערטערבוך אייניקע גראַמאַטישע רעמאַרקעס מיט די, וואָס ס'גיט אָן ווײַנרײַכס ווערטערבוך, — אין יענע פאַלן, ווו דער פּלאָנטער אינעם באַניץ איז צו שטאַרק און קיין סמאַך אָפּצופרעגן ווײַנרײַכס אָנגאַבן איז בא אונדז ניט געווען.

אַגעוו, בענעגייע צו גראַמאַטישער פורעמונג פון ווערטער איז דער ווידעראַנאַנד צווישן דער סאָוועטישער שרײַב־פּראַקטיק און די אײַנשטעלונגען פון די ייִוואָ־קרײַזן (און בא ווײַנרײַכן) פיל קלענער, ווי אין פראַגן פון לעקסיק. אינטערעסאַנט איז, וואָס אַפילע די נעטיִע פון די ייִוואָ־לינגוויסטן טרייף צו מאַכן אין ייִדיש אַלץ, וואָס סע קאָן שמעקן מיט „דײַטשמעריזם", לאָזט זיך ווייניקער פילן אין זייער שטעלונג צו גראַמאַטישער נאָרמירונג. דר. מ. שעכטער, אַשטייגער, רעדט אין זײַן פאָרטראָג וועגן באַניץ פון דרײַ גראַמאַטישע מינים סײַ אין דער סאָוועטישער שרײַבשפּראַך און סײַ אין דער ייִדישער קלאַל־שפּראַך (ווי באַוווּסט, שטעלט ער א גלײַכצייכן צווישן ייִוואָ־שפּראַך און קלאַל־שפּראַך) און דערבײַ מערקט ער אָפּ אויך די אונטערשיידן. ער שרײַבט:

„בייס די מינים־סיסטעם אין קלאַל־ייִדיש איז א סינטעז צווישן דאָרעם־מיזרעך־ייִדיש און צענטראַל־ייִדיש, מיט אַן אויג אָפן נײַ־הויכדײַטשן באַניץ, ...שפּאַרט זיך די מינים־סיסטעם אין דער סאָוועטיש־ייִדישער שרײַבשפּראַך אָן בעיִקער אָף דער מינים־סיסטעם... פון דאָרעם־מיזרעך־ייִדיש" (שפּאַציע — אונדזערע. — מ. ש.).

אונדז אינטערעסירט אין דעם פאַל דאָס „אויג אָף נײַ־הויכדײַטש".

און איצט — וועגן די באַזונדערע נאָרמיר־פראַגן.

1. מין פון סובסטאַנטיוון.

דאָס איז די האַרבסטע פראַגע פון גראַמאַטישער נאָרמירונג אין ייִדיש. אין אָט דעם גראַמאַטישן טייל פון אונדזער אַרטיקל גיבן מיר איר אָפּ דעם אויבנאָן. דערצו איז פאַראַן בא אונדז נאָך א טאַם: ס'שטעקט דאָ אונדזערער א באַזונדערער וויסנשאַפטלעכער אינטערעס, וועלכער וועט קלאָר ווערן פונעם ווײַטערדיקן אינהאַלט.

מעקוירים פאַר נאָרמירן דעם ייִדישן מין־באַניץ איז שוין פאַראַן א היפּש ביסל אין אונדזער גראַמאַטישער ליטעראַטור. אייניקע פון זיי דערגאַנצן אונדזערע יעדיִעס וועגן מין אין באַזונדערע דיִאַלעקטן אָדער ריידעניִשן. אַזאַ איז, לעמאָשל, יאַנקעוו ווילערס אַרטיקל „דער גראַמאַטישער מין פון די הויפּטווערטער אין מיזרעך־גאַליציִשן ייִדיש"[2]. אַהער אויך — ליפשיצעס רוסיש־ייִדישער ווערטערבוך, אייניקע אַרבעטן פון דר. שלוימע בירנבוים[3], אַלעקסאַנדער האַרקאַוויס א טאַשן־ווערטערביכל[4]. געוויסע נאָרמיר־טענדענצן לאָזן זיך פילן אין זאַלמען רייזענס א ברייטערן אַרטיקל „גראַמאַטישער מין אין ייִדיש"[5], אין א ריי סאָוועטיש־ייִדישע לעקסיקאָגראַפישע ווערק[6].

לאָמיר צוגעבן אונדזערע א ספּעציִעלע פאָרש־אַר־

---

[2] אין לאַנדוי־בוך („פילאָלאָגישע שריפטן" I, ווילנע, 1926).

[3] זײַן „ייִדיש ווערטערביכל פון אויסלייג, גראַמאַטישן מין, בייגונג און וואָרטקלאַס...", לאָדזש, 1932, און זײַן «Praktische Grammatik der Jiddischen Sprache» Wien—Leipzig, 1919.

[4] ייִדיש־ענגליש און ענגליש־ייִדיש (אין איין באַנד), ניו־יאָרק, 1898. אין זײַן מער ערנסטן „ייִדיש־ענגליש־העברעיִשן ווערטערבוך" (1925 און 1928) האָט זיך א. האַרקאַווי נאָכן אַס אַלעף אָפּגעזאָגט פון אַזאַ שווערער אויפגאַבע, ווי אָנצוווײַזן דעם מין פון די סובסטאַנטיוון.

[5] אין „ייִדישע פילאָלאָגיע", וואַרשע, 1924.

[6] אַזעלכע, ווי: ראָכקינד און שקליאַרס „ייִדיש־רוסישער ווערטערבוך", מינסק, 1940, און די טערמינאָלאָגישע ווערטערביכער, וואָס ס'האָט אַרויסגעגעבן די פילאָלאָגישע סעקציע אינעם אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע („מאַטעמאַטישע טערמינאָלאָגיע", קיִעוו — כאַרקאָוו, 1935, און „געאָגראַפישע טערמינאָלאָגיע", קיִעוו — כאַרקאָוו, 1936), אויך די אויסגאַבע פונעם קאַבינעט פאַר ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, שפּראַך און פאָלקלאָר בא דער זעלבער אַקאַדעמיע —„רוסיש־ייִדישער רעכטלעך־אַדמיניסטראַטיווער ווערטערבוך", קיִעוו, 1941.

בעט וועגן מין — מיט נאָרמאַטיווע אויספֿירן[7]. און ווײַל די דאָזיקע אַרבעט האָט געלאָזט אירע אָנזיכטיקע שפּורן אין די מין־באַצייכענונגען באַ אַ רײ סובסטאַנטיוון אינעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך, האַלטן מיר פֿאַר ניט איבעריק זאָגן וועגן איר גענויער, באַזונדערס וועגן דער געשיכטע אירער.

בעשײַטע האָט די פֿילאָלאָגישע סעקציע פֿונעם קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור אונטער דער אָנפֿירונג פֿון נאָכעם שטיף אויסגעאַרבעט און צעשיקט אַן „אַנקעטע וועגן מין פֿון זאַכווערטער", וואָס האָט אײַנגעשלאָסן 305 סובסטאַנטיוון מיט וואַקלדיקן מין־באַניק. ס'איז געשען אַזוי, אַז ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן צו באַאַרבעטן און מאַכן נאָרמאַטיווע אויספֿירן אַפֿן סמך פֿון די ענטפֿערס, וואָס זײַנען באַקומען געוואָרן אַף דער אַנקעטע (סאַכאַקל 222 פֿאַרפֿולטע עקזעמפּליאַרן; דערין 141 אַזעלכע, וואָס רעפּרעזענטירן די ייִדיש־ריידנדיקע פֿון אוקראַיִנע, 71 — פֿון ליטע־ווײַסרוסלאַנד, 10 — פֿון פּוילן). צוליב די נאָרמאַטיווע אויספֿירן איז דורכגעמאַכט געוואָרן אַ צוגאָבלעכע פֿאָרשונג פֿונעם מין־באַניק באַ לינעצקין, מענדעלען, שאָלעם־אַלייכעמען, פּערעצן, ווײַסנבערגן, אויך אין איגנאַץ בערנשטיינס זאַמלונג ייִדישע שפּריכווערטער און אין בערנשטיין און מאַרעקס זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקסלידער, אין אייניקע אַלט־ייִדישע קוועלן.

נאָרמאַטיווע אויספֿירן האָבן מיר געמאַכט לויט באַזונדערע גרופּעס סובסטאַנטיוון, דעהײַנע: מין פֿון גערמאַניש־שטאַמיקע וואָרצלדיקע סובסטאַנטיוון (אָן פּרעפֿיקסן און אָן סופֿיקסן); מין פֿון פּרעפֿיקסירטע און סופֿיקסירטע סובסטאַנטיוון; מין פֿון העברעיִזמען, סלאַוויזמען און פֿאַרשיידנשטאַמיקע אינטערנאַציאָנאַליזמען אאַ. פֿאַרהיט האָט זיך אָבער בלויז דער טייל, וואָס מיר האָבן באַוויזן צו פֿאַרעפֿנטלעכן ביז דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע — בלויז וועגן מין פֿון גערמאַניש־שטאַמיקע וואָרצלדיקע סובסטאַנטיוון, גראָד פֿון אַזעלכע, וואָס אין זייער מין־באַניק הערשט דער גרעסטער פּלאָנטער. אין דער אַרבעט איז אַרומגעכאַפּט באַ 500 אַזעלכע סובסטאַנטיוון. כוץ ווייניקע אויסנאַמען, פֿיגורירן זיי אויך אין ווײַנרײַכס ווערטערבוך, ווו באַ יעדערן פֿון זיי איז אָנגעוויזן דער גראַמאַטישער מין. אינעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך איז גענומען אין אַכט דער מין זייערער סײַ לויט אונדזערע אויספֿירן, סײַ די, וואָס מיר געפֿינען אין ווײַנרײַכס ווערטערבוך.

אַ פֿאַרגלײַך גיט אונדז די מעגלעכקײַט צו קאָנסטאַטירן, אַז קיין גאָר וועזנטלעכער ווידעראַנאַנד איז דאָ ניט צו באַמערקן. פֿון די קאַרגע 500 סובסטאַנטיוון איז ניט זיכער דער ליטעראַרישער מין־באַניק בלויז פֿאַר אַ קלענערן טייל זייערן — פֿאַר 124. פֿאַר אַ קאַרגער העלפֿט פֿון אָט דער צאָל, פֿאַר 60, שטימט דער אָנגעוויזענער מין אין ווײַנרײַכס ווערטערבוך מיט אונדזערע אויספֿירן. פֿאַר 54 איז קעגן אונדזערע נאָרמאַטיווע אויספֿירן אָנגעגעבן באַ ווײַנרײַכן אַ צווייענדיקער מין־באַניק, איינער — ווי באַ אונדז, אַ צווייטער — אַן אַנדערער. מיר ברענגען דאָ עטלעכע בײַשפּילן:

באַ אונדז: די בײַל, דאָס בעט, דער דראָט, דער זוים, דער טייל, די לאָך, די מעל, דער פּעך, די פּאַס, די פּראָש, די צאַם, די ראָד, די רייף, די שטיק, דער שטריק, דער שפּור.

באַ ווײַנרײַכן — דער, די בײַל; די, דאָס בעט; דער, דאָס דראָט; דער, די זוים; דער, די טייל; די, דער לאָך; די, דאָס מעל; די, דער פּעך; די, דאָס פּאַס; די, דער פּראָש; דער, די צאַם; די, דאָס ראָד; די, דער רייף; דאָס, די שטיק; דער, די שטריק; די, דער שפּור.

אין זעלטענערע פֿאַלן איז עס פֿאַרקערט: באַ אונדז — אַ צווייענדיקער מין־באַניק, באַ ווײַנרײַכן — איינער, אָבער אַזאַ, וואָס פֿאַלט צונויף מיט איינעם וואָס באַ אונדז. צ. ב.: **באַ אונדז** — דער אַרץ און דאָס אַרץ, **באַ ווײַנרײַכן** — דאָס אַרץ; **באַ אונדז** — דער שיכט און די שיכט, **באַ ווײַנרײַכן** — דער שיכט.

אין אייניקע זעלטענע פֿאַלן האָבן מיר אַ צווייענדיקן מין־באַניק סײַ באַ אונדז, סײַ באַ ווײַנרײַכן, אָבער צונויפֿפֿאַלן פֿאַלט צונויף נאָר איינער. צ. ב.: **באַ אונדז** — דער קרײַד און די קרײַד, **באַ ווײַנרײַכן** — די קרײַד און דאָס קרײַד; **באַ אונדז** — דער זאַמד און די זאַמד, **באַ ווײַנרײַכן** — דער זאַמד און דאָס זאַמד.

לעגאַמרע גייט זיך פֿאַנאַנדער דער אָנגעגעבענער מין באַ אונדז און באַ ווײַנרײַכן בלויז פֿאַר 11 סובסטאַנטיוון פֿון די 124 מיט וואַקלדיקן מין:

באַ אונדז — דער באַן, דער בוך, דער ביר, דער העפֿט, דער טינט, די ליד, דער פּײַן, די פּרײַז, דער רויב, די ריב, דער שטאָל.

באַ ווײַנרײַכן — די באַן, דאָס בוך, דאָס ביר, די העפֿט, די טינט, דאָס ליד, די פּײַן, דער פּרײַז, דאָס רויב, דער ריב, דאָס שטאָל.

אַזאַ ווידעראַנאַנד זײַנען גוירעם פֿאַרשיידענע סיבעס. דאָס איז, ערשטנס, די פֿאַרשיידנקײַט פֿון די קוועלן פֿאַר די יעדיִעס וועגן מין־באַניק אין די דיִאַלעקטן און ריידעניש. אין אונדזער רעשוס איז געווען זייער ווייניק מאַטעריאַלן וועגן מין־באַניק אין פּוילישן ייִדיש־דיִאַלעקט; עמעס, מיר האָבן זיי טיילווײַז דערגאַנצט מיט ליטעראַרישע קוועלן, אָבער דאָס איז ניט גענוג געווען, מיר זאָלן קענען מאַכן זיכערע אויספֿירן וועגן מין פֿון באַזונדערע סובסטאַנטיוון אין פּוילישן ייִדיש. צווייטנס, אָפֿט איז גענוג וואַקלדיק דער מין־באַניק אַפֿילע אין די ראַמען פֿון איין דיִאַלעקט, און אויב די יעדיִעס וועגן דעם דיִאַלעקט קומען פֿון פֿאַרשיידענע ייִשוּווים, קאָנען די אויספֿירן זײַן פֿאַרשיידן. דריטנס, ס'ווירקט אויך דער לעקסישער באַטײַט פֿונעם סובסטאַנטיוו, ס'קומט, אויב אַזוי, אויס אָנצווענדן אויך דעם סעמאַנטישן קריטעריִ; דאָס קאָן אָבער געטאָן ווערן ניט אַלצײַנס. צ. ב.: באַ ווײַנרײַכן איז אָנגעגעבן דאָס שטאָל, דאָס ביר, אויך דאָס אַרץ, דאָס קרײַד (באַנאַנד מיט די קרײַד), דאָס זאַמד (באַנאַנד מיט דער זאַמד) — געוויס ניט נאָר ווײַל אַזאַ מין־באַניק זאָגן אים אונטער די יעדיִעס וועגן באַניק אין פֿאַרשיידענע דיִאַלעקטן, נאָר אויך דערפֿאַר, ווײַל ער איז גענייגט צו רעכענען פֿאַר סובסטאַנטיוון פֿונעם זאַכלעכן (נייטראַלן)

[7] מ. שאַפּיראָ. דער גראַמאַטישער מין אין ייִדיש (אין „אַפֿן שפּראַכפֿראָנט". נומ. 3, קיִעוו, 1939).

מין נעמען פון שטאָפן און פון זאמלנעמען (אין אונדזערע בײַשפּילן — שטאָפנעמען). בא אונדז איז אויך דיסקאָנטירט אין פיל פאלן די דאָזיקע האנאָכע, ס׳איז אָבער פאָרמולירט בא אונדז נאָך איין האנאָכע, וואָס מאכט אַן אויסנאם פאר נעמען פון פליסיקײַטן (סײַ גערמאניש־שטאמיקע וואָרצלדיקע, סײַ אנדערע) — זיי זײַנען סראָוו מענלעך: דער ווײַן, דער ספּירט, דער בראָנפן, דער שנאפּס, דער מעד, דער אָלים, דער עסיק, דער אייל, דער בוימל, דער נאפט, דער זופּ, דער גיפט („סאם"), דער טוי, דער שוים, דער שווייס און אויך: דער ביר, דער טינט. עמעס, עמעץ וועט עפּשער פּרווון אָפּצופרעגן פאר א טייל פון די דאָזיקע נעמען פון פליסיקײַטן זייער אָנגעהעריקײַט צום מענלעכן מין; ס׳האָבן אָבער אונדז געגעבן א גענוגנדיקן סמאך פאר אונדזער האנאָכע די יעדיעס, וואָס מיר האָבן געהאט אין אונדזער רעשוס.

ווי זשע איז געלייזט דער מין־פּלאָנטער פאר וואָרצלדיקע גערמאניש־שטאמיקע סובסטאנטיוון אינעם רוסיש־יִדישן ווערטערבוך?

מיר האָבן ווי ווײַט מעגלעך אויסגעמיטן אָנצוגעבן א צווייענדיקן מין־באַניץ. אין יענע פאלן, ווו כאָטש איין אָנגעגעבענער מין פאלט צונויף בא אונדז און בא ווײַנרײַכן, האָבן מיר געהאלטן פאר גאנץ בארעכטיקט צו לאָזן אָט דעם צונויפפאלנדיקן מין — כוץ זעלטענע אויסנאמען. דעריבער בלײַבט אינעם ווערטערבוך: די בײַל, דאָס בעט, דער דראָט, דער זוים, דער טייל, די לאָך, די מעל, דער פּעך, די פּאס, די פּראָש, די צאם, די ראָד, די רייף, די שטיק, דער שטריק, דער שפּור; אויך: דאָס ארץ, דער שיכט, די קרײַד, דער זאמד.

פון די סובסטאנטיוון, פאר וועלכע דער אָנגעגעבענער מין איז גאנץ פארשיידן בא אונדז און בא ווײַנרײַכן, זײַנען מיר גענייגט לאָזן ווי בא ווײַנרײַכן בלויז: די באַן. וועגן אזא מין־באַניץ זאָגן אויך אייניקע מאטעריאלן אין אונדזער אויספאָרשונג: די באַן — אין פוילן, טיילווײַז — אין אוקראַיִנע, אין זארעצקיס גראמאטיק, בא בערגעלסאָנען. מיר לאָזן ווי בא אונדז: דער בוך, דער העפט, דער פּײַן, דער רויב, דער שטאָל. ספּייקעס בלײַבן בא אונדז וועגן מין פון ריב, פּרײַז.

ווי א בײַשפּיל גיבן מיר אָן די מאָטיווירונג פאר דער שטאָל:

די מערהײַט ענטפערס פון אוקראַיִנע (אָף דער מין־אנקעטע) — דער, פון ליטע־ווײַסרוסלאנד — די און דער, פון פוילן — טיילווײַז דער, בא בירנבוימען — דער, בא ליפשיצן — דער, בא פערעצן — דער, בא רייזענען — די.

אזוי איז עס מיט די מין־נאָרמעס פאר גערמאניש־שטאמיקע וואָרצלדיקע סובסטאנטיוון.

וועגן מין פון אלע איבעריקע סובסטאנטיוון איז בא הײַנטיקן טאָג, ווי מיר מיינען, דער מער פארלאָזלעכער קוואל — ווײַנרײַכס ווערטערבוך. ספּייקעס קאָנען דאָ זײַן בענגייע צו אייניקע טיפּן סובסטאנטיוון. לאָמיר זיי באטראכטן באזונדער.

א) סובסטאנטיוון מיטן פּרעפיקס גע־ (אָן סופיקסן). לעכאָל האדייעס זײַנען נייטראל די, וואָס באצייכענען א טוונג אָדער א רעזולטאט פון א טוונג (דאָס געוויין, דאָס גערויש, דאָס געשלעג אדג.), אויך סומארע באגריפן — זאמל־נעמען (דאָס געביין, דאָס געהאלט, דאָס געהילץ, דאָס געווער, דאָס געוועש, דאָס געזינד, דאָס געפעס, דאָס געצײַג אדג.). געוויינלעך ניצט מען אזעלכע סובסטאנטיוון אין איינצאָל. ס׳איז פאראן אָבער אויך אזעלכע, וואָס באצייכענען אינדיווידואליזירטע באגריפן, וועלכע ווערן געדענקט אויך מערצאָליק (געדאנק, געזיכט, געזעץ, געלענק, געמעל, געפאר, געצעלט, געשאנק, געשטאלט, געשעפט, געשפענסט אדג.). ס׳איז פאראן א טענדענץ אין דער שפּראַך צו ניצן אויך אזעלכע סובסטאנטיוון נייטראל. ווײַנרײַך גיט דעריבער אָן דעם נייטראלן מין־באַניץ פאר דער מערהײַט זייערער, אָבער: דער געדאנק, די געפאר, די געשטאלט (באנאנד מיט דאָס געשטאלט). אין ווערטערבוך גיבן מיר אויך אָן דעם נייטראלן מין פאר אזעלכע סובסטאנטיוון, אָבער — קעגן ווײַנרײַכן — דער געזעץ (אזוי אויך אין אדמיניסטראטיוו־רעכטלעכן ווערטערבוך), דער געלענק, דער געשאנק. (פּרג.: דענקען — דער געדאנק, שענקען — דער געשאנק) און בלויז די געשטאלט.

ב) סופיקסירטע סובסטאנטיוון. דאָ איז איבעריק צו רעדן וועגן מין פון סובסטאנטיוון מיט די סופיקסן ־הײַט, ־קײַט, ־ונג, ־שאפט — אלע זײַנען זיי פונעם ווײַבלעכן מין (די — פרײַהײַט, מענטשלעכקײַט, מיינונג, האָפענונג, ליבשאפט, געזעלשאפט, כאַווערשאפט אדג.); אויך וועגן מין פון סובסטאנטיוון מיט די סופיקסן ־יזם, ־ער, ־אָר, ־אטאָר — זיי זײַנען פונעם מענלעכן מין (דער — סאָציאַליזם, לײַכטער, פאקטאָר, סעפּאראטאָר אדג.); דאָס זעלבע — וועגן מין פון סובסטאנטיוון מיט די סופיקסן ־טום, ־ווארג, ־עכץ — אלע זײַנען זיי פונעם זאכלעכן, נייטראלן מין (דאָס — רײַכטום, קליינווארג, גאָרטנווארג, טועכץ, שפּײַעכץ אדג.).

ספּייקעס און ווידעראנאנד באמערקן מיר אינעם מין־באַניץ פאר סובסטאנטיוון מיט טראפיקן ־ל סאָף וואָרט, מיט די סופיקסן ־(ע)ניש און ־(ער)ײַ.

טראפיקער ־ל סאָף וואָרט איז אָפּט שוין ניט קיין סופיקס אינעם הײַנטצײַטיקן יִדיש, דעריבער רעדן מיר דאָ וועגן סובסטאנטיוון מיט טראפיקן ־ל סאָף וואָרט ביכלאל. אזעלכע סובסטאנטיוון לאָזט זיך גרינג נאָרמירן: פארקלענער־נעמען און אויסגעבילדעטע פון צאָלנעמען — נייטראל, אנדערע — געוויינלעך מענלעך. דעריבער: דאָס טישל, דאָס פינטל, דאָס פערטל, דאָס צענטל, אָבער: דער — גאָפּל, גאָרגל, ווײַנשל, לעפל, נאָפּל, פויגל, פליגל, שליסל, שנאָבל אדג., אויך: דער — ווינקל, טײַטל, פענדזל; אזוי גיט אָן אויך ווײַנרײַך. מיר גיבן אָן אין ווערטערבוך לויטן זעלבן קלאל דער זאָטל (בא ווײַנרײַכן — דער און די זאָטל), דער שטאפּל (בא ווײַנרײַכן — דער און די שטאפּל), דער שינדל (בא ווײַנרײַכן — די שינדל), דער פידל (אזוי אויך בא ווײַנרײַכן; בא הארקאווין — די פידל), דער טייטל (בא ווײַנרײַכן — דער און די טייטל; בא הארקאווין — דער טייטל). אויסנאמען: דאָס דריידל (אזוי אומעטום — בא ווײַנרײַכן, הארקאווין, שאָלעם־אלייכעמען), די שיסל, די נאָדל, דאָס שעפל (אזוי אויך בא ווײַנרײַכן; בא הארקאווין — דער שעפל).

סובסטאנטיוון מיטן סופיקס ־(ע)ניש זײַנען בא ווײַנרײַכן בעדערעך קלאל נייטראל (דאָס — באגע־

גנעניש, געשעעניש, זוכעניש, פינצטערניש, רעדעניש אדג.), אָבער: די טריקעניש, די וויסטעניש. בא זאַרעצקין — געפּלאָנטערט: אין א טאַבעלע פון סובסטאַנטיווישע סופיקסן גיט ער אָן באַם סופיקס ־(ע)ניש דעם ווײַבלעכן מין — אָן שום באַוואָרענישן, און לויט דער פאָרמע פונעם וואָרט באַשטימט ער דעם מין פון סובסטאַנטיוון מיט ־(ע)ניש נייטראַל און גיט צו דערבײַ: „די ווערטער מיט ־עכץ, ־עניש געהערן אויך צום צווייטן מין" (דה. צום ווײַבלעכן. — מ. ש.). בא הארקאַווין — נייטראַל, אָבער: די טריקעניש, די פינצטערניש.

ס׳איז אַבסאָליוט ניט פאַרשטענדלעך בא ווײַנרײַכן, פון איין זײַט — דאָס פינצטערניש, פון דער אנדערער זײַט — די טריקעניש, די וויסטעניש. מיסטאם האָבן אים אזוי אונטערגעזאָגט דיאַלעקטאָלאָגישע מאַטעריאַלן, אָבער אין נאָרמיר־פּראַגן איז בילכער פאָרמולירן א קלאַל ווו נאָר ס׳איז מעגלעך, און גראָד דאָ לאָזט זיך עס גרינג טאָן. אויסגעהאַלטן איז, ווי מיר מיינען, בעפיירעש הארקאַווי: די טריקעניש, די פינצטערניש; ס׳פאַרבינדט ביידע סובסטאַנטיוון דאָס, וואָס זיי זײַנען אויסגעבילדעט ניט פון ווערבן, נאָר פון אַדיעקטיוון. אזוי אויך אין רוסיש־יידישן ווערטערבוך: פון ווערבן — נייטראַל (דאָס — אײַלעניש, לויפעניש, שטעכעניש אדג.), פון אַדיעקטיוון — ווײַבלעך (די — געהיימניש, וויסטעניש, טריקעניש, פינצטערניש). מעגלעך, אז מע מוז דאָ זיך רעכענען אויך מיטן באַטײַט, דעהײַנו: אפילע אויסגעבילדעטע פון ווערבן, אויב זיי באַצייכענען אינדיווידואַליזירטע באַגריפן (וואָס ווערן געדענקט אויך מערצאָליק), דאַרפן זײַן (און זײַנען!) ווײַבלעך (די געשעעניש, די באַגעגעניש).

וועגן סובסטאַנטיוון מיטן סופיקס ־(ער)ײַ. אויב אַזעלכע סובסטאַנטיוון האָבן אויך דעם פּרעפיקס גע־, זײַנען זיי אָן שום ספק נייטראַל (דאָס געלויפערײַ, דאָס געקוויטשערײַ אדג.). פאַר סובסטאַנטיוון אָנעם פּרעפיקס גע־ איז בעפיירעש באַרעכטיקט א דיפערענצירטער מין־באַניץ (ווי בא ווײַנרײַכן): די, וואָס באַצייכענען א טוונג — נייטראַל, מיטן באַטײַט פון אָרט, וואַרשטאַט — ווײַבלעך. דעריבער: דאָס שנײַדערײַ, דאָס וועבערײַ („טועכץ, באַשעפטיקונג") און אוואדע: דאָס — זינגערײַ, פּײַפערײַ, קוויטשערײַ אדג. אָבער: די שנײַדערײַ, די פאַרבערײַ („ארבעט־אָרט, וואַרשטאַט").

וועגן העברעיִזמען מיט ־עס סאָף וואָרט (פונעם העברעיִשן סופיקס ־ות. אין יידיש פּלט זיך ניט אָט די ענדונג ווי א סופיקס). דער מין זייערער איז וואַקלדיק — נייטראַל און ניט זעלטן ווײַבלעך (די — היסלײַוועס, היספּײַלעס, גאַדלעס און אויך: דאָס — היסלײַוועס, היספּײַלעס אדג.). בא ווײַנרײַכן — נייטראַל. מיר נעמען אָן אין ווערטערבוך דעם נייטראַלן מין־באַניץ פאַר אַזעלכע סובסטאַנטיוון — ווי בא ווײַנרײַכן. וועגן א געוויסן סמאַך דערצו איז פאַראַן אויך אין אונדזער אָפּהאַנדלונג וועגן מין[8]. אזוי אויך לויט זאַרעצקין. בא הארקאַווין — ווײַבלעך (די — היסבוידעדעס, היסלײַוועס, היספּײַלעס אדג.).

סובסטאַנטיווירונגען מיטן סופיקס ־יש — נעמען פון שפּראַכן זײַנען בא ווײַנרײַכן נייטראַל (דאָס — יידיש, רוסיש, ענגליש אדג.). מיר האָבן געניצט אַזעלכע סובסטאַנטיוון מענלעך. א רײ לייענער — יידיש־קענער האָבן אין בריוו אָפּגעפרעגט אזא מין־באַניץ. דעריבער (און אויך לעשעם איינהײַטלעכקײַט) האָבן מיר אין ווערטערבוך אויסגעגלײַכט מיט ווײַנרײַכס אָנווײַזן און אָנגעגעבן: דאָס — יידיש, רוסיש, אוזבעקיש אדג.), האגאם בא זאַרעצקין — דער — ווי פאַר אלע אנדערע סובסטאַנטיווירונגען.

ג) דער מין לויט די ענדקלאַנגען. אין דער גרעסטער מערהײַט פאַלן קען מען באַשטימען דעם מין פון העברעיִש־שטאַמיקע און סלאַוויש־שטאַמיקע סובסטאַנטיוון, אויך פון פאַרשיידנשטאַמיקע אינטערנאַציאָנאַליזמען לויטן קלאַנג סאָף וואָרט: אויב א קאָנסאָנאַנט — מענלעך, אויב א ניט־אַקצענטירטער וואָקאַל — ווײַבלעך. אייגנטלעך איז אזא קלאַל גילטיק אויך פאַר סופיקסירטע אינטערנאַציאָנאַליזמען. דעריבער: דער — אייסעק, אָס, גוירל, דויפעק, הײַפעך, כשאַד, נוסעך, ניסאָיען, סײפער, פּראַט, קלאַל, רויגעז, רייעך, שעקער און פיל אנדערע העברעיִש־שטאַמיקע סובסטאַנטיוון; דער — אָפּצאַס, דעמב, סאָד (сад), קאַרפּ, קליעוו (клев) און אנדערע סלאַוויש־שטאַמיקע סובסטאַנטיוון; דער — אָאַזיס, אַבאַזשור, מאַטש, מאַנוסקריפּט, קאָנוס, רעזשים און א גוזמע אנדערע אינטערנאַציאָנאַליזמען, אויך מיט סופיקסן: דער — סעקרעטאַריאַט, מיניסטעריום, רעגוליאַטאָר, אַקוואַריום, מאַסיוו, מאַנאָלאָג, מינוס, טיפּוס אדג. דעריבער אויך: די — אַסיפע, דייע, כאַראַטע, מעמרע, סוואָרע, צורע, קרירע, רעציכע, שוווע און אנדערע העברעיִש־שטאַמיקע סובסטאַנטיוון מיט ־ע סאָף וואָרט: די — אַבלאַווע, אָזשענע, ווענטקע, וועסלע, פּיאַטע און פיל אנדערע סלאַוויש־שטאַמיקע סובסטאַנטיוון מיט אַן ענד־ע; די — אַדע, אורנע, דיונע, דיאַפראַגמע און אנדערע אינטערנאַציאָנאַליזמען מיט ־ע סאָף וואָרט.

ס׳איז אָבער פאַראַן א היפּשע צאָל אויסנאַמען און א רײ ספּייקעס. וועגן זיי — באַזונדער.

בא ווײַנרײַכן — דער און דאָס קסאַוו (סײַ מיטן באַטײַט פון א דאָקומענט, סײַ „האַנטשריפט"). מיר מיינען, אז מע קען דאָ אויסמײַדן א צווייענדיקן מין און נאָרמירן לויטן קלאַל: דער קסאַוו. אוואדע שוין: דער קסאַוו־יאַד (בא ווײַנרײַכן — דער, דאָס). דאָס זעלבע: דער טאַעס (בא ווײַנרײַכן — דער, דאָס)[9].

אין אלע פאַלן, ווו אין יידיש איז צום סובסטאַנטיוו מיט אַן ענד־קאָנסאָנאַנט פאַראַן, מעג זײַן אַן אומגעגנגלעכע, פאָרמע מיט אַן ענד־ע, דאַרף נאָרמירט ווערן ווײַבלעכער מין־באַניץ: די — אַגענטור, פּראָפעסור, פיזיק, דיאַלעקטיק, פּליעט, טעלעגראַם, טעאָרעם, דירעקטיוו. אזוי אויך בא ווײַנרײַכן. אין דער אויסלענדישער יידישער פּעריאָדיק איז פאַרשפּרייט: דאָס טעלעגראַם, דאָס פּראָבלעם אדג. — דײַטשמעריש.

אינטערנאַציאָנאַליזמען מיט אַן אַקצענטירטן וואָקאַל סאָף וואָרט גיבן מיר אין ווערטערבוך ווי בא ווײַנרײַכן — מענלעך: דער — אַטעליע, ביוראָ, כנאַ, נעגליזשע, פּאַיע, קאַפע, קענגורו.

---

[8] זע די דערמאָנטע אָפּהאַנדלונג, זז. 149 — 150.

[9] האגאם אין העברעיִש מיט ־ות: אין יידיש ווערט דאָ ניט אויפגענומען דער ־עס, ווי אין גאַדלעס, אַקשאָנעס אדג., ווו ־עס באַטײַט אַן אַבסטראַהירטע אייגנשאַפט.

אפן מין פון אַברעוויאַציעס ווירקט דער מין פון די דעשיפרירונגען. דעריבער דאַרף זײַן די אונאָ (OOH) — („די אָרגאַניזאַציע פון די פֿאַראייניקטע נאַציעס״). בא ווײַנרײַכן — דער, די.

אַד קאָן — וועגן מין. אין אַן אַרטיקל איז ניט מעגלעך אויסצושעפּן אַלץ, וואָס איז שײַך צו ספּייקעס בענעגייע דעם מין פון סובסטאַנטיוון אין ייִדיש. מיר באַרירן דאָ ניט, אַשטייגער, דעם מין פון געאָגראַפישע נעמען, באַזונדערס פון שטעט און לענדער, דעם מין פון אייניקע אינטערנאַציאָנאַליזמען, אַנטליִענע אין ייִדיש דירעקט פון רוסיש (פרג. די מאַגיסטראַל און דער פּאַראַל) אדג. אַף מעגלעכע פּראַגעס וועגן מין פון באַזונדערע ווערטער ווערט דער פולער ענטפער געגעבן אין ווערטערבוך גופא, בא יעדער סובסטאַנטיוו.

2. מערצאָל־פאָרמעס פון סובסטאַנטיוון.

אין דעם פּראַט איז די נאָרמיר־אויפגאַבע וויניקער קאָמפּליצירט און וויניקער פּלאָנטערדיק לעגאַבע דער מין־פּראָבלעם, אָבער אויך דאָ איז אָפּט נאָך ווײַט פון קלאָרקײַט און זיכערקײַט אינעם באַניץ.

קוידעמקאָל איז עס שײַך צו צווייענדיקע פאָרמעס. אינעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך האָבן מיר געזען וואָס מער אויסצומײַדן זיי. מיר האַלטן, אַז איין זאַך איז דיִאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונג, אַן אַנדער זאַך איז נאָרמירונג. דער דיִאַלעקטאָלאָג איז מעכיעוו אַרויסצוברענגען אַלץ, וואָס ער באַמערקט אין שפּראַך־אומגאַנג; דער שפּראַך־נאָרמירער — און אַזאַ מוז זײַן אין אַ גרויסער מאָס דער צונויפשטעלער פון אַ פולערן ערנסטן ווערטערבוך — דאַרף סקרופּוליעז וועגן און מעסטן און קומען אַזויאַרום צו אַ מער־וויניקער באַגרינדעטן אָפּקלײַב.

בענעגייע צו צווייענדיקע מערצאָל־פאָרמעס קאָן פיל זאָגן אַ פאַרגלײַך צווישן ווײַנרײַכס אָנגאַבן און זאַרעצקיס אויספירן. ווײַנרײַך, ווי געזאָגט; שטיצט זיך אין זײַנע גראַמאַטישע אָנווײַזן אויך אַף די פּילצאָליקע דיִאַלעקטאָלאָגישע מאַטעריאַלן צום „קולטור־ און שפּראַך־אַטלאַס״. אין אַזאַ יאַם פון אָפט סטירעדיקע יעדיִעס איז ניט שטענדיק אַזוי גרינג קומען צו איין פעסטן נאָרמאַטיוון אויספיר. דאָס איז, זעט אויס, די סיבע פון זײַנע צווייענדיקע ענטפערס אין סאָפעק־פאַלן. זאַרעצקי פּרוּווט אין זײַן „פּראַקטישער גראַמאַטיק״ אויסצוקלאָרן די פּאַסיקע געזעצמעסיקײַטן, צו געבן קלאָלים; פאָרש־מאַטעריאַלן איז אָבער אין זײַן רעשוס געווען פיל וויניקער, און ווי אַ געוויסנהאַפטיקער לינגוויסט האָט ער אָפּט ניט געוואָלט און ניט געקענט געבן איין־אײנציקע לייזונג פון דער־יענער גראַמאַטישער נאָרמאַטיווער פּראַגע. בא אים איז דעריבער פאַראַן נאָך מער צווייענדיקע פאָרמעס ווי בא ווײַנרײַכן. טיילמאָל האָבן אים געשטערט זײַנע פּערזענלעכע דיִאַלעקטאַלע שפּראַך־געווינשאַפטן. לאָמיר דאָס ווײַזן אַף אַ ריי בײַשפּילן.

א) בא זאַרעצקין — צווייענדיקע מערצאָל־פאָרמעס, בא ווײַנרײַכן — איינע (מיט קורסיוו גיבן מיר די פאָרמע בא זאַרעצקין, וואָס ס׳גיט אָן אויך ווײַנרײַך):

ביוראָען, ביוראָס; גופים, גופן; גלאָקן, גלעקער; געווירים, געווירן[10]; גענג, גאַנגען, דוואָרים אכיירים, דאָווראַכערס; טײַוואָלים, טײַוואָלאָנים; טרעפּ, טרעפּן; כיבערס, כיבורים[11], לעפל, לעפלען; מינימומען, מינימומס; סאַמים, סאַמען; פלאַנען, פלענער.

אין ווערטערבוך בלײַבט: ביוראָען, געווירים, גלעקער, גענג[12], דאָווראַכערס, טרעפּ, כיבערס און כיבורים (סעמאַנטיש דיפערענצירט), לעפל, מינימומס, סאַמען. מעגלעך, אַז מע דאַרף דיפערענצירן: פלאַנען („צייכענונגען״) און פלענער (מיט פיגורעלן באַטײַט). אייניקע מאָטיווירונגען: ביוראָען — ווי די מערצאָל־פאָרמע פאַר אַלע אַנדערע אינטערנאַציאָנאַליזמען מיט אַקצענטירטן וואָקאַל אָדער דיפטאָנג סאָף וואָרט (פרג. קאַפעען, אידייען, פּאַיעען אא). אַגעוו, ניט נאָר אינטערנאַציאָנאַליזמען. צ. ב. שאָען, סאָלאָווייען, טלאָען אא. מינימומס — ווי אַקוואַריומס; מיניסטעריומס אא. געווירן איז געוויס דיִאַלעקטאַל און אומגענגלעך. מיר זאָגן ניט: געווירן אַדירים, נאָר געווירים אַדירים. וועגן די איבעריקע פאָרמעס זעען מיר ניט קיין סמאַך פאַר ספּייקעס.

ב) בא ווײַנרײַכן — צווייענדיקע מערצאָל־פאָרמעס, בא זאַרעצקין — איינע (אויך דאָ גיבן מיר מיט קורסיוו די צונויפאַלנדיקע פאָרמע):

בוידעמער[13], בוידעמס; ברונעמס, ברינעמער; היטלעך, היטלען; הערינגען, הערינג; טאָעסן, טעוסים; לעקעכן, לעקעכער; צונגען, צינגער; קוסטעס, קוסטן; קעלנער, קאָלנערס.

בא אונדז אין ווערטערבוך בלײַבט:

בוידעמער, ברינעמער, היטלען, טאָעסן, לעקעכער, קוסטעס, קאָלנערס. לאָמיר מאָטיווירן: ברינעמער — ניט נאָר בא זאַרעצקין און ווײַנרײַכן, נאָר אויך בא האַרקאַווין. אַלפּי אַנאַלאָגיע — אויך: בוידעמער. היטל ווערט ניט ריכטיק אויפגענומען ווי אַ פאַרקלענערנאָמען (פון הוט) און דעריבער — דאָס היטל. אינדערעמעסן אָבער איז עס פאַרקערט: הוט איז אַ פאַרגרעסער־נאָמען פון היטל, און דעריבער איז ריכטיקער: היטלען. הערינג, לעקעכער — אַזוי בא זאַרעצקין, ווײַנרײַכן און האַרקאַווין. טאָעסן איז אָרגאַנישער אין ייִדיש איידער טעוסים, און אַזוי סײַ בא זאַרעצקין, סײַ בא ווײַנרײַכן, האַגאַם בא האַרקאַווין — טעוסים. קוסטעס — אויך בא האַרקאַווין, און ס׳קומט נאָך צו דער סלאַווישער אָפּשטאַם פונעם וואָרט; פאַר אַזעלכע ווערטער ווערט אָפּטער גענוצט דער מערצאָל־סופיקס ־עס. קאָלנערס — אויך בא האַרקאַווין. כוץ דעם איז דער אומלויט (קאָלנער — קעלנער) ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזאַ ראָמאַניש־שטאַמיק וואָרט[14].

ס׳דאַרף, זעט אויס, בלײַבן, ווי בא ווײַנרײַכן, די צווייענדיקע פאָרמע: צונגען, צינגער. אַזוי אויך בא האַרקאַווין. ס׳שײַנט, אַז דאָ דאַרף מען דיפערענצירן סטיליסטיש: צינגער אַסאָציִירט זיך מיט שפּאָט־ אָדער ביטל־שאַטירונג. פרג.: „בייזע צינגער״.

---

[10] ריכטיקער: געווירים, געווירן (אָן אַן ע).

[11] מיט פאַרשיידענעם באַטײַט: כיבערס („אַריפמעטישער אַקט״) און כיבורים („ווערק״).

[12] גאַנגען — комплекты.

[13] בא זאַרעצקין אויך:ביידעמער; דאָס איז, זעט אויס, זײַנער אַ רײַסישער פאָנעטישער וואַריִאַנט.

[14] אין ייִדיש — פון פּויליש (kołnierz).

ג) בא ביידן — בא ווײַנרײַכן און זאַרעצקין — אַלציינע צווייענדיקע מערצאָל־פֿאָרמעס:
ברעגן, ברעגעס; יאַמים, יאַמען; מאַנען (мужья), מענער (мужи); פֿייגל, פֿויגלען; ציינער, ציין; קעלער (голоса), קוילעס (крики); קרוגן, קריג; קסאָוון (почерки), קסאָווים (записки); שלאַנגען, שלענג.

אין רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך בלײַבן צווייענדיקע מערצאָל־פֿאָרמעס מיט דיפֿערענצירטן באַטײַט; אויך: ציינער, ציין (ווי אונדז שײַנט, ציינער — מיט שפּאָט־אָדער ביטל־שאַטירונג — ווי ציינגער). אין ייִדיש דאַרף נאָרמירט ווערן די מער אָרגאַנישע פֿאָרמע — יאַמען. ברעג איז אין ייִדיש פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם, איז דעריבער בעסער: ברעגעס. בעסער קריג, ניט קרוגן; אַזוי אויך בא האַרקאַווין, זעט אויס, מע מוז לאָזן: שלאַנגען און שלענג, פֿייגל און פֿויגלען: צו פֿאַרשפּרייט זײַנען ביידע פֿאָרמעס.

ד) בא זאַרעצקין און בא ווײַנרײַכן — גאַנץ פֿאַרשיידענע מערצאָל־פֿאָרמעס. צ. ב.:

בא זאַרעצקין — באַלדאָוועס, בען יעכידים, כשאַדן, מישפּטען.

בא ווײַנרײַכן — באַלע־דאָווער, בניי־יעכידים, כשאַדים, מישפּאָטים.

זאַרעצקי, ווי ס׳ווײַזן אָט די בײַשפּילן, פֿאַרייִדישט די מערצאָל־פֿאָרמע פֿונעם העברעיִש־שטאַמיקן סובסטאַנטיוו; ווײַנרײַך פֿאַרהיט אין מערצאָל די העברעיִשע פֿאָרמע. אין רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך גייען מיר צו קריטיש בא יעדן וואָרט באַזונדער. זאַרעצקי איז דאָ ניט קאָנסעקווענט: אויב פֿאַרייִדישן, איז ניט נאָר באַלדאָוועס, נאָר אויך בעניאַכידס. ווידער, בא ווײַנרײַכן איז ניט קעשורע מיט דער מערצאָל־פֿאָרמע פֿון קאָמפּאָזיטן מיט באַל־. ער גיט אָן סײַ באַלע־ביטאָכן און סײַ באַלע־גײַוועס. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז ביטאָכן און גײַווע זײַנען אַבסטראַקציעס, וואָס ווערן ניט געדענקט מערצאָליק. אַ מענטש מיט ביטאָכן איז אַ באַל־ביטאָכן און מענטשן מיט ביטאָכן זײַנען באַלע־ביטאָכן. דאָס זעלבע מיט גײַווע. דאַרף דעריבער זײַן באַלע־גײַווע, אויך: באַלע־יויוול (אַזוי גיט ער טאַקע ריכטיק אָן).

אין ווערטערבוך בא אונדז איז ניט פֿאַרגעשטעלט דער סובסטאַנטיוו באַלדאָווער; ווען יאָ, וואָלט געווען, ווי בא ווײַנרײַכן (ניט „פֿאַרייִדישט“) — באַלע־דאָווער. מיר גיבן: באַלע־יויוול, באַלע־דייע („מענטשן, וואָס האָבן די דייע“; ניט ווי בא ווײַנרײַכן — באַלע־דייעס). און — ווי בא ווײַנרײַכן — בניי־יעכידים (זיי זײַנען עס טאַקע די איין־און־איינציקע, די יעכידים). בעסער איז כשאַדים (ייִדיש איז געוווינט צום סופֿיקס ־ים מיט וואָקאַל־בײַט און איבעראַקצענטירונג). אָבער — ווי בא זאַרעצקין — מישפּטען („אורטיילן“): מישפּאָטים האָט אין העברעיִש אָפֿטער גאָר אַן אַנדער באַטײַט.

ה) באַזונדערס — וועגן דער מערצאָל־פֿאָרמע פֿאַר סובסטאַנטיוון מיט ־ער, ־לער, וואָס באַצייכענען אַ פּראָפֿעסיאָנאַל, אַ טוער. אין אויסלאַנד (און בא ווײַנרײַכן) ניצט מען אין אָט דעם פֿאַל אַלפּי־קלאַל דעם מערצאָל־סופֿיקס ־ס (לערערס, שרײַבערס, פּיזיקערס, טראַנספּאָרטלערס, מעכאַניקערס, פּירערס אדג.). מיר באַגייען זיך אָנעם סופֿיקס (לערער, פּיזיקער, פּראָלעטאַריער, ספּאָרטלער, מעכאַניקער, רינגלער — סײַ אין איינצאָל, סײַ אין מערצאָל). אַזוי — דערווײַל — אויך אין רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך. אַזוי אויך — בא האַרקאַווין. בא מאַלטינסקין אין איינער אַן איבערזעצונג[15] — לערער, הענדלער, קונצנמאַכער, טעפּער, בלעכער, שנײַדער, גלעזער — אָנעם מערצאָל־סופֿיקס ־ס; אָבער: קרעמער און קרעמערס, קרעטשמערס. מעגלעך, אַז סובסטאַנטיוון, אויסגעבילדעטע פֿון ווערבן, איז נאַטירלעכער צו ניצן אָנעם מערצאָל־סופֿיקס. דאָך מוז מען אָנערקענען, אַז די פֿאָרמע מיט ־ס איז אויך גענוג פֿאַרשפּרייט, און ס׳קומען דאָ צו די אינטערעסן פֿון איינהייטלעכקייט. ס׳איז עפּשער קעדײַ צו דערלאָזן ווי ליטעראַרישע ביידע קאָנקורירנדיקע פֿאָרמעס. אָבער: בלויז אַרבעטער, אויך: פּראָלעטאַריער (ניט: אַרבעטערס, פּראָלעטאַריערס; בעשום־אויפֿן ניט: „פּראָלעטאַריערס פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט זיך!“, נאָר לויט דער טראַדיציע — „פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער, פֿאַראייניקט זיך!“).

ו) וועגן פּאָליטיקן און פּאָליטיקעס. אין זײַן אַרטיקעלע אָדער נאָטיץ „מעלדן און אויסרייד“[16] נעמט זיך דער כ׳ איטקאָוויטש אָן די קריוודע פֿון דער „איינגעבירגערטער, דורכעסדיקער טראַדיציע“, וואָס „ווער ס׳האָט נאָר גאָט אין האַרצן“, שטעלט זי אַוועק אונטער אַ סאָפֿעק. ער איז שטאַרק אויפֿגעבראַכט פֿון דעם, וואָס דער „ביראָבידזשאַנער שטערן“ דערלויבט זיך אײַנפֿירן „נײַסן“ און שרײַבן, אַשטייגער, אין אַ קעפּל: „צוויי וועלטן, צוויי פּאָליטיקן“ — אַנשטאָט „...פּאָליטיקעס“. מיר איז שטענדיק סימפּאַטיש כ׳ איטקאָוויטשעס קאָנסעקווענטקייט אין קאַמף פֿאַר די סאָוועטישע שרײַב־טראַדיציעס אין ייִדיש; און אָפֿט איז ער בעפֿיירעש גערעכט, אָבער... ניט אין דעם פֿאַל. ווײַל דאָ האָבן מיר צו טאָן ניט מיט קיין גראַמאַטישער פֿראַגע, נאָר מיט אַ לעקסישער. אויב ניצן אין ייִדיש פּאָלי׳טיק, אַפֿילו פּאָלי׳טיקע (מיטן טראָף אויף ־לי־), דאַרף בעפֿיירעש זײַן אין מערצאָל פּאָלי׳טיקעס. אַנדערש איז עס, אויב מע ניצט פּאָליטי׳ק (מיטן טראָף אויף ־טיק־), פּאָליטי׳קעס טויג אָפּן פֿײַער. און ווײַנרײַך איז געוויס גערעכט, ווען ער גיט אָן באַם סובסטאַנטיוו פּאָליטיק סײַ דעם אַקצענט אָפּן לעצטן טראָף, סײַ די מערצאָל־פֿאָרמע פּאָליטי׳קן.

ס׳איז פֿאַראַן אַנדערע פֿאַלן, ווען די מערצאָל־פֿאָרמע אין ייִדיש איז געווענדט פֿון דער איינצאָל־פֿאָרמע. אַזוי איז עס מיט פֿאָרמען און פֿאָרמעס, טעלעגראַמען און טעלעגראַמעס. אויב פֿאָרם, טעלעגראַם, איז פֿאָרמען, טעלעגראַמען; אויב פֿאָרמע, טעלעגראַמע, איז פֿאָרמעס, טעלעגראַמעס. הייסט עס, מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט לעקסיק; וועגן דער גראַמאַטישער פֿאָרמע איז דאָ קיין שום ספֿייקעס ניטאָ.

אַגעוו, פֿאָרם און פֿאָרמע דאַרף מען דיפֿערענצירן סעמאַנטיש: פֿאָרם איז אַבסטראַקט („פֿאָרמען פֿון אַנטוויקלונג“); פֿאָרמע איז קאָנקרעטער („גראַמאַטישע פֿאָרמעס“).

פֿאַראַן אָבער אַ פֿאַל, ווען אַן איין־איינציקע פֿאָרמע אין איינצאָל גיט צוויי וואַריאַנטן אין מערצאָל — מיט ־ן און מיט ־(ע)ס: פֿראַגע, אויפֿגאַבע; אין מערצאָל — פֿראַגעס און פֿראַגן, אויפֿגאַבעס און אויפֿגאַבן,

---

15 אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 8, 1969.
16 אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 10, 1972.

אָבער — מיט סעמאַנטישער דיפערענצירונג: פראַגמעס — קאָנקרעט („מיר ענטפערן אײַך אָף אײַערע פראַגעס״); פראַגן — מיטן באַטײַט „פּראָבלעמען״ („פראַגן פון סאָציאַליסטישער בויונג״).

אויך בענעגייע צו מערצאָל־פאָרמעס איז דאָ ניט אַלץ באַוואָרנט און אַרומגעכאַפּט. ס׳זײַנען בלויז געוויזן אונדזערע אַלגעמיינע אײַנשטעלונגען אין דער באַצייכענונג פון די מערצאָל־פאָרמעס בא די סובסטאַנטיוון אינעם רוסיש־ײִדישן ווערטערבוך.

3. פאַרטיציפּ־פאָרמעס.

ווי באַוווּסט, קען מען אונטערשיידן אין ײִדיש (ווי אין דײַטש) צווייערליי ווערבן. צו איין טיפּ געהערן די, וואָס זייער פאַרטיציפּ־פאָרמע האָט דעם סופיקס ־ט (זאָגן — געזאָגט, לעבן — געלעבט, קלעפּן — געקלעפּט, צוקלעפּן — צוגעקלעפּט, פאַרקלעפּן — פאַרקלעפּט, שטודירן — שטודירט אדג.). ווערבן פונעם דאָזיקן טיפּ בײַטן ניט דעם וואָרצלדיקן וואָקאַל; ער בלײַבט ניט־געענדערט אין אַלע פאָרמעס זייערע (זאָגן — דו זאָגסט — איך האָב געזאָגט). אין דער גראַמאַטישער ליטעראַטור רופט מען אַזעלכע ווערבן שוואַכע (אָדער ווערבן מיט שוואַכער קאָניוגאַציע). זיי זײַנען עס די גרונט־מאַסע ווערבן אין דער שפּראַך. זיי קאָנען זײַן פון פאַרשיידענעם אָפּשטאַם אין ײִדיש: פון גערמאַנישן (זאָגן, וועבן און פיל אַנדערע), פון העברעיִשן (אייצען, פּאַטערן אאַ.), פון סלאַווישן (האָרעווען, שעפּטשען אאַ.); אַהער אויך אינטערנאַציאָנאַליזמען — אומאָפּהענגיק פון אָפּשטאַם (וואַריִרן, אינטעגרירן, רעקלאַמירן — פון לאַטײַן; אַנעסטעזירן, פאָטאָגראַפירן — פון גריכיש; שאַנטאַזשירן, שאַרזשירן — פון פראַנצויזיש; פינישירן — פון ענגליש).

צום צווייטן טיפּ געהערן ווערבן, וואָס זייער פאַרטיציפּ־פאָרמע האָט דעם סופיקס ־(ע)ן (קומען — געקומען, גראָבן — געגראָבן). די גרעסטע מערהײַט זייערע בײַט אין פאַרטיציפּ דעם וואָרצלדיקן וואָקאַל (בינדן — דו בינדסט — איך האָב געבונדן; לויפן — געלאָפן; וואַרפן — געוואָרפן; הייבן — געהויבן; שיסן — געשאָסן אדג.). דאָס זײַנען די אַזוי־גערופענע שטאַרקע ווערבן (ווערבן מיט שטאַרקער קאָניוגאַציע). די צאָל זייערע אין דער שפּראַך איז אַ היפּשע, אָבער דאָך אַ באַגרענעצטע: אַזעלכע ווערבן אָן פּרעפיקסן ציילט ײִדיש בא די 200; מע קאָן אָבער מיט דער הילף פון פאַרשיידענע פּרעפיקסן אויסבילדן פון זיי פיל אַנדערע ווערבן, אויך שטאַרקע. צ.ב.: ניט נאָר קומען — געקומען, לויפן — געלאָפן, נאָר אויך: אַרײַנקומען — אַרײַנגעקומען, אַרויסלויפן — אַרויסגעלאָפן, פאָרקומען — פאָרגעקומען, פאַרלויפן — פאַרלאָפן אדג. אַלע שטאַרקע ווערבן אין ײִדיש זײַנען בלויז פון גערמאַנישן אָפּשטאַם[17].

אינעם ווערטערבוך איז איבעריק אָנצוווײַזן די פאַרטיציפּ־פאָרמעס פון שוואַכע ווערבן, ווײַל דאָ גילטן פעסטע כּלאָלים און קלאָרע מוסטערן (מאָדעלן): איך הער — געהער־ט, איך אייצע — גע־ייצע־ט, איך האָרעווע — גע־האָרעווע־ט; איך הער אויס — אויס־גע־הער־ט; איך דער־הער — דער־הער־ט.

אַנדערש איז עס מיט שטאַרקע ווערבן. דאָ קומען אויף ספּייקעס, און אינעם ווערטערבוך האָבן מיר געמוזט זיי לייזן. לאָמיר זען, וואָס איז עס פאַר ספּייקעס.

1) וועגן אייניקע ווערבן איז ניט קלאָר, צי זײַנען זיי בעעמעס שטאַרקע, ווײַל טיילווײַז ווערן זיי גע־ניצט ווי שוואַכע.

זאַרעצקי ברענגט אין זײַן גראַמאַטיק אַ גאַנץ צעטל ווערבן, וואָס ווערן געניצט סײַ שוואַך (פאַרטיציפּ — מיטן סופיקס ־ט) און סײַ שטאַרק (פאַרטיציפּ — מיטן סופיקס ־(ען). פאַר אַ טייל ווערבן אינעם דאָזיקן צעטל איז, ווי מיר מיינען, דער ליטעראַרישער באַניץ שוין גאַנץ קלאָר, און וועגן צווייענדיקע פאַרטיציפּ־פאָרמעס זייערע קען שוין קיין רייד ניט זײַן. געוויס זײַנען שוואַך די ווערבן בילן, לאָזן, לײַכטן, פײַפן (געבילט, געלאָזט, געלײַכט, געפײַפט). געבולן איז, ווי ס׳איז אָנגעוויזן אין ג״וו[18], אַ פאַרעלטערטע פאָרמע; געלאָזן איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן ליטווישן ײִדיש, דאָס איז אויך אַ פאַרעלטערטע פאָרמע. אין ג״וו — געלײַכט, בא ווײַנרײַכן — געלײַכט און געלויכטן (פונעם ווערב לײַכטן). פאַרן ווערב לויכטן גיט ווײַנרײַך אָן געלויכט, ג״וו — געלויכטן און געלויכט. ווײַנרײַכס אָנגאַבן פאַרפלאָנטערן דעם איניען. אין רוסיש־ײִדישן ווערטערבוך — לײַכטן — געלײַכט, לויכטן — געלויכטן. געפײַפט — סײַ בא ווײַנרײַכן, סײַ אין ג״וו; געפיפן — אַרכאַיִש און בלויז אין ליטווישן ײִדיש.

געוויס שטאַרק זײַנען די ווערבן בלאָזן, גלײַכן, שטײַגן (געבלאָזן, געגליכן, געשטיגן)[19], געבלאָזט — בלויז אין פוילישן ײִדיש; דאָס זעלבע — געגלײַכט. בא ווײַנרײַכן בלויז: געשטיגן. אין ג״וו: איבערשטײַגן — איבערגעשטיגן און אויך איבערגעשטײַגט; אויסשטײַגן — בלויז אויסגעשטיגן. אין אונדזער ווערטערבוך בלײַבט די סאַמע פאַרשפּרייטע פאָרמע: געשטיגן (און — איבערגעשטיגן אַרײַנגעשטיגן, אַרופּגעשטיגן, אַרויסגעשטיגן).

מיר זעען ניט קיין ספק פאַר וואַקלונגען און ספּייקעס וועגן די פאַרטיציפּ־פאָרמעס פון די ווערבן וועגן (געוווגן), מעלדן (געמאָלדן), מעלקן (געמאָלקן), אויך — באָרגן (געבאָרגט), מאָלן (אַ בילד אדג.) — געמאָלט, מאָלן (קאָרן אדג.) — געמאָלן.

פונעם דערמאָנטן צעטל זאַרעצקיס בלײַבן מיט בעעמעס וואַקלדיקע פאַרטיציפּ־פאָרמעס אַזעלכע ווערבן: זאַלצן, קוועלן (אָנקוועלן), שיטן, שענקען. געזאַלצט, (אָנ)געקוואָלן, געשאָנקען — דאָס זײַנען פאַרטיציפּ־פאָרמעס, וואָס פאַלן צונויף אין פאַרשיידענע קוועלן — בא ווײַנרײַכן, זאַרעצקין, אין ג״וו (אונטערגעקוואָלן), ניט מער זאַרעצקי און ג״וו גיבן אָן אויך געקוועלט (ווײַנרײַך — בלויז געקוואָלן). מיר גיבן אין ווערטערבוך די צונויפאַלנדיקע פאָרמע: געקוואָלן.

---

[17] אָן אויסנאַם: שעכטן — געשאָכטן — אַ העברעיִש־שטאַמיקער ווערב; זעט אויס, אַלפּי אַנאַלאָגיע מיט שמעלצן — געשמאָלצן, שעלטן — געשאָלטן.

[18] דאָ און ווײַטער — אַ קירצונג, וועלכע באַטײַט „גרויסער ווערטערבוך פון דער ײִדישער שפּראַך״.

[19] אַזוי אויך אין מינסקער ווערטערבוך פון 1940.

ס׳בלײַבט אינעם צעטל בלויז אײן װערב, װאָס ס׳קומט אויס צו דערלאָזן פאַר אים אַ צװײיִענדיקע פּאַרטיציפּ־פאָרמע — דער װערב שיטן (געשיט און געשאָטן). אינטערעסאַנט איז דאָס, װאָס סײַ באַ װײַנ־רײַכן, סײַ אין ג״װ איז די פּאַרטיציפּ־פאָרמע פון דעם דאָזיקן װערב װאַריִירט אָפּהענגיק פונעם פּרע־פיקס. װײַנרײַך גיט אָן: שיטן — געשאָטן און געשיט, אָבער: אויסשיטן — בלויז אויסגעשאָטן; פאַרשיטן — װידער: פאַרשאָטן און פאַרשיט. אין ג״װ: אויס־שיטן — אויסגעשאָטן, אויסגעשיט; איבערשיטן — איבערגעשאָטן (איבערגעשיט — בלויז אין פּויליש ייִדיש)[20].

װעגן אײניקע װערבן אויסער זאַרעצקיס צעטל: באַרשטן; באַ װײַנרײַכן — געבאַרשט און געבאַרשטן, אין ג״װ — געבאַרשט; אין װערטערבוך — בלויז די צװײיפאַלנדיקע פאָרמע — געבאַרשט. פון בערשטן — בלויז שװאַך — געבערשט.

אויסהאַפּטן. באַ װײַנרײַכן — אויסגעהאַפּט און אויס־געהאָפּטן; אין ג״װ — אויסגעהאַפּט. אַזוי אויך אין װערטערבוך.

װעטן זיך. באַ װײַנרײַכן — געװעט זיך און גע־װאָטן זיך; אין ג״װ — געװעט זיך. אַזוי אויך אין װערטערבוך — געװעט זיך. (אויס)פאַרבן. באַ װײַנ־רײַכן — געפאָרבן, אין ג״װ — אויסגעפאַרבט און אויסגעפאָרבן. אין מײַן דיאַלעקט (פּאָדאָליע) װײסט מען בלויז: געפאַרבט. זעט אויס, מע מוז דערלאָזן בײדע פאָרמעס.

2) ס׳טרעפט, אַז דער װערב איז אַ שטאַרקער, נאָר ס׳קאָנקורירן אין דער שפּראַך צװײ פּאַרטיציפּ־פאָרמעס מיט ־(ע)ן:

הענגען — געהאַנגען און געהאָנגען; װאַקסן — גע־װאַקסן און געװאָקסן; קנעטן — געקנעטן און גע־קנאָטן.

װײַנרײַך גיט אָן פאַרן װערב הענגען בלויז אײן פּאַרטיציפּ־פאָרמע — געהאָנגען; פאַר װאַקסן און קנעטן — בײדע פאָרמעס. אין ג״װ — אויסגעהאַנגען, אויך אויסגעהאָנגען; אויסװאַקסן—אויסגעװאַקסן, אויך: אויסגעװאָקסן; אויסקנעטן — אויסגעקנאָטן, אויך: אויסגעקנעטן. אין אונדזער װערטערבוך — געהאַנגען, געװאַקסן, געקנאָטן.

װי ס׳זײַנען געלײזט די ספּײקעס אין שײַכעס מיט פּאַרטיציפּ־פאָרמעס פון אַנדערע װערבן — װעגן דעם אין װערטערבוך גופא, אין אַ באַזונדערער טאַבעלע.

4. װערבן — מיט האָבן, צי מיט זײַן?

װעגן שװאַכע װערבן איז אין אָט דעם פּראַט קײן שום ספּײקעס ניטאָ: אַלע קומען זײ אין זײערע צו־נויפגעזעצטע פאָרמעס מיטן הילפװערב האָבן (ער האָט — גערעדט, געשיקט אדג.). סראָװ שטאַרקע װערבן װערן אויך געניצט מיט האָבן (ער האָט — געזונגען, גענומען, געגעסן, געשװוירן אדג.). אײניקע שטאַרקע װערבן, צום מײנסטן אַזעלכע, װאָס באַ־טײַטן פאַרשײדענע מינים באַװעגונגען אָדער אַ צו־שטאַנד, קומען מיט זײַן (ער איז — געגאַנגען, גע־לאָפן, געפאָרן, געפלויגן, געקומען, געקראָכן, געשװו־מען; ער איז — געבליבן, געזעסן, געלעגן, געשטאַנען, געשלאָפן אדג.). ספּײקעס זײַנען פאַראַן בלויז בע־נוגע צו געצײלטע שטאַרקע װערבן: איז געריטן צי האָט געריטן? איז געשטיגן צי האָט געשטיגן? אין אומגאַנג־רײד ניצט מען אַמאָל ניט ריכטיק: ער איז זוכה געװען, ער איז מאַסקים געװען אדג. — אַלפּי אַנאַלאָגיע מיט ער איז געװען. אײנדערעמעסן אָבער גילט דאָ אַ פעסטער קלאַל: פּעריפראַסטישע װערבן מיט זײַן קומען אין די צונויפגעזעצטע פאָר־מעס מיטן הילפװערב האָבן (זוכה זײַן — ער האָט זוכה געװען, מאַסקים זײַן — ער האָט מאַסקים געװען אדג.), שוין אָפּגערעדט פון װערבן מיט מאַכן, האָבן אַא. זײ קומען אַװדאי מיטן הילפװערב האָבן (ליב האָבן — ער האָט ליב געהאַט, כאַסענע מאַכן עמעצן — ער האָט כאַסענע געמאַכט, קאַליע מאַכן — ער האָט קאַליע געמאַכט. פּעריפראַסטישע װערבן מיט װערן קומען אין די צונויפגעזעצטע פאָרמעס מיטן הילפ־װערב זײַן (מוסקעם װערן — ער איז מוסקעם גע־װאָרן, מעגולגל װערן — ער איז מעגולגל געװאָרן, מעקוּיעם װערן — דאָס איז מעקוּיעם געװאָרן, ניצל װערן — ער איז ניצל געװאָרן, ניספּאַעל װערן — ער איז ניספּאַעל געװאָרן).

װאָס איז שײַך די װערבן רײַטן, שטײַגן, מוז מען זיך רעכענען טײלװײַז מיטן באַטײַט, טײלװײַז מיט דער מאָס פאַרשפּרייטקײַט. װײַנרײַך האָט בעפּירעש אַ געװנטן סמאַך צו פּאַסקענען: איז געשטיגן (ניט האָב געשטיגן), װײַל דער דאָזיקער װערב באַצײכנט אַ באַשטימטע באַװעגונג. רײַטן באַטײַט אויך באַ־װעגונג, אָבער שטאַרק פאַרשפּרייט איז האָט געריטן. מע מוז דעריבער, װי דאָס טוט װײַנרײַך, דערלאָזן אינעם ליטעראַרישן ייִדיש סײַ איז געריטן, סײַ האָט געריטן.

אינעם רוסיש־ייִדישן װערטערבוך איז באַ יעדן סובסטאַנטיװ אָנגעװיזן זײַן גראַמאַטישער מין און די מערצאָל־פאָרמעס (אויב דער סובסטאַנטיװ װערט ביכלאַל גענוצט אין מערצאָל). אינעם גראַמאַטישן צוגאָב צום װערטערבוך איז פאַראַן אַ טאַבעלע פון אַלע שטאַרקע װערבן (אָן פּרעפיקסן) מיט אָנװײַזן װעגן זײער פּאַרטיציפּ־פאָרמע און דעם הילפװערב, מיט װעלכן זײ קומען אין די צונויפגעזעצטע פאָר־מעס זײערע. צ. ב.: שנײַדן — האָב געשניטן, פאָרן — בין געפאָרן, געשען — איז געשען. אין דער טאַבעלע זײַנען אײַנגעשלאָסן אויך זעלטענערע אומרעגולערע װערבן מיט אָנװײַזן װעגן די באַזונדערהײַטן אין זײער בײגונג (קאָניוגאַציע). צ. ב. װיסן — איך װײס, האָב געװוּסט, ברענגען — האָב געבראַכט, דאַרפן — ער דאַרף — האָב געדאַרפט, װעלן — ער װיל — האָב געװאָלט אדג.

װי ס׳איז צו זען פון אונדזער אַרטיקל, פונעם גאַנצן אינהאַלט זײַנעם, איז אין פראַגן פון גראַמאַטיק, באַזונדערס אין מאָרפאָלאָגישן אַספּעקט, ניט פאַראַן קײן שאַרפע סטירעס אין אונדזערע אויס־פירן לעגאַבע די, װאָס זײַנען אָנגענומען אין אויס־לאַנד, ספּעציעל אין די ייִװאָ־אויסגאַבן. אין אונדזער אַרבעט איבערן װערטערבוך האָבן מיר די גאַנצע צײַט אין זינען געהאַט אויך די אינטערעסן פון אײנהײַטלעכקײַט אינעם ליטעראַרישן ייִדיש.

■ ■ ■

[20] אין מינסקער װערטערבוך: שיטן — געשאָטן.

פרעסע-איבערבליק

אונדזער אלגעמיינע היים

א נומער פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן"

איך האָב אזוי א נאָמען געגעבן מײַן נאָטיץ ניט בלויז דערפאר, ווײַל אזא איז אויך דאָס קעפּל פונעם לייטארטיקל פון דער צײַטונג פארן 29 דעקאבער 1972. יעדערער, וואָס וועט איבערלייענען אָט דעם נומער פונעם „ביראָבידזשאנער שטערן", וועט אזוי אָדער אנדערש איבערכאזערן די ווערטער, וואָס וועלן א צײַט אים קלינגען אין די אויערן און וועקן זײַנע געפילן.

אונדזער אלגעמיינע היים!

אין די דאָזיקע ווערטער איז אויסגעדריקט דער גרויסער עמעס פונעם לאנד פון סאָציאַליזם, אין זיי איז אויך אויסגעדריקט און גלענצנדיק פארווירקלעכט דער פארטראכט פון דער רעדאקציע ארויסצולאָזן א נומער צוזאמען מיט צײַטונגען פון אנדערע אווטאָנאָמע געגנטן און אווטאָנאָמע רעפּובליקן.

דער נומער איז א פילשפראכיקער און א פילפעלקערישער, פול מיט פארכאפנדיקע ראכוועסן, מיט זון און מיט הימל, מיט טײַך און מיט וואלד, מיט ברייטעסדיקער טײַגע, מיט אופגעאקערטער סטעפּישער צעלינא און מיט צעבליטע מענטשלעכע גויראָלעס — ס'איז א פארייניקטער נומער פונעם „ביראָבידזשאנער שטערן" און „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא", פון „טווינסקאיא פראוודא", „סאָוועטסקאיא כאקאסיאַ", „לענין טשאָלי", „פראוודא בוריאַטיִי", „בוריאאד אונען שין", „אלטאַידין טשאָלמאָני" און „זוועזדא אלטאיא".

און כאָטש די נעמען פון די שוועסטער־צײַטונגען איז אָפּטמאָל שווער אויסצורעדן, אייצע איך אײַך זיי איבערכאזערן נאָכאמאָל. זיי פירן אונדז אוועק אין א וווּנדערבארער רײַזע איבער סיביר און איבערן ווײַטן מיזרעך. אמאָל זײַנען דאָס געווען די סאמע פארוואָרפנסטע, די סאמע שרעקלעכסטע מעקוימעס פונעם צארישן רוסלאנד, ווו אָפּגעשטאנענע און אונטערדריקטע, וואנדערנדיקע און האלב־וואנדערנדיקע פעלקערשאפטן האָבן געלעבט אין פינצטערניש און נויט, געווען פארורטיילט אף אומפארמײַדלעכן אומקום. טויזנטער רעוואָליוציאָנערן זײַנען געווען פארשיקט אהער אף אייביקער קאטאָרגע. איצט איז דאָס א קאנט, וואָס איבעראשט ניט בלויז מיט זײַנע טויזנטווערסטיקע ראכוועסן, מיט שענסטע בערג, וועלדער און טײַכן, נאָר דעריקער מיט זײַן ניטגעזעענעם בלי און אופשטײַג, מיט זײַן דורכויסיקער באַנײַונג, איבערשאפונג און איבערגעשטאלטונג, מיט דעם נאציאָנאלן ווידערגעבורט און קולטורעלן אופשטײַג פון זײַנע פעלקער, וועלכע האָבן בא דער ראטנמאכט באקומען גלײַכבארעכטיקונג, סאָוועטישע, סאָציאַליסטישע מעלוכישקײַט — אווטאָנאָמע רעפּובליקן און אווטאָנאָמע געגנטן.

דאָס אלץ ווערט אמבוילעטסטן אנטפלעקט און אויסגעדריקט דורך די גויראָלעס פון מענטשן. מענטשן פון פארשיידענעם עלטער, בילדונג און פאך, וואָס פילן זיך דאָ ווי באלעבאטים פון זייער לאנד.

איז לאָמיר זיך דורכפאָרן איבער די טויזנטוויאָרסטיקע שטרעקעס פון די עטלעכע רעפּובליקן און געגנטן און אויסהערן, וואָס זייערע מענטשן דערציילן.

דער שעף פון דיזעל־צעך פונעם רעמאָנט־זאוואָד פון לאָקאָמאָטיוון און וואגאָנען אין אולאן־אודע, דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי א. אָשיראָוו איז א דוירעסדיקער ארבעטער. זײַן פאָטער ניקאָלײַ פראָקאָפּאָוויטש איז געווען צווישן די, וואָס האָבן דעם זאוואָד געבויט און דערנאָך באהערשט די נײַע און אומגעווייגלעכע פאר בוריאַטיע פּראָפעסיע פון א טשוהון־גיסער.

פון יענער בויונג הייבט זיך אָן די נײַע ביאָגראפיע פון דער בוריאַטישער אווטאָנאָמער רעפּובליק. דאָס איז א פרעכטיקער קאנט, וועלכן ס'באקרוינט די בארימטע אָזערע בײַקאל, א רעפּובליק, וואָס איז פאר א קורצער צײַט ארויסגעריסן געוואָרן פון פארצײַטיקײַט און ווילדקײַט, זיך באנײַט מיט א סאך ערשטקלאסיקע זאוואָדן און פאבריקן, אָנהייבנדיק פון אזעלכע, וואָס לאָזן ארויס הײַנטצײַטיקע לופט־לײַנערס און עלעקטראָוואָזן און ענדיקנדיק מיט די פּראָדוצירער פון הויכקוואליטאטיווע וואָל־געוועבן, פליישׂ־ און פיש־קאָנסערוון, מעבל און וואשמאשינעס.

און דאָס סאמע וויכטיקסטע, מיט וואָס א. אשיראָוו שטאָלצירט, איז דאָס, וואָס דאָ איז אופגעקומען אן אייגענע טעכנישע אינטעליגענץ — פאכמענער, אינזשעניערן, געלערנטע. ער שטאָלצירט אויך מיט דעם, וואָס די נײַע בוריאַטיע האָבן מיטגעהאָלפן בויען רוסן און אוקראַינער, ווײַסרוסן און טאָטערן, קאזאכן, ייִדן, טאדזשיקן, באשקירן — א פארשיידנשפראכיקע, א פארשיידנפעלקערישע פילטויזנטדיקע מענטשן־מאסע,

דורכגעדרונגען מיט איין גרויסן דראנג פון בויונג און שאפונג, מיט איין ליכטיקן געפיל פון פעלקער־פרײַנטשאפט. אזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן אין די דרײַסיקער יאָרן, און אזוי ביז איצט. בלויז אין די צעכן פונעם רעמאָנט־זאוואָד פון לאָקאָמאָטיוון און וואגאָנען ארבעטן מענטשן פון דרײַ און צוואנציק נאַציאָנאליטעטן.

דאָס בילד פונעם קולטורעלן אופשטײַג פון בוריאַטיע דערגאנצט אין זײַן ארטיקל דער פאָלקס־ארטיסט פון פסםר, דער סאָליסט פונעם בוריאַטישן טעאטער פון אָפּערע און באלעט ל. לינכאוואָין. דער טעאטער איז געשאפן געוואָרן מיט דער הילף פון די פירנדיקע מײַסטערס פון דער רוסישער קולטור. איצט פארמאָגט ער א סאָלידן נאַציאָנאלן רעפּערטואר.

אונדזער אלגעמיינע היים... אָט דער געדאנק באַגלייט אונדז די גאנצע צײַט בײַסן לייענען דעם נומער פונעם „ביראָבידזשאנער שטערן״.

י. קאָקאָשניקאָוו, דער דעפּוטאט פון אויבער־סאָוועט פון רספסר, איז א פאָשעטער שאָפער. דאָס איז פאר אונדז, לייענער, נאָך בעסער. ער קאָן אָף זײַן מאשין ארומפירן אונדז איבער גאנץ כאַקאַסיע, דערציילן, ווי אזוי דאָס פארוואָרפענע ווינקל האָט אויסגעזען אמאָל און ווי עס זעט אויס איצט.

פונעם אמאָל איז, אייגנטלעך, גאָרנישט ניט געבליבן, ווײַל די עטלעכע פרימיטיווע קוילן־שאכטעס און האלב־קוסטארנע גאָלד־גרובנס און קופּער־גרובנס האָבן צעראבעוועט און ביזן גרונט רויִנירט די קאָלטשאקאָווצעס. האָט מען געדארפט אָנהייבן אלץ פון אָנהייב. אָנהייבן דאן, ווען צווישן די כאַקאַסן זײַנען קיין ארבעטער און קיין טעכניקער קימאט ניט געווען.

כאַקאַסיע איצט — דאָס איז 113 הײַנטצײַטיקע אונטערנעמונגען, וועלכע ארבעטן אויס אליומיני, קאָלירטע מעטאלן, מראמאָר, גראניט און פיל אנדערע זעלטענע און בייטיקע זאכן, ווי מע זאָגט — פון הערן און געדענקען.

און ווידער דאָס זעלבע:

— אליין די כאַקאַסן וואָלט זיך ניט אײַנגעגעבן אופבויען זייערווירטשאפט. געהאָלפן האָבן די פאָרשטייער שיר ניט פון אלע סאָוועטישע פעלקער און פעלקערשאפטן.

ניין, דאָס איז ניט קיין איבערכאזערונג. דער שאָפער פון כאַקאַסיע י. קאָקאָשניקאָוו זאָגט ארויס זײַן אייגענעם געדאנק, די אייגענע געפילן. און ס׳איז ניט קיין צופאל, וואָס זיי רופן זיך אזוי איבער מיט די געדאנקען און געפילן פונעם נאטשאלניק פון דעם צעך אין בוריאַטיע.

טאקע דערפאר, וואָס קאָקאָשניקאָוו איז א שאָפער, רעדט ער א סאך וועגן דער גרויסער נעץ פון וועגן, וועלכע זײַנען אופגעקומען פאר די לעצטע יאָרן: די אײַזנבאן־ליניעס אבאקאן — נאָוואָקוזניעצק און אבאקאן — טײַשעט, די אויטאָמאָביל־וועגן, וואָס שנײַדן דורך כאַקאַסיע אין דער לענג און אין דער ברייט. איצט בויט זיך אין אבאקאן א גרויסער טײַך־האפן פונעם יעניסייער באסיין.

כאַקאַסיע מאָרגן? טוט א קוק אפן בילד, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין „ביראָבידזשאנער שטערן״ אָף דער גרויסער פּאנאָראמע פונעם טײַך יעניסיי, ווו עס וועט זײַן די גרעסטע אין דער וועלט סאיאנער הידראָעלעקטראָסטאנציע...

ארומשפאצירן מיט טשאבאנען איז ניט ווייניקער אינטערעסאנט. זיי פאשען רויִק זייערע שאָף, טרײַבן זיי אמאָל אריבער פון איין פאשע־פּלאץ אָף א צווייטן און האלטן אין איין דערציילן. נאָר אונדז שטייט פאָר צו באקאנען זיך ניט מיט קיין טשאבאן, נאָר מיט א טשאבאנקע, מיט דער עלטערער טשאבאנקע פונעם קאָלווירט „מוכאָר־טארכאטא״ א. דזשעקענאָווא. דער קאָלווירט איז באלוינט מיט אן אָרדען פון דער רויטער ארבעט־פאָן, און דזשעקענאָווא אליין — מיט א לענין־אָרדען. און וואָס באטײַט דער נאָמען פונעם קאָלווירט? דאָס איז דער נאָמען פון צוויי טײַכן — מוכאָר און טארכאטא. די ערדן און דאָס דאָרף פון דעם קאָלווירט געפינען זיך דאָרט, ווו בײדע טײַכן גיסן זיך צונויף. זײַנען מיר שוין איצט אין דער בארג־אלטײַישער אויטאָנאָמער געגנט, און די פּאָשעטע טשאבאנקע דערציילט וועגן זיך און וועגן איר קאנט.

דאָס איז געווען און, פארשטייט זיך, געבליבן א בארגיקער קאנט. נאָר דאָס לעבן... דאָס לעבן איז געוואָרן ניט צו דערקענען. דאָס לעבן און די מענטשן.

דערציילט א פּאָשעטע טשאבאנקע וועגן דעם אמאָליקן שווערן וואנדער־לעבן פון די פאראָרעמטע בארג־לײַט. שווער איז געווען זומער, און נאָך שווערער ווינטער. ווײַל די בעסטע פאשע־פּלעצער האָבן פארכאפּט פאר זייערע טשערעדעס די בײַען און די פארמעגלעכע פּיציכטלער, און דעם אָרעמען וואנדערער מיט זײַן פי איז אָפּט אויסגעקומען הריזען די ערד.

און איצט?

— געוועזענע שקלאַפן האָבן אראָפּגעוואָרפן דעם יאָך און אָנגעהויבן בויען א נײַ לעבן.

און מע מעג גלייבן דער טשאבאנקע. דאָס זײַנען ניט בלויז קיין הויכע ווערטער, דאָס איז דער טאָך פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם לעבן פון די אלטײַצעס.

עס דארף אויסזען פּרעכטיק דאָס נײַע דאָרף, וואָס איז אויסגעוואקסן פאר די לעצטע עטלעכע יאָר צווישן די טײַכן מוכאָר און טאכארטא, א דאָרף פון געראמע און ווילײַנגעאָרדנטע הײַזער, עס פארמאָגט אלץ, וואָס א הײַנטצײַטיק דאָרף דארף האָבן — א שול, א מעדפּונקט, א קולטור־הויז, קינדער־יאסליעס.

פאראן איצט בא די אלטײַצעס אזוינס, וואָס איז אופגעקומען גאָר ניט לאנג און האָט גרינטלעך געענדערט דעם לעבנשטייגער פון די טשאבאנען. איך האָב דאָ אין זינען די טשאבאן־באצירקן. דאָס זײַנען קליינע יִשוּוימלעך, צו צוויי־דרײַ הײַזער, אין וועלכע ס׳איז פאראן אלץ, וואָס א מענטש דארף האָבן. מערסטנטייל זײַנען זיי באוווינט, אמאָל שטייען זיי אויך פּוסט, נאָר זײַנען שטענדיק גרייט אופנעמען די טשאבאנען. דער וואנדער־שטייגער מיט אלע זײַנע שוועריקײַטן, ווען זומער מוז מען באטאָג און באנאכט זיך בראָטן אָף דער זון און ווינטער פרירן אפן פראָסט, איז שוין א זאך פון ווײַטן, אלטן אמאָל.

וועגן דער טווינער אויטאָנאָמער רעפּובליק דערציילט דער דעפּוטאט פונעם אויבער־סאָוועט פון טווויע, דער שרײַבער סטעפאן סאריג־אָאָל.

ניט לאַנג צוריק האָט דער אווטאָר באַגעגנט אַן אַלטן, זיבעציקיאָריקן יעגער, וועלכער האָט אין פולער באַוואָפענונג געשפּאַנט צום ווערטאַליאָט.

— איר קלײַבט זיך שיסן די סויבלען, זיצנדיק אין ווערטאָליאָט?

— טרײַבט ניט קיין קאַטאָוועסן, — האָט געענטפערט דער יעגער. — מײַן מלאָכע האָב איך ניט פאַרגעסן, נאָר די צײַט איז איצט אַן אַנדערע. פריִער האָב איך געדאַרפט צען מעסלעס אָף דערקלײַבן זיך צו די יאַגד־ערטער. און איצט — סאַכאַקל א שאָ פליִען, און דו ביסט שוין דאָרט. ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס אַפילע איך, בא די זיבעציק יאָר, פיל איבער די פלענער.

דאָס ווײַזט עפשער אַמבוילעטסטן די נײַע, סאָוועטישע טווויע — דאָס לאַנד פון הויך־אַנטוויקלטער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט. ערשט אין די דרײַסיקער יאָרן האָט דאָס טוווינישע פאָלק באַקומען זײַן נאַציִאָנאַלע שריפט. פאַר א קורצער צײַט האָט עס באַוויזן שאַפן א פאַרשיידנזשאַנערדיקע נאַציִאָנאַלע ליטעראַטור. אין דער רעפובליק, ווו די קינסטלערישע זעלבסטעטיקײַט האָט זיך אָנגעהויבן אין יורטעס און אונטערן פרײַען הימל, זײַנען איצט פאַראַן באַרימטע אַקטיאָרן, מוזיקער, קונסט־טוער.

בירעָבידזשאַן האָב איך איבערגעלאָזט צום סאָף, ווײַל אַזוי פירט זיך בא לײַטן: דאָס ערשטע וואָרט גיט מען די געסט, און דערנאָך רעדט שוין דער באַלעבאָס אַליין. גייט טאַקע דאָס אַרטיקל וועגן בירעָבידזשאַן צום סאָף פון דער דריטער זײַט. איך בין זיכער, אַז יעדע פון די צײַטונגען, וועלכע האָבן אַרויסגעלאָזט דעם פאַרייניקטן נומער, האָט אויסגעשטעלט די מאַטעריאַלן אין א פאַרקערטער אָרדענונג, און בא זיי פאַרנעמט בירעָבידזשאַן אַן אָרט צווישן די ערשטע.

דער אווטאָר פונעם אַרטיקל, וואָס הייסט „לויט אילייטשס געבאָטן", איז דער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט „אילייטשס געבאָטן", דער העלד פון סאָציִאַליסטישער מי וו. פעלער. זײַן טיטל איז א פיל גרעסערער. ער איז א מיטגליד פון דער צענטראַלער רעווידירקאָמיסיע פון קפּסס, א דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסר.

— בלויז אין זיקאָרן פון די וועטעראַנען און אין די עקספּאָנאַטן פונעם מוזיי פאַרהיט זיך די געשיכטע פון יענע טעג... — הייבט אָן זײַן דערציילונג וו. פעלער.

פון יענע טעג... געמיינט די טעג, ווען אָף דער קליינינקער סטאַנציע טיכאָנקאַיא זײַנען אַראָפּגעקומען די ערשטע איבערוואַנדערער, די פּיִאָנערן פון בירעָבידזשאַן, און אָנגעהויבן קאָרטשעווען די טײַגע, דורכלייגן וועגן צווישן די וועלדער און זומפּן, בויען די ערשטע הײַזער און אופאַקערן די ערשטע העקטאַרן.

דער זיקאָרן בא פעלערן איז א פעסטער, ער אַליין איז דאָך געווען צווישן די ערשטע פּיִאָנערן. האָט ער וועגן וואָס צו דערציילן, מיט וואָס צו פאַרגלײַכן.

— הײַנט איז אונדזער קאָלווירט, ווי די גאַנצע ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט, א גרויסע פילנאַציִאָנאַלע מישפּאָכע האָרעפּאַשניקעס. אין אונדזער קאָלווירט אַרבעטן ייִדן און רוסן, אוקראַיִנער און ווײַסרוסן, פאָרשטייער פון פיל אַנדערע נאַציִאָנאַליטעטן. צוזאַמען איבערגעטראָגן די שוועריקײַטן פון בויען דעם קאָלווירט, צוזאַמען איבערגעלעבט די גרויזאַמע מילכאָמע־יאָרן, — צוזאַמען געניסן מיר פון די פּרוכטן פון אונדזער מי, פונעם ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן אופשטײַג פון דעם קאָלווירט.

דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער אופשטײַג... דאָס איז א דריטהאַלבנמיליאָניקע האַכנאָסע, 89 טראַקטאָרן, 12 קאָמבײַנען, 29 אווטאָמאַשינעס, דריטהאַלבן טויזנט שטיק האָרנפּי, קאָמפאָרטאַבעלע אווטאָבוסן און אַספאַלטירטע וועגן, צווייגאָרנדיקע מויערלעך אין די דערפער, סעדער אַרום די הײַזער און טעלעוויזיע־אַנטענעס אָף די דעכער, קלובן און שפּיטאָלן, קולטור־הײַזער, שולן, קינדער־גערטנער. און מענטשן, מענטשן, וועמען מע וואָלט אוודע געדאַרפט אויסרופן יעדערן מיט זײַן נאָמען, מיט זײַן ייִכעס און מיט די אָרדענס, וואָס ער האָט פאַרדינט: דער פאַרדינסטפולער אַגראָנאָם פון רספסר ראַכיל פריידקינע, די געוועזענע גרינסציכטלערן און איצט פאָרזיצער פון דאָרפסאָוועט ריווע ווישטשיניקינע — ביידע דעפּוטאַטן פון אויבער־סאָוועט פון פּסר — און פיל, פיל אַנדערע.

דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דעם בעשוטפּעסדיקן צײַטונגס־נומער באַשטייט אין דעם, וואָס אַלע אַרטיקלען — פון די בוריאַטן און כאַקאַסן, פון די טווּוינער, אַלטײַצעס, ייִדן — זײַנען דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון פרײַנטשאַפט און ברידערלעכקײַט, מיטן גרויסן געפיל, וואָס פאַרייניקט אַלע פעלקער און פעלקערשאַפטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. און ס׳זײַנען אוודע צום אָרט לעניִנס נעוויִשע ווערטער, וועלכע ווערן געבראַכט אין פעלערס אַרטיקל: „דער אַלטער וועלט פון נאַציִאָנאַלער אונטערדריקונג, נאַציִאָנאַלע רײַסערײַען אָדער נאַציִאָנאַלער אָפּזונדערונג שטעלן קעגן די אַרבעטער די נײַע וועלט פון איינהײַט פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציעס, ווו עס איז ניטאָ קיין אָרט ניט פאַר קיין פּריווילעגיע, ניט פאַר קיין מינדסטער אונטערדריקונג פון מענטש דורך מענטש".

די קעגנזײַטיקע פרײַנטשאַפט און אַכטונג האָט געפינען איר אויסדרוק אויך אין דעם, וואָס דער ייִדישער פּאָעט איציק בראָנפמאַן האָט געווידמעט זײַן ליד דעם העלדישן פּילאָט מיט דער ריין־רוסישער פאַמיליע איוואַנאָוו און וואָס דער ייִדישער שרײַבער בוזי מילער האָט איבערגעזעצט פאַר דעם נומער די ליד פונעם באַוווּסטן רוסישן דיכטער ניקאָלײַ טיכאָנאָוו „די גרויסע פרײַנטשאַפט":

אָט די פרײַנטשאַפט האָט פעלקער פאַרבונדן,
זיי מיט איינהײַט מיט גרויסער באַהעלט,
ווי פון דאָמנעס אוראַלער דער וווּנדער
האָט געשאַפן דעם פעסטן געשמעלץ.

כאַים מעלאַמוד

ווילנער גאָלד=מײַסטערס

דער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון דער ליטווישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע עדמאַנד לאָוצעוויטשוס האָט צונויפגעקליבן אַ רײַכן היסטאָרישן מאַטעריאַל פאַר זײַן פונדאַמענטאַל ווערק „געשיכטע פון זילבער־ און גאָלדמײַסטערס אין ליטע״. די פאָרשונג וועט ארומכאַפּן אַ פּעריאָד, אָנהייבנדיק פונעם פופצנטן און ביזן נײַנצנטן יאָהונדערט אײַנשליסלעך. רײַך איז די קאָלעקציע פון זילבערנע און גאָלדענע אויסאַרבעטונגען. אויף טויזנטער קאַרטלעך און פאָטאָ־מאַטעריאַלן זײַנען פאַרצייכנט פאַקטן, וועלכע שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן און דעם שטייגער אין די שטעט און שטעטלעך פון ליטע פאַר פינף הונדערט יאָר. אין דער רײַכער קאַרטאָטעקע האָט דער אַווטאָר פון דער מאָנאָגראַפיע פאַררעגיסטרירט טויזנטער מײַסטערס — גראַווירער אויף גאָלד און זילבער.

ווער פון דעם עלטערן דאָר געדענקט ניט די זילבערנע לעפל, גאָפּלען און מעסער, וועלכע פלעגן זיך געפינען אין יידישע הײַזער, די זילבערנע בעכער און בעכערלעך? מיט געשמאַק זײַנען געווען אויסגעפורעמט די כאַנעקע־לעמפּלעך, די בסאָמים־טורעמלעך, די קאָלערליי זילבער־באַפּוצונגען פון סייפערטוירעס, די זעלטענע זילבערנע קינסטלערישע פיגורן, גענייט מיט גאָלדענע און זילבערנע פעדערער, אויף די פּאָרויכעסן, אויף די מענטעלעך פון סייפערטוירעס. דאָס זײַנען געווען אייגנאַרטיקע ווערק פון די ווילנער יידישע גאָלדמײַסטערס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שעם אויף דער וועלט.

און כאָטש ביזן סאָף פונעם אכצנטן יאָרהונדערט איז יידן געווען פאַרווערט צו באַשעפטיקן זיך מיט גראַווירונג און האָבן צו טאָן מיט גאָלד און זילבער, פלעגן זיי זיך מיט דעם פאַרנעמען באַהאַלטענערהייט. דאָסראָוו פלעגן אַזוינע מײַסטערס אַרבעטן אונטערן אויפזיכט פון קאָהאָל. רײַכע גוטבאַזיצער און פּריצים אין ליטע, פּוילן און אין אַנדערע קאַנטן פלעגן נעמען צו זיך אויף אַרבעט טאַלאַנטפולע גראַווירער. ס׳איז באַוווּסט, אַז יידן גאָלדמײַסטערס האָבן זיך פאַרנומען מיט זייער פאַך בײַ ראַדזיווילן, בײַ סאַפּעגען און בײַ אַנדערע רײַכע גוטבאַזיצערס.

אָנהייבנדיק פונעם נײַנצנטן יאָהונדערט, ווערט אָפּגעשאַפן דער פאַרבאָט פאַר יידן צו פאַרנעמען זיך מיט גראַווירונג אויף גאָלד און זילבער.

אין 1838 איז לויט אַ באַפעל פון פּעטערבורג געעפנט געוואָרן אין ווילנע אַ ספּעציעלער יידישער צעך פון גאָלדמײַסטערס, אין וועלכן ס׳האָבן שוין צום 1842 געאַרבעט 32 מײַסטערס און 13 געהילףמײַסטערס. צום 1890 זײַנען אין דעם דאָזיקן צעך געווען פאַראייניקט אַלע יידישע גאָלדמײַסטערס פון ווילנע. דער צעך איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קוואַליטעט פון די אויסאַרבעטונגען. ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו שטעלן די פּראָבעס מיט זײַן ספּעציעלן עמבלעם־צייכן. פאַר שלעכטער אַרבעט פלעגט מען פון צעך אויסשליסן.

עס זײַנען באַוווּסט גאַנצע דינאַסטיעס פון ווילנער גאָלדמײַסטערס. אין דער מישפּאָכע פון לייבע אַראָנאָוויטש האָבן געאַרבעט אַלס גראַווירער אין משך פון פופציק יאָר, ביזן אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דער זיידע, דער זון און דאָס אייניקל. דרײַ דורות גאָלדגראַווירער זײַנען געווען אין דער ווילנער מישפּאָכע פון מוישע אס. הונדערט יאָר האָט געאַרבעט די דינאַסטיע גאָלדמײַסטערס פון אַרן קאַץ (זײַן אייניקל האָבן די דײַטשישע פאַשיסטן דערשאָסן). איבער הונדערט יאָר איז געווען טעטיק די דינאַסטיע גאָלדגראַווירער פון יאַנקל רובין. די זין און אייניקלעך פון דאָוויד טאַבאַטשניק האָבן זיך ביזן 1914 פאַרנומען מיט דער פּראָפעסיע פון זייער זיידן — דעם אָנגעזעענעם גאָלדמײַסטער.

אויף אַלע ווילנער זילבערנע אויסאַרבעטונגען פלעגט געשטעלט ווערן דער פּראָבע־צייכן 84 און דערבײַ די פיגור פון אַ רײַטער.

געוויס האָבן זיך נאָך ערגעצוווּ ביז הײַנט פאַרהיט יענע לעפל און בעכערס, יענע פינגערלעך און אוירינגלעך, וועלכע אונדזערע ווילנער זיידעס האָבן מיט פלײַס און ליבשאַפט געשאַפן מיט זייערע גאָלדענע הענט.

ז. קאַהאַן

די ליטעראַטור בא די גרוזינישע ייִדן

ייִדן האָבן זיך באַוויזן אין גרוזיע מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק, נאָך ביזן אָנהייב פון אונדזער צײַטרעכענונג. זיי האָבן זיך גוט אײַנגעלעבט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס האָט פון דוירעס אָן א שעם פון אויסערסט גאַסטפרײַנטלעכע מענטשן. גרוזיע איז געוואָרן זייער צווייט היימלאַנד, די גרוזינישע שפראַך — זייער מאַמעלאָשן.

ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבן די גרוזינישע ייִדן ניט געוווּסט פון קיין ייִדישער ליטעראַטור[1]. זיי זײַנען ניט געווען באַקאַנט מיט די ווערק פון אַזעלכע שרײַבער, ווי פערעץ, מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם. דער עלטערער דאָר האָט געוווּסט די ייִדישע רעליגיִעזע ליטעראַטור — די איבערזעצונגען פון כומעש, טהילים, שיר־השירים. ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אין די יאָרן פונעם צאַריזם איז פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין גרוזיע ניט אויסגעוואַקסן קיין איין שרײַבער.

דער גרונטלייגער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין גרוזיע, דער ערשטער ייִדישער ליטעראַט צווישן די גרוזינישע ייִדן איז געווען הערצל באַאַזאָוו. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, אין די צוואַנציקער און אין דער ערשטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן, האָט ער געשאַפן א היפשע צאָל ליטעראַרישע ווערק, אין וועלכע ער האָט אַלזײַטיק געמאָלט דאָס לעבן פון די גרוזינישע ייִדן. בא די ייִדן אין גרוזיע זײַנען נאָך ביז הײַנט באַליבט באַאַזאָווס גרויסער ראָמאַן „פעטכאַיִן" (א נאָמען פון א גאַס אין טביליסי), זײַנע גרעסערע דערציילונגען „דער סאָף פון העלאַטער גאַס" און „שמאַריעס לעצט וואָרט", די פיעסע „שטורמע האָבן באַקומען לאָשן". אינעם ראָמאַן „פעטכאַיִן" איז געגעבן א רײַך און וואָרהאַפטיק בילד פון דעם נײַעם לעבן פון די גרוזינישע ייִדן. דער הויפט־העלד פונעם ראָמאַן נאַטאַן דזשאַנאַשווילי, א זון פון אַן אָרעמען ייִדישן גאַסן־הענדלער, שאַנעוועט ניט קיין קויכעס, קעדיי בײַקומען די אַלטע איבערבלײַבעכצן, די דוירעסדיקע אָפגעשטאַנענקײַט פון די גרוזינישע ייִדן. ליידער איז ער אַליין נאָך ניט פרײַ פון די דאָזיקע איבערבלײַבעכצן, ער אַליין שטעקט נאָך גאַנץ טיף אין דער אָפגעשטאַנענקײַט, ער איז ניט מעסוגל צו פאַרשטיין דעם טאָך פון די היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע זײַנען א רעזולטאַט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. א גוטע און געניטע כאַווערישע הילף אין דעם פראַט גיט אים זײַן יונגער פרײַנט, דער קאָמוניסט און אַרבעטער שאול אַטאַנעלאַשווילי. דער ראָמאַן שילדערט טיף קינסטלעריש אויך פיל פײַנטלעכע טיפן: רײַכע סאָכרים, גאַבאָיִם פון די ייִדישע קעהילעס און ענלעכע פערסאָנאַזשן, וועלכע בענקען נאָך דער צײַט, ווען אין זייערע קלאָמערנדיקע נעגל האָבן זיך געמאַטערט די ייִדישע פאָלקסמאַסן.

הערצל באַאַזאָוו האָט געאַרבעט אַף זײַן ראָמאַן פינף יאָר צײַט. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט די געשיכטע פונעם אופבלי פון די גרוזינישע ייִדן דערפירן ביזן סאָף, אַז אים וועט זיך אײַנגעבן צו באַווײַזן, וויאַזוי די ייִדישע מאַסן קערן אויס מיט א גוטן בעזעם די רעשטן פונעם אַלטן לעבן. ער פלעגט זאָגן: „האָט געדולד, אָט וועל איך פאַרענדיקן די אָנגעהויבענע פיעסן, וועל איך ווידער אומקערן זיך צו די העלדן פון „פעטכאַיִן", מיט וועלכע איך האָב זיך צײַטווײַליק צעזעגנט אין 1923". צום גרויסן באַדויערן, איז אים שוין ניט געווען באַשערט אָנצושרײַבן דעם צווייטן טייל „פעטכאַיִן". אין עלטער פון סאַכאַקל 33 יאָר איז ער אַוועק פונעם לעבן, איבערלאָזנדיק א יערושע פון פיל לידער, איבערזעצונגען, פיעסן, צווישן זיי די היסטאָרישע טראַגעדיע וועגן דעם אָנגעזעענעם רעוואָליוציאָנער „איצקאַ רישינאַשווילי".

אינעם פעריאָד פון די ערשטע פינפיאָרן האָבן אין פיל גרוזינישע זאַמלביכער זיך געדרוקט לידער און דערציילונגען פון די ייִדישע גרוזינישע שרײַבער דינע דאַווראַשווילי, יאָסיף קורטשישווילי, מיכאיִל זאַנענאַשווילי. יאָסיף קורטשישווילי האָט איבערגעזעצט אין גרוזיניש א ריי שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, וועלכע די לייענער האָבן אויפגענומען מיט טיפער באַפרידיקונג.

ראָזע טאַווידאַשווילי, זייער א טאַלאַנטפולע שרײַבערן, האָט געדרוקט דערציילונגען, קינדער־מײַסעס. זי האָט אַרויסגעגעבן א היפשן בוך „דער שטייגער און די זיטן פון די קוטאַיִסער ייִדן".

אין דער סוויווע פון די גרוזינישע ייִדן זײַנען אויסגעוואַקסן די באַגאַבטע דיכטער מיכאיִל קאַקיטעלאַשווילי, שמועל מאַדזגווירישווילי, די פראָזאַיִקער רימע לעזגישווילי, טאַמאַרע מאַמיסטוואַלאָוואַ און אַנד. זיי האָבן אָן שום סאָפעק ערנסט באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור אין גרוזיע. אָבער דער דירעקטער יוירעש פון הערצל באַאַזאָוון איז דער באַדײַטנדיקער דיכטער, פראָזאַיִקער און דראַמאַטורג אווראָם מאַמיסטוואַלאָוו.

א. מאַמיסטוואַלאָוו איז געבוירן געוואָרן אין 1921 אין צכינוואַלי. זײַן טאַטע איז געווען א שוסטער. צו פינף יאָר האָט מען אים אָפגעגעבן אין כיידער, ווו ער האָט אָפגעלערנט זעקס יאָר צײַט. ערשט אין 1931 איז ער אָנגעקומען אין צכינוואַלער מיטלשול. געענדיקט זי, האָט ער גענומען זאַמלען צווישן די היגע ייִדן פאָלקלאָר פאַר א היסטאָריש־עטנאָגראַפישן מוזיי פון די ייִדן אין גרוזיע.

זײַנע ערשטע לידער האָט א. מאַמיסטוואַלאָוו אָפגעדרוקט אין 1938. אין די יאָרן 1952 — 1970 זײַנען אַרויס פון דרוק פינף ביכער זײַנע — לידער, פאָעמעס, דערציילונגען, עסייען. אין 1970 איז דערשינען זײַן ראָמאַן „שטעקנס אין די רעדער".

א באַזונדערן דערפאָלג האָבן מאַמיסטוואַלאָווס פאָעמעס „זײַן קינדהײַט" און „א כאַסענע אין ייִדישן

---

[1] מיט די אויסדרוקן „ייִדישע ליטעראַטור", „ייִדישער שרײַבער" ווערט דאָ געמיינט די טעמאַטיק, די סטיל־אייגנשאַפטן און דער נאַציאָנאַלער קאָלאָריט פון דער שאַפונג פונעם ליטעראַט. וואָס אָנבאַלאַנגט דער שפראַך, איז זי בא די ייִדישע ליטעראַטן פון גרוזיע — גרוזיניש.

קווארטאל״. אין זיי מאָלט ער וואָרהאפטיק דאָס פאררעוואָליוציאָנערע לעבן פון די גרוזינישע ייִדן. מיט מאמיסטוואלאָוון דעם פראָזאַיקער האָבן די לייענער זיך באקאנט אין 1960, ווען עס איז דערשינען זײַן בוך „ראיוינעס וועגן א מענטשן״. אָט וואָס די רעפובליקאנישע יוגנט־צײַטונג האָט געשריבן אין איר רעצענזיע וועגן דעם בוך: ...„עס איז גוט, ווען דער שרײַבער האָט ליב מענטשן אף א מענטשלעכן אויפן, דה. ער האָט ליב אלץ, וואָס פארדינט געליבט צו ווערן, ער פארהאסט אלץ, וואָס רופט ארויס בא מענטשן א פארברעכערישן אינסטינקט, אן אינסטינקט פון נידערטרעכטיקייט. אזא שרײַבער איז א פסיכאָלאָג, יעדער מענטש איז פאר אים א גאנצע באזונדערע וועלט״. פון די עטלעכע ווערטער איז קלאָר, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די „ראיוינעס וועגן א מענטשן״.

דער ראָמאן „שטעקנס אין די רעדער״ איז נאָך הערצל באאזאָווס „פעטכאַיִן״ דאָס באדײַטנדיקע בוך, וואָס מאָלט דאָס לעבן פון די גרוזינישע ייִדן פון אונדזער צײַט. אין צענטער פונעם ראָמאן שטייען צוויי קעגנזעצלעכע טיפן: גערשן — אן ערלעכער יונגער ארבעטער, א זון פון א העלד פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע; זעבולון — א גײַציקער נעפעש, א ווילדער עגאָיִסט. זיי ביידע זײַנען פארליבט אינעם מיידל לייע. דאָס מיידל האָט אויסגעקליבן גערשענען. זעבולון שטעלט זיך ניט אָפ פאר קיין זאך, קעדיי ארײַנטראָגן א בייז לעבן צווישן דעם יונגן פאָרפאָלק, צערײַסן זייער בונד, דערנאָך כאסענע האָבן מיט לייען. אָט דאָ באווײַזן זיך די שטעקנס אין די רעדער. גערשן האלט זעבולונען פאר זײַן בעסטן פרײַנט, און זעבולון רוימט אײַן לייען אין אויער, אז איר מאן, גערשן, פעלשט אין איר. לייע גלייבט זעבולונען, באשליסט אוועקגיין פון גערשענען. לייעס ברודער צעבי לעבט דאָס שטארק איבער, ער באמיט זיך צו דערווײַזן דער שוועסטער, אז זעבולון נארט זי.

דער אווטאָר מאָלט אין דעם ראָמאן א היפשע גאַלעריי כאראקטערן: לייעס טאטע שאלאָם — א מענטש מיט אלטפרענקישע באגריפן; גערשנס מאמע רות — א מוטער, וואָס איז שטארק באליידיקט, לעמײַ איר זון האָט זי ניט געפאָלגט, ניט כאסענע געהאט מיט יענער, מיט וועלכער זי האָט אים געהייסן; טענגיז — א שיקער, זעבולונס כאווער אין דער ביר־האלע; גרישע — א צעבאלעוועט באָכערל. דאָס איז אינקורצן די רעשימע פון די נעגאטיווע טיפן. די פאָזיטיווע: לייעס ברודער צעבי — א גײַסטיק שטארקער מענטש, זײַן געליבטע ראָזע — זייער אן אָרנטלעך מיידל, זי ארבעט אין דער האנדלס־נעץ, און פיל אנדערע. יעדער העלד פונעם ראָמאן פארמאָגט זײַנע אינדיווידועלע שטריכן, קיין איינער פון זיי איז ניט ענלעך אפן צווייטן, דערפאר עטעמט דער ראָמאן מיט פרישקײַט און אָריגינעלקײַט.

שיין און איבערצײַגנדיק שילדערט דער אווטאָר די שטייגער־סצענעס: דעם שטרײַט צווישן די שאדכנטעס, די באגעגעניש צווישן די געליבטע, דעם נײַעם כאסענע־ריטואל און אנדערע בילדער.

אווראָם מאמיסטוואלאָוו איז דער אווטאָר פון די פיעסן „אונדזער מישפאָכע״, „א ניט פארענדיקטער בריוו״, „די ליבע זיגט״. אים געהערן אויך פיל קינסטלערישע איבערזעצונגען.

מיר האָבן דאָ אָנגערופן בלויז אייניקע גרוזינישע ליטעראטן, וועלכע שאפן אף ייִדישער טעמאטיק. אין גרוזיע איז איצט טעטיק א היפשער אָטריאד יונגע ייִדישע וואָרט־מײַסטערס. זייער שפראך איז גרוזיניש, די טעמאטיק פון א היפשן טייל פון זייער שאפונג איז א ייִדישע.

ר. שאמעלאשווילי,
דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן

יאנקעוו שטערנבערג

אין דער סאמע לעצטער מינוט, ווען דער הײַנטיקער נומער „סאָוועטיש היימלאנד״ איז שוין אין זײַן גרעסטן טייל געווען אָפגעדרוקט, האָבן מיר באקומען די טרויעריקע יעדיִע, אז נאָך א לאנגדויערנדיקער קרענק איז אין טיפן עלטער פון דרײַ און אכציק יאָר געשטאָרבן יאנקעוו שטערנבערג.

א דיכטער, עסייִסט, ליטעראטור־פאָרשער און פובליציסט, שטאמט י. שטערנבערג פון דער גרופע רומענישע ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן פארנומען זייער אָרט צווישן די שעפער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור. אָנהייבנדיק פונעם 1940 האָט ער געלעבט אין סאָוועטנפארבאנד און איז דאָ געווען שעפעריש אקטיוו.

מיר דריקן אויס אונדזער טיפסטן מיטלײַד דער מישפאָכע פונעם פארשטאָרבענעם.

■ ■ ■

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַס

קאָנצערטן פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײט

אין מאָסקווע זײַנען פאָרגעקומען די שלוס־קאָנצערטן פון דער דאָרפישער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײט פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע לע־קאָוועד דעם פופציקסטן יאָרטאָג זינט דער אויסבילדונג פון פּססר.

דער גראַנדיעזער פעסטיוואַל, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט באַ צוויי מיליאָן זעלבסטטעטיקע אַר־טיסטן — פאָרשטייער פון הונדערטער וואָקאַלע און כאָרעאָגראַפישע קאָ־לעקטיוון פון דער רעפּובליק, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פּרעכטי־קער דעמאָנסטראַציע פון דער סאָוועט־טישער פילנאַציאָנאַלער קולטור.

דער דורכקוק האָט באַוויזן, אַז פאַר די לעצטע יאָרן האָט די מערהײַט קאָלעקטיוון באַדײַטנדיק באַרײַכערט זייער רעפּערטואַר מיט ווערק פון די ברידערלעכע סאָוועטישע ליטעראַטורן, מיט לידער און פאָלקס־טענץ פון די פעלקער פון סאָוועטנפאַרבאַנד. עס זײַנען געווען ברייט פאָרגעשטעלט א ריי אָריגינעלע זשאַנרען פון דער פאָלקס־קונסט.

וועגן דעם מאַסן־כאַראַקטער פון דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײט זאָגט איידעס דער פאַקט, וואָס 499 קאָלעקטיוון און 954 באַזונדערע אויס־פילער האָבן געקראָגן דעם טיטל לאַורעאַט פונעם דורכקוק. דאָס זײַנען אַנסאַמבלען, וואָס טרעטן ארויס שוין ניט דאָס ערשטע יאָר. זיי צייכענען זיך אויס מיט אַן אייגענער שעפערי־שער ביאָגראַפיע און מיט א הויכן ניוואָ פון אויספילערישער מײַסטער־שאַפט.

מיט דעם האָט זיך אויך אויסגע־טיילט דער טאַנץ־אַנסאַמבל באַם בי־ראָבידזשאַנער פאָלקס־טעאַטער, וועל־כער איז מיט גרויס דערפאָלג ארויס־געטראָטן אין די שלוס־קאָנצערטן אָף די בינעס פונעם צענטראַלן הויז פון די קונסט־טוער, אין קאָנצערט־זאַל פון דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעל־לונג פון די דערגרייכונגען פון דער פאָלקסווירטשאַפט און אינעם קאָלאָ־נען־זאַל פונעם פאַריינען־הויז.

דער קאָלעקטיוו האָט באַוויזן די טאַנץ־סויִטע „פריילעכס" און דעם אַלטן יידישן פאָלקס־טאַנץ „א שער" (קינסטלערישער אָנפירער — ל. וויש־נעוועצקי).

העכער צוויי טויזנט צושויער אינעם קאָלאָנען־זאַל האָבן מיט רווישיקע אַפּ־לאָדיסמענטן אופגענומען די ארויס־טרעטונגען פונעם ביראָבידזשאַנער כאָרעאָגראַפישן קאָלעקטיוו.

י. ש.

דער ביראָבידזשאַנער טאַנץ־אַנסאַמבל אין מאָסקווע

אינעם קאָלאָנען־זאַל פונעם פאַריינען־הויז. דער ביראָ־בידזשאַנער טאַנץ־אַנסאַמבל פילט אויס די סויִטע „פריילעכס".

א רעפּעטיציע פאַר דער ארויסטרעטונג אין מאָסקווער צענטראַלן הויז פון די קונסט־טוער.

פאָטאָ — א. גערשבערג

אַבלוטשיער ספּאָרטלער

אין אַבלוטשיע איז פאָרגעקומען א ספּאָרטיווער אָוונט, אין וועלכן עס האָבן זיך באַ־טייליקט ספּאָרטלער פון כאַ־באַראָווסק און ביראָבידזשאַן.

א גרופּע באַרג־ליזשניקעס פון אַבלוטשיע, וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן די העכסטע אין קאַנט רעזולטאַטן פאַרן ווינ־טער־סעזאָן, איז באַלוינט גע־וואָרן מיט ערן־גראַמאָטעס פון קאַנטקאָם פונעם קאָמיוג און קאַנטישן קאָמיטעט פאַר פיז־קולטור און ספּאָרט.

אין די ספּאָרטיווע ארויס־טרעטונגען האָבן אָנטיילגענו־מען דער פאַרדינסטפולער טרענירער פון רספסר, דער ספּאָרט־מײַסטער וו. זאַכאַריאַן און דער קאַנדידאַט אין ספּאָרט־מײַסטערס אי. ריבאַק.

א קלוב אף רעדער

באַם לענינסקער ראַיאָנישן קולטור־הויז איז שוין דאָס פערטע יאָר טעטיק א באַוועג־לעכער אווטאָ־קלוב.

ווו מע זאָל ניט דערזען דעם קלוב אף רעדער, ווייסט מען שוין, אַז עס שטייט פאַר אַן אינטערעסאַנטע באַגעגעניש. דער אווטאָקלוב איז אויסגע־שטאַט מיט ראַדיאָ־אופנעמערס, מאַגניטאָפאָנען, ער פאַרמאָגט אויך א סאַך גראַמאָפאָן־פּלאַטן. פּאָפּולער זײַנען די ראַדיאָ־צײַ־טונגען און די פאָטאָ־אויסשטע־לונגען אף די טעמעס: „די טריט פונעם פינפיאָר", „די פּרוויען פון רוסלאַנד", „אונד־זערע טאַלאַנטן" אאַ.

■

פאַרשיידנס

ביימער—דענקמעלער

אין צענטער פון לוואָוו אינעם דענדראָפּאַרק פון באָטאַנישן גאָרטן באַם מעלוכע־אוניווערסיטעט איז פאַראַן א לינדנבוים, וואָס איז אלט העכער 400 יאָר. אזא עלטער איז פאַר אָט דעם מין ביימער א זעלטנהייט. אָבער ניט בלויז דאָס ציט צו אים צו די אופמערקזאַמקייט פון די לוואָווער אײַנוווינער און טוריסטן. ווי עס דערציילט די מעסוירע, איז אונטער אָט דעם בוים געווען באָגדאַן כמעלניצקיס א באָאַבאַכטונגס־פּונקט. פונדאַנען האָט ער אין 1648 יאָר אָנגעפירט מיט דער שלאַכט, ווען די קאַזאַקן האָבן געשטורמעוועט דעם הויכן שלאָס — א שטאַרק פאַרפעסטיקטע פּאָזיציע פון דער פּאַנסקער שליאַכטע.

מיטן נאָמען פונעם העטמאַן פאַרבינדט די פאָלקס־לעגענדע אויך פיל אַנדערע ביימער־וועטעראַנען. דאָס איז א דעמב — א ריז 25 מעטער די הייך אינעם דאָרף וואָראָבלעוויטשי פון דראָהאָביטשער ראַיאָן און א לינדנבוים אינעם דאָרף כמעליאָוואָ פון זאָלאָטשעווער ראַיאָן, דרײַ דעמבן אינעם דאָרף טאָוושטשיוו פון פּיסטאָוווטאָווער ראַיאָן, ארום וועלכע כמעלניצקי און זײַנע קריגסלײַט האָבן געשטעלט זייערע בײַדלעך.

אָט די אַלע ביימער זײַנען גענומען געוואָרן אפן דיסקאָנט און ווערן פאַרהיט אלס דענקמעלער פון דער נאַטור און פון דער געשיכטע.

וו. אַפאַנאַסיעוו (קאָר. פון טאַסס).

דער גורל פון א בוך

דער דאָצענט פון סאַמאַרקאַנדער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט מ. פּאַטײַעוו האָט אָפּגעזוכט א זאַמלונג פון דערציילונגען אף דער טאַדזשיקישער שפּראַך, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן נאָך ביז דער רעוואָליוציע. אין דער זאַמלונג זײַנען אײַנגעשלאָסן לעוו טאָלסטאָיס דערציילונגען — „דער זאָקן און דער טויט“, „צווײ כאַווײרים“, „דער גערטנער און זײַנע זין“.

די זאַמלונג, וואָס איז א ווערטפול ביבליאָגראַפיש געפינס, האָט ארויסגעלאָזט אין 1907 יאָר דער באַוווּסטער סאַמאַרקאַנדער פּעדאַגאָג אַבדוקאַדיר שאַקורי. ער איז אויך געווען דער איבערזעצער פון די דערציילונגען פונעם גרויסן רוסישן שרײַבער. דער בוך איז געווען אויסגערעכנט פאַר די קינדער פון שול־עלטער.

אינטערעסאַנט, אז די אויסגאַבע פון לעוו טאָלסטאָיס דערציילונגען איז פאָרגעקומען געוואָרן גראָד אין דער צײַט, ווען די אָרטיקע מאַכטהאָבער האָבן שוין געהאַט דעם שטרענגן צירקוליאַר וועגן פאַרניכטן „קראַמאָלע ביכער“, צו וועלכע ס'זײַנען געווען פאַררעכנט אויך טאָלסטאָיס ווערק.

א. באַראַנאָוו („איזוועסטיא“)

דער ערשטער פּראָפעסאָר פון מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט

א מערקווירדיקע געשעעניש אינעם טאָג, ווען עס איז געעפנט געוואָרן דער מאָסקווער אוניווערסיטעט (26 אַפּרעל 1755), איז געוואָרן די רעדע פונעם 25־יאָריקן פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור און ערשטן רוסישן מאַגיסטער פון פילאָסאָפיע. אָט די „טיטלען“ געהערן לאָמאָנאָסאָווס באַליבטן שילער — ניקאָלײַ ניקיטיטש פּאָפּאָווסקין. לויט דער שטאַדלאָנעס פונעם גרויסן געלערנטן איז ער געוואָרן דער ערשטער פּראָפעסאָר פונעם נײַעם לערן־אַנשטאַלט.

אינעם ארײַנפיר־וואָרט האָט פּאָפּאָווסקי גערופן די „מוטער פון וויסנשאַפטן“ — די פילאָסאָפיע ריידן אף רוסיש. צו יענער צײַט האָט מען פילאָסאָפיע אונטעריכט בלויז אף לאַטײַן. ער האָט געזאָגט: „ס'איז ניטאָ אזא געדאַנק, וואָס מע זאָל אים ניט קאָנען אויסדריקן אף רוסיש“. ברענגענדיק אָט די ארויסזאָגונג, האָט דער היסטאָריקער ס. פּ. שעוויריאָוו אויסגעשריִען: „אָט דאָס זײַנען ווערטער, וואָס מע וואָלט געקאָנט מיט גאָלדענע בוכשטאַבן אויסקריצן אף פּאָפּאָווסקיס דענקמאָל!“.

דער יונגער פּראָפעסאָר האָט זיך געווענדט דאַן צו די סטודענטן: „באַווײַזט, אז איר זײַט ווערט, רוסלאַנד זאָל האָפן דורך אײַך באַרימט ווערן אף דער גאַנצער וועלט“.

די ערשטע ביכער, אָפּגעדרוקטע אין דער טיפּאָגראַפיע פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, זײַנען געווען מ. וו. לאָמאָנאָסאָווס ווערק און פּאָפּאָווסקיס איבערזעצונג פונעם ווערק פונעם ענגלישן דיכטער אַלעקסאַנדער פּאָפּ „טראַקטאַט וועגן א מענטשן“. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דעם רוסישן פאַרלאַג־וועזן איז צו די ווערק פונעם געלערנטן געווען בײַגעלייגט א פּאָרטרעט פונעם אווטאָר מיט פּאָפּאָווסקיס אָן אופשריפט אין פערזן.

שוין די מיטצײַטלער האָבן געהאַט א מעגלעכקײַט אָפּצושאַצן די קלאָרקײַט און ריינקײַט פון דער שפּראַך פונעם רוסישן „פּיִיט און פילאָסאָף“. אין דער איבערזעצונג פונעם „טראַקטאַט“ האָט לאָמאָנאָסאָוו ניט געוואָלט פאַריכטן קיין איין שורע. דערפאַר אָבער איז דער קירך־צענזור די איבערזעצונג ניט געפעלן געוואָרן. דער אַרכיבישאָף אַמווראָסי האָט פאַרביטן א סאַך פערזן מיט אייגענע, וואָס זײַנען אָפּגעדרוקט געווען מיט א גרעסערן שריפט. אָט דער פאַקט האָט געדינט אלס מאַטעריאַל פאַרן איראָנישן קאַלאַמבור, אז דער לייענער וועט אויך אָנעם גרעסערן שריפט אונטערשיידן די „פּאָפּאָווישע פערזן פון פּאָפּאָווסקיס פערזן“.

צווישן די סטודענטן, וואָס האָבן געהערט פּאָפּאָווסקיס לעקציעס, זײַנען געווען ד. אי. פאָנוויזין און אי. פּ. באָגדאַנאָוויטש. דער געלערנטער איז געשטאָרבן אין 1760 יאָר, אין עלטער אינגאַנצן פון 30 יאָר, נאָר ער האָט איבערגעלאָזט ניט קיין קליינעם שפּור אין דער געשיכטע פון דער רוסישער בילדונג. אין XVIII יאָרהונדערט האָט קיינער אין רוסלאַנד ניט געזאָגט אזוי קלאָר, ווי פּאָפּאָווסקי, אז דער עכטער שעפער פון דער שפּראַך איז דאָס פאָלק.

אָ. ניקאָלסקאַיאַ, נ. ריבאַקאָווע („וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ“)

פאַרשיידנס

וויפל איז פאראן שפראכן אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד

וויפל איז פאראן שפראכן בא אונדז אין לאנד? ס׳קאָן זיך דוכטן: וויפל נאציאָנאליטעטן, אזויפיל אויך שפראכן. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז ניט אלץ אזוי פּראָסט. פאראן פעלקער, בא וועלכע ס׳אנטוויקלען זיך פאראלעל צוויי שפראכן (מאָר־דווינער, קאָמי, מאריער), און פאראן, פאַרקערט, אזעלכע דערשיינונגען, ווען אף איין שפראך ריידן צוויי פעלקער (צום בײַשפּיל, קאבארדינער און טשערקעסן). הײַנט־צו־טאָג איז אינעם סאָוועטנפארבאנד פאראן בא 130 שפראכן. די מערהייט פון זיי פאַר־מאָגט אן אייגענע שריפט.

וועגן דעם און א סאך אנדערע פראגן פון דער שפּראך־פּראָבלעם קאָן מען איבערלייענען אינעם בוך פון מ. איסײַעוו „הונדערט דרײַסיק גלײַכ־בארעכטיקטע“ (וועגן די שפראכן פון די פעלקער פונעם ראטנפארבאנד). דעם בוך האָט ארויסגעלאָזט דער פארלאג „וויסנשאפט“.

לידער — אווטאָגראַפן

אין דער שטאָט אָריאָל האָט מען געפונען א זעלטענעם עקזעמפּליאר פון א געשריבענעם זשורנאל „אווטאָגראפן“, וועלכן עס האָט ארויסגעלאָזט אין מאָסקווע א גרופּע פּאָעטן און קינסטלער. אף זײַן הילע און טיטל איז ניט אָנגעוויזן די דאטע, ווען דער זשורנאל איז דערשינען. בלויז דער שטאמפּ פון דעם, ווען דער זשורנאל האָט געהערט, זאָגט אײדעס: 12 דעקאבער 1920 יאָר.

אינעם זשורנאל זײַנען פאראן סאכאקל 15 זײַטלעך. אף שטײַף פּאפּיר זײַנען, מיסטאמע אף א ראָטאטאָר, רעפּראָ־דוצירט לידער און געמעלן. יעדעס ווערק איז אווטאָגראפיש. מיט די האנטשריפטן גופא פון די פּאָעטן זײַנען פארשריבן צען לידער. אינעם זשורנאל זײַנען פאראן פינף געמעלן. יעדער געמעל פארנעמט א גאנץ זײַטל.

עס זײַנען פארעפנטלעכט לידער — אווטאָגראפן פון ס. יעסענין, ק. באלמאָנט, א. לונאטשארסקי, וו. קאמענסקי, ב. פּאסטערנאק. אונטער די אָריגינעלע געמעלן שטייען די אונטערשריפטן פון פּ. קאָנטשאלאָווסקי, א. מאָרגונאָוו, ג. יאקאָוולעוו און אנדערע קינסטלער.

אינעם זשורנאל איז ניטאָ קיין איין טיפּאָגראפישער צייכן. אלץ — די הילע, די טעקסטן, דער אינהאלט — איז געמאכט פון דער האנט.

אי. פּאָלושין (קאָר. פון טאסס).

ארמאנד כאמער און זײַן בילדער־קאָלעקציע

דער דאָקטאָר ארמאנד כאמער איז ניט איין מאָל געווען אין סאָוועטנפארבאנד. נאָך אין אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן, זיך אָנגעהערט וועגן די שוועריקייטן פון דער יונגער סאָוועטן־רעפּובליק, איז ער געקומען קיין רוסלאנד און געבראכט מיט זיך צו פירן א פולן קאָמפּלעקט אויסשטאטונג פאר א שפּיטאָל. דערנאָך האָט ער אײַנגעקויפט א מיליאָן פּוד ברויט און ארײַנגעפירט עס צו אונדז אין לאנד, צוריק האָט ער אוועקגעפירט רויכווארג און אנדערע סכוירעס. ער האָט גרינטלעך דער־לערנט די רוסישע שפּראך, און ווען ער האָט זיך באגעגנט מיט וו. אי. לענינען, האָט ער גערעדט מיט אים אָן אן איבערזעצער.

דאָקטאָר כאמער, וועלכער שטייט בעראָש פון דער אמעריקאנער קאָמפּאניע „אָקסידענטעל פּעטראָלעום קאָרפּאָריישן“, האָט דאָ ניט לאנג אונטערגעשריבן א פארשטענדיקונג מיטן סאָוועטנפאר־באנד וועגן א באדײַטנדיקער פארברייטערונג פון די עקאָנאָמישע און האנדלס־באציִונגען אף די נאָ־ענטסטע יאָרן. נאָר די פּאָרשטעלונג וועגן כאמערן וועט זײַן ניט קיין פולע, אויב גאָרניט זאָגן וועגן זײַן בילדערקאָלעקציע.

„א מאָדנער מענטש“, — זאָגט מען אין די מײַרעוו־לענדער וועגן דאָקטאָר כאמער.

זײַן ערשטע בילדער־קאָלעקציע האָט ער געשענקט דעם אוניווערסיטעט פון דאָרעם־קאַליפאָרניע. די צווייטע האָט ער אָנגעהויבן צונויפזאמלען אין סאָף פון די זעכציקער יאָרן און פון אירע בעסטע עקספּאָנאטן געשאפן א באוועגלעכע אויסשטעלונג; זי איז אויסגעווען אין א סאך שטעט פון אמעריקע, אין ענגלאנד, אירלאנד. סאָף פּאָריקס יאָר און אָנהייב הײַנטיקס איז די אויסשטעלונג געווען בא אונדז — צוערשט אינעם לענינגראדער ערמיטאזש און דערנאָך אינעם מאָסקווער מוזיי פון פּלאסטי־שער קונסט אף פּושקינס נאָמען. די אויסשטעלונג הייסט „מײַרעוו־אייראָפּעיִשע און אמעריקאנישע מאָלערײַ און צייכענונג“. אף איר זײַנען פאָרגעשטעלט אזעלכע שעדעווערן פונעם רענעסאנס, ווי רעמבראנדטס „פּאָרטרעט פון א מאנצבל“ און רובענס „דאָס זאמלען מאַן אין דער מידבער“; ווערק פון די פראנצויזישע קינסטלער פון XVIII — XX יאָרהונדערטן (גוסטאוו מאָראָ — „דער קיניג דאָוויד“, „שלוימיס“ א. אנד.); פון די אמעריקאנישע (דזשאָן סיגער סארדזשענט — „פּאָרטרעט פון מיסיס ליי־ווינגסטאָן מיטן זון“, סטיוארד — „פּאָרטרעט פון דזשאָרדזש וואשינגטאָן“ א. אנד.). כאמער האָט אײַנגעשלאָסן אין דער אויסשטעלונג די נאָרוואָס אײַנגעשאפענע עסקיזן פון לעאָנארדאָ דא ווינטשי.

איין בילד האָט כאמער איבערגעלאָזט אלס מאטאָנע דעם לענינגראדער ערמיטאזש. דאָס איז גאָיאס „דער פּאָרטרעט פון אן אקטריסע“ — א שעדעווער פון דער וועלט־מאָלערײַ. דעם דאָזיקן פּאָרטרעט פון אנטאָניע ס׳אראטע און אגירע האָט דער קינסטלער אָנגעמאָלט אין 1809 יאָר, אינעם בלײַ־פּעריִאָד פון זײַן פּאָרטרעט־שאפונג. ער איז געווען נאָענט צום טעאטער און האָט ניט איין מאָל געמאָלט די אקטיאָרן פון דער מאדרידער סצענע. דער גוירל פון דער אקטריסע איז א טרויעריקער. זי איז געשטאָרבן א יונגע, נאָר זי האָט שוין באוויזן זיך אויסטיילן מיט איר טאלאנט.

דער גלענצנדער פּאָרטרעט — א נײַ פּערל פונעם ערמיטאזש — וועט שטענדיק זײַן פארבונדן מיטן נאָמען פונעם דאָקטאָר כאמער, אן אלטן פרײַנט פונעם סאָוועטנפארבאנד.

לויט דער נאָטיץ פון א. טשיביסאָוו („וועטשערניאיא מאָסקווא“)

דאָס איז טשיקאַווע

פאָרויסגעזען — און פאַרווירקלעכט

א סאך וויסנשאפטלעכע און טעכנישע דערשייַנונגען האָט מען פון לאנג פאָרויסגעזאָגט. די טרוימען און פאָרגעפילן פון אייניקע שרייַבער און וויסנשאפטלעכע טוער זייַנען פארווירקלעכט געוואָרן.

מיר ברענגען דאָ אייניקע בייַשפּילן פון דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור.

„איך בין מעקאנע אונדזערע אייניקלעך און אורייניקלעך, וועמען עס איז באשערט זען אין 1940 יאָר רוסלאנד, וואָס שטייט אין שפּיץ פון דער ציווילירירטער וועלט, דיקטירט די געזעצן דער וויסנשאפט און קונסט און נעמט אוף די אומגעהייערע דאנקבארקייַט פון דער גאנצער ציווילירירטער מענטשהייַט". די דאָזיקע ווערטער האָט אין 1840 געשריבן דער באוווּסטער רוסישער קריטיקער, דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראט וויסאריאָן בעלינסקי אין זייַן באשיידענער רעצענזיע אינעם קאלענדאר פון 1840.

פון יענער צייַט זייַנען פארלאָפן 133 יאָר. נאָר אויך אין אונדזערע טעג איז צו באוווּנדערן, מיט וואָס פאר א געווינעס בעלינסקי האָט פאָרויסגעזען די צוקונפט פון אונדזער לאנד.

דער מענטש האָט אין משך פון יאָרהונדערטער געטרוימט זיך אופהייבן אין דער סטראטאָספערע. וועגן דעם זאָגן איידעס פילצאָליקע לעגענדעס פון א סאך פעלקער אין דער וועלט. געמעלן פון מענטשן מיט פליגל געפינען מיר אין די צייכענונגען פון די הייל־מענטשן. אָבער די ערשטע עסקיזן פון פלי־אפּאראטן, וועלכע הייבן זיך אָן באוועגן אדאנק דעם קויעך פון מענטשן, און די אידיי פון א פאראשוט האָט קאָנסטרויִרט לעאָנארדאָ דא ווינטשי אין סאָף XV יאָרהונדערט. מיט צוויי יאָרהונדערטער שפּעטער האָט דער בארימטער רוסישער געלערנטער לאָמאָנאָסאָוו קאָנסטרויִרט א מאָדעל פון א ווערטאָליאָט, וואָס ווערט געבראכט אין באוועגונג מיט דער הילף פון א פרוזשינע. ער האָט דערוויזן, אז זייַן אפּאראט קען זיך אופהייבן אין דער לופט. פּראקטיש האָט זיך אָבער די אוויִאציע אָנגעהויבן אנטוויקלען אין XX יאָרהונדערט.

דער באוווּסטער פראנצויזישער שרייַבער־פאנטאסט זשול ווערן האָט באשריבן א וועלט־רייַזע פאר 80 טעג, וועלכע עס האָט דורכגעמאכט זייַן העלד, באנוצנדיק זיך מיט אלע מעגלעכע אין יענער צייַט טראנספּאָרט־מיטלען.

ניט לאנג צוריק האָט פּינקטלעך לויט זשול ווערנס מארשרוט דורכגעמאכט א וועלט־רייַזע דער בעלגישער רעפּאָרטיאָר פּיער טאָנאָן. נאָר אָנשטאָט א שיף, א העלפאנד, שליטנס, מיט וועלכע עס האָט זיך באנוצט זשול ווערנס העלד, איז פּיער טאָנאָן געפלויגן אף אן עראָפּלאן און האָט ארומגערייַזט דעם וועלט־קייַלעך פאר 80 שאָ.

אין זייַן ראָמאן „דאָס שווימענדיקע אינדזל" (1895) האָט זשול ווערן פאָרויסגעזאָגט, אז ס'וועט זייַן די טעלעוויזיע, פאָטאָטעלעגראפיע און קינעמאטאָגראפיע. און אין „80 טויזנט קילאָמעטער אונטערן וואסער" (1870) האָט ער פאָרויסגעזאָגט, וויִאזוי עס וועט אויסזען די קאָנסטרוקציע פון אן אונטערוואסער־שיף.

ווענדנדיק זיך צו דעם העלד פון זייַן ווערק, האָט זשול ווערן געשריבן: „אָט זייַנען, הער אראָנאקס, די צייכענונגען פון דער שיף, אף וועלכער איר געפינט זיך. דאָס איז אן אויסגעצויגענער אין דער לענג צילינדער. זייַן פאָרם איז ענלעך אף א ציגאר. אָט די פאָרם, האלט מען אין אויסלאנד, איז אמערסטן צוגעפאסט פאר אזוינע קאָנסטרוקציעס... „נאוטילוס" געפינט זיך אף דער אויבערפלאך פונעם וואסער, ער הייבט זיך אוף איבערן וואסער נאָר אף א צענטכיילעך. קעדיי מע זאָל אים קענען אראָפּלאָזן אינגאנצן אין וואסער, געפינען זיך אין זייַן אונטערשטן טייל רעזערוווארן. ווי נאָר מע עפנט זיי אוף, אזוי ווערן זיי אָנגעפילט מיט וואסער, און די שיף לאָזט זיך אינגאנצן אראָפּ אין וואסער..."

ס'איז אינטערעסאנט, וואָס זשול ווערן האָט באזאָרגט זייַן אונטערוואסער־שיף „נאוטילוס" מיט נאטריי־באטארייעס. ניט לאנג צוריק איז פארווירקלעכט געוואָרן אויך די דאָזיקע פאָרויסזאָגונג. אין איינער פון די אמעריקאנער לאבאָראטאָריעס איז קאָנסטרויִרט געוואָרן אן עלעקטראָכימישער רעאקטאָר פון קעגנזייַטיקער ווירקונג צווישן ריינעם נאטריי און דיסטילירטער וואסער. מיט אזעלכע רעאקטאָרן מיינט מען אין דער ערשטער ריי באזאָרגן די שיפן.

מיר שרייַבן די דאָזיקע שורעס אין א צייַט, ווען די אינטערפלאנעטארע שיפן האָבן געבראכט אף דער אויבערפלאך פון דער לעוואָנע דעם לונאָכאָד. פאָרויסזאָגונגען וועגן אָט דער גרעסטער דערגרייכונג פון דער מענטשהייַט געפינען מיר אין די ווערק פונעם גרונטלייגער פון צווישנפלאנעטן־קאָמוניקאציעס קאָנסטאנטין עדוארדאָוויטש ציאָלקאָווסקי. אין זייַן פאנטאסטישער דערציילונג „אויסער דער ערד" (1911) האָט ציאָלקאָווסקי געשריבן: „די מענטשהייַט וועט אייביק ניט בלייַבן אף דער ערד, נאָר אינעם געיעג נאָך ליכט און רוים וועט מען אין אָנהייב ניט דרייסט ארייַנדרינגען אויסער דעם גוואול פון דער אטמאָספער, און שפּעטער באקעמפן דעם גאנצן רוים ארום דער זון...".

אין אועלס' בוך „אין טהאָם" (1897) ווערט צום ערשטן מאָל ארויסגעזאָגט דער געדאנק וועגן באטיספערע (א שטאָלענע קאמערע פאר אויספאָרשונגען אף א גרויסער טיף אין יאמען און אָקעאנען, וועלכע ווערט אראָפּגעלאָזן פון א שיף אף א שטאָלענעם טראָס).

בא הייַנטיקן טאָג איז דער צאָפנדיקער יאם־וועג א שטענדיק־קורסירנדיקע טראנספּאָרט־מאגיסטראל פון אונדזער לאנד. „מיר וועלן אינגיכן איבערפליִען די אייַז־קאָנטינענטן פון די פּאָליארע לענדער", — האָט געשריבן דער רעוואָליוציאָנער און געלערנטער נ. מאָראָזאָוו אין 1910 אין זייַן ארטיקל „א גרוס די וועקגעפלויגענע", וואָס איז געווען געדרוקט אין די „אָוונטיקע בירזשע־ביולעטענען".

אין די דרייַסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט האָט דער פּאָליארער פליִער מ. וואָדאָפּיאנאָוו, טרוימענדיק וועגן וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע פּאָליארע סטאנציעס, געשריבן אין זייַן בוך „דער טרוים פון א פּילאָט": „איך בין זיכער, אז אפילע אזא גראנדיִעזע אופגאבע, ווי באהערשן דעם צאָפן־פּאָליוס, וועט אין דער סאמע נאָענטסטער צייַט ווערן איינע פון די אקטועלע אופגאבן פונעם סאָוועטנפארבאנד".

טרויִמענדיק וועגן צוקינפטיקן קינעמאטאָגראף, האָט דער שרייַבער לעאָניד אנדרייעוו געשריבן אין זייַן ארטיקל „בריוו וועגן טעאטער" (1913): „די מעכטיקע טעכניק האָט ליקווידירט די וויבראציע, פארגרעסערנדיק די פילבארקייַט פון די פּליאָנקעס, צוגעגעבן די געגנשטאנדן זייער נאטירלעכע באפארבונג און אופגעשטעלט זייער עמעסע פּערספּעקטיוו".

מע קען נאָך צוגעבן, וויִאזוי עס זייַנען פאָרויסגעזען געוואָרן דאָס אָנפירן מיט מעכאניזמען מיט דער הילף פון ביִאָטאָקן פונעם מארך, דאָס כירורגישע איבערזעצן קאָמפּליצירטע מענטשלעכע אָרגאנען (א. בעליַיעוו „דער קאָפּ פונעם פּראָפעסאָר דאָועל", 1925 — 1930), קיבערנעטיק (וו. נעמצאָוו „די גאָלדענע דעק", 1948) און אנדערע וווּנדער פון דער הייַנטצייַטיקער טעכניק און קולטור.

י. גינעווסקי

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו

ווייניק־באַוווסטע
פאָטאָגראַפיעס פון אײַזיק
פלאַטנער

מיטן דיכטער הירש רעלעס. 1960.

אײַזיק פלאַטנער. 1958.

מיט זײַן לעבנס־באַגלייטערן. 1958.

אײַזיק פלאַטנער (דער דריטער פון רעכטס) צווישן ווײַסרוסישע שרײַבער.

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

דעם 5 מײַ 1863, מיט 110 יאָר צוריק, איז אין שטעטל נאָוואָרע־דאָק (נאָוואָגרודאָק), ווײַסרוסלאַנד, געבוירן געוואָרן דער יידישער פילאָלאָג אלעקסאַנדער האַרקאַווי.

אין זײַן ווערק „שפת יהודית" („דאָס יידישע לאָשן") האָט א. האַרקאַווי, דורכפירנדיק א פאַר־גלײַך צווישן יידיש און אנדערע שפּראַכן, וויסנשאַפטלעך דערוויזן, אז יידיש אלס לאָשן שטייט אף פונקט אזא ניוואָ, ווי אנדערע קולטורעלע שפּראַכן. „שפת יהו־דית" איז אין אָנהייב פון הײַנ־טיקן יאָרהונדערט ארויס אין א בוכפאָרם אין ניו־יאָרק.

א. האַרקאַווי איז דער אווטאָר פון א גרויסער צאָל ענגלישע לערנביכער און פון ווערטערביכער אין יידיש, העברעיִש, רוסיש און פויליש.

א באַזונדערע ווערט האָבן האַר־קאַוויס ווערטערביכער „די יידיש־דײַטשישע שפּראַך", „ענגליש־יידיש ווערטערבוך", „יידיש־ענ־גליש ווערטערבוך". זײַן לעבנס־ווערק איז געווען „דאָס יידיש־העברעיִש־ענגליש ווערטערבוך", דערשינען אין ווין אין 1924.

האַרקאַווי איז געווען דער ער־שטער, וואָס האָט געעפנט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם וועג פאַר דער פאָנעטישער אָר־טאָגראַפיע (אין זײַן צײַטונג „פּראָגרעס").

אלעקסאַנדער האַרקאַווי איז גע־שטאָרבן דעם 2 נאָיאַבער 1939 אין ניו־יאָרק.

הײַנטיקן כוידעש, דעם 17 מײַ, ווערט 100 יאָר, זינט אין דער פּאַריזשער פאָרשטאָט אַניער איז געבוירן געוואָרן דער פראַנצויזי־שער שרײַבער אַנרי באַרביס.

זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט האָט א. באַרביס אָנגעהויבן אין די 90־ער יאָרן אלס א דיכטער. אַן אָנטיילנעמער אין דער ער־שטער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מילכאָמע, האָט ער אין 1916 ארויסגעלאָזט דעם ראָמאַן „פײַער", אין וועלכן עס ווערט דערציילט וועגן די אומזיניקע ליידן פון די סאָלדאַטן אפן פראָנט. „א שרעקלעך און פריידיק בוך", האָט מאַקסים גאָרקי אָנגערופן דאָס ווערק „פײַער", וואָס באַ־ווײַזט, אז מאכן א סאָף צו די מילכאָמעס קאָן מען נאָר דורך פאַרניכטן דעם אימפּעריאַליזם, דורך אויסקערעווען דאָס געווער קעגן די שולדיקע אין דער אימ־פּעריאַליסטישער שכיטע.

אין זײַן צווייטן ראָמאַן „קלאָר־קײַט" (1919) דערציילט באַרביס וועגן דעם גורל פונעם פּאַשעטן פאָלקסמענטש סימאָן פּאָלען. דורכ־געגאַנגען דורך אלע מילכאָמע־שוידערן, איז ער געוואָרן א רע־וואָליוציאָנער.

א. באַרביס האָט הייס באַגריסט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אין 1919 איז ארויס זײַן בוך „די שײַן פון טהאָם", אין 1920 — „דאָס וואָרט פונעם שלאַכטמאַן", וואָס רופט אַראָפּצוּוואַרפן די קאַפּיטאַ־ליסטישע אָרדענונג. אין 1925 איז

דערשינען זײַן ראָמאַן „רינגען", אין וועלכן עס ווערט געשילדערט די וועלט־געשיכטע ווי א קעסײ־דערדיקע קייט פון ליידן פון די פאָלקסמאַסן און פון זייער קאַמף פאַר פרײַהײַט און גליק. אינעם בוך „טאַליאַנים" (1926) דערציילט באַרביס וועגן די אכזאָריעסן פון די רומענישע און בולגאַרישע פאַשיסטן.

אַנרי באַרביס איז געשטאָרבן דעם 30 אויגוסט 1935 אין מאָס־קווע.

מיט 70 יאָר צוריק, דעם 15 מײַ 1903, איז אין כינגאַן (הײַנט — כינגאַנסק), כאַבאַראָווסקער קאַנט, געבוירן געוואָרן דער רוסישער סאָוועטישער דיכטער יוסעף אוט־קין.

י. אוטקין האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1922. א גרויסן ליטע־ראַרישן דערפאָלג האָט געהאַט זײַן פּאָעמע „די דערציילונג וועגן דעם געלן מאָטעלע" (1925), אין וועל־כער עס ווערט באַוויזן, וויאַזוי די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט פּראָ־דוקטיוויזירט דאָס לעבן פון די שטעטלדיקע יידן. אין 1927 איז דערשינען אוטקינס לידער־זאַמ־לונג „דאָס ערשטע בוך לידער".

אינעם בוך „ליריק" (1931) זײַנען אַרײַן די אויסדערווײלטע ווערק זײַנע. אויטקין האָט באַהערשט די קונסט פון פאַרייניקן רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס מיט געמיטלעכער לירישקײַט, און די דאָזיקע אייגנשאַפט פון זײַן טאַלאַנט האָט אים געמאַכט פאַר איינעם פון די פּאָפּולערסטע דיכטער אין יענע יאָרן.

אין 1941 איז י. אויטקין פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט און איז אינגיכן פאַרוווּנדעט געוואָרן. אַרויס פון שפּיטאָל, איז ער געוואָרן א מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט. זײַן ליריק פון די מיל־

כאָמע־יאָרן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עכטן פּאַטריאָטיזם און אומקאָמפּראָמיסלעכן אַנטיפאַשיזם.

אין 1944 איז דערשינען אויטקינס לעצטע פּאָעטישע זאַמלונג „וועגן היימלאַנד. וועגן פרײַנטשאַפט. וועגן ליבע". עס איז פאַרבליבן ניט פאַרענדיקט זײַנס א פּראָזאַיש ווערק „די דערציילונג פונעם מאַיאָר טרוכליאָוו".

דעם 13 נאָיאַבער 1944 איז י. אויטקין, אומקערנדיק זיך פון פראָנט, אומגעקומען אין אַן אוויאַציע־קאַטאַסטראָפע הינטער מאָסקווע.

לאָמיר זינגען נײַע לידער

א טאָג פון אָפענע הערצער

ווערטער פון אַרן ווערגעליס

מוזיק פון ריווע באָיאַרסקאַיאַ





איך מעלדע א טאָג פון אָפענע הערצער.
ווער עס וויל, זאָל ארײַנגיין אהערצו,
אהער אין דעם הארץ, אין דער סאמע נעשאָמע,
ארײַן אף א רעגע, אָדער אף טאָמיד.
א גוטער מענטש וועט אף לאנג דאָרט פארבלײַבן,
דאָס הארץ אליין וועט א שלעכטן פארטרײַבן.

גיי איך ארום איבער פעלדער און וועלדער
ניט קיין פארשטעלטער, ניט קיין פארשטעלטער.
איך קום צו די פרײַנט מײַנע ניט קיין געהיימער,
כ׳רעד מיט זיי אָפן אין גאס, אין די היימען,
כ׳רעד אף די וועגן און רעד בא א שיידוועג:
מענטשן! אָן אײַך איז דאָס הארץ מײַנס ליידיק.
מענטשן! כ׳וועל אייביק צו מענטשן שטרעבן.
מענטשן, מענטשן! — כ׳קאָן אָן מענטשן ניט לעבן!

גיי איך אף פלעצער און גיי צו די סקווערן,
שווים איבער יאמען און פלי צו די שטערן —
אומעטום קומען מיר מענטשן אנטקעגן.
„דאָס הארץ דײַנס איז אָפן?" — די מענטשן פרעגן.
„אָפן!" — און ס׳קומען ארײַן אין מײַן הארצן
מענטשן מיט ווײַסער הויט און מיט שווארצער.

גיי איך ארום א געזונטער, פארשײַטער,
כ׳קום צו די ראכוועסן נאָענטע, ווײַטע,
כ׳נעם אף די הענט דאָרט די קליינינקע קינדער,
כ׳גיי מיט די פאסטעכער פאשען רינדער.
דאָרט, אונטער אומבאקאנטע הימלען,
זינגט מען אויך שירים, שפּילט מען אויך הימנען.

יאוועט א מענטש זיך — מע זאָל אים בענטשן, —
זאָג איך: „זאָל לעבן דער מענטש אינעם מענטשן!
זאָל לעבן דער מענטש אינעם מענטשן!"

ט ײַ ע ר ע ל י י ע נ ע ר!

פארגעסט ניט באצײַטנס אויסשרײַבן דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד"

אפן צווייטן האלבן יאָר פון 1973.

לייענט און פארשפרייט דעם זשורנאל!

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Слова и словосочетания:

1) ראָג מ ־ן; 2) באַגלאָזטער; 3) אָס מ (אויסיִעס); 4) האַלבאָשע; 5) צײַג ז ־ן; 6) מאַכשיר מ (מאַכשירים); 7) רײַזע וו ־ס; 8) רײַזע־אַרטיקלען; 9) הויזווירטשאַפטלעכע סכוירעס; 10) הויזן; 11) טומלדיק; 12) ריי וו ־ען; 13) אײַנפירן; 14) זעלבסטבאַדינונג וו; 15) פאַרלײַכטערן; 16) באַקוועם.

Их перевод:

1) угол; 2) остеклённый; 3) буква; 4) одежда; 5) ткань; 6) прибор; 7) путешествие; 8) туристские принадлежности; 9) хозяйственные товары; 10) брюки; 11) шумно; 12) очередь; 13) ввести; 14) самообслуживание; 15) облегчить; 16) удобно.

Упражнения.

1) Образуйте имена прилагательные по данным образцам:

а) צוויי שטאָק — צווייִשטאָקיקער; זעקס יאָר — ?; פיר בענד (четыре тома) — ?; דרײַ מאָל — ?; זיבן שאָ — ?; צען מינוט — ?.

б) פיר וואָכן — פירוואָכיקער; דרײַ זײַטן — ?; פיל אויגן — ?; צוויי טראַפּן (два слога) — ?.

в) פיר צימערן — פירצימערדיקער; זעקס ווינקלען — ?; דרײַ כאָדאָשים — ?; אכט בלעטער — ?.

2) Образуйте имена прилагательные, указывающие на материал, из которого сделан предмет, — по образцам:

а) וואָל (шерсть) — וואָלענער; לײַן (лён) — ?; בלײַ (свинец) — ?; צין (олово) — ?; ווייץ — ?; שטרוי (солома) — ?; פּאַפּיר — ?; בלעך — ?.

б) רינד — רינדער — רינדערנער; שטיין — שטיינער — ?; גלאָז — גלעזער — ?; קאַלב — קעלבער — ?.

3) Образуйте антонимы (слова с противоположным значением):

לאַנגער — קורצער; אויבן — ?; פינצטערער — ?; אייבערשטער — ?; פאַרקויפן — ?; אַרײַנגיין — ?; אַרײַנגאַנג — ?; רעכטס — ?; הייסער — ?.

4) Исправьте вкравшуюся ошибку: в № 1(1973) на стр. 192, среди упражнений, два примера из пункта **б** перемещены в пункт **в**. Какие именно?

Уясните себе содержание следующих пословиц:

טעקסט נומער 8.

1) אַז ס'איז דאָ ברויט איז שטוב, זײַנען אַלע זאַט. 2) פון ברויט און קרויט ווערן די באַקן רויט. 3) פון אַלע מילכיקע מײַכאָלים איז דאָס בעסטע אַ שטיקל פלייש. 4) צו הערינג באַדאַרף מען ניט קיין זאַלץ און צו גריוון — קיין שמאַלץ. 5) כריין איז גוט פאַר די ציין און יויך פאַרן בויך. 6) צו באָרשטש דאַרף מען ניט האָבן קיין ציין. 7) אַז ס'איז ניטאָ קיין פיש, איז הערינג אויך פיש. 8) אַז מע נעמט אַראָפּ די סמעטענע, בלײַבט די זויערמילך. 9) אַז אַן אָרעמאַן עסט אַ הון, איז קראַנק אָדער ער, אָדער די הון. 10) געפּרעגלט איז האָניק איז רעטעך אויך אַ מײַכל. 11) דער ערשטער קוילעטש איז טאָמיד מיט אַ כיסאָרן. 12) ערשט פונעם דריטן בייגל ווערט מען זאַט. 13) בעסער צו עסן הינערשע יויך מיט הילצערנע לעפל, איידער קרופּניק מיט זילבערנע לעפל. 14) פאַר אַ הונגעריק בײַכל איז קירבעס אויך אַ מײַכל. 15) ציבעלע מיט קנאָבל זײַנען לײַבלעכע ברידער. 16) אַ מאָגן איז ווי אַ וואָגן: וואָס מע זאָל ניט אַרײַנלייגן, מוז ער פאַרטראָגן. 17) בעסער טראָגן די וואָכעדיקע קליידער אום יאָמטעוו איידער די יאָמטעוודיקע קליידער אינדערוואָכן. 18) אַ שקאַרפּעטקע איז קיין בעגעד ניט. 19) קליידער מאַכן לײַט און לײַט מאַכן קליידער. 20) צווישן אַלע שוסטערס איז דער בעסטער שנײַדער יאָסל דער סטאָליער: ער מאַכט אַ היטל, ליגט עס אויפן קאָפּ, ווי אַ הענטשקע.

Слова и словосочетания:

1) מײַכל ז (מײַכאָלים); 2) גריוון וו ־ן; 3) יויך וו ־ן; 4) אַראָפּנעמען (איך האָב אַראָפּגענומען); 5) זויערמילך; 6) קוילעטש מ ־ן; 7) טאָמיד; 8) כיסאָרן מ (כעסרוינעס); 9) ערשט; 10) בויך מ (בײַכער); 11) קירבעס מ; 12) מאָגן מ ־ס; 13) לײַבלעכער; 14) וואָגן מ (וועגנס,

וועגענער); 15) פארטראָגן (איך האָב פארטראָגן); 16) וואָכעדיקער; 17) יאָמטעוודיקער; 18) בעגעד ־ם (בגאָדים); 19) לײַט; 20) מאכן פאר א לײַט; 21) הענטשקע.

Их перевод:

1) блюдо, пища, еда; 2) шкварка; 3) бульон; 4) снять; 5) простокваша; 6) калач; 7) всегда; 8) недостаток; 9) лишь; 10) живот; 11) тыква; 12) кровный, родной; 13) желудок; 14) воз; 15) вынести, стерпеть; 16) будничный; (об одежде) носильный; 17) праздничный, нарядный; 18) одежда, предмет одежды; 19) люди; 20) сделать человеком; *здесь*: придавать приличный вид; 21) перчатка, рукавица.

Упражнения.

1) Сравните предложения:

а) אז ס׳איז דאָ ברויט, זײַנען אלע זאַט.

б) דאָ איז ליכטיק, און דאָרט איז פינצטער.

Одинаково ли переводится в них слово דאָ? в каком предложении оно имеет самостоятельное значение и в каком оно получает значение лишь в сочетании с другим словом? с каким именно? в каком предложении оно является наречием и в каком — частью составного сказуемого? какого именно?

2) Обратите внимание на два простых предложения, соединенных союзом און, — в пословице 19. В каком из них слово לײַט имеет самостоятельное значение и какое именно? в каком оно получает свое значение лишь в сочетании с другим словом? с каким именно? входит ли в состав пословицы перифрастический глагол? какой именно?

3) Найдите пары антонимов в пословице 17 и в пословицах 12, 14. Назовите антоним к слову מילכיקער.

4) Выпишите из всех пословиц слова с буквой ה. Произносите ли вы звук h, обозначаемый этой буквой? Если нет, впишите эти слова в свой словарик, запомните их правописание.

5) Выпишите из всех пословиц: а) продовольственные продукты, относящиеся к растительной пище, б) — к животной.

6) Пословицы 7 и 11 переведите соответствующими русскими пословицами.

Прочтите и устно переведите отрывок из произведения Шолом-Алейхема «Мальчик Мотл»:

טעקסט נומער 9.

אז דער זומער הייבט זיך אָן און דיביימער הייבן אָן צו בליִען, זיך באדעקן מיט ווײַסע פעדערלעך, קאָנט איר האָפן, אז — ניט הײַנט איז מאָרגן — וועלן זיך באווײַזן אין די קורצע שטעכלדיקעביימעלעך גרינע אגרעסן... איר וועט זאָגן, זיי זײַנען זויער? עס ווערט פון זיי הײַליק די ציין? נו, וואָס זשע איז? א זויערס קוויקט דאָס הארץ, און צו הײַליקע ציין איז דאָ א סגולע — זאלץ: מע שיט ארוף זאלץ אַף די ציין און מע האלט אָפן דאָס מויל קעגן א האלבע שאָ, קאָן מען נאָכדעם עסן ווידעראמאָל די זעלבע אגרעסן. נאָך די אגרעסן קומען אוף די ווײַמפערלעך, ווײַסינקע, מיט שווארצע פיסקעלעך, מיט געלע קערעלעך, און צענדליקער־צענדליקער אַף איין צווײַגעלע. איין צווײַגעלע אז איר פירט דורך צווישן די ליפן, באקומט איר א פול מויל מיט ווײַמפערלעך, ווײַניקע, שמעקנדיקע, מעכײַע נעפאָשעס! אז זיי קומען אוף, קויפט מיר די מאמע פאר א גראָשן א קווערטעלע ווײַמפערלעך... — עס איך זיי מיט ברויט... איר וועט מיר גלייבן? אז איך רעד פון גרינע אגרעסן מיט רויטע ווײַמפערלעך, ווערט מיר שוין הײַליק די ציין. לאָמיר בעסער רעדן פון ווײַנשל. ווײַנשל ווערן גיך פאר־טיק... ווײַנשל פלעגט מיר אויך די מאמע ברענגען... אָבער וויפל ווײַנשל? פינף שטיק אַף א פאָדעם. וואָס טוט מען מיט פינף ווײַנשל? מע שפילט זיך מיט זיי אזוי לאנג, ביז מע ווייסט ניט, ווו זיי זײַנען אהינגעקומען...

(Слова и их перевод — в следующем номере)

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай.**

Ответственный секретарь И. Чичельницкий.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Подписано к печати 10/IV 1973 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 164.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
Комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 5

1973

В НОМЕРЕ:

Любовь Бершадская. Придуманная родина.

Стихи А. Вергелиса, Р. Балясной, П. Киричанского, И. Харика.

Рассказы М. Лева, Л. Вассерман, Я. Рубияна, И. Бурга.

Воспоминания о Бабеле.

Я. Брик. Современник И. Мечникова (очерк).

И. Серебряный. Из писательского блокнота.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Ременик. Шолом-Алейхем и русская литература.

М. Шапиро. О некоторых нормативных вопросах еврейского языка.

Краткие рецензии. Обзор печати. Наши сообщения. Хроника. Заметки на календаре.

Беседы о еврейском языке.